STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03892

MABL

Henryk Sienkiewicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הענריק שענקעוויטש

מבול

(צווייטער טייל פון דער טרילאָגיע)

יידיש: משה בליישטיפט

פאַרלאַג ח. בזשאָזאַ

וואַרשע, 1927

הילע געצייכנט י. טיקאָטשינסקי

גערדוקט ביי י. הענדלער, ווארשע, דלוגע 26

P O T O P

HENRYKA SIENKIEWICZA

WYDAWNICTWO CH BRZOZA

Warszawa, Leszno № 27.

Druk. I. Hendlera, Warszawa, Długa 26.

דריטער טייל

1. קאַפּיטל.

דער געטרייער סאַראַקאַ האָט געפירט זיין פּולקאָווניק דורך טיפע וועלדער, אַליין נישט וויסנדיק וווהין פאָרן, וואָס טון, ווי זיך קערן און ווענדן.

קמיטשיץ איז נישט בלויז געווען פאַרווונדעט, נאָר אויך פאַרטויבט פון שאָס. סאַראַקאַ האָט פון צייט צו צייט גענעצט די שמאַטע אין עמער, וואָס איז געהאָנגען באַם פערד, און האָט אים אַרומגעוואַשן דאָס פנים; ווײַלנווייז האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ די שטראָמען און טייכן פון וואַלד, כדי אָנצושעפּן פריש וואַסער, אָבער סיי דאָס וואַסער, סיי די רו, סיי די באַוועגונג פון פערד האָבן נישט באַוויזן אויפצוקערן דעם הער אַנדזשעי דאָס באַוווסטזיין — און ער איז געלעגן, ווי אַ בר-מינן, אַז די זעלנער, וואָס זענען מיטגעפאָרן, און זענען אויף ווונדן נישט געווען אַזעלכע מבינים, ווי סאַראַקאַ, האָבן אַזש גענומען דאגהן, צי ער לעבט.

— ער לעבט — האָט סאַראַקאַ געענטפערט — אין דריי

טעג אַרום וועט ער זיצן אויפן פערד פונקט ווי יעדער פון אונדז.

מיט אַ שעה שפּעטער האָט קמיטשיק טאַקע געעפנט די אויגן און פון זיין מויל איז אַרויס גאָר דאָס איינע וואָרט:

— טרינקען!

סאָראָקאַ האָט אַ בלעכערנע כּלי מיט ריין וואַסער צוגעדוקט האַרט צו זיינע ליפּן, ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס אויפמאַכן דאָס מויל פאַרשאַפט דעם הער אַנדזשעי אומדערטרעגלעכע יסורים — און ער האָט נישט געקענט טרינקען, אָבער דאָס באַוווסטזיין האָט ער שוין נישט פאַרלוירן; דאָך האָט ער וועגן קיין שום זאַך נישט געפרעגט, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געדענקט; אויגן האָט ער געהאַט ברייט אויפגעמאַכטע און ער האָט געקוקט, ווי אַ גולם, אויף די וואַלד־טיפּעניש, אויף די שטיקער פון בלויען הימל, וואָס מ'האָט איבער די קעפּ פון צווישן דעם געדיכטעניש אַרויסגעזען, און אויף זיינע חב־ים; ער האָט געקוקט, ווי אַ מענטש, וואָס כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, אָדער וואָס ניכטערט זיך אויס פון שיכּרות. און נישט רעדנדיק קיין וואָרט האָט ער זיך געלאָזט פון סאָראָקאַן די וווּנדן באַנדאַזשירן, האָט נישט געקרעכצט באַם אויפבינדן די באַנדאַזשן, אדרבא, עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס קאַלטע וואַסער, מיט וועלכן דער וואַכמייסטער האָט די וווּנד אַרומגעוואַשן, האָט באַ אים אַרויסגערופן אַן אַנגענעם געפיל, ווייל ער האָט צייטנווייז געשמייכלט מיט די אויגן.

און סאָראָקאַ האָט אים געטרייסט:

— מאָרגן, הער פּולקאָווניק, וועט איר קומען צו זיך. גאָט וועט העלפן און מיר וועלן ניצול ווערן.

פאַרנאַכט האָט קמיטשיק טאַקע אָנגעהויבן צו קומען צו זיך, ווייל האַרט פאַרן זון־אונטערגאַנג האָט ער אַ קוק געטון, מונטערער און מיטאַמאָל געפרעגט:

— וואָס איז עפּעס דאָ אַזאַ גערויש?

— וואָס פאַר אַ גערויש? נישטאָ קיין שום גערויש — האָט סאָראָקאַ געענטפערט.

און עס ווייזט אויס, אַז עס האָט גערוישט בלויז אין הער אַנדזשעיס קאָפּ, ווייל דער אָוונט איז געווען אַ לויטערער. די פאַרבייענדיקע זון, וועלכע איז מיט די שיפּע שטראַלן אין געדיכטעניש אַרײַנגעדרונגען, האָט מיט דער גילדערנער שײַן אָנגעזאַפּט די וואַלד טונקלקייט און מיט איר באַגאָסן די רויטע שטאַמען פון די סאָסנעס. קיין ווינט האָט נישט געבלאָזן — און נאָר דאָ און דאָרט זענען פון די האָזל־ניס־ביימער און בוזשאָזעס אַראָפּגעפאַלן בלעטער אויף דער ערד, אָדער אַן איבערגעשראָקענע חיה האָט אַרויסגערופן אַ לייכטן שאָרך, אַנטלויפנדיק פאַר די רייטער אין דער טיפעניש פון וואַלד.

דער אָוונט איז געווען אַ קילער, פונדעסטוועגן האָט דעם הער אַנדזשעי אַפּנים די היץ אָנגעכאַפּט, ווייל ער האָט אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט:

— גנעדיקער הער פירשט! צווישן אונדז איז אויף טויט און אויף לעבן!

צום סוף איז אינגאַנצן פינסטער געוואָרן און סאַראָקאַ האָט שוין געטראַכט וועגן אַ נאַכטלעגער, אָבער היות זיי זענען אַרײַן אין אַ פּייכטן וואַלד און די בלאָטע האָט גענומען פליעסקן אונטער די קאָפּיטעס, זענען זיי געפאָרן ווייטער, כדי זיך צו דערקלייבן צו די הייכן און טרוקענע טיילן פון וואַלד.

זיי זענען געפאָרן אַ שעה און צוויי, נישט קענענדיק זיך אַרויסרײַסן פון זומפּ, דערווייל איז ווידער געוואָרן ליכטיקער, ווייל עס איז אויפגעגאַנגען אַ פולע לבנה. מיטאַמאָל איז סאַראָקאַ, וועלכער איז געריטן פון פאָרנט, אַראָפּגעשפרונגען פון זאָטל און גענומען גוט באַטראַכטן דעם וואַלד־באָדן.

— פערד זענען דאָ־אַרום געגאַנגען — האָט ער געזאָגט — עס זענען קענטיק שפּורן אויף דער בלאָטע.

— ווער האָט דאָ־אַרום געקענט דורכפאָרן, אַז דאָ איז קיין שום וועג נישטאָ? — האָט געזאָגט איינער פון די זעלנער, וואָס האָט אונטערגעהאַלטן דעם הער אַנדזשעי.

— אָבער שפּורן זענען פאַרהאַן — און דאָס פון אַ גאַנצער

קופּע! אָט דאָרט, צווישן די סאָסנעס, זעט מען זיי קלאָר ווי אויף דער האַנט.

— אפשר זענען בהמות געגאַנגען.

— עס קען נישט זיין. ס׳איז נישט קיין צייט פון וואַלד־פּאַשע, מ׳זעט דייטלעך קאָפּיטעס, עס האָבן בכן געמוזט מענטשן דאָ־אַרום דורכפאָרן. ס׳וואָלט גוט געווען כאָטש אַ בודע פון אַ וואַלד־שומר צו געפינען.

— אויב אַזוי לאָמיר פאָרן לויט די שפּורן.

— פאָרט!

סאַראַקאַ איז ווידער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די שפּורן פון די קאָפּיטעס אין טאָרפּיקן באָדן זענען כסדר געווען דייטלעכע, און אויף וויפיל מ׳האָט בא דער שיין פון דער לבנה געקענט אַרויסדריגגען, זענען מאַנכע געווען נאָך גאָר פרישע. פונדעסטוועגן זענען די פערד געזונקען ביז צו די קני און העכער. די זעלנער האָבן שוין מורא געהאַט, צי זיי וועלן באַוויזן זיך דורכצושלעפּן, צי עס וועלן זיך נאָך טיפערע זומפּן נישט אַנטפּלעקן פאַר זיי, אָבער אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך צו זייערע נאָז־לעכער דערטראָגן אַ ריח פון רויך און זשיוויצע.

— אַ כמאָלע־זידעריי מוז דאָ זיין! — האָט סאַראַקאַ געזאָגט.

— אָ, אָט דאָרט זעט מען פונקען! — האָט אַ זעלנער זיך אָנגערופן.

אין באמת, פון דערווייטנס האָט זיך באַוויזן אַ פאַס פון רויטלעכן, מיט פלאַמען דורכגעזעטיקטן רויך, אַרום וועלכן ס׳האָבן געשפּרונגען פונקען פון פייער, וואָס האָט געטליעט אונטער דער ערד.

צוקומענדיק בענטער האָבן די זעלנער דערזען אַ כאַטע, אַ ברונעם און אַ גרויסע שאָפּע, צונויפגעקלאַפּט פון סאָסנאָווע בעלקעס. די פון וועג פאַרמאַטערטע פערד האָבן גענומען הירזשען. — אַ הירזשעריי פון אַ סך פערד האָט זיי אָפּגעענטפערט פון הינטער דער שאָפּע, און גלייכצייטיק האָט זיך פאַר די רייטער געשטעלט

עפעס אַ געשטאַלט, וואָס איז געווען אָנגעטון אין אַ פעלץ, איבערגעקערט מיט דער וואָל פון אויבן.

— וויפיל פערד? — האָט דער מענטש אין פעלץ געפרעגט.

— פויער! — וועמענס סמאָליע-זידעריי איז דאָס? — האָט סאָראָקאָ געפרעגט.

— ווער זענט איר? פון וואַנען האָט איר זיך דאָ גענומען? — האָט ווידער געפרעגט דער סמאָליע-זידער מיט אַ שטים אין וועלכער ס'האָט זיך געשפּירט פּחד און פאַרוואונדערונג.

— האָב נישט קיין מורא! — האָט סאָראָקאָ געענטפערט — מיר זענען נישט קיין רוצחים!

— פאָרט זיך אין אייער וועג, איר האָט דאָ נישט וואָס צו טון!

— מאַך-צו דעם פּיסק און פיר אַריין אין דער כאַטע, כּל-זמן מיר בעטן. זעסטו דען נישט, כאָם אייגער, אַז מיר פירן אַ פאַרווונדעטן?

— ווער זענט איר?

— היט זיך, אַז איך זאָל דיר פון דער ביקס נישט ענט-פערן. בעסערע פון דיר, פויערן-יונג! פיר אַריין אין די כאַטע, אַנישט וועלן מיר דיך אין דער אייגענער סמאָליע אָפּ-קאָכן.

— אייגער אַליין וועל איך אייך נישט בייקומען, אָבער עס וועלן צו מיר צוקומען נאָך מענטשן: די קעפּ וועט איר דאָ פּטור ווערן!

— אויך צו אונדז וועלן נאָך מענטשן צוקומען, פיר אַריין!

— טאָ קומט, נישט מיין עסק.

— וואָס דו האָסט צו געבן עסן, גיב — אויך בראָנפן. מיר פירן אַ האר, וואָס וועט באַצאָלן.

— ער זאָל נאָר פונדאַנען אַ לעבעדיקער אַרויספאָרן.

אַזוי שמועסנדיק זענען זיי אַריין אין דער כאַטע, אין וועלכער ס'האָט אויפן אויוון געברענט אַ פייער, און פון די טעפּ,

וואָס זענען אויף אים געשטאַנען האָט זיך פֿאַנאַנדערגעטראָגן אַ ריח פֿון געדעמפּטן פֿלייש. די שטוב איז געווען גענוג בריוחדיק. סאָראָקאַ האָט תיכף באַם אַריינקומען באַמערקט, אַז באַ די ווענט זענען געשטאַנען זעקס טאַפּטשאַנעס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט שעפּסענע פעלן.

— דאָ מוז עפּעס אַ קאָמפּאַניע וווינען — האָט ער אַ ברום געטון צו די חברים — אָנלאָדעוען די ביקסן און אָפּן האַלטן די אויגן! דעמדאָזיקן כאָם היטן, אַז ער זאָל נישט אַנטקומען. זאָל די קאָמפּאַניע היינטיקע נאַכט שלאָפן אויפן הויף, ווייל מיר וועלן פון דער שטוב נישט אָפּטרעטן.

— די האַרן וועלן היינט נישט קומען — האָט דער סמאָלע-זידער געזאָגט.

— איז אוודאי גוט, וועלן מיר זיך וועגן דער דירה נישט אַמפּערן, און מאָרגן וועלן מיר זיך אַוועקפאָרן — האָט סאָראָקאַ געענטפערט — דערווייל לייג אַרויס דאָס פלייש אויף די שיסל, ווייל מיר זענען הונגעריק, און די פערד זאָלסטו קיין האָבער נישט שפּאָרן.

— און פונוואַנען וועט מען דאָ נעמען האָבער באַ אַ סמאָלע-זידעריי, וויל-געבוירענער האַר זעלנער?

— מיר האָבן געהערט פערד הירזשען פון דער שאָפּע. מוז אויך האָבער זיין; מיט סמאָלע פאַשעסטו זיי נישט.

— דאָס זענען נישט מיינע פערד.

— דיינע, צי נישט דיינע, עסן מוזן זיי, פּונקט ווי אונדזערע. גיכער, פויער! גיכער! אויב דאָס לעבן איז דיר טייער!

דער סמאָלע-זידער האָט גאָרנישט געענטפערט. און בינו-לבינו האָבן די זעלנער דעם שלאָפנדיקן הער אַנדזשעי אויפן טאַפּטשאַן אַוועקגעלייגט — דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט צום נאַכט-עסן און גיריק געגעסן דאָס געדעמפּטע פלייש מיטן צימעס, וואָס זיי האָבן געפונען אין אַ גרויסן קעסל אויפן אויוון. עס איז אויך געווען אַ הירזשן-גריץ, און אין דער קאַמער באַ דער שטוב האָט סאָראָקאַ געפונען אַ שפּאָרע פלאַש בראָנפן.

ער האָט אָבער אַליין זיך נאָר דעם גומען באַנעצט און

יעלנער אויך נישט געלאָזט טרינקען, ווייל ער האָט באַשלאָסן די גאַנצע נאַכט גוט אַכטונג צו געבן. דידאָזיקע אויסגעליידיקטע כאַטע מיט די טאַפּטשאַנעס אויף זעקס מענער אינמיטן דער שאָפּע, אין וועלכער ס'האָט געכראָפּעט אַ סטאַדע פערד, איז אים אויסגעקומען משוגעהדיק און פאַרדעכטיק. ער האָט פּשוט אָנגענומען, אַז דאָס איז אַ באַהעלטעניש פון גזלנים, בפרט, אַז אין דער זעלבער קאַמער, פון וועלכער ער האָט די פלאַש אַרויסגעטראָגן, האָט ער אַנטדעקט אַ שפּאַר ביסל כלי-זיין, וואָס איז געהאָנגען אויף די ווענט, און אַ פּאָס פּלווער, און אויך פאַרשידענע חפצים, וואָס זענען צפּנים אין די פריצישע הויפן צוגעראַבעוועט געוואָרן. אויפן פאַל, ווען די אַפּוועזנדיקע איינוווינער פון דערדאָזיקער כאַטע וואָלטן צוריקגעקערט וואָלט מען פון זיי נישט געקענט דערוואַרטן נישט בלויז קיין גאַסט-פריינדשאַפט, נאָר אויך נישט קיין רחמנות, סאָראָקאַ האָט דעריבער באַשלאָסן צו פאַרנעמען די כאַטע מיט אַ באַוואָפנטער האַנט און אין איר צו בלייבן מיט געוואַלט אָדער דורך אונטערהאַנדלונגען.

דאָס איז געווען נויטיק אויך צוליב קמיטשיצס געזונט, פאַר וועלכן די נסיעה האָט געקענט זיין געפערלעך, און צוליב אַלעמענס זיכערקייט. סאָראָקאַ איז געווען אַ דורכגעטריבענער זעלנער, וועלכן ס'איז פרעמד געווען נאָר איין געפיל, דאָס געפיל פון שרעק. און פינדעסטוועגן, אַז ער האָט זיך איצט דערמאָנט אין פירשט באָגוסלאַוו, איז אים באַפאַלן אַן אימה. דינענדיק שוין זייט לאַנגע יאָרן בײַ קמיטשיצן, האָט ער בלינד געגלויבט נישט בלויז אין דער גבורה, נאָר אויך אין דער הצלחה פון יונגן האַר; ער האָט נישט איינמאָל געזען זיינע מעשים, וואָס האָבן מיט זייער געוואַגטקייט איבערגעשטיגן יעדע מאָס און געגרענעצט כמעט מיט משוגעת, וועלכע האָבן זיך אָבער איינגעגעבן און אַריבער בשלום. ער האָט מיט קמיטשיצן מיטגעמאַכט אַלע „אונטערקומענישן" קעגן כאָוואַנסקין, ער האָט אָנטייל גענומען אין אַלע געשלעגן, אָנפאַלן, פאַרכאַפּונגען און איז געקומען צו דער מסקנא, אַז דער יונגער האַר קען אַלץ, באַוויזט אַלץ, ראַטעוועט זיך אַרויס פון יעדער קלעם און יעדן, וואָס ער וויל, באַגראַבט ער. קמיט-

ש ך ׃יז אַזוי אַרום געווען פאַר אים די פאַרקערפּערונג פון דער גרעסטער מאַכט און גליק — און אָט האָט ער איצט אַפּנים אָנגעטראָפן אויף זיינס גלייכן — נײַן! אַפּנים, אַז הער קמיטשיק האָט אָנגעטראָפן אויף אַ בעסערן פון זיך... היתּכן? איין מאַן, וואָס איז שוין געווען אין קמיטשיצס הענט, אַ פאַרכאַפּטער, אַן אומבאַהאָלפענער, האָט באַוויזן זיך אַרויסצוקריגן פון זיינע הענט, און נאָך מער: צו פאַרווונדן קמיטשיצן גופא, צו צעקלאַפּן זיינע זעלנער און זיי אָנצושרעקן אַזוי, אַז זיי זענען אַנטלאָפן, מורא האָבנדיק, אַז ער זאָל נישט צוריקקערן? דאָס איז געווען אַ חידוש איבער אַלע חידושים און סאָראָקאַ האָט דעם קאָפּ פאַרלוירן, טראַכטנדיק וועגן דעם — ווייל אויף אַלץ האָט ער אויף דער וועלט זיך געריכט, נאָר נישט אויף דעם, אַז עס וועט זיך געפינען עמעצער, וואָס זאָל איבער הער קמיטשיצס קערפּער אַריבערפאָרן.

— שוין-זשע זאָל זיך די הצלחה האָבן אָפּגעקערט פון אונדז! — האָט ער געבּרומט צו זיך אַליין, אַרומקוקנדיק זיך מיט פאַרוווּנדערונג.

און דעריבער, הגם ער פלעגט אַמאָל מיט צוגעמאַכטע אויגן נאָכגיין דעם הער קמיטשיק אין כאַזאַנסקיס קוואַרטירן, וואָס זענען געווען אַרומגערינגלט פון אַן אַכציק-טויזנט-קעפּיקער אַרמיי, איז אים איצט, אַז ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם לאַנגהאָריקן פּירשט מיט די מיידלשע אויגן און ראָזיקן פּנים, אַ פּאַבאַטישער פּחד באַפאַלן, און ער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טון. עס האָט אים געשראָקן דער געדאַנק, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן וועט מען דאַרפן אַראָפּפאָרן אויפן האַרטן טראַקט, אויף וועלכן עס קען זיי באַגעגענען דער שרעקלעכער פּירשט אַליין, אָדער זיינע מענטשן. דעריבער טאַקע איז ער אַראָפּגעפאָרן פון וועג אין די טיפע וועלדער אַריין — און איצט האָט ער שטאַרק געוואָלט פאַרבלייבן אין דערדאָזיקער וואַלד-כאַטע, כּל-זמן די נאָכיאָגער וועלן נישט פאַרלירן די שפּורן און מיד ווערן.

אָבער היות ווי דערדאָזיקער מקום-מקלט איז צוליב אַנדע-

רע טעמים אים אויך נישט אויסגעקומען זיכער, האָט ער געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט צו טון, און צו דעם צוועק געהייסן די זעלבער היטן בײַ דער טיר און פענסטער פון דער כאַטע און אַליין האָט ער געזאָגט צום סמאָלע-זידער:

— נעם, פויער, אַ לאַמטערן און קום מיט מיר.

— כ'וועל דעם וויל-געבױרענעם האַר מיט קין צולייכטן, ווייל קיין לאַמטערן איז נישטאָ.

— טאָ לייכט מיט קין; וועסט פאַרברענען די שאַפּע און די פערד, מיר איז אַלץ איינס!

הערנדיק אַזעלכע דיבורים, האָט דער סמאָלע-זידער באַלד אויסגעפונען אַ לאַמטערן אין דער קאַמער. סאָראָקאָ האָט דעם פויער געהייסן גיין פאָרויס, און אַליין איז ער אים נאָכגעגאַנגען מיט אַ פּיסטאָלעט אין דער האַנט.

— ווער וווינט דאָ אין דערדאָזיקער כאַטע? — האָט ער אויפן וועג געפרעגט.

— הערן וווינען.

— ווי הייסן זיי?

— דאָס טאָר איך נישט אויסזאָגן.

— דאַכט זיך מיר, פויער, אַז דו וועסט באַקומען אין קאָפּ אַריין!

— גנעדיקער האַר — האָט דער סמאָלע-זידער געענטפערט — אַז איך וואָלט אויסגעטראַכט עפּעס אַ נאָמען, וואָלט דער האַר אויך געמוזט זיין צופרידן.

— ריכטיק! און וויפיל זענען זיי דידאָזיקע הערן?

— פאַראַן אַן אַלטער האַר און צוויי יונגע און צוויי דינער.

— וואָס הייסט, שליאַכטשיצעס?

— אוודאי שליאַכטשיצעס.

— און דאָ וווינען זיי!

— אַמאָל דאָ און אַמאָל גאָט ווייסט וווּ!

— און דידאָזיקע פערד פונוואַנען זענען?

— די האָרן ברענגען אַראָפּ, און פונוואַנען, ווייסט גאָט!

— זאָג דעם אמת, גולנען אַמאָל נישט דיינע האָרן אויפן שליאַך?

— ווייס איך דען, גנעדיקער האַר? מסתמא נעמען זיי די פערד, און בײַ וועמען איז נישט מיין עסק.

— און וואָס טוען זיי מיט די פערד?

— אַמאָל נעמען זיי אַ צען, צוועלף שטיק, וויפיל עס איז פאַרהאַן, און טרייבן זיי ערגעץ, און וואוהין, ווייס איך אויך נישט.

אזוי רעדנדיק זענען זיי צוגעקומען צו דער שאַפּע, פון וועלכער ס'האָט זיך געהערט אַ כראַפּעריי פון פערד און זיי זענען אַריין אינעווייניק.

דער פויער האָט אויפגעהויבן די לאַמטערן אינדערהייך און גענומען באַלייכטן די פערד, וואָס זענען געשטאַנען אין אַ ריי בײַ דער וואַנט. סאַראָקאַ האָט אייגנט נאָכ׳ אַנדערן באַטראַכט מיטן אויג פון אַ מבין און ג דרייט מיטן קאָפּ, גע־נאָקט מיט דער צונג און געברומט;

— דער פאַרשטאָרבענער הער זענד וואָלט זיך מחיה גע־ווען... פאַרהאַן פּוילישע, מאָסקווער... און דערדאָזיקער וואַ־לאַך... און יענע קליאַטשע אויך... פיינע פערד. און וואָס גיט איר זיי?

— דעם אמת געזאָגט, גנעדיקער האַר, האָב איך דאָ צוויי שטיקער פעלד פאַרזייעט מיט האָבער נאָך אין פרי־לינג.

— ברענגען, הייסט עס, דיינע האָרן די פערד פון פרי־לינג אָן?

— ניין, זיי האָבן מיר אָבער אַ דינער מיט אַ באַפעל צו־געשיקט.

— ביסטו זייער מענטש?

— איך בין געווען זייער מענטש, איידער זיי זענען אין דער מלחמה געגאַנגען.

— אין וואָס פאַר אַ מלחמה?

— ווייס איך, גבעדיקער האר? זיי זענען געגאַנגען ווייט, נאָך אין פאַרגאַנגענעם יאָר, און צוריקגעקומען אום זו־מער.

— און וועמענס ביסטו איצט?

— דאָס זענען קעניגלעכע וועלדער.

— ווער האָט דיך דאָ באַזעצט אין דער סמאָלע־זידע־ריי?

— דער קעניגלעכער וואַלד־שומר, אַ קרוב פון די האַרן, וועלכער האָט מיט זיי אויך פערד געבראַכט, אָבער אַז ער איז איינמאָל מיט זיי אַוועק, איז ער שוין מער נישט צוריקגעקו־מען.

— און געסט זענען דאָ בא די האַרן נישט געווען?

— דאָ טרעפט קיינער נישט אַהער, ווייל אַרום און אַרום זענען פאַרהאַן זומפן און נאָר איין דורכגאַנג; ס'איז מיר אַ חידוש, גנעדיקער האר, וואָס איר האָט געטראָפן, ווייל ווער עס טרעפט נישט, דער ווערט אין די זומפן אײַנגעזונקען.

סאָראָקאַ האָט שוין נישט געוואָלט ענטפערן, אַז סיי די־דאָזיקע וועלדער און סיי יענער דורכגאַנג זענען אים גוט באַ־קאַנט, אָבער נאָך אַ ווײַלע ישוב־הדעת האָט ער באַשלאָסן בעסער דאָס צו פאַרשווייגן, דערפאַר אָבער האָט ער גע־פרעגט:

— דידאָזיקע וועלדער זענען עפּעס גרויס?

דער פויער האָט נישט פאַרשטאַנען די פראַגע.

— וואָס הייסט?

— וויט גייען זיי?

— אוי, ווער איז זיי דאָרט אויסגעגאַנגען: איינער לאָזט זיך אויס, הייבט זיך אָן אַ צווייטער, און גאָט ווייסט, וווּ זיי זע־גען נישטאָ. איך בין דאָרט נישט געווען.

— גוט! — האָט סאָראָקאָ געזאָגט.

באַלד דערויף האָט ער דעם פויער געהייסן צוריקגיין און אַליין האָט ער זיך אומגעקערט צו דער כאַטע.

אויפן וועג האט ער זיך מיישב געווען, וואס ער זאל טון און ער האט זיך געקווענקלט. פון איין זייט האט ער חשק געהאט אויסצונוצן די אפוועזנהייט פון די כאטע-איינוווינער, צוצונעמען די פערד און מיט זיי צו אנטלויפן. דער שכל איז געווען א טייערער און די פערד זעגען זייער געפעלן געווארן דעם אלטן זעלנער, אבער אין א ווייל ארום האט ער דעם נסיון גובר געווען. צו נעמען איז לייכט, אבער וואס וועט ער ווייטער טון? ארום און ארום זומפן, איין אויסגאנג — ווי אזוי וועט ער טרעפן צו אים? דער צופאל האט איינמאל צוגעדינט, אבער א צווייט מאל קען ער שוין נישט צודינען. גיין מיט די שפורן פון די קאפיטעס וועט אויך נישט העלפן, ווייל די איינוווינער האבן מסתמא געהאט אזוי פיל שכל, אז זיי האבן בכיוון געמאכט וועגן מיט פאלשע און אפנארנדיקע שפורן, וואס פירן גלייך אין א תהום אריין. סאראקא האט גוט געקענט די געגנט פון די מענטשן, וואס גנבענען אדער ראבעווען פערד.

ער האט געטראכט און זיך איבערגעלייגט און מיטאמאל האט ער זיך מיט דער פויסט א זעץ געטון אין קאפ אריין.

— א שוטה בין איך! — האט ער א ברום געטון — איך וועל נעמען דעם פויער אויף א שטריק און אים הייסן מיך ארויספירן אויפן שליאך.

באלד אבער האט ער אויפגעשוידערט, ווען ער האט ארויסגעזאגט דאס לעצטע ווארט.

— אויפן שליאך? דארט איז דאך יענער פירשט אין די נאכיאגער...

— פופצען פערד וועט אויסקומען צו פארלירן! — האט דער אלטער פוקס זיך אין דארצן געזאגט מיט אזא צער, ווי ער וואלט דידאזיקע פערד אויפגעהאדעוועט. -- נישט אנדערש נאר דאס טייל האט זיך פון אונדז אפגעטון, מ'דארף זיצן אין דער כאטע, ביז הער קמיטשיץ וועט נישט געזונט ווערן, זיצן מיטן ווילן פון די איינוווינער, אדער אן זייער ווילן, און וואס דערנאך וועט זיין, איז שוין דעם פולקאווניקס דאגה.

אזוי טראכטנדיק איז ער צוריקגעקומען צו דער כאטע. די

וואַכזאַמע זעלנער זענען געשטאַנען בײַ דער טיר און הגם זיי האָבן פונדערווייטנס געזען דאָס לאַמטערנדל, וואָס האָט געפינקעלט אין דער פינסטערניש, דאָס זעלבע לאַמטערנ־ל, מיט וועלכן סאָראָקאַ און דער סמאָלע־זידער זײַנען אַרויסגעגאַנגען, האָבן זיי דאָך געהייסן, אַז זיי זאָל, זיך אָנמעלדן ווער זיי זענען און ערשט דערנאָך זיי אַרײַנגעלאָזט אין דער שטוב. סאָראָקאַ האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז די וואָס שטייען אויף דער וואַך, זאָלן זיך בייטן אין דער האַלבער נאַכט, און אַליין האָט ער זיך געוואָרפן אויפן טאַפּטשאַן לעבן קמיטשיצן.

אין דער כאַטע איז געוואָרן שטיל, נאָר די גרילן האָבן אויפגעשפּילט די געווייטלעכע מוזיק, אין דערלעבנדיקן קעמערל האָבן די מייז געגראַבלט אין די חפצים, וואָס זענען דאָרט געווען אָנגעקליבן, און פון צייט צו צייט האָט דער קראַנקער זיך געוועקט און אַ פּנים גערעדט פון דער היץ, ווייל צו סאָראָקאַס אויערן האָבן זי, דערטראָגן זײַנע ווערטער אָן סדר:

— גנעדיקער האַר קעניג, זיי מוחל... יענע זענען בוגדים... אַלע זייערע סודות וועל איך אויסזאָגן... די רעפּובליק איז אַ רויט טוך... גוט, כ'האָב אייך, גנעדיקער הער פירשט... האַלט!... גנעדיקער האַר קעניג!... דאָרט־אַרום, ווייל דאָרט זענען בוגדים.

סאָראָקאַ האָט זיך אויפגעהויבן אויפן טאַפּטשאַן און געהאָרכט, אָבער דער חולה האָט אַ געשריי געטון איין מאָל און אַ צווייט מאָל און איז איינגעשלאָפן, און דערנאָך האָט ער זיך ווידער געוועקט און גערופן:

— אָלענקאַ, אָלענקאַ, זיי בישט בײַז!...

ערשט אַרום האַלבער נאַכט האָט ער זיך פולשטענדיק באַרויקט און איז איינגעשלאָפן אויף גוט. סאָראָקאַ האָט אויך גענומען דרעמלען, אָבער באַלד האָט אים אויפגעוועקט אַ שטילקלאַפּן אין דער טיר פון דער כאַטע.

דער וואַכזאַמער זעלנער האָט תיכּף די אויגן אויפגעמאַכט און אַראָפּשפּרינגענדיק פון געלעגער איז ער אַרויס פון דער כאַטע.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט.

— הער וואַכמייסטער, דער סמאָליע-זידער איז אַנטלאָפן.

— צו אַלדי רוחות! ער וועט אונדז באַלד דאָ די רוצחים אַהערברענגען. ווער האָט אים דען געהיטן?

— בילאָוס.

— כ'בין געגאַנגען מיט אים אונדזערע פערד אָנטרינקען — האָט בילאָוס, פאַרענטפערנדיק זיך, געזאָגט — כ'האָב אים געהייסן דעם עמער צוזען, און אַליין האָב איך די שקאַפּעס געהאַלטן...

— און וואָס? ער איז אין ברונעם אַריינגעשפרונגען?

— ניין, הער וואַכמייסטער, נישט אין ברונעם, נאָר צווישן די קלעצער׳, וואָס אַ פולע כּון זיי ליגן באַם ברונעם אָנגעהאַקט, און אין די גריבער פון די ביימער-וואָרצלען. כ'האָב אָפּגעלאָזט די פערד, ווייל הגם זיי וואָלטן זיך צעלאָפן, זענען דאָך דאָ פאַראַן אַנדערע, און זיך געלאָזט אים נאָכיאָגן, אָבער אין ערשטן גרוב פאַן איך געבליבן שטעקן. פינסטער, חושך, דער גזלן קען דאָס אָרט, איז ער טאַקע אַנטקומען... אַז אַ מגפה זאָל אויף אים קומען...

— ער וועט אונדז דאָ אַהערברענגען די שדים, ער וועט זיי אַהערברענגען... אַז אַ דונער זאָל אים טרעפן!...

דער וואַכמייסטער האָט אָפּגעהאַקט, און אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט:

— מיר וועלן זיך נישט לייגן, מ'דאַרף אויף-זיין ביז באַגינען; אַ ליאַדע רגע קען די חברה אָנקומען.

און געבנדיק אַ ביישפּיל די איבעריקע, האָט ער זיך אַליין אוועקגעזעצט אויף דער שװעל פון דער כאַטש מיט אַ ביקס אין דער האַנט, און די זעלבער האָבן זיך געזעצט לעבן אים, פּלוידערנדיק צווישן זיך אין דער שטיל, דאָ אונטערזינגענדיק מיט אַ האַלבער שטים, דאָ איינהערנדיק זיך, צי זיי וועלן צווישן די נאַכט-אָפּקלאַנגען פון וואַלד נישט דערהערן טריט און אַ כראָפּען פון אָנקומענדיקע פערד.

די נאַכט איז געווען אַ ליטערע און אַ לבנהדיקע, אָבער אַ טומלדיקע. אין די וואַלד טיפענישן האָט דאָס לעבן געקאָכט. געווען איז דאָס די צייט פון צעברענטער תאווה בײַ די הירשן, די וועלדער זענען דעריבער פול געווען מיט זייערע אימהדיקע ריטשערייען. קורצע כאָרכלענדיקע אָפּקלאַנגען, פול מיט גרימצאָרן און פאַרביטערונג, האָבן זיך צעהילכט אַרום און אַרום אין אַלע טיילן פון וואַלד, אין די טיפענישן און נענטער, צייטנווייז האַרט דערלעבן, ווי אויף הונדערט שריט הינטער דער כאַטע.

— אויב זיי וועלן אָנקומען, וועלן זיי אויך ריטשען, כדי אונדז אין אַ טעות אַרײַנצופירן, — האָט בילאָוס געזאָגט.

— ע! די נאַכט וועלן זיי נישט אָנקומען. ביז דער פויער וועט צו זיי אָנשפּאַרן, וועט דערווײַל טאָג ווערן — האָט אַ צווייטער זעלנער זיך אָנגערופן.

— בײַטאָג, הער וואַכמייסטער, וואָלט פּראַי געווען די כאַטע דורכצונישטערן און אַ גראָב צו טון אונטער די ווענט, ווײַל אויב גזלנים וווינען דאָ מוזן דאָ אויך אוצרות זײַן.

— די בעסטע אוצרות זענען אין יענעם שטאַל — האָט סאָראָקאַ געענטפערט, טײַטנדיק מיט דער האַנט אויף דער שאָפע.

— און מיר וועלן זיי נעמען?

— שוטים זענט איר! דאָ איז קיין אַרויסגאַנג נישטאָ, בלויז זומפּן פון אַלע זײַטן.

— און דאָך זענען מיר אַהערגעקומען.

— גאָט האָט אונדז דורכגעפירט. קיין לעבעדיקער נפש וועט דאָ נישט אַהערקומען און נישט אַרויסקומען, אויב ער קען נישט דעם וועג.

— בײַטאָג וועלן מיר טרעפן.

— מיר וועלן נישט טרעפן, ווײַל מ'האָט אים בכיוון אויסגעקרימט און די שפורן זענען פאַלשע, מ'האָט דעם פויער נישט געדאַרפט אָפּלאָזן.

— מען ווייסט, אַז דער שליאַך איז אויף אַ טאָג גאַנג

אָפּגעלעגן — האָט בילאָוס געזאָגט — און אויף יענער זייט...

דאָ האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויפן מזרחדיקן טייל פון וואַלד:

— מיר וועלן פאָרן ביז מיר וועלן נישט דורכפאָרן — אָט וואָס!

— און דו מיינסט ווידער, אַז ווען דו וועסט זיין אויפן טראַקט, ביסטו שוין באַוואָרנט פון אַלע סכנות? בעסער דאָ אַ קויל פון אַ רויבער, איידער דאָרט אַ שטריקל.

— ס׳טייטש, פאָטער? — האָט בילאָוס געפרעגט.

— ווייל דאָרט זוכט מען שוין אונדז.

— ווער, פאָטער?

— דער פירשט.

דאָ איז סאָראָקאַ מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן, און נאָך אים זענען אויך די איבעריקע אַנטשוויגן געוואָרן, גלייך ווי אַן אימה וואָלט זיי אָנגעכאַפּט.

— אוי! — האָט בילאָוס צום סוף זיך אָנגערופן — דאָ איז שלעכט און דאָרט איז שלעכט; נישט אַהין און נישט אַהער!

— מ׳האָט אונדז, ווי סיראָמאַכעס, אין אַ נעץ אַריינגעיאָגט; דאָ גזלנים, און דאָרט דער פירשט! — האָט אַ צווייטער זעלבער געזאָגט.

— זאָל זיי דאָרט אַ דונער טויט-שלאָגן! כ׳וויל בעסער האָבן צו טון מיט אַ גזלן, איידער מיט אַ מכשף — האָט בילאָוס געענטפערט — וואָרים דערדאָזיקער פירשט איז זיכער נישט קיין פּשוטער בשר-ודם. זאַוראַטינסקי האָט זיך דאָך מיט אַ בער געראַנגלט, און ער האָט באַ אים די שווערט אַרויסגעריסן, ווי באַ אַ קינד. נישט אַנדערש, נאָר ער האָט אים אַ כישוף אָנגעטון, ווייל איך האָב דאָך אויך געזען, אַז ווען ער האָט זיך דערנאָך אויף וויטקאָווסקין געוואָרפן, איז ער אין די אויגן אויסגעוואַקסן, ווי אַ סאָסנע. ווען נישט דאָס, וואָלט איך אים אַ לעבעדיקן נישט אָפּגעלאָזט.

— ביסט אַזוי איך אַ לא־יצלח, וואָס דו האָסט דיך אויף אים נישט געוואָרפן.

— וואָס האָב איך געזאָלט טון, הער וואַכמייסטער? כ'האָב זיך געטראַכט אַזוי: ער זיצט אויפן בעסטן פערד, איז אויב ער וועט וועלן, וועט ער אַנטלויפן, אויב ער וועט אָנגרייפן, וועל איך אים נישט בייקומען, ווייל אויף אַ מכשף האָט דער מענטש קיין שליטה נישט! ער וועט מיר אין די אויגן נעלם ווערן, אָדער אין שטויב מגולגל ווערן...

— ריכטיק — האָט סאָראָקאַ געזאָגט — ווייל ווען איך האָב צו אים געשאָסן, איז ער ווי מיט אַ נעפל פאַרהילט געוואָרן... און כ'האָב נישט געטראָפן... פון פערד שיסנדיק קען עס יעדן פּאַסירן, אַז מ'זאָל נישט טרעפן, ווען די שקאַפּע דרייט זיך, אָבער פון דער ערד, האָט דאָס מיר פון צענטן יאָר אָן נישט פּאַסירט.

— וואָס איז דאָ צו רעדן! — האָט בילאָוס זיך אָנגערופן — בעסער צייל: לובעניעץ, וויטקאָווסקי, זאַוראַטינסקי, אַנדזשער פּולקאָווניק — און אַלעמען האָט איין מענטש גובר געווען און דאָס אַזעלכער, וואָס האָט קיין וואָפן נישט געהאַט, און דאָ אַלץ זענען דאָך מענטשן, וואָס יעדער פון זיי האָט נישט איינמאָל מיט פיר זיך אַן עצה געגעבן. אָן דער הילף פון טייוול, וואָלט ער דאָס נישט געקענט אויפטון.

— לאָמיר איבערגעבן אונדזערע נשמות צו גאָט, ווייל אויב ער איז אַ נישט-גוטער, וועט אים דער טייוול ווייזן אויף דעם וועג אַהער.

— און ער האָט דאָך אָן דעם אויך לאַנגע הענט, אַזאַ שרה...

— שווייגט נאָר שטיל! — האָט סאָראָקאַ מיטאַמאָל געזאָגט — עפּעס רוישט דאָ איבער די בלעטער.

די זעלנער זענען אַנטשוויגן געוואָרן און די אויערן אָנגעשטעלט. אין דער נאַכט האָבן זיך באַלד געלאָזט הערן עפּעס שווערע טריט, אונטער וועלכע די אָראָפּגעפאַלענע בלעטער האָבן דײַטלעך גערוישט.

— פערד הערט מען — האָט סאָראָקאַ אַ שעפּטשע-
געטון.
אָבער די טריט האָבן זיך געבומען דערווייטערן פון דער
כאַטע און באַלד דערנאָך האָט זיך דערהערט אַן אימהדיק אין
הייזעריק ריטשן פון אַ הירש.
— דאָס זענען הירשן! אַן אָקס רופט צו זיך די אינדיגס,
אָדער ער סטראַשעט אָן אַ צווייטן הירש.
— אין גאַנצן וואַלד איז אַ יום-טוב, גלייך ווי דער טייוול
וואָלט חתונה געהאַט.
זיי זענען ווידער אַנטשוויגן געוואָרן און געבומען דרעמ-
לען, בלויז דער וואַכמייסטער האָט צייטנווייז דעם קאָפּ אויפגע-
הויבן און זיך אַ ווײַלע איינגעהערט, באַלד דערנאָך איז אים
דער קאָפּ ווידער אויף דער ברוסט אַראָפּגעפאַלן. אַזוי איז אַר-
בער אַ שעה, צוויי, ביז די באַנטסטע סאָסנעס זענען צום סוף פון
שוואַרץ געוואָרן גרוי און די שפּיצן זענען געוואָרן וואָס אַמאָל
ווייסער, גלייך ווי עמעצער וואָלט זיי מיט צעשמעלצטן זילבער
באַשמירט. די ריטשערייען פון די הירשן האָבן אויפגעהערט און
אַ טויט-שטילקייט האָט געהערשט אין די וואַלד-טיפענישן. ביס-
לעכווייז איז די פרימאָרגן-דעמערונג אַריבער אין אַ שיין, דאָס
ווייסע און בלייכע ליכט האָט גענומען אַרייננזאַפּן אין זיך די
ראָזיקע און גילדערנע שטראַלן, און צום סוף איז געוואָרן העל-
לער טאָג, וועלכער האָט באַלויכטן די אויסגעמאַטערטע פּנימער
פון די זעלנער, וואָס זענען מיט אַ האַרטן שלאָף פאַר דער כאַ-
טע בעשלאָפן.
אין דעם האָט זיך די טיר געעפנט, קמיטשיק האָט זיך
באַוויזן אויף דער שוועל און אויסגערופן:
— סאָראָקאַ! אהער דאָ!
די זעלנער זענען פון די ערטער אויפגעשפּרונגען.
— באַ גאָט, דאָס שטייט איר, הער פּילקאָוויק, אויף די
פיס! — האָט סאָראָקאַ אויסגערופן.
— און איר זענט געשלאָפן, ווי די אָקסן; מ'וואָלט אייך

בעקענט די קעפּ אַראָפּשנײדן און איבערן פּלויט אַריבערוואַרפן, ביז עמעצער פון אײך וואָלט זיך אויפגעכאַפּט.

— מיר זענען אויף־געווען ביז באַנינען, הצר פּולקאָווניק, ווען מיר זענען אײנגעשלאָפן, איז שוין געווען טאָג.

קמיטשיץ האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זײטן.

— ווו זענען מיר?

— אין וואַלד, הער פּולקאָווניק.

— דאָס זע איך אויך. אָבער וואָס איז דאָס פאַר אַ כאַטע?

— דאָס ווײסן מיר אַלײן נישט.

— קים מיט מיר! — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט.

און ער איז צוריק אַרײן אין דער כאַטע. סאָראָקאַ איז אים נאָכגעגאַנגען.

— הער — האָט קמיטשיץ געזאָגט, אַוועקזעצנדיק זיך אויפן טאַפּטשאַן — דאָס האָט דאָך דער פירשט אין מיר געשאָסן?

— יאָ.

— און וואָס איז מיט אים געשען?

— ער איז אַנטקומען.

אַ ווײלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווײגן.

— דאָס איז שלעכט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — זײער שלעכט! בעסער וואָלט געווען אים אַוועקצולײגן, אײדער אַ לעבעדיקן אָפּצולאָזן.

— מיר האָבן טאַקע אַזוי געוואָלט, אָבער...

— אָבער וואָס?

סאָראָקאַ האָט בקיצור דערצײלט, וואָס עס האָט זיך פּאַרלאָפן. קמיטשיץ האָט אויסגעהערט אומגעדולדיק רויק, נאָר די אויגן האָבן אים געטומען ברענען, און צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— איז ער, הײסט עס, פון אויבן, אָבער מיר וועלן זיך נאָך באַגעגענען. פאַרוואָס ביסטו אַראָפּגעפאָרן פון שליאַך?

— איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט נאָכיאָגן.

— גאַנץ ריכטיק, חייל מ'האָט אזדאי נאָכגעיאָגט. מיר זענען איצט צו ווינציק אויף באָגוסלאַווס מאַכט... לאין ערך צו ווינציק!... דערביי איז ער אַוועק קיין פּרייסן, דאָרט קענען מיר אים ניט פאַרפאָלגן, מ'דאַרף וואַרטן...

סאָראָקאַ האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. הער קמיטשיץ האָט גערעדט וועגן פאַרפאָלגן, אַ סימן, אַז ער האָט גאָרנישט אַזוי שטאַרק מורא געהאַט פאַרן פירשט באָגוסלאַוו. דערדאָזיקער בטחון האָט זיך באַלד איבערגעגעבן דעם אַלטן זעלנער, וועלכער איז געווינט געווען צו טראַכטן מיטן קאָפּ פון זיין פּולקאָווניק און צו פילן מיט זיין האַרץ.

דערווייל האָט הער אַנדזשעי זיך טיף פאַרקלערט, מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעכאַפּט און גענומען אַרום זיך עפּעס זוכן מיט די הענט.

— און ווו זענען מיינע בריוו? — האָט ער געפרעגט.

— וועלכע בריוו?

— וואָס איך האָב געהאַט בא זיך... אין פּאַסעק האָבן זיי געשטעקט. ווו איז דער פּאַסעק? — האָט הער אַנדזשעי פיבעריש נעפרעגט.

— דעם פּאַסעק האָב איך אַליין אויפגעבונדן, כדי עס זאָל דעם גנעדיקן הער זיין לייכטער צו אָטעמען, אָט דאָרט ליגט ער.

— גיב אים אַהער!

סאָראָקאַ האָט דערלאַנגט דעם לעדערנעם פּאַסעק, וואָס איז געווען אונטערגעבייט מיט זאַמש, אין וועלכן עס זענען אויף שניר־לעך געווען אָנגעצויגן טאַשן, קמיטשיץ האָט זיי צעצויגן און איי־ליק אַרויסגענומען די פּאַפּירן.

— דאָס זענען די בריוו צו די שוועדישע קאָמענדאַנטן, און ווו זענען די בריוו פון העטמאַן? — האָט ער געפרעגט מיט אַן אומרויִקער שטים.

— וועלכע בריוו? — האָט סאָראָקאַ איבערגעחזרט.

— צו אַלדי רוחות! דעם העטמאַנס בריוו צום שוועדישן

קעני, צום הער לובאמירסקי און די אלע, וואס כ'האב גע-האט...

— אויב זיי זענען אין פוסעק נישטא, זענען זיי אין ער-געץ נישטא. זיי האבן געמוזט אוועקקומען בשעתן פארן.

— אויפן פערד און זיין! — האט קמיטשיץ מיט א שרעק-לעכער שטים א געשריי געטון.

אבער נאך איידער דער פארוואונדעטער סאראקא האט באוויזן די שטוב צו פארלאזן, איז דער אנדזשעי אנידערגעפאלן אויפן טאפטשאן, גלייך ווי עס וואלט אים כוחות פארפעלט און אנכאפנדיק זיך מיט די הענט פארן קאפ, האט ער גענומען אי-בערחזרן מיט א יאמערלעכער שטים:

— אי!... מיינע בריוו, מיינע בריוו!...

דערווייל זענען די זעלבער אוועקגעפארן, א חוץ איינעם, וועלכן סאראקא האט געהייסן היטן בא דער כאטע. קמיטשיץ איז געבליבן אליין אין שטוב און גענומען קלערן איבער זיין מצב, מיט וועלכן ס'איז אים גארנישט געווען מקנא צו זיין. באגוסלאוו איז אנטקומען. איבערן הער אנדזשעי האט געשוועבט די סכנה פון א שרעקלעכער און אומפארמיידלעכער נקמה פון די מעכטיקע ראדזיווילס. און נישט בלויז איבער אים. נאר איבער אלע, וועלכע ער האט ליב געהאט, און קורץ גערעדט, איבער אלענקא. קמיטשיץ האט געוווסט, אז דער פירשט יאנוש וועט זיך נישט קווענקלען אים צו דערלאנגען א קלאפ דארט, ווו עס וועט אים אמשטארקסטן וויי טון, דאס הייסט נקמה צו נעמען אין דער פערזאן פון פריילין בילעוויטש. אלענקא איז דאך אין קיידאני געווען אנגעוויזן אויפן חסד און אומחסד פון שרעק-לעכן מאגנאט, וועמענס הארץ האט נישט געוווסט פון קיין רחמנות

וואס מער קמיטשיץ האט זיך פארטראכט איבער זיין מצב אלץ מער איז ער געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ער איז פשוט געווען שרעקלעך. נאכן פארכאפן באגוסלאווען וועלן די ראדזיווילס אים האלטן פאר א בוגד; יאן קאזשימיעזשס אנהענגער, סאפיעהאס מענטשן און די צעבנטעזע קאנפעדעראטן אין

פֿאַלעסיע האַלטן אים אויך פֿאַר אַ בוגד, פֿאַר ראַדזיווילס אַ פֿאַרשאָלטענער נשמה. צווישן דער גרויסער צאָל לאַגערס, פּאַרטייען און פֿרעמדע חיילות, וואָס האָבן איצט באַדעקט די פֿעלדער פֿון דער רעפּובליק, איז נישט געווען קיין איין לאַגער, קיין איין פּאַרטיי, קיין איין אַרמיי, וואָס זאָל אים נישט האַלטן פֿאַר דעם גרעסטן און פֿאַרביסנסטן שונא. האָט דאָך כאָוואַנסקי באַשטימט אַ באַלוינונג פֿאַר זײַן קאָפּ, און איצט וועלן עס טון די ראַדזיווילס, די שוועדן — און ווער ווייסט, צי עס האָבן שוין נישט באַשטימט אַ באַלוינונג פֿאַר זײַן קאָפּ אויך די אָנהענגער פֿון אומגליקלעכן יאַן קאַזשימיעזש. „אָ! האָב איך אַ קאַשע פֿאַרקאָכט, און איצט מוז איך זי אויפֿעסן!" — האָט קמיטשיץ געטראַכט.

פֿאַרכאַפּנדיק דעם פֿירשט באָגוסלאַוו, האָט ער עס געטון דערפֿאַר, כּדי אים צו וואַרפֿן פֿאַר די פֿיס פֿון די קאָנפֿעדעראַטן, כּדי זיי צו דערווײַזן בפֿועל, אַז ער רײַסט איבער מיט די ראַדזיווילס, און זיך אײַנצוקויפֿן אין זייער חברותא, כּדי צו געווינען דאָס רעכט צו קעמפֿן פֿאַרן קעניג און פֿאָטערלאַנד. פֿון דער צווייטער זײַט איז באָגוסלאַוו אין זײַנע הענט געווען אַן ערבות פֿאַר אָלענקאַס זיכערקייט. אָבער איצט, אַז באָגוסלאַוו האָט קמיטשיצן צעקלאַפּט און איז אַנטקומען, איז נישט בלויז אָלענקאַס זיכערקייט פֿאַרשוווּנדן, נאָר אויך די ראיה, אַז הער קמיטשיץ האָט אויף אַן אמת אָפּגעוואָרפֿן די דינסט בײַ די ראַדזיווילס. איז דאָך פֿאַר אים אָפֿן דער וועג צו די קאָנפֿעדעראַטן און אויב ער וועט אָנטרעפֿן אויף וואָלאָדיאָווסקיס אָפּטיילונג און אויף זײַנע פֿרײַנט פּולקאָווניקעס, וועלן זיי אים אפֿשר שענקען דאָס לעבן, אָבער צי וועלן זיי אים פֿאַר אַ חבר אויפֿנעמען, צי וועלן זיי אים גלייבן, צי וועלן זיי נישט חושד זײַן, אַז ער איז געקומען אויף אויסשפּירונגען, אָדער צוליב דעם, כּדי דעם מוט אָפּצושוואַכן און די מענטשן צו די ראַדזיווילס איבערצײַגן?

דאָ האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער האָט אויף זײַן געוויסן דאָס בלוט פֿון די קאָנפֿעדעראַטן, ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער

האָט דאָס דער ערשטער צעקלאַפּט די צעבונטעוועטע אונגאַרן אין דראַגינער אין קיידאַני, אַז ער האָט אַ תּל געמאַכט פון די צעבונטעוועטע פּולקן, אָדער געצוואונגען זיי זיך איבערצוגעבן, אַז ער האָט דערשאָסן די ווידערשפּעניקע אָפיצירן און אויסגעקוילעט די זעלנער, אַז ער האָט מיט פאַרשאַנצונגען אַרומגערינגעלט און באַפעסטיקט קיידאַני און דורכדעם ראַדזיווילן דעם טריומף אין זשאַמעט געזיכערט!... ווי קען איך דאָרט גיין? — האָט ער זיך געטראַכט — וואָלט דאָך אַ מגפה פאַר זיי געווען אַ פיל מער אָנגעלייגטער גאַסט, איידער מיין פּערזאָן!... מיט באָגוסלאַוון אויף אַ קייט בײַם זאָטל — וואָלט נאָך מעגלעך געווען, אָבער בלויז מיטן מויל און מיט די הוילע הענט!...

ווען ער וואָלט כאָטש געהאַט יענע בריוו, איז הגם ער וואָלט זיך מיט זיי אין די קאָנפעדעראַטן נישט געקענט איינקויפן, וואָלט ער על־כּל־פּנים דורך זיי דעם פירשט יאַנוש געהאַט אין דער האַנט, ווייל יענע בריוו האָבן געקענט אונטערגראָבן דעם העטמאַנס קרעדיט אַפילו בײַ די שוועדן... פאַר זייער פּריין וואָלט מען דעריבער געקענט אָלענקאַן אָפּראַטעווען...

אָבער עפּעס אַ שטן האָט גורם געווען, צו אויך די בריוו זאָלן פאַרשווונדן.

ווען קמיטשיץ האָט דאָס אַלץ מיט די געדאַנקען אַרומגענומען, האָט ער זיך אַ צווייט מאָל פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— אַ בוגד בין איך פאַר די ראַדזיווילס, אַ בוגד פאַר אָלענקאַן, אַ בוגד פאַר די קאָנפעדעראַטן, אַ בוגד פאַרן קעניג!... כ'האָב פאַרלוירן דעם רום, דעם כּבוד, זיך אַליין, אָלענקאַן!...

די וווּנד אין פּנים האָט אים נאָך געברענט, אָבער אין דער נשמה האָט אים געגליט אַ ווייטיק, אַ הונדערט מאָל טיפערער. ווייל ווי אַ צולאָג צו אַלע צרות, האָט אין אים נאָך געליטן אויך די ריטערלעכע אייגנליבע. ער איז דאָך דורך באָגוסלאַוון מיאוס צעשלאָגן געוואָרן. אַ גאַנישט זענען געווען יענע ווונדן, וואָס הער וואָלאָדיִאָווסקי האָט אים אין לוביטש פאַרשאַפט. דאָרט האָט אים מנצח געווען אַ באַוואָסטער מאַן, וועלכן ער

האָט אויפן וואָרט אַרויסגערופן, דאָ אַן אומבאַוואָפנטער געפאַנ-
גענער, וואָס איז געווען בײַ אים אין דער האַנט.

מיט יעדער רגע האָט קמיטשיק מער אײַנגעזען, אין וואָס
פאַר אַ שרעקלעכן און שענדלעכן מצב ער איז אַרײַנגעפאַלן.
וואָס לענגער ער האָט זיך אין אים אײַנגעקוקט, אַלץ מוראדיקער
איז ער אים אויסגעקומען און אַלץ מער שוואַרצע ווינקלען האָט
ער אַנטפּלעקט, פון וועלכע ס'האָבן אַרויסגעקוקט: שאַנד, בזיונות,
אונטערגאַנג פאַר אים גופא, פאַר אַלעמען, עוולות פאַרן פאָטער-
לאַנד — ביז עס האָט אים צום סוף אָנגעכאַפּט אַ גרויל און אַן
אימה.

— האָב איך דאָס אַלץ געטון? — האָט ער זיך אַליין
געפרעגט

און די האָר האָבן זיך אים אויפן קאָפּ געשטעלט.

— ס'קען נישט זײַן! נישט אַנדערש, נאָר די היץ וואַרפט
מיך נאָך — האָט ער אויסגעשריגן — גאָט מײַנער, עס קען
נישט זײַן!...

— בלינדער, נאַרישער רשע! — האָט אים דאָס געוויסן
געזאָגט — וואָלט נישט בעסער געווען זיך צו שטעלן אויף דער
זײַט פון קעניג און פאָטערלאַנד, וואָלט נישט בעסער געווען צו
פאַלן אַלעמען!

און אַ פאַרדראָס האָט אים, ווי אַ וויכער, אָנגעכאַפּט. העי!
ווען ער וואָלט זיך אַזוי געקענט זאָגן: די שוועדן זענען קעגן
פאָטערלאַנד, איך לאָז מיך אויף זיי! ראַדזיוויל איז קעגן קעני-
ניג — איך לאָז מיך אויף אים! ווי ווויל און ווי גוט וואָלט אים
געווען אויף דער נשמה. ער וואָלט צונויפגעקליבן אַ קופּע רוצחים
פון אַלדי שוואַרצע יאָר און וואָלט מיט זיי אַרומגעהאָפּסט, ווי אַ
ציגײַנער אויף יאַרמאַרק, און וואָלט די שוועדן אונטערגעקומען
און איבער די בײַכער זיי איבערגעפאָרן, מיט אַ ריין האַרץ,
מיט אַ ריין געוויסן, און באַשטראַלט פון רום, ווי פון דער זון,
וואָלט ער זיך אַמאָל פאַר אַלעמען געשטעלט און געזאָגט:

— כ'בין שוין נישט קיין פאַרשטויסענער, נאָר אַ פאַרטיי-
דיקער פון פאָטערלאַנד, האָב-זשע מיך ליב, ווי איך האָב דיך ליב.

און היינט וואָס?

אָבער די שטאָלצע נשמה, וואָס איז געוווינט געווען זיך צו פאַרשווינען, האָט נישט געוואָלט אײַף אַמאָל זיך מודה זײַן אין דער שולד: דאָס האָבן אים די ראַדזיוווילס אַזוי באַגראָבן, די ראַדזיוווילס האָבן אים צום אונטערגאַנג דערפירט, מיט שאַנד באַדעקט, די הענט געבונדן, באַרויבט פון כבוד און ליבשאַפט.

דאָ האָט הער קמיטשיץ אַ קריץ געטון מיט די ציין, האָט די הענט צו זשאַמעט אויסגעשטרעקט, דאָרט, צו יאַנוש, דער העטמאַן, איז געזעסן ווי אַ וואָלף אויף אַ פגר — און גענומען שרייען מיט אַ שטים, געשטיקט פון רציחה:

— נקמה! נקמה!

מיטאַמאָל האָט ער זיך אין פאַרצווייפלונג אינדערמיט שטוב אויף דער קני געוואָרפן און גענומען רעדן:

— איך שווער דיר, האַ גאָט, דידאָזיקע צו אונטערדריקן, צו שלאָגן!... מיטן שווערד, פייער און שווערט צו פאַרפאָלגן, כל-זמן עס וועט מיר קלעקן פאַרעאַין מויל, אָטעם אין האַלדז און לעבן אויף דער וועלט! אַזוי זאָל מיר דער קעניג פון נצרת העלפן אמן!

אָבער עפעס אַן אינעווייניקסטע שטים האָט אים אין דער רגע געזאָגט:

— דעם פאָטערלאַנד דין, נקמה לאָז אויף שפעטער!...

אין הער אַנדזשעיס אויגן האָט געפלאַמט אַ פייער, ליפן האָט ער געהאַט פאַרטרוקנטע און ער האָט אינגאַנצן געציטערט, ווי אין קדחת; ער האָט געפאָכעט מיט די הענט און רעדנדיק מיט זיך אויף אַ קול, איז ער געגאַנגען, און ריכטיקער געלאָפן איבער דער שטוב, מיט די פיס די טאַפטשאַנעס געשטויסן, ביז ער האָט צום סוף זיך אַ צווייט מאָל געוואָרפן אויף די קני.

— גיב מיר אַריין שכל, גאָט, וואָס איך זאָל טון, אַז איך זאָל נישט משוגע ווערן!

דאָ האָט זיך צו אים דערטראָגן אַ קנאַל פון אַ שאָס וועלכ, דער ווידערקול פון וואַלד האָט אָפגעוואָרפן פון סאָסנע צ

סאָסנע, ביז ער האָט אים, ווי אַ דונער, אין דער כאַטע אַרייַנגע־בראַכט.

קמיטשיק האָט זיך אַ ריס־געטון און כאַפּנדיק די שווערט איז ער אַרויסגעלאָפן פאַרן פּעדערהויז.

— וואָס איז דאָרט? — האָט ער געפרעגט דעם זעלנער, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער שוועל.

— אַ שאָס, הער פּולקאָווניק!

— ווו איז סאָראָקאַ?

— ער איז אַוועק די בריוו זוכן.

— אין וועלכע זייט האָט מען געשאָסן?

דער זעלנער האָט אָנגעוויזן אויפן מזרחדיקן טייל פון וואַלד, וואָס איז געווען באַוואַקסן מיט געדיכטע דערנער.

— דאָרט!

אין דער רגע האָבן זיך געלאָזט הערן טריט פון פערד, וועלכע מ'האָט נאָך נישט געזען.

— גיב אַכטונג! — האָט קמיטשיק אַ געשריי געטון.

אָבער פון די געוויקסן האָט זיך באַוויזן סאָראָקאַ, וועלכער איז אין גרעסטן אימפּעט געקומען אָנצולויפן און נאָך אים דער צווייטער זעלנער.

ביידע זענען צוגעלאָפן צו דער כאַטע און אַראָפּשפּרינגענדיק פון די פערד, האָבן זיי פון הינטער זיי, ווי פון הינטער פאַרשאַנצונגען, אָנגעשטעלט די ביקסן צו די דערנער.

— וואָס איז דאָרט? — האָט קמיטשיק געפרעגט.

— אַ קופּע גייט! — האָט סאָראָקאַ געענטפערט.

2 קאפיטל.

ס'איז געוואָרן שטיל, אָבער אינגיכן האָט אין די דערלעבנדיקע געוויקסן געבומען עפּעס קנאַקן, גלייך ווי ווילדע חזירים וואָלטן באַגאנגען, אָבער וואָס בענטער דאָסדאָזיקע קנאַקן איז געוואָרן, אַלץ לאַנגזאַמער איז עס געוואָרן. דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן.

— וויפיל זענען זיי דאָרט? — האָט קמיטשיק געפרעגט.

— זיי וועלן זיין אַ מאַן זעקס, און אפשר אַכט, ווייל איך האָב זיי נישט געקענט גוט איבערציילן — האָט סאָראָקא געענטפערט.

— אויב אַזוי האָבן מיר נישט וואָס מורא צו האָבן! זיי וועלן אונדז נישט בייקומען!

— זיי וועלן נישט בייקומען, הער פּולקאָווניק אָבער מיר מוזן אייבעם נעמען לעבעדיקערהייט און אים צובראָטן, כדי ער זאָל אונדז דעם וועג ווייזן.

— עס וועט נאָך צייט זיין דערויף. גיב אַכטונג!

קוים האָט קמיטשיץ אַרויסגעזאָגט: „גיב אַכטונג!" — ווי עס האָט פון די געוויקסן אַרויסגעשפּראָצט אַ פּאַס ווייסער רויך און וואָלסט געמיינט, אַז פייגל האָבן אויפגערוישט איבערן גאַנצן גראָז, אויף אַ דרייסיק טריט פון דער ראָטע.

— פון פּיסטאָלעטן האָט מען געשאָסן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אויב זיי האָבן קיין ביקסן נישט, וועלן זיי אונדז גאָרנישט טון, ווייל פון פּיסטאָלעטן וועלן זיי פון די געוויקסן אין אונדז נישט טרעפן.

האַלטנדיק מיט איין האַנט די ביקס, וואָס איז געווען צוגעשפּאַרט אויפן זאָטל פון פערד, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען, האָט כאָראָקאַ די צווייטע האַנט לעבן מויל אין דער פאָרם פון אַ טראָמפּייטל צונויפגעלייגט און געגומען שרייען:

— זאָל זיך נאָר עמעצער אַרויסרירן פון די געוויקסן, וועט ער באַלד מיט די פיס זיך באַדעקן!

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ שטילקייט, דערנאָך האָט אין די געוויקסן אָפּגעהילכט אַ בייזע שטים:

— ווער זענט איר?

— בעסערע פון די, וואָס ראַבעווען איבער די טראַקטן.

— מיט וועלכן רעכט האָט איר פאַרנומען אונדזער דירה!

— אַ גזלן פרעגט וועגן רעכט! דער תלין וועט אייך לערנען רעכט, גייט צום תלין!

— מיר וועלן אייך פונדאַנען אויסרויכערן, אַז עס וועט פון אייך קיין זכר נישט בלייבן!

— קום, אדרבא! גיב נאָר אַכטונג, אַז דו זאָלסט מיטן דאָזיקן רויך אַליין נישט דערהאַרגן ווערן!

די שטים אין די געוויקסן איז אַנטשוויגן געוואָרן, די אַנפאַלער האָבן משמעות געגומען זיך באַראַטן, דערווייל האָט סאָראָקאַ אַ שעפּטשע געטון צו קמיטשיצן:

— מען וועט דאָ דאַרפן עמעצן אַהערנאַרן און בינדן; מיר וועלן האָבן אי אַן ערובניק, אי אַ וועגווייזער.

— יאָ! — האָט קמיטשיק געזאָגט — אָבער אויב עמעצער וועט קומען, וועט ער קומען אויף אַ וואָרט

— מיט גזלנים מעג מען אויף אַ וואָרט עובר זיין.

— בעסער נישט געבן! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

דאָ האָבן זיך נייע פראַגן דערהערט פון דער זייט פון די געוויקסן:

— וואָס ווילט איר דאָ?

דאָ האָט קמיטשיק אַליין גענומען דאָס וואָרט:

— אַזוי ווי מיר זענען, אַזוי וואָלטן מיר אַוועקגעפאָרן, ווען דו, שוטה איינער, וואָלסט דיך לייטיש אויפגעפירט און פון פיסטאָלעט נישט געשאָסן.

— דו וועסט דאָ נישט בלייבן זיצן, און אָוונט וועלן צו אונדז צוקומען הונדערט רייטער!

— פאַרנאַכט וועלן קומען צוויי הונדערט דראַגונער, און די זומפּן וועלן דיך נישט שיצן, ווייל עס זענען דאָרט פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס וועלן זיי דורכפאָרן, אַזוי ווי מיר זענען דורכגעפאָרן.

— זענט איר זעלנער?

— אוודאי נישט קיין גזלנים

— פון וואָס פאַר אַ פּאָלק?

— וואָס ביסטו דען אַ העטמאַן? מיר וועלן זיך פאַר דיר נישט פאָרשטעלן.

— בלייבט עס באַם אַלטן, די וועלף וועלן אייך דאָ אַרומגריזשען.

— און אייך וועלן די ראָבן צעפּיקן.

— זאָגט, וואָס איר ווילט, צו אַלדי רוחות! צו וואָס זענט איר אין אונדזער כאַטע אַריינגעקראָכן?

— קום אַהער דאָ נענטער! וועסט נישט דאַרפן פון די געוויקסן דעם גאָרגל זיך רייסן. נענטער! נענטער!

— אויף אַ וואָרט?

— אַ וואָרט איז פאַר ריטער, נישט פאַר גזלנים. ווילסט גלייב, ווילסט נישט — גלייב נישט!

— אין צווייען קען מען?

— מ'קען!

אין א ווײַלע אַרום זענען פון די געוויקסן, וואָס זענען גע-ווען אָפּגעלעגן אויף הונדערט שריט, צרויסגעקראָכן צוויי הויכע און ברייט-פּלייציקע מענטשן. איינער אַ ביסל אַן איינגעבויגענער האָט געמוזט זיין אַ מענטש אַ באַיאָרטער, דער צווייטער איז גע-גאַנגען גלייך, ער האָט נאָר דעם האַלדז בייגעריק צו דער כאַטע אויסגעצויגן; ביידע האָבן אויף זיך געהאַט האַלבע פּעלצלעך, באַנייט מיט גרויען טוך, ווי עס האָט געטראָגן די קלענערע שליאַכטע, הויכע שטיוול פון קאַלב-פעל און פוטערנע קאַפּיזעס, אַראָפּגערוקט אויף די אויגן.

— וואָס איז דאָס, צום טייוול! — האָט קמיטשיץ אַ ברום געטון, גוט איינגעקוקנדיק זיך אין די צוויי מענער.

— הער פּולקאָווניק — האָט סאָראָקאַ אויסגערופן — עפּעס אַ נס האָט דאָ געמוזט געשען, דאָס זענען דאָך אונדזערע מענטשן!

יענע זענען דערווייל שוין זייער נאָענט צוגעקומען, אָבער זיי האָבן נאָך נישט געקענט זען די, וואָס זענען געשטאַנען בײַ דער כאַטע, ווייל די פּעד ד האָבן זיי פאַרשטעלט.

מיטאַמאָל האָט קמיטשיץ זיך אַרויסגערוקט פון פאָרנט.

אָבער די אָנקומענדיקע האָבן אים נישט דערקענט, ווייל דאָס פּנים זיינס איז געווען אַרומגעבונדן, זיי האָבן זיך פונדעסט-וועגן צופּנעשטעלט און גענומען אים נייגעריקן אומרויק מעסטן מיט די אויגן.

— און ווו איז דער צווייטער זון, הער קעמליטש? — האָט הער אַנדזשעי געפרעגט — איז ער נישט אַמאָל גע-פאַלן?

— ווער איז דאָס? וואָס הייסט? וואָס? ווער רעדט? וואָס? — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט אַ מששונהדיקער, ווי אי-בערגעשראָקענער שטים.

און ער איז שטיין געבליבן אומבאַוועגלעך, ברייט אייפּ-מאַכנדיק דאָס מויל און די אויגן; אינדעם האָט דער זון, וועל-

כער האָט אַלס ייִנגערער געהאַט אַ שאַרפערע ראיה, מיטאַמאָל דאָס היטל פון קאָפּ אַראָפּגעכאַפּט.

— אָ, גאָט! יעזוס! טאַטע! דאָס איז דאָך דער הער פּול-קאָווניק! — האָט ער אויסגעשריגן.

— יעזוס! אָ זיסער יעזוס! — האָט דער אַלטער נאָכגעזאָגט — דאָס איז דאָך הער קמיטשיץ!!

און ביידע זענען שטיין געבליבן אין אַן אומבאַוועגלעכער פּאָזע, אין וועלכער געווייטלעכע זעלנער באַגריסן זייערע שעפן, און די פּנימער זייערע האָבן אויסגעדריקט שרעק און פאַרוווּנדערונג צוגלייך.

— האַ! ליידאַקעס! — האָט הער אַנדזשעי שמייכלענדיק געזאָגט — פון אַ פּיסטאָלעט גאָר באַגריסט איר מיך?

דאָ האָט דער אַלטער זיך אַ כאַפּ געטון און גענומען שרייען:

— קומט נאָר אַהער דאָ אַלע! קומט אַהער!

פון זיי געוויקסן האָבן זיך באַוויזן נאָך אַ פּאָר מענטשן, צווישן וועלכע עס זענען אויך געווען דער צווייטער זון פון אַלטן און דער כמאָלע-זידער; אַלע זענען געלאָפן הענדום-פּענדום מיט רייטן כלי-זיין, ווייל זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָזן, אָבער דער אַלטער האָט ווידער אויסגעשריגן:

— אויף די קני, שעלמעס! אויף די קני! דאָס איז הער קמיטשיץ! וועלכער שוטה האָט דאָס געשאָסן? גיט אים אַהער דאָ!

— דו אַליין, טאַטע, האָסט געשאָסן — האָט דער ייִנגער קעמליטש זיך אָנגערופן.

— זאָגסט ליגנט! זאָגסט ליגנט, ווי אַ הונט! הער פּולקאָווניק, ווער האָט געקענט וויסן, אַז איר, גנעדיקער האַר, זענט דאָס אין אונדזער דירה! גאָט מיינער, איך גלויב נאָך אַלץ נישט מיינע אויגן!

— איך בין עס איך אַליין! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, אויסשטרעקנדיק צו אים די האַנט.

— אָ יעזוס! — האָט דער אַלטער געענטפערט — אַזאַ

גאַס אין וואַלד. איך גלויב די אייגענע אויגן נישט! מיט וואָס וועלן מיר דאָ אייך, גנעדיקער האַר, מכבד זיין? ווען מיר זאָלן חיים!

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו די זין:

— גיט נאָר אַ לויף, ליימענע גולמס, צום קעלער און ברענגט אַרויס מעד!

— גיב, כאַטע, דעם שליסל פון שלאָס! — האָט איינער פון די זין זיך אָנגערופן.

דער אַלטער האָט גענומען זוכן אין פאַסעק און גלייכצייטיק האָט ער מיט חשד אויפן זון געקוקט.

— דעם שליסל פון שלאָס? ער מ׳קען דיך, ציגיינער; וועסט אַליין מער אויסטרינקען, ווי דו וועסט דאָ אַהער ברענגען. וואָס? כ׳וועל אַליין גיין; דעם שליסל פון שלאָס וויל ער! גייט נאָר די קלעצער אָפּוועקרוקן, און איך וועל אַליין אויפמאַכן און מעד אַרויסנעמען!

— ווי איך זע, האָסטו דיר אונטער די קלעצער אַ פּאָר בערגן קעלערל, הער קומיטש? — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— ס׳קען זיך דען עפּעס דערהאַלטן בײַ די דאָזיקע גזלנים? — האָט דער אַלטער געענטפערט, צאָרנדיק אויף די זין — דעם אייגענעם כאַטן וואָלטן זיי אויפגעגעסן. איר זעצט נאָך דאָ? גייט די קלעצער אָוועקרוקן. אַזוי פאָלגט איר דאָס דעם, וואָס האָט אייך אויף די וועלט געבראַכט?

די יונגעלייט זענען גיך געלאָפן הינטער דער כאַטע, צו די קופּעס צונויפגעלייגטע קלעצער.

— ווי תמיד, זע איך, לעבסטו מיט די זין נישט בשלום? — האָט קמיטשיק געפרעגט.

— ווער קען דאָס מיט זיי לעבן בשלום... שלאָגן, דאָס קענען זיי, שלאָגן נעמען קענען זיי, אָבער אַז מען דאַרף מיטן טאַטן זיך טיילן, מוז איך זיי פון האַלדז מיין חלק אַרויסרייסן... אַזאַ נחת האָב איך פון די בנים! אָבער יונגע זענען דאָס ווי די אָקסן! איך פאַרבעט אייך, גנעדיקער האַר, אין דער כאַטע.

ווייל דאָ ציט אַ קעלט. גאָט! און גאָט, אַזאַ גאָט! מיר האָבן דאָך אונטער אייער קאָמאַנדע מער שלל גענומען, ווי פֿאַרן דאָזיקן גאַנצן יאָר... אַן איינדאַרעניש איז איצט! אַ נויט! די ציַיטן זענען שלעכט און ווערן וואָס אַמאָל ערגער, און פֿון דעם עלטער איז אויך קיין נחת נישטאָ!... איך פֿאַרבענט אין דער באַטע, אין די נידעריקע שוועלן. גאָט! ווער וואָלט זיך דאָ אויף אייך געריכט!...

דער אַלטער קעמליטש האָט גערעדט משונהדיק גיך און מיט אַ קלאָגנדיקער שטים און תּוך־כּדי־דיבור שנעל און אומרויִק געוואָרפֿן מיט די אויגן אויף אַלע זייטן. געווען איז דאָס אַ ברייט־ביינערדיקער און ריזיקער זקן מיט אַ תּמיד פֿאַרקרומטן און ברוגזן פּנים. אויגן האָט ער, פּונקט ווי זייגע צוויי זין, געהאַט שיפֿע, געדיכטע ברעמען און וואָנסעס, אונטער וועלכע ס'האָט אַרויסגעשטאַרט אַן אומגעוויינטלעך שטאַרק אַרויסגערוקטע אונטערשטע ליפּ, וואָס ווען ער האָט גערעדט, האָט זי אים געגרייכט אַזש ביז צו דער נאָז, ווי בײַ מענטשן, וואָס האָבן קיין ציין נישט. די כּאַ־וועלקייט פֿון זיין ניגים איז געווען אַ משונהדיקע סתּירה צו דער קרעפֿטיקייט פֿון זיין פֿיגור, וואָס האָט עדות־געזאָגט וועגן אַן אומגעוויינטלעכער גבֿורה און מונטערקייט. באַוועגונגען האָט ער געהאַט גיכע, ווי פֿון אַ שפּרינג־פֿעדער; מיטן קאָפּ האָט ער כּסדר געדרייט, באַמיִענדיק זיך אַרומצונעמען מיטן אויג אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. די מענטשן ווי די זאַכן. זיין הכנעה פֿאַר קמיטשיצן איז מיט יעדער רגע געוואָרן אַלץ גרעסער, וואָס מער עס האָט זיך אין אים אָנגערופֿן די אונטערטעניקייט פֿון אַ דינער צום אַלטן האַר, די מורא, און אפשר גאָר די באַוואונדערונג, אָדער אויך די צוגעבונדנקייט.

קמיטשיץ האָט די קעמליטשעס גוט געקענט, ווייל דער פֿאָטער און די צוויי זין האָבן געדינט בײַ אים אין יענע צייטן, ווען ער האָט אין ווייסרוסלאַנד אויף אייגענער האַנט געפֿירט מלחמה מיט כאָוואַנסקין. געווען זענען דאָס זייער העלדישע, אָבער זייער אכזריות איז נישט אָפּגעשטאַנען פֿון זייער העלדיש־

קייט. דער זון, האָט אַ געוויסע צייט געטראָגן די פּאָן אין קמיט-שיצס חבֿ־ה, צּבער באַלד האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן בכבודן אַמט, ווייל ער האָט אים געשטערט צו רויבן. צווישן די וועלפּל-שפּילער און הולטאַיעס, פון וועלכע קמיטשיצס פּאַרטיי איז באַשטאַנען און וואָס האָבן באַ טאָג פּאַרפּיסעט און פאַרשפּילט דאָס, וואָס זיי האָבן באַנאַכט נאָך בלוטיקע קרבנות באַם שונא צוגערויבט, האָבן זיך די קעמפּליטשס אויסגעצייכנט מיט אַ גרויסע גיריקייט. זיי האָבן פלייסיק געקליבן דאָס צוגערויבטע האָב און גוטס און זיך באַהאַלטן אין די וועלדער. זיי זענען באַזונדערס להיט געווען נאָך פערד, וועלכע זיי האָבן שפּעטער פאַרקויפט איבער די הויפן און שטעטלעך. דער פאָטער האָט זיך געשלגן נישט ערגער פון די זין דעם צווילינג, אָבער נאָך יעדער שלאַכט האָט ער זיי אַרויסגעריסן דעם פעטסטן חלק פון שלל, קלאָגנדיק און וויינענדיק דערביי, אַז זיי באַעוולהן אים. דראָענדיק מיט אַ פאָטערלעכער קללה, קרעכצנדיק און אָכצנדיק. די זין האָבן אויף אים געוואָרטשעט, אָבער בטבֿע שוטים, האָבן זיי זיך געלאָזט טיראַניזירן. נישט געקוקט אויף די שטענדיקע מחלוקתן און אַרומרייסענישן, האָט אין דער שלאַכט איינער פאַרן צווייטן זיך מוסר-נפש געווען, נישט שפּאָרנדיק קיין בלוט. די חבֿרים האָבן זיי נישט ליב געהאַט, אָבער זיי האָבן אַלע פאַר זיי מורא געהאַט, ווייל באַ אַ צוזאַמענשטויס זענען זיי געווען שרעקלעך. אפילו די אָפיצירן האָבן אויסגעמיטן זיי צו פאַרטשעפּן. באַר איין קמיטשיק האָט אין זיי געוועקט אַן אומ אַשרייבלעכע מורא. און נאָך קמיטשיצן העכער ראַניצקי, פאַר וועלכן זיי האָבן געציטערט, ווען ער איז געוואָרן אין כעס און דאָס פנים זיינס איז באַדעקט געוואָרן מיט פלעקן. זיי האָבן ביידען נושא-פּנים געווען אויך צוליב זייער הויכן יחוס, ווייל די קמיטשיצס האָבן פון די אַלטע צייטן פאַרנומען דעם אויבן-אָן אין אָרשע, און אין ראַניצקין איז געפלאָסן סענאַטאָריש בלוט.

אין דער פּאַרטיע האָט מען געזאָגט, אַז זיי האָבן אָנגעקליבן גרויסע אוצרות, אָבער קיינער האָט נישט גוט געוווסט, צי דאָס איז אמת געווען. איינמאָל האָט זיי קמיטשיק אַרויסגעשיקט

מיט אַ פּאָר דינער און מיט אַ סטאַדע צוגעריבטע פערד — פון
דאַמאָלס אָן זענען זיי נעלם געוואָרן. קמיצעשיק האָט געמיינט, אַז
זיי זענען אומגעקומען, די זעלנער האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען
אַנטקומען מיט די פערד, ווייל דאָס איז פאַר זייערע הערצער
געווען אַ צו גרויסער נסיון. איצט, ווען הער אַנדזשעי האָט זיי
דערזען געזונטע, ווען אין דער שאָפּע לעבן דער כאַטע האָבן
עפּעס פערד געהירזשעט, און די שמחה און אונטערטעניקייט פון
אַלטן איז געווען אויסגעמישט מיט אַן אומרויִקייט, האָט הער
אַנדזשעי זיך געטראַכט, אַז די זעלנער זענען גערעכט גע-
ווען.

דערפאַר טאַקע, ווען ער איז אַרײַן אין דער כאַטע, האָט
ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן טאַפּטשאַן און אָנגענעמענדיק זיך פאַר
די זייטן האָט ער גענומען קוקן דעם אַלטן גלייך אין די אויגן
אַרײַן, דערנאָך האָט ער געפרעגט:

— קעמליטש, און ווו זענען מײַנע פערד?

— אָ יעזוס! זיסער יעזוס! — האָט דער אַלטער אַ קרעכץ
געטון — זאָלטאַרעבקאָס מענטשן האָבן צוגענומען, צעשלאָגן אונדז,
פאַרוואונדעט, צעטריבן, געיאָגט זעכצן מייל, מיר זענען קוים מיטן
לעבן אַנטקומען. אָ מאַמענו הייליקסטע! מיר האָבן שוין נישט גע-
קענט געפינען נישט אייך, נישט די פּאַרטיע. זיי האָבן אונדז
פאַריאָגט אַזש ביז אַהער, אין די דאָזיקע וועלדער, אויף דחקות
און הונגער, אין דידאָזיקע כאַלופּע, אין דידאָזיקע זומפּן... גע-
לויבט איז גאָט, וואָס איר לעבט און זענט געזונט, הגם ווי איך
זע, זענט איר פאַרוואונדעט. אפשר די וואונדן פאַרבינדן, אָפּציִענדי-
קע קרייטעכצער צולייגן... און די בנים מײַנע זענען אַוועק די
קלעצער אַוועקרוקן און מ׳זעט זיי מער נישט צוריק. וואָס טוען
זיי דאָרט, די שעלמעס? זיי זענען מסוגל די טיר אויסצוהאַקן און
צום מעד זיך צו דערקלויבן. הונגער און דחקות האָבן מיר דאָ —
מער גאָרנישט! ביט שוואַמען לעבן מיר, אָבער פאַר אייך, גנע-
דיקער הער, וועט זיך געפינען וואָס אויסצוטרינקען און צו פאַר-
בייסן... יענע פערד האָט מען אונדז צוגעכאַפּט, צוגעראַבעוועט...
נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן! און אונדז האָט מען פון דינסט באַ

איין, גנעדיקער האָר, אַוועקגעריסן; אַ שטיקל ברויט איז אויף דער עלטער נישזאַ, סיידן דער גנעדיקער האָר וועט אונדז צו־שוליען און ווידער צום דינסט אָננעמען.

— אויך דאָס קען געמאָלט זיין — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

אין דער רגע זענען אַריינגעקומען דעם אַלטנס צוויי זין: קאָסמאַ און דאַמיאַן, אַ צווילינג, גרויסע, אומגעלומפּערטע יונגען, מיט ריזיקע קעפּ, באַוואַקסן מיט אומגעהייער געדיכטע און ווי באַ אַ חזיר האַרטע, אומגלייכע ווילד־צעשויבערטע און פּאַרפּלאָנטערטע האָר, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעקט באַ די אויערן און געבילדעט פאַנטאַסטישע גזשיבעס אויף די שפּיץ־קעפּ. אַריינקומענדיק האָבן זיי זיך פּאַרהאַלטן באַ דער טיר, ווייל אין קמיטשיצס אָנוועזנהייט האָבן זיי זיך נישט דערוועגט זיך אַוועקצוזעצן, און דאַמיאַן האָט געזאָגט:

— דער צוגאַנג צום קעלער איז פריי.

— גוט — האָט דער אַלטער קעמליטש געזאָגט — כ'וועל גיין ברענגען מעד.

דאַ האָט ער די זין געגעבן אַ צייכן מיטן בליק.

— און יענע פערד האָבן זאַלטאַרענקאָס מענטשן צוגענומען — האָט ער געזאָגט, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף יעדן וואָרט.

און איז אַרויסגעגאַנגען פון דער שטוב.

קמיטשיץ האָט אַ קוק געטון אויף די צוויי יונגען, וואָס זענען געשטאַנען באַ דער טיר, ווי מיט אַ האַק פון גראָבע קלעצער אויסגעהאַקט, און מיטאַמאָל האָט ער אַ פרעג געטון:

— וואָס טוט איר איצט?

— מיר נעמען פערד! — האָבן די צווילינג־ברידער גלייכצייטיק געענטפערט.

— באַ וועמען?

— באַ וועמען עס לאָזט זיך.

— און אַממייסטן?

— באַ זאַלטאַרענקאָס מענטשן.

— דאָס איז גוט, בּאַ שונאים מעג מען נעמען, אָבּער אויב איר נעמט אויך בּאַ אייגענע, זענט איר רשעים און נישט שליאַכטשיצעס. וואָס טוט איר מיט דיראָזיקע פערד?

— דער טאַטע פאַרקויפט זיי אין פּרייסן.

— און בּאַ די שוועדן האָט זיך אייך שוין געטראָפן צוצינעמען? זענען דאָ נישט ווייט פאַרהאַן שוועדישע קאָמאַנדעס? זענט איר די שוועדן אונטערגעקומען?

— מיר זענען אונטערגעקומען.

— זענט איר יחידים בּאַפאַלן, אָדער קליינע גרופּעס? און אַז זיי האָבּן זיך אַקעגנגעשטעלט, וואָס האָט איר דעמאָלט געטון?

— מיר האָבּן געשלאָגן.

— אַהאַ! איר האָט געשלאָגן! אויב אַזוי האָבּן אי זאָלסאַרענקאָס מעגטן און אי די שוועדן חשבונות מיט אייך און ס'וואָלט אייך אוודאי טרוקן נישט אָפּגעגאַנגען, ווען איר וואָלט זיי אין די הענט אַריינגעפאַלן?

קאָסמאַ און דאַמיאַן האָבּן געשוויגן.

— אַ נעפּערלעך שפּיל פירט איר און עס פּאַסט גיכער פאַר גזלנים, איידער פאַר שליאַכטשיצעס... און מסתמא האָט איר אויך אויף זיך נאָך עפּעס אורטיילן פון די אַמאָליקע צייטן?

— אוודאי האָבּן מיר! — האָבּן קאָסמאַ און דאַמיאַן געענטפערט.

— אַזוי האָבּ איך אויך געמיינט. פון וועלכע מקומות זענט איר?

— מיר זענען היגע.

— ווו האָט דער טאַטע פריִער געוווינט?

— אין באָראָוויטשעק.

— זיינס איז געווען דאָס דערפל?

— בשותפות מיט קאָפּיסטינסקין.

— און וואָס איז מיט אים געוואָרן?

— מיר האָבּן אים צעהאַקט.

— און איר האָט געמוזט אַנטלויפן פאַרן געזעץ. בּיסער

מיט אייך, קמצליטשס, און אייער סוף וועט זיין אויף דע־
תליה! איר וועט אריינפאלן צום תלין אין די הענט אריין, אנ־
דערש קען נישט זיין!

אינדעם האט די טיר פון דער שטוב א סקריפע געטון
און דער אלטער איז אריינגעקומען, טראגנדיק א פלאש מעד און
צוויי גלעזער. אריינקומענדיק, האט ער אומרויק א קוק געטון
אויף די זין און אויפן הער קמיטשיץ און דערנאך האט ער גע־
זאגט:

— גייט דעם קעלער פארשטעלן.

דאס צווילינג איז תיכף ארויסגעגאנגען, און דער פאטער
האט אנגעגאסן מעד אין איין גלאז. דאס צווייטע האט ער גע־
לאזט ליידיק, ווארטנדיק, צי קמיטשיץ וועט אים דערלויבן צו
טרינקען מיט אים אינאיינעם

אבער קמיטשיץ האט אליין נישט געקענט טרינקען, ווייל
אפילו דאס רעדן איז אים אנגעקומען מיט מאטערניש — אזוי
האט אים די ווונד געפייניקט. זעענדיק דאס האט דער אלטע־
געזאגט:

— עס טרינקט זיך נישט, ווען די ווונד ברענט. סיידן זי
אליין באגיסן, כדי זי זאל זיך גיכער אויסברענען. איר וועט מיר,
גנעדיקער הער, דערלויבן זי צו באטראכטן און צו פארבינדן,
ווייל איך קען מיך דערויף נישט ערגער פון א רופא.

קמיטשיץ האט מסכים געווען, און קעמליטש האט אראפ־
גענומען די באנדאזשן און גענומען גוט קוקן.

— די הויט איז אפגעריבן, דאס איז גארנישט! די קויל
איז אויבן־אויף דורכגעגאנגען, אבער ס'איז פונדעסטוועגן אנגע־
לאפן.

— און דאס טוט טאקע וויי.

— אבער עס זענען דאך נאך קיין צוויי טעג נישט אריי־
בער. כאטע הייליקסטע! עמעצער האט זייער נאנט געמוזט צו
אייך שיסן.

— פון וואס דרינגסטו דאס?

— ווייל דער גאנצער פולווער האט אפילו נישט באוויזן

פאַרברענט צו ווערן און די קעגנדליך, ווי שוואַרץ-קימל, שטעקן אונטער דער הויט. דאָס וועט אייך שוין בלייבן. איצט דאַרף מען נאָר ברויט מיט שפּין-וועבעכץ צולייגן. זייער נאָנט האָט עמעצער געשאָסן, גוט, וואָס ער האָט אייך נישט דערהרגעט!

— ס'איז מיר נאָך נישט געווען באַשערט. נעם-זשע און פאַרקנעט ברויט מיט שפּין-וועבעכץ, הער קעמליטש, און לייג צו וואָס גיכער, ווייל איך דאַרף מיט דיר רעדן, און דאָס מויל טוט וויי.

דער אַלטער האָט מיט חשד אַ קוק געטאָן אויפן פּאָלקאָוו-ניק, ווייל אין האַרצן האָט ער מורא באַקומען, אַז דערדאָיקער שמועס זאָל ווידער נישט נוגע זיין די פערד, וואָס זענען בלומרשט דורך די קאָזאַק צוגענומען געוואָרן, דאָך האָט ער באַלד זיך גענומען צו דער אַרבעט; האָט צוערשט אויסגעקנעטן באַנעצט ברויט. און היות ווי קיין דוחק אין שפּין-וועבעכץ איז אין דער כאַטע נישט געווען, האָט ער קמיטשיצן באַלד פאַר-באַנדאַזשירט.

— ס'איז מיר איצט גוט — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — זעץ דיך, הער קעמליטש.

— ווי דער האַר פּאָלקאָווניק באַפעלט — האָט דער אַלטער געענטפערט, זיך געזעצט אויפן עק באַנק און אומרויק אויסגע-צויגן זיין גראָען, חזיר האָריקן קאָפּ צו קמיטשיצן.

אָבער אַנשטאָט צו פרעגן אָדער רעדן, האָט קמיטשיץ גע-נומען דעם קאָפּ אין די הענט אַריין און זיך טיף פאַרטראַכט. דערנאָך האָט ער זיך אויפגעשטעלט און גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב; ווײַלנווייז האָט ער זיך פאַרהאַלטן פאַר קעמליטשן און געקוקט גלייך אים מיט אַ צעטראָגענעם בליק; אַפּנים, ער האָט זיך עפּעס איבערגעלייגט, געשלאָגן זיך מיט דער דעה. דער-ווייל איז אַריבער אַ האַלבע שעה; דער אַלטער האָט זיך געדרייט וואָס אַמאָל אומרויקער.

מיטאַמאָל האָט קמיטשיץ זיך פאַר אים אָפּגעשטעלט.

— הער קעמליטש — האָט ער געזאָגט — וווּ שטייען דאָ אַם נאָענטסטן יענע פּולק, וואָס האָבן זיך קעגן ווילנער פירשט וואָ-יעוואָדע צעבונטעוועט?

דער אַלטער האָט פאַרדעכטיק גענומען פינטלען מיט די אויגן.

— דער גנעדיקער הער וויל דען צו זיי פאָרן?

— איך בעט דיך נישט. אַז דו זאָלסט פרעגן, נאָר אַז דו זאָלסט ענטפערן.

— מ׳זאָגט, אַז איין פּולק וועט אין שטשוטשין זיך אָפּשטעלן אויף קוואַרטיר, דער זעלבער, וואָס איז דער לעצטער דאָרום פון זשאַמעט דורכגעגאַנגען.

— ווער האָט געזאָגט?

— די מענטשן פון דאָזיקן פולק גופא.

— ווער האָט מיט אים אָנגעפירט?

— הער וואָלאָדיאָווסקי.

— איז גוט. רוף מיר סאָראָקאָן.

דער אַלטער איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיטן וואַכמײַסטער.

— די בריוו האָבן זיך געפונען? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— זיי זענען נישטאָ, הער פּולקאָווניק — האָט סאָראָקאַ געענטפערט.

קמיטשיץ האָט אַ קנאַק געטון מיט די פינגער.

— עי, אַן אומגליק! אַן אומגליק! קענסט גיין, סאָראָקאַ. דערפאַר וואָס איר האָט דידאָזיקע בריוו פאַרלוירן, זענט איר ווערט, אַז מ׳זאָל אײַך אויפהענגען. קענסט גיין. הער קעמליטש, האָסט דאָ אויף וואָס צו שרײַבן?

— עס וועט זיך אוודאי געפינען — האָט דער אַלטער געענטפערט.

— כאַטש אַ צוויי בלעטלעך און פעדערן.

דער אַלטער איז נעלם געוואָרן אין דער טיר פון דער קאַמער, וועלכע איז אָפּנים געווען אַ לאַגער פון כּל-המינים זאַכן, אָבער ער האָט לאַנג געזוכט. קמיטשיץ האָט דערווײַל געשפּרייזט איבער דער שטוב און גערעדט מיט זיך אַליין.

— צי די ברייוו זענען דאָ צי זיי זענען נישטאָ (האָט ער געזאָגט), דער העטמאַן ווייסט נישט, אַז זיי זענען אויעקגעקומען און ער וועט מורא האָבן, אַז איך זאָל זיי נישט פאַרעפנטלעכן. כ'האָב אים אין דער האַנט... כיטרעקייט פאַר כיטרעקייט! איך וועל אים דראָען, אַז איך וועל זיי צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע שיקן. יאָ, איך האָף צו גאָט, אַז ער וועט זיך דערפאַר דערשרעקן.

די ווייטערדיקע געדאַנקען האָט אים איבערגעהאַקט דער אַלטער קעמליטש, וועלכער איז אַרויס פון דער קאַמער און געזאָגט:

— בלעטלעך איז פאַראַן דריי, אָבער קיין פעדערן אין טינט איז נישטאָ.

— קיין פעדערן איז נישטאָ? און פייגל וועלכע־עס־איז איז נישטאָ אין וואַלד? כאָטש פון אַ ביקס דערשיסן.

— פאַראַן אַ צוגעבונדענער יאַסטרעב איבער דער שאַפע.

— גיי ברענג אַ פליגל!

קעמליטש איז וואָס גיכער אַרויסגעלאָפן, ווייל אין קמיטשיצס שטים האָט זיך געפילט אַן אומרויקייט און פיבערהאַפטיקייט. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ פליגל פון אַ יאַסטרעמב. קמיטשיץ האָט אים אַ כאַפ געטון האָט אַרויסגעריסן דעם קנאָכן און גענומען אים פאַרשניצן מיט דער אייגענער שווערט.

— ס'וועט גוט זיין! — האָט ער געזאָגט, קוקנדיק בײַם ליכט — אָבער ס'איז לייכטער די קעפ בײַ מענטשן צו פאַרשניידן, איידער אַ פעדער! און איצט דאַרף מען טינט.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַרויפגעשאַרצט דעם אַרבל, זיך אַ שטאַרקן שטאָך געטון און איינגעטונקען די פעדער אין בלוט.

— טראָג דיך אָפּ, העמליטש — האָט ער געזאָגט — און לאָז מיך דאָ אַליין.

דער אַלטער איז אַרויס פון שטוב, און הער אַנדזשעי האָט באַלד זיך גענומען שרייבן:

„איך קינדיק אייך די דינסט, גנעדיקער הער פירשט, ווייל בוגדים און אַפּטריניקעס וויל איך מער נישט דינען. און זאָג, וואָס איך האָב געשוווירן אויפֿן צלם. אַז איך וועל אייך, גנעדיקער הער פירשט, נישט פֿאַרלאָזן, וועט מיר גאָט דאָס פֿאַרגעבן — און ווען אפֿילו ער זאָל מיך שטראָפֿן, וויל איך בעסער פֿאַר מיין פֿעלער צאָפּלען, איידער פֿאַר אַ בײַשפּילעכער און ב־יוועדיקער בגידה קעגן פֿאָטערלאַנד און דעם האַר מיינעם. איר האָט מיך, גנעדיקער הער פירשט, באַשווינדלט, אַז איך בין געווען ווי אַ בלינד כּלי־זיין אין אייערע הענט, גרייט צו פֿאַרגיסן ברידערלעך בלוט. איך רוף אייך דעריבער צו גאָטס משפּט, און זאָל מען פּסקענען, אויף וועמענס זייט ס'איז געווען אַ בגידה, און אויף וועמענס זייט אַ ריינע כּוונה. און אויב מיר וועלן זיך טרעפֿן, אַז הגם איר זענט מוחלט און קענט נישט בלויז אַ פּריוואַטן מענטש נאָר אויך דער גאַנצער רעפּובליק צום טויט אַ בּיס טון, און איך האָב בלויז אַ שווערט אין דער האַנט, וויל איך פֿונדעסטוועגן דאָס מיינע מאָנען און דעם גנעדיקן הער פירשט פֿאַרפֿאָלגן, צו וואָס עס וועלן מיר כּוחות צוגעבן מיין פּאַרדרוס און עגמת־נפש. און דאָס ווייסט איר דאָך שוין, גנעדיקער הער פירשט, אַז איך בין פֿון די, וואָס קענען שאַטן ברענגען אויך אָן הויף־פֿאַלקן, אָן שלעסער און אָן האַרמאַטן. ווי לאַנג איך וועל לעבן, אַזוי לאַנג וועל איך זוכן זיך נוקם צו זיין אין אייך אַזוי, אַז איר וועט קיין איין טאָג קיין איין שעה נישט קענען רויק זיין. דאָס וועט זיכער אַזוי זיין, ווי זיכער עס איז, אַז דאָס בלוט, מיט וועלכן איך שרייב, איז מיין אייגן בלוט. איך האָב אייערע בריוו, וועלכע קענען אייך, גנעדיקער הער פירשט, נישט בלויז באַם פּוילישן קעניג, נאָר אפֿילו אויך באַ די שוועדן באַגראָבן, ווייל אין זיי זעט מען בולט אייער בגידה קעגן דער רעפּובליק, און אויך דאָס, אַז איר זענט גרייט אויך פֿון די שוועדן אָפּצוטרעטן, ווי נאָר עס וועט זיך זיי אַ פֿוס אויסגליטשן. ווען איר זאָלט אפֿילו צוויי מאָל אַזוי מעכטיק זיין — איז אייער אונטערגאַנג אין מיין האַנט, ווייל אונטערשריפֿטן און חתימות מוז יעדער גלייבן. איך זאָג אייך דעריבער אָן, גנעדיקער הער פירשט, אָט וואָס: אויב עס וועט

דאָרט אַ האָר גערירט ווערן פון די קעפּ, וואָס איך האָב ליב און וועלכע זענען אין קיידאַני געבליבן, וועל איך יענע בריוו און דאָקומענטן צום הער סאַפּיעהאַ אַוועקשיקן, און קאָפּיעס וועל איך לאָזן אָפּדרוקן און איבערן לאַנד פונאַנדערוואַרפן. איר האָט, גנעדיקער הער פירשט, די ברירה; אָדער נאָך דער מלחמה, ווען ס'וועט אין דער רעפּובליק רויק ווערן, מיר די ביעוויטס אָפּגעבן, און אייך די בריוו, אָדער אויב איך וועל אַ שלעכטע בשורה הערן, וועט זיי דער הער סאַפּיעהאַ באַלד ווייזן פּאַנטוסן. דער גנעדיקער הער פירשט באַגערט די קרוין, איך ווייס אָבער נישט, צי עס וועט זיין אויף וואָס זי אַרויפצולייגן, ווען דער קאָפּ וועט פון אַ פּוילישער אָדער שוועדישער האַק אַראָפּפאַלן. בעסער, דאַכט זיך מיר, צו מאַכן אַ טויש — ווייל הגם איך וועל אויף דער נקמה אויף שפּעטער נישט מוותר זיין, וועלן מיר זיך אָבער שוין נאָר בצנעה אָפּרעכענען. איך וואָלט פאַר אייך גאָט געבעטן, ווען נישט דאָס, וואָס איר אַליין רופט בעסער צו הילף דעם טייוול, איידער גאָט. — קמיטשיץ!

„פּס די קאָנפעדעראַטן וועט איר, גנעדיקער הער פירשט, נישט פאַרמעגן, ווייל עס וועלן זיך געפינען אַזעלכע, וואָס פאַרלאָזנדיק דעם טייוול און דינענדיק גאָט, וועלן זיי זיי מתרה זיין, אַז זיי זאָלן נישט טרינקען קיין ביר נישט אין אָזשעל און נישט אין זאַבלודאָוו.

דאָ איז הער קמיטשיץ פון אָרט אויפגעשפּרונגען און גענומען שפּאַנען איבער דער שטוב. דאָס פּנים האָט אים געברענט, ווייל דער אייגענער בריוו האָט אים ווי אַ פייער אָנגעגליט. דערדאָזיקער בריוו איז געווען ווי אַ מאַניפעסט פון אַ מלחמה מיט די ראַדזיווילס, און דאָך האָט הער קמיטשיץ אין זיך געשפּירט עפּעס אַן אומגעוויינטלעכן כוח און ער איז גרייט געווען, אפילו אין דער רגע, זיך צו שטעלן אויג-אויף-אויג מיט דער מעכטיקער משפּחה, וואָס האָט געטרייסלט מיטן גאַנצן לאַנד. ער, אַ פּראָסטער שליאַכטשיץ, אַ פּראָסטער ריטער, ער אַ פאַרשטויסענער און פון געזעץ פאַרפאָלגטער, ער, וועלכער האָט פון ערגעץ זיך נישט גערעכט אויף קיין הילף, האָט מיט אַלעמען געהאַט צו טון,

אַזוי, אַז מ'האָט אים אימעטים געהאַלטן פאַר אַ שונא; ער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג באַזיגט געוואָרן, האָט איצט געשפּירט אין זיך אַזאַ מאַכט, אַז ער האָט שוין ווי מיט אַ נביאישן אויג געזען די מפּלה פון די פירשטן יאַנוש און באָגוסלאַוו און דעם צייגענעם נצחון. ווי אַזוי ער וועט פירן די מלחמה, וווּ ער וועט געפינען פאַרבינדעטע, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער וועט מנצח זיין, האָט ער נישט געוווּסט — נאָך מער: ער האָט זיך אפילו איבער דעם נישט פאַרטראַכט. ער האָט נאָר טיף געגלייבט, אַז ער טוט דאָס, וואָס ער דאַרף טון, אַז דער יושר און די גערעכטיקייט, און דערפאַר אויך גאָט, וועלן זיין מיט אים. דאָס האָט אים דורכגעדרונגען מיט בטחון אָן אַ מאָס און אָן אַ גרענעץ. אויף דער נשמה איז אים אַ סך גרינגער געוואָרן. עפּעס ווי פולשטענדיק נייע געביטן וואָלטן זיך פאַר אים געעפנט. ער דאַרף זיך נאָר זעצן אויפן פערד און פאָרן אַהין, און ער וועט דערפאָרן צו כבוד, צו רום און צו אַלענקאַן.

— קיין האָר פון קאָפּ וועט דאָך איר נישט גערירט ווערן — האָט ער זיך איבערגעחזרט מיט עפּעס אַ פיבערדיקער פרייד — די בריוו וועלן זי באַשיצן... דער העטמאַן וועט זי היטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ... ווי איך אַליין! אָט האָב איך זיך אַ גוטע עצה געגעבן! אַ נעבעכדיקער ווערעמל בין איך, אָבער פאַר מיין ביס וועלן זיי מורא האָבן.

— מיטאַמאָל איז אים איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק:

— און אפשר גאָר איך צו איר שרייבן? דער שליח, וואָס וועט אָפּפירן דעם בריוו צום העטמאַן, קען אַ בלעטל פּאַפּיר אויך איר בסוד איבערגעבן. פאַר וואָס זאָל איך איר טאָקע נישט געבן צו וויסן, אַז איך האָב איבערגעריסן מיט די ראַדזיווילס און אַז איך גיי זוכן אַן אַנדערע דינסט?

דערדאָזיקער געדאַנק איז אים אין פלוג שטאַרק געפעלן געוואָרן. גייענדיק זיך אויפסניי אַ שניט אין דער האַנט, האָט ער איינגענעצט די פעדער און גענומען שרייבן: „אַלענקאַ, איך בין שוין נישט ראַדזיווילס דינער, ווייל איך האָב סוף־כל־סוף איי־

געזען...״ אָבער ער האָט מיטאַמאָל איבערגעריסן — אַ ווײַלע געטראַכט און דערנאָך געזאָגט צו זיך אַליין:

— זאָלן מעשים און נישט ווערטער פֿון איצט אָן עדות זאָגן פֿאַר מיר; כ'וועל נישט שרײַבן!

און ער האָט צעריסן דאָס פּאַפּיר.

דערפֿאַר האָט ער אויפֿן דריטן בלעטל פּאַפּיר אָנגעשריבן אַ קורצן בריוו צו וואָלאָדיאָוסקין, אין פֿאָלגנדיקע ווערטער:

„גנעדיקער הער פּאָלקאָווניק! דער אונטערגעשריבענער פּרינץ איז מת־ה, אַז איר זאָלט זיך היטן, אַזוי איר, גנעדיקער הער, און אַזוי אויך די איבעריקע פּאָלקאָווניקעס. עס זענען געווען בריוו פֿון העטמאַן צום פּרינץ באָגוסלאַוו און צום הער האַראַסימאָוויטש, אַז מ'זאָל אײַך פֿאַרסמען, אָדער הייסן די פֿירערן אײַך אויף די קוואַרטירן אויסהרגענען. האַראַסימאָוויטש איז נישטאָ, ווײַל ער איז מיטן פּרינץ באָגוסלאַוו קיין פּרײַסן, קיין טילזשאַ אַרויסגעפֿאָרן, אָבער עטלעכע באַפֿעלן קענען זײַן אויך צו אַנדערע קאָמענדאַנטן. פֿאַר זיי זאָלט איר זיך, גנעדיקע הערן, היטן. איר זאָלט דעריבער פֿון זיי גאָרנישט אָננעמען און אין די נעכט אָן אַ שמירה נישט שלאָפֿן. איך ווייס אויך זיכער, אַז דער הער העטמאַן וועט באַרוב מיט חיל מאַרשירן אויף אײַך, ער וואַרט נאָר אויף די טויזנט פֿינפֿהונדערט רייטער, וואָס דער גענעראַל דע לאַ גאַרדי זאָל אים צושיקן. גיט דעריבער אַכטונג, אַז ער זאָל אײַך אומגעריכט נישט באַפֿאַלן און אײַנצלווײַז נישט פֿאַרטיליקן. און דאָס בעסטע איז צו שיקן זיכערע מענטשן צום הער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, אַז ער זאָל מיט זײַן פּערזאָן וואָס גיכער אָנקומען און די קאָמאַנדע איבער אַלע איבערנעמען, דאָס איז די עצה פֿון אַ גוטן פּרינץ — גלויבט אים! דערווײַל האָט זיך צוזאַמען, און איין פּולק זאָל נישט ווײַט פֿון צווייטן אַ קוואַרטיר זיך אויסזוכן, כּדי איר זאָלט איינער דעם צווייטן קענען גיין צו הילף. דער העטמאַן האָט ח־יביק רייטער, נאָר אַ ביסל דראַגונער און קמיטשיצעס מענטשן, וועלכע זענען אָבער אומזיכער. קמיטשיץ אַליין איז נישטאָ, דער העטמאַן האָט פֿאַר אים עפּעס אַן אַנדערע שליחות צוגעטראַכט, ווײַל אַ סברה, אַז ער טרויט אים

שוין נישט. ער איז אויך נישט אַזאַ בוגד, ווי מ'זאָגט, נאָר אַ פאַרפירטער. זאָל גאָט אייך שיצן. — באַביניטש."

הער אַנדזשעי האָט נישט געוואָלט חתמענען אויפן בריוו דעם אייגענעם נאָמען, ווייל ער האָט געוואָלט, אַז ער מוז באַ יעדן אַרויסרופן אַן עקל, און באַזונדערס אַן אימצוטורי. „אויב זיי פאַרשטייען (האָט ער זיך געטראַכט), אַז ס'איז בעסער פאַר זיי צו אַנטלויפן פאַרן העטמאַן, איידער צוזאַמען אים דעם וועג צו פאַרלויפן, איז אויב זיי וועלן דערזען מיין נאָמען, וועלן זיי באַלד חושד זיין, אַז איך וויל זיי בפירוש צונויפקלייבן אין איין מחנה, כדי דער העטמאַן זאָל מיט איין קלאַפּ קענען מיט זיי אַן עק מאַכן; זיי וועלן מיינען, אַז דאָס איז אַ נײַ שפּיצל, אָבער פון עפּעס אַ באַביניטש וועלן זיי גיכער די התראה אָננעמען".

און באַביניטש האָט זיך הער אַנדזשעי אַ נאָמען געגעבן פון דעם שטעטל באַביניטשע, וואָס ליגט נישט ווייט פון אָרשע און וועלכעס האָט פון קדמונים־אָן געהערט צו די קמיטשיצס.

נאָכדעם ווי ער האָט געהאַט אָנגעשריבן דעמדאָזיקן בריוו, אין וועלכן ער האָט צום סוף צוגעגעבן אַ פּאָר אומד, ייסטע ווערטער צו זיין פאַטיידיקונג, האָט ער אויפן האַרצן דערשפּירט אַ ווייטע פאַרלייכטערונג אויפן געדאַנק, אַז שוין מיטן דאָזיקן בריוו טוט ער די ערשטע טובה נישט בלויז דעם הער וואָלאָדיאָווסקי און זיינע פריינט, נאָר אַלע פּאָלקאָווניקעס, וועלכע האָבן דאָס פאָטערלאַנד צוליב ראַדזיווילן נישט געוואָלט אָוועקוואַרפן. עס האָט דערביי געפילט, אַז דערדאָזיקער פאָדעם וועט זיך ווייטער וועבן. דער מצב, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן, איז כאָטש געווען אַ שווערער, שיער נישט אַ פאַרצווייפלטער, עס האָט זיך אָבער פאָרט געפונען עפּעס אַן עצה, עפּעס אַן אויסוועג, עפּעס אַ שמאָל שטעגל, וועלכעס האָט געקענט אויפן שליאַך אַרויספירן.

איצט אָבער, ווען ער איז בטוח געווען, אַז אָלענקאַ איז באַוואָרנט פון פירשט וואָיעוואָדעס נקמה, און די קאָנפעדעראַט

פון אַן אומגעריכטן אָנפאַל, האָט הער אַנדזשעי זיך גופא גע־
שטעלט די פראַגע וואָס ער אַליין וועט טון.

ער האָט איבערגעריסן מיט די בוגדים, פאַרבראַכט הינטער
זיך די בריקן, געוואָלט איצט דעם פּאָטערלאַנד דינען, ברענגען
אים פאַר אַ קרבן די כוחות, דאָס געזונט, דאָס לעבן — אָבער
ווי אַזוי זאָל ער דאָס טון? פון וואָס אָנהייבן? צו וואָס זיך
נעמען?

און ווידער איז אים איינגעפאַלן:

— גיין צו די קאָנפעדעראַציע...

— אָבער אויב זיי וועלן אים נישט אויפנעמען, אויב זיי
וועלן אים פאַר אַ בוגד אויסרופן און צעהאַקן, אָדער, וואָס עס
איז נאָך ערגער, מיט חרפה פאַרטרייבן?

— וויל איך שוין בעסער, אַז זיי זאָלן מיך צעהאַקן —
האָט הער אַנדזשעי אויסגעשריגן און זיך אָנגעצונדן פון בושה
און געפיל פון אייגענער שאַנד — צפנים, ס'איז לייכטער אָלענ־
קאָן, ס'איז לייכטער די קאָנפעדעראַטן מציל צו זיין, איידער דעם
אייגענעם רום.

דאָ ערשט האָט זיך אָנגעהויבן די אמתע פאַרצווייפ־
לונג.

און ווידער האָט די ריטערלעכע נשמה גענומען ברויזן.

— קען איך דען נישט טון דאָס, וואָס איך האָב כאָוואַנס־
קין געטון? — האָט ער צו זיך געזאָגט — כ'וועל אַ מחנה צו־
נויפקלויבן, כ'וועל די שוועדן באַפאַלן, ברענען, שניידן. דאָס איז
פאַר מיר קיין נייעס נישט: קיינער האָט זיך זיי נישט אַקעגנ־
געשטעלט, איך וועל זיך אַקעגנשטעלן, ביז עס וועט קומען אַ
מאָמענט, אַז פּונקט ווי ליטע האָט אַנומעלט געפרעגט, אַזוי וועט
איצט די גאַנצע רעפּובליק פרעגן, ווער עס איז יענער ריטער,
וועלכער האָט איינער אַליין געוואַגט דעם לייב אין פּיסק אַריין צו
קריכן? דעמאָלס וועל איך דאָס היטל אַראָפּנעמען און זאָגן:
„קוקט, דאָס בין איך, קמיטשיץ!"

און ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ ברענענדיקער חשק צו
דער דאָזיקער בלוטיקער אַרבעט, אַז ער האָט שוין געוואָלט פון

דער שטוב צעוויסלויפן, די קעמליטשס, זייערע דינער, זיינע אייגענע מענטשן הייסן אויף די פערד זיך זעצן און זיך לאָזן אין וועג אַריין.

אָבער נאָך איידער ער איז צו דער טיר דערגאַנגען, האָט ער מיטאַמאָל דערשפּירט, ווי עפּעס וואָלט אים אַ שטויס געטון אין דער ברוסט און אָפּגעשטופּט פון דער שוועל. ער איז געבליבן שטיין אינמיטן שטוב און געקוקט פאַר זיך אַ פאַרחוונדערטער.

— וואָס הייסט? וועל איך דען דערמיט אויף די זינד נישט מכפר זיין?

און ער האָט גענומען זיך אויסטענהן מיטן אייגענעם געוויסן.

— און ווו איז די אָפּקומעניש פאַר די זינד? — האָט דאָס געוויסן געפרעגט — דאָ דאַרף מען עפּעס אַנדערש!

— וואָס? — האָט קמיטשיץ געפרעגט.

— מיט וואָס קענסטו דען פאַרגלעטן די זינד, אויב נישט מיט אַ שווערער און אומגעהייערער דינסט, אָבער אַ כשרער און לויטערער ווי אַ טרער... הייסט דען דאָס דינסט, ווען מען קלייבט צונויף אַ מחנה און מען בושעוועט מיט איר ווי אַ וויכער איבער פעלדער און וועלדער? ציט עס דען דיך צו איר נישט דערפאַר, ווייל עס שמעקן דיר רציחות, ווי אַ הינט געבראָטנס? דאָס איז אַ פאַרוויילונג, און נישט קיין דינסט — אַ יום-טוב, און נישט קיין מלחמה, אַ רויבעריי און נישט קיין פאַרטיידיקונג פון פאָטערלאַנד! דו האָסט טאַקע אַזוי געטון כאָוואַנסקין, אָבער וואָס האָסטו אויסגעפירט? די גזלנים, וואָס ווילדעווען איבער די וועלדער, זענען אויך גרייט צו באַפאַלן די שוועדישע קאָמאַנדעס, און פונוואַנען ווערסטו דען נעמען אַנדערע מענטשן? דו ווערסט די שוועדן צעקלאַפּן, ווערסט אָבער אויך די בירגער צעקלאַפּן, דורך דיר וועט אַ נקמה זיי טרעפן און וואָס ווערסטו האָבן אויפגעטון? מיט אַבי-וואָס ווילסטו דיך, שוטה, פון אַרבעט און פון אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד אַרויסדרייען!

אַזוי האָט אין האַרץ קמיטשיץ גערעדט דאָס געוויסן, און

הער קמיטשיק האָט געזען, אַז ער איז גערעכט און אַ כעס האָט אים אָנגענומען און ער האָט געהאַט טענות אויפֿן אייגענעם געוויסן דערפֿאַר, וואָס עס האָט אַזאַ ביטערן אמת געזאָגט.

— וואָס זאָל איך טון? — האָט ער צום סוף געזאָגט — ווער וועט מיר אַן עצה געבן, ווער וועט מיך אַרויסראַטעווען?

דאָ האָבן זיך די קני עפּעס גענומען בייגן אונטערן הער אַנדזשעי, ביז ער האָט צום סוף אַנידערגעקניט באַם טאַפּטשאַן און גענומען הויך מתפּלל זיין און בעטן פֿון גאַנצן האַרץ און נשמה:

— יעזוס קריסטוס, ליבער האַר — האָט ער געזאָגט — פּונקט ווי דו האָסט זיך אויפֿן קרייץ איבערן רשע דערבאַרעמט, אַזוי זאָלסטו זיך אויך איבער מיר דערבאַרעמען. אָט וויל איך זיך פֿון מיינע עבֿרות ריינוואַשן, אַ ניי לעבן אָנהייבן און ערלעך דעם פּאַטערלאַנד דינען, אָבער איך ווייס נישט ווי אַזוי, ווייל איך בין אַ נאַר. כ׳האָב געדינט יענע בוגדים, האַר, איך נישט אַזוי פֿיל פֿון רשעות, ווי טאַקע פֿון נאַרישקייט; גיב מיר שכל, גיב מיר מוט, טרייסט מיך אין מיין יאוש און ראַטעווע מיך אין דיין גנאָד, ווייל איך וועל אויסגיין...

דאָ האָט הער אַנדזשעיס שטים אַ ציטער געטון, ער האָט גענומען זיך קלאַפּן אין די ברייטע ברוסט אַריין, אַז עס האָט אַזש געהילכט אין דער שטוב. און ער האָט איבערגעחזרט:

— זיי גנעדיק צו מיר, דעם זינדיקן בשר־ודם! זיי גנעדיק צו מיר, דעם זינדיקן בשר־ודם! זיי גנעדיק צו מיר, דעם זינדיקן בשר־ודם!

דערנאָך האָט ער די הענט צונויפֿגעלייגט און אויסציענדיק זיי אין דער הויך, האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

— און דו, הייליקסטע בתולה, וואָס די אַפּיקורסים אין דאָזיקן פּאַטערלאַנד האָבן דיין כּבֿוד פֿאַרשוועכט, זיי מיר מליץ־יושרטע באַ דיין זון, נידער אַראָפּ צו מיין רעטונג, פֿאַרלאָז מיך נישט אין מיין אַנגסט און נויט, כּדי איך זאָל דיר קענען דינען, פֿאַר דיין פֿאַרשוועכונג נקמה נעמען און אין דער שעה

פון גסיסה דיך האָבן פאַר אַ באַשיצערין בײַ דער אומגליקלעכער נשמה מײַנער!

און ווען הער קמיטשיץ האָט אַזוי געבעטן, האָבן טרערן ווי די אַרבעס גענומען אים פון די אויגן פאַלן, צום סוף האָט ער דעם קאָפּ אויפן טאַפּטשאַן אַראָפּגעלאָזט און אַזוי האָט ער שטילשווײַגנדיק געקניט, גלײַך ווי ער וואָלט געוואַרט אויף אַ תשובה, צי זײַן הייסע תפילה איז פאַרנומען געוואָרן. עס איז געוואָרן שטיל אין שטוב און נאָר אַ שטאַרק גערויש פון די באַנטע סאָסנעס האָט זיך דערטראָגן פון דרויסן. פּלוצלינג האָבן אונטער שווערע טריט די שפּענער הינטערן פענסטער אַ סקריפּע געטון און צוויי שטימען האָבן גענומען שמועסן:

— און וואָס מיינט איר, הער וואַכמײַסטער, ווי וועלן מיר פונדאַנען פאָרן?

— ווייס איך דען? — האָט סאָראָקאַ געענטפערט — מיר וועלן פאָרן און פטור! אפשר העט צום קעניג, וועלכער קוועטש אונטער דער שוועדישער האַנט.

— איז טאַקע אמת, אַז אַלע האָבן אים פאַרלאָזט?

— אָבער דער האַר גאָט האָט אים נישט פאַרלאָזט.

קמיטשיץ האָט זיך מיטאַמאָל פון טאַפּטשאַן אויפגעשטעלט, און דאָס פּנים איז בײַ אים געווען קלאָר און רויִק; ער איז געגאַנגען גלײַך צו דער טיר און עפענענדיק די טיר פון פעדערהויז, האָט ער געזאָגט צו די זעלנער:

— די פערד אָנגרייטן! שוין צייט אין וועג אַרײַן!

9 קאַפּיטל.

באַלד איז געוואָרן אַ באַוועגונג צווישן די זעלנער, וועלכע האָבן גערן געהאַלט אַרויספאָרן פון וואַלד אין די ווייטע וועלט אַריין, בפרט, אַז זיי האָבן נאָך מורא געהאַט, אַז באָגוסלאַוו ראַדזיוויל זאָל זיי נישט באַכיאָגן און דער אַלטער קעמליטש איז אַהער אין דער כאַטע, פאַרשטייענדיק, אַז קמיטשיץ וועט אים דאַרפן.

— איר ווילט פאָרן, גנעדיקער האַר? — האָט ער אַריינקומענדיק געזאָגט.

— יאָ! פיר מיך אַרויס פון וואַלד. דו קענסט דאָ אַ וועג?

— כ'קען, כ'בין אַ היגער... און וווהין ווילט איר דען פאָרן, גנעדיקער האַר?

— צום האַר קעניג.

דער אַלטער האָט זיך צוריקגעצויגן מיט פאַרוווּנדערונג.

— וואָס הער איך! — האָט ער אויסגעשריגן — צו וועלכן קעניג, גנעדיקער האר?

— אוודאי נישט צום שוועדישן.

קעמליטש האָט נישט בלויז זיך נישט באַרויקט, נאָר גענומען זיך צימען.

— דער גנעדיקער האר ווייסט משמעות נישט, וואָס די מענטשן דערציילן, אַז דער האַר קעניג האָט זיך באַהאַלטן אין שלעזיע, ווייל אַלע האָבן אים פאַרלאָזט. אפילו קראָקע איז באַלאַגערט.

— מיר וועלן פאָרן קיין שלעזיע.

— אָבער ווי אַזוי וועט איר זיך דורך די שוועדן דורכקריגן?

— צי ווי אַ שליאַכטשיק, צי ווי אַ פויער, צי אויפן זאָטל, צי צו פוס, אַלץ איינס, אַבי זיך דורכקריגן!

— דאָס וועט דאָך אויך זייער לאַנג דויערן...

— מיר האָבן גענוג צייט... אָבער איך וואָלט וועלן, וואָס גיכער...

קעמליטש האָט אויפגעהערט זיך צו חידושן. דער אַלטער איז געווען צו כיטרע, אַז ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן, אַז עס זיינען פאַראַן עפּעס אַ ספּעציעלער און סודותדיקער טעם אין הער קמיטשיצס דאָזיקער אונטערנעמונג און באַלד האָבן טויזנטער השערות גענומען זיך אים שטופּן אין קאָפּ אַריין. היות אָבער ווי קמיטשיצס זעלנער, אויף וועלכער הער אַנדזשעי האָט גוזר געווען צו שווייגן, האָבן גאָרנישט געזאָגט נישט דעם אַלטן און נישט זיינע זין וועגן פּרווו צו פאַרכאַפּן דעם פירשט באָגוסלאַוו, האָט זיך אים צום מיינסטן געלייגט אויפן שכל די סברה, אַז דער ווילנער פירשט וואָיעוואָדע שיקט אוודאי אַרויס דעם יונגן פּולקאָווניק מיט אַ שליחות צום קעניג. עס האָט אים אין דער דאָזיקער מיינונג באַפעסטיקט באַזונדערס דאָס, וואָס ער האָט קמיטשיצן געהאַלטן פאַרן הייטמאַנס אַ הייסן אָנהענגער און וועגן זיינע פאַרדינסטן פאַרן העטמאַן האָט ער געוווסט, ווייל די צעבונטעוועטע פּולקן האָבן פונאַנדערגעטראָגן וועגן אים ידיעות איבער דער

אונזער פּאָלעסיער וואָיעוואָדסטווע, מאַכנדיק קמיטשיצן אַ שכן פון אַן אכזר און בוגד.

— דער העטמאַן שיקט אַן איש-נאמן צום קעניג — האָט דער אַלטער געלאַכט — דאָס באַדייט, אַז ער וויל בסתמא מיט אים שלום מאַכן און פון די שוועדן אָפּטרעטן. עס האָט אים שוין געמוזט נמאס ווערן זייער ממשלה... ווען נישט דאָס, צו וואָס דען וואָלט ער געשיקט?...

דער אַלטער קעמליטש האָט זיך לאַנג נישט געמאַטערט צו פאַרענטפערן די דאָזיקע קשיה, ווייל עס איז אים געגאַנגען וועגן גאָר עפּעס אַנדערש, דהיינו וועגן דעם, וואָס פאַר אַ נוצן ער וואָלט געקענט פאַר זיך אַרויסציען פון אַזאַ מצב. אויב ער וועט אַ בריכה לאָזן קמיטשיצן, וועט ער דורכדעם אויך אַרויסהעלפן דעם העטמאַן און דעם קעניג. וואָס עס וועט נישט בלייבן אָן אַ באַדייטנדיקן שכר. די חסדים פון אַזעלכע שרות וואָלטן צונוץ געקומען אויך דעמאָלט ווען עס וואָלט אויסגעקומען אָפּצוגעבן אַ דין-וחשבון פון די אַלטע עבירות. דערצו נאָך וועט מסתמא זיין אַ מלחמה, דאָס לאַנד וועט זיך צעפלאַמען און דאַמאָלט קריגט דער שלל אַליין אין די הענט אַריין. דאָס אַלץ האָט געגנומען דעם אַלטן, וועלכער איז אַ חוץ דעם אויך געוווינט געווען צו פאָלגן קמיטשיצן, און ער האָט נישט אויפגעהערט מורא צו האָבן פאַר אים, ווי פאַר אַ פייער, פילנדיק צו אים אויך אַ מין ליבשאַפט, וועלכע הער אַנדזשעי האָט געקענט וועקן אין אַלע מענטשן, וואָס האָבן בא אים געדינט.

— דער גנעדיקער האַר — האָט ער געזאָגט — וועט מוזן די גאַנצע רעפּובליק דורכפאָרן, כדי זיך צום האַר קעניג צו דערשלאָגן. איך רעד שוין נישט וועגן די שוועדישע קאָמאַנדעס, ווייל די שטעט קען מען מיידן און פאָרן דורך די וועלדער... אָבער ערגער איז דאָס, וואָס אויך איבער די וועלדער, ווי תמיד אין אַ צייט פון מהומות, איז פול מיט הפקרדיקע מחנות, וואָס באַפאַלן די דורכפאָרנדיקע, און איר, גנעדיקער האַר, האָט צו ווייניק מענטשן...

— דו וועסט פאָרן מיט מיר, הער קעמליטש, צוזאַמען מיט

די זין און מיט די מענטשן, וואָס דו האָסט, וועלן מיר זיין מער.

— אַז דער גנעדיקער האַר וועט באַפֿעלן, וועל איך אויך פאָרן, אָבער איך בין אַן אָרימאַן. מיר האָבן בלויז דעם דלות׳ מער נישט. ווי אַזוי זאָל איך דאַסדאָזיקע ביסל אָרימקייט און דעם דאַך איבערן קאָפּ פאַרלאָזן?

— אַז דו וועסט דאָס טון, וועט זיך עס דיר לוינען, אַז פאַר איך איז אויך בעסער פונדאַנען די קעפּ אַוועקצוטראָגן כּל־זמן זיי זיצן נאָך אויף די קערק.

— הייליקע מלאכים!... וואָס רעדט איר, גנעדיקער האַר?... וואָס?... ס׳טייטש?... וואָס וועט מען מיר אומשולדיקן דאָ טון? וועמען גייען מיר דען אין וועג אַריין?

הער אַנדזשעי האָט דערויף געענטפערט;

— מ׳קען אייך דאָ, רשעים! איר האָט געהאַט בשותּפות אַ גוט מיט קאַפּיסטיבסקין און איר האָט אים צעהאַקט, דערנאָך זענט איר פאַר די געריכטן אַנטלאָפן און געדינט בײַ מיר: דערנאָך האָט איר מיר אַ סטאַדע פערד צוגעגזלט...

— הייליקע בתולה! — האָט דער אַלטער אויסגעשריגן.

— וואַרט און שווייג! דערנאָך זענט איר צוריקגעקומען אין די אַלטע מליבה און גענומען בישעדען אין דער געגנט, ווי די גזלנים, נעמענדיק אומעטום פערד און רויב. שפּאַר נישט אָפּ, ווייל איך בין נישט דיין שופט, און דו ווייסט אַליין זייער גוט, צי דאָס, וואָס איך זאָג, איז וואָר... איר נעמט פערד בײַ זאָלטאַ־ענקאָס מענטשן, איז גוט, איר נעמט בײַ די שוועדן, איז גוט, אַז מ׳וועט אייך כאַפּן, וועט מען פון אייך די הויט אַראָפּשינדן, אָבער דאָס איז זייער זאַך.

— מען מעג דאָס, מען מעג דאָס, ווייל מיר נעמען נאָר בײַ שונאים — האָט דער אַלטער זיך אָנגערופן.

— נישט אמת, ווייל איר באַפאַלט אויך אייגענע, און וואָס דייַנע זין האָבן זיך פאַר מיר שוין מודה געווען, און דאָס איז שוין פשוטע גזלה און אַ חרפּה פאַר אַ שלאַכטשיץ.

נעמט אייך, אויסוואַרפן!... פֿירן פֿאַסט אייך צו זיין, נישט שליאַכטשיצעס!

דער אַלטער פֿוקס איז רויט געוואָרן און געזאָגט:

— דער גנעדיקער הער טוט אונדז אַן עוולה, ווייל מיר געדענקען אונדזער שטאַנד און זענען זיך ווי פֿירן נישט נוהג. מיר פֿירן פֿערד פֿון קיינעמס שטאַל, באַנאַנט נישט אַרויס. עפּעס אַנדערש איז פֿון די לאַנקעס אַ כּטאַדעלע פֿאַרכאַפּן, אָדער איינ־נעמען. דאָס מעג מען און אין מלחמה־צייטן פֿאַרשאַפֿט דאָס נישט דעם שליאַכטשיץ קיין אומכּבוד. אָבער אַ פֿערד אין שטאַל איז אַ הייליקע זאַך, און נאָר אַ ציגיינער, אַ ייִד אָדער אַ פּויער וועט עס גנבֿענען, אַ שליאַכטשיץ נישט! מיר, גנעדיקער האַר, טוען דאָס נישט. אָבער אַ מלחמה איז אַ מלחמה!

— ווען עס וואָלטן אפילו צען מלחמות געווען, קענסטו נאָר אין אַ שלאַכט נעמען שלל, און אויב דו זוכסט אים אויפֿן טראַקט ביסטו אַ גזלן!

— גאָט איז אַן עדות, אַז מיר זענען כּשר.

— אָבער איר האָט שוין דאָ אַ קאַשע פֿאַרקאָכט. הקיצור, בעסער פֿאַר אייך פֿון דאַנען זיך אָפּצוטראָגן, ווייל פֿריער אָדער שפּעטער וועט אייך אַ שטריקל נישט מיידן. איר וועט פֿאָרן מיט מיר; דורך אַ געטרייער דינסט וועט איר די חזאַים פֿאַרגלעטן און דעם גוטן נאָמען צוריקגעווינען. איך נעם אייך אין דינסט און נוצן וועט איר דערביי האָבן אַ סך מער, ווי פֿון יענע פֿערד.

— מיר וועלן פֿאָרן מיטן גנעדיקן האַר אומעטום, מיר וועלן אייך דורכפֿירן דורך די שוועדן און דורך די גזלנים, ווייל דעם אמת געזאָגט, ווערן מיר דאָ דורך בייזע מענטשן שרעקלעך גערודפֿט, און פֿאַרוואָס? פֿאַרוואָס?... פֿאַר אונדזער אָרימקייט — גאָרנישט מער, ווי פֿאַר אונדזער אָרימקייט... אפֿשר וועט זיך טאַקע גאָט איבער אונדז מרחם זיין און אַרויסראַטעווען אין אַ נויט!

דאָ האָט דער אַלטער קעמליטש זומגערנווילק זיך געריבן די הענט און אַ בליק געטאָן מיט די אויגן.

— פון דערדאָזיקער אַרבעט — האָט ער זיך געטראַכט — וועט זיך אין לאַנד צעקאָכן, ווי אין אַ קעסל, און נאָר אַ שוטה וועט דערפון נישט נהנה זיין.

דאָ האָט קמיטשיץ אויף אים שאַרף אַ קוק־געטון.

— עס זאָל דיר גאָרנישט איינפאַלן מיך צו פאַראַטן! — האָט ער בייז געזאָגט — ווייל עס וועט דיר גלאַטיק נישט אָפּ־גיין, און נאָר גאָט אַליין וועט בכוח זיין דיך דאַמאָלס מציל צו זיין!

— דאָס איז נישט אונדזער טבע — האָט קעמליטש טריב געענטפערט — און זאָל מיך גאָט שטראָפן, אויב אַזאַ געדאַנק איז מיר געקומען אין קאָפּ אַריין.

— איך גלויב — האָט קמיטשיץ נאָך אַ קורצן שטילשווייגן געזאָגט — ווייל בגידה דאָס איז נאָך עפּעס אַנדערש ווי גזלה און אַ גזלן וועט דאָך זיך דאָס נישט טון.

— וואָס וועט דער גנעדיקער האַר איצט באַפעלן? — האָט קעמליטש געפרעגט.

— קודם־כל זענען פאַרהאַן צוויי בריוו, וועלכע דאַרפן גיך אַוועקגעשיקט ווערן. האָסטו פלינקע מענטשן?

— ווו דאַרפן זיי פאָרן?

— איינער זאָל פאָרן צום פירשט וואָיעוואָדע, אָבער ער דאַרף נישט אים אַליין זען. זאָל ער נאָר דעם בריוו אין ערשטן פירשטלעכן פולק אָפּגעבן און צוריקקערן, נישט וואַרטנדיק אויף קיין תשובה.

— דער סמאָלע־זידער וועט פאָרן, דאָס איז אַ פלינקער און געשיקטער מענטש.

— גוט. דעם צווייטן בריוו דאַרף מען קיין פּאָלעסיע אַוועק־פירן; פרעגן וועגן הער וואָלאָדיאָיאָווסקיס לאַודער פולק און דעם פולקאָווניק גופא אין די הענט אָפּגעבן...

דער אַלטער האָט גענומען כיטרע מיט די אויגן פינטלען און אַזוי געטראַכט:

— דאָ זע איך גייט אַן אַרבעט אויף אַלע זייטן, אויב מען

גראַבט זיך שוין אויך מיט די קאָנפעדעראַטן, ס'וועט זיין אַ קאַכעניש! ס'וועט זיין!...

דערנאָך האָט ער געזאָגט הויך:

— גנעדיקער האַר! אויב דאָס איז נישט אַזאַ אײַליקער בריוו, קען מען אפשר אַרויספאָרן פון די וועלדער, אים עמעצן אויפן וועג איבערגעבן. אַ סך שליאַכטשיצעס העלפן דאָ צו די קאָנפעדעראַטן און יעדער פון זיי וועט גערן דעם בריוו אַוועקפירן, און אונדז וועט נאָך איין מענטש פאַרבלייבן.

— דו האָסט דאָס קלוג אויסגערעכנט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ווייל ס'איז בעסער, אַז דער, וואָס וועט דעם בריוו אַוועקפירן, זאָל נישט וויסן, פון וועמען ער פירט אים. צי וועלן מיר אָבער גיך פון די וועלדער אַרויספאָרן?

— ווי דער גנעדיקער האַר וויל. מ'קען פאָרן צוויי וואָכן, אָדער מאָרגן אַרויספאָרן.

— אויב אַזוי וועלן מיר שפּעטער וועגן דעם רעדן, און איצט הער זיך גוט צו, קעמליטש!

— איך הער זיך צו מיט קאָפּ, גנעדיקער האַר.

— מ'האָט מיך אין דער גאַנצער רעפּובליק — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אויסגערופן פאַר אַן אכזר און פאַר אַ פאַרקויפטער נשמה באַם העטמאַן, אָדער גאָר באַ די שוועדן. ווען דער האַר קעניג זאָל וויסן, ווער איך בין, וועט ער אפשר מיר נישט טרויען און נישט גלייבן מײַנע כוונות, און גאָט איז אַן עדות, צי זיי זענען נישט ערלעך! הער זיך איין קעמליטש!

— כ'הער, גנעדיקער האַר!

— איך הייס דעריבער נישט קמיטשיץ, נאָר באַביניטש, פאַרשטייסט? קיינער דאַרף נישט וויסן מײַן אמת'ן נאָמען. מיט קיין וואָרט, מיט קיין פּיפּס זאָלט איר מיר זיך וועגן דעם נישט אַרויסבאַפּן. און אַז מ'וועט פרעגן פונוואַנען איך בין, וועסטו זאָגן, אַז דו ביסט אויפן וועג צו מיר צוגעשטאַנען און דו ווייסט נישט; דערפאַר וועסטו זאָגן: ווער ס'איז אַ בעלן צו וויסן, זאָל מיך אַליין פרעגן.

— כ'פאַרשטיי, גנעדיקער האַר.

— די זין וועסטו אָנזאָגן, די דינער אויך. אז מ׳וועט אפילו פון זיי פאַסן רייסן, הייס איך באַבינישט. מ׳ט די קעפּ וועט איר מיר דערפאַר ע״ב זיין!

— אַזוי וועט עס זיין, גנעדיקער האַר. כ׳וועל גיין צו די זין דאָס אָנזאָגן, ווייל דידאָזיקע שעלמעס דאַרף מ׳ן אַלץ מ׳ט א האַמער אין מוח אַריינהאַקן. א״א נחת האָב איך פון זיי... גאָט האָט געשטראָפט פאַר די אַלטע חטאים.. יאָ... דער גנעדיקער האַר וועט דערלויבן נאָך אַ וואָרט צו זאָגן?

— זאָג און האָב קיין מורא נישט.

— מיר דאַכט, אַז עס וועט בעסער זיין, אַז מיר וועלן נישט זאָגן נישט די זעלבער און נישט די דינער, וווהין מיר פאָרן.

— אַזוי דאַרף טאַקע זיין.

— זאָלן זיי נאָר וויסן, אַז הער באַבינישט און נישט הער קמיטשיץ פאָרט. און צווייטנס: פאָרנדיק אין אַזאַ וועג אַריין, וואָלט בעסער געווען צו פאַרהוילן אייער אמת.

— וואָס הייסט?

— ווייל די שוועדן גיבן די חשובערע מענטשן זיכער־קייט־בריוו, און ווער עס האָט נישט אַזאַ בריוו, דעם פירט מ׳ען צום קאָמענדאַנט.

— איך האָב זיכערקייט־בריוו פון די שוועדישע קאָמאַנדעס!

אַ פאַרוואונדערונג האָט אַ בליץ געטון אין קעמליטשס כיט־רע אויגן, אָבער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער געזאָגט:

— דער גנעדיקער הער וועט מיר דערלויבן נאָך צו זאָגן, וואָס איך טראַכט?

— אַבי דו זאָלסט נאָר געבן אַ גוטע עצה און רעדן צו דער זאַך, קענסטו זאָגן, ווייל כ׳זע, אַז דו ביסט אַ פּיפיקער מענטש.

— אויב עס זענען פאַרהאַן זיכערהייט־בריוו, איז אוודאי גוט, ווייל מ׳קען זיי אין אַ נויט־פאַל ווייזן, אויב אָבער דער גנע־דיקער האַר פאָרט צוליב אַן ענין, וואָס דאַרף בלייבן אַ סוד, איז בע־

סער די בריוו נישט צו ווייזן. איך ווייס נישט, צי זיי זענען ארויסגעגעבן אויפֿן נאָמען פֿון באַבעניטש. אָדער פֿון הער קמי־טשיק, אָבער אַז מ׳וועט זיי ווייזן, וועט בלייבן אַ שפּור און עס וועט לייכטער זיין נאָכצויאָגן.

— דו האָסט גוט צוגעטראָפֿן! — האָט קמיטשיק לעבע־דיק געזאָגט — כ׳וויל בעסער די זיכערקייט־בריוו באַהאַלטן אויף אַן אַנדערע צייט, אויב מ׳קען אַנדערש זיך דורכקריגן.

— מ׳קען, גנעדיקער האַר, פֿאַרשטעלנדיק זיך פֿאַר פּויערן, אָדער פֿאַר אָרימע שליאַכטשיצעס, וואָס עס וועט זיין לייכטער, ווייל איך האָב דאָ אַ ביסל זאַכן, ווי היטלעך און גרויסע פּעלצ־לעך, גראָד אַזעלכע, ווי די קליינע שליאַכטע טראָגט. מיטנעמענ־דיק אַ סטאַדע פֿערד וואָלט מען מיט זיי געקענט פֿאָרן כלומרשט אויף יאַרמערק און זיך דורכקריגן וואָס אַמאָל טיפֿער אַזש העט ביז לאָוויטש און וואַרשע. איך האָב דאָס, כ׳בין איבער אייער כּבֿוד, שוין נישט איינמאָל געטאָן נאָך אין די רויקע צייטן. און איך קען יענע וועגן. אין דער צייט פֿאַלט גראָד אויס דער יאַר־מאַרק אין סאָבאָטאַ, צו וועלכן מ׳פֿאָרט זיך צונויף פֿון ווייטע מקומות. אין סאָבאָטאַ וועלן מיר זיך דערוויסן וועגן יאַרמערק אין אַנדערע שטעט און, אַבי ווייטער!... די שוועדן קוקן אויך נישט קיין סך אויף די קבצנים, ווייל זיי דרייען זיך חמרימווייז איבער אַלע יאַרמערק, און אַז עפּעס אַ קאָמענדאַנט וועט אונדז פֿרעגן, וועלן מיר אים דערקלערן, וואָס מיר זענען, און אַז מיר וועלן טרעפֿן קלענערע קופּעס, וועלן מיר, מיט דער הילף פֿון גאָט און פֿון דער הייליקסטער בתולה איבער זייערע בייכער קענען דורכפֿאָרן.

— און אַז מען וועט אונדז די פֿערד צונעמען, ווייל רעק־וויזיציעס זענען דאָך אין מלחמה־צייט אַ טאָג־טעגלעכע זאַך?

— אָדער מ׳וועט קויפֿן, אָדער מ׳וועט צונעמען. אויב מ׳וועט קויפֿן, וועלן מיר דעמאָלט נישט מיט פֿערד, נאָר כלומרשט נאָך פֿערד קיין סאָבאָטאַ פֿאָרן, און אויב מ׳וועט צונעמען וועלן מיר אויפֿהייבן אַ יללה און פֿאָרן זיך באַקלאָגן אַזש קיין וואַר־שע און קראָקע.

— דו האָסט אַ קלוגן קאָפּ — האָט קמיטשיץ געזאָגט — איך זע, אַז איר וועט מיר צונויץ קומען. ווען אפילו די שוועדן וועלן דידאָזיקע פערד צונעמען, וועט זיך געפינען עמעצער, וואָס וועט באַצאָלן.

— איך האָב סײַ־ווי געזאָלט מיט זיי קיין עלק, קיין פּרייסן פאָרן, איז עס אַ גוטער טראַף, ווייל אונדזער וועג וועט גראָד אויכפאַלן דאָרט־אַרום. פון עלק וועלן מיר פאָרן מיט דער גרעניץ, דערנאָך וועלן מיר פאַרקירעווען גלייך דורך אַסטראָלענקאַ און פון דאָרט דורך די וועלדער אַזש ביז פּולטוסק און וואַרשע.

— און ווו ליגט דאָס יענע סאָבאָטאַ?

— נישט ווייט פון פּיאָנטעק, גנעדיקער האַר.*)

— מאַכסט ליצנות, קעמליטש?

— איך וועל מאַכן ליצנות! — האָט דער זקן געענטפערט, צונויפלייגנדיק די הענט אויף דער ברוסט און אַראָפּבייגנדיק דעם קאָפּ — די שטעט הייסן דאָרט אַזוי אויסטערליש. דאָס איז הינטער לאָוויטש, גנעדיקער האַר, אָבער פון דאָרט איז נאָך אַ שטיק וועג.

— און גרויסע יאָרמערק קומען פאָר אין יענער סאָבאָטאַ?

— נישט אַזעלכע, ווי אין לאָוויטש, אָבער אין דער צייט קומט פאָר איין יאָרמאַרק, צו וועלכן מען טרייבט פערד אפילו פון פּרייסן און עס פאָרט זיך צונויף אַ גרויסער המון. מסתמא וועט אויך הייאָר נישט ערגער זיין, ווייל דאָרט איז רויק. די שוועדן באַוועלטיקן אומעטום און האָבן גאַרניזאָנען אין די שטעט. אַז עמעצער זאָל אפילו וועלן זיך רירן, קען ער אויך נישט.

— אויב אַזוי, נעם איך אָן דיין עצה!... מיר וועלן פאָרן מיט די פערד, פאַר וועלכע כ'וועל דיר פאָרויס באַצאָלן, כדי דו זאָלסט קיין היזק נישט האָבן.

---

*) סאָבאָטאַ (Sobota) — שבת, פּיאָנטעק (Piątek) — פרייטיק.

— כ׳דאַנק אײַך, גנעדיקער האַר, פֿאַר דעם חסד.

— גרייט נאָר צו די פּעלצן, היטלעך און פּראָסטע שווערטן, ווײַל מיר פֿאָרן באַלד. און זאָג אָן די בנים און די דינער, ווער איך בין, ווי איך הייס און אַז כ׳פֿאָר מיט פֿערד און אַז איר זענט געדונגען אַלס העלפֿער. גיי!

און ווען דער אַלטער האָט זיך אַ קער געטון צו דער טיר, האָט הער אַנדזשעי נאָך געזאָגט:

— און קיינער וועט מיך נישט רופֿן נישט גנעדיקער האַר, נישט קאָמענדאַנט, נישט פּולקאָווניק, נאָר פּשוט הער, און מיטן נאָמען באַבינִיטש!

קעמליטש איז אַרויסגעגאַנגען און מיט אַ שעה שפּעטער זענען אַלע געזעסן אויף די פֿערד, גרייט זיך צו לאָזן אין ווייטן וועג אַרײַן.

דעם הער קמיטשיץ, וועלכער איז געווען אָנגעטון אין אַ גרויען ראָק און היטל מיט אויסגעריבענעם שעפּסן-פּעל און מיט אַן אַרומגעבונדענעם פּנים, ווי נאָך עפּעס אַ געשלעג אין אַ קרעטש-מע, איז שווער געווען צו דערקענען און ער האָט באמת אויס-געזען ווי אַן אָרים פּריצל, וואָס שלעפּט זיך פֿון יאַרמאַרק צו יאַרמאַרק. ס׳האָבן אים אַרומגעריגלט מענטשן אויך אַזוי אָנגעטון, באַוואָפֿנט מיט פּראָסטע שווערטן און לאַנגע בײַטשן אויף אָנצוטרײַבן די פֿערד און אויך מיט נעצן אויף צו כאַפּן די צע-לאָפֿענע פֿערד.

די זעלנער האָבן געקוקט מיט פֿאַרוווּנדערונג אויף זייער פּולקאָווניק, מאַכנדיק זיך אין דער שטיל פֿאַרשידענע באַמער-קונגען וועגן אים. ס׳האָט זיי געחידושט, וואָס דאָס איז שוין הער באַבִּיניטש און נישט הער קמיטשיץ, אַז זיי דאַרפֿן אים רופֿן פּשוט הער, און מער פֿון אַלע האָט דערויף באַוויזן מיט די אַקסלען און מיט די וואָנסעס דער אַלטער סאָראָקאַ, וועלכער האָט זיך אײַנגעקוקט אין אימהדיקן פּולקאָווניק, ווי אין אַ רעגנ-בויגן, און געברומט צו ביזאָוסן:

— דערדאָזיקער „הער" וועט מיר אוודאי דורך דער קעל

ניַשט דורכגיין. זאָל ער מיך הרגענען, אַבער איך וועל אויפן אַלטן שטייגער אים אָפּגעבן, וואָס אים קומט!

— אַ באַפעל איז אַ באַפעל! — האָט ביַלאָוס געענטפערט — אָבער דער פּולקאָווניק האָט זיך שטאַרק פאַרענדערט.

די זעלנער האָבן ניַשט געוווּסט, אַז אויך די נשמה האָט זיך אין הער אַנדזשעי פאַרענדערט פּונקט אַזוי, ווי דאָס אויסגעוויַיניקסטע געשטאַלט.

— אין וועג אַריַין! — האָט הער באַביגיטש מיטאַמאָל אַ געשריי געטון.

עס האָבן אַ קנאַל געטון די ביַיטשן, די ריַיטער האָבן אַרומגערינגלט די סטאַדע פערד, וועלכע האָבן זיך אין אַ קופּע צונויפגעדריקט, און מ'האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריַין.

4. קאַפּיטל.

גייענדיק מיט דער גרענעץ צווישן דער טראָקער וואָיעוודסטווע און פּרייסן, זענען זיי געגאַנגען דורך גרויסע וועלדער און אומוועגן, וואָס זענען נאָר די קעמליטשס באַקאַנט געווען, ביז זיי זענען אַריין קיין פּרייסן און אָנגעשפּאַרט ביז לענג, אָדער, ווי דער אַלטער קעמליטש האָט עס אָנגערופן, ביז עלק, וווּ זיי האָבן זיך אויסגעפרעגט וועגן עפּעטלעכע ענינים בײַ דער שליאַכטע, וואָס האַלט זיך דאָרט אויף און וועלכע איז פאַר די שוועדן אַנטלאָפן צום קורפירשט צוזאַמען מיט די ווייבער, קינדער און בהמות.

לענג האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ לאַגער, אָדער בעסער געזאָגט, ס'האָט אויסגעזען, ווי עס וואָלטן אין אים עפּעס אסיפות אָפּגעהאַלטן געוואָרן. די שליאַכטע האָט אין די שענקען געטרונקען פּרייסיש ביר און געשמועסט, און יעדעס מאָל האָט אַן אַנדערער געבראַכט פרישע נייעס. נישט אויספרעגנדיק זיך וועגן גאָרנישט און בלויז אָנשטעלנדיק גוט די אויערן, איז הער באַביניטש דערגאַנגען, אַז דאָס קעניגלעכע פּרייסן און די מעכטיקע

שטעט אין אים האָבן זיך פעסט געשטעלט אויף דער זייט פון יאַן קאַזשימיעזש און זיי האָבן שוין געשלאָסן מיטן קורפירשט אַן אָפּמאַך זיך בשותּפות קעגן יעדן שונא צו פאַרטיידיקן. מען האָט אָבער געזאָגט, אַז ניט געקוקט אויפן אָפּמאַך, האָבן די וויכטיקערע שטעט ניט געוואָלט אויפנעמען די קורפירשטלעכע גאַרניזאָנען, מורא האָבנדיק, אַז דער דורכגעטריבענער פירשט, אויב ער וועט זיך איינמאָל אין זיי באַזעצן מיט אַ באַוואָפנטער האַנט, זאָל שפּעטער ניט וועלן זיי אויף תמיד פאַרלאָזן, אָדער אַז ער זאָל אין אַנטשיידנדיקן מאָמענט לגבי זיי אַ בגידה ניט באַגיין און מיט די שוועדן זיך באַהעפטן, וואָס ער איז מסוגל געווען צו טון צוליב זיין איינגעבוירענער כיטרעקייט.

די שליאַכטע האָט געמורמלט אויף דעמדאָזיקן אומצוטרוי פון די שטאָט-לייט, אָבער העטמאַן אַנדזשעי, וועלכער האָט געקענט די שווינדלערישע געניגן פון די ראַדזיוווילס מיטן קורפירשט, האָט זיך נאָר געביסן אין די צונג, כדי ניט אַרויסצוזאָגן אַלץ, וואָס אים איז באַקאַנט געווען. עס האָט אים אויך דערפון צוריקגעהאַלטן דער געדאַנק, אַז עס איז אַ סכנה צו רעדן הויך אין קורפירשטלעכן פרייסן קעגן קורפירשט, און צווייטנס האָט פאַר אַן אָרים פריצל, וועלכער איז מיט פערד אויפן טאָרג געקומען, ניט געפּאַסט זיך אַריינצולאָזן אין פאַרוויקלטע פּאָליטישע ענינים, איבער וועלכע די געשיקטסטע מלוכה-מענער האָבן זיך בחנם די קעפּ געבראָכן.

נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרקויפט אַ פּאָר פערד און אויף זייער אָרט צוגעקויפט נייע, זענען זיי ביכן געפאָרן ווייטער אין דער לענג פון דער פּרייסישער גרענעץ, אָבער שוין מיטן טראַקט, וואָס פירט פון לענג קיין שטשוטשין, וועלכע ליגט אין סאַמע עק פון דער מאַזורישער וואָיעוודסטווע, צווישן פּרייסן פון איין זייט און דער פּאָלעסיער וואָיעוודסטווע פון דער צווייטער זייט קיין שטשוטשין גופא האָט אָבער העטמאַן אַנדזשעי ניט געוואָלט פאָרן און דאָס צוליב דעם, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין דער שטאָט האָט זיך איינקוואַרטירט איין פּולק פון די קאָנפעדעראַטן, מיט וועלכן עס פירט אָן העטמאַן וואָלאָדיאָווסקי.

אפֿנים, אַז הער וואָלאָדזיִאָווסקי האָט מער־ווייניקער געמוזט נײַן מיט דעמזעלבן וועג, מיט וועלכן ס׳איז איצט געפֿאָרן קמיטשיץ, און ער האָט זיך פֿאַרהאַלטן אין שטשוטשין אויף אַ קורצן אָפּרו האַרט פֿאַר דער פּאָליעסער גרענעץ, אָדער אויף אַ צײַטווייליקער קוואַרטיר, ווו ס׳האָט געמוזט לײַכטער זײַן זיך צו פֿאַרזאָרגן מיט שפּײַז פֿאַר די מענטשן און פֿערד, איידער אין דער שוין שטאַרק אויסגעליידיקטער פּאָלעסיע.

אָבער הער קמיטשיץ האָט נישט געוואָלט איצט זיך צונויפֿטרעפֿן מיטן באַרימטן פּולקאָווניק, ווײַל ער האָט געהאַלטן, אַז נישט האָבנדיק קיין אַנדערע ראיות, אַ חוץ ווערטער, וועט ער נישט בכּוח זײַן צו איבערצײַגן אים אין זײַן תּשובֿה טאָן און ערלעכע כּוונות. צוויי מײַל פֿון שטשוטשין האָט ער דעריבער באַפֿוילן זיך אַרײַנדרייען אין דער זײַט פֿון וואָנסאָש, צו מערבֿ-צו. וואָס שייך דעם בריוו פֿאַרן הער וואָלאָדזיִאָווסקי, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער באַשלאָסן אים איבערצושיקן דורך דער ערשטער זיכערער געלעגנהייט.

דערווײַל האָבן זיי, נישט דערפֿאָרנדיק ביז וואָנסאָש, זיך אונטערוועגס אָפּגעשטעלט אין אַ קרעטשמע מיטן נאָמען פּאָקשיק און זיך צעלייגט אויף נאַכטלעגער. וועלכער האָט צוגעזאָגט צו זײַן באַקוועם, ווײַל אין דער קרעטשמע זענען אַ חוץ דעם קרעטשמער דעם פּרוסאַק קיין שום געסט נישט געווען.

קוים אָבער האָבן קמיטשיץ מיט די דריי קעמליטשעס און סאָראָקאָ זיך געזעצט צום נאַכט־עסן, ווי עס האָט פֿון דרויסן זיך געלאָזט הערן אַ רעש פֿון רעדער און אַן אָפּהילך פֿון פֿערדישע טריט.

אַזוי ווי די זון איז נאָך נישט געווען אונטערגעגאַנגען איז קמיטשיץ אַרויס פֿאַר דער קרעטשמע אַ קוק טאָן, ווער עס קומט אָן, ווײַל ער איז נײַגעריק געווען צו וויסן, צי דאָס איז נישט עפּעס אַ שוועדישע אָפּטיילונג, אָבער אָנשטאָט שוועדן האָט ער דערזען אַ קאָטש, הינטער איר צוויי פֿורן און באַוואָפֿנטע מענטשן לעבן די פֿורן.

אויפֿן ערשטן בליק איז לײַכט געווען צו דערקענען, אַז

עפעס אַ חשובֿער מענטש קומט אָן צו פֿאָרן. די קאַטש איז גע־
װען געשפּאַנט אין פֿיר גוטע, פּרײַסישע פֿערד, מיט דיקע בײַנער
און הויכע רוקנס, אַ רײַט־יונגל איז געזעסן אויף אײנעם פֿון די
רימען־פֿערד, האַלטנדיק צװײ שײַנע הינט אויף אַ שטריק; אויפֿן
קאָזשאָל איז געזעסן אַ פֿורמאַן און דערלעבן אַ הײדוק אָנגעטון
אויפֿן אונגאַרישן שטײגער, און אויפֿן הינטערשטן געזעס דער
האַר גופֿא, די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די זײַטן, אין אַ װעלפֿישן
פּעלץ אָן אַרבל פֿאַרשפּיליעט אויף אַ סך באַגילדטע קנעפּ.

פֿון הינטן זענען געגאַנגען צװײ גרויסע װעגנס און בײַ
יעדן צו פֿיר דינער, באַװאָפֿנט מיט שװערטן און באַנדאָלעטן.

דער האַר גופֿא איז געװען אַ מענטש נאָך ניט אַ יונגער,
הגם מיט אַ הדרת־פּנים, קוים פֿון אַ יאָר עטלעכע און צװאַנציק,
אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ דיקס, אַ רויטס, און פֿון דער גאַנצער
פּערזאָן איז געװען צו דערקענען, אַז ער האָט זיך אויף עפּעס
נישט געקאַרגט.

װען די קאַטש האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דער הײדוק
אַראָפּגעשפּרונגען דערלאַנגען די האַנט, און דערזעענדיק קמי־
טשיצן שטײן בײַ דער שװעל, האָט דער האַר אַ מאַך געטון מיט
דער האַנטש און אויסגערופֿן;

— זײַט באַגריסט, פּרײַנט!

אָנשטאָט צוצוגײן האָט קמיטשיק זיך צוריקגעצויגן אין דער
קרעטשמע אַרײַן, װײַל עס האָט אים פּלוצלינג אַ רציחה אָנגע־
כאַפּט. ער איז נאָך נישט געװען צוגעװוינט נישט צום גרויען
ראָק, און נישט דערצו, אַז מ׳זאָל צו אים פּאָכען מיט אַ האַנטש.
צוריקקומענדיק האָט ער זיך געזעצט צום טיש און זיך װידער
גענומען עסן. דער אומבאַקאַנטער האַר איז אַרײַן באַלד נאָך
אים.

אַרײַנקומענדיק האָט ער האַלב צוגעמאַכט די אויגן, מחמת
אין דער שטוב איז געװען טונקל, װײַל נאָר אויפֿן קאַמין האָט
געברענט אַ נישט גרויס פֿײַער.

— פֿאַרװאָס גײט עפּעס קײנער נישט אַרויס, װען איך

גאָר אַריין ? — האָט דער אומבאַקאַנטער האָר זיך אָנגע־רופן.

— ווייל דער קרעטשמער איז אַוועק אין דער קאַמער — האָט קמיטשיק געענטפערט — און מיר זענען פרעמדע, פונקט ווי איר, גנעדיקער הער.

— אַ דאַנק פאַר דער פאַרטרוילעכקייט. און ווער זענט איר ?

— אַ שליאַכטשיץ, וואָס פאָרט מיט פערד.

— און די קאָמפּאַניע זענען אויך שליאַכטשיצעס ?

— אָרימע לייט, אָבער שליאַכטשיצעס.

— אויב אַזוי פאַרבייג איך מיך, מיינע הערן. וווהין פירט גאָט ?

— פון יאָרמאַרק צו יאָרמאַרק, אַבי די פערד פאַר־קויפן.

— אויב איר בעכטיקט דאָ, וועל איך מאָרגן באַטאָג אַ קוק טון, אפשר וועל איך אויך עפעס אויסקלייבן. און דערווייל דערלויבט, מיינע הערן, זיך צוצוזעצן צום טיש.

דער אומבאַקאַנטער האָט אמת געפרעגט, צי מ'וועט אים דערלויבן זיך צום טיש צוצוזעצן, אָבער מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט אין דעם פולשטענדיק זיכער געווען, און ער האָט טאַקע קיין טעות נישט געהאַט, ווייל דער יינגער פערד־הענדלער האָט העפלעך געענטפערט:

— מיר בעטן אייך זייער שטאַרק, גנעדיקער הער, הגם מיר האָבן נישט צו וואָס צו בעטן, ווייל מיר קענען בלויז מיט אַרבעס און וווּרשט מכבד זיין.

— איך האָב אין די זעק בעסערע מעדנים — האָט דאָס יינגע פּריצל געענטפערט נישט אָן אַ געוויסער גאווה — אָבער איך האָב אַ זעלבערישן גומען, און פאַר אַרבעס מיט וווּרשט, אויב זיי זענען גאָר גוט אונטערגעבאָסן, וועל איך אַלץ אַוועק־געבן.

באַ דידאַזיקע ווערטער (און גערעדט האָט ער זייער גע־לאַסן, הגם ער האָט בעקוקט שאַרף און פלינק) האָט ער זיך

אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק, און ווען קמיטשיק האָט זיך אַוועק־געדרוקט און אים געמאַכט אַ באַקוועם אָרט, האָט ער מסתּמא צוגעגעבן:

— כּ׳בעט אייך, גנעדיקער הער, זייט זיך נישט מטריח. אין וועג קוקט מען נישט אויף קיין כּבֿוד, און הגם איר שטויסט זיך מיטן עלנבויגן, וועט מיר די ק״רוין פֿון קאָפּ נישט אַראָפּ־פֿאַלן.

קמיטשיק, וועלכער האָט דעם אומבאַקאַנטן גראָד געהאַט צוגערוקט אַ שיסל מיט אַרבעס, און וועלכער האָט, ווי געזאָגט, זיך נאָך נישט געהאַט צוגעוווינט צו אַזאַ באַנעמען זיך, וואָלט בלי־ספק זי געווען צעהאַקט אויפֿן קאָפּ פֿון אָנגעבלאָזענעם שנעק, ווען נישט דאָס, וואָס אין דערדאָזיקער אָנגעבלאָזנקייט איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט דעם הער אַנדזשעי אַמוזירט, ער האָט דעריבער נישט בלויז גובֿר געווען די אויפֿרעגונג, נאָר אויך אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— אַזעלכע צייטן זענען איצט, גנעדיקער הער, אַז פֿון די העכסטע קעפּ פֿאַלן די קרוינען אַראָפּ; נעמען מיר, למשל, אונ־דזער קעניג יאַן קאַזשימיערש, וועלכער דאַרף לויטן געזעץ צוויי קרוינען טראָגן, און ער האָט קיין איינע נישט, סיירן אַ דערבער־קרוין...

דערויף האָט דער אומבאַקאַנטער שאַרף אַ קוק געטון אויף קמיטשיצן, דערנאָך האָט ער אַ זיפֿץ געטון און גע־זאָגט:

— אַזעלכע צייטן זענען איצט, אַז עס איז בעסער וועגן דעם נישט צו רעדן, סיידן מיט נאָענטע מענטשן.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— אָבער איר האָט דאָס זייער שכלדיק געזאָגט. איר האָט געמוזט ערגעץ אין די הויפֿן באַ קלוגע מענטשן דינען, ווײַל דאָס לשון אײַערס זאָגט עדות אויף אַ דערציִונג נישט לויט אײַער שטאַנד נאָך.

— רייבנדיק זיך צווישן מענטשן, האָב איך געהערט דאָס און יענץ, אָבער געדינט האָב איך נישט.

— פון וואַנען שטאַמט איר, כ'בעט אייך?

— פון אַ דאָרף, פון דער טראָקער וואָיעוודסטווע.

— שאַדט נישט, וואָס פון אַ דאָרף, אַבי אַ שליאַכטשיץ, ווייל דאָס איז דער עיקר. און וואָס הערט מען דאָרט אין ליטע?

— אַלטע זאַכן, קיין בוגדים פעלט נישט.

— בוגדים? — זאָגט איר. און וואָסערע בוגדים זענען דאָס, כ'בעט אייך?

— די, וואָס זענען פון קעניג און פון דער רעפובליק אַפּ-טריניק געוואָרן.

— און וואָס מאַכט דער ווילנער פירשט וואָיעוואָ-דע?

— ער איז קראַנק, מען זאָגט: עס פאַרפעלט אים אָטעם.

— זאָל אים גאָט געבן געזונט, אַ פיינער האַר איז דאָס!

— פאַר די שוועדן איז ער פיין, ווייל ער האָט פאַר זיי די טויערן ברייט אויפגעפּראַלט.

— זענט איר, ווי איך זע, נישט זיין אָנהענגער?

קמיטשיץ האָט באַמערקט, אַז דער אומבאַקאַנטער, וועל-כער פרעגט אים כלומרשט גוטמוטיק אויס, איז אים הוקר-ודורש.

— וואָס גייט דאָס מיך אָן! — האָט ער געענטפערט — זאָלן וועגן דעם אַנדערע טראַכטן... איך שרעק מיך, אַז די שוועדן זאָלן מיר די פערד נישט רעקווירירן.

— האָט איר זיי געדאַרפט אויפן אָרט פאַרקויפן. אין פּאָ-לעסיע, זאָגט מען, שטייען יענע פּולקן, וואָס האָבן זיך קעגן העטמאַן צעבונטעוועט, און וועלכע האָבן אוודאי נישט צופיל פערד?

— דאָס ווייס איך נישט, ווייל כ'בין צווישן זיי נישט גע-ווען, הגם עפּעס אַ דורכפאָרנדיקער הער האָט מיר געגעבן אַ

בריוו צו איינעם פון זייערע פאָלקאָווניקעס, אַז איך זאָל אים באַ א געלעגנהייט אָפּגעבן.

— ווי אַזוי האָט יענער דו רכפאַרנדיקער הער געקענט אייך געבן אַ בריוו, אויב איר פאָרט נישט קיין פּאַלעסיע?

— ווייל אין שטשוטשין שטייט איין פּולק פון די קאַנפּע-דעראַטן, און יענער הער האָט צו מיר אַזוי געזאָגט: אָדער איר וועט אַליין אָפּגעבן, אָדער איר וועט פאַרבייפאָרנדיק לעבן שטשוטשין אַ געלעגנהייט געפינען.

— דאָס איז אַ גוטער טראַף, ווייל איך פאָר טאַקע קיין שטשוטשין.

— איר אַנטלויפט אויך פאַר די שוועדן?

אַנשטאָט צו געבן אַ תשובה האָט דער אומבאַקאַנטער אַ קוק-געטון אויף קמיטשיצן און פלעגמאַטיש געפרעגט:

— פאַרוואָס זאָגט איר עפעס: אויך, אויב אַליין איז נישט בלויז איר אַנטלויפט נישט, נאָר איר פאָרט גאָר צווישן זיי און וועט זיי פערד פאַרקויפן, אויב זיי וועלן זיי באַ אייך מיט כוח ביַעט צונעמען?

דערויף האָט קמיטשיץ אַ ציי-געטון מיט די אַקסלען.

— כ'האָב געזאָגט: אויך, ווייל כ'האָב אין לענג געזען אַ סך שליאַכטשיצעס, וואָס האָבן זיך גאָר זיי באַהאַלטן און וואָס שייך מיר, איז ווען אַלע וואָלטן זיי אַזוי צוגעדינט, וויפיל איך האָב חשק זיי צו דינען, מיין איך, אַז זיי וואָלטן דאָ לאַנג דאָס אָרט נישט אָנגעוואָרעמט...

— און איר האָט נישט קיין מורא דאָס צו זאָגן? — האָט דער אומבאַקאַנטער ג פרעגט.

— כ'האָב נישט קיין מורא, ווייל כ'בין נישט קיין שרע-קעוודיקער און אַ חוץ דעם פאָרט איר דאָך קיין שטשוטשין און אין יענע מקומות זאָגן אַלע הויך דאָס, וואָס מען טראַכט, הלוואַי אַז מען זאָל איינגיכן פון ווערטער צו מעשים איבערגיין.

— כ'זע, אַז איר זענט אַ מענטש אַ בר-דעת, גאָרנישט לויט אייער שטאַנד באַך! — האָט דער אומבאַקאַנטער איבער-געהזרט — אָבער אויב איר האָט די שוועדן אַזוי נישט ליב,

אַרוואָס גייט איר אַוועק פון יענע פעלקער, וואָס האָבן זיך קענען העטמאַן צעבאַטעוועט? האָבן זיי זיך דען צעבונטעוועט צוליב פאַרהאַלטענער שכירות, אָדער צוליב הפקרות? ניין! נאָר מחמת זיי האָב דעם העטמאַן און די שוועדן נישט געוואָלט דינען. דידאַזיקע אומגליקלעכע זעלנער וואָלט אַ סך מער גיהא געוועןו בלייבן באַם העטמאַן, און פונדעסטוועגן האָבן זיי בעסער געוואָלט זיין אויסגעשטעלט אויפן שם פון מורדים, אויף הונגער, צרות און פאַרשידענע סכנות, איידער קעגן קעניג אַרויסטרעטן. אַז עס וועט דאָרט צווישן זיי און די שוועדן צו אַ מלחמה קומען איז זיכער, און אפשר וואָלט שוין געווען געקומען, ווען נישט דאָס וואָס די שוועדן זענען אין דאָזיק ווינקל נאָך נישט פאַרקראָכן... וואַרט־צו, זיי וועלן פאַרקריכן, זיי וועלן דאָרט אַריינטרעפן, און דאַמאָלס וועט איר זען!

— איך מיין אויך אַזוי, אַז דאָ וועט זייער גיך מלחמה זיך אָנהייבן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— אויב איר מיינט אַזוי און זעט טאַקע די שוועדן אַ שונא (און אייערע אויגן זאָגן־אויס, אַז איר זאָגט דעם אמת, ווייל איך קען מיך דערויף), טאָ פאַרוואָס שטייט איר נישט צו צו דידאָזיקע איידעלע זעלנער? איז דען נאָך נישט געקומען די צייט, אָדער האָבן זיי דען נישט נויטיק העענט און שווערטן? נישט ווייניק איידעלע מענטשן דינען דאָרט, וועלכע האָבן בעסער געוואָלט דעם אייגענעם האַר, איידער אַ פרעמדן, און זייער צאָל וועט זיין וואָס אַמאָל גרעסער. איר פאָרט פון די מקומות, אין וועלכע מ'האָט דעם טעם פון די שוועדן נאָך כלל נישט פאַרזוכט, די אָבער, וואָס האָבן זייער טעם פאַרזוכט, ווייגען מיט ביטערע טרערן. אין גרויס־פוילן, הגם זי האָט זיך זיי גוטוויליק אונטערגעגעבן, טוט מען דער שלאַכטע שוין אָן די שרעקלעכסטע עבירות און מען ראַבעוועט, און מען רעקווירירט, וואָס מען קען, נעמט מען צו... אין דער היגער וואָיעוואָדסטווע באַגייען זיי זיך נישט בעסער. גענעראַל סטענבאָק האָט אַרויסגעגעבן אַ מאַניפעסט, אַז יעדער זאָל רויק אין דער היים זיצן, וועט מען שוינען אים און זיין פאַרמעגן. אָבער אַ נעכטיקער טאָג! דער

גענעראַל טוט זיך זיינס, און די נידעריקערע קאָמענדאַנטן טוען זיך זייערס, אַזוי אַז קיינער איז נישט זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג און מיט דעם, וואָס ער פאַרמאָגט. יעדער וויל הנאה האָבן פון זיין פאַרמעגן, רויק און גליקלעך לעבן. און דאָ קומט די ערשטע בעסטע פאַרשלעפּטע בריאה און שרייט: „גיב!" אַז דו גיסט נישט, וועלן זיי אויף דיר אַ חטא אויסגעפינען, כדי דיך פון דיין נחלה צו פאַרטרייבן, אָדער זיי וועלן, נישט זוכנדיק קיין חטאים, דעם קאָפּ דיר אַראָפּהאַקן. נישט איינער באַגיסט זיך שוין מיט ביטערע טרערן, דערמאָנענדיק דעם אַלטן האַר, און אַלע זענען נידערשלאָגן און די אויגן זענען כסדר צו יענע קאַנפעדעראַטן געווענדט, צי עס וועט פון זיי נישט קומען עפּעס אַ ישועה פאַרן פאָטערלאַנד און פאַר די בירגער...

— ווי איך זע — האָט קמיטשיץ געזאָגט — זענט איר די שוועדן פונקט אַזאַ גוטער פריינט, ווי איך?

דער אומבאַקאַנטער האָט זיך מיט אַ געוויסן פחד אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ער האָט זיך באַלד באַרויִקט און ווייטער אַזוי געזאָגט:

— איך ווינטש זיי, אַז אַ מגפה זאָל זיי פאַרטיליקן און איך פאַרהויל דאָס נישט פאַר אייך, ווייל איך זע, אַז איר זענט אַן ערלעכער מענטש, און ווען אפילו איר וואָלט נישט ערלעך געווען, וועט איר מיך נישט בינדן און צו די שוועדן אַוועקפירן, ווייל איך וועל זיך נישט לאָזן, מחמת איך האָב באַוואָפנטע דינער און אַ שווערט בײַ דער זייט.

— איר קענט זיכער זיין, אַז איך וועל דאָס נישט טון, אדרבא: עס געפעלט מיר אייער מוט. עס געפעלט מיר שוין דאָס, וואָס איר האָט זיך נישט געקווענקלט איבערצולאָזן אייער פאַרמעגן, איבער וועלכן דער שונא וועט נישט פאַרזוימען זיך נוקם צו זיין. ס'איז זייער שיין אַזאַ איבערגעגעבנהייט צום פאָטערלאַנד.

קמיטשיץ האָט אומגערנווייליק גענומען רעדן מיט אַ טאָן פון אַ פּראָטעקטאָר, ווי אַן איבערהאַר צו אַ נידעריקערן באַאַמטן, נישט כאַפּנדיק זיך, אַז אַזעלכע ווערטער האָבן געקענט משונה־

דיק קליגגען, ווען זיי זענען אַרויס פון מויל פון אַ פּריצל אַ פערד-הענדלער, אָבער עס ווייזט אויס, אַז אויך דער יונגער העה האָט דעריף נישט געלייגט קיין אַכט, ווייל ער האָט גענומען נאָר ביטער פינטלען מיט די אויגן און געזאָגט:

— וואָס, אַ שוטה בין איך? איך האַלט מיך קודם-כל באַם כלל, אַז מיינס דאַרף נישט פאַרפאַלן ווערן, ווייל גאָטס גאָב דאַרף מען שוינען. כ׳בין געזעסן שטיל, ביז מ׳האָט פון פעלד אַראָפגערוימט און געדראָשן. און ערשט ווען איך האָב געהאַט פאַרקויפט קיין פרייסן די גאַנצע תבואה און די איבווענטאַרן און דאָס איבעריקע האָב און גוטס, האָב איך זיך אַזוי געטראַכט: ציִט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין! זאָלן זיי זיך איצט אין מיר נוקם זיין, זאָלן זיי מיר צונעמען, וואָס עס וועט זיך זיי נאָר גלוסטן.

— איר האָט דאָך נאָך אַלץ איבערגעלאָזט ערד און בנינים.

— די וואַנכאָשער סטאַראָסטווע האַלט איך גאָר אין פאַכט פון מאַזורישן וואָיעוואָדע, און דער קאָנטראַקט איז מיר גראָד טאַקע אויסגעגאַנגען. כ׳האָב נאָך די לעצטע ראַטע נישט באַצאָלט און וועל נישט באַצאָלן, ווייל ווי איך הער, האַלט אויך דער מאַזורישער וואָיעוואָדע מיט די שוועדן. זאָל אים דערפאַר די ראַטע פאַרפאַלן ווערן, און מיר וועט אַ מזומנער גראָשן צונוץ קומען.

קמיטשיץ האָט גענומען לאַכן.

— איר זענט שוין איינמאָל אַ פויגל! כ׳זע, אַז איר זענט נישט בלויז אַ מוטיקער ריטער, נאָר אויך דורכגעטריבן!

— ווי דען? — האָט דער אומבאַקאַנטער געענטפערט — דורכגעטריבנקייט, דאָס איז דער עיקר! אָבער נישט וועגן דורכגעטריבנקייט האָב איך מיט אייך גערעדט. אויב איר פילט די עוולות פון פאָטערלאַנד און פון גנעדיקן האַר קעניג, פאַרוואָס זאָלט איר נישט גיין קיין פּאָלעסיע צו יענע איידעלע זעלנער און נישט אַריינטרעטן אין זייערע פולקן? אי איר וועט טון אַ גוטע זאַך און אי איר וועט אַליין אפשר מצליח זיין, ווייל ס׳האָט

שוין נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אַן אָרים פּריצל האָט זיך אין דער מלחמה אויף אַ שררה אַרויפגעאַרבעט. מ׳דערקענט אין אייך, אַז איר זענט אַ דרייסטער און אַנטשלאָסענער מענטש, און אויב די אָפּשטאַמונג שטייט אייך נישט אין וועג, קענט איר גיך צו אַ פאַרמעגן זיך דערשלאָגן, אויב גאָט וועט מזכּה זיין מיט אַ רייכן שלל. אָבי נישט פאַרשווענדן דאָס, וואָס פאַלט אין די האַנט אַריין, וועט אויך דער בייטל גיך אויפפּלאַצן. כ׳ווייס נישט, צי איר האָט עפּעס אַ שטיקל נחלה, אָדער איר האָט נישט, אָבער איר וואָלט געקענט האָבן: מיט אַ בייטל געלט איז אַ פּאַכט-גוט נישט שווער צו קריגן, און פון אַ פּאַכט-גוט איז אויך מיטן אויבערשטנס הילף, צו אַן אייגענער נחלה נישט קיין ווייטער מהלך. און אַזוי, אָנהייבנדיק פון אַ דינער, קענט איר שטאַרבן אַן אָפיציר, אָדער אויף עפּעס אַ לאַנד-אַמט, אָבי איר זאָלט נאָר צו דער אַרבעט נישט פויל זיין, ווייל ווער עס איז נישט פויל, דער האָט וואָס צו נעמען אין מויל.

קמיטשיץ האָט די וואָנסעס געביסן, ווייל עס האָט זיך אים שטאַרק געגלוסט צו לאַכן; דאָס פּנים האָט אים דעריבער גע-צוקט און ער האָט צו דער גלייכער צייט זיך געקרומט, ווייל פון צייט צו צייט האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווייטיק פון דער פאַרטרוקנ-טער ווּנד.

דער אומבאַקאַנטער הער האָט ווייטער געזאָגט:

— אויפנעמען וועט מען אייך דאָרט, ווייל זיי דאַרפן מענטשן, און אגב האָט איר בײַ מיר נושא-חן געווען און איך וועל פאַר אייך זיין אַ מליץ-יושר, אַזוי אַז איר קענט זיכער זיין, דאָס איר וועט עולה-לגדולה זיין.

דאָ האָט דער יונגערמאַן מיט גאווה אויפגעהויבן דאָס די-קע פּנים און גענומען מיט דער האַנט די וואָנסעלעך זיך גלעטן; צום סוף האָט ער געזאָגט;

— ווילט איר אפשר זיין מיין נושא-כּלים? איר וועט מיר די שווערט נאָכטראָגן און איבער די דינער השגחה האָבן.

קמיטשיץ האָט נישט אויסגעהאַלטן און אַרויסגעפּלאַצט מיט

אַ הויכן, פֿריילעכן געלעכטער, אַז אַלע ציין האָבן בײַ אים אַזש אויפֿגעבליצט.

— וואָס לאַכט איר? — האָט דער אַמבאַקאַנטער געפֿרעגט, קנייטשנדיק די ברעמען.

— פֿון גרויס חשק צו דערדאָזיקער דינסט.

אָבער דער יונגער פּריץ האָט זיך באַליידיקט אויף אַן אמת און געזאָגט:

— אַ שוטה האָט אייך אוודאי דידאָזיקע מאַניערן אויסגעלערנט און גיט אַכטונג מיט וועמען איר רעדט, כּדי איר זאָלט אין פֿאַרטרוילעכקייט די מאָס נישט איבערכאַפּן.

— זייט מיר מוחל, גנעדיקער הער — האָט קמיטשיץ פֿריילעך געזאָגט — ווייל איך ווייס טאַקע נישט, פֿאַר וועמען איך שטיי.

דער יונגער הער האָט זיך אָנגענומען בײַ די זייטן:

— כ'בין הער זשענדזשאַן פֿון וואָנסאָש — האָט ער מיט גאווה געזאָגט.

קמיטשיץ האָט שוין געעפֿנט דאָס מויל צו זאָגן זיין ניעם נאָמען, דאָ איז בילאָוס איילִיק אין שטוב אַריינגעקומען.

— הער קאָמענ...

דאָ האָט דער זעלבער אָפּגעהאַקט, ווייל עס האָט אים איינגעהאַלטן קמיטשיצס בייזער בליק, ער איז געוואָרן צעטומלט, האָט זיך פֿאַרהאַקט און צום סוף מיט מאַטעריש אַרויסגעשטאַמלט:

— גנעדיקער הער, עפּעס מענטשן גייען.

— פֿון וואַנען?

— פֿון שטשטשי.

איצט איז הער קמיטשיץ אַ ביסל מטושטש געוואָרן, ער האָט אָבער באַלד פֿאַרדעקט זיין צעמישטקייט און געענטפֿערט:

— גוט אַכטונג געבן. אַ סך מענטשן גייען?

— אַ צען רייטער.

— די באַנדאַלעטלעך גרייט האַלטן. גיי!

דערנאָך, ווען דער זעלבער איז שוין געווען אַרויסגעגאַנגען, האָט ער זיך געווענדט צום הער רזשענדזשאַן פון וואַנסאָש און געזאָגט:

— זענען דאָס נישט אַמאָל שוועדן?

— איר גייט דאָך סיי־ווי צו זיי — האָט געענטפערט הער זשענדזשאַן, וועלכער האָט זיין אַ געווייסער צייט געקוקט מיט פאַר־חונדערונג אויפן יונגן שליאַכטשיץ — מוזט איר פריער אָדער שפעטער זיי באַגעגענען.

— כ'וואָלט בעסער וועלן באַגעגענען די שוועדן, איידער וועלכע עס איז רשעים, מיט וועלכע ס'איז אומעטום פול... ווער ס'פאָרט מיט פערד, מוז פאָרן באַוואָפנט און גוט אַכטונג געבן, ווייל דאָס איז אַ זאַך, וואָס יעדער איז נאָך איר להוט.

— אויב ס'איז אמת, אַז אין שטשוטשין שטייט הער וואָלאָדיאָווסקי — האָט זשענדזשאַן געענטפערט — איז דאָס אוודאי זיינס אַן אָפּטיילונג פון אויסשפּירער. איידער זיי וועלן זיך איינ־קוואַרטירן, ווילן זיי זיך איבערצייגן, צי דאָס לאַנד איז זיכער. ווייל אין שכנות מיט די שוועדן וואָלט שווער געווען רויק איינצו־זיצן.

דערהערנדיק דאָס, האָט הער אַנדזשעי זיך גענומען דרייען איבער דער שטוב און צום סוף זיך אָפּגעזעצט אין איר טונקלסטן ווינקל, וווּ די רער פון אויוון האָט געוואָרפן אַ גראָבן שאָטן אויפן עק טיש, און דערווייל האָבן זיך פון פאָרן פעדער־הויז דערטראָגן טריט און אַ כראַפּעריי פון פערד און אין אַ ווייל אַרום זענען אַ פּאָר מענטשן אַריין אין שטוב.

אַ ריזיקער פויער, וואָס איז געגאַנגען בראש, האָט געקלאַפּט מיטן הילצערנעם פוס אין די לויזע ברעטער, מיט וועלכע די שטוב איז געווען אויסגעלייגט. קמיטשיץ האָט אויף אים אַ קוק געטון און דאָס האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן אין דער ברוסט.

געווען איז דאָס יוזווע בוטרים, וועלכן מ'האָט גערופן אָן־פוס.

— און ווו איז דער ווירט? — האָט ער געפרעגט, בלייבנדיק שטיין אין מיטן שטוב.

— כ'בין דאָ! — האָט דער קרעטשמער געענטפערט — כ'בין אייך גרייט צו דינען, גנעדיקער האַר!

— פּאַשע פאַר די פערד!

— איך האָב נישט קיין פּאַשע, סיידן דידאָזיקע הערן װעלן געבן.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער קרעטשמער אָנגעוויזן אויף זשענדזשאַנען און די פערד־הענדלער.

— וועמענס מענטשן זענען דאָס: — האָט זשענדזשאַן געפרעגט.

— און ווער זענט איר דען אַליין?

— סטאַראָסטאַ פון וואָנסאָש.

זשענדזשאַנען, אַלס פּאַכטער פון דער סטאַראָסטווע, האָבן געוויינטלעך זיינע אייגענע מענטשן גערופן סטאַראָסטע און ער אַליין האָט זיך אויך אַזוי גערופן אין וויכטיקע מאָמענטן.

אָבער יוזוואַ בוטרים איז מבֿלבל געוואָרן, זעענדיק, מיט וואָס פאַר אַ הויכער פּערזאָן ער האָט צו טון, ער האָט דעריבער אַראָפּגענומען דאָס היטל און געזאָגט מיט אַ מילדן טאָן:

— איך פאַרנייג מיך, הויך־וווילגעבוירענער האַר... אין דער פינסטער קען מען דעם אַמז נישט דערקענען.

— וועמענס מענטש? — האָט זשענדזשאַן איבערגעחזרט, אָנגענומענדיק זיך בײַ די זייטן.

— לאַודער, פון בילעוויטשס אַמאָליקן פּולק, און הײַנט פון הער וואָלאָדיאָווסקיס.

— גאָט מײַנער! איז הער וואָלאָדיאָווסקי אין שטשוטשין?

— ער אַליין צוזאַמען מיט אַנדערע פּולקאָווניקעס, וואָס זענען פון זשאַמויט געקומען.

— געלויבט איז גאָט, געלויבט איז גאָט! — האָט דער

דערפרייטער הער סטאַראָסטע איבערגעהערט — און וועלכע גאָל־קאָווניקעס זענען מיטן הער וואָלאָדאַרסקי?

— געווען, הער מירסקי — האָט בוטרים געזאָגט — אָבער ס'האָט אים אויפן וועג אַ שלאַק געטראָפן, און ס'איז דאָ הער אָסקערקאַ, הער קאָוואַלסקי, צוויי הערן סקשעטוסקי...

— וועלכע סקשעטוסקיס? — האָט זשענדזשאַן אויסגעשריגן — איז נישט איינער פון זיי הער סקשעטוסקי פון בורזשעץ?

— איך ווייס נישט פון וואַנען — האָט בוטרים געענטפערט — כ'ווייס נאָר, אַז דאָס איז דער זבאַראַזשער הער סקשעטוסקי.

— ראַטעוועט! דאָס איז מיין האַר!

דאָ האָט זשענדזשאַן זיך געכאַפּט, ווי משונהדיק עס קלינגט אַזאַ אויסגעשריי אין מויל פון הער סטאַראָסטע און ער האָט צוגעגעבן:

— מיין האַר קום, האָב איך געוואָלט זאָגן.

דער הער סטאַראָסטע האָט נישט געזאָגט קיין ליגנט, ווייל ער האָט טאַקע סקשעטוסקיס ערשטן זון, יאַרעמאַן, צום שמד געהאַלטן אין דער צווייטער פּאָר.

קמיטשיצן, וועלכער איז געזעסן אין פינסטערן ווינקל פון דער שטוב, האָבן די געדאַנקען זיך געשטופּט אין קאָפּ אַריין איינער נאָכן אַנדערן. קודם־כּל האָט דאָס בלוט אין אים אויפגעקאָכט אויפן אָנבליק פון בוין, פייער און די הענט האָט אוי־גערנוויליק זיך אַ כאַפּ געטאָן צו דער שווערט. וואָרים קמיטשיץ האָט געוווּסט, אַז דער עיקר האָט יוזוואַ מיטגעהאָלפן צו צעהאַקן זיינע חבֿרים און איז אים אַליין געווען אַ דם־שונא דער אַלטער הער קמיטשיץ וואָלט אים אין דער רגע געהייס כאַפּן און מיט פערד שלעפּן, אָבער דער היינטיקער הער באַביניטש האָט זיך איבערוועלטיקט. אדרבא, אַן אומרויקייט האָט אים באַהערשט אויפן געדאַנק, אַז אויב די שליאַכטע וועט אים דערקענען, וועלן דערפון קענען נולד ווערן פאַרשידענע כּבֿוח פאַר דער ווייטערדיקער נסיעה און פאַר דער גאַנצער אונטער־

געמוזט. ער האָט דעריבער באַשלאָסן נישט צו לאָזן זיך דער-קענען און ער האָט זיך וואָס אַמאָל טיפער פאַררוקט אין שאָטן; צום סוף האָט ער זיך מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויפן טיש און געמענדיק דעם קאָפּ אין די הענט האָט ער געמאַכט אַן אָנ-שטעל, אַז ער דרעמלט.

אָבער צו דערזעלבער צייט האָט ער אַ שעפּטשע געטון צום דערנעבן־זיצנדיקן סאַראַקאַ:

— גיי אין שטאַל, זאָלן די פערד שטיין גרייט. מיר וועלן פאָרן באַנאַכט!

סאַראַקאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויסגעגאַ-גען.

למיטשיק האָט ווייטער געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער דרעמלט. פאַרשידענע זכרונות זענען אים געקומען אין קאָפּ אַריין. די דאָ-זיקע מענטשן האָבן אים דערמאָנט לאַודאַ, וואָדאָקטי און די קור-צע פאַרגאַנגענהייט, וואָס איז ווי אַ חלום פאַרפלאָסן. ווען יוזווא האָט מיט אַ ווײַלע צוריק געזאָגט, אַז זיי געהערן צו בעליעוויטש אַמאָליקן פּולק, האָט אין הער אַנדזשעי אויש דאָס האַרץ אַ צאַפּל געטון אין דער ברוסט בלויז אויפן נאָמען. און ס'איז אים גע-קומען אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק, אַז גראָד אַזאַ אָוונט איז געווען, פּונקט אַזוי האָט אויפן קאָמין געברענט אַ פייער, ווען ער איז אומגעריכט ווי מיטן שניי קיין וואָדאָקטי אַראָפּגעפאַלן און צום ערשטן מאָל אין שטוב פון דער דינערשאַפט אָלענקאַן צווישן די שפּינערינס דערזען.

ער האָט איצט דורך די צוגעמאַכטע אויגן געזען, ווי אויף דער וואַנט דאָסדאָזיקע ליכטיקע, רוזיקע מיידל — ער האָט זיך דערמאָנט אַלץ, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן. ווי זי האָט פאַר אים אַ שוץ־מלאך געוואָלט זיין, אין גוטע מידות אים מדריך זיין, פון שלעכטס באַשיצן, דעם דרך־הישר צו ווייזן. ווען ער וואָלט זי געפאָלגט, ווען ער וואָלט זי געפאָלגט!... זי האָט דאָך טאַקע געוווּסט, וואָס מען דאַרף טון, אויף וועמענס צד מען דאַרף זיך שטעלן; זי האָט געוווּסט, וווּ ס'איז איידלקייט, ערלעכקייט,

פליכט — און זי וואָלט אים נישט פאַר דער האָט אָנגענומען און געפירט, ווען ער וואָלט זי וועלן פאָלגן.

דאָ האָט די ליבע, געוועקט דורך די זכרונות, אַזוי איבערפולט דאָס האַרץ פון הער אַנדזשעי, אַז ער וואָלט גרייט געווען דאָס גאַנצע בלוט צו פאַרגיסן, אַבי דעמדאָזיקן מיידל צו די פיס פאַלן, און אין דער רגע וואָלט ער גרייט געווען צו כאַפּן אין די אָרעמס אַפילו דעמדאָזיקן לאָודער בער, וועלכער האָט אים די חברים א מגעבראַכט, נאָר דערפאַר, וואָס ער איז געווען פון יענע מקומות, וואָס ער האָט די בילעוויטשס דערמאַנט, וואָס ער האָט אַלענקאַן געזען.

פון דער פאַרטראַכטקייט האָט אים ערשט אויפגעוועקט זיין אייגענער נאָמען, וואָס איז אַ פּאָר מאָל דורך יוזוואַ ביי רים איבערגעחזרט געוואָרן. דער פאַכטער פון וואָנסאָש האָט זיך אויסגעפרעגט וועגן באַקאַנטע, און יוזוואַ האָט אים דערציילט, וואָס אין קיידאַני האָט זיך פאַרלאָפן זייט דער העטמאַן האָט געשלאָסן דעם אָפּמאַך מיט די שוועדן — ער האָט בכן גערעדט וועגן ווידערשטאַנד פון טייל, וועגן אַרעסט פון די פּאָלקאָווניקעס, וועגן פאַרשיקן זיי קיין בירזשע און וועגן דער גליקלעכער רעטונג. פאַרשטייט זיך, אַז קמיטשיצס נאָמען איז אין דידאָזיקע דערציילונגען יעדעס מאָל דערמאַנט געוואָרן אונטער זלזולים און קללות פאַר דער בגידה און אַכזריותן. וועגן דעם, אַז הער וואָלאָדיאָוואָסקי, די סקשעטוסקיס און זאַגלאָבאַ האָבן קמיטשיצן געהאַט צו פאַרדאַנקען זייער לעבן, האָט יוזוואַ נישט געוווּסט, דערפאַר טאַקע האָט ער אַזוי דערציילט דאָס, וואָס האָט זיך אין בילעוויטשע פאַרלאָפן:

— אונדזער פּולקאָווניק האָט דעמדאָזיקן בוגד אין בילעוויטשע געכאַפּט, ווי אַ פוקס אין גרוב, און מ'האָט אים תיכף געהייסן פירן צום טויט; כ'האָב אים אַליין געפירט מיט אַ גרויסער הנאה. וואָס עס האָט אים געטראָפן גאָטס שטראָף און אָפּט אים מיטן לאַמטערנדל אין די אויגן אַריין געלויכטן, כדי צו כאַפּן אַ קוק, צי ער טוט נישט קיין תשובה, אָבער ניין! ער איז געגאַנגען אָן פחד און ס'האָט אים גאָרנישט געאַרט, וואָס ער וועט זיך

באַלד פאַר גאָטס מישפּט שטעלן, אַזאַ פאַרהאַרטעוועטע נאַטור איז זאָס. און ווען איך האָב אים אַ עצה געגעבן, אַז ער זאָל זיך כאָטש איבערלעבן, האָט ער מיר געענטפערט: האַלט ס'מויל, פּויערן־יינג, נישט דיין עסק!" מיר האָבן אים הינטערן דאָרף אונטער אַ באַרן־בוים אַוועקגעשטעלט און כ'האָב שוין געוואָלט געבן אַ קאָמאַנדע, ווי הער זאַגלאָבאַ, וועלכער איז מיט אונז געגאַנגען, האָט אים געהייסן באַזוכן, צי ער האָט נישט באַ זיך וועלכע עס איז פּאַפּירן. מ'האָט טאַקע געפונען אַ בריוו. הער זאַגלאָבאַ זאָגט: „לייכט!" — און זיך באַלד גענומען לייענען. ער האָט קוים אָנגעהויבן לייענען, ווי ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר קאָפּ: „יעזוס מאַריאַ! פירט אים צוריק אין הויף אַריין!" אַליין איז ער אַרויפגעשפּרונגען אויפן פערד און אַוועקגעפאָרן, און מיר האָבן אים צוריקגעפירט און געמיינט, אַז מ'וועט אים הייסן נאָך צובראָטן פאַרן טויט, כדי פון אים עפּעס ידיעות אַרויסצוקריגן. אָבער ווייס איך וואָס! זיי האָבן דעם בוגד פריי געלאָזט. ס'איז נישט מיין עסק זיך אַריינצולאָזן אין השערות, וואָס זיי האָבן דאָרט אַרויסגעלייענט, אָבער איך וואָלט אים נישט געווען אָפּלאָזן.

— און וואָס איז דען אין דידאָזיקן בריוו געשטאַנען? — האָט דער פּאַכטער פון וואָנטאָש געפרעגט.

— כ'ווייס נישט, וואָס ס'איז געשטאַנען; כ'שטויס מיך נאָר אָן, אַז אין די הענט פון פירשט וואָיעוואָדע האָבן נאָך געמוזט זיין פאַרשיידענע אָפיצירן, וועלכע ער וואָלט תיכּף געהייסן דערשיסן, ווען מ'וואָלט אים, קמיטשיצן, דערשאָסן. און דערביי האָט אפשר אונדזער פּאָלקאָווניק אויך רחמנות געהאַט אויפן פריילין בילעוויטש, ווייל זי זאָל האָבן געוויינט און געחלשט, אַז מ'האָט זי קוים געקענט דערמונטערן... אָבער... איך האָב נישט די עצה צו זאָגן, נאָר מ'האָט אים נישט געדאַרפט אָפּלאָזן, ווייל דערדאָזיקער מענטש האָט אָנגעטאָן אַזוי פיל צרות, אַז לוציפער אַליין וואָלט זיך שוין געמעגט דערמיט איבערנעמען. גאַנץ ליטע וויינט אויף אים, און וויפיל אלמנות, וויפיל יתומים, וויפיל אביונים עס באַקלאָגן זיך אויף אים, ווייסט איין גאָט אין הימל! ווער

עס וועט אים אומברענגען, וועט האָבן אַ מצווה געטון פאַר גאָט און פאַר לייטן, גלייך ווי ער וואָלט אַ משוגענעם הונט דערהרגעט!

דאָ איז דער שמועס ווידער אַריבער אויפן הער וואָלאָדיאָווסקי, אויף די הערן סקשעטוסקי, אויף די פּולקן, וואָס שטייען אין פּאָלעסיע.

— אין לעבנס־מיטלען איז אַ גרויסער דוחק — האָט בוטרים געזאָגט — ווייל דעם פירשט העטמאַנס גיטער זענען שוין איינגענומען אויסגעליידיק; און נישטאָ שוין אין זיי נישט פאַר קיין מענטש און נישט פאַר קיין פערד אויף איין צאָן אפילו. און דאָס ביסל שליאַכטע איז אין אָרימע און ווי בײַ אונדז אין זשאַמעט זיצט זי אין די דערפער. די פּאָלקאָווניקעס האָבן דעריבער באַשלאָסן זיך צו צעטיילן אויף גרופּעס צו הונדערט מאַן און שטיין אָפּגערוקט איינע פון דער אַנדערער אויף אַ מייל, אָדער אויף צוויי מייל. אָבער אַז עס וועט קומען ווינטער, ווייס איך נישט, וואָס עס וועט זיין.

קמיטשיץ, וועלכער האָט ביז איצט געדולדיק געהערט, כּל־זמן מ'האָט גערעדט וועגן אים — האָט זיך איצט אַ ריר געטון און שוין דאָס מאָל אויפגעמאַכט, כּדי פון זיין פינסטערן ווינקל צו זאָגן:

— אַז איר וועט זיין אַזוי צעטיילט וועט אייך דער העטמאַן איינצלווייז מיט דער האַנט אויסקלייבן ווי די ראַקעס פון אַ נעץ אַרויס:

אָבער אין דער רגע האָט זיך די טיר געעפנט און ס'איז אין זיי געבליבן שטיין סאָראַקאַ, וועמען קמיטשיץ האָט געהאַט געשיקט די פערד צום וועג גרייטן. די שיין פון אויוון איז געפאַלן גלייך אויפן וואַכמייסטערס שטרענגען פּנים; יוזווא בוטרים האָט אויף אים אַ בליק געוואָרפן, געקוקט אַ לאַנגע ווײַלע און דערנאָך זיך געווענדעט צו זשענדזשאַן, און געזאָגט:

— איז דאָס אייער מענטש, הויך־וווילגעבוירענער האַר?... ער איז מיר עפּעס באַקאַנט.

— ניין — האָט זשענדזשאַן געענטפערט — ער איז פון די שליאַכטשיצעס, וואָס פאָרן אויף יאַרמעריק מיט פערד.

— און וווהין פאָרט איר? — האָט יוזווא געפרעגט.

— קיין סאַבאַטאַ — האָט דער אַלטער קעמליטש געענטפערט.

— ווו איז דאָס?

— נישט ווייט פון פּיאַנטעק.

יוזווא האָט אויך, ווי קמיטשיק פריער, אָנגענומען די דראַזיקע תשובה פאַר אַן אומצייטיקן וויץ און רונצלענדיק דעם שטערן האָט ער זיך אָנגערופן:

— ענטפער, אַז מען פרעגט דיך!

— מיט וואָס פאַר אַ רעכט פרעגסטו?

— איך קען דיר אויך דאָס פאַרענטפערן: ווייל מ'האָט מיך אויף אַן אויסשפּירונג אַרויסגעשיקט, אַז כ'זאָל זיך אומקוקן, צי עס זענען נישטאָ קיין פאַרדעכטיקע מענטשן אין דער סביבה. אָבער מיר דאַכט זיך, אַז עס זענען דאָס די, וואָס ווילן נישט זאָגן, וווהין זיי פאָרן!

מורא־האָבנדיק, אַז עס זאָל נישט אַרויסקומען עפּעס אַ מחלוקת פון דאָזיקן שמועס, האָט קמיטשיק, נישט רירנדיק זיך פון פינסטערן ווינקל, זיך אָנגערופן:

— בייזערט זיך נישט, גנעדיקער הער זעלנער, ווייל פּיאַנטעק און סאַבאַטאַ זענען אַזעלכע שטעט, ווי אַנדערע אין וועלכע עס קומען פאָר האַרבסט־יאַרמערק אויף פערד. אויב איר גלייבט נישט, טאָ פרעגט דעם הער סטאַראָסטע, וועלכער מוז העגן זיי וויסן.

— אַ, דאַי! — האָט זשענדזשאַן געזאָגט.

דערויף האָט בוטרים זיך אָנגערופן:

— אויב אַזוי איז עפּעס אַנדערש. אָבער צו וואָס פאָרט איר דען אין יענע שטעט? איר קענט דאָך אויך אין שטשושין די פערד פאַרקויפן, ווייל מיר האָבן זייער ווייניק פערד, און די, וואָס מיר האָבן אין פּיליווישקי פאַרכאַפּט, טויגן צו גאָרנישט, ווייל זיי זענען אַלע צעניזוקט.

— יעדער פאַרט דאָרט, ווו עס געפעלט אים בעסער, און מ'ר ווייסן וו מיר דאַרפן פאָרן — האָט קמיטשיק געענטפערט.

— כ'ווייס נישט, וו ס'איז פאַר אייך בעסער, אָבער פאַר אונדז איז נישט בעסער, אַז איר זאָלט די שוועדן פערד צופירן און מיט ידיעות צו זיי פאָרן.

— ס'איז מיר אַ חידוש אָט וואָס — האָט דער פּאַכטער פון וואַנסאָש זיך אָנגערופן — דידאַזיקע מענטשן רעדן אויס אויף די שוועדן אַלדאָס בייז, און דאָך איילן זיי זיך עפּעס זייער שטאַרק זיך צו זיי צו דערקלויבן?

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו קמיטשיצן:

— און איר זענט מיר אויך עפּעס נישט זייער שטאַרק ענלעך אויף אַ פערד-הענדלער, ווייל איך האָב באַמערקט אויף דער האַנט געזען אַ פיינעם רינג, וואָס נישט איין שררה וואָלט זיך נישט געשעמט אים צו טראָגן...

— אויב ער איז אייך אַזוי געפעלן געוואָרן, קענט איר אים פון מיר אָפּקויפן, ווייל איך האָב פאַר אים אין לענג צוויי אָרטן באַצאָלט — האָט קמיטשיק געענטפערט.

— צוויי אָרטן?... איז ער אַוודאי נישט קיין עכטער, אָבער זייער אַ שיינער... ווייזט נאָר!

— נעמט, גנעדיקער הער.

— און אַליין קענט איר זיך פון אָרט נישט רירן?... איך זאָל צו אייך גיין?

— איך בין שטאַרק פאַרמאַטערט.

— עי, ברודערל! מ'קען מיינען, אַז איר ווילט דעם פּרצוף נישט ווייזן!

הערנדיק דאָס האָט יוזוואַ קיין איין וואָרט נישט געזאָגט, ער איז נאָר צוגעגאַנגען צום אויוון, אַרויסגעצויגן אַ ברענענדיק שטיק האָלץ און האַלטנדיק עס הויך איבערן קאָפּ, איז ער צוועק גלייך צו קמיטשיצן און אים אַ לייכט געטון אין די אויגן אַריין.

קמיטשיק האָט זיך אין איין רגע געגעבן אַ שטעל-אויף פון

אָרט און אַ קורצע ווײַלע האָבן זיי זיך געקוקט אין די אויגן אַרײַן — מיטאַמאָל איז דאָס ברענענדיקע האָלץ אַרויסגעפֿאַלן פֿון יוזוואַס הענט, פֿונאַנדערשיטנדיק טויזנטער פֿונקען איבער דער שטוב.

— יעזוס מאַריאַ! — האָט בוטרים אויסגעשריגן — דאָס איז קמיטשיץ!...

— איך בין עס! — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט, זעענדיק, אַז ער וועט מער נישט קענען זיך אויסבאַהאַלטן.

אָבער יוזוואַ האָט גענומען שרײַען אויף די זעלנער, וועלכע זענען געבליבן פֿאַרן פֿענצטער אין הויף:

— אַהער דאָ! אַהער דאָ! האַלט אים!

און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום הער אַנדזשעי:

— דו ביסט עס גאָר, מנוול, בוגד! דו ביסט עס גאָר, שד! איינמאָל האָסטו זיך פֿון מײַנע הענט אַרויסגעדרייט, און איצט גייסטו צו די שוועדן פֿאַרשטעלטערהייט? דו ביסט עס גאָר, פֿאַרקויפֿטע נשמה, מלאך־המוות פֿון מאַן און ווײַב? איך האָב דיך!

בײַ דיזאָזיקע ווערטער האָט ער דעם הער אַנדזשעי פֿאַרן קאַרק אָנגעכאַפּט, און הער אַנדזשעי האָט אים אויך געכאַפּט; אָבער פֿריִער האָבן שוין ביידע יונגע קעמליטשעס, קאָסמאַ און דאַמיאַן, זיך פֿון דער באַנק אויפֿגעהויבן, דערלאַנגענדיק מיט די צעשויבערטע קעפּ אַזש ביז צום סופֿיט, און קאָסמאַ האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— טאַטע, שלאָגן?

— שלאָגן! האָט דער אַלטער קעמליטש געענטפֿערט, אַרויסציִענדיק די שווערט.

אין דעם האָט די טיר אויפֿגעפּלאַצט און יוזוואַס זעלנער האָבן זיך אַרײַנגעשאָטן אין שטוב; אָבער האַרט הינטער זיי, כּמעט אויף זייערע קערק, האָבן קעמליטשעס דינער זיך אַרײַנגעריסן.

יוזוואַ האָט מיט דער לינקער האַנט דעם הער אַנדזשעי

פאַרן קאָרק אַ כאַפּ געטאָן, און אין דער רעכטער האָט ער שוין געהאַלטן אַ הוילע שווערט, מיט וועלכער ער האָט געפאָכעט און געדרייט אַרום זיך. אָבער הער צבדזשעי, הגם ער האָט אַזאַ ריזיקן כּוח נישט פאַרמאָגט, האָט אים אויך חי מיט אַ צוואַנג פאַרן גאָרגל אָנגעכאַפּט. יוזוואַן זענען די אויגן פון די לעכער אַרויסגעקראָכן, מיטן הענטל פון זיין שווערט האָט ער געצילט קמיטשיצס האַנט צעשמעטערן, אָבער ער האָט עס שוין נישט באַוויזן צו טון, ווייל קמיטשיץ האָט אים צום ערשט מיט דער קלינג פון זיין שווערט אַ זעץ געטאָן אין מוח אַריין. יוזוואַס פינגער, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם קאָרק פון קעגנער, האָבן זיך תיכּף אויפגעמאַכט, און אַליין האָט ער זיך אַ וואַקל געטאָן און זיך אונטערן קלאַפּ איבערגעבויגן אויף הינטן. קמיטשיץ האָט אים נאָך אַ שטופּ געטאָן, כּדי צו האָבן פריי אָרט אַ האַק צו טון מיט דער שווערט און מיטן גאַנצן כּוח האָט ער אים מיט דער שווערט דורכן פּיסק אַ שניט געטאָן. יוזווא איז געפאַלן מיטן פּנים אַרויף, ווי אַ דעמב, אָנקלאַפּנדיק מיטן קאָפּ אין דער פּאָדלאָגע.

— שלאָג! — האָט קמיטשיץ, אין וועלכן ס'האָט זיך מיטאַמאָל דער אַלטער מחבל אויפגעוועקט, אַ געשריי געטאָן.

אָבער ער האָט נישט געדאַרפט מעורר זיין, ווייל אין שטוב האָט געקאָכט, ווי אין אַ טאָפּ. די צוויי יונגע קמיטשיצס האָבן באַהאַקט מיט די שווערטן, און צייטנווייז געשטויסן מיט די קעפּ, ווי צוויי אָקסן, אַוועקלייגנדיק מיט יעדן שטויס אַ מענטש אויף דער ערד; האַרט הינטער זיי איז דער אַלטער נאָכגעגאַנגען, צעראַפּזעצנדיק זיך יעדע ווילע אַזש ביז צו דער ערד, האַלב-פאַרמאַכנדיק די אויגן און דורכרוקנדיק יעדע ווילע די שווערט אונטער די אָרעמס פון די זין.

אָבער סאָראָקאַ, וועלכער איז געוווינט געווען צו שלאַכטן אין קרעטשמעס און אין עבעניש, האָט אָנגעמאַכט דעם גרעסטן חורבן. ער האָט די קעגנער צוגעדריקט פון אַזוי נאָנט, אַז זיי האָבן מיט דער שאַרף צו אים נישט געקענט דערלאַנגען, און נאָכדעם ווי ער האָט פריער אין המון די פּיסטאָלעטן אויסגעשאָסן, האָט ער זיי איצט געהאַקט איבער די קעפּ מיט די הענטלעך פון

די שווערטן, צעקוויטשענדיק בעז, אויסהאַקנדיק ציין און אויגן. קנעליטשעס דינער און קמיטשיצס צוויי זעלנער זענען די האָרן זייערע געקווינען צו הילף.

דער שטורעם האָט זיך פון טיש אַריבערגעוואָרפן אין צווייטן עק שטוב. די לאַידער האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט מסירות נפש, אָבער פון דעם מאָמענט, וואָס קמיטשיץ איז נאָכן אומזאָרפן יוזעוואַן אַריינגעשפּרונגען אין קאָכעדיקן קעסל און באַלד אויסגעצויגן דעם צווייטן בוטרים, האָט דער נצחון גענומען זיך אַריבערבייגן איוף זיין זייט.

זשענדזשאַנס דינער זענען אויך אַריינגעפאַלן אין שטוב מיט שווערטן און ביקסן, אָבער הגם זשענדזשאַן האָט געשריגן: „שלאָג!" — האָבן זיי נישט געוווסט וואָס צו טון, ווייל זיי האָבן נישט געקענט דערקענען די קעגנער, מחמת די לאַוער מענטשן האָבן נישט געטראָגן קיין שום מונדירן. דעם סטאַראָסטעס דינער האָבן טאַקע דעריבער אין דעם צעמישעניש אַריינגעכאַפּט אי פון די און אי פון יענע.

זשענדזשאַן האָט זיך פאָרזיכטיק געהאַלטן און אין דער שלאַכט זיך נישט אַריינגעמישט, ער האָט נאָר געוואָלט דערקענען קמיטשיצן און אָנווייזן אויף אים צו שיסן, אָבער באַ דער שוואַכער שיין פון ברענענדיקן קין איז קמיטשיץ אים כסדר בעלם געוואָרן פון די אויגן; דאָ האָט ער זיך באַוויזן ווי אַ רויטער טייוול און דאָ איז ער ווידער אין דער טונקלקייט נעלם געוואָרן.

דער ווידערשטאַנד מצד די לאַודער איז שוואַכער געוואָרן מיט יעדער רגע, ווייל עס האָט באַ זיי צוגענומען דעם מוט יוזעוואַס פאַלן און קמיטשיצס מוראדיקער נאָמען. אָבער זיי האָבן געקעמפט מיט פאַרביטערטקייט. דערווייל האָט דער קרעטשמער זיך שטיל לעבן די קעמפנדיקע צוגערוקט מיט אַן עמער וואַסער אין האַנט און אַ גאָס געטון אויפן פייער. אין דער שטוב איז געוואָרן שטאָקפינסטער; די קעמפנדיקע האָבן זיך צוזאַמענגעדריקט אין אַזאַ ענגע קופּע, אַז זיי האָבן נאָר מיט די פויסטן געקענט זיך שלאָגן; אויף אַ ווײַלע האָבן די געשרייען אויפגעהערט, עס

האָט זיך נאָך געהערט אַ געשטיקט אָטעמען אין אַ קלאַפּן פֿון שוועל. אין־דעם זענען דורך דער אויסגעהאַקטער טיר אַרויסגעשפּרונגען צוערשט זשענדזשאַנס מענטשן, נאָך זיי די לאַודער און נאָך זיי קמיטשיצס מענטשן.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ געיעג אין פֿעדערהויז, פֿאַרן פֿעדערהויז און אין דער שאָפּע. ס'האָבן אָפּגעהילכט אַ פּאָר שאָסן, דערנאָך אַ ליאַרם און אַ קוויטשערײַ פֿון פֿערד. ס'האָט זיך צעפּלאַקערט אַ שלאַכט בײַ זשענדזשאַנס פֿורן, אונטער וועלכע זײַנע דינער האָבן זיך באַהאַלטן; די לאַודער האָבן אויך געזוכט אונטער זיי אַ מקום־מקלט און דאַמאָלס האָבן די דינער, אָנגעמענדיק זיי פֿאַר אָנפֿאַלער, געשאָסן אויף זיי אַ פּאָר מאָל.

— גיט זיך אונטער! — האָט דער אַלטער קעמליטש געשריגן, אַרײַנשטעכנדיק בלינדערהייט די מענטשן, וואָס זענען אונטער אים געווען באַהאַלטן.

— שטיי! מיר גיבן זיך אונטער! — האָבן אַ פּאָר שטימען געענטפֿערט.

און באַלד האָבן די דינער פֿון וואָנסאָש גענומען אַרויסוואַרפֿן פֿון אונטערן וואָגן שווערדן און ביקסן, דערנאָך האָבן די יונגע קעמליטשעס זיי צלײַן פֿאַר די קעפּ אַרויסגעשלעפּט, ביז דער אַלטער האָט אַ געשריי געטאָן;

— צו די פֿורן! נעמען, וואָס עס וועט פֿאַלן אין די הענט אַרײַן! גיך! צו די פֿורן!

די יינגע קעמליטשעס האָבן זיך דעם באַפֿעל אַ דריט מאָל נישט געלאָזט איבערחזרן און זיי האָבן זיך אַ וואָרף־געטאָן אויפֿבינדן די דעק פֿון זשענדזשאַנס אָנגעשטאָפּטע וועגן. זיי האָבן שוין גענומען זיך זיי אויסרוימען, ווי ס'האָט מיטאַמאָל קמיטשיצס שטים אָפּגעהילכט...

— שטיי!

און אונטערשטיצנדיק דעם באַפֿעל מיט די האַנט, האָט קמיטשיץ זיי גענומען שמײַסן מיט דער בלוטיקער שווערט.

קאָסמאַ און דאַמיאַן זענען אייליק אַוועקגעשפּרונגען אין אַ זייט.

— גנעדיקער האַר!... מ'טאָר נישט! — האָט דער אַלטער הכנעהדיק געפּרעגט.

— אַוועק! — האָט קמיטשיק געשריגן — זוכט מיר דעם סטאַראָסטן!

קאָסמאַ און דאַמיאַן האָבן כּהרף-עין זיך אַ לאָז-געטאָן, נאָר זיי איז אויך דער פֿאָטער נאָכגעלאָפֿן און אין אַ פּערטל שעה אַרום האָבן זיי זיך ווידער באַוויזן, פֿירנדיק זשענדזשאַנען, וועלכער האָט דערזעענדיק קמיטשיצן זיך נידעריק פֿאַרנייגט און געזאָגט.

— איך בעט אייך איבער, גנעדיקער האַר, אָבער מ'טאָר דאָ ניט טון אַן עוולה, ווייל איך האָב מיט קיינעם נישט געוואָלט מלחמה האַלטן, איך פֿאָר נאָר באַקאַנטע באַזוכן און דאָס מעג דאָך יעדער...

קמיטשיק, וועלכער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף דער שווערד, האָט שווער געאָטעמט און שטילגעשוויגן, און זשענדזשאַן האָט ווייטער געזאָגט:

— איך האָב דאָרט נישט די שוועדן און נישט דעם פֿירשט העטמאַן קיין שום שאָדן נישט געטאָן, איך בין נאָר צום האַר וואָלאָדיוּווסקי געפֿאָרן, ווייל ער איז מיין אַלטער באַקאַנטער און מיר האָבן אין רייסן צוזאַמען מלחמה געפֿירט... און צו וואָס זאָל איך זוכן קלעפּ! איך בין נישט געווען אין קיידאַני און עס גייט מיך לחלוטין נישט אָן, וואָס דאָרט איז געווען... איך זע נאָר, אַז איך זאָל אַרויס מיט גאַנצע ביינער און אַז דאָס, וואָס גאָט האָט מיר געגעבן, זאָל נישט לאיבוד גיין... ווייל איך האָב עס נישט געגנבעט, נאָר מיט שווערער האָרעוואַניע פֿאַרדינט... מיך גייט דאָס אַלץ גאָרנישט אָן! זאָל דער הויך-וווילגעבוירענער האַר מיר דערלויבן פֿריי אָפּצופֿאָרן...

קמיטשיק האָט שווער געאָטעמט, קוקנדיק כּסדר ווי צעטראָגן אויף זשענדזשאַנען.

— איך בעט הכנעהדיק דעם הויך-וווילגעבוירענעם האַר — האָט דער סטאַראָסטע ווידער אָנגעהויבן — דער הויך-וווילגעבוי-

רענער דער האָט געזען, אַז איך האָב דידאָזיקע מיינט׳ן נישט געקענט און זייער פֿריינט נישט געווען. זיי זענען באַפֿאַלן דעם גנעדיקן הער, האָבן זיי באַקומען זייער פּסק. אָבער פֿאַרוואָס זאָל איך ליידן, פֿאַרוואָס זאָל מיינס פֿאַרפֿאַלן ווערן? וואָס האָב איך חוטא געווען? אויב עס קען אָן דעם נישט זיין, וועל איך זיך אויסקויפֿן באַ די זעלבער פֿון הויך־וויל־געבוירענעם האַר, הגם איך בין אַן אָרימאַן און בין אַ סך נישט בכּוח צו געבן... צו אַ טאָלער וועל איך זיי געבן, כּדי זייער טרחא זאָל נישט זיין געווען אומזיסט... כ׳וועל אויך געבן צו צוויי... און דער גנעדיקער האַר וועט אויך פֿון מיר אָננעמען...

— צודעקן דידאָזיקע וועגנס! — האָט קמיטשיץ מיטאַמאָל אַ געשריי געטון — און איר נעמט די פֿאַרוואונדעטע און פֿאָרט צום טייוול!

— איך דאַנק הכנעהדיק דעם גנעדיקן האַר — האָט דער הער פֿאַכטער פֿון וואַנסאָש געזאָגט.

דאָ איז צוגעגאַנגען דער אַלטער קעמליטש, וועלכער האָט, אויסווייזנדיק די אונטערשטע ליפּ מיט די רעשטלעך ציין, געקרעכצט:

— גנעדיקער האַר... דאָס איז אונדזער... שפּיגל פֿון גערעכטיקייט... דאָס איז אונדזער...

אָבער קמיטשיץ האָט אויף אים אַ קוק געטון אַזוי, אַז דער אַלטער האָט זיך איינגעקאָרטשעט אַזש ביז צו דער ערד און נישט דערוועגט זיך אַ וואָרט אַרויסצורעדן.

זשענדזשאַנס דינער האָבן זיך אין גרעסטן אייליקייט אַוועקגעכאַפּט די פֿערד אין די וועגנס איינשפּאַנען. און קמיטשיץ האָט זיך ווידער געווענדט צום הער סטאַראָסטע.

— נעמט דידאָזיקע אַלע פֿאַרוואונדעטע און געהרגעטע, וואָס וועלן זיך געפֿינען, פֿירט זיי אַוועק צום הער וואָלאָדיאָווסקי און זאָגט אים אין מיין נאָמען, אַז איך בין אים נישט קיין שונא און אפֿשר נאָך אַ בעסערער פֿריינט, ווי ער מיינט... אָבער כ׳האָב אים געוואָלט מיידן, ווייל ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט, אַז מיר זאָלן זיך באַגעגענען. אפֿשר וועט שפּעטער דידאָזיקע צייט

קומען, אָבער היינט, נישט ער וואָלט געגלייבט און נישט איך וואָלט געהאַט מיט וואָס אים צו איבערצייגן.. אפשר שפּעטער... געדענקט! זאָגט אים, אַז דידאָזיקע מענטשן זעען מיך באַפאַלן און אַז איך האָב מיך געמוזט פאַרטיידיקן.

— און אין דער אמתן איז עס דאָך טאַקע אַזוי געווען — האָט זשענדזשאַן געזאָגט.

— וואַרט... זאָגט נאָך דעם הער וואָלאָדזיאָווסקי, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן אינאיינעם, אַז ווי באַלד ראַדזיוויל וועט זיך דערוואַרטן אויף די רייטער פון כאָבאָטסן, וועט ער תּיכּף אויף זיי מאַרשירן. אפשר איז ער שוין אויפן וועג. צוזאַמען מיטן פירשט שטאַלמייסטער און דעם קורפירשטס שוועדן זיי אינטריגעס און באַנט צו דער גרענעץ איז אַ סכּנה צו שטיין. און קודם-כּל זאָלן זיי זיך האַלטן אין איינעם אַנישט וועלן זיי האָבן אַ מאָגן כוף. דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע וויל זיך קיין פּאָליעסיע דורכרייסן... זאָלן זיי אים אַקעגנגיין, כּדי אין פאַל פון אַ שטערונג אים צו הילף צו קומען.

— כ'וועל אַלץ זאָגן, ווי מ'וואָלט מיר דערפאַר באַצאָלט.

— הגם קמיטשיץ זאָגט דאָס, הגם קמיטשיץ איז מתרה, זאָלן זיי אים גלייבן, זאָלן זיי זיך משל-עצה-זיין מיט די אַנדערע פּאָלקאָווניקעס און איינזען, אַז אינאיינעם וועלן זיי זיין שטאַרקער. איך חזר איבער, אַז דער העטמאַן איז שוין אויפן וועג און איך בין דעם הער וואָלאָדזיאָווסקי קיין שונא נישט.

— ווען איך וואָלט געהאַט עפּעס אַ סימן פון גנעדיקן האַר, וואָלט נאָך בעסער געווען — האָט זשענדזשאַן געזאָגט.

— צו וואָס טויג אייך אַ סימן?

— ווייל הער וואָלאָדזיאָווסקי וואָלט אויך גיכער געגלייבט אין דער עכטקייט פון אייערע געפילן און וואָלט זיך געטראַכט, אַז עפּעס מוז דאָ זיין, אויב ער שיקט אַ סימן.

— אויב אַזוי, באַט אייך דעמדאָזיקן סיגנעט — האָט קמיטשיץ געזאָגט — הגם עס וועט זיין גענוג סימנים פון מיר אויף

די קעפ פון די מענטשן, וואָס איר וועט צום הער וואָלאָדיאָווסקי אויפקעפירן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער דעם רינג פון די פינגער אַראָפּגעצויגן: און זשענדזשאַן האָט אים גיך גענומען און געזאָגט:

— איך דאַנק הכנעהדיק דעם גנעדיקן האַר.

מיט אַ שעה שפּעטער איז זשענדזשאַן צוזאַמען מיט זיינע חעגנס און דינער, וועלכע זענען נאָר אַ ביסל געווען צעניזוקט, רויִק געפאָרן צו שטשוטשין-צו, פירנדיק דריי הרוגים און די איבעריקע אַלע פאַרוואונדעטע, צווישן וועלכע ס'איז אויך געווען יוזוואַ בוטרים מיט אַ דורכגעשניטענעם פּנים און צעקלאַפּטן קאָפּ. פאָרנדיק האָט ער געקוקט אויפן רינג, וואָס זיין שטיין האָט וואונדערבאַר געפינקלט באַ דער שיין פון דער לבנה. און ער האָט געטראַכט וועגן דאָזיקן פלאָדיקן און שרעקלעכן מענטש, וועלכער האָט אַזוי פיל שלעכטס געטון די קאָנפעדעראַטן און אַזוי פיל גוטס די שוועדן און ראַדזיווילן און אָבער דאָך געוואָלט מציל זיין די קאָנפעדעראַטן פון אַ זיכערן אונטערגאַנג.

— ווייל די עצה, וואָס ער גיט, איז טאַקע אַ גוטע — האָט זשענדזשאַן צו זיך געזאָגט — אַ ניינעם איז תמיד בעסער זיך צו האַלטן. אָבער פאַרוואָס איז ער כתּ־ה? סיידן פון ליבשאַפט צום הער וואָלאָדיאָווסקי דערפאַר, וואָס ער האָט אים אין בילעוויטשע דאָס לעבן געשענקט. סיידן פון ליבשאַפט! אָבער דעם פירשט העטמאַן קען פון דערדאָזיקער ליבשאַפט אַ רעה אַרויסקומען. אַ פלאָדיקער מענטש: ראַדזיווילן דינט ער, און אונדזערע מענטשן גינט ער גוטס... און צו די שוועדן פאַרט ער... דאָס פאַרשטיי איך נישט...

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער צוגעגעבן:

— אַ האַר מיט אַ ברייטער האַנט... ס'איז נאָר שלעכט אים אין וועג אַריין צו קריכן. —

פונקט אַזוי שווער און פונקט אַזוי אומזיסט ווי זשענדזשאַן האָט זיך אויך דער אַלטער קעמליטש געבראָכן דעם קאָפּ, ווילנ-

דיק געפינען אַ תשובה אויף די שאלה: וועמען דינט דער הער קמיטשיץ?

— ער פאָרט צום קעניג, און שלאָגט די קאָנפעדעראַטן, וואָס שטייען טאַקע אויפן צד פון קעניג. וואָס איז דאָס? און די שוועדן טרויט ער אויך נישט, ווייל ער באַהאַלט זיך... וואָס וועט זיין מיט אונדז?

נישט קענענדיק קומען צו קיין שום מסקנא, האָט ער זיך מיטאַמאָל געווענדט צו די זין:

— איר וועט פגרן אָן ווידוי! איר האָט נישט געקענט כאָטש יענע הרוגים אַרומטאַפּן?

— מיר האָבן מורא געהאַט! — האָבן קאָסמאַ און דאַמיאַן געענטפערט.

אײן סאַראָקאַ איז געווען צופרידן און איז פריילעך געריטן האַרט אונטער זיין פּאָלקאָווניק.

— דאָס בייזע מזל האָט זיך שוין פון אונדז אָפּגעטראָטן — האָט ער געטראַכט — אויב מיר האָבן יענע צעקלאַפּט. כ'וואָלט אַ בעלן געווען וויסן, וועמען מיר וועלן איצט שלאָגן?

און ס'איז אים געווען אַלץ איינס, פונקט ווי ס'איז אים נישט געווען קיין חילוק, ווו ער איז געפאָרן.

צו קמיטשיצן האָט זיך קיינער נישט דערוועגט צוצוטרעטן און אויך נישט צו פרעגן וועגן וואָס עס איז, ווייל דער יונגער פּולקאָווניק איז געפאָרן אַן אָנגעכמאַרעטער, ווי די נאַכט. ס'האָט אים שרעקלעך וויי געטון, וואָס ער האָט געמוזט צעקלאַפּן די מענטשן, לעבן וועלכע ער גאַרט וואָס ניכער צו שטיין אין דער ריי. אָבער ווען אפילו ער וואָלט זיך אונטערגעגעבן און געלאָזט זיך צום הער וואָלאָדיאָווסקי אָפּפירן, וואָס וואָלט דער הער וואָלאָדיאָווסקי זיך געטראַכט, ווען ער וואָלט זיך דערוווּסט, אַז מ'האָט אים געכאַפּט, בשעת ער האָט אַ פאַרשטעלטער זיך געוואָלט צו די שוועדן אַריבערקריגן, האָבנדיק באַ זיך זיכערקייט-בריוו צו די שוועדישע קאָמענדאַנטן.

— די אַלטע עבירות פאַרפאָלגן מיך... — האָט קמיטשיץ צו זיך געזאָגט — איך וועל אַנטלויפן וואָס ווייטער, און דאָ, גאָט פירט מיך...

און ער האָט גענומען הייס מתפּלל זיין און זיך אָפּזאָגן פון געזיסן, וואָס האָט אים איבערגעחזרט:

— ווידער האָסטו געלאָזט הרוגים הינטער זיך און נישט קיין שוועדישע...

— גאָט, זיי דערבאַרעמדיק... — האָט קמיטשיץ געענטפערט — איך פאָר צו מיין האַר, דאָרט וועט זיך פאַר מיר אָנהייבן די דינסט...

5. קאַפּיטל.

זשענדזשאַן האָט נישט בדעה געהאַט צו בלייבן אויף נאַכט אין פּאָקשיק, ווייל כּדי וואַנסאַש קיין שטשוטשין איז געווען נישט ווייט — ער האָט נאָר געוואָלט לאָזן אויסרוען די פערד, און בפרט די, וואָס האָבן די אָנגעלאָדענע וועגן געשלעפּט, און ווען קמיטשיץ האָט אים דערלויבט צו פאָרן ווייטער האָט זשענדזשאַן דעריבער קיין צייט נישט פאַרלוירן און מיט אַ שעה שפּעטער איז ער שוין שפּעט אין דער נאַכט אַריינגעפאָרן קיין שטשוטשין. פאָרשטעלנדיק זיך פאַר די וואַכן ווער ער איז, האָט ער זיך צעלייגט אויפן מאַרק, ווייל די הייזער זענען געווען פאַרנומען פון די זעלנער, וועלכע האָבן אַזוי אויך נישט אַלע געקענט אַריין. שטשוטשין האָט געגאָלטן פאַר אַ שטאָט, אָבער עס איז אינדעראמתן נישט געווען, ווייל עס האָט נאָך נישט געהאַט נישט קיין שוץ־מויערן, נישט קיין ראָטהויז, נישט קיין געריכטן, נישט קיין פּיאַריסטן־קאָלעגיום, וועלכעס איז אַנטשטאַנען ערשט פאַר די צייטן פון יאַן דעם דריטן, און הייזער האָט עס געהאַט קנאַפּ און מער כאַטעס ווי הייזער, און אַט די כאַטעס האָט מען

אַ נאָמען געגעבן שטאָט נאָך דערפֿאַר, ווייל זיי זענען געווען אויס־געבויט אין אַ קוואַדראַט, און געבילדעט אַ מאַרק, וועלכער איז, אגב, געווען נישט ווייניקער קויטיק, ווי דער סטאַוו, איבער וועלכן די שטאָט איז געלעגן.

נאָכדעם ווי זשענדזשאַן האָט זיך אויסגעשלאָפֿן אונטער דעם וואַרעמען פּעלץ און זיך דערוואַרעמט אויפֿן פּרימאָרגן, איז ער באַלד אַוועק צום הער וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער האָט אים, נאָכדעם ווי ער האָט אים שוין אַזאַ לאַנגע צייט נישט געזען, אויפֿגענומען מיט שמחה און באַלד אַוועקגעפֿירט אין דער קוואַרטיר פֿון די הערן סקשעטושסקי און פֿון הער זאַגלאָבאַ. זשענדזשאַן האָט זיך אַזש צעוויינט אויפֿן אָנבליק פֿון אַמאָליקן הער, וועלכן ער האָט אַזוי פֿיל יאָרן טריי געדינט, אַזוי פֿיל פֿאַרוויפֿעניש צוזאַמען מיט אים מיטגעמאַכט און צום סוף זיך צו אַ פֿאַרמעגן דערשלאָגן. נישט שעמענדיק זיך מיט דער אַמאָליקער דינסט, האָט ער גענומען דעם הער יאַן קושן אין די הענט און איבער־חזרן מיט אַ טיף־רירנדער שטים:

— מיין הער... מיין הער... אין וואָסערע צייטן טרעפֿן מיר זיך ווידער!...

און זיי האָבן אַלע צוזאַמען גענומען אויף די צייטן זיך באַקלאָגן — צום סוף האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופֿן:

— אָבער דו זשענדזשאַן זיצסט תמיד באַם מאָל אונטערן ביזעם און ווי איך זע איז פֿון דיר אַרויסגעקומען אַ גאַנצער פּריץ, געדענקסט, ווי איך האָב דיר נביאות געזאָגט, אַז אויב מ׳וועט דיך נישט אויפֿהענגען, וועט מען פֿון דיר האָבן אַ סך נחת!... ווי־זשע גייט עס דיר איצט?

— מיין הער פֿאַרוואָס האָט מען מיך געזאָלט הענגען, אַז איך האָב נישט חוטא געווען נישט קעגן גאָט און נישט קעגן געזעץ כ׳האָב געטריי געדינט, און אויב איך בין לגבי עמעצן אַ בגידה באַגאַנגען, איז נאָר לגבי שונאים, און דאָס האַלט איך גאָר פֿאַר אַ פֿאַרדינסט. און אויב איך האָב דאָ און דאָרט עפּעס אַ רשעֿ דורך אַ שפּיצל מגבר געווען, עמעצן פֿון די מורדים, אַ טייגער, אָדער יענע מכשפֿה — דער האַר געדענקט? — איז

עס אויך נישט קיין עבירה, און ווען אפילו עס וואָלט יאָ געווען אַן עבירה, איז עס אייער עבירה, גנעדיקער האַר, און נישט מיינע, ווייל איך האָב זיך טאַקע פון האַר די שפּיצלעך אויסגעלערנט.

— אָ, דאָס קען נישט זיין!.. קוקט אים נאָר אָן! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט. — אויב דו ווילסט, אַז מען זאָל מיך באַכן מיט שמייסן פאַר דיינע עבֿרות, מוזסטו מיך פון זייערע פּירות באַט לעבן לאָזן געניסן. אַליין האָסטו הנאה פון יענע אַלע אוצרות וואָס דו האָסט צווישן די קאָזאַקן אָנגעקליבן און מ׳וועט דעריבער דיך אַליין דערפאַר אין גיהנום אויף גריוון אויסלאָזן!

— גאָט איז אַ בעל־רחמים, מיין האַר, הגם עס איז נישט אמת, אַז איך אַליין האָב הנאה, ווייל קודם־כל האָב איך די שלעכטע שכנים אינגאַנצן פאַרטריבן און פאַרזאָרגט די עלטערן, וועלכע זיצן איצט במנוחה אין זשענדזשאַני, נישט ווייסנדיק שוין מער פון קיין שום סכסוכים, ווייל די יאַוואָרסקי׳ס זענען איצט בעירום ובחוסר כל, און איך פאַרדין מיר ערגעץ אַנדערש וואו, וויפיל איך קען.

— ווייסטו שוין, הייסט עס, נישט אין זשענדזשאַני? — האָט הער יאַן סקשעטוסקי געפרעגט.

— אין זשענדזשאַני וווינען די עלטערן, ווי אַנומלט, און איך וווין אין וואָנסאָש און קען זיך נישט באַקלאָגן, ווייל גאָט האָט געבענטשט מיט הצלחה. אָבער ווען כ׳האָב דערהערט, אַז די גנעדיקע האַרן זענען אין טשטשוטשין, האָב איך שוין נישט געקענט איינזיצן, ווייל איך האָב זיך געטראַכט: אַפּנים, ס׳איז שוין צייט זיך ווידער צו לאָזן אין וועג אַריין! אויב עס זאָל זיין אַ מלחמה, זאָל זי זיין!

— זיי זיך מודה — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — אַז די שווערן האָבן דיך פון וואָנסאָש אַרויסגעסטראַשעט.

— קיין שווערן זענען נאָך אין ווידזער קאַנט נישטאָ, נאָר קליינע אַפּטייליבנגען קומען אַמאָל אַריין און דאָס זייער פאַרזיכטיק, ווייל די פויערן זענען אויף זיי שטאַרק פאַרביטערט.

— אויב אזוי זאָגסטו מיר אַ גוטע בשורה אָן — האָט וואָ־לאָדזיאַווסקי זיך אָנגערופן — ווייל איך האָב נעכטן בפיוון אָן אָפּטיילונג אַרויסגעשיקט, אַז זי זאָל קלויבן ידיעות וועגן די שוועדן, מחמת כ'האָב נישט געוווסט, צי מ'קען רוק אין שטשוטשין די פערד פּאַשן. מסתמא האָט דיך דידאָזיקע אָפּטיילונג דאָ אַהער־געפירט?

— דידאָזיקע אָפּטיילונג? מיך? דאָס האָב איך דאָך זי אַהערגעפירט, און גיכער אַהערגעבראַכט, ווייל עס איז צווישן דידאָזיקע מענטשן קיין איינער נישטאָ, וואָס זאָל מיט אייגענע כוחות קענען אויפן פערד איינזיצן!

— וואָס הייסט?... וואָס רעדסטו?... וואָס איז דען גע־שען? — האָט וואָלאָדזיאַווסקי געפרעגט.

— ווייל מ'האָט זיי מוראיק צעקלאַפּט — האָט זשענדזשאַן מסביר געווען.

— ווער האָט זיי צעקלאַפּט?!

— הער קמיטשיץ.

די הערן סקשעטוסקי און זאַגלאָבאַ זענען אויש פון די ער־טער אויפגעשפרונגען, פרעגנדיק אַלע צוזאַמען:

— הער קמיטשיץ? ווי קומט ער דאָ אַהער?... שוין־זשע איז דער פירשט העטמאַן אַליין שוין געקומען אַהער? גיכער! זאָג מיטאַמאָל, וואָס איז געשען?

אָבער הער וואָלאָדזיאַווסקי איז דערווייל אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב, ווילנדיק אָפּנים מיט די אייגענע אויגן זען די גרייס פון דער מפּלה און די מענטשן באַקוקן; זשענדזשאַן האָט דערי־בער געזאָגט:

— און צו וואָס זאָל איך דערציילן, בעסער וועל איך צו־וואַרטן ביז הער וואָלאָדזיאַווסקי וועט צוריקקומען, ווייל דאָס איז דאָך קודם־כּל זיין עסק. און אגב וועל איך אָפּשוינען דאָס מויל און צוויי מאָל איין זאַך נישט דאַרפן איבערחזרן.

— האָסטו טאַקע קמיטשיצן געזען מיט די אייגענע אויגן? — האָט הער זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— אַזוי ווי איך זע דעם האַר!

— און ווּ האָסטו מיט אים גערעדט?

— ווי אַזוי האָב איך געזאָלט נישט רעדן, אַז מיר האָבן זיך אין פּאָקשיק נישט ווייט פון דאָנען צונויפגעטראָפן; איך האָב די פערד געלאָזט אויסרוען, און ער האָט זיך אויף נאַכט-לעגער אָפּגעשטעלט. כמעט אַ שעה האָבן מיר גערעדט, ווייל עפּעס אַנדערש האָבן מיר נישט געהאַט צו טון. איך האָב זיך באַקלאָגט אויף די שוועדן, און ער האָט זיך אויך באַקלאָגט...

— אויף די שוועדן? ער האָט זיך אויך באַקלאָגט? — האָט סקשעטוסקי געפרעגט.

— ווי אויף שדים, הגם ער איז צו זיי געפאָרן.

— אַ סך מיליטער איז מיט אים געווען?

— קיין שום מיליטער איז מיט אים נישט געווען, נאָר אַ פּאָר דינער, אמת, באַוואָפנטע און מיט אַזעלכע פּרצופים, אַז די, וועלכע האָבן די הייליקע קינדער אויף הורדיסעס באַפעל אויס-געקוילעט, האָבן אוודאי קיין שטרענגערע און מיאוסערע נישט געהאַט. ער האָט זיך פאַר מיר אָנגעגעבן פאַר אַ שליאַכטשיץ, אַ מדינה-גייער, און געזאָגט, אַז ער פאָרט מיט פערד אויף יאַר-מאַרק. אָבער הגם ער האָט געהאַט מיט זיך אַ סטאַדע פערד, איז מיר כּוונדערסטוועגן דאָס אויסגעקומען פאַרדעכטיק, ווייל סיי די פּערזאָן און סיי דער מיט זייַנער זענען נישט געווען אַזעלכע ווי בײַ פערד-הענדלער, און אַ פײַנעם רינג האָב איך בײַ אים אויף דער האַנט געזען... אָט דעם טאַקע!

דאָ האָט זשענדזשאַן מיטן טייערן שטיין אַ לייכט-געטון אין די אויגן פון די צוהערער, און הער זאַגלאָבאַ האָט זיך אַ זעץ-געטון אין שויס אַריין און אויסגעשריגן:

— ער האָט עס שוין פון אים אויסגענאַרט! בלויז פון דעם אַליין וואָלט איך דיך, זשענדזשאַן, דערקענט אין צווייטן עק וועלט!

— זייט מוחל, גנעדיקער האַר, כ'האָב נישט אויסגענאַרט, ווייל כ'בין אויך אַ שליאַכטשיץ, מיט אַלע שליאַכטשיצעס צוגלייך, און נישט קיין ציגיינער, הגם איך לעב אויף פּאַכט-גיטער, כּל-זמן גאָט וועט מיר נישט העלפן, אַז איך זאָל קענען זיך אויף

אן אייגענער נחלה באזעצן. אין דעמדאָזיקן רינג האָט מיר הער קמיטשיץ געגעבן צום צייכן, אַז דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז וואָר, און איך וועל אייך באַלד זיינע ווערטער געטריי איבערחזרן, ווייל מיר דאַכט, אַז דאָ גייט עס וועגן אונדזערע לעבנס.

— וואָס הייסט? — האָט זאַגלאָבאַ גענפּרעגט.

דאָ איז אַריינגעקומען הער וואָלאָדיאָווסקי, אַ שרעקלעך אויפגעבראַכטער און אַ בלייכער פון כעס. ער האָט דאָס היטל אויף, טיש אַ וואָרף געטון און אויסגערופן:

— דאָס איז אומדערהערט! דריי מענטשן דערהרגעט, יוזוואַ בוטרים צעשניטן, קוים ער ציט דעם אָטעם!

— יוזוואַ בוטרים?... דאָס איז דאָך אַ מענטש מיט אַ גבורה פון אַ בער! — האָט זאַגלאָבאַ אַ פאַרחידושטער געזאָגט.

— אים האָט פאַר מיינע אויגן הער קמיטשיץ אַליין אויסגעצויגן — האָט זשענדזשאַן זיך אָנגערופן.

— איך האָב שוין גענוג דעמדאָזיקן הער קמיטשיץ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אַן אויפגערעגטער געזאָגט — ווי דערדאָזיקער מענטש באַווייזט זיך, לאָזט ער איבער הרוגים נאָך זיך, ווי אַ מלאך-המוות. גענוג שוין! מיר האָבן זיך מיט אים אָפּגעקוויטעוועט, אַ לעבן פאַר אַ לעבן... אָבער איצט איז אַ נייער חשבון... ער האָט מיר פון די מענטשן אַ תל געמאַכט, גוטע יונגלעך באַפאַלן... דאָס וועט אים ביזן ערשטן באַגעגעניש נישט פאַרגעסן ווערן...

— דעם אמת געזאָגט, איז ער נישט זיי באַפאַלן, נאָר זיי אים, ווייל ער איז אין פינסטערסטן וויבקל פאַרקראָכן, כדי מ'זאָל אים נישט דערקענען — האָט זשענדזשאַן געזאָגט.

— און דו, אָנשטאָט מיינע מענטשן העלפן, ביסטו פאַר אים נאָך אַ מליץ-יושר! — האָט וואָלאָדיאָווסקי מיט כעס געזאָגט.

— איך זאָג עס למען האמת... און וואָס שייך הילף, האָבן מיינע מענטשן געוואָלט העלפן, נאָר ס'איז זיי נישט געווען צו

דער האַנט, ווייל אין דער מהומה האָבן זיי נישט געוווּסט וועמען צו שיסן און זיי האָבן דורכדעם אַליין אַריינגעכאַפּט. אויב איך בין מיטן לעבן און מיט די וועגנס אַנטקומען, איז עס נאָר אַ דאַנק הער קמיטשיצס גוטהאַרציקייט, ווייל הערט, גנעדיקע הערן, ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען.

דאָ האָט זשענדזשאַן גענומען שילדערן אויספירלעך דאָס געשלעג אין פּאַקשיק. ער האָט גאַרנישט דורכגעלאָזט, און ווען ער האָט צום סוף געזאָגט אויך דאָס, וואָס קמיטשיץ האָט אים געהייסן זאָגן, זענען די אָפיצירן נבהל־ונשתומם געוואָרן.

— ער אַליין האָט דאָס געזאָגט? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— ער אַליין — האָט זשענדזשאַן געענטפערט — „איך (זאָגט ער) בין דעם הער וואָלאָדיאָווסקי און אויך די קאָנפעדעראַטן קיין שונא נישט, הגם זיי מיינען אַנדערש. שפּעטער וועט זיך דאָס אַרויסווייזן, און דערווייל זאָלן זיי זיך למען־השם האַלטן איבאַייבעם, ווייל דער ווילנער וואָיעוואָדע וועט זיי ווי ראַקעס פון דער נעץ אַרויסקלויבן“.

— און ער האָט געזאָגט, אַז דער וואָיעוואָדע איז שוין אויפן וועג? — האָט יאַן סקשעטוסקי געפרעגט.

— ער האָט בלויז געזאָגט, אַז ער וואַרט נאָר אויף שוועדישע פאַרשטאַרקונגען און אַז ער וועט באַלד אויף פּאָלעסיע מאַרשירן.

— וואָס זאָגט איר צו דעם אַלעם? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט, קוקנדיק אויף די חברים.

— אַ פּלאַדיקע זאַך! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — אָדער דערדאָזיקער מענטש איז בוגד אין ראַדזיווילן, אָדער ער גרייט צו פאַר אונדז עפּעס אַ פאַרבאָרגענע סכנה. אָבער וואָס זשע? ער גיט אַן עצה זיך צו האַלטן איבאַייבעם, וואָס פאַר אַ שאָדן קען אונדז דערפון אַרויסקומען?

— אַז מיר וועלן אויסגיין פון הונגער — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — איך האָב טאַקע אַ ידיעה, אַז אי זשיראַמסקי, אי קאָטאָווסקי און אי ליפּניצקי זאָלן צעטיילן די פּולק

אויף אָפּטײלונגען צו אַ פּאָר צענדליק רײטער און זײ פֿונאַנדער לײגן איבער דער גאַנצער װאָיעװודסטװע, װײל אינאײנעם קענען זײ זיך נישט דערנערן.

— און אויב ראַדזיװיל װעט אויף אַן אמת אָנקומען ? — האָט סטאַניסלאַװ סקשעטוסקי געפֿרעגט — װער װעט זיך אים דאַמאָלס אַקעגנשטעלן ?

קײנער האָט נישט געקענט ענטפֿערן אויף דידאָזיקע פֿראַגע, װײל עס איז באמת געװען קלאָר װי די זון, אַז װען דער ליטװישער גרױס-העטמאַן װאָלט אָנגעקומען און געטראָפֿן די כּוחות פֿון די קאָנפֿעדעראַטן צעשפּליטערט, װאָלט ער זײ דאַמאָלס זײער לײכט פֿאַרטיליקט.

— אַ פֿלאָדיקע זאַך! — האָט זאַגלאָבאַ איבערגעחזרט.

און נאָך אַ װײַלע שטילשװײַגן האָט ער װײטער געזאָגט:

— אָבער קמיטשיץ האָט דאָך שױן באַװיזן, אַז ער איז באמת אױסן אונדזער טובֿה. מיר פֿאַלט אײַן, אַז ער האָט אפֿשר ראַדזיװילן אָװעקגעװאָרפֿן... אָבער אין אַזאַ פֿאַל װאָלט ער זיך נישט דורכגעגנבֿעט פֿאַרשטעלטערהײט און דאָס װוהין — צו די שװעדן ?

דאָ האָט ער זיך געװענדט צו זשענדזשאַנען:

— אָבער ער האָט דיר געזאָגט, אַז ער פֿאָרט דורך װאַרשע?

— יאָ! — האָט זשענדזשאַן געענטפֿערט.

— נו, דאָרט איז שױן די שװעדישע מאַכט.

— אין דער צײַט האָט ער די שװעדן שױן געמוזט האָבן באַגעגנט, אויב ער איז געפֿאָרן די גאַנצע נאַכט — האָט זשענדזשאַן געזאָגט.

— איר האָט שױן אַמאָל געזען אַזאַ מענטש ? — האָט זאַגלאָבאַ געפֿרעגט, קוקנדיק אויף די חבֿרים.

— אַז אין אים איז דאָס שלעכטע מיטן גוטן צונױפֿגעמישט, װי פֿלעװעס מיט קערנער, דאָס איז זיכער — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — אָבער אַז אין דערדאָזיקער עצה, װאָס

ער גיט אונדז איצט, זאָל שטעקן עפּעס אַ בגידה. אין דעם גלייך איך בשום אופן נישט. איך ווייס נישט, וווהין ער פֿאָרט, פֿאַר־וואָס ער גנבעט זיך דורך פֿאַרשטעלטערהייט און בחנם וואָלט איך זיך איבער דעם דעם קאָפּ געבראָכן, ווייל דאָ שטעקט עפּעס אַ סוד... אָבער ער עצהט גוט, ער וואָרנט ערלעך, דערויף וועל איך שווערן, ווי אויך דערויף, אַז די איינציקע רעטונג פֿאַר אונדז איז דידאָזיקע עצה צו פֿאָלגן. ווער ווייסט, צי מיר וועלן אים ווידער נישט האָבן צו פֿאַרדאַנקען דאָס געזונט און דאָס לעבן?

— באַ גאָט! — האָט וואָלאָדזיאָווסקי אויסגעשריגן — ווי אַזוי וועט ראַדזיוויל קומען אַהער, אַז אויפֿן וועג שטייען אים וואָלטערענקאָס מענטשן און כאָוואַנסקיס פּוסגייער. עפּעס אַנדערש מיר! איין פֿולק וועט זיך דורכגליטשן, אָבער מיר האָבן דאָך אויך אין פּילווישקי געמוזט מיט די שווערטן אַ וועג זיך עפּענען. עפּעס אַנדערש איז אויך קמיטשיץ, וועלכער האָט מיט אַ פּאָר מענטשן זיך דורכגעגנבעט, אָבער ווי אַזוי וועט דער פֿירשט העטמאַן דורכגיין מיטן גאַנצן חייל? סיידן ער וועט צוערשט יענע אָפּרוימען...

הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט נאָך נישט געענדיקט רעדן, ווי די טיר האָט זיך געעפֿנט און אַ דינער איז אַרײַנגעקומען.

— אַ שליח מיט אַ בריוו צום הער פּולקאָווניק — האָט ער געזאָגט.

— גיב אים אַהער! — האָט וואָלאָדזיאָווסקי אויסגערופֿן.

דאָס יונגל איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַ בריוו. הער מיכאַל האָט גיך אָפּגעבראָכן דעם זיגל און גענומען לייענען:

„וואָס איך האָב בעכטן נישט דערזאָגט דעם פֿאַכטער פֿון וואָנסאָש, וועל איך הײַנט צושרײַבן. דער העטמאַן האָט אַליין אויך גענוג חייל פֿאַר אייך, אָבער ער וואַרט בכיוון אויף שוועדישע פֿאַרשטאַרקונגען, כּדי אויף אייך צו מאַרשירן אונטער דעם שוץ פֿון שוועדישן קעניג, ווייל ווען די צפֿון-לײַט וואָלטן אים דאַמאָלס פֿאַרשעפּעט, וואָלטן זיי געמוזט אויך די שוועדן אָנגרײַפֿן, און

דאָס וואָלט געהייסן מלחמה־פירן מיטן שוועדישן קעניג. נישט האָבנדיק קיין באַפעלן וועלן זיי אָבער זיך נישט דערוועגן דאָס צו טון, ווייל זיי האָבן מורא פאַרן שוועד און וועלן אויף זיך די אחריות פאַרן אָנהייבן די מלחמה נישט נעמען. זיי האָבן שוין איינגעזען, אַז ראַדזיוויל שטעלט זיי בפירוש אומעטום אונטער שוועדן; זאָלן זיי נאָר אייגעם דערשיסן אָדער דערשטעכן, וועט באַלד זיין אַ מלחמה. די צפון־לייט ווייסן איצט אַליין נישט, וואָס צו טון, נאָכדעם ווי ליטע האָט זיך די שוועדן אונטערגעגעבן; זיי שטייען דעריבער אויף אַן אָרט און וואַרטן נאָר אָפּ וואָס עס וועט זיין און פירן ווייטער נישט קיין מלחמות. צוליב די־דאָזיקע טעמים וועלן זיי אויך ראַדזיווילן נישט צוריקהאַלטן און אים אויך קיין ווידערשטאַנד נישט שטעלן, און ער וועט גלייך אויף אייך מאַרשירן און אייגעם נאָכן אַנדערן פאַרטיליקן, אויב איר וועט זיך אייגאייגעם נישט צונויפנעמען. בײַ גאָט! טוט דאָס און פאַרבעט צו זיך וואָס גיכער דעם וויטעבסקער וואָיעוואָדע, ווייל אויך אים וועט איצט לייכטער זיין זיך צו אייך דורך די צפון־לייט דורכצוקריגן, כּל־זמן זיי שטייען ווי פאַרחושטע. כ׳האָב אייך געוואָלט מתּרה זיין אונטער אַן אַנדערן נאָמען, כּדי איר זאָלט לייכטער גלייבן, אָבער אַזוי ווי ס׳איז שוין צעטפּלעקט געוואָרן, פון וועמען די ידיעה שטאַמט, שרייב איך אונטער מיין נאָמען. איר וועט אומקומען, אויב איר וועט נישט גלייבן. אויך איך בין שוין נישט דער, וואָס כ׳בין געווען, און מיט גאָטס הילף וועט איר נאָך גאָר עפּעס אַנדערש וועגן מיר הערן. — קמיטשיץ".

— האָסט געוואָלט וויסן, ווי אַזוי ראַדזיוויל וועט צו אונדז קומען, אָט האָסטו אַ תּשובה! — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— אמת... — גוטע עצות גיט ער! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט.

— שייך צו זאָגן גוטע! הייליקע עצות! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — דאָ קען קיין שום ספק נישט זיין. איך בין דער ערשטער געווען אַ מבין אויף דעמדאָזיקן מענטש און הגם עס איז נישטאָ אַזאַ קללה, וואָס מ׳זאָל נישט האָבן אויף זיין קאָפּ.

געוואָרפֿן, זאָג איך אייך, אַז מיר וועלן אים נאָך בענטשן. בײַ מיר איז גענוג אויף אַ מענטש אַ קוק צו טון, אַז איך זאָל וויסן, וואָס ער איז ווערט. און איר געדענקט, ווי ער איז מיר געפֿעלן געוואָרן אין קיידאַני? ער אַליין האָט אויך אונדז ליב, ווי ריטערלעכע מענטשן, און ווען ער האָט מיין נאָמען דערהערט צום ערשטן מאָל, האָט ער שוין מיך נישט דערשטיקט פֿון התפּעלות און צוליב מיר האָט ער אייך אַלע מציל געווען.

— דער האַר האָט זיך גאָרנישט געביטן — האָט זשענידזשאַן באַמערקט — פֿאַרוואָס האָט עפּעס חער קמיטשיץ געזאָלט נת על ווערן פֿון אייך מער, ווי פֿון מיין האַר אָדער פֿון הער וואָלאָדיאָווסקין?

— ביסט אַ נאַר! — האָט זאַגלאָבאַ געענטפֿערט — אויף דיר איז ער באַלד געווען אַ מבֿין און אויב ער רופֿט דיך פּאַכטער און נישט שוטה פֿון וואָנסאָש, איז עס נאָר מחמת העפֿלעכלעכקייט!

— אויב אַזוי איז ער אפֿשר פֿון האַר נתפּעל געוואָרן אויך מחמת העפֿלעכקייט? — האָט זשענדזשאַן אָפּגעענטפֿערט.

— גיט נאָר אַ קוק, ווי ער שטויסט מיט די הערנער; האָב חתונה, הער פּאַכטער, און דו וועסט נאָך בעסער שטויסן... איך זאָג דיר גוט דערפֿאַר!

— דאָס אַלץ איז גוט — האָט וואָלאָדיאָיובסקי געזאָגט — אָבער אויב ער איז טאַקע אויסן אונדזער טובֿה, טאָ ו פֿאַרוואָס איז ער נישט אַליין געקומען צו אונדז, אַנשטאָט זיך ווי אַ וואָלף דורכצוגנבֿענען לעבן אונדז און אונדזערע מענטשן צו בייסן?

— ס'איז נישט דיין עסק, הער מיכאַל — האָט זאַג אָבאַ געענטפֿערט — וואָס מיר וועלן באַשליסן, זאָלסטו טון, און קיין רעה וועט דיר דערפֿון נישט אַרויסקומען. ווען דיין שכל וואָלט זיך געקענט גלייכן צו דיין שווערט, וואָלסטו שוין געווען אַ גרויס-העטמאַן אויפֿן אָרט פֿון הער רעווערע פּאָטאָצקי. און נאָך וואָס האָט קמיטשיץ געזאָלט דאָ אַהערקומען? אפֿשר נאָך דעם, אַז דו זאָלסט אים נישט גלייבן פּונקט אַזוי, ווי דו גלייבסט נישט

וויין ברייוו, צוליב וואָס עס וואָלט אויך געהאַלפֿן צו אַ גרויסער מחלוקת געקענט קומען, ווייל ער איז אַ גרויסער היץ־קאָפּ? און אָנגענומען, אַז דו וואָלסט אים געגלייבט. וואָס וואָלטן אָבער געזאָגט די איבעריקע פּאָלקאָווניקעס, ווי קאַטאַווסקי זשעראַמסקי, אָדער ליפּניצקי?... וואָס וואָלטן געזאָגט דיינע לאַווער מענטשן, וואָלטן זיי דען אים נישט צעהאַקט, ווי נאָר דו וואָלסט דעם קאָפּ אָוועקגעדרייט?

— דער פֿאָטער איז גערעכט — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — ער האָט נישט געקענט קומען אַהער.

— טאָ צוואָס פֿאָרט ער צו די שוועדן? — האָט דער איינגעשפּאַרטער הער מיכאַל ווידער געפֿרעגט.

— דער טייוול ווייסט, צי ער פֿאָרט צו די שוועדן, דער טייוול ווייסט, וואָס דעמדאָזיקן משוגענעם קאָפּ האָט געקענט איינפֿאַלן! אָבער דאָס גייט אונדז נישט אָן, מיר דאַרפֿן די התראה אויסנוצן, אויב מיר ווילן די קעפּ בשלום פֿונדאַנען אַוועקטראָגן.

— דאָ איז אַפֿילו נישטאָ וועגן וואָס זיך מיישב צו זיין — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געזאָגט.

— מ'דאַרף וואָס גיכער מודיע זיין קאַטאַווסקין, ליפּניצקין און דעם צווייטן קמיטשיץ — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — שיק אַרויס צו זיי וואָס גיכער ידיעות, מיכאַל, אָבער שרייב זיי נישט, ווער עס וואָרנט, ווייל זיי וואָלטן זיכער נישט געגלייבט.

— מיר אַליין וועלן וויסן, וועמענס פֿאַרדינסט דאָס איז און אין אַ שעת־הכּושר וועלן מיר נישט פֿאַרזוימען דאָס מפֿרסם צו זיין! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגעשריגן — גיכער, גיכער, מיכאַל!

— און אַליין לאָמיר זיך לאָזן קיין ביאַליסטאָק און פֿאַר אַלע דאָרט דעם זאַמל־פּונקט באַשטימען. הלוואי, דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע זאָל וואָס גיכער צו אונדז קומען! — האָט יאַן געזאָגט.

— פֿון ביאַליסטאָק וועט מען דאַרפֿן צו אים דעפּוטאַצן

פון מיליטער אָרויסשיקן. גאָט וועט העלפן, אַז מיר וועלן דעם ליטווישן העטמאַן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — זיך אָקעגנשטעלן מיט אַ גלייכער, אָדער גאָר נאָך בעסערער קראַפט. מיר קענען זיך אויף אים נישט וואַרפן, אָבער דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע איז עפּעס אַנדערש. דאָס איז אַ פײַנער ערדה? און אַן ערלעכער! נאָך אַזאַ אײנער איז אין דער רעפּובליק נישטאָ!

— איר קענט דעם הער סאַפּיעהאַ? — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געפרעגט.

— צי איך קען אים? איך האָב אים געקענט אַלס ייִנגל, ווען ער איז נישט גרעסער געווען פון מײַן שווערט. אָבער ער האָט שוין דאַמאָלס אויסגעזען ווי אַ מלאך.

— ער האָט דאָך איצט נישט בלויז די גיטער, נישט בלויז דאָס זילבערוואַרג און די איידלשטיינער, נאָר אויך די סקיווקעס אויף די רייט-מכשירים אויף געלט געשמאָלצן, אַבי וואָס מער חייל צו קענען ווערבירן אָקעגן די שונאים פון פאָטערלאַנד! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— אַ דאַנק גאָט, וואָס עס איז פאַראַן אַזאַ אײנער דאָ — האָט סטאַניסלאַוו געענטפערט — ווײַל איר געדענקט, ווי מיר האָבן אויך אין ראַדזיווילן געגלייבט

— איר לעסטערט! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי געטון — דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע! זאָל לעבן דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע!... אין דו, מיכאַל, דער עקספּעדיציע! גיכער צו די עקספּעדיציע! זאָלן די שטינקענדיקע פיש בלײַבן אין דער דאָזיקער שטשוטשינער בלאָטע, און מיר וועלן גיין קיין ביאַליסטאָק, וווּ מיר וועלן אפשר אויך בעסערע פיש באַקומען... אויך חלות באַקן דאָרט די ייִדן זייער פײַנע אויף שבת. נו! עס וועט זיך על-כל-פּנים אַ מלחמה אָנהייבן. ווײַל עס איז מיר שוין באַנג... און אַז מיר וועלן זיך האָבן מיט ראַדזיווילן אָפּגעראַכנט, וועלן מיר זיך אויך צו די שוועדן אַ נעם טון. מיר האָבן זיי שוין געוויזן, וואָס מיר קענען!... צו דער עקספּעדיציע מיכאַל, ווײַל יעדע פאַרשלעפּונג שמעקט מיט סכּנות.

— און איך וועל גיין דעם פּולק שטעלן אויף די פיס! — האָט הער יאַן געזאָגט.

און מיט שעה שפּעטער זענען אַ פּאָר שליחים אין גרעסטן איילעניש אַרויסגעפלויגן צו פּאָלעסיע-צו, און נאָך זיי האָט זיך אינגיכן אַרויסגעלאָזט דער גאַנצער לאָודער פּולק. די עלטסטע זענען געפאָרן פון פאָרנט, בעראַט־דיק זיך און דיסקוטירנ־דיק, און מיט די זעלנער האָט אָנגעפירט הער ראַך קאָוואַלסקי, דער שטעל-פאַרטרעטער. זיי זענען געגאַנגען דורך אָסאָוויעץ און גאָניאָנדז, פאַרקירעווענדיק גלייך צו ביאַליסטאָק-צו, וווּ זיי האָבן זיך געריכט צו טרעפן די איבעריקע צעבונטעוועטע פּולקן.

6. קאַפּיטל.

דעם השר וואָלאַדזאָווסקיס בריוו, וואָס האָבן מודיע געווע
ווען ראַדזיווילס מאַרש, האָבן געפונען אַן אויפמערקזאַם אויערו
בײַ אַלע פּילקאָוויקעס, וואָס זענען געווען צעשפּרייט איבער דע־
גאַנצער פּאָלעסיער וואָיעוודסטווע. מאַנכע האָבן שוין געהאַט צע
טיילט די פּולקן אויף קלענערע אָפּטיילונגען, כּדי צו פאַרלייכטערן
דאָס איבערווינטערן, אַנדערע האָבן דערלויבט די אָפיצירן זיך
צו צעפאַרן אין די פּריוואַטע הײַזער, אַזוי, אַז אין די פּולקן זע
נען פאַרבליבן קוים אַ פּאָר אָפיצירן אין צו אַ פּאָר צענדליק
רייט־קנעכט. די פּולקאָוויקעס האָבן דאָס דערלויבט צום טייל
מחמת דער מורא פאַר אַ הונגער און צום טייל צוליב די שווע
ריקייטן אײַנצוהאַלטן אין אַ געהעריקער דיסציפּלין די פּולקן,
וואָס גאַכדעם, ווי זיי האָבן אײנמאָל זיך אָפּגעזאָגט צו געהאָרכן
דער אייגנטלעכער מאַכט, זענען זיי איצט נוטה געווען צוליב דער
מינדעסטער סיבה זיך אַקעגנצושטעלן אויך זייערע אָנפירער. ווען
עס וואָלט זיך געווען געפונען אַ קאָמענדאַנט מיט אַ געהעריקן
אָנזען און וואָלט זיי באַלד געפירט צו אַ שלאַכט קעגן וועלכן עס

איז פון די צוויי שונאים, אָדער אפילו קעגן ראַדזיווילן, וואָלט די דיסציפּלין זיכער געבליבן אומבאַרירט; אָבער זי איז קאַליע־געוואָרן דורך דעם ליידיק־גיין אין פּאָלעסיע. ווי די צייט איז אַריבער בלויז אויף באַשיסן די שלעסער פון די ראַדזיווילס, אויף ראַבירן דעם פירשט וואָיעוואָדעס גיטער און אויף פירן אונטער־האַנדלונגען מיטן פירשט באָגוסלאַוו, באַ דידאָזיקע באַדינגונגען האָט זיך דער זעלבער צוגעוווינט צו הפקרות און נגישות לגבי די רויִקע איינוווינער פון דער וואָיעוואָדסטווע. מאַנכע זעלנער, באַזונדערס די רייט־קנעכט און די דינער, זענען אַנטלאָפן פון פולק און צונויפגעשטעלט הפקרדיקע קופּעס און זיך פאַרנומען מיט גזלנות אויף טראַקטן. און אַזוי איז דאָסדאָזיקע חייל, וועלכעס האָט זיך נישט פאַראייניקט מיט קיין שום שונא און איז געווען די איינציקע האָפנונג פון קעניג און פון די פּאַטריאָטן, מיט יעדן טאָג מער פאַרדאָרבן געוואָרן. אמת, אַז איבעראיינעם איז שווער געווען זיך צו דערנערן, פונדעסטוועגן האָט מען אפשר אויך בכיוון מגזם געווען די שרעק פאַרן הונגער, ווייל ס'איז דאָך געווען האַרבסט, און די תבואה איז זייער געראָטן — בפרט, אַז קיין שום שונא האָט די וואָיעוואָדסטווע פריִער מיט פייער און שווערט נישט חרוב געמאַכט. עס האָבן זי אין אַ געוויסער מאָס חרוב געמאַכט דווקא די רויבערייען פון די צעבינטעוועטע זעלנער פונקט, ווי דאָס גאָרנישט טון האָט חרוב געמאַכט די זעלנער גופא.

וואָרים אַ דאַנק אַ וווּנדערלעכן טראַף האָט דער שונא די־דאָזיקע פולקן געלאָזט צורו. פאַרפלייצנדיק דאָס לאַנד פון דער מערב־זייט און מאַרשירנדיק אויף דרום, זענען די שוועדן נאָך נישט געווען צוגעקומען צום דאָזיקן ווינקל, וואָס פּאָלעסיע האָט געבילדעט צווישן דער מאַזור־שער וואָיעוואָדסטווע און ליטע — און פון דער צווייטער זייט זענען כאָוואַנסקיס, טרובעצקיס און סרעברניס מחנות געשטאַנען אין די געגנטן, וואָס זענען דורך זיי פאַרנומען געוואָרן, גאָרנישט טוענדיק, קווענקלענדיק זיך און אַליין נישט וויסנדיק, וואָס זיי זאָלן טון. אין רייסן האָבן בוטורלין מיט כמיעלניצקין אויפן אַלטן שטייגער פאַנאַנדערגעלאָזט

די רייען און גראַד אין דער צייט צעקלאַפּט בײַ גראָדעק אַ הייפל מיליטער, מיט וועלכן ס'האָט אָנגעפירט דער קרוין־פּוילישער גרויס־העטמאַן הער פּאָטאָצקי. אָבער ליטע איז געווען אונטערן שוועדישן פּראָטעקטאָראַט. חורב מאַכן און פאַרנעמען זי ווייטער האָט געהייסן דאָסזעלבע, ווי קמיטשיץ האָט מיט רעכט אין זיין בריוו באַמערקט, וואָס דערקלערן אַ מלחמה די שרעקלעכע שוועדן, פאַר וועלכע מ'האָט אין דער גאַנצער וועלט זיך געשראָקן. מ'האָט דעריבער געהאַט אַ ווײַלע מנוחה פון די „צפון־לייט" — און מאַנכע באַהאַוונטע מענטשן האָבן אפילו פאָרויסגעזאָגט, אַז בקרוב וועלן זיי זיך, אַלס פאַרבונדעטע פון יאַן קאַזשימיעזש און פון דער רעפּובליק, אַ קער טון קעגן שוועדישן קעניג, וואָס זיין מאַכט וואָלט איר גלייכן נישט געהאַט אין אייראָפּע, ווען ער וואָלט באַקומען די שליטה איבער דער רעפּובליק.

כאָוואַנסקי האָט בכן נישט פאַרטשעפּעט נישט פּאָלעסיע און נישט די צעבונטעוועטע זעלנער, און זיי פון זייער זייט, נישט האָבנדיק קיין מנהיג און זייענדיק צעשפּרייט און צעזייט, האָבן אויך נישט פאַרטשעפּעט און נישט בכוח געווען צו פאַרטשעפּן וועמען עס איז, אָדער אויפצוטון עפּעס וויכטיקערס, ווי ראַבירן די גיטער פון די ראַדזיווילס. דערפאַר אָבער זענען זיי מאָראַליש געזונקען. הער וואָלאָדיאָווסקיס בריוו וועגן ראַדזיווילס באַראָעדיקן מאַרש האָבן אָבער אויפגעוועקט די פּולקאָווניקעס פון זייער פאַרשלאָפנקייט און פוילקייט. מ'האָט גענומען צונויפשאַרן די פּולקן, פונאַנדערשרייבן אַוויזן, וואָס פאָדערן אויף די צעוואָרפענע זעלנער זיך צו שטעלן אין די פּולקן און וואָס דראָען צו באַשטראָפן די, וואָס וועלן זיך נישט שטעלן. דער ערשטער האָט זשיראָמסקי, דער געאַכטעטסטער צווישן די פּולקאָווניקעס, וואָס זיין פּולק איז געווען אין בעסטן צושטאַנד, זיך אָן שהיות געלאָזט קיין ביאַליסטאָק; נאָך אים איז אין אַ וואָך אַרום אָנגעקומען יאַקוב קמיטשיץ, אמת, אַז נאָר מיט הונדערט צוואַנציק מענטשן — דערנאָך האָבן גענומען זיך צונויפקלייבן קאָטאָווסקיס און ליפּניצקיס זעלנער, אַמאָל יחידימווייז, אַמאָל גרופּנווייז; עס זענען אַלס פרייוויליקע געקומען אויך די קליינע שליאַכטע פון די

אַרמיקע דערפער, ווי די זשענטשינקס, שווידערסקיס, יאַוואָרסקיס זשעגדזשאַנס, מאַזאָוויעצקיס; עס זענען אָנגעקומען פּריוויליקע אפילו פון דער לובלינער וואָיעוואָדסטווע, ווי די קאַרוואָווסקיס און טוכס; פון צייט צו צייט איז אויך אָנגעקומען אַ פּאַרמעגלעכער שליאַכטשיץ מיט אַביסל גוט באַוואָפנטע דינער. מ׳האָט פון די פּילקן אַרויסגעשיקט דעפּוטאַטן, וועלכע האָבן געדאַרפט אויף קווי־טעס געלט און עסנוואַרג צונויפנעמען, הקיצור, ס׳האָט זיך אומע־טום גענומען רודערן, ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן פיבערהאַפטע מלחמה־הכנות און ווען הער וואָלאָדיִאָווסקי איז מיט זיין לאַודער פּולק אָנגעקומען, זענען שוין אַ פּאָר טויזנט מענטשן געשטאַנען אונ־טער געווער און עס האָט זיי נאָר געפעלט אַ קאָמענדאַנט.

דאָס אַלץ איז געווען אי אָן סדר און אי אָן דיסציפּלין, אָבער נישט אַזוי אָן אַ סדר און נישט אַזוי אָן אַ דיסציפּלין, ווי בײַ יענער גרויספּוילישער שליאַכטע, וועלכע האָט מיט אַ פּאָר חדשים פריִער געזאָלט בײַ אוישטשע די שוועדן צוריקהאַלטן; ווײַל רוב יענע מענטשן פון פּאָלעסיע, לובלין און ליטע זענען צו מלחמות געווען געוווינט און אַ חוץ די יונגלעך איז צווישן די־דאָזיקע פּריוויליקע קיין איינער נישט געווען, וואָס זאָל קיין מאָל פריִער נישט האָבן געשמעקט און פון „גראַדיוווסעס טאַבאַק־שקעטעלע נישט האָבן נהנה געווען". יעדער האָט אין זיין לעבן געקעמפט אַמאָל מיט די קאָזאַקן, אַמאָל מיט די טערקן, אַמאָל מיט די טאָטערס; עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן נאָך די שוועדישע מלחמות געדענקט. אַריבערגעשטיגן אַלע מיט זיין בקיאות אין מלחמה־זאַכן און מיט זיין חיתוך־הדבור האָט אָבער הער זאַגלאָבאַ און ער האָט זיך גוט געשפּירט אין דאָזיקן זעל־בערישן צונויפגעלויף, אין וועלכן מ׳האָט מיט אַ טרוקענעם האַלדז קיין וויכוחים נישט געפירט.

ער האָט מיט זיין אָנזען פאַרטונקלט די חשובסטע פּול־קאָווניקעס. די לאַודער מענטשן האָבן דערציילט, אַז ווען נישט ער, וואָלטן וואָלאָדיִאָווסקי, די סקשעטוסקיס, מירסקי און אָס־קערקאַ געווען אומגעקומען פון ראַדזיווילס הענט, ווײַל מ׳האָט זיי שוין געהאַט קיין בירזשע צום טויט געפירט. ער אַליין האָט

זייבע פאַרדינסטן נישט פאַרהוילן און מיט זיי זיך אָפן באַרימט, די אַלע זאָלן וויסן, וועמען זיי האָבן פאַר זיך.

— כ'האָב נישט ליב זיך צו רימען — האָט ער געזאָגט — און אויך נישט צו רעדן וועגן דעם, וואָס איז נישט געווען, ווייל בא מיר איז דער אמת דער עיקר, אויף וואָס אויך מיין שוועסטערן-זון קען מעיד זיין.

דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט צום הער ראַך קאָוואַלסקי, וועלכער איז דאַמאָלס אַרויסגעטרעטן פון הינטער הער זאַגלאָבאַס פלייצעס און געזאָגט מיט אַ דייטלעכער און שטאַרקער שטים:

— דער פעטער... זאָגט נישט... קיין ליגנס!

און סאָפּנדיק האָט ער מיט די אויגן געפירט איבער די בייגעוועזענע, גלייך ווי ער וואָלט געזוכט דעם עזות-פנים, וואָס וועט זיך דערוועגן דאָס אָפּצושפּאַרן.

אָבער קיינער האָט קיינמאָל נישט אָפּגעשפּאַרט און הער זאַגלאָבאַ האָט דערויף גענומען דערציילן וועגן זייבע אַמאָליקע גבורות: ווי אַזוי ער האָט נאָך בײַם לעבן פון הער קאָניעצפּאָלסקי צווייִמאָל מיטגעהאָלפן צו אַ נצחון איבער גוסטאַוו אַדאָלפן, ווי אַזוי ער האָט דערנאָך כמיעלניצקין באַגראָבן, וואָס ער האָט בא זבאַראַזש אויפגעטון, ווי אַזוי דער פירשט יערעמי האָט אין אַלץ אויף זייבע עצות זיך פאַרלאָזט און ווי אַזוי ער האָט אים די אָנפירונג מיט די אַרויספאַלן אָנפאַרטרויט...

— און נאָך יעדן אַרויספאַל (האָט ער געזאָגט), ווען מיר האָבן אַ פינף אָדער צען טויזנט רשעים אומגעבראַכט, האָט כמיעלניצקי פון יאוש אַזש מיטן קאָפּ אין דער וואַנט אַריין געזעצט און איבערגעחזרט: „קיין אַנדערער האָט דאָס נישט געטון, נאָר דער טייוול זאַגלאָבאַ!" און ווען עס איז שוין געקומען צו די זבאַראַווער אונטערהאַנדלונגען, האָט דער כאַן אַליין ווי אַ ווונדער מיך באַקוקט און מיין בילד געבעטן, ווייל ער האָט עס געוואָלט דעם סולטאַן אַ מתנה צושיקן.

— אַזעלכע דאַרפן מיר היינט האָבן, מער ווי ווען עס איז! — האָבן די צוהערער איבערגעחזרט.

און אַזוי ווי אַ סך האָבן אויך אָן דעם געהערט וועגן זאַ-

גלאָבאַס אומגעווייטלעכע מעשים, וועגן וועלכע עס זענען אַרום־געגאַנגען ידיעות איבער דער גאַנצער רעפּובליק. און אַזוי ווי אויך די פריִערע געשעענישן אין קיידאַני, דהיינו: דאָס באַפרייען די פּולקאָווניקעס און די קלאַוואַנער שלאַכט מיט די שוועדן האָבן באַשטעטיקט דעם אַמאָליקן שם זיינעם, איז איצט זיין רום גע־וואַקסן וואָס אַמאָל מער און הער זאַגלאָבאַ איז פאַר אַלעמען אין די אויגן אַרומגעגאַנגען אַ שטראַלנדיקער און אַ שיינענדיקער, ווי די זון.

— ווען טויזנט אַזעלכע וואָלטן געווען אין דער רעפּובליק, וואָלטן מיר נישט דערלעבט דאָס, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן! — האָט מען אין לאַגער איבערגעחזרט.

— לאָמיר דאַנקען גאָט, וואָס מיר האָבן כאָטש איינעם צווישן אונדז!

— ער האָט דער ערשטער ראַדזיוויל פאַר אַ בוגד פאַר־שריגן.

— און איידעלע מענטשן פון זיינע הענט אַרויסגעריסן און אויפן וועג בײַ קלאַוואַני די שוועדן אַזאַ מפּלה פאַרשאַפט, אַז עס איז פון זיי ממש קיין שריד־ופּליט נישט געבליבן.

— דעם ערשטן נצחון האָט ער אָפּגעהאַלטן!

— מיט גאָטס הילף וועט דאָס נישט זיין דער לעצטער!

די פּולקאָווניקעס, ווי זשיראָמסקי, קאָטאָווסקי, יאַקוב קמי־טשיץ און ליפּניצקי האָבן אויך געקוקט אויף זאַגלאָבאַן מיט אַ גרויסן רעספּעקט. מ'האָט זיך וועגן אים געריסן און זיך מיט אים עצות געהאַלטן וועגן אַלץ, באַוווּנדערנדיק זיין חריפות, וואָס איז כמעט אַזוי גרויס געווען ווי זיינע גבורות.

און מ'האָט זיך גראָד איצט באַראַטן וועגן אַ וויכטיקן ענין. מ'האָט טאַקע אַרויסגעשיקט דעפּוטאַטן צום וויטעבסקער וואָיע־וואָדע, אַז ער זאָל קומען איבערנעמען די קאָמאַנדע, אָבער היות ווי קיינער האָט נישט גוט געוווּסט, ווו דער הער וואָיעוואָדע גע־פינט זיך אין דעם מאָמענט, זענען די דעפּוטאַטן אָפּגעפאָרן און ווי אין וואַסער אַריין פאַרפאַלן געוואָרן. עס זענען געווען ידיעות, אַז זיי זענען אַרומגענומען געוואָרן פון זאָלטאַרענקאָס אָפּטיילונ־

בגין, וועלכע האָבן זיך געלאָזט קיין וואָלקאָוויסק, ראַבירנדיק אויף אייגענער האַנט.

די פּאָלקאָווניקעס האָבן דעריבער באַשלאָסן באַ ביאַליסטאָק אויסצוקלויבן אַ צייטווייליקן קאָמענדאַנט, וועלכער זאָל ביז הער סאַפּיעהאַס אָנקומען איבער אַלע די שליטה האָבן. מ'דאַרף ערשט נישט זאָגן, אַז אַחוץ דעם הער וואָלאָדיאָווסקין, האָט יעדער פּאָלקאָווניק וועגן זיך געטראַכט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ סדרה פֿון באַמיִונגען צו געווינען דעם עולם. דאָס חייל האָט דערקלערט, אַז עס וויל נעמען אָנטייל אין די וואַלן און דאָס נישט דורך דעפּוטאַטן, נאָר אין אַלגעמיינעם קרייז, וועלכער איז תיכף צו דעם צוועק צונויפֿגעשטעלט געוואָרן.

וואָלאָדיאָווסקי האָט נאָך אַ באַראַטונג מיט זײַנע חברים שטאַרק רעקאָמענדירט דעם הער זשיראָמסקי, וועלכער איז געווען אַ מענטש מיט גוטע מדות און מיט אָנזען, און דערבײַ האָט ער דעם חייל אימפּאָנירט בלויז מיטן הדרת־פּנים און מיט דער סענאַטאָרישער באָרד, וואָס האָט אים געגרייכט ביז צו דער גאַרטל. אַחוץ דעם איז דאָס אויך געווען אַ געריבענער און אויסגעפּרוּווטער זעלנער. אַליין האָט ער פֿון דאַנקבאַרקייט־וועגן רעקאָמענדירט דעם הער וואָלאָדיאָווסקי, אָבער קאָטאָווסקי, ליפּניצקי און יאַקוב קמיטשיץ האָבן זיך אַקעגנגעשטעלט דעם דאָזיקן פֿאָרשלאָג, טענהנדיק, אַז מ'קען נישט דעם יינגסטן אין יאָרן אויסקלויבן, ווײַל אַ קאָמענדאַנט מוז אויך פֿאַר דעם בירגערטום דעם גרעסטן אויטאָריטעט רעפּרעזענטירן.

— און ווער איז דאָ דער עלטסטער? — האָבן אַ סך שטימען געפֿרעגט.

— דער פּעטער איז דער עלטסטער! — האָט מיטאַמאָל הער ראָך קאָוואַלסקי אויסגעשריגן מיט אַזאַ הויכער שטים, אַז אַלע האָבן אַזש אויסגעדרייט די קעפּ אין זײַן זײַט.

— אַ שאָד נאָר, וואָס ער האָט נישט קיין פּולק — האָט הער יאַכאָוויטש, זשיראָמסקיס שטעל־פֿאַרטרעטער, געזאָגט.

אָבער אַנדערע האָבן גענומען רופֿן:

— טאַ איז וואָס! זענען מיר דען מחויב דווקא אַ פּאָל־קאָווניק אויסצוקלייבן?... קענען מיר דען נישט קלייבן וועמען מיר ווילן? מעג מען דאָך פּאַר אַ קעניג יעדן שליאַכטשיץ אויסקלייבן, אַ פּשיטא־שוין פּאַר אַ קאָמענדאַנט...

— דאָ האָט הער ליפּניצקי, וועלכער איז געווען קעגן זשירעמסקין און בשום אופן נישט געוואָלט דערלאָזן, אַז ער זאָל אויסגעקליבן ווערן, גענומען דאָס וואָרט:

— ריכטיק! איר מעגט שטימען, ווי אייך געפעלט! און אַז איר וועט נישט קלייבן קיין פּאָלקאָווניק וועט אוודאי גוט זיין, ווייל קיינער וועט נישט האָבן קיין עוולה און קיין קנאה.

דאַמאָלס איז אַנשטאַנען אַ מוראדיקער ליאַרם. אַ סך שטימען האָבן געראָפן: „צו דער אָפּשטימונג! צו דער אָפּשטימונג!" — אַנדערע ווידער: ווער איז דאָ מער באַרימט פון הער זאַגלאָבאַ? ווער איז אַ גרעסערער ריטער? ווער איז אַ מער דערפאַרענער זעלנער? דעם הער זאַגלאָבאַ בעטן מיר... זאָל לעבן הער זאַגלאָבאַ! זאָל לעבן דער קאָמענדאַנט!"

— זאָל לעבן! זאָל לעבן! — האָבן וואָס אַמאָל מער שטימען געשריגן.

— אויף די שווערטן די קעגנער!... האָבן ווידער געשריגן די היציקערע.

— נישטאָ קיין קעגנער! איינשטימיק! — האָבן די מאַסן געענטפערט.

— זאָל ער לעבן! ער האָט גוסטאַוו אַדאָלפן אַ מפּלה פאַרשאַפט! ער האָט כמיעלניצקין סמאָלע אונטער די הויט אַרייַנגעגאָסן!

— און די פּאָלקאָווניקעס מציל געווען!

— און די שוועדן בײַ קלאַזשאַני אַ מפּלה פאַרשאַפט!

— וויוואַט! וויוואַט! זאַגלאָבאַ דער פירער! וויוואַט! וויוואַט!

אין דער עולם האָט גענומען וואַרפן די היטלעך, לויפן אַרום דעם לאַגער און זוכן דעם הער זאַגלאָבאַ.

ער ווידער איז געווען פאַרבליפט און צעטומלט אין דער

ערשטער רגע, ווייל נאָך כבוד האָט ער זיך נישט געיאָגט, ער האָט עס געוואָלט פאַר סקשעטוסקין, און אז די זאַך וועט אָנבע־מען אַזאַ ווענדונג האָט ער זיך נישט גערעכנט.

און דעריבער טאַקע, ווען דער פאַר־טויזנט קעפּיקער המון האָט גענומען אויסשרייען זיין נאָמען, האָט אים פאַרפעלט אָטעם און ער איז רויט געוואָרן, ווי א בוריק.

דאָ זענען אים באַפאַלן חברים; אָבער אין התלהבות האָבן זיי זיך אַלץ צום גוטן אויסגעטייטשט, ווייל זעענדיק זיין צעטומלט־קייט האָבן זיי גענומען שרייען.

— קוקט נאָר! ווי א מיידל איז ער רויט געוואָרן! די עניוות זיינע איז אַזוי גרויס ווי זיין גבורה! זאָל ער לעבן און זאָל ער א גדז צו א נצחון פירן!

דערווייל זענען אָנגעקומען אויך די פּולקאָווניקעס, באַין־ברירה צופרידענע, און געווונטשן צום נייעם אמט, און מאַנכע זענען אפשר טאַקע צופרידן געווען, וואָס ער האָט געמיטן די קאָנקורענצן. נאָר וואָלאָדיִאָווסקי האָט עפּעס מיט די וואָנסעלעך באַוויגן, ווייל ער איז געווען פאַרחידושט נישט ווייניקער פון הער זאַגלאָבאַן, און זשענדזשאַן האָט געעפנט דאָס מויל און די אויגן און געקוקט מיט אומגלויבן, אָבער שוין אויך מיט דרך ארץ אויפן הער זאַגלאָבאַ, וועלכער איז ביסלעכווייז געקומען צו זיך, און מיט א ווײַלע שפּעטער האָט ער זיך אָנגענומען פאַר די זייטן און דעם קאָפּ אין דער הויך פאַרריסן, אויסהערנדיק די באַגריסונגען מיטן אַן ערנסטער מינע, ווי עס פּאַסט פאַר א קאָמענדאַנט.

דער ערשטער האָט געווונטשן זשיראָמסקי אין נאָמען פון די פּולקאָווניקעס און דערנאָך האָט אין נאָמען פון חייל זיינער שיין גערעדט א חבר פון קאָטאָווסקיס פּולק, הער זשימירסקי, ציטירנדיק געדאַנקען פון פאַרשידענע חכמים.

זאַגלאָבאַ האָט געהערט, מיטן קאָפּ געשאָקלט; צום סוף, ווען דער רעדנער האָט געענדיקט, האָט דער הער קאָמענדאַנט געהאַלטן פאָלגנדיקע דרשה:

— גנעדיקע הערן! ווען עמעצער וועט אפילו וועלן זי

אמתע פאַרדינסטן דערטרינקען אין די טיפע אָפּגרונטן פון אוקיַניס, אָדער זיי פאַרשיטן מיט די הימל-הויכע קאַרפּאַטן, וועלן זיי דאָך, ווי זיי וואָלטן די טבע פון אייל געהאַט אַרויסצושווימען איבּערהייך, פון אונטער דער ערד זיך אַרויסקריגן, כּדי די מענטשן אין די אויגן אַריין צו זאָגן: „מיר האָבן פאַר ליכט קיין פּחד נישט, פאַר אַ משפּט קיין מורא נישט, מיר וואַרטן אויף שכר“.

אָבער אַזוי ווי דידאָזיקע מעלה מוז זיין אין עניוות איינגעפּאַסט, פּונקט ווי אַ טייערער שטיין אין גאָלד, דערפאַר פרעג איך אייך, גנעדיקע הערן, שטייענדיק דאָ פאַר אייך: האָב איך דען מיינע פאַרדינסטן נישט פאַרהוילן? האָב איך מיך דען פאַר אייך געריִמט? האָב איך מיך דען באַמיט וועגן דעם אמת, מיט וועלכן איר האָט מיך באַצירט? דאָס האָט איר אַליין מיינע פאַרדינסטן איינגעזען, ווייל איך בין אויך איצט נאָך גרייט זיי צו פאַרלייקענען און צו זאָגן אייך: פאַראַן דאָ בעסערע פון מיר, ווי הער זשיראָמסקי, הער קאָטאַווסקי, הער ליפּניצקי, הער קמיטשיק, הער אָסקערקאָ, הער סקשעטוסקי, הער וואָלאָדיאָווסקי, אַזעלכע גרויסע ריטער, אויף וועלכע דאָס אַלטערטום אפילו וואָלט געקענט שטאָלץ זיין... און פונדעסטוועגן האָט איר מיך, און נישט איינעם פון זיי, פאַר אַ פירער אויסגעקליבן? נאָך איז צייט... נעמט מיר אַראָפּ דעמדאָזיקן אמט פון די אַקסלען און הילט איין אין דאָזיקן מאַנטל אַ בעסערן פון מיר!

— סקען נישט זיין! ס'קען נישט זיין! — האָבן הונדערטער און טויזנטער שטימען אַ רעווע געטון.

— ס'קען נישט זיין! — האָבן איבערגעחזרט די פּולקאָווניקעס, דערפרייט פון די עפּנטלעכע תהלות-ותשבחות און ווילנ. יק אגב פאַרן מיליטער זייער עניוות אַרויסווייזן.

— אויך איך זע, אַז עס קען אַנדערש נישט זיין! — האָט זאַגלאָבאַ זיך צעגערופן — זאָל דעריבער אייער רצון דערפילט ווערן. איך דאַנק פון טיפן האַרצן, הערן ברידער, און איך גלייב, אַז מיט גאָטס הילף וועט איר זיך נישט אָפּנאַרן אין דעם בטחון, וואָס איר האָט אין מיר. אַזוי ווי איר מיר, אַזוי זאָג איך אויך אייך צו ביז צום טויט אייך בייצושטיין, און וואָס דער אומדער-

פאַרשטער מזל זאָל אונדז נישט ברענגען, אַ נצחון, אָדער אַן אונטערגאַנג, וועט אונדז דער טויט אַליין נישט צעשיידן, ווייל איך נאָכן טויט וועלן מיר זיך טיילן מיט דעם רום!

אַ געוואַלטיקע התלהבֿות האָט באַהערשט די פאַרזאַמלטע. אַ טייל האָט זיך געכאַפּט צו די שווערטן, אַ צווייטער טייל האָט געוויינט מיט טרערן; דעם הער זאַגלאָבאַ האָבן טראָפנס שווייס זיך אָפגעזעצט אויף דער ליסינע, אָבער די באַגייסטערונג איז אין אים געוואַקסן:

— אונדזער געזעצלעכן קעניג, אונדזער אויסדערוויילטן און אונדזער ליבן פאָטערלאַנד וועלן מיר ביישטיין! — האָט ער אויסגעשריגן — פאַר זיי לעבן! פאַר זיי שטאַרבן! גנעדיקע הערן, ווי לאַנג דאָסדאָזיקע פאָטערלאַנד איז אַ פאָטערלאַנד, זענען נאָך קיין מאָל אויף איר אַזעלכע צרות נישט געקומען. די בוגדים האָבן אויפגעמאַכט די טויערן און אַ תוך דערדאָזיקער וואָיעוואָדסטווע איז שוין נישטאָ קיין שפּאַן ערד, ווו דער שונא זאָל נישט ווילדעווען. אויף אייך ליגט די האָפנונג פון פאָטערלאַנד און אויף מיר אייער האָפנונג, אויף אייך און אויף מיר זענען געווענדעט די אויגן פון דער גאַנצער רעפובליק! לאָמיר איר באַווייזן, אַז זי האָט נישט בחנם די הענט אויסגעשטרעקט. פונקט ווי איר פאַרלאַנגט פון מיר גבורה און אמונה, אַזוי פאַרלאַנג איך פון אייך דיסציפלין און געהאָרכזאַמקייט, און אויב מיר וועלן זיין אייניק, אויב מיר וועלן מיט אונדזער ביישפּיל עפענען די אויגן די, וואָס דער שונא האָט זיי פאַרפירט — דעמאָלט וועט אַ האַלבע רעפובליק צו אונדז זיך צונויפלויפן! ווער עס האָט גאָט און אַ גלויבן אין האַרצן, דער וועט צו אונדז צושטיין, די הימלישע כוחות וועלן אונדז אונטערשטיצן און ווער וועט אונדז דעמאָלט קענען בייקומען?!

— אַזוי וועט זיין! באַ גאָט, אַזוי וועט זיין! שלאָגן! שלאָגן! — האָבן דונערנדיקע שטימען געשריגן.

און זאַגלאָבאַ האָט די הענט צו צפון אויסגעצויגן און גענומען שרייען:

— איצט קום, ראַדזיוויל! קום, הער העטמאַן! הער אפיקורס!

טייוולאָנישער וואַיעוואָדע! מיר וואַרטן אויף דיר, נישט צעשפּליטערט, נאָר צוזאַמענגעשלאָסן, נישט צעריסן, נאָר אייניק, נישט מיט פּאַפּירן, אָפּמאַכן, נאָר מיט שווערטן אין די הענט! עס וואַרטן דאָ אויף דיר בראַווע חיילות און איך, דער קאָמענדאַנט. גיכער! גיי אַרויס! טרעט אַרויס אין אַ מלחמה מיט זאַגלאָבאַן! רוף די שדים צו הילף און לאָמיר זיך פאַרמעסטן!... גיי אַרויס!

דאָ האָט ער זיך ווידער געווענדט צום חייל און ווייטער געשריגן, אַז עס האָט אַוש אין גאַנצן לאַגער אָפּגעהילכט:

— באַ גאָט, גבעדיקע הערן! די נביאים שטיצן מיך! לאָמיר נאָר זיין אייניק און מיר וועלן מנצח זיין דידאָזיקע שעלמעס, שטרימף־ווערקער, הויזן־טרעגער, פּיס־פּרעסער און אַנדערע לאַנג־באָרדיקע און באַפּעלצטע לויזער, וואָס פאָרן אום זומער מיט שליטנס!... מיר וועלן זיי געבן פעפער צו עסן, אַז זיי וועלן אַנטלויפנדיק די פּיס אַוש פאַרלירן. שלאָגט דידאָזיקע כלבים, ווער עס האָט נאָר אַ האַנט און אַ כּוס! שלאָגט, ווער עס גלויבט אין גאָט, ווע מען דער יושר און דאָס פאָטערלאַנד זענען ליב!

אַ פּאָר טויזנט שווערטן האָבן מיטאַמאָל אויפגעבליצט. די מאַסן האָבן אַרומגערינגלט דעם הער זאַגלאָבאַ דריקנדיק זיך, טרעטנדיק, שטופּנדיק און שרייענדיק:

— פיר אונדז! פיר אונדז!

— מאָרגן וועל איך פירן! גרייט זיך! — האָט זאַגלאָבאַ באַגייסטערט אויסגעשריגן.

דער קאָמענדאַנט איז אויסגעקליבן געוואָרן באַגינען און נאָכמיטאָג איז פאָרגעקומען אַ רעווי פון מיליטער. די פּולקן האָבן זיך אויסגעשטעלט אויף די כאָראָשטשער פעלדער, איינער באַם צווייטן אין אַ גרויסן סדר, מיט די פּולקאָווניקעס און פאָןטרעגער בראָש, און פאַר די פּולקס איז געריטן דער קאָמענדאַנט, אונטער אַ פעדערישן עק, מיט אַ באַגילדטן שטאַב אין דער האַנט און מיט אַ רייער־פעדער באַם היטל. וואָלסט געמיינט: העטמאַן מכּון־וּמלדה! און אַזוי האָט ער כסדר באַקוקט די פּולקן, ווי אַ פּאַסטוך באַקוקט די סטאַדע, און באַ די זעלבער האָט אַוש

דאָס האַרץ געקוואָלן אויפן אָנבליק פון דערדאָזיקער פּרעכטיקער געשטאַלט. יעדער פּאָלקאָווניק איז נאָך דער ריי צו אים אַרויס געפירן, און ער האָט מיט יעדן גערעדט, עפּעס געלויבט, עפּעס געטאַדלט און אפילו די פון די אָפיצירן, וואָס זענען תּחילת נישט צופרידן געווען פון אויסוואַל, האָבן אין האַרצן געמוזט מודה זיין, אַז דער נייער קאָמענדאַנט איז אַ זעלטנער, וואָס איז שטאַרק באַהאַוונט אין מיליטערישע ענינים און פאַר וועלכן די קאָמאַנדע איז נישט קיין נייעס.

נאָר איין וואָלאָדיאָווסקי האָט עפּעס משונהדיק מיט די וואָנסעלעך באַוויגן, ווען דער נייער קאָמענדאַנט האָט אים נאָכן באַקוקן דאָס חיל פאַר די אויגן פון די איבעריקע פּאָלקאָווניקעס אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— הער מיכאַל, איך בין צופרידן פון דיר, ווייל דיין פּאָלק איז אַזוי אין אָרדענונג, ווי קיין שום אַנדערע נישט. פיר דיך אַזוי ווייטער אויף און קענסט זיכער זיין, אַז איך וועל דיך נישט פאַרגעסן!

— באמונות! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי איינגערוימט סקשעטוסקין, ווען זיי זענען פון דער רעווי צוריקגעגאַנגען — אַן אמתער העטמאַן! וואָלט מיר אויך עפּעס אַנדערש נישט געזאָגט.

דעמזעלבן טאָג האָט הער זאַגלאָבאַ פונאַנדערגעשיקט פאַר-פּאָסטנס אין די ערטער, וווּ מ'האָט געדאַרפט און אין די ערטער, וווּ מ'האָט נישט געדאַרפט. ווען זיי זענען צומאָרגנס אינדערפרי צוריקגעקומען, האָט ער אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלע מעלדונגען און דערנאָך איז ער אַוועק אין דער קוואַרטיר פון הער וואָלאָדיאָווסקין, וועלכער האָט געוווינט צוזאַמען מיט סקשעטוסקין.

— צווישן מיליטער מוז איך זיך האַלטן אין דער מדרגה — האָט ער גנעדיק געזאָגט — אָבער אַז מיר זענען אַליין, קענען מיר ווי פריער בלייבן נאָנטע ידידים... דאָ בין איך אַ פריינט און נישט קיין אויבערהאַר! אייער עצה וועל איך אויך נישט מיט דער האַנט אַוועקמאַכן, הגם כ'האָב אַן אייגענעם שכל, ווייל

איך ווייס, אַז איר זענט מענטשן דערפאַרענע, און אַז די רעפּו־בליק פאַרמאָגט ווייניק אַזעלכע זעלנער.

מ׳האָט אים בכן באַגריסט אויפן אַלטן שטייגער און באַלד איז ווידער איינגעטרעטן די אַלטע „גוטע פריינטשאַפט," נאָך איין זשענדזשאַן האָט זיך נישט דערוועגט צו זיין מיט אים ווי אַמאָל און ער איז געזעסן אויפן סאַמע עק פון דער באַנק.

— וואָס האָט דער פאָטער בדעה צו טון ? — האָט יאַן סקשעטוסקי געפרעגט.

— קודם־כל אויפהאַלטן אָרדענונג און דיסציפּלין און די זעלנער באַשעפטיקן, כדי זיי זאָלן פון ליידיק־גיין נישט פאַרוויסטעט ווערן. כ׳האָב גוט געזען, הער מיכאַל, אַז דו האָסט ווי אַ זויג־קינד געמורמלט, ווען איך האָב די פאָרפּאָסטנס אויף אַלע פיר זייטן אַרויסגעשיקט, אָבער איך האָב דאָס געמוזט טון, כדי די מענטשן צו דינסט צוצוגעוויינען, ווייל זיי האָבן זיך שוין פון איר שטאַרק אָפּגעוואוינט. דאָס איז איינס, און צווייטנס, וואָס פעלט אונדז? נישט קיין מענטשן, ווייל זיי זענען אָנגעלאָפן און עס וועלן נאָך גענוג אָנלויפן. די שליאַכטע, וואָס איז פאַר זיי שווערן פון דער מאַזורישער וואָיעוואָדסטווע קיין פרייסן אַנטלאָפן, וועט אויך דאָ אַהערקומען. מענטשן און שווערטן וועלן נישט אויספעלן, נאָר אין עסנוואַרג וועט זיין אַ דוחק, און אָן זאַפּאַסן וועט קיין שום מיליטער אין דער וועלט אויפן שלאַכט־פעלד נישט אויסהאַלטן. און אָט איז מיר איינגעפאַלן צו באַפעלן די פאָרפּאָסטנס, אַז זיי זאָלן אַראָפּברענגען אַלץ, וואָס וועט זיי נאָר אין די הענט קומען: בהמות, שעפסן, הזירים, תבואה, היי, אי פון דערדאָזיקער וואָיעוואָדסטווע און אי פון ווידזער קאַנט אין מאַזאָוויע, וועלכע האָט אויך נאָך ביז איצט נישט געזען דעם שונא און האָט אַלץ בשפע.

— אָבער די שליאַכטע וועט דאָך מאַכן קולות ביזן הימל — האָט סקשעטוסקי באַמערקט — אויב מ׳וועט זיי די תבואות און די בהמות צונעמען ?

— בײַ מיר איז השובער דאָס מיליטער, ווי די שליאַכטע, זאָלן זיי מאַכן קולות! איבעריקנס, וועט מען בחנם נישט נעמען,

ווייל כ'וועל הייסן קוויטעס אַרויסגעבן און איך האָב זיי שוין אַזוי פיל אָנגעגרייט אין משך פון דער הייַנטיקער נאַכט, אַז אַ האַלבע רעפּובליק וועט מען מיט זיי קענען רעקווירירן. קיין געלט האָב איך נישט, אָבער נאָך דער מלחמה און נאָכן פאַר־טרייבן די שוועדן וועט די רעפּובליק באַצאָלן. וואָס דערציילט איר מיר מעשיות! דער שליאַכטע איז ערגער, ווען דאָס אויסגע־הונגערטע חייל באַפאַלט און ראַבירט. איך האָב אויך בדעה די וועלדער צו באַראַבעווען, ווייל איך הער, אַז אַ סך זענען אַהין מיט בהמות אַנטלאָפן. זאָל דאָסדאָזיקע חייל דאַנקען גאָט, וואָס ער האָט זיי אַרייַנגעגעבן דעם געדאַנק מיך פאַר אַ קאָמענדאַנט אויסצוקלייבן, ווייל קיינער וואָלט זיך דאָ אַזוי נישט אַן עצה געגעבן.

— דער הויך־וויל־געבוירענער האַר האָט אַ קאָפּ פון אַ סענאַטאָר! — האָט זשעבדזשאַן זיך אָנגערופן.

— וואָס? העי? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט אַ דערפרייטער פון קאָמפּלימענט — אויך דו האָסט דעם קאָפּ אויף דער רעכ־טער זייט. ס'וועט נישט לאַנג דויערן, ווי איך וועל דיך מאַכן פאַר אַ שטעל־פאַרטרעטער, זאָל זיך נאָר מאַכן אַ פרייע שטעל.

— איך דאַנק הכנעהדיק דעם הויך־וויל־געבוירענעם האַר... — האָט זשעגדזשאַן געענטפערט.

— אָט וואָס מיין פּלאַן איז! — האָט זאַגלאָבאַ ווייטער געזאָגט — קודם־כל אָנקלייבן עסנוואַרג אַזויפיל, גלייך ווי מיר וואָלטן געדאַרפט אַ באַלאַגערונג אויסהאַלטן, דערנאָך וועלן מיר אַ באַפעסטיקטן לאַגער אייַנאָרדנען, און דאַמאָלס זאָל קומען ראַ־דזיוויל מיט די שוועדן, אָדער מיט די שדים. אַ שעלמע בין איך, אויב איך וועל דאָ אַ צווייטן זבאַראַזש נישט מאַכן!

— ווי גאָט איז מיר ליב, דערדאָזיקער פּלאַן איז זייער גוט — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן — אָבער פון וואַנען וועלן מיר בעמען האַרמאַטן?

— הער קאָטאָווסקי האָט צוויי הויביצעס, קמיטשיץ האָט איין וויוואַטוווקע, אין ביאַליסטאָק זענען פאַראַן פיר אָקטאַוועס, וועלכע האָבן אין טיקאָטשינער שלאָס געזאָלט אַרויסגעשיקט ווערן;

איר ווייסט מסתמא נישט, אַז בּיאַליסטאָק איז דורכן הער וויעיאַלאָווסקי פאַרשריבן געוואָרן אויף אויסצוהאַלטן דעם טיקאָטשינער שלאָס, און דידאָזיקע האַרמאַטן זענען נאָך אין פאַרגאַנגענעם יאָר פאַר די ציבּוש-געלדער איינגעקויפט געוואָרן. הער סטעמפּאַלסקי, דער היגער גובערנאַטאָר, האָט מיר וועגן דעם דערציילט. ער זאָגט, אַז אויך פולווער איז פאַרהאַן אויף הונדערט שאָסן פאַר יעדן האַרמאַט. מיר וועלן זיך אַן עצה געבן, גנעדיקע הערן, איר זאָלט מיך נאָר אונטערשטיצן מיט דער גאַנצער נשמה, פאַרגעסט אָבער אויך נישט דעם גוף, וועלכער וואָלט גערן עפּעס אויסגעטרונקען, ווייל עס איז שוין צייט.

וואָלאָדיאָווסקי האָט געהייסן ברענגען צו טרינקען און זיי האָבן באַ בעכערס ווייטער געשמועסט.

— איר האָט געמיינט, אַז איר וועט האָבן אַ קאָמענדאַנט אַ גולם — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט, באַלעקנדיק זיך מיט דעם אויסגעשטאַנענעם מעד — קיינמאָל נישט! איך האָב נישט געבעטן דעם־אָ יקן כבוד, אָבער אויב איר האָט אים מיר צוגעטיילט, מוז אויך געהאָרכזאַמקייט און אָרדנונג זיין. איך ווייס, וואָס יעדער אַמט פאָדערט און איר וועט זען, צי איך בין נישט ראוי צו יעדן אַמט. אַ צווייטן זבאַראַזש וועל איך דאָ איינאָרדענען, גאָרנישט מער, נאָר אַ צווייטן זבאַראַזש! ראַדזיוויל וועט זיך גוט ווערגן, עס וועלן זיך אויך וועגן די שוועדן. איידער זיי וועלן מיך ראַפּשלינגען. כ'וואָלט וועלן, כאָוואַנסקי זאָל וואַגן מיט אונדז אָנצוהייבן, איך וואָלט אים באַגראָבן אַזוי טיף, אַז מ'זאָל אים אפילו צום יום-הדין נישט געפינען. זיי שטייען נישט ווייט, זאָלן זיי קומען! זאָלן זיי פּרוּוון! מעד, הער מיכאַל!

וואָלאָדיאָווסקי האָט אָנגעגאָסן, הער זאַגלאָבאַ האָט אין איין אָטעם אויסגעטרונקען, דעם שטערן גערונצלט און, ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס דערמאַנט, געזאָגט:

— וועגן וואָס האָב איך דאָס גערעדט? וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן?... אַהאַ! מעד, הער מיכאַל!

וואָלאָדיאָווסקי האָט ווידער אָנגעגאָסן.

— מ'דערציילט — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — אַז אויך

הער סאַפּיעהאַ האָט אין אַ גוטער קאָמפּאַניע ליב אויסצוטרינקען — קיין חידוש נישט! יעדער איידעלער מענטש האָט דאָס ליב. נאָר בוגדים, וואָס טראָגן זיך אַרום מיט אימרייגע געדאַנקען וועגן פֿאָטערלאַנד, האָבן מורא פֿאַר ווײַן, אַז זיי זאָלן זייערע געהיימע פּלענער נישט אויספּלוידערן. ראַדזיוויל טרינקט זשיוויצע און נאָכן טויט וועט ער טרינקען סמאָלע. זאָל מיר גאָט אַזוי העלפֿן! איך זע שוין באַצײַטנס, אַז איך און הער סאַפּיעהאַ וועלן מיר זיך ליב האָבן, ווײַל מיר זענען געראָטן איינער אין אַנדערן, ווי איין פֿערדיש אויער אין צווייטן, אָדער ווי אַ פּאָר שטיוול. און דערצו נאָך איז ער איין קאָמענדאַנט און איך דער צווייטער, אָבער איך וועל שוין דאָ אַלע ענינים אַזוי אײַנאָרדנען, אַז ווען ער וועט קומען, זאָל אַלץ זײַן גרייט. אַ סך זאַכן האָב איך אויף מײַן קאָפּ, אָבער וואָס זאָל מען טון! נישטאָ ווער עס זאָל אין פֿאָטערלאַנד טראַכטן, טאָ טראַכט דו, אַלטער זאַגלאָבאַ, כּל-זמן דער אָטעם איז דיר נאָך נישט אויסגעגאַנגען. דאָס ערגסטע איז, וואָס איך האָב נישט קיין קאַנצעלאַריע.

— און צו וואָס דאַרף דער פֿאָטער אַ קאַנצעלאַריע? — האָט סקשעטוסקי געפֿרעגט.

— און צו וואָס האָט אַ קעניג אַ קאַנצלער? און צו וואָס מוז בײַם מיליטער זײַן אַ מיליטערישער שרײַבער? מ'וועט סײַ ווי דאַרפֿן שיקן אין עפּעס אַ שטאָט, אַז מען זאָל מיר אַ זיגל מאַכן.

— אַ זיגל?... — האָט זשענדזשאַן אַנגעציקט ר איבער-געחזרט, קוקנדיק וואָס אַמאָל מיט אַ גרעסערן דרך-ארץ אויפֿן הער זאַגלאָבאַ.

— און וואָס וועט איר פֿאַרזיגלען? — האָט וואָלאָדיִאָווסקי געפֿרעגט.

— אין אַזאַ אינטימער חברותא קענסטו מיר, הער מיכאַל, זאָגן ווי אַמאָל: „איר". נישט איך וועל פֿאַרזיגלען, נאָר מײַן קאַנצלער... דאָס נעמט אײַך קודם-כּל אין זין אַרײַן!

דאָ האָט זאַגלאָבאַ אַ קוק געטאָן מיט גדלות און חשיבֿות אויף די בײַגעוועזענע, אַז זשענדזשאַן איז אַזש פֿון דער באַנק

אויסגעשפּרונגען, און הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי האָט אַ ברום געטון:

— כּבֿוד ענדערט די טבֿע פֿון מענטש.

— צו וואָס איך דאַרף אַ קאַנצעלאַריע? הערט מיך נאָר אויס — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — קודם־כּל זאָלט איר וויסן זיין, אַז די צרות, וואָס זענען געקומען אויף אונדזער פֿאָטערלאַנד, האָט גורם געווען נישט עפּעס אַנדערש, ווי די אויסגעלאַסנקייט, ווי די הפֿקרות און דער לוקסוס (מעד, הער מיכאַל!), ווי דער לוקסוס, זאָג איך, וועלכער צעטשעשעט אונדז ווי די פּעסט. אָבער אין דער ערשטער ריי האָבן עס גורם געווען די אַפּיקורסים, וועלכע לעסטערן וואָס אַמאָל דרייסטער דאָס אמתע גלויבן, צום שאָדן פֿון אונדזער הייליקסטער באַשיצערין, וועלכע האָט צוליב דידאָזיקע מעשים תּועבֿות מיט רעכט אין אַ רציחה געקענט אַרייננפֿאַלן...

— ער איז גערעכט! — האָבן די ריטער פּה־אחד זיך אָנגערופֿן — די אַנדערש־גלייביקע זענען צוגעשטאַנען צו די שונאים, און ווער ווייסט, צי זיי האָבן זיי אַליין נישט אַראָפּגעבראַכט?!

— חי, אַ שטייגער, דער ליטווישער גרויס־העטמאַן!

— אָבער אַזוי ווי אין דער וואָיעוואָדסטווע, וווּ איך בין קאָמענדאַנט, פֿעלן אויך נישט קיין אַפּיקורסים, ווי אין טיקאָטשין און אַנדערע ערטער, איז כּדי צו געווינען אין אָנהייב גאָטס ברכה פֿאַר אונדזער אונטערנעמונג, וועלן מיר אַרויסגעבן אַ ציר־קולאַר, אַז ווער עס לעבט אין טעות זאָל אין משך פֿון דריי טעג חוזר־בתשובֿה זיין, און די, וואָס וועלן דאָס נישט טאָן, וועט דאָס פֿאַרמעג קאָנפֿיסקירט ווערן פֿאַרן מיליטער.

די ריטערס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פֿאַרוווּנדערונג. זיי האָבן געוווּסט, אַז הער זאַגלאָבאַ האָט אַ פֿלינקן און דערפֿינדערישן כּוח, זיי האָבן אָבער נישט אָנגענומען, אַז הער זאַגלאָבאַ זאָל זיין אַזאַ מלוכה־מאַן און אַזוי אויסגעצייכנט קענען איבער כּלל־זאַכן אורטיילן.

— און איר פֿרעגט — האָט זאַגלאָבאַ מיט טריומף געזאָגט —

פונוואַנען איך וועל נעמען געלט פאַרן מיליטער?... פון קאָנ־פיסקאַציעס? און די גיטער, וואָס וועלן דורכדעם זיין ווערן דאָס אייגנטום פון מיליטער?

— וועלן מיר אָבער האָבן א רעכט דערויף? — האָט וואָלאַדיסלאַווסקי געפרעגט.

— היינט זענען אַזעלכע צייטן, אַז ווער עס האָט די שווערט, דער האָט אויך רעכט! און וואָס פאַר א רעכט האָבן די שוועדן און די אַלע שונאים, וואָס בושעווען אין די גרענעצן פון דער רעפּובליק?

— ריכטיק! — האָט הער מיכאַל אַן איבערצייגטער געענטפערט.

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ! — האָט זאַגלאָבאַ באַגייסטערט אויסגערופן — א צווייטן צירקולאַר וועט מען אַרויסגעבן צו דער שליאַכטע פון דער פּאָלעסיער וואָיעוואָדסטווע און צו יענע קאַנטן אין די שכנותדיקע וואָיעוואָדסטווע, וואָס זענען נאָך נישט אין שונאס הענט, אַז זיי זאָלן ווי צום לאַנד־שטורעם זיך שטעלן. די שליאַכטע דאַרף די דינערשאַפט באַוואָפענען, כדי עס זאָלן אונדז קיין פיסגייער נישט פעלן. איך ווייס, אַז נישט איינער וואָלט גערן געגאַנגען, נאָר ער קוקט אויס אויף עפּעס א בריוו און אויף עפּעס אַן אויבער־האַר. זיי וועלן בכן האָבן אי אַן אויבער־האַר און אי צירקולאַרן...

— איר האָט אויף אַן אמת אַזוי פיל שכל, ווי דער גרויס־פּוילישער גרויס־קאַנצלער! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגעשריגן.

— מעד, הער מיכאַל!... א דריטן בריוו וועט מען אַרויסשיקן צו כאָוואַנסקין, אַז ער זאָל זיך גיין צום טייוול, אַנישט וועלן מיר אים פון אַלע זייטן און שלעכטער אַרויסטרייבן. זיי שטייען טאַקע איצט אין ליטע ווייק און נעמען קיין שלעסער נישט איין, אָבער זאָ טאַרענקאָס קאָזאַקן ראַבירן, ארומפאַרנדיק קופּעסווייז צו פינפציק, צו צוויי אין א קופּע. זאָל ער טאַקע זיי צוריקהאַלטן, ווייל אַנישט וועלן מיר זיי פאַרטיליקן.

— אזדאי וואָלטן מיר דאָס געקענט טון — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — דאָס חייל וואָלט דאַן אויף די פעלדער נישט געלעגן מיט פאַרלייגטע הענט.

— איך טראַכט וועגן דעם און שיק טאַקע היינט אַרויס נייע פאָרפּאָסטנס צו וואָלקאָוויסקי צו. אָבער מ'דאַרף אי דאָס טון און אי אין עפּעס אַנדערש נישט פאַרגעסן... אַ פּירטן בריוו וויל איך שיקן צו אונדזער אויסדערוויילטן, דעם גוטן האַר קעניג, כדי אים אין זיין צער צו טרייסטן, אַז עס זענען נאָך פאַראַן אַזעלכע, וואָס האָבן אים נישט פאַרלאָזט, אַז עס זענען פאַראַן הערצער און שווערטן, וואָס וואַרטן נאָר אויף זיין ווינק. זאָל ער אין דער פרעמד כאָטש האָבן דיזאַליקע נחמה, אונדזער פאָטער, אונדזער ליבער האַר, דאָס בלוט פון אונדזער יאַגעלאָ, וואָס מוז זיך וואַלגערן אַזוי... אַזוי...

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ זיך פאַרקרעכצט, ווייל ער איז שוין געווען שטאַרק בגילופֿנדיק און צום סוף האָט ער אַ ריטשע געטון פון רחמנות איבערן גורל פון קעניג, און הער מיכאַל האָט מיט אים מיטגעוויינט מיט אַ ביסל אַ דינערן קול. זשענדזשאַן האָט אויך געכליפּעט. אָדער געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער כליפּעט, און די סקשעטוסקיס האָבן אָנגעשפּאַרט די קעפּ אויף די הענט און געזעסן שטילשווייגנדיק.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילקייט, מיטאַמאָל איז הער זאַגלאָבאַ אַריינגעפאַלן אין כעס.

— וואָס פאַר אַ יחסן איז בא מיר דער קורפירשט! — האָט ער אויסגעשריגן — אויב ער האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט די גרייסישע שטעט, זאָל ער אַרויסטרעטן קעגן די שוועדן, זאָל ער נישט פירן קיין טאָפּלט שפּיל, זאָל ער טון דאָס, וואָס אַ געטרייער אונטערטאַן איז מחויב צו טון און זיך שטעלן פאַרטיידיקן זיין האַר און בעל-טובה.

— ווער ווייסט, צי ער וועט זיך נישט נאָך שטעלן אויפן צד פון די שוועדן? — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— אויפן צד פון די שוועדן? וועל איך אים ווייזן! די

פרייסישע גרענעץ איז נישט ווייט, און איך האָב אַ פּאָר טויזנט שווערטן אויף יעדן רוף! זאַגלאָבאַן וועט ער נישט באַשוינדלען. אַזוי ווי איר זעט מיך דאָ, אַזוי ווי איך בין קאָמענדאַנט איבער דעמדאָזיקן בראַוון מיליטער, אַזוי וועל איך אים מיט פייער און שווערט באַזוכן. נישטאָ קיין עסנהאַרג, גוט! מיר וועלן עז גענוג געפינען אין די פרייסישע שייערס!

— גאָט מיינער! — האָט זשענדזשאַן אין התפעלות אויסגעשריגן — דער הויך-וואויל-געבוירענער האַר שטעלט זיך שוין אויף געקרוינטע קעפּ אַקעגן!

— כ׳וועל באַלד צו אים שרייבן: „גנעדיקער הער פירשט! גענוג געשאָטן זאַמד אין די אויגן! גענוג געדרייט און געשלעפּט! גיי איצט קעגן די שוועדן, אַנישט וועל איך קיין פרייסן קומען צו גאַסט. עס קען אַנדערש נישט זיין..." טינט, פעדערן, פּאַפּיר! זשענדזשאַן, וועסט פאָרן מיטן בריוו!

— כ׳וועל פאָרן! — האָט דער פאַטער פון וואַנסאָש געזאָגט מיט אַ גדולה, צוליב דעם נייעם אמט.

אָבער נאָך איידער מ׳האָט צוגעגרייט דעם הער זאַגלאָבאַ טינט, פעדערן און פּאַפּיר, האָבן זיך פאָרן הויז דערהערט קולות און מאַסן זעלנער האָבן פאַרשטעלט די פענסטער. אַ טייל האָט געשריגן: וויוואַט!" — אַ צווייטער טייל האָט געשריגן „אַלץ" אויפן טאָטערישן שטייגער. זאַגלאָבאַ מיט די חברים זענען אַרויסגעגאַנגען אַ קוק-טון, וואָס עס קומט דאָרט פאָר.

עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מען פירט יענע האַרמאַטן, וועגן וועלכע הער זאַגלאָבאַ האָט דערמאַנט און וואָס זייער אָנבליק האָט איצט דערפרייט די הערצער פון די זעלנער.

הער סטעמפּאָלסקי, דער ביאַליסטאָקער גובערנאַטאָר, איז צוגעגאַנגען צום הער זאַגלאָבאַ און געזאָגט:

— הויך-וואויל-געבוירענער קאָמענדאַנט! זייט דער אומפּאַרגעסלעכער הער מאַרשאַל פון ליטווישן גרויס-פירשטנטום האָט פאַרשריבן די ביאַליסטאָקער גיטער אויף אויסצוהאַלטן דעם טיקאָטשינער שלאָס, האָב איך, אַלס גובערנאַטאָר פון דיזאָזיקע גיטער, געטריי און ערלעך אַלע אָפּגאָבן לטובת דעמדאָזיקן שלאָס

פאַרווענדט, וואָס איך קען אויך מיט די רעגיסטערס פאַר דע־ גאַנצער רעפּובליק באַווייזן. אַרבעטנדיק אַזוי הינטער צוואַנציק יאָר, האָב איך יענעם שלאָס פאַרזאָרגט מיט פּולווער, האַרמאַטן און שפּייז, האַלטנדיק עס זיך פאַר אַ הייליקן חוב, אַז יעדער גראָשן זאָל גיין דאָרט, וווהין דער הויך-וויל-געבוירענער מאַר־ שאַל פון ליטווישן גרויס-פירשטנטום האָט אים געהייסן. ניי־ אָבער ווען דער ניקאָטשינער שלאָס איז צוליב די גלגולים פון גורל געוואָרן דער גרעסטער שטיץ-פּונקט פון דעם פּאַטערלאַנדס שונאים אין דערדאָזיקער וואָיעוואָדסטווע, האָב איך געפרעגט גאָט און מיין אייגן געוויסן, צי איך דאַרף נישט די מוניציע און מלחמה-מכשירים, וואָס זענען פון די הייעריקע אָפּגאַבן אָנגע־ קליבן געוואָרן, איבערגעבן אין אייערע הענט, הויך-וויל-געבוי־ רענער האַר...

— דו דאַרפסט... — האָט הער זאַגלאָבאַ מיט חשיבות איבערגעריסן.

— איינס אָבער בעט איך, אַז דער הויך-וויל-געבוירענער האַר זאָל באַוויליקן פאַרן גאַנצן מיליטער עדות צו זאָגן און שריפטלעך מיר צו קוויטירן, אַז איך האָב אַליין פון יענע גיטע־ גאָרנישט נהנה געווען און אַז איך האָב אַלץ איבערגעגעבן אין די הענט פון דער רעפּובליק, וואָס ווערט דאָ דורך דער מאַכט פון הויך-וויל-געבוירענעם קאָמענדאַנט ווירדיק רעפּרעזענטירט.

זאַגלאָבאַ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צום צייכן פון הסכמה און האָט באַלד גענומען דורכקוקן די רעגיסטערס.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אַ חוץ די האַרמאַטן, וואָס זענען אויף די בוידעמס פון די שפּייכלערס געווען באַהאַלטן, זע־ נען פאַרהאַן נאָך דריי הונדערט זייער גוטע דייטשישע ביקס, צוויי הונדערט מאָסקווער שפּיזן פאַר פוס-גייער, צו פאַרטיידיקן מויערן און שוק-וועגנס און זעקס טויזנט גילדן אין מזומנים.

— דאָס געלט וועט צווישן חייל פאַרטיילט ווערן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — און וואָס שייך די ביקסן און שפּיזן...

דאָ האָט ער זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן.

— הער אָסקערקאָ — האָט ער געזאָגט — איר וועט זיי

נעמען און אַ פוס־גייער־פולק פאָרמירן... פאַראַן דאָ אַ ביסל פוס־גייער פון ראַדזיווילס פּליטים, און די רעשט וועט איר פון די מילנער צוקלויבן.

און דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַלע ביי־געווע־זענע:

— גנעדיקע הערן! פאַראַן געלט, פאַראַן דאַמאַטן, עס וועלן זיין פוסגייער און פּראָוויאַנט... אַזוי זעט איר מיר, ממשלה אין אָנהייב!

— וויוואַט! — האָט דאָס חייל אויסגעשריגן.

— און איצט, גנעדיקע הערן, זאָלן אַלע יונגלעך אַ שפּרינג טאָן אין די דערפער נאָך גראָב־אייזנס, לאָפּאַטעס און העק. אַ באַפעסטיקטן לאַגער וועלן מיר איינאָרדנען. אַ צווייט זבאַראַזש! אָן אָפיציר, צי נישט אָן אָפיציר, קיינער זאָל זיך נישט שעמען אַ לאָפּאַטע צו נעמען און צו דער אַרבעט!

נאָך דידאַזיקע ווערטער איז דער הער קאָמענדאַנט אוועק אין זיין קוואַרטיר באַגלייט פון די אויסגעשרייען פון חייל.

— בנאמנות, דערדאָזיקער מענטש האָט פונדעסטוועגן אַ קאָפּ אויפן קאָרק — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט צו יאַן סקשעטוסקין — אין דער מצב האָבן מיר זיך צו פאָ בעסערן.

— אַבי ראַדזיוויל זאָל נאָר תיכף נישט אָנקומען — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָ גערופן — ווייל דאָס איז אַ פירער, וואָס נאָך אַזאַ איינעם פאַרמאָגט נישט די רעפּובליק, און אונדזער הער זאַגלאָבאַ טויג צו פּראָוויאַנטירן דעם לאַגער, אָבער ער איז נישט בכוח זיך צו פאַרמעסטן מיט אַזאַ מלחמה־מאַן.

— ריכטיק! — האָט יאַן געענטפערט — אַז עס וועט קו־מען צו עפּעס, וועלן מיר אים אַרויסהעלפן מיט עצות, ווייל אין מלחמה־זאַכן איז ער אַ קנאַפּער ייִדן. איבעריקנס, צו זיין ממשלה וועט קומען אַן עק, זאָל נאָר הער סאַפּיעהאַ אָנקומען.

— אָבער פאַר דער דאָזיקער צייט קען ער אַ סך גוטע זאַכן אויפטון — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

און באמת האָבן יענע חיילות זיך טאַקע געוויטיקט אין עפּעס אַ שנעל. זאָל עס זיין אפילו הער זאַגלאָבאַ, ווייל פון דעם

טאָג אָן, וואָס ער איז געוואָרן אויסגעקליבן, האָט אַ בעסערע אָרדנונג גענומען הערשן אין לאַגער. צומאָרגנס, קוים האָט נאָר אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט מען גענומען אָנשיטן שוץ-מויערן אַוי-בער די ביאַליסטאָקער טייכן. הער אָסקערקאַ, וועלכער האָט אין אַ יסלענדישע אַרמייען געדינט און געווען באַהאַוונט אין דער קונסט פון באַפעסטיקן שוץ-ערטער, האָט אָנגעפירט מיט דער גאַנ-צער אַרבעט. אין דריי טעג איז אַזוי אַרום אַנגעשטאַנען אַ זייער שטאַרקע שוץ-מויער, וואָס איז אויך אָן אַכט ענלעך געווען צום זבאַראַזשער וואַל, ווייל די זייטן און דער הינטן זענען געשיצט געוואָרן פון בלאָטיקע טייכן. איר אָנבליק האָט געהויבן דעם מוט בײַ די זעלנער; דאָס גאַנצע חיל האָט דערשפּירט, אַז עס האָט עפּעס אַ באָדן אונטער די פיס. אָבער נאָך מער האָט דער מוט זיך געשטאַרקט אויפן אָנבליק פון די לעבנסמיטל-זאַפּאַסן, וואָס זענען דורך שטאַרקע אָפּטיילונגען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן. טאָג-טעגלעך האָט מען אין גראָבן אַרייַנגעטריבן אָקסן, שעפּסן, חזירים, יעדן טאָג זענען אָנגעקומען פורן, וואָס האָבן געפירט כל-מינים קערנער און היי. מאַנכע זענען געקומען אַזש פון לוקעווער קאַנט, אַנדערע אַזש פון דער ווידזער סביבה. עס האָט צוגעשטראָמט אויך וואָס אַמאָל מער קליינע און גרעסערע שליאַכטשיצעס, ווייל ווען עס האָט זיך צעטראָגן די ידיעה, אַז עס איז שוין פאַראַן אַן אויבער-הערשאַפט, אַן אַרמיי און אַ קאָמענדאַנט, זענען די מענטשן געוואָרן פול מיט בטחון. די איינוווינער איז שווער גע-ווען צו דערגיין „די גאַנצע דיוויזיע", אָבער ערשטנס האָט הער זאַגלאָבאַ בײַ זיי נישט געפרעגט קיין קשיות, און צווייטנס איז בעסער געווען אָפּצוגעבן אַ העלפט פאַרן חיל און פון דער רעשט צו געניסן במנוחה, איידער צו זיין יעדע רגע אויסגע-שטעלט אויף די סכּנה באַרויבט צו ווערן פון אַלץ דורך די הפקרדיקע קופּעס, וואָס האָבן זיך שטאַרק פאַרמערט און געבו-שעוועט ווי די טאַטערס, הגם הער זאַגלאָבאַ האָט געהייסן די פאַרפאַסטנס זיי רודפן און פאַרטיליקן.

— אויב ער וועט זיין אַזאַ העטמאַן, ווי ער איז אַ ווירט — האָט מען וועגן נייעם קאָמענדאַנט געזאָגט אין לאַגער — ווייסט

נאָך נישט די רעפּובליק, וואָס פאַר אַ גרויסן מאַן זי פאַרמאָגט.

הער זאַגלאָבאַ גופא האָט געטראַכט מיט אַ געוויסער אומרויקייט וועגן יאַנוש ראַדזיווילס אָנקומען. ער האָט זיך דערמאָנט אין ראַדזיווילס אַלע נצחונות און דאַמאָלס איז דעם העטמאַנס געשטאַלט אימהדיק אויסגעוואַקסן אין דער פאַנטאַזיע פון קאָמענדאַנט און ער האָט זיך אין האַרצן געזאָגט:

— אוי! ווער וועט זיך דעמדאָזיקן מלאך־חבלה אַקעגנשטעלן!... כ'האָב געזאָגט, אַז ער וועט זיך מיט מיר דערוועגן; אָבער ווי דער לוויתן אַ קאַטשקע, אַזוי וועט ער מיך איינשלינגען.

און ער האָט זיך אַ נדר־געגעבן נישט צו פירן קיין גענעראַל־שלאַכט מיט ראַדזיווילן.

— ס'וועט זיין אַ באַלאַגערונג — האָט ער זיך געטראַכט — און דאָס דויערט תמיד לאַנג. מ'וועט אויך קענען פּרוּוון אונטערהאַנדלען און בינו־לבינו וועט הער סאַפּיעהא אָנקומען.

אויפן פאַל, ווען ער וואָלט נישט אָנגעקומען, האָט הער זאַגלאָבאַ באַשלאָסן צו פאָלגן הער יאַן סקשעטוסקיס אַלע עצות, ווייל ער האָט געדענקט, ווי הויך דער פירשט יערעמי האָט געשאַצט דעמדאָזיקן אָפיציר און זיינע מיליטערישע פעיקייטן.

— דו, הער מיכאַל, — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט צו וואָלאָדיאָווסקין — ביסט נאָר צו דער אַטאַקע באַשאַפן, אָדער מ'קען דיך אויך מיט אַן אָפּטיילונג, אַפילו מיט אַ שטאַרקער, אַרויסשיקן, ווייל דו קענסט זיך אַן עצה געבן און ווי אַ וואָלף אויף שעפּסן פאַלסטו אָן אויפן שונא; אָבער ווען מ'וואָלט דיך אַזוי מיטן גאַנצן חיל געהייסן אָנפירן?... מיט קיין שכל וועסטו נישט האַנדלען, ווייל דו האָסט נישט וואָס צו פאַרקויפן. אָבער יאַן האָט אַ קאָפּ פון אַ פירער, און ווען איך וואָלט נישט געווען, וואָלט נאָר ער אַליין מיך געקענט פאַרבייטן.

דערווייל זענען אָנגעקומען פאַרשידענע ידיעות; איינמאָל האָט מען מיטגעטיילט, אַז ראַדזיוויל גייט שוין דורכן קורפירשטעכן פּרייסן, אַ צווייט מאָל, אַז נאָכדעם ווי ער האָט צעקלאַפּט

כאָוואַנסקיס חיילות, האָט ער פֿאַרנומען גראָדנע און פֿון דאָרט מאַרשירט ער מיט דער גאַנצער מאַכט; עס זײַנען אָבער געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן פֿאַרזיכערט, אַז נישט ראַדזיוויל, נאָר סאַפּיעהאַ האָט גאָר צעשלאָגן כאָוואַנסקין מיט דער הילף פֿון פֿירשט מיכאַל ראַדזיוויל. די אויסגעשיקטע אָפּ-טיילונגען האָבן אָבער נישט געבראַכט קיין שום זיכערע ידיעות, א חוץ די, אַז בײַ וואָלקאָוויסק האָט זיך אָפּגע-שפּילט אַ מחנה פֿון זאָלטאַרענקאָס מענטשן, וואָס באַשטייט פֿון בערך צוויי טויזנט זעלנער, און באַדראָט די שטאָט. די גאַנצע אומגעגנט איז שוין געווען אַרומגענומען פֿון אַ העליש פֿייער.

מיט אַ טאָג שפּעטער נאָך די אָפּטיילונגען זײַנען אָנגעקו-מען אויך פּליטים, וועלכע האָבן באַשטעטיקט די ידיעה, מעלדנ-דיק דערבײַ, אַז די שטאָט־לײַט האָבן אַרויסגעשיקט שליחים צו כאָוואַנסקין און זאָלטאַרענקאָן מיט דער בקשה זיך מרחם צו זײַן איבער דער שטאָט. אויף וואָס זיי האָבן פֿון כאָוואַנסקין באַקומען אַ תשובה, אַז דאָס איז אַ לויזע באַנדע, וואָס האָט מיט זײַן חייל קיין שום שייכות נישט. וואָס שייך זאָלטאַרענקאָן, האָט ער די שטאָט־לײַט געגעבן אַן עצה, אַז זיי זאָלן זיך אויסקויפֿן, אָבער אַלס אָרעמע מענטשן, וואָס האָבן ערשט נישט לאַנג איבערגע-לעבט אַ שׂרפֿה און אַ פּאָר רויבערייען, האָבן זיי נישט געהאַט מיט וואָס.

זיי האָבן דעריבער געבעטן רחמים בײַם הער קאָמענדאַנט, אַז ער זאָל זיי אײַלן צו הילף, כּל־זמן עס ווערן געפֿירט די אונ-טערהאַנדלונגען וועגן אויסקויף־געלט, ווײַל שפּעטער וועט שוין נישט זײַן קיין צײַט. הער זאַגלאָבאַ האָט אויסגעקליבן פֿופֿצן הונדערט גוטע מענטשן, צווישן וועלכע ס'האָט זיך אויך געפֿונען דער לאַודער פּולק, און צורופֿנדיק דעם הער וואָלאָדיאָווסקי, האָט ער צו אים געזאָגט:

— נו, הער מיכאַל, איצט איז צײַט צו ווײַזן, וואָס דו קענסט! וועסט גיין קיין וואָלקאָוויסק און וועסט מיר דאָרט פֿאַר-טיליקן די דאָזיקע רשעים, וואָס באַדראָען אַן אומבאַפֿעסטיקטע שטאָט. נישט צום ערשטן מאָל פֿירסטו אָן מיט אַזאַ עקספּעדיציע

און איך מיין, אַז דו ווייסט עס באַטראַכטן פאַר אַ חסד, וואָס איך גיב דיר איבער דידאָזיקע שליחות.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די איבעריקע פּאָלקאָווני- קעס:

— איך אַליין מוז בלייבן אין לאַגער, ווייל די גאַנצע אחריות ליגט אויף מיר, דאָס איז איינמאָל! און צווייטנס, פּאַסט נישט פאַר מיין אַמט זיך צו לאָזן מיט אַן עקספּעדיציע קעגן די רשעים. זאָל נאָר ראַדזיוויל אָנקומען, וועט זיך דאַמאָלס אין אַ גרויסער מלחמה אַרויסווייזן, ווער ס'איז בעסער, דער הער העטמאַן, אָדער דער הער קאָמענדאַנט...

וואָלאָדיִאָווסקי האָט זיך גערן געלאָזט אין וועג אַריין, ווייל ס'איז אים אין לאַגער געווען לאַנגווייליק און ער האָט גע- בענקט נאָך בלוט-פאַרגיסונג. די אַרויסגעשיקטע פּאָלקן זענען אויך אַרויסגעגאַנגען מיט חשק און מיט געזאַנג, און דער קאָ- מענדאַנט איז אויף אַ פערד געשטאַנען אויף דער שויץ-מויער און געבענטשט די אַוועקגייענדיקע, נעמענדיק פון זיי אָפּשייד מיטן צלם. עס זענען אפילו געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געחידושט, וואָס הער זאַגלאָבאַ שיקט אַזוי פייערלעך אַרויס דאָסדאָזיקע חיל, אָבער ער האָט געדענקט, אַז אויך זשולקעווסקי און אַנדערע העטמאַנס האָבן זיך נוהג געווען צו נעמען אָפּשייד פון די פּאָלקן, וואָס גייען צו דער שלאַכט — איבעריקנס, האָט ער אַלץ ליב געהאַט צו מאַכן פייערלעך, ווייל דאָס האָט געהויבן זיין אָנזען אין די אויגן פון די זעלנער.

קוים אָבער זענען די זעלנער נעלם געוואָרן אין נעפּל פון דער ווייטקייט, האָט ער זיך שוין אָנגעהויבן וועגן זיי צו באַאומרויִקן.

— יאַן! — האָט ער געזאָגט — און אפשר וואָלאָדיִאָוו- סקין צושיקן נאָך אַ הייפל מענטשן?

— זאָל דער פּאַטער לאָזן צורו — האָט סקשעטוסקי גע- ענטפערט — פאַר וואָלאָדיִאָווסקין איז אַזאַ קאַמף אַקוראַט דאָס- זעלבע, וואָס אַ שיסל געפּרעגלטע אייער אויפעסן. ליבער

גאָט, ער האָט דאָך זיין גאַנץ לעבן עפּעס אַנדערש נישט געטון.

— יאָ, וואָס וועט אָבער זיין, אַז אַ וואָרסעק אַפּט וועט אים באַפאַלן?... אַקעגן אַ סך קען אפילו אַ גבור גאָרנישט אויפטון.

— וואָס איז דאָ וועגן אַזאַ זלנער צו רעדן. ער וועט זיך אַלץ גוט איבערלייגן, איידער ער וועט אָנגרייפן, און אויב די קאַפּט וועט דאָרט זיין צו גרויס וועט ער אוועקרייסן וואָס ער וועט קענען און צוריקקומען, אָדער ער וועט אַליין שיקן נאָך פאַרשטאַרקונגען. דער פּעטער קען גאַנץ רויק שלאָפן.

— אַהאַ! כ'האָב טאַקע געוווּסט, וועמען איך שיק אַרויס, אָבער דאָס זאָג איך דיר, אַז דערדאָזיקער הער מיכאַל האָט מיר געמוזט עפּעס אַ כישוף אָנטון, אַזאַ שוואַכקייט האָב איך צו אים. אַ חוץ דעם פאַרשטאָרבענעם הער פּאָדבּיפּיענטאַ און דיך האָב איך קיינעם נישט אַזוי ליב געהאַט... נישט אַנדערש, נאָר יענער בחור האָט מיר עפּעס אַ כישוף אָנגעטון.

עס זענען אַריבער דריי טעג.

אין לאַגער האָט מען כסדר צוגעפירט פּראָוויאַנט, פריי-חיליקע זענען אויך צוגעקומען, אָבער וועגן דער מיכאַל האָט מען גאָרנישט געהערט. זאַגלאָבאַס אומרויִקייט איז געוואַקסן און ער האָט נישט געקוקט אויף סקשעטוסקיס טענות, אַז וואָלאָדיאָווסקי האָט נאָך בשום אופן נישט געקענט צוריקקומען פון וואָלקאָוויסק, האָט זאַגלאָבאַ אַרויסגעשיקט קמיטשיצס הונדערט לייכטע רייטער נאָך ידיעות.

אָבער די אָפּטיילונג איז אַוועק און ווידער זענען אַוועק צוויי טעג אָן ידיעות.

ערשט אויפן זיבעטן טאָג, אין אַ גראָען נעפּלדיקן פאַרנאַכט, זענען די יונגלעך, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין באָבראָווניקי נאָך שפּייז, אייליק צוריקגעקומען אין לאַגער מיט אַ מעלדונג, אַז זיי האָבן געזען עפּעס מיליטער, וואָס גייט אַרויס פון די וועלדער הינטער באָבראָווניקי.

— הער מיכאַל! — האָט זאַגלאָבאַ פריידיק אויסגעשריגן.

אָבער די ייִנגלעך האָבן עס נישט באַשטעטיקט, זיי זענען נישט אַקעגנגעפאָרן טאַקע דערפֿאַר, וואָס זיי האָבן געזען עפּעס פֿרעמדע צייכנס, וואָס זענען אין הער וואָלאָדיאָווסקיס חיל נישט געווען. און אַ חוץ דעם איז די אָנקומענדיקע מאַכט געווען אַ גרויסע. די ייִנגלעך, אַלס ייִנגלעך, האָבן נישט געקענט זי גענוי באַצייכענען; אַ טייל האָט געזאָגט, אַז בערך דריי טויזנט, אַ צווייטער טייל, אַז פֿינף אָדער גאָר נאָך מער.

— כ'וועל נעמען צוואַנציק רייטער און אַקעגנפֿאָרן — האָט הער ריטמייסטער ליפּניצקי געזאָגט.

און ער איז געפֿאָרן.

ס'איז אַריבער אַ שעה, צוויי, ביז מ'האָט געגעבן צו וויסן, אַז עס דערנענטערט זיך נישט אַן אָפּטיילונג, נאָר אַ גאַנצע גרויסע אַרמיי.

און מ'ווייסט נישט פֿאַרוואָס, אָבער אין לאַגער האָט פּלוצלינג זיך פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג:

— ראַדזיוויל גייט!

דידאָזיקע ידיעה האָט ווי אַן עלעקטרישער פֿונק אויפֿגערודערט און אויפֿגעטרייסלט דעם גאַנצן לאַגער; די זעלנער זענען אַרויס אויף די וואַל, אויף מאַנכע פּנימער איז קענטיק געווען אַ פּחד; מ'האָט זיך נישט געשטעלט אין געהעריקן סדר; נאָר אָס ערקאָס פּוסגייער האָבן פֿאַרנומען די אָנגעוויזענע ערטער. דערפֿאַר איז צווישן די פֿרייוויליקע אין דער ערשטער רגע אַנטשטאַנען אַ בהלה. פֿון מויל צו מויל האָבן געוואַנדערט די פֿאַרשיידנסטע ידיעות. „ראַדזיוויל האָט געמאַכט אַ תּל־עולם פֿון וואָלאָדיאָווסקין און פֿון קמיטשיצס צווייטער אָפּטיילונג" — האָט איינער איבערגעחזרט. „ס'איז פֿון זיי קיין שריד ופּליט נישט געבליבן" — האָט אַ צווייטער טייל געזאָגט. „און איצט איז הער ליפּניצקי ווי אין דער ערד איינגעזונקען". — „ווו איז דער קאָמענדאַנט?"

באַלד זענען די פּולקאָווניקעס צוגעלאָפֿן מאַכן אָרדענונג און אַזוי ווי אַ חוץ דעם ביסל פֿרייוויליקע זענען בלויז אַלטע זעלנער

געזעסן אין לאַגער, האָבן זיי זיך טיף געשטעלט אין שלאַכט־אָרדנונג, וואַרטנדיק, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען.

ווען ס'איז צום הער זאַגלאָבאַ דערגאַנגען דער אויסגע־שריי: „ראַדזיוויל גייט!" — איז ער שטאַרק צעמישט געוואָרן, אָבער אין דער ערשטער רגע האָט ער נישט געוואָלט גלייבן. וואָס האָט געקענט געשען מיט וואָלאָדיאָווסקין? האָט ער זיך געלאָזט אַזוי אַרומנעמען, אַז איין מענטש זאָל נישט קענען אַהערלויפן מיט אַ התראה? און יענע צווייטע אָפּטיילונג? און הער ליפּניצקי?

— ס'קען נישט זײַן! — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך איבערגעחזרט, אָפּווישנדיק דעם שטערן, וועלכער איז געווען נאַס פון שווייס — דערדאָזיקער שלאַנג, דער דאָזיקער רוח, דער דאָזיקער שטן זאָל שוין האָבן באַוויזן צו קומען פון קיידאַני? שלאָגט שוין טאַקע די לעצטע שעה?

דערווייל האָבן פון אַלע זײַטן וואָס אַמאָל מער קולות געשריגן: „ראַדזיוויל! ראַדזיוויל!" הער זאַגלאָבאַ האָט אויפגעהערט צו צווייפלען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און איז אַרײַנגעלאָפן אין סקשעטוסקיס קוואַרטיר.

— יאַן, ראַטעווע! איצט איז צײַט!

— וואָס איז געשען? — האָט סקשעטוסקי געפרעגט.

— ראַדזיוויל גייט! איך פאַרלאָז מיך אײַנגאַנצן אויף דיר, ווײַל פּירוש יערעמי האָט וועגן דיר געזאָגט, אַז דו ביסט אַ געבוירענער פירער. איך אַליין וועל אַכטונג געבן, אָבער דו גיב עצות און פיר־אָן.

— דאָס קען נישט זײַן ראַדזיוויל — האָט סקשעטוסקי געזאָגט — פון וואַנען קומט דען די אַרמיי אָן?

— פון וואָלקאָוויסק. מ'זאָגט, אַז זיי האָבן אַרומגענומען וואָלאָדיאָווסקין און יענע צווייטע אָפּטיילונג, וואָס כ'האָב נישט לאַנג געשיקט.

— וואָלאָדיאָווסקי וואָלט זיך לאָזן אַרומנעמען? אויב אַזוי קען אים דער פאָטער נישט. ער אַליין קומט דאָס צוריק, נישט קיין אַנדערער.

— מ'זאָגט דאָך אָבער, אַז אַ מוראדיקע מאַכט קומט-אָן.

— געלויבט איז גאָט! אויב אַזוי איז אַפֿנים הער סאַפּיעהאַ אָנגעקומען.

— באַ גאָט! וואָס רעדסטו? וואָלטן זיי דאָך צו וויסן גע-טון? ליפּיצקי איז דאָך אַוועקגעפֿאָרן?

— דווקא דאָס באַווייזט, אַז נישט ראַדזיוויל רוקט אָן. זיי האָבן דערקענט ווער דאָס איז, האָבן זיי זיך פֿאַרייניקט און קערן צוריק אינאיינעם. קומט! קומט!

— כ'האָב דאָס באַלד געזאָגט! — האָט זאַגלאָבאַ אויס-געשריגן — אַלע האָבן די קעפּ פֿאַרלוירן, און איך האָב זיך געטראַכט: ס'קען נישט זיין! כ'האָב זיך באַלד אַזוי געטראַכט! קום! גיכער, יאַן! גיכער! און יענע זענען מטושטש געוואָרן... האַ!

ביידע זענען איילִיק אַרויסגעגאַנגען און אַרויפֿגייענדיק אויף די וואַלן, אויף וועלכע די חיילות זענען שוין געווען אויס-געשטעלט, האָבן זיי גענומען אין דער לענג זיך דורכגיין; אָבער זאַגלאָבאַס פּנים האָט געשיינט, יעדע ווײלע האָט ער זיך אָפּגע-שטעלט און גערופֿן, אַז אַלע זאָלן הערן:

— גנעדיקע הערן! מיר האָבן געסט! איר זאָלט מיר דעם מוט נישט פֿאַרלירן! אויב דאָס איז ראַדזיוויל, וועל איך אים ווייזן דעם וועג צוריק קיין קיידאַני!

— מיר וועלן אים ווייזן! — האָט דאָס חיל גע-שריגן.

— שייטער הויכנס אויף די וואַלן אָנצינדן! מיר וועלן זיך נישט באַהאַלטן. זאָלן זיי אונדז זען, מיר זענען גרייט! שייטער-הויפֿנס אָנצינדן!

באַלד האָט מען געברענגט האָלץ און מיט אַ פֿערטל שעה שפּעטער האָט דער גאַנצער לאַגער געפֿלאַקערט, אַז דער הימל איז אַזש רויט געוואָרן, ווי פֿון אַ זון-אויפֿגאַנג. אַוועקדרייענדיק זיך פֿון ליכט האָבן די זעלנער געקוקט אין דער פֿינסטערניש, אין דער ריכטונג פֿון באַבאָוויקי. מאַנכע האָבן געשריגן, אַז

זיי הערן שוין אַ געקלימפּער און אַן אָפּהילך פֿון פֿערדישע טריט.

אין דעם האָבן זיך פֿון דערווייטנס אין דער פֿינסטערניש דערהערט שיסן פֿון ביקסן. הער זאַגלאָבאַ האָט סקשעטוסקין פֿאַר דער פּאָלע אָנגעכאַפּט.

— זיי שיסן! — האָט ער אומרויִק געזאָגט.

— זיי באַגריסן אונדז — האָט סקשעטוסקי געענטפֿערט.

נאָך די שאָסן האָבן זיך דערהערט פֿרייד־אויסגעשרייען.

די ספֿקות האָבן שוין לענגער נישט געקענט אָנהאַלטן; מיט אַ מינוט שפּעטער זענען אויף מיט שוים באַדעקטע פֿערד אָנגעלאָפֿן אַ פּאָר רייטער שרייענדיק:

— הער סאַפּיעהאַ! הער וויטעבסקער וואָיעוואָדע!

קוים האָבן די זעלנער דאָס דערהערט, האָבן זיי ווי אַן איבערפֿולטער טייך פֿון די וואַלן אַראָפּגעגאָסן אַמאָל און געלאָפֿן אַקעגן, מאַכנדיק אַזעלכע קולות, אַז עמעצער, וואָס וואָלט די־דאָזיקע געשרייען געהערט פֿון דערווייטנס, וואָלט געקענט מיי־נען אַז דאָס שרייט אַזוי אַ שטאָט, וועלכע ווערט אויסגעקוי־לערט ביז איינעם.

זעצנדיק זיך אויפֿן פֿערד איז זאַגלאָבאַ אויך בראָש פֿון די פּוליק ווניקעם אַרויסגעפֿאָרן פֿאַר די וואַלן, באַצירט מיט אַלע סימנים פֿון זיין אַמט: אונטער אַ פּערזישן עק, מיט אַ שטאָב און רייער פֿעדער באַם היטל.

אין אַ ווייסע אַרום איז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע אַרייַנ־געפֿאָרן אין קרייז פֿון ליכט, בראָש פֿון זיינע אָפֿיצירן, האַלטנדיק אויף דעם הער וואָלאָדיאָווסקי באַ דער זייט. געווען איז דאָס אַ מענטש שוין אין די יאָרן, נישט הויך, נישט זייער דיק און נישט מיט קיין שיי־נעם פּנים, וואָס האָט אָבער עדות געזאָגט אויף שכל און גוטמוטי־קייט. וואַנסעס האָט ער שוין געהאַט גרויע, גלייך איבער דער אוי־בערשטער ליפּ אײַנגעשוירענע. אויך דאָס נישט גרויסע בערדל זיינס איז שוין געווען גרוי און אים ענלעך געמאַכט אויף אַן אויסלענדער, הגם די מלבושה זיינע איז געווען אַ פּוילישע. כאָטש ער האָט זיך קוים־השם געשוען מיט אַ סך מיליטערישע אויטער־

בעמונגען, האָט ער גיכער אויסגעזען ווי אַ מלוכה־מאַן, איידער ווי אַ מלחמה־מאַן; די, וואָס האָבן אים נענטער געקענט, האָבן אויך געזאָגט, אַז אין הער וואָיעוואָדעס פּנים האָט מינערוואַ די איבער־האַנט איבער מאַרסן. אָבער אַ חוץ מינערוואַן און מאַרסן איז דאָסדאָזיקע פּנים געווען באַצירט מיט נאָך עפּעס, וואָס איז אין יענע זייטן געווען ווייניקער שכיח, דהיינו: מיט ערלעכקייט, וועלכע האָט פליסנדיק פון דער נשמה. זיך אָפּגעשפּיגלט אין די אויגן, ווי דאָס ליכט פון דער זון אין וואַסער. אויפן ערשטן בליק האָט מען דערקענט, אַז דאָס איז געווען אַן איידעלער און רעכטפאַרטיקער מאַן.

— מיר האָבן אַזוי אויסגעקוקט, ווי אויף אַ טאַטן! — האָבן די זעלבער אויסגערופן.

— און ער איז טאַקע געקומען אונדזער פירער — האָבן אַנדערע טיף גערירט געזאָגט.

— וויוואַט! וויוואַט!

הער זאַגלאָבאַ איז צוגעשפּרונגען צו אים בראש פון די פּאָלקאָווניקעס, און ער האָט איינגעהאַלטן דאָס פערד און גענומען זיך באַגריסן מיטן לויקס־היטל.

— הויך־וווילגעבוירענער הער וואָיעוואָדע! — האָט זאַגלאָבאַ אָנגעהויבן זיין דרשה — ווען איך וואָלט אפילו פאַרמאָגט דעם רעדנער־טאַלאַנט פון די פאַרצייטישע רוימער, יאָ, אפילו פון ציצעראָ אַליין, אָדער, דערלאַנגענדיק אין די נאָך עלטערע צייטן, פון יענעם באַרימטן אַטענער דעמאָסטענעס, וואָלט איך נאָך אַלץ נישט געקענט אויסדריקן די שמחה, וואָס האָט איבערגעפולט אונדזערע הערצער אויפן אָנבליק פון דער הויך־ווירדיקער פּערזאָן פון הויך־וווילגעבוירענעם הער. אין אונדזערע הערצער פרייט זיך די גאַנצע רעפּובליק, באַגריסנדיק דעם קלוגסטן סענאַטאָר און דעם בעסטן זון מיט אַ באַזונדערס גרויסער, ווייל אומגעריכטער פרייד. אָט זענען מיר געשטאַנען אויף דידאָזיקע גראָבנס אונטערגעוואָרפן, גרייט נישט צו באַגריסן, נישט צו קעמפן... צו הערן נישט פרייד־אויסגעשרייען, נאָר הילכיקע דונער־קנאַלן... צו פאַרגיסן נישט טרערן, נאָר אונדזער בלוט!... און ווען עס

האָט זיך דעריבער פאַרשפּרייט דער קלאַנג, אַז דער פאַרטיידיקער פון פּאָטערלאַנד קומט אָן, און נישט דער בוגד, דער גוי־טעבסקער וואָיעוואָדע און נישט דער ליטווישער גרויסהעטמאַן סאַפּיעהאַ און נישט ראַדזיוויל...

אָבער דער הער סאַפּיעהאַ האָט אַפּנים זיך שטאַרק געאײַלט אַרײַנצופאָרן, ווײַל מיטאַמאָל האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט מיט אַ גוטמוטיקער, הגם שרהשער נאַכלעסיקייט און געזאָגט:

— אויך ראַדזיוויל גייט! אין צוויי טעג אַרום וועט ער שוין דאָ זײַן!

הער זאַגלאָבאַ איז מבֿלבל געוואָרן, ווײַל ערשטנס איז דער פאַדעם פון דער דרשה איבערגעהאַקט געוואָרן און צווייטנס האָט אויף אים די ידיעה וועגן ראַדזיווילן אַ גרויסן רושם געמאַכט. אַ ווײַלע איז ער דעריבער געשטאַנען פאַרן הער סאַפּיעהאַ, נישט ווייסנדיק וואָס ווייטער צו רעדן; באַלד איז ער אָבער געקומען צו זיך און אַרויסציִענדיק בחפזון דעם שטאַב פון הינטער דער גאַרטל, האָט ער, דערמאָנענדיק זיך, וואָס עס איז געווען באַזבאַראַזש, פײַערלעך געזאָגט:

— דאָס חייל האָט מיך פאַר זײַן מנהיג געמאַכט, אָבער איך גיב איבער דעמדאָזיקן אַמט אין ווירדיקערע הענט, כּדי צו געבן די ייִנגערע אַ בײַשפּיל, ווי אַזוי מ׳דאַרף צוליב דער טובה פון כּלל פון דעם גרעסטן כּבוד זיך אָפּזאָגן.

די זעלנער האָבן גענומען מאַכן אויסגעשרייען, אָבער הער סאַפּיעהאַ האָט נאָר אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— הער ברודער! ראַדזיוויל זאָל אײַך נאָר נישט חושד זײַן, אַז צוליב מורא פאַר אים האָט איר דעם קאָמאַנדע־שטאַב אָפּגעגעבן. ער וואָלט זיך געפרייט!

— ער קען מיך שוין — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — און אין פחד וועט ער מיך נישט חושד זײַן, ווײַל איך האָב אים דער ערשטער אין קיידאַני אויסגעזידלט און אַנדערע מיט מײַן בײַשפּיל ד מעורר געווען.

— אויב אַזוי, טאָ פירט אונדז אין לאַגער אַרײַן — האָט

סאַפּיעהאַ געזאָגט — וואָלאָדזיאָווסקי האָט מיר אויפן וועג געזאָגט, אַז איר זענט אַן אויסגעצייכנטער ווירט און אַז ס'איז בײַ אײַך פאַרהאַן מיט וואָס זיך דאָס האַרץ צו דערקוויקן, און מיר זענען פאַרמאַטערט און הונגעריק.

בײַ דידאַזיקע ווערטער האָט זײַן פערד געריכט און נאָך אים האָבן אויך געריכט די איבעריקע און זיי זענען אַלע אין לאַגער אַרײַנגעפאָרן בײַ אַן אומגעהײַערער שׂימחה. הער זאַגלאָבאַ האָט זיך דערמאָנט, וואָס מ'זאָגט וועגן הער סאַפּיעהאַן, אַז ער האָט ליב אַ סעודה און אַ כּוסה, ער האָט דעריבער באַשלאָסן ווירדיק צו באַערן דעם טאָג פון זײַן אָנקומען. ער האָט טאַקע אײַנגעאָרדנט אַזאַ פּראַכטפולע סעודה, וואָס אַ גלײַכע איז ביז איצט נאָך אין לאַגער נישט געווען. אַלע האָבן געגעסן און געטרונקען. בײַם טרינקען האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי דערציילט, וואָס עס האָט זיך בײַ וואָלקאָוויסק פאַרלאָפן, ווי אַזוי עס האָבן אים מיטאַמאָל אַרומגערינגלט באַדײַטנד גרעסערע כּוחות, וועלכע דער בוגד זאָלטאַרענקאָ האָט אַרויסגעשיקט צו הילף, ווי שווער ס'איז שוין געווען, אָבער מיטאַמאָל האָט הער סאַפּיעהאַ אָנקומען פאַרוואַנדלט די פאַרצווייפלטע פאַרטיידיקונג אין אַ גלענצנדיקן נצחון

— מיר האָבן זיי אַזוי אָנגעלערנט — האָט ער געזאָגט — אַז פון איצט אָן וועלן זיי קיין מאָל פון לאַגער נישט אַרויסשטעקן.

דערנאָך איז דער שמועס אַריבער אויף ראַדזיווילן. דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע האָט געהאַט זייער פרישע ידיעות און דורך נאָענטע מענטשן האָט ער זיך דערוווּסט וועגן אַלץ, וואָס אין קיידאַני איז פאָרגעקומען. ער האָט דערציילט, אַז דער שוועדישער העטמאַן האָט אַרויסגעשיקט אַ געוויסן קמיטשיץ מיט אַ בריוו צום שוועדישן קעניג און מיט אַ בקשה, אַז ער זאָל פון צוויי זײַטן אויף אַמאָל באַפאַלן פּאָלעסיע.

— אַ פּלא והפּלא! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — ווען נישט דערדאָזיקער קמיטשיץ וואָלטן מיר זיך דאָך עד-היום נישט צונויפגעקומען אינאיינעם און ווען ראַדזיוויל וואָלט געווען אָנקו-

מען, וואָלט ער אונדז אַלע, איינעם נאָכן אַנדערן, ווי שעדלעצער בייגל געקענט פאַרצערן.

— הער וואָלאָדיאָיאָווסקי האָט מיר דאָס אַלץ געזאָגט — האָט סאַפּיעהאַ געענטפערט — פון וואָס איך דרינג אַרויס, אַז ער מוז וודאי אייך פערזענלעך ליב האָבן. אַ שאָד, וואָס ער דינט נישט דעם פאָטערלאַנד. אָבער אַזעלכע מענטשן, וואָס זעען גאָרנישט אַחוץ זיך, דינען קיינעם נישט גוט און זיי זענען יעדן גרייט צו פאַרראַטן, ווי אין דעם פאַל קמיטשיץ ראַדזיווילן.

— אָבער צווישן אונדז זענען קיין בוגדים נישטאָ און מיר זענען אַלע גרייט ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט בייצושטיין דעם הויך-ווי-געבוירענעם האַר וואָיעוואָדע! — האָט זשיראָמסקי געזאָגט.

— איך גלייב, אַז דאָ זענען ערלעכע זעלנער פאַראַן — האָט דער וואָיעוואָדע געענטפערט — און איך האָב זיך גאָרנישט געריכט, אַז איך וועל דאָ געפינען אַזאַ סדר און אַזאַ שפע, פאַר וואָס איך מוז דעם הער זאַגלאָבאַ דאַנקבאַר זיין.

הער זאַגלאָבאַ איז אַזש רויט געוואָרן פון צופרידנהייט, ווייל עפעס האָט זיך אים ביז איצט געדוכטן, אַז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע באַציט זיך צו אים אפילו מיט חזד, אָבער פאָרט נישט מיט אַזאַ אָנערקענונג און משוא פנים, ווי דער הער עקס-קאָמענדאַנט וואָלט זיך דאָס געוווּנטשן. ער האָט באַלד גענומען דערציילן, ווי אַזוי ער האָט געבאַלעבאַטעוועט, וואָס ער האָט געטון, וואָסערע אַפּאַסן ער האָט אָנגעקליבן, ווי אַזוי ער האָט האַרמאַטן אַרויפגעבראַכט און כּוסגייער פאַרמירט און צום סוף וואָס פאַר אַ גרויסע קאָרעספּאָנדענץ ער האָט געמוזט פירן.

און נישט אָן גאווה האָט ער דערמאַנט וועגן די בריוו, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן צום פאַרטריבענעם קעניג, צו כאָוואַנסקין און דעם קורפירשט.

— נאָך מיין בריוו מוז דער הער קורפירשט זיך קלאָר אַרויסזאָגן פאַר אונדז, אָדער קעגן אונדז — האָט ער מיט גדלות געזאָגט.

אָבער דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע איז געווען אַ פריי-

לעבער מענטש, און אפשר איז ער אויך געווען א ביסל בגלופנדיק ער האָט בכן אַ גלעט געטון די וואָנסעס, ביישוויליק אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— הער ברודער, און צום דייטשן קייזער האָט איר נישט געשריבן?

— ניין! — האָט דער פֿאַרוואונדערטער זאַגלאָבאַ געענט־פֿערט.

— איז טאַקע אַ שאָד! — האָט דער וואָיעוואָדע געזאָגט — איר וואָלט געווען געערדט ווי אַ גלייכער מיט אַ גלייכן.

די פּולקאָווניקעס האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ הויכן גע־לעכטער, אָבער דער הער זאַגלאָבאַ האָט באַלד באַוויזן, אַז אויב דער הער וואָיעוואָדע האָט געוואָלט זיין אַ קאָסע, האָט ער אין אים אָנגעטראָפֿן אויף אַ שטיין.

— הויך־וויל־געבוירענער הער! — האָט ער געזאָגט — צום קורפֿירשט קען איך שרייבן, ווייל איך בין אַליין אַלס שליאַ־כטשיץ אויך אַ וואַל־פֿירשט און ס'איז נאָך גאָרנישט אַזוי לאַנג, ווי איך האָב געגעבן מיין שטים פֿאַר יאַן קאַזימיעזשן.

— איר האָט זיך זייער געשיקט אַרויסגעדרייט! — האָט דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע געענטפֿערט.

— אָבער מיט אַזאַ הערשער, ווי דער קייזער, קאָרעספּאָנ־דיר איך נישט — האָט הער זאַגלאָבאַ ווייטער געזאָגט — כדי מ'זאָל אויף מיר נישט זאָגן אַ געוויס גלייכווערטל, וואָס איך האָב אין ליטע געהערט...

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ גלייכווערטל?

— „האָט שכל ווי אַ שעפּס — מוז אַוודאי זיין כון גי־טעבסק!" — האָט דער נישט צעמישטער זאַגלאָבאַ געענטפֿערט.

הערנדיק דאָס, האָבן די פּולקאָווניקעס זיך אַזש דערשראָקן, אָבער דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע האָט זיך אַריבערגעבויגן אויף היגטן און זיך אָנגענומען בײַ די זייטן פֿאַר געלעכטער.

— האָט ער מיר אַריינגעזאָגט!... לאָזט מיך אייך אַרומ־נעמען!... אַז איך וועל דאַרפֿן די באָרד גאָלן, וועל איך מיר בײַ אייך די צונג באָרגן!

די סעודה האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט;
עס האָט זי איבערגעריסן דאָס אָנקומען פון אַ פּאָר שליאַכטש-
צעס פון לעבן טיקאָטשין, וועלכע האָבן געבראַכט די ידיעה, אַז
ראַדזיווילס פאַרפּאַסטנס האָבן שוין דערגרייכט די אָזיקע שטאָט-

ל׳ קאַפּיטל.

ראַדזיוויל וואָלט שוין לאַנג געווען מאַרשירט אויף פּאָלע־ סיע, ווען נישט דאָס, וואָס פאַרשידענע סבות האָבן אים פאַר־ האַלטן אין קיידאַני. קודם־כל האָט ער געוואַרט אויף די שוועדי־ שע פאַרשטאַרקונגען, וועלכע פאָנטוס דע לאַ גאַרדי האָט בכיון זיך נישט געאײַלט צוצושיקן. דער שוועדישער גענעראַל איז אפילו געווען אַ נאָענטער קרוב פון קעניג גופא, פונדעסטוועגן האָט ער זיך נישט געקענט פאַרגלײַכן מיטן ליטווישן מאַגנאַט נישט מיטן גלענצנדיקן יחוס, נישט מיט דער חשיבות און נישט מיט די גרויסע בלוט־פאַרבינדונגען. און וואָס שייך פאַרמעגנס, איז הגם עס זענען אין דער רגע נישט געווען קיין מזומנים אין ראַדזי־ ווילס קאַסע, וואָלטן פון עסטוועגן אַלע שוועדישע גענעראַלן זיך געקענט אײַנטיילן מיט אַ העלפט פון פירשטס גיטער און זיך נאָך האַלטן פאַר עשירים. און אַט, ווען דער גורל האָט געוואָלט, אַז ראַדזיוויל זאָל ווערן אָפּהענגיק פון פאָנטוסן, האָט דערדאָזיקער גענעראַל נישט געקענט מוותר זײַן אויף דעם נחת־רוח, וואָס עס

האָט אים פֿאַרשאַפֿט דאָס געבן צו שפּירן יענעם שׂררה דידאָזיקע אָפּהענגיקייט און זיין אייגענע תּקיפֿות.

ראַדזיוויל ווידער האָט נישט געדאַרפֿט די פֿאַרשטאַרקונגען אויף צו שלאָגן די קאָנפֿעדעראַטן, ווייל ער האָט דערויף זיינע אייגענע כּוחות גענוג געהאַט, אָבער די שוועדן זענען אים נייטיק געווען צוליב די ענינים, וועגן וועלכע קמיטשיץ האָט דערמאָנט אין בריוו דעם הער וואָלאָדיאָווסקי. פֿון פּאָלעסיע האָבן ראַדזיווילן אָפּגעצוימט כאָוואַנסקיס מחנות, וועלכע האָבן אים געקענט דעם וועג פֿאַרשטעלן; ווען ראַדזיוויל וואָלט אָבער געגאַנגען מיט שוועדישע היילות אין אונטערן שוץ פֿון שוועדישן קעניג, וואָלט יעדער פֿיינטלעכער שריט מצד כאָוואַנסקין געמוזט באַטראַכט ווערן פֿאַר אַן אַרויספֿאָדערונג קעגן קאַרל גוסטאַוון. ראַדזיוויל האָט אין האַרץ דאָס געוואָלט, דערפֿאַר האָט ער מיט אומגעדולד אויסגעקוקט אויפֿן אָנקומען כאָטש פֿון איין שוועדיש פֿולק און זייענדיק מלא־חמה אויף פּאָנטוסן, פֿלעגט ער נישט איינמאָל זאָגן צו זיינע הויף־לייט:

— מיט אַ פּאָר יאָר צוריק וואָלט ער עס זיך געהאַלטן פֿאַר אַ זכיה, ווען ער וואָלט פֿון מיר אַ בריוו באַקומען און ער וואָלט אים אין דער צוואה זיינע קינדס קינדער פֿאַרשריבן, און היינט שטעלט ער אָן מאַניערן פֿון אַן איבערהאַר!

דערויף האָט אַ געוויסער שליאַכטשיץ, וואָס האָט אין דער גאַנצער סביבה געשמט מיט זיין גרויס מויל און אמת זאָגן, זיך איינמאָל דערלויבט אַזוי צו ענטפֿערן:

— נישט בחנם זאָגט אַ שפּריכוואָרט, גנעדיקער הער פֿירשט, אַז ווי איינער בעט זיך אויס, אַזוי שלאָפֿט ער.

ראַדזיוויל איז צריינגעפֿאַלן אין רציחה און געהייסן אים אין תּפֿיסה אַריינוואַרפֿן, אָבער אויפֿן צווייטן טאָג האָט ער אים אַרויסגעלאָזט און מיט אַ גילדערנעם קנאָפּ באַשאָנקען, ווייל מען האָט וועגן שליאַכטשיץ געזאָגט, אַז ער האָט מזומנים, און דער פֿירשט האָט באַ אים געוואָלט באָרגן געלט אויף אַ וועקסל. דער שליאַכטשיץ האָט די מתּנה צוגענומען, אָבער קיין געלט האָט ער נישט געגעבן.

די שוועדישע פארשטארקונגען זענען לסוף אנגעקומען אין א צאל פון אכט הונדערט שווערע רייטער; דריי הונדערט פוסגייער און הונדערט לייכטערע רייטער האט פאנטוס ארויסגעשיקט קעגן טיקאטשינער שלאס, ווילנדיק אויף יעדן פאל דארטן האבן אן אייגענעם גארניזאן.

כאוואנסקיס חיילות האבן דורכגעלאזט יענע מענטשן, נישט מאכנדיק זיי קיין שום מניעות, און זיי זענען טאקע בשלום אנגעקומען קיין טיקאטשין, ווייל דאס איז געשען דאמאלס, ווען די צעבונטעוועטע פולקן זענען געשטאנען צעשפרייט איבער גאנץ פאלעסיע און זיך פארנומען נאר מיט ראבירן ראדזיווילס גיטער.

מ'האט זיך געריכט, אז נאכדעם ווי דער פירשט האט זיך דערווארט אויף די געגארטע פארשטארקונגען, וועט ער זיך באלד לאזן אין וועג אריין, אבער ער האט נאך געמאכט שהיות. די סיבה דערפון זענען די ידיעות פון פאלעסיע וועגן דעם כאאס, וואס האט געהערשט אין דערדאזיקער וואיעוואדסטווע, וועגן פעלן פון אחדות צווישן די קאנפעדעראטן און די חילוקי-דעות, וואס זענען אנטשטאנען צווישן קאמאווסקין, ליפניצקי און יאקוב קמיטשיצן.

— מ'דארף זיי געבן צייט — האט דער פירשט געזאגט — כדי זיי זאלן זיך פאר די קעפ רייסן. זיי וועלן זיך אליין צעבייסן און זייערע כוחות וועלן צערונען ווערן אן א מלחמה, און מיר וועלן דערווייל כאוואנסקין אנגרייפן.

אבער מיטאמאל האבן גענומען אנקומען היפכדיקע ידיעות; די פולקאווניקעס האבן נישט בלויז זיך נישט צעשלאגן צווישן זיך, נאר זיי האבן זיך איניינעם בא ביאליסטאק צונויפגענומען. דער פירשט האט זיך דעם קאפ געבראכן איבער דעם, וואס עס האט געקענט גורם זיין אזא שינוי. צום סוף איז צום פירשטס אויערן דערגאנגען זאגלאבאס נאמען אלס קאמענדאנט. מ'האט אויך מודיע געווען וועגן דער איינארדנונג פון א באפעסטיקטן לאגער, וועגן דער פראוויאנטירונג פון חייל, וועגן די הארמאטן, וואס זאגלאבא האט אין ביאליסטאק ארויסגעגראבן, וועגן וואכן

פון דער צעבינטעוועטער מאכט און וועגן די פרייוויליקע, וואס פליסן-צו פון דרויסן. פירשט יאנוש איז אריינגעפאלן אין אזא רציחה, אז גאנצהאף, דער א דערשראקענער זעלנער, האט א גאנצן מעת-לעת זיך נישט דערוועגט צו אים צוצוגיין.

צום סוף איז ארויס א באפעל צו די פולקן, אז זיי זאלן זיך גרייטן אין וועג אריין. אין איין טאג איז די גאנצע דיוויזיע געשטאנען גרייט; איין רעגימענט דייטשע פוסגייער, צוויי שאָ-טישע, איין ליטווישע; הער קארף האט אנגעפירט מיט דער אר-טילעריע; גאנצהאף האט איבערגעגעבן די קאמאנדע פון די רייטער. א חוץ כא לאמפס דראגונער און די שוועדישע רייטער, איז געווען ניעוויאראווסקיס לייכטער פולק און דעם פירשטנס איי-גענער באדייטנדיקער פולק, אין וועלכן דער שטעל-פארטרעטער איז געווען שליזשיען. געווען איז דאס א באדייטנדיקע מאכט און זי איז באשטאנען פון לויטער וועטעראנען, מיט א נישט גרע-סערן כוח האט דער פירשט בשעת די ערשטע מלחמות מיט כמיעלניצקין אפגעהאלטן יענע נצחונות, וואס האבן אים באַרימט מיט אן אומשטערבלעכן שם; מיט א נישט גרעסערער קראפט האט ער צעקלאפט נעבאבאן; פארטיליקט בא לאיאוו דעם בא-רימטן קשעטשאָווסקיס א פאר טויזנט-קעפיקע כח־ה; אויסגעקוי-לעט מאזיר, טוכאוו, גענומען אין שטורעם קיעוו און אין די סטעפעס כמיעלניצקין אזוי צוגעדריקט, אז ער האט געמוזט אין אונטערהאנדלונגען זוכן א רעטונג.

אָבער דער שטערן פון דאזיקן מעכטיקן מלחמה-מאן איז אפנים אונטערגעגאנגען און זיין אייגן הארץ האט אים אויך קיין גוטס נישט אנגעזאגט. ער האט פארטיפט די אויגן אין דער צו-קונפט און קיין שום זאך קלאר נישט געזען. ער וועט מארשירן אויף פאלעסיע, די מורדים מיט די פערדישע קאפיטנס צעטרעטן, פון פארהאסטן זאגלאבאן הייסן די הויט אראפשינדן — און וואס וועט דערפון ארויסקומען? וואס וועט ווייטער זיין? וואס וועט דערנאך דער גורל ברענגען? צי וועט ער דאמאלט אנגרייפן כאזאנסקין, נקמה נעמען פאר דער ציביכאווער כפלה און מיט א נייעם לארבער-קראנץ דעם קאפ באצירן? דער פירשט

האָט אַזוי געזאָגט, אַז ער איז געווען מסופק, ווייל עס האָבן גראָד שוין גענומען זיך שטאַרק פאַרשפּרייטן קלאַנגען וועגן דעם אַז די צפונדיקע מחנות וועלן מחמת מורא פאַרן ווּקס פון דער שוועדישער מאַכט אויפהערן צו שלאָגן זיך און אפשר גאָר שליסן אַ בונד מיט יאַן קאַזשימיעזשן. ספּיעהאַ האָט פון זיי נאָך אַוועקגעריסן שטיקער און געשלאָגן ווו ער האָט געקאָנט, אָבער אינאייגעם דערמיט האָט ער שוין מיט זיי אונטערגעהאַנדלט. די זעלבע פּלענער האָט געהאַט אויך הער גאָשיעווסקי.

און אָט, אין פאַל פון כאָוואַנסקיס אָפּטרעטן, וואָלט אויך דאָסדאָזיקע פעלד פון טעטיקייט פאַרמאַכט געוואָרן, און פאַר ראַדזיווילן וואָלט פאַרשוווּנדן די לעצטע מעגלעכקייט צו באַווייזן זיינע כוחות; און ווען יאַן קאַזשימיעזש וואָלט נאָך באַוויזן צו שליסן אַ בונד און אַ שטורעם צו טון אויף די שוועדן די ביז איצטיקע שונאים, וואָלט דאַמאָלס די הצלחה זיך געקענט אַ קער טון אויף זיין זייט אַקעגן די שוועדן און דורך דעם אויך קעגן ראַדזיווילן.

פון קרוין-פּוילן זענען אמת דערגאַנגען צום פירשט די בעסטע ידיעות. די הצלחה פון די שוועדן האָט איבערגעשטיגן אַלע האָפנונגען. די וואָיעוואָדסטוועס האָבן זיך אונטערגעגעבן איינע נאָך דער אַנדערער; אין גרויס-פּוילן האָבן זיי געוועלטיקט ווי אין שוועדן, אין וואַרשע האָט רעגירט ראַדזשעיאָווסקי; קליין-פּוילן האָט נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד; קראָקע האָט אַ ליאָדע רגע געמוזט פאַלן; פאַרלאָזט פון מיליטער און פון דער שליאַכטע, מיט אַ געבוירענעם בטחון אין זיין פאָלק, איז דער קעניג אַוועק קיין שלעזיע און קאַרל גוסטאַוו אַליין האָט פאַרחידושט די לייכטקייט, מיט וועלכער ער האָט צעבראָקלט יענע מאַכט, וואָס האָט ביז איצט אין קאַמף מיט די שוועדן תמיד מנצח געווען.

אָבער דווקא אין דעראָזיקער לייכטקייט האָט ראַדזיוויל געזען אַ סכנה פאַר זיך, ווייל ער האָט באַצייטנס געפילט, אַז די פון נצחונות פאַרבלענדטע שוועדן וועלן זיך מיט אים נישט רעכענען, וועלן אויף אים זיך נישט אומקוקן, בפרט, אַז ער האָט

זיך נישט ארויסגעוויזן פאר אזוי מעכטיק און פאר אזא תקיף אין ליטע, ווי אלע, נישט אויסשליסנדיק אויך אים אליין, האבן געמיינט.

צי וועט דעריבער דער שוועדישער קעניג אים אפגעבן ליטע, אדער על-כל-פנים ווייס-רוסלאנד? וועט ער נישט אמאל בעסער וועלן מיט עפעס אן אפגעשניטענעם חלק אין מזרח פון דער רעפובליק באפרידיקן דעם אייביק הונגעריקן שכן, כדי צו האבן אויפגעבונדענע הענט אין דער רעשט פוילן?

דאס זענען געווען שאלות, וואס האבן אן אויפהער געפייניקט דעם פירשט יאנושס נשמה. טעג און נעכט האט ער פארבראכט אין אומרואיקייט. ער האט חושד געווען, אז אויך פאנטוס דע לא גארדי וואלט נישט די העזה געהאט זיך מיט אים צו באגיין מיט אזא גדלות, כמעט מיט ביטול, ווען ער וואלט זיך נישט געריכט, אז דער קעניג וועט באשעפטיקן אזא אויפפירונג, אדער וואס איז נאך ערגער, ווען ער וואלט שוין נישט געהאט קיין פארטיקע אינסטרוקציעס.

— כל-זמן איך שטיי בראש פון א פאר טויזנט מענטשן (האט ראדזיוויל געטראכט), וועט מען זיך נאך אויף מיר אומקוקן, אבער אז עס וועט מיר אויספעלן געלט און אז די געדונגענע פולקן וועלן זיך צעלויפן — וואס וועט זיין?

און גראד זענען די הכנסות פון די ריזיקע גיטער נישט איינגעפלאסן; אן אומגעהייערער טייל פון די דאזיקע גיטער, וואס זענען געווען צעווארפן איבער גאנץ ליטע און אזש העט ביז צו קיעווער פאלעסיע, איז געלעגן אין חורבות; און די פאלעסיער גיטער זענען דורך די קאנפעדעראטן פולשטענדיק אויסגעליידיקט געווארן.

וויילנוויז האט זיך דעם פירשט געדוכטן, אז ער זינקט אין א תהום. פון אלע זיינע ארבעטן און אינטריגעס האט אים געקענט פארבלייבן נאר דער נאמען בוגד — נישט מער.

עס האט אים געשראקן נאך אן אנדער געשפענסט — דאס געשפענסט פון נויט. כמעט יעדע נאכט האט עס זיך באוויזן פאר די פארהאנגען פון זיין בעט און געשאקלט איבער אים מיט דער

האַנט, גלײַך ווי עס וואָלט וועלן זאָגן: גיי אין פּינקטערניש, אויף די צווייטע זייט פֿון אומבאַקאַנטן טייך...

ווען ער וואָלט געשלאָגן אויפֿן העכסטן שטאַפּל פֿון רום, ווען ער וואָלט יענע אַזוי הייס באַגערטע קרוין געקענט כאַטש אויף איין טאָג, כאָטש אויף איין שעה אַרויפֿלייגן אויפֿן קאָפּ, וואָלט ער דאָסדאָזיקע שרעקלעכע, שטילשווייגנדיקע געשפּענסט געקענט אויפֿנעמען מיט אַן אומדערשראָקענעם אויג. אָבער שטאַרבן און איבערלאָזן נאָך זיך אַ שאַנד און מענטשלעכע פֿאַראַכטונג האָט פֿאַרן דאָזיקן שׂררה, וואָס איז געווען אַזוי שטאָלץ ווי דער שטן אַליין, געהייסן האָבן דאָס גיהנום באַם לעבן.

אין נישט איינמאָל, ווען ער איז געווען אייגער אַליין, אָדער נאָר מיט זײַן אַסטראָלאָג, אין וועלכן ער האָט געהאַט די גרעסטע אמונה, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט פֿאַר די שלעפֿן און איבערגעחזרט מיט אַ געשטיקטער שטים:

— כ׳ברען! כ׳ברען! כ׳ברען!

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען האָט ער זיך געקליבן צום מאַרש אויף פּאָלעסיע, אָבער אַ טאָג פֿאַרן אַרויסמאַרש האָט מען אים מודיע געווען, אַז פֿירשט באָגוסלאַוו קומט אָנצופֿאָרן פֿון טויראָגי.

בלויז אויף דער ידיעה וועגן דעם, האָט פֿירשט יאַנוש, נאָך איידער ער האָט דעם ברודער דערזען, ווי אויפֿגעלעבט, ווײַל יענער באָגוסלאַוו האָט מיט זיך געבראַכט יוגנט, דעם בלינדן גלויבן אין דער צוקונפֿט. און אים האָט ווידער געלאָזט זיך באַווײַזן די בירזשער ליניע, און נאָר פֿאַר אים האָט פֿירשט יאַנוש שוין געאַרבעט.

דערוויסנדיק זיך, אַז ער קומט אָן, האָט ער דווקא געוואָלט אַקעגנפֿאָרן, אָבער היות ווי די עטיקעטע האָט נישט דערלויבט אַ ייִנגערן אַקעגנצופֿאָרן, האָט ער נאָך אים געשיקט אַ באַגילדטע קאַרעטע און בעוויאַראָווסקיס גאַנצן פּולק אַלס באַגלייטונג, און פֿון די פֿאַרשאַנצונגען, וואָס זענען אָנגעשאָטן געוואָרן דורך קמיטשיצן און פֿון שלאָס גופֿא האָט ער געהייסן שיסן פֿון האַרמאַטן, אַקוראַט ווי אויפֿן אָנקומען פֿון אַ קעניג.

ווען די ברידער זענען נאָכן צערעמאָניעלן באַגריסן זיך

לסוף געבליבן אליין, האָט יאַניש געכאַפּט באָגוסלאַוון אין די אָרעמס און גענומען איבערחזרן מיט אַ געריטער שטים:

— כ'בין ווידער יונגער געוואָרן!... כ'בין ווידער געזונט געוואָרן!

אָבער פּירשט באָגוסלאַוו האָט אויף איס אויפמערקזאַם אַ קוק געטון און געזאָגט:

— וואָס איז אייך, גנעדיקער הער פּירשט?

— לאָמיר זיך נישט גנעדיקן מיט גנעדיקייטן, ווען קיינער הערט אונדז נישט... וואָס מיר איז? די קרענק טאָטשעט מיך, אַז איך וועל פאַלן ווי אַ פאַרפוילטער בוים... אָבער דאָס איז נישט וויכטיק! וואָס מאַכט מיין ווייב און מאַרישקאַ?

— זיי זענען אַרויסגעפאָרן פון טוראָגי קיין טילזש. זיי זענען ביידע געזונט, און מאַרי ווי אַ רויזן-קנאָספּ; אַ פּרעכטיקע בלום וועט דאָס זיין, אַז זי וועט זיך צעבליען... באמת! קיין שענערן פּנים האָט קיינער אויף דער וועלט נישט, און די צעפּ פליסן איר ביז צו דער ערד אַראָפּ..

— אַזוי שיין איז זי אין דיינע אויגן? איז גוט. גאָט האָט דיר אַריינגעגעבן דעם געדאַנק דאָ אַהערצוקומען. ס'איז מיר גרינגער אויף דער נשמה, אַז איך זע דיך!... אָבער וואָס ברענגסטו מיר עפּעס נייעס וועגן כּלל־עניינים?... וואָס איז מיטן קורפירשט?

— דו ווייסט, אַז ער האָט געשלאָסן אַ בונד מיט די פּרייסישע שטענט?

— כ'ווייס.

— אָבער זיי האָבן צו אים נישט קיין באַזונדערן צוטרוי. דאַנציק האָט נישט געוואָלט אָננעמען זיין גאַרניזאָן... די דייטשן האָבן אַ גוטן חוש־הריח.

— אויך דאָס ווייס איך. אין דו האָסט צו אים נישט געשריבן? וואָס טראַכט ער וועגן אונדז?

— וועגן אונדז?... — האָט באָגוסלאַוו אַ צעטראָגענער איבערגעחזרט.

און ער האָט גענומען וואַרפן מיט די אויגן איבער דער

שטיב, און דערנאָך איז ער אויפגעשטאַנען; פּירשט יאַניש האָט געמיינט, אַז ער זוכט עפּעס, אָבער ער איז צוגעלאָפן צום שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל, און אויסבויגנדיק אים ווי געהעריק, האָט ער מיט אַ פינגער פון דער רעכטער האַנט גענומען טאַפּן איבערן גאַנצן פּנים, צום סוף האָט ער זיך אָנגערופן:

— די הויט האָט אויפן וועג אַ ביסל אויפגעפּלאַצט, אָבער ביז מאָרגן וועט דאָס אַריבערגיין... וואָס דער קורפירשט טראַכט וועגן אונדז? — גאָרנישט... ער האָט מיר געשריבן, אַז ער וועט וועגן אונדז נישט פאַרגעסן.

— וואָס הייסט, נישט פאַרגעסן?

— כ'האָב דעם בריוו מיט זיך, וועל איך דיר אים ווייזן... ער שרייבט, אַז וואָס עס זאָל נישט געשען, וועט ער וועגן אונדז נישט פאַרגעסן... און איך גלייב אים, ווייל זיין אייגענע טובה פאַרלאַנגט פון אים אַזוי צו טון. דער קורפירשט קימערט זיך וועגן דער רעפּובליק אַזוי פיל, ווי איך וועגן אַן אַלטן פערוק און ער וואָלט זי גערן די שוועדן אַוועקגעשענקט, אַבי ער זאָל קענען פּרייסן פאַרכאַפּן; אָבער די שוועדישע מאַכט הייבט אים אָן צו באַדריקן, דערפאַר וואָלט ער אויף להכעיס גערן געוואָלט האָבן אַ גרייטן פאַרבונדעטן, און ער וועט אים האָבן, אויב דו וועסט אויפן ליטווישן טראָן זיך זעצן.

— הלוואי זאָל עס אַזוי זיין!... נישט פאַר מיינעטוועגן ווייל איך דעמדאָזיקן טראָן!

— גאַנץ ליטע וועט אפשר אין אָנהייב זיך נישט איינגעבן אַרויסצוקריגן, אָבער לפּחות אַ גוטן חלק, מיט ווייסרוסלאַנד און זשאַמעט.

— און די שוועדן?

— די שוועדן וועלן אויך גערן וועלן מיט אונדז פון מזרח זיך אָפּצוימען.

— דיינע ווערטער זעען ווי אַ באַלזאַם...

— אַ באַלזאַם! אַהאַ!... עפּעס אַ שוואַרץ=קינסטלער האָט אין טוראָגי מיר געוואָלט פאַרקויפן אַ באַלזאַם, וועגן וועלכן ער האָט געזאָגט, אַז ווער עס שמירט זיך מיט אים אויס, אויף דעם

האָבן אַ שווערט און אַ שפּיז קיין שליטה נישט. כ'האָב אים באַלד געהייסן אויסשמירן און אַ טראַבאַנט אים שטעכן מיט אַ שפּיז, שטעל דיר פאָר... זי האָט אים דורכגעשטאָכן דורך און דורך!...

דאָ האָט פּירשט באַגוסלאַוו גענומען לאַכן, ווייזנדיק דער־ביי זיינע, ווי העלפאַנט־ביין, ווייסע ציין. אָבער יאַנוש האָט דער־דאָזיקער שמועס נישט געשמעקט און ער האָט דעריבער ווידער גענומען רעדן וועגן כלל־זאַכן.

— כ'האָב אַרויסגעשיקט בריוו צום שוועדישן קעניג און צו נאָך אַ סך אַנדערע גדולים אונדזערע — האָט ער געזאָגט — איך דו האָסט אוודאי באַקומען אַ בריוו דורך קמיטשיצן.

— וואַרט נאָר צו! דאָס בין איך דאָך שוין נישט טאַקע צוליב דעם אַהערגעקומען. וואָס טראַכסטו וועגן קמיטשיצן?

— דאָס איז אַ הייס־קאָפּ, אַ משוגענער און אַ געפערלעכער מענטש, וואָס קען קיין שום צוים נישט סובל זיין, אָבער דאָס איז איינער פון די זעלטענע מענטשן, וואָס דינען אונדז בלב־ונפש.

— אוודאי — האָט באַגוסלאַוו אָפּגעענטפערט — מיך האָט ער אפילו שוין נישט אין די הימלישע מלוכה משלח געווען.

— וואָס הייסט — האָט יאַנוש אומרויק געפרעגט.

— מ'זאָגט, ברודער, אַז עס איז גענוג אין דיר נאָר די גאַל אָנצורירן, אַז דו זאָלסט זיך באַלד אָנהייבן צו שטיקן. זאָג־זשע מיר צו, אַז דו וועסט אַלץ אויסהערן געדולדיק און רויק, און איך וועל דיר עפּעס דערציילן וועגן דיין קמיטשיץ, פון וואָס דו וועסט אים בעסער דערקענען, ווי דו האָסט אים ביז איצט געקענט.

— גוט! כ'וועל זיין געדולדיק, נאָר טרעט צו צו דער זאַך.

— מיט נסים האָב איך זיך פון די הענט פון דאָזיקן שטן־המשחית אַרויסגעקריגן — האָט פּירשט באַגוסלאַוו געזאָגט.

און ער האָט גענומען דערציילן וועגן אַלץ, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן אין פּילווישקי.

נישט קיין קלענערער נס איז געווען דאָס, וואָס דער פּרישט יאַנוש האָט קיין אַסטמע־אַנפֿאַל נישט באַקומען. דערפֿאַר אָבער האָט מען געקענט מיינען, אַז אַן אַ פּאָפּלעקסיע וועט אים דער־הרגענען. ער האָט אײַנגאַנצן זיך געטרייסלט, געקריצט מיט די ציין, מיט די פֿינגער די אויגן פֿאַרשטאָפּט און צום סוף גענומען שרייען מיט אַ הייזעריקער שטים:

— אַזוי?... גוט!... ער האָט אָבער פֿאַרגעסן, אַז זיין געליבטע איז אין מיינע הענט...

— באַרויק דיך, געדענק אין גאָט! און הער ווייטער! — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט — איך האָב זיך מיט אים אָפּגערעכנט אויף אַ ריטערלעכן אופֿן און אויב איך וועל דאָסדאָזיקע פֿאַרלויפּעניש אין טאָג־בוך נישט פֿאַרשרייבן און זיך אויך מיט אים נישט רימען, איז עס נישט דערפֿאַר, וואָס עס איז מיר אַ בושה, וואָס איך האָב זיך פֿון דעמדאָזיקן פּויערן־יינג געלאָזט אַריינגנאַרן אין זאַק אַריין, ווי אַ קינד, איך, וועגן וועלכן מאַזאַרין האָט גע־זאָגט, אַז אין אינטריגעס און דורכגעטריבנקייט איז צו מיר קיין גלייכן נישטאָ אין גאַנצן פֿראַנצויזישן הויף. אָבער גענוג וועגן דעם.. איך האָב לכתּחילה געמיינט, אַז איך האָב דעמדאָזיקן קמיטשיץ דיינעם דערהרגעט. דערווייל האָב איך איצט אַ באַווייז אין דער האַנט, אַז ער איז ניצול געוואָרן.

— שאַדט נישט! מיר וועלן אים געפֿינען! מיר וועלן אים אויסגראָבן! מיר וועלן אים אַרויסבאַקומען אפילו פֿון אונטער דער ערד!... און דערווייל וועל איך אים געבן אַ קלאַפּ, וואָס וועט אים מער וויי טון, ווי ווען איך וואָלט פֿון אים לעבעדיקערהייט געהייסן די הויט אַראָפּשינדן.

— קיין שום קלאַפּ וועסטו אים נישט געבן, דו וועסט נאָר דיין אייגענעם געזונט שאַדן ברענגען. הער! פֿאָרנדיק אַהער האָב איך באַמערקט עפּעס אַ פּויער אויף אַ געפֿלעקטן פֿערד, וועלכער האָט זיך כסדר געהאַלטן נישט ווייט פֿון מיין קאָטש. איך האָב אים באַמערקט טאַקע דערפֿאַר, ווייל דאָס פֿערד איז געווען געפֿלעקט און איך האָב אים לסוף געהייסן רופֿן. ווהין פֿאָרסטו? — קיין קיידאַני. — וואָס פֿירסטו? — אַ בריוו צום פּירשט וואָיעוואָ־

דע. — כ'האָב זיך געהייסן דעמדאָזיקן בריוו אָפּגעבן, און אַזוי ווי קיין סודות זענען צווישן אונדז נישטאָ, האָב איך אים איבערגעלייענט... אָט האָסטו אים!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער דעם פּירשט יאַנוש דערלאַנגט קמיטשיצס בריוו, וואָס איז געשריבן געוואָרן פון וואַלד אין מאָמענט, ווען ער האָט זיך מיט די קעמפּליטשעס געלאָזט אין וועג אַרײַן.

דער פּירשט איז איבער אים אַדורכגעלאָפן מיט די אויגן, צעקנייטשנדיק אים פון רציחה און צום סוף האָט ער גענומען שרײַען:

— אמת! בײַ גאָט, אמת! ער האָט מײַנע בריוו, און דאָרט זענען פאַראַן זאַכן, וועלכע קענען בײַם שוועדישן קעניג אַרויסרופן נישט בלויז אַ חשד, נאָר אויך אַ פאַרביסענע שנאה...

דאָ האָט אים אַ שלו,ערץ אָנגעכאַפּט און דער דערוואַרטעטער אָנפאַל איז געקומען. דאָס מויל האָט זיך אים ברייט אויפגעמאַכט און גיך געכאַפּט די לופט, די הענט האָבן געריסן די קליידער בײַם האַלדז; זעענדיק דאָס האָט פּירשט באָגוסלאַוו אַ פּאַטש-געטאָן אין די הענט און ווען די דינער זענען געקומען געלויפן, האָט ער געזאָגט:

— ראַטעוועט דעם הער פּירשט און אַז ער וועט האָבן דעם אָטעם צוריקבאַקומען, בעט אים, אַז ער זאָל קומען אין מײַן חדר, איך וועל דערווײַל זיך אַביסל אָפּרוען.

און ער איז אַרויסגעגאַנגען.

מיט צוויי שעה שפּעטער האָט יאַנוש מיט אויגן פאַרלאָפענע מיט בלוט, מיט אַראָפּהענגענדיקע אויגן-לידערס און אַ בלויען פּנים אָנגעקלאַפּט אין באָגוסלאַווס חדר. באָגוסלאַוו האָט אים אויפגענומען ליגנדיק אין בעט, מיט אַ פּנים אויסגעשמירט מיט מאַנדל-מילך, וואָס האָט געזאָלט דער הויט צוגעבן ווייכקייט און גלאַנץ. אָן פּערוק אויפן קאָפּ, אָן שמינקע אויפן פּנים און מיט נישט געפאַרבטע ברעמען, האָט ער אויסגעזען אַ סך עלטער, ווי אין פולן פוץ, אָבער דער פּירשט יאַנוש האָט דאָס נישט באַמערקט.

— איך האָב פֿונדעסטוועגן אײַנגעזען — האָט ער געזאָגט — אַז קמיטשיק קען די דאָזיקע בריוו נישט פֿאַרעפֿנטלעכן, ווען ער וואָלט דאָס געטאָן, וואָלט ער שוין דערמיט אַליין דעם דאָזיקן מיידל דעם טויט אָנגעצייכנט. ער האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, אַז נאָר אויף אַזאַ אופֿן האָט ער מיך אין דער האַנט, אָבער אויך איך קען קיין נקמה נישט נעמען און דאָס בייסט מיך, גלייך ווי איך וואָלט אַ צערייצטן הונט אין דער ברוסט געטראָגן.

— די דאָזיקע בריוו וועט מען אָבער אומבאַדינגט מוזן צוריקבאַקומען! — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט.

— אָבער ווי אַזוי?

— דו מוזסט אויף אים אָנשיקן עפּעס אַ געשיקטן מענטש; זאָל ער פֿאָרן, זאָל ער מיט אים אַ פֿרײַנטשאַפֿט אָנקניפּן און בײַ אַ שעת־הכּושר די בריוו צוכאַפּן און אים אַליין מיט אַ מעסער דערשטעכן. מ'דאַרף אַ גרויסע באַלוינונג...

— ווער וועט דאָ זיך דאָס אונטערנעמען?

— ווען דאָס זאָל אַזוי זיין אין פּאַריז, אָדער אַפֿילו אין דייטשלאַנד, וואָלט איך דיר אין איין טאָג געפֿונען הונדערט בעלנים, אָבער אין דעם לאַנד פֿעלט אַפֿילו אַזאַ סחורה אויך...

— און מ'דאַרף האָבן אַן אייגענעם מענטש, ווייל פֿאַר אַן אויסלענדער וועט ער זיך היטן.

— אויב אַזוי לאָז דאָס מיר איבער, איך וועל אפֿשר אין פּרייסן עמעצן אויסגעפֿינען.

— ע' ווע מ'קען אים אַזוי כאַפּן לעבעדיקערהייט און מיר אין די הענט אַרײַן איבערגעבן! איך וואָלט אים באַצאָלט פֿאַר אַלץ מיט איינמאָל. איך זאָג דיר, אַז די חוצפּה פֿון דאָזיקן מענטש האָט איבערגעשטיגן יעדע מאָס. איך האָב אים דערפֿאַר אַרויסגעשיקט, ווייל ער איז מיט מיר אַליין זיך גראָב באַגאַנגען, ווייל ער איז מיר, צוליב אַ ליאַדע נאַרישקייט, ווי אַ קאַץ אין די אויגן אַרײַנגעשפּרונגען, ווייל ער האָט מיר דאָ אין אַלץ זיין רצון אָנגעוואָרפֿן... אפֿשר הונדערט מאָל האָב איך שוין געהאַט אויף

דער שפּיץ צינג דעם באַפעל, אַז מ'זאָל אים דערשיסן... אָבער כ'האָב נישט געקענט, כ'האָב נישט געקענט...

— זאָג מיר, צי איז ער טאַקע אונדזער אַ קרובֿ?...

— ער איז טאַקע אַ קרובֿ פֿון די קישעקס און דורך די קישעקס אויך אונדזער.

— דעם אמת געזאָגט, איז דאָס אַן אמתער טייוול... און אַ געפּערלעכער קעגנער מיטן פֿולן מויל!

— ער? האָסט אים געקענט הייסן קיין קאָנסטאַנטינאָפּל פֿאָרן און דעם סולטאַן פֿון טראָן אַראָפּשלעפּן, אָדער דעם שוועדישן קעניג די באָרד אַראָפּרייסן און זי קיין קיידאַני ברענגען! וואָס ער האָט דאָ אַלץ בשעת דער מלחמה אָפּגעטון!

— ער זעט טאַקע אַזוי אויס! און ער האָט צוגעזאָגט אין אונדז זיך נוקם צו זיין ביז צום לעצטן אָטעם-צוג. צום גליק האָב איך אים אָנגעלערנט, אַז מיט אונדז איז נישט אַזאַ לייכטע מערכה. זיי מודה, אַז איך בין זיך מיט אים ווי אַ ראַדזיוויל באַגאַנגען און ווען עפּעס אַ פּראָנצויזישער ריטער וואָלט זיך געקענט מיט אַזאַ אויפֿטו רימען, וואָלט ער וועגן אים גוזמאות אָנדערציילט גאַנצע טעג, אַ חוץ אין די שעהן פֿון שלאָפֿן, מיטאָגעסן און קושן; ווייל זיי, אַז זיי קומען זיך צוזאַמען, האַקן זיי שקרים איינער אויפֿן אַנדערן אַזוי, אַז די זון באַגראָבט זיך אַזש פֿאַר חרפּה...

— זמ״ז, אַז דו האָסט אים מקיים-פּסק געווען, איך וואָלט אַ-ער צופֿרידענער געווען, ווען דאָס זאָל נישט האָבן געטראָפֿן.

— און איך וואָלט צופֿרידענער געווען, ווען דו וואָלסט זיך אויסגעקליבן בעסערע מקורבים, וואָס זאָלן האָבן מער דרך-ארץ פֿאַר די ביינער פֿון אַ ראַדזיוויל.

— דידאַזיקע בריוו! דידאַזיקע בריוו!...

די ברידער זענען אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן, דערנאָך האָט באָגוסלאַוו דער ערשטער זיך אָנגערופֿן:

— וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מיידל?

— בילעוויטש.

— איך פֿרעג נישט וועגן איר נאָמען, נאָר צי זי איז אַ שיינע?

— איך קוק נישט אויף אַזעלכע זאַכן, צו בין איך דאָס אַזוי זיכער, אַז די פּוילישע קעניגין וואָלט זיך מיט אַזאַ שיין פּנים אויך נישט געדאַרפֿט שעמען.

— די פּוילישע קעניגין? מאַריאַ לודוויקאַ? פֿאַר די צייטן פֿון סען־מאַרס איז זי אפֿשר שיין געווען, אָבער איצט הייסן די הינט אויף איר אַנבליק. אויב דיין ביל וויטש איז אויך אַזאַ יפֿת־תּואַר, קענסטו זי דיר האַלטן... אָבער אויב זי איז באמת אַ רייצנדיקע, טאָ גיב זי מיר מיט קיין טויראָגי, און איך וועל שוין דאָרט איבערנעמען מיט איר אַ נקמה איבער קמיטשיצן צו טראַכטן.

יאַנוש האָט זיך אויף אַ ווייל פֿאַרטראַכט.

— כ'וועל זי דיר נישט געבן — האָט ער צום סוף געזאָגט — ווייל דו וועסט זי מיט כּוח מאַנס זיין, און דעמאָלט וועט קמיטשיק די בריוו פֿאַרעפֿנטלעכן.

— איך וועל בנוצן געוואַלט קעגן איין מיידל אייערס?... איך וויל מיך נישט רימען, אָבער איך האָב שוין מיט וויכטיקערע געהאַט צו טון, און האָב קיין איינע נישט מאַנס געווען... איינמאָל נאָר, אָבער דאָס איז געווען אין פֿלאַנדריע... אַ נאַר איז זי געווען... די טאָכטער פֿון אַ גאָלדשמיד... עס זענען דערנאָך שפּאַנישע פּוסגייער אָנגעקומען און עס איז געגאַנגען אויף זייער חשבון.

— דו קענסט דאָסדאָזיקע מיידל נישט... פֿון אַ מיוחסדיקן הויז, די ניעת אַליין, ווי אַ באָבע ממש.

— עס זענען מיר אויך נאָענט נישט פֿרעמד...

— און דערביי האָט זי אונדז פֿיינט, ווייל דאָס איז אַן אשת־חיל, אַ פּאַטריאָטקע... זי האָט דאָס קמיטשיצן אויף איר זייט אַריבערגעצויגן... נישטאָ אַ סך אַזעלכע צווישן אונדזערע פֿרויען... שכל האָט זי ממש ווי אַ מאַנסביל... און איז יאַן קאַזשימיעזשס הייסעסטע אָנהענגערין.

— וועלן מיר אים די צאָל פֿון זיינע פּאַרטיידיקער פֿאַרגרעסערן...

— ס'קען נישט זיין, ווייל קמיטשיק וועט די בריוו פֿאַרעפֿנטלעכן... כ'מוז זי היטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ... ביז אַ צייט.

דערנאָך וועל איך זי דיר אָפּגעבן, אַז־ער גאָר דײַנע דראָגנער, ס׳איז מיר נישט קיין נפֿקא מינה!

— איך גיב דיר אַ ריטערלעך וואָרט, אַז איך וועל זי נישט מיט געוואַלט מאַכן זײַן, און אַ וואָרט וואָס איך גיב פֿרייוואַט, האַלט איך שטענדיק. אין פּאָליטיק איז עפּעס אַנדערש... עס וואָלט מיר גאָר געווען אַ בושה, אַז איך זאָל מיט גוטן נישט קענען פּועלן.

— וועסט נישט פּועלן.

— וועט זי מיר אין ערגסטן פֿאַל דערלאַנגען אין פּיסק, און פֿון אַ מיידל איז דאָס נישט קיין אומכּבֿוד... די גייסט קיין פּאַלעסיע. וואָס וועסטו מיט איר מאַכן? מיט זיך וועסטו זי נישט מיטנעמען. דאָ וועסטו זי נישט איבערלאָזן, דאָ וועלן קומען די שוועדן, און ס׳איז נויטיק, אַז דאָס מיידל זאָל אַלס ערבֿות שטענדיק בלײַבן אין אונדזערע הענט... איז נישט בעסער, אַז איך זאָל זי קיין טוראָגי מיטנעמען. און צו קמיטשיצן וועל איך שיקן נישט קיין מערדער, נאָר אַ שליח מיט אַ בריוו, אין וועלכן כ׳וועל שרײַבן: גיב אָפּ די בריוו, וועל איך דיר אָפּגעבן דאָס מיידל.

— ריכטיק! — האָט פֿירשט יאַנוש געזאָגט — דאָס איז אַ גוטער אײַנפֿאַל.

— און אויב — האָט באָגוסלאַוו ווײַטער געזאָגט — איך וועל זי אים אָפּגעבן נישט אינגאַנצן אַזאַ, ווי איך האָב זי גענומען, וועט דאָס אויך זײַן אַן אָנהייב פֿון דער נקמה.

— אָבער דו האָסט געגעבן אַ וואָרט, אַז דו וועסט קיין געוואַלט נישט באַנוצן?

— כ׳האָב געגעבן און איך חזר איבער נאָכאַמאָל, אַז עס וואָלט מיר געווען אַ בושה...

— אויב אַזוי מוזסטו אויך נעמען איר פֿעטער, דעם ראָסיענער שווערט־טרעגער, וואָס האַלט זיך דאָ אויף מיט איר.

— כ׳וויל נישט. דער שליאַכטשיץ טראָגט אוודאי, ווי דער מנהג איז בײַ אײַך, שטרוי־ווישן אין די שטיוול, און איך קען דאָס נישט סובֿל זײַן.

— די אַליין וועט נישט וועלן פֿאָרן.

— דאָס וועלן מיר נאָך זען. פֿאַרבעט זיי היינט אויף אַן אָוונט-מאָל, כּדי איך זאָל זי אָנקוקן און איינזען, צי דער בעל-דבר וועט די מי ווערט זיין, און איך וועל דערווייל באַקלערן די תּחבולות פֿאַר איר. אָבער געדענק אין גאָט און דערצייל איר גאָרנישט, וואָס קמיטשיך האָט געטון, ווייל דאָס וואָלט אים אין אירע אויגן געהויבן און פֿאַרשטאַרקט איר פֿריינשאַפֿט צו אים. און בײַם אָוונט-מאָל זאָלסטו מיך נישט צופּשפּאַרן אין קיין שום זאַך, וואָס איך זאָל נישט זאָגן, זאָלסטו הערן און שווייגן. דו וועסט זען מיינע תּחבולות און דיינע אייגענע יונגע יאָרן וועלן זיך דיר דערמאָנען.

פֿירשט יאַנוש האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען, און פֿירשט באָגוסלאַוו האָט פֿאַרלייגט בײַדע הענט אונטערן קאָפּ און גענומען קלערן וועגן תּחבולות.

8. קאַפּיטל

צום אָוונט־מאָל זענען אַ חוץ דעם ראָסיענער שווערט־טרע־ גער מיט אַלענקאַ פֿאַרבעטן געוואָרן אויך די חשובֿערע קיידאַ־ נער אָפֿיצירן און פֿירשט באָגוסלאַווס אַ פּאָר הויף־לייט. ער אַליין איז געקומען אַזוי אויסגעפּוצט און פּראַכטפֿול, אַז ער האָט די אויגן אויפֿגעריסן. זיין פּערוק איז געווען געקרייזלט אין קונציקע און כוואַליעדיקע לאָקן; דאָס פּנים האָט מיט דער צאַרטקייט פֿון דער הויט־קאָליר דערמאָנט מילך און רויזן; די וואָנסעלעך האָבן אויסגעזען ווי זיידענע פֿעדעם און די אויגן ווי שטערן. אָנגעטאָן איז ער געווען שוואַרץ, אין אַ קאַפֿטאַן צונויפֿגענייט פֿון צייכע־ נע און סאַמעטענע שטרייפֿן, און די אויפֿגעשניטענע אַרבל זענען געווען צוגעקלעפּט אין דער לענג פֿון דער האַנט. אַרום דעם האַלדז האָט ער געהאַט אַן אויסגעלייגטן ברייטן קראַגן פֿון די ווונדערבאַרסטע בראַבאַנטער שפּיצן, וואָס זייער ווערט האָט גאָר קיין שיעור נישט געהאַט, און צועלכע מאַנקעטן באַ די הענט. אַ גילדערנע קייט האָט אַראָפּגעהאָנגען אויף דער ברוסט, און דורכן רעכטן אָרעם, אין דער לענג פֿון גאַנצן קאַפֿטאַן, אַ ש ביז צו

דער לינקער היפט, האָט זיך געצויגן אַ הענגער פון דער שווערט
געמאַכט פון האָלענדישן לעדער, אָבער באַזעצט מיט אַזוי פיל
דימענטן, אַז ער האָט אויסגעזען ווי אַ בלענדנדיקער ליכט-פּאַס.
אויך דאָס הענטל פון דער שווערט האָט געפינקלט פון דימענטן,
און אין די שלייפלעך פון זיינע שיך האָבן געלויכטן די צוויי
גרעסטע דימענטן, אַזוי גרויס, ווי די האָזל-ניס. די גאַנצע גע-
שטאַלט האָט אויסגעזען הערלעך, איידל און שיין.

אין איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ שפּיצן-טיכל, מיט דער
צווייטער האַנט האָט ער אונטערגעהאַלטן דעם מיט פּריזירטע
שוואַרצע, אומגעהייער לאַנגע שטרויס-פעדערן באַפּוצטן קאַפּעלוש,
וואָס האָט לויט דער דאַמאָלסטיקער מאָדע אַראָפּגעהאַנגען אויפן
הענטל פון דער שווערט.

אַלע, ניט אויסנעמענדיק דעם פירשט יאַנוש, האָבן אויף
אים געקוקט מיט באַוווּנדערונג און פאַרערונג. דעם פירשט וואָ-
יעוואָדע זענען געקומען אין זכרון די יונגע יאָרן, ווען ער האָט
אויך אין פּראָווינצישן הויף אַלע געשטעלט אין שאָטן מיט זיין
שיינער געשטאַלט און עשירות. די דאָזיקע יאָרן זענען שוין גע-
ווען ווייט, אָבער איצט האָט זיך דעם העטמאַן אויסגעדוכט, אַז
ער איז מגולגל געוואָרן אין דאָזיקן גלענצנדיקן ריטער, וועלכער
האָט געטראָגן דעם זעלבן נאָמען.

פירשט יאַנוש איז דעריבער געווען אויפגעהייטערט און
פאַרבייגייענדיק האָט ער מיטן אָנווייז-פינגער אָנגערירט די ברוסט
פון ברודער.

— עס שלאָגט פון דיר אַ שיין, ווי פון דער לבנה —
האָט ער געזאָגט — האָסטו זיך ניט אַמאָל צוליב דער בילע-
וויטש אַזוי אויסגעפּוצט?

— דער לבנה איז אומעטום לייכט אַריינצודרינגען — האָט
באָגוסלאַוו גדלותדיק געענטפערט.

און ער האָט ווייטער גענומען רעדן מיט גאַנצהאָפן, בײַ
וועלכן ער האָט זיך אפשר בכיוון אַוועקגעשטעלט, כדי מ'זאָל אים
בולטער זען, ווייל גאַנצהאָף איז געווען אַן אויסערליש מיאו-
סער מאַנסביל; דאָס פּנים זיינס איז געווען טונקל און געשטופּלט

פון פּאַזן, די נאָז קרום און די וואָנסעס פאַריסן אין דער הייך. ער האָט אויסגעזען ווי אַ גייסט פון פינסטערניש, און באַגוסלאַוו לעבן אים ווי אַ גייסט פון ליכט.

און אָט זענען אַריינגעקומען די דאַמען: מאַדאַם קאָרף און אַלענקאַ. באַגוסלאַוו האָט אויף איר אַ וואָרף-געטון אַ שאַרפן בליק און פאַרנייגנדיק זיך אין דער גיך פאַר מאַדאַם קאָרף האָט ער שוין געוואָלט צוליגן די פינגער צום מויל, כדי דעם פרייַלין בילעוויטש, לויט דער ריטערלעכער מאָדע איבערצושיקן אַ לופט-קוש, דערזעענדיק אָבער איר עלעגאַנטע, דערביי אויך שטאָלצע און ווירדיקע געשטאַלט, האָט ער די אותו-רגע געביטן די טאַקטיק. אין די רעכטע האַנט האָט ער דעם קאַפּעלוש אַ כאַפּ געטון און צורוקנדיק זיך צום פרייַלין האָט ער זיך אַזוי נידעריק פאַרנייגט, אַז ער האָט זיך כמעט אין צווייען איינגעבויגן, די לאָקן פון פּערוק זענען אים אַראָפּגעפאַלן אויף ביידע זייטן פון די אַקסלען, די שווערט איז געבליבן הענגען אין דער בריט און ער איז אַזוי געשטאַנען, באַוועגנדיק בכיוון מיטן קאַפּעלוש און אויסקערנדיק מיט די פעדערן דעם פוס-באָדן פאַר אַלענקאַן צום צייכן פון אַכטונג. קיין מער הויפישע פאַרנייגונג האָט ער נישט געקענט אָפּגעבן אַפילו דער פראַנצויזישער קעניגין. פרייַלין בילעוויטש, וועלכע האָט געוווּסט וועגן זיין אָנקומען, האָט זיך באַלד אַ געשטויסן, ווער עס שטייט פאַר איר און אָנכאַפּנדיק מיט די שפּיץ-פינגער פאַרן קלייד, האָט זי אים אויך אַ טיפן קניקס אָפּגעגעבן.

אַלע זענען נתפּעל געוואָרן פון ביידנס שיינע געשטאַלטן און געשליפנקייט פון די מאַניערן, וואָס איז קענטיק געווען ביים באַגריסן-זיך און וועלכע איז אין קיידאַני נישט זייער שכיח געווען, ווייל די פירשטין יאַנוש איז אַלס וואָלאַכאָרין געווען מער איינגעליבט אין מזרחדיקן פּראַכט, ווי אין הויפישע מאַניערן; און דאָס פרייַלין-פירשטין איז נאָך געווען אַ קליין מיידל.

מיטאַמאָל האָט באַגוסלאַוו אויפגעהויבן דעם קאָפּ, די לאָקן פון פּערוק אויף די פּלייצעס אַראָפּגעטרייסלט און ריטשנדיק שטאַרק מיט די פיס האָט ער זיך גלייך צוגעשאַרט צו אַלענקאַן;

איבייגעם דערמיט האָט ער דעם פּאַזש דעם קאַפּעליוש אַ וואָרף געטאָן, און איר האָט ער דערלאַנגט די האַנט.

— איך גלייב די אויגן נישט... און נישט אַנדערש נאָר איך זע אין חלום דאָס, וואָס איך זע — האָט ער געזאָגט, פירנדיק זי צום טיש — אָבער זאָג מיר, שיינע געטין, מיט וואָס פאַר אַ נס האָסטו פון אַ ימפּ קיין קיידאַני אַראָפּגענידערט?

— הגם איך בין אַ פּשוטע שליאַכטשאַנקע און נישט קיין געטין — האָט אָלענקאַ געענטפערט — בין איך אָבער פאָרט נישט אַזוי פּראָסט, אַז איך זאָל אייערע ווערטער, גנעדיקער הער פירשט, אָננעמען פאַר עפּעס אַנדערש, ווי פאַר אַ העפלעכקייט.

— ווען איך וואָלט אפילו וועלן זיין דער העפלעכסטער מענטש, וועט דיר אויך דער שפּיגל זאָגן מער פון מיר.

— ער וועט זאָגן נישט מער, נאָר אמתדיקער — האָט זי געענטפערט און לויט דער דאַמאָלסדיקער מאָדע די ליפּן צונויפגעצויגן.

— ווען אין דערדאָזיקער שטוב וואָלט כאָטש איין שפּיגל געווען, וואָלט איך דיך באַלד צו אים צוגעפירט... דערווייל שפּיגל דיך אָן אין מיינע אויגן און דו וועסט זען, צי זיי זענען נישט אויף אַן אמת אַנטציקט!

דאָ האָט באָגוסלאַוו אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ און פאַר אָלענקאַן האָבן אויפגעבליצט זיינע אויגן, גרויסע און שוואַרצע ווי סאַמעט, און זיסע, דורכדרינגלעכע און צוגלייך ברענענדיקע. אונטער דער השפּעה פון זייער פלאַמיקייט, האָט זיך דאָס פּנים פון מיידל באַצויגן מיט פּורפּור-רויטקייט, זי האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן-לידערס און זיך אַ ביסל אַוועקגערוקט, ווייל זי האָט דערשפּירט, אַז באָגוסלאַוו האָט מיטן עלנבויגן איר האַנט לייכט צו זיין זייט צוגערוקט.

אַזוי זענען זיי צום טיש צוגעקומען. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר און ס'איז קענטיק געווען, אַז איר שיינקייט האָט אויף אַן אמת געמאַכט אויף אים אַן אומגעוויינטלעכן רושם. ער האָט זיך אוודאי געריכט צו טרעפן אַ שליאַכטשאַנקע, אַ היך-

געוואַקסענע ווי אַן אינדיין, אַ לאַכעדיקע און אַ קוויטשעדיקע ווי אַ סאַיקע און אַ רויטע ווי אַ מאָן-בלום. דערווייל האָט ער געפונען אַ שטאָלץ מיידל, וואָס אין אירע שוואַרצע ברעמען האָט מען געזען אַן אומגעבויגענעם רצון, אין די אויגן שכל און ווירדע, אין גאַנצן פּנים אַ קלאָרע קינדישע רויִקייט, און דערביי איז זי אין דער גאַנצער פיגור געווען אַזוי עלעגאַנט, אַזוי מלא-חן און רייצנדיק, אַז אין יעדן קעניגלעכן הויף וואָלט זי געקענט ווערן דער ציל פון אַ טיפער פאַרערונג און פון דער ליבשאַפט מצד די חשובסטע ריטער אין לאַנד.

איר אומבאַשרייבלעכער חן האָט געוועקט באַוווּנדערונג און ליידנשאַפטן, אָבער ס'איז אין אים גלייכצייטיק געווען עפּעס אַ מאַיעסטעטיש, וואָס האָט אַ זוים אויף זיי אַרויפגעלייגט, אַזוי אַז באַגיסלאַוו האָט אומגערנוויליק געטראַכט: „כ'האָב צו פרי צוגעדריקט איר האַנט... מיט אַזאַ איינער דאַרף מען זיך אומגיין העפלעך, און נישט גראָב!“

און דאָך האָט ער באַשלאָסן איינצונעמען איר האַרץ און ער האָט געפילט אַ ווילדע פרייד אויפן געדאַנק, אַז עס וועט קומען אַ מאָמענט, ווען דידאָזיקע מיידלשע מאַיעסטעט און דידאָזיקע כּשרע שיינקייט וועט זיין אָנגעוויזן אויף זיין חסד און אומחסד. קמיטשיצס בייז. פ.ים האָט זיך געשטעלט אין וועג פון די דאָזיקע חלומות. בער פאַרן עזותדיקן יונגנמאַן איז דאָס געווען גאָר אַן איבעריקער רייץ. אונטער דער השפּעה פון דידאָזיקע געפילן האָט ער זיך איגנאַבצן צ ש ראַלט, דאָס בלוט האָט גענומען אין אים שפּילן, ווי אין אַ מזרחדיקן פערד, אַלע זיינע אינעווייניקסטע כּוחות זיינען אומגעוויינטלעך באַלעבט געוואָרן און פון זיין גאַנצער פיגור האָט געשלאָגן אַ שיין ווי פון זיינע דימענטן.

דער שמועס בײַם טיש איז געוואָרן אַן אַלגעמיינער, און גיכער איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַלגעמיינעם כאָר פון תהלות-ותשבחות פאַר באַגוסלאַוון, וועלכע דער גלענצנדיקער ריטער האָט אויסגעהערט מיט אַ שמייכל, אָבער נישט מיט קיין באַזונדערס גרויסער צופרידנקייט, גלייך ווי דאָס וואָלט פאַר אים

געווען אַ געוויינטלעכע און טאָג־טעגלעכע זאַך. מ'האָט קודם כּל גערעדט וועגן זיינע מיליטערישע אַ־יפּטויען און דועלן. די בע־מען פון די באַזיגטע פירשטן, מאַרקגראַפן, באַראָנען האָבן זיך געשאָטן ווי פון אַרבל. ער אַליין האָט פון צייט צו צייט מיט אַ ביטול־טאָן נאָך אײנעם מוסיף געווען. די צוהערער האָבן זיך געחידושט, פירשט יאַנוש האָט זיינע לאַנגע וואָנסעס געגלעט מיט צופרידנקייט, צום סוף האָט גאַנצהאָף זיך אָנגערופן:

— ווען אפילו דאָס פאַרמעגן און יחוס וואָלטן נישט גע־ווען קיין מניעה, וואָלט איך אויך נישט וועלן דעם גנעדיקן הער פירשט אין וועג אַריין גיין און ס'איז מיר נאָר אַ חידוש, וואָס עס געפינען זיך נאָך אַזעלכע דרייסטע מענטשן.

— וואָס ווילט איר, הער גאַנצהאָף — האָט דער פירשט געזאָגט — פאַראַן מענטשן מיט אַן אייזערנעם פּרצוף און אַ חיהשן בליק, וואָס זייער מראה אַליין וואַרפט אַן אַ פּחד, אָבער מיך האָט גאָט דערמיט נישט מזכה געווען... פאַר מיין אָנבליק וועט זיך אפילו אַ מיידל נישט דערשרעקן.

— פּונקט ווי אַ שמעטערלינג האָט נישט קיין מורא פאַר אַ פלאַם — האָט מאַדאַם קאָרף זיך אָנגערופן און דערביי גע־מאַכט חנדלעך און זיסע העוויות — ביז ער ווערט אין אים נישט פאַרברענט...

באָגוסלאַוו האָט זיך צעלאַכט, און מאַדאַם קאָרף האָט ווייטער געזאָגט, נישט אויפהערנדיק צו מאַכן די זיסע חנדלען:

— די הערן זענען געווען מער אָן די דועלן, און מיר פרויען וואָלטן גערן עפּעס געהערט וועגן די ליבעס פון גנעדיקן הער פירשט, וואָס די ידיעות וועגן זיי זענען אויך צו אונדז דער־גאַנגען.

— נישט ריכטיקע, גנעדיקע מאַדאַם, נישט ריכטיקע... אַלץ איז אויפן וועג אויסגעטראַכט... מ'האָט מיר געשדכנט, דאָס איז אמת... די פראַנצויזישע קעניגן איז געווען אַזוי גנעדיק...

— מיט דער פּרינצעסין דע ראָהאַן — האָט יאַנוש זיך אַריינגעמישט.

— מיט אַ צווייטער, דע לאַ פאָרס — האָט באַגוסלאַוו צו־
געגעבן — אָבער אַזוי ווי אַפילו דער קעניג אַליין קען אויפן האַרץ
נישט גוזר זיין, אַז עס זאָל ליבן, און קיין עשירות דאַרפן מיר,
גאָט צו דאַנקען, אין פראַנקרייך נישט זוכן, דערפאַר האָט פון
דאָזיקן מאָל קיין ברויט נישט געקענט ווערן... פיינע מיידלעך
זענען דאָס געווען, דעם אמת געזאָגט, און שיינע. אַז איר קענט
זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, אָבער בײַ אונדז זענען דאָך פאַרהאַן
נאָך שענערע... און כ'וואָלט נישט געדאַרפט פון דערדאָזיקער
שטוב אַרויסגיין, כדי אַזעלכע צו געפינען...

דאָ האָט ער געוואָרפן אַ לאַנגן בליק אויף אַלענקאָן,
וועלכע האָט, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז זי הערט נישט, גענו־
מען עפּעס רעדן צום ראָסיענער שווערט־טרעגער, און מאַדאַם
קאָרף האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט:

— עס פעלן בײַ אונדז אויך נישט קיין שיינע מיידלעך,
עס זענען נאָר נישטאָ אַזעלכע, וואָס זאָלן צום גנעדיקן הער
פירשט זיך קענען גלייכן מיטן פאַרמעגן און יחוס.

— די גנעדיקע מאַדאַם וועט מיר דערלויבן דאָס אָפּ־
שפּאַרן — האָט באַגוסלאַוו לעבהאַפט אָפּגעענטפערט — ווייל
קודם כל מיין איך גאָרנישט, אַז אַ פּוילישע שליאַכטשאַנקע זאָל
זיין עפּעס מינדערווערטיקער פון די ראָהאַנס אָדער פּאַרטעס,
צווייטנס האָט דאָך שוין נישט איינמאָל געטראָפן, אַז אַ ראַדזיוויל
האָט חתונה געהאַט מיט אַ שליאַכטשאַנקע, און וועגן אַזעלכע
פאַלן דערציילט אונדז די געשיכטע זייער אַ סך. איך פאַרזיכער
די גנעדיקע מאַדאַם, אַז די שליאַכטשאַנקע, וואָס וועט ווערן אַ
ראַדזיווילאָווע, וועט אַפילו אין פראַנצויזישן הויף נישט בלייבן הינ־
טערשטעליק הינטער יענע פירשטלעכע טעכטער.

— אַ מענטשלעכער שררה!... — האָט דער ראָסיענער
שווערט־טרעגער אַלענקאָן אַ שעפּטשע געטון.

— אַזוי האָב איך דאָס שטענדיק פאַרשטאַנען — האָט באַ־
גוסלאַוו ווייטער געזאָגט — הגם נישט איינמאָל איז מיר אַ בושה
פאַר דער פּוילישער שליאַכטע, ווען איך פאַרגלייך זי מיט דער
אויסלענדישער, ווייל קיינמאָל וואָלט זיך דאָרט נישט פאַרלאָפּ

דאָס, וואָס האָט זיך דאָ פאַרלאָפן, אַז אַלע האָבן דעם אייגענעם האַר פאַרלאָזט. יאָ, זיי זענען אפילו גרייט אויף זיין לעבן צו לויערן. אַ פראַנצויזישער שליאַכטשיץ וועט די ערגסטע זאַך אָפּטון, אָבער זיין האַר וועט ער נישט פאַראַטן...

די ביזגעוועזענע האָבן גענומען אַנקוקן זיך און דעם פירשט מיט פאַרוואונדערונג. פירשט יאַנושעס פּנים האָט זיך גערונצלט און זיין בליק איז געוואָרן צאָרניק און אַלענקאַ האָט אירע בלויע אויגן מיט אַן אויסדריק פון אַנטציקונג און דאַנקבאַרקייט אין באָגוסלאַווס פּנים איינגעגראָבן.

— זייט מוחל, גנעדיקער האַר פירשט — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו יאַנושן, וועלכער איז נאָך אַלץ נישט געקומען צו זיך — כ'ווייס, אַז דו האָסט אַנדערש נישט געקענט טון, אַז נאָך ליטע וואָלט אונטערגעגאַנגען, ווען דו וואָלסט מיין עצה געוועזן פאָלגן; אָבער שעצנדיק דיך אַלס עלטערן און ליבנדיק דיך ווי אַ ברודער, וועל איך פונדעסטוועגן נישט אויפהערן זיך וועגן יאַן קאַזשימיעזשן מיט דיר צו אַמפּערן. מיר זענען צווישן זיך, איך זאָג דעריבער, וואָס איך טראַכט: ער איז אַ גוטער האַר, אַ גנעדיקער, אַ פרומער, און מיר איז ער טאָפּלט טייער! דאָס האָב איך דאָך דער ערשטער פון די פּאָליאַקן אים באַגלייט, ווען מ'האָט אים פון דער פראַנצויזישער תפיסה אַרויסגעלאָזט. אַ קינד בין איך נאָך כמעט דאַמאָלס געווען, אָבער טאַקע דערפאַר וועל איך דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן און כ'וואָלט גערן מיין בלוט אָפּגעגעבן, כּדי אים על-כּל-פּנים צו באַשיצן פאַר די, וואָס אינטריגירן קעגן זיין הייליקער פּערזאָן.

הגם יאַנוש האָט שוין פאַרשטאַנען באָגוסלאַווס שפּיל, איז עס אים אָבער אויסגעקומען צו דרייסט און צו ריזיקאַליש פאַר אַזאַ נישטיקן ציל; נישט פאַרהוילנדיק זיין אומצופרידנקייט, האָט ער דעריבער געזאָגט:

— באַ גאָט! וועגן וועלכע פּלענער קעגן לעבן פון אונדזער עקס-קעניג רעדסטו דאָס, גנעדיקער הער פירשט? ווער מאַכט זיי? ווו האָט זיך דאָס געקענט געפינען אַזאַ מנוול אין פּוילישן

פאָלק?... זייט די וועלט שטייט האָט אין דער רעפובליק אַזאַ זאַך נישט געטראָפן!

באַגוסלאַוו האָט דעם קאָפּ צעראָפּגעלאָזט.

— נישט לענגער ווי מיט אַ חודש צוריק — האָט ער געזאָגט מיט אַ צער אין דער שטים — ווען כ'בין פון פּאָלנכיע קיין פּרייסן, קיין טויראַגי געפאָרן, איז צו מיר געקומען אַ שליאַכטשיץ... פון אַ פיינעם הויז... יענער שליאַכטשיץ, וועלכער האָט מסתמא נישט געקענט מיינע אמתע געפילן פאַר אַדזוער גנעדיקן האַר, האָט געמיינט, אַז כ'בין אים אַ שונא, פּונקט ווי אַנדערע. און אָט האָט ער פאַר אַ באַדייטנדיקער באַלוינונג מיר צוגעזאָגט צו פאָרן קיין שלעזיע, יאַן קאַזשימיעזשן צו פאַרכאַפּן און אַ לעבעדיקן אָדער אַ טויטן אים די שוועדן איבערצוענטפערן...

אַלע זענען פון גרויל פאַרשטומט געוואָרן.

— און ווען איך האָב מיט כעס און עקל אַזאַ פאָרשלאַג אָפּגעוואָרפן — האָט באַגוסלאַוו געענדיקט — האָט יענער פאַרשוין מיטן ...פּערנעם שטערן מיר געזאָגט: „כ'וועל פאָרן צו ראַדזשעיאָווסקין. ער וועט קויפן און מיר פון פּונט מיט גאָלד באַצאָלן"...

— כ'בין דעם עקס-קעניג קיין פריינד נישט — האָט יאַנוש געזאָגט — אָבער ווען ער וואָלט מיר אַזאַ פאָרשלאַג געמאַכט, וואָלט איך אים אָן משפט געהייסן בײַ אַ מויער אַוועקשטעלן און זעקס שיסער אַקעגן אים.

— אין דער ערשטער רגע האָב איך אויך געוואָלט אַזוי טון — האָט באַגוסלאַוו געענטפערט — אָבער דער שמועס איז פאָרגעקומען אונטער פיר אויגן און מען וואָלט אויפגעהויבן אַ געשריי וועגן דער אכזריות און הפקרות פון די ראַדזיווילס! כ'האָב אים גאָר אָנגעסטראַשעט, אַז סיי ראַדזשעיאָווסקי און סיי דער שוועדישער קעניג, יאָ, כמעלניצקי אַליין אפילו, וואָלטן אים אוודאי דערפאַר מיט טויט באַשטראָפט; הקיצור, כ'האָב יענעם פאַרברעכער דערפירט דערצו, אַז ער האָט זיך פון זיין פּלאַן אָפּגעזאָגט.

— מ'האָט אים פונדעסטוועגן קיין לעבעדיקן נישט געדאַרפט אָפּלאָזן, ווייל וואָס קען שוין זיין פאַר אים אַ קלענערע שטראָף, ווי אַ תליה! — האָט קאַרפּ אויסגערופן.

באָגוסלאַוו האָט זיך מיטאַמאָל געווענדט צו יאַנושן:

— איך האָף טאַקע, אַז די שטראָף וועט אים נישט מיידן און דער ערשטער לייג איך פאָר, אַז ער זאָל מיט אַ געוויינטלעכן טויט נישט אומקומען, און נאָר דער גנעדיקער הער פירשט קען אים באַשטראָפן, ווייל דאָס איז דיין הויף־מאַן און דיין פּאָלקאָווניק...

— באַ גאָט! מיין הויף־מאַן?... מיין פּאָלקאָווניק? ווער איז דאָס?!... ווער?... זאָג, גנעדיקער פירשט!

— ער הייסט קמיטשיץ! — האָט באָגוסלאַוו געענטפערט.

— קמיטשיץ?!... — האָבן אַלע פאַרבליפט איבערגעחזרט.

— דאָס איז נישט אמת! — האָט פריילין בילעוויטש מיטאַמאָל אַ געשריי געטון, אויפשטעלנדיק זיך פון דער שטול מיט צעפינקלטע אויגן און זיך שטאַרק הייבנדיקער ברוסט.

אַ טיפע שטילקייט האָט אַ ווײַלע אָנגעהאַלטן. אַ טייל זענען נאָך נישט געקומען צו זיך נאָך באָגוסלאַווס שרעקלעכע מעשה, די איבעריקע זענען געווען פאַרחידושט פון דער העזה פון דאָזיקן מיידל, וועלכע האָט זיך דערוועגט דעם יונגן פירשט שקר אין די אויגן פאַרצוואַרפן; דער ראָסיענער שווערט־טרעגער האָט גענומען מורמלען: „אַלענקאַ! אַלענקאַ!" — און באָגוסלאַוו האָט דאָס פנים אין צער איינגעהילט און געזאָגט אַן גרימצאָרן:

— אויב דאָס איז אייער קרוב אָדער חתן, האָב איך עגמת־נפש, וואָס איך האָב די דאָזיקע נייעס דערציילט, אָבער וואַרפט אים אַרויס פון האַרצן, ווייל ער איז אייך נישט ווערט, פריילין...

זי איז אַ ווײַלע נאָך געשטאַנען אַ ווייס יקדיקע, אַ צעפלאַמ־

טע און אַ פאַרבליפּטע; אָבער ביסלעכווייז האָט איר פּנים זיך אָפּגעקילט, ביז עס איז געוואָרן קאַלט און בלייך; זי האָט זיך ווידער אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול און געזאָגט:

— זייט מוחל, גנעדיקער הער פּירשט... איך בין נישט געריכט געווען... אויף דעם מענטש קען מען אַלץ גלייבן...

— זאָל מיך גאָט שטראָפן, אויב איך פיל עפּעס אַנדערש, אַ חוץ מיטלייד — האָט פּירשט באַגוסלאַוו מילד געענטפערט.

— דאָס איז געווען אַ חתן פון דאָזיקן פרײלין — האָט פּירשט יאַנוש געזאָגט — און איך האָב זיי אַליין געשדכנט. ער איז געווען אַ יונגער מענטש, אַ הייס־קאָפּ, האָט אַ סך אָנגעזינדיקט... כ׳האָב אים מציל געווען פון געזעץ, ווייל ער איז אַ גוטער זעלנער. כ׳האָב געוווסט, אַז ער איז געווען און וועט זיין אַן אומרויִקער מענטש... אָבער אַז אַ שליאַכטשיץ זאָל מסוגל זיין צו אַזאַ נבלה, דאָס האָב איך זיך אפילו פון אים נישט געריכט.

— דאָס איז געווען אַ שלעכטער מענטש, כ׳האָב עס שוין לאַנג געוווסט — האָט גאַנצהאָף געזאָגט.

— און דו האָסט מיך נישט מתרה געווען? פאַרוואָס — האָט יאַנוש געפרעגט מיטן טאָן פון אַ פאַרוווּרף.

— ווייל כ׳האָב מורא געהאַט, אַז דער גנעדיקער הער פּירשט וועט מיך חושד זיין אין קנאה, ווייל ער איז תמיד געווען קודמער פאַר מיר.

— ס׳איז אַן אימה צו רעדן און צו הערן וועגן דעם — האָט קאָרף געזאָגט.

— גנעדיקע הערן — האָט באָגוסלאַוו אויסגערופן — לאָמיר וועגן דעם מער נישט רעדן! אויב אייך איז שווער דאָס צו הערן, אַ פּשיטא־שוין דעם פרײלין בילעוויטש.

— דער גנעדיקער הער פּירשט וועט באַווייליקן אויף מיר נישט צו קוקן — האָט אָלענקאַ געזאָגט — כ׳קען שוין אַלץ אויסהערן.

אָבער דאָס אָוונט־מאָל האָט שוין אויך געהאַלטן באַם סוף;

מ׳האָט דערלאַנגט וואַסער צו וואַשן די הענט און דערנאָך איז פירשט יאַנוש דער ערשטער אויפגעשטאַנען און דערלאַנגט די האַנט דער מאַדאַם קאַרף, און פירשט באַגוסלאַוו אַלענקאַן

— דעם בוגד האָט שוין גאָט באַשטראָפט — האָט ער צו איר געזאָגט — ווייל ווער עס האָט דיך אָנגעווירן, האָט דעם הימל פאַרגעווירן... עס זיינען נאָך קיין צוויי שעה נישט אַריבער, ווי איך האָב דיך דערזען, רייצנדיק מיידל, און כ׳וואָלט געגרן וועלן דיך אייביק זען, נישט אין צער און אין טרערן, נאָר אין תענוגים און אין גליק.

— איך דאַנק דעם גנעדיקן הער פירשט — האָט אַלענקאַ געענטפערט

נאָכדעם, ווי די דאַמען זענען זיך צעגאַנגען, זענען די מענער נאָך צוריקגעקומען פאַרברענגען בײַ משקה, וואָס האָט זיך געגאָסן בשפע. פירשט באָגוסלאַוו האָט געטרונקען אָן אַ שיעור, ווייל ער איז געווען צופרידן פון זיך. פירשט יאַנוש האָט געשמועסט מיטן ראַסיענער שווערט-טרעגער.

— איך פאַר מאָרגן אַרויס מיטן חייל קיין פּאָלעסיע — האָט ער אים געזאָגט — קיין קיידאַני וועט קומען אַ שוועדישער גאַרניזאָן. גאָט ווייסט, ווען איך וועל צוריקקערן... איר קענט דאָ נישט בלייבן מיטן מיידל, ווייל צווישן זעלנער איז אויך פאַר איר נישט פּאַסיק. איר וועט ביידע פאָרן מיטן פירשט באָגוסלאַוו קיין טויראָגע, וווּ דאָס מיידל קען צווישן די הויף-דאַמען פון מיין ווייב אַן אָרט געפינען.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט דער ראַסיענער שווערט-טרעגער געענטפערט — גאָט האָט אונדז מכּה געווען מיט אַן אייגענער היים. צו וואָס זאָלן מיר אין פרעמדע מדינות פאָרן. ס׳איז אַ גרויסער חסד פון גנעדיקן הער פירשט, וואָס ער געדענקט וועגן אונדז... אָבער נישט ווילנדיק נהנה זיין פון אומפאַרדינטע חסדים, וואָלט אונדז מער ניחא געווען אונטער דעם אייגענעם דאַך צוריקצוקערן.

דער פירשט האָט נישט געקענט דעם שווערט-טרעגער

גויפקלערן אַלע טעמים, צוליב וועלכע ער האָט פאַר קיין שום פרייז נישט געוואָלט אָלעבקאַן פון די הענט אַרויסלאָזן, אָבער אַ טייל פון זיי האָט ער געזאָגט מיט דער גאַנצער האַרטער אָפּנ־האַרציקייט פון אַ מאַגנאַט.

— אויב איר ווילט דאָס אָננעמען פאַר אַ חסד, איז אַוודאי גוט... אָבער איך וועל אייך זאָגן, אַז דאָס איז אויך אַ פּאָרזיכ־טיקייט. איר וועט מיר דאָרט דינען פאַר אַ משכון; איר וועט מיר דאָרט ערב זיין פאַר אַלע בילעוויטשס, וועגן וועלכע איך ווייס גאַנץ גוט, אַז זיי געהערן נישט צו מיינע פריינט און זענען גרייט אָנצוגרעדן זשאַמוצט צו אַ מרידה, ווען איך וועל אַוועקגיין... גיט־זשע זיי די עצה, אַז זיי זאָלן דאָ זיצן רויק און קענען די שוועדן נישט אַרויסטרעטן, ווייל דיין קאָפּ און דער קאָפּ פון דיין ברודערן־טאָכטער וועלן דערפאַר ערב זיין.

דעם שווערט־טרעגער האָט ער אָפּגים אויסגעפּעלט כוח־הסבלנות, ווייל ער האָט האַסטיק אָפּגעענטפערט:

— אומזיסט וועט זיין דאָס פאַררופן זיך אויף מיינע רעכט אַלס שליאַכטשיץ. תקיף זענט איר, גנעדיקער הער פירשט, און מיר איז אַלץ איינס, ווי איך זאָל זיצן אין תפיסה; ס'איז מיר אפילו מער ניחא דאָרט, איידער דאָ!

— געגוג! — האָט דער פירשט מיט רוגזה געזאָגט.

— גענוג איז גענוג! — האָט דער שווערט־טרעגער אָפּ־געענטפערט — מיט גאָטס הילף וועט צו די געוואַלטאַטן אַמאָל קומען אַן עק און דאָס געזעץ וועט ווידער באַקומען אַ שליטה. קורץ גערעדט, זאָל מיך דער גנעדיקער הער פירשט נישט סטראַשן, ווייל כ'האָב קיין מורא נישט!

באָגוסלאַוו האָט ווייזט אויס באַמערקט די בליצן פון כעס, וואָס האָבן געשפּילט אויף יאַנושס פּנים, ער איז דעריבער גיך צוגעגאַנגען.

— וועגן וואָס גייט עס? — האָט ער געפרעגט, שטעלנדיק זיך צווישן די שמועסנדיקע.

— כ'האָב דעם הער העטמאַן געזאָגט — האָט דער שווערט־

טרעגער אַ צערײַצטער געענטפערט — אַז ס'איז מיר ליבער די תּפֿיסה אין טוריאַגי, אײדער אין קײדאַני.

— אין טוריאַגי איז נישטאָ קײן תּפֿיסה, עס איז נאָר דאָ מײַן הויף, אין װעלכן איר װעט זײַן װי בײַ זיך אינדערהײם. כ׳ װײס, אַז דער העטמאַן װיל אײַך זען אַן ערובֿניק, איך זע נאָר אַן אָנגעלײגטן גאַסט.

— איך דאַנק דעם גנעדיקן הער פֿירשט — האָט דער שװערט־טרעגער געענטפערט.

— דאַס דאַנק איך אײַך, גנעדיקער הער. לאָמיר אָנקלאַפּן און אױסטרינקען צוזאַמען, װײַל מ׳זאָגט, אַז די פֿרײַנטשאַפֿט דאַרף מען תּיכּף אונטערגיסן, כּדי זי זאָל אין שורש נישט פֿאַרװעלקט װערן.

בײַ דידאָזיקע װערטער האָט באָגוסלאַװ דעם הער שװערט־טרעגער צום טיש צוגעפֿירט און זײ האָבן גענומען אָנקלאַפּן מיט די בעכערס און טרינקען אײן כּוס נאָכן אַנדערן.

מיט אַ שעה שפּעטער איז דער שװערט־טרעגער מיט אַ ביסל װאַקלדיקע טריט צוריקגעגאַנגען אין זײַן שטוב, איבער־חורנדיק אינדערשטיל:

— אַ מענטשלעכער שררה! אַ פֿײַנער שררה! אַן ערלע־כערן װעט מען מיט ליכט נישט געפֿינען... גאָלד! רײן גאָלד... כ׳װאָלט גערן פֿאַר אים מײַן בלוט פֿאַרגאָסן.

דערװײַל זענען די ברידער געבליבן אַלײן. זײ האָבן בע־האַלט נאָך װאָס צו רעדן צװישן זיך, און דערצו זענען אױך עפּעס בריװ אָנגעקומען און זײ האָבן געשיקט אַ פּאַוש, אַז ער זאָל זײ ברענגען פֿון גאַנצהאָזן.

— עס פֿאַרשטײט זיך — האָט יאַנוש געזאָגט — נישטאָ קײן װאָרט אמת אין דעם, װאָס דו האָסט דערצײלט װעגן קמי־טשיצן?

— פֿאַרשטײט זיך... דו װײסט אַלײן גאַנץ גוט. אָבער װאָס? זײ מודה! איז מאַזאַרין נישט גערעכט געװען? מיט אײן קלאַפּ זיך שרעקלעך נוקם זײַן אין אַ שונא און מאַכן אַן אײנ־

ברוך אין דערדאָזיקער רייצנדיקער פּעסטונג... וואָס? ווער וועט דאָס אויפטון? דאָס הייסט אַן אינטריגע, וואָס דער ערשטער הויף אין דער וועלט דאַרף זיך מיט איר נישט שעמען! און אַ פּערל איז דאָס דידאָזיקע בילעוויטש, און באַחנט, און הערלעך איז דאָסדאָזיקע מלכותדיקע מיידל, ווי פון פירשטלעכן בלוט. כ'האָב געמיינט, אַז כ'וועל פון דער הויט אַרויסשפּרינגען!

— געדענק, אַז דו האָסט געגעבן אַ וואָרט... געדענק אַז דו וועסט אונדז אומברענגען, אויב יענער וועט די בריוו פאַרשפּעטיקן.

— אירע ברעמען! איר מלכותדיקער בליק, אַז דו באַקומסט אַזש דרך-ארץ... פון וואַנען נעמט זיך דאָס אין אַזאַ מיידל אַזאַ שיינער נישט קעניגלעכע מאַיעסטעט?... כ'האָב אַמאָל אין אַנטווערפּן געזען דיאַנאַן, מייסטערהאַפט אויף אַ גאָבעלין אויסגעהאַפט, ווי זי רייצט אָן הינט אויף דעם נייגעריקן אַקטעאָן... אות-באות זי!

— גיב אַכטונג, אַז קמיטשיץ זאָל די בריוו נישט פאַרשפּעטיקן, ווייל דאַמאָלס וואָלטן די הינט אונדז צום טויט צעביסן.

— נישט אמת! דאָס וועל איך קמיטשיצן אין אַקטעאָנען פאַרוואַנדלען און אויף אים אָנרייצן הינט, וואָס וועלן אים צום טויט צעבייסן. אויף צוויי שלאַכט-פעלדער האָב איך אים שוין דעם קאָפּ צעהאַקט, און ס'וועט נאָך צווישן אונדז קומען צו אַ קאַמף.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן דאָס אַרייַנקומען פון פּאַזש מיט אַ בריוו.

דער ווילנער וואָיעוואָדע האָט גענומען דעם בריוו אין דער האַנט אַרײַן און איז איבערגעצלמט. ער פלעגט תמיד אַזוי טון, כדי זיך צו באַוואָרענען פון שלעכטע בשורות; דערנאָך האָט ער אָנשטאָט אויפצומאַכן, גענומען אים גוט באַקוקן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך פאַרענדערט אויפן פּנים.

— דער הערב פון די סאַפּיעהאַס אויף דער חתימה! —

האָט ער אויסגעשריגן — דאָס איז פון וויטעבסקער וואָיעוואָ־דע.

— עפּן גיכער! — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט.

דער העטמאַן האָט אויפגעמאַכט דעם בריוו און גענומען לייענען, איבערהאַקנדיק פון צייט צו צייט מיט אויסגע־שרייען:

— ער גייט קיין פּאָלעסיע!... ער פרעגט, צי איך האָב נישט עפּעס אויפצראַנן קיין טיקאָצשין!... ער מאַכט פון מיר חוזק!... נאָך ערגער, ווייל הער, וואָס ער שרייבט ווייטער:

„איר ווילט, גנעדיקער הער פירשט, אַ בירגער־מלחמה, איר ווילט נאָך איין שווערט אין דער מאַמעס לייב אַריינשטעכן? טאָ קומט קיין פּאָלעסיע, איך וואַרט אויף אייך און האָב בטחון אין גאָט, אַז ער וועט אייער חוצפה מיט מיינע הענט באַשטראָפן... אויב אָבער איר האָט רחמנות אויפן פאָטערלאַנד, אויב דאָס גע־וויסן האָט זיך אין אייך געוועקט, אויב איר האָט חרטה אויף די אַלטע מעשים און ווילט תשובה טון, האָט איר אַן אָפן פעלד פאַר זיך. אַנשטאָט אַ בירגער־מלחמה אָנצוהייבן, רופט צונויף דעם לאַנד־שטורעם, שטעלט די פייערן אויף די פיס און גרייפט אָן די שוועדן, כּל־זמן דער רוזקער פאָנטוס ריכט זיך אויף גאָרנישט און היט זיך נישט פאַר קיין שום זאַך. פון כאָוואַנסקין וועט איר קיין שטע־רונגען דערביי נישט האָבן, ווייל צו מיר דערגייען פון מאָסקווע קלאַנגען, אַז זיי אַליין טראַכטן דאָרט וועגן אַן עקספּעדיציע קיין ליפלאַנד, הגם זיי האַלטן דאָס בסוד. איבעריקנס, ווען כאָוואַנסקי זאָל וועלן עפּעס אונטערנעמען, וועל איך אים האַלטן אויף אַ צוים און אַבי איך זאָל נאָר בטוח זיין, אַז איר מיינט דאָס אויף אַן אמת, וועל איך אוודאי מיט אַלע כּוחות אייך העלפן דאָס פאָטער־לאַנד צו ראַטעווען. דאָס אַלץ איז אָפּהענגיק פון אייך, גנעדיקער הער פירשט, ווייל ס'איז נאָך צייט חוזר־בתשובה צו זיין און אויף די זינד מכפּר צו זיין. דאַמאָלס וועט זיך אַרויסווייזן בפועל, אַז נישט צוליב פּערזענלעכע פּניות, נאָר כּדי אָפּצוהיטן פון לי־טע די סכּנה פון אונטערגאַנג, האָט איר די שוועדישע אַפּוטרופּסות

אָנגעקומען. זאָל־זשע גאָט אייך אַרייַנגעבן שכל, ווען וואָס איך בעט אים טאָג־טעגלעך, הגם איר זענט מיך חושד אין קנאה־שנאה.

פּ. ס. כ'האָב געהערט, אַז די באַלאַגערונג פון ביעשטשיעזש איז אָראָפּגענומען און אַז פירשט מיכאַל חיל זיך מיט אונדז פאַרייניקן, ווי נאָר ער וועט די שאָדנס אויסבעסערן. קוקט, גנע־דיקער הער פירשט, ווי די איידעלע פון אייער משפחה פירן זיך אויף און פאַרקוקט זיך אויף זייער בייַשפּיל, און אין יעדן פאַל געדענקט, אַז איר האָט איצט די ברירה צו גיין אַ וועג אָדער אַהער".

— האָסט געהערט? — האָט פירשט יאַנוש געזאָגט נאָכדעם ווי ער האָט געענדיקט לייענען.

— כ'האָב געהערט... און וואָס? — האָט באָגוסלאַוו גע־ענטפערט, שאַרף קוקנדיק אויפן ברודער.

— מ'דאַרף פון אַלץ זיך אָפּזאָגן, אויף אַלץ מוותר זיין, פון אייגענעם ווערק מיט די אייגענע הענט אַ תל מאַכן...

— אין מיטן געכטיקן קאַרל גוסטאַוו אייַנרייסן, און דעם פאַרטריבענעם קאַזשימיעזש באַ די פיס אָנכאַפּן. אַז ער זאָל באַוויליקן מוחל צו זיין און צו דער דינסט צוריק אָננעמען... און אויך דעם הער סאַפּיעהאַ בעטן, אַז ער זאָל זיין אַ מליץ־יושר...

יאַנושס פּנים איז געוועזן אָנגעלאָפן מיט בלוט.

— דו באַמערקסט, ווי ער שרייבט צו מיר: „טו תשובה און איך וועל דיר מוחל זיין", — ווי פון אויבער־האַר צו אַ נידעריקערן דינער!

— אַנדערש וואָלט ער געשריבן, ווען זעקס טויזנט שווערטן וואָלטן אים איבערן קאַרק געהאָנגען.

— אָבער... — דאָ האָט פירשט יאַנוש זיך טריב פאַר־טראַכט.

— אָבער וואָס?

— פאַרן פאָטערלאַנד וואָלט עס אפשר געווען אַ ישועה צו טון אַזוי, ווי סאַפּיעהאַ עצהט?

— און פאַר דיר? פאַר מיר? פאַר די ראַדזיוווילס...

יאַנוש האָט גאַרנישט געענטפערט, האָט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף די צונויפגעלייגטע פויסטן און געטראַכט.

— זאָל־זשע זיין אַזוי! — האָט ער צום סוף געזאָגט — זאָל געשען...

— וואָס האָסטו באַשלאָסן?

— מאָרגן מאַרשיר איך קיין פּאָלעסיע, און אין אַ וואָך אַרום גרייף איך אָן סאַפּיעהאַן.

— דו ביסט אַ ראַדזיוויל — האָט באָגוסלאַוו געזאָגט.

און זיי האָבן זיך דערלאַנגט די הענט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז באָגוסלאַוו אַוועק אָפּרוען זיך. יאַנוש איז געבליבן אַליין. איינמאָל און אַ צווייט מאָל איז ער מיט שווערע טריט דורכגעגאַנגען די שטוב, צום סוף האָט ער אַ פּאַטש געטון אין די הענט.

דער פּאַזש־קאַמערדינער איז אַריין אין שטוב.

— זאָל דער אַסטראָלאָג אין אַ שעה אַרום קומען צו מיר מיט אַ פּעכטיקער פיגור — האָט ער געזאָגט.

דער פּאַזש איז אַרויסגעגאַנגען, און דער פירשט האָט ווידער גענומען שפּאַנען און זאָגן זיינע קאַלווינער תּפֿילות. דערנאָך האָט ער שטילערהייט גענומען זינגען אַ פּסאַלם, מאַכנדיק אָפּט הפסקות, ווייל ס'האָט אים געפעלט אָטעם, און אַרויסקוקנדיק פון צייט צו צייט דורכן פענסטער אויף די פינקלדיקע שטערן אויפן פירמאַמענט.

ביסלעכווייז האָבן זיך די ליכט געלאָשן אין שלאָס, אָבער אַ חוץ דעם אַסטראָלאָג און פירשט איז נאָך איין באַשעפעניש אויף־געווען אין זיין צימער, און דאָס איז געווען אָלענקאַ ביליעוויטש.

קניענדיק פאַר איר בעט, האָט זי ביידע הענט אויפן קאָפּ צונויפגעפלאָכטן און געשעפּטשעט מיט צוגעמאַכטע אויגן:

— דערבאַרעם דיך איבער אונדז... דערבאַרעם דיך אי־בער אונדז!

צום ערשטן מאָל זייט קמיטשיצס אַרויספאָרן האָט זי נישט געוואָלט, האָט זי נישט געקענט פאַר אים מתפּלל זיין.

9. קאַפּיטל.

הער קמיטשיץ האָט אמת געהאַט ראַדזיווילס בריוו צו אַלע שוועדישע קאַפּיטאַנען, קאָמענדאַנטן און גובערנאַטאָרן, אַז זיי זאָלן אים אומעטום געבן אַ פרייען דורכפאָר און קיין שטערונגען נישט מאַכן, אָבער ער האָט זיך נישט דערוועגט מיט זיי צו באַנוצן. ער האָט זיך געריכט, אַז פריער באָגוסלאַוו האָט באַלד פון פילווישקי אין אַלע זייטן אַרויסגעשיקט שליחים מיט אַ התראה צו די שוועדן וועגן דעם, וואָס איז געשען און מיט אַ באַפעל צו כאַפּן קמיטשיצן. דערפאַר טאַקע האָט הער אַנדזשעי זיך משנה־שם געווען און אפילו דעם שטאַנד געביטן. אויסמיידנדיק דעריבער לאָמזשע און אָסטראָלענקאַ, צו וועלכע די התראות האָבן פריער געקענט אָנקומען, האָט ער זיינע פערד צוזאַמען מיט דער קאָמפּאַניע געטריבן צו פּראַסניש־צו, פונוואַנען ער האָט דורך פולטוסק געוואָלט זיך דורכקריגן קיין וואַרשע.

איידער אָבער ער איז דערגאַנגען ביז פּראַסניש, האָט ער געמאַכט אַ קרייז בײַ דער פּרייסישער גרענעץ דורך וואָנסאָש, קאָלנאָ און מישיניעץ דערפאַר, ווייל די קעמליטעס, וועלכע האָבן

גוט געקענט די דאַרטיקע וועלדער, זענען געווען גוט באַקאַנט מיט די וואַלד־דורכגענג, און אַ חוץ דעם האָבן זיי געהאַט זייערע חברים צווישן די וואַלד־תושבים, פון וועלכע זיי האָבן זיך אין אַ נויט־פאַל געקענט ריכטן אויף הילף.

דאָס לאַגער בײַ דער פרייסישער גרענעץ איז שוין צום גרעסטן טייל געווען פאַרנומען דורך די שוועדן, וועלכע האָבן זיך איצט אָבער באַגנוגנט מיט פאַרנעמען די וויכטיקערע שטעט און כורא געהאַט זיך טיפער אַרײַנצולאָזן אין די דרעמלענדיקע און אין אַ שיעור טיפע וועלדער, וואָס זענען געווען באַווינט דורך אַ באַוואָפנטער און יאַגד־ליבנדיקער באַפעלקערונג, וועלכע האָט קיינמאָל פון די וועלדער נישט אַרויסגעשמעקט און איז נאָך געווען אַזוי ווילד, אַז ערשט מיט אַ יאָר צוריק האָט די קעניגין מאַריאַ לודוויקאַ געהייסן אויפשטעלן אַ קליינע קירך אין מישיניעץ און אַרײַנגעזעצט אין איר יעזויטן, וועלכע האָבן געדאַרפט די וואַלד־תושבים לערנען די אמונה און מענטשלעכע מידות.

— וואָס לענגער מיר וועלן נישט אָנטרעפן אויף קיין שוועדן — האָט דער אַלטער קעמליטש געזאָגט — אַלץ בעסער איז פאַר אונדז.

— מיר מוזן סוף כל סוף אויף זיי אָנטרעפן — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט.

— ווער עס טרעפט זיי אָן בײַ אַ גרעסערער שטאָט, דעם האָבן זיי אַפּט מורא צו טון אַן עוולה, ווײַל אין אַ שטאָט איז תמיד פאַרהאַן עפּעס אַ ממשלה און עפּעס אַן עלטערער קאָמענדאַנט, פאַר וועלכן מ'קען זיך קלאָגן. איך האָב שוין די מענטשן וועגן דעם חוקר־ודורש געווען און איך ווייס, אַז עס זענען פאַרהאַן באַפעלן פון שוועדישן קעניג, וואָס אסרן הפקרות און שינדערײַ. אָבער קלענערע אָפּטיילונגען, וואָס ווערן אַרויסגעשיקט ווײַט פון די אויגן פון קאָמענדאַנטן, קוקן גאָרנישט אויף די באַפעלן און באַרויבן די רויִקע מענטשן.

זיי זענען גכן געגאַנגען דורך די וועלדער, אין ערגעץ נישט אָנטרעפנדיק אויף קיין שוועדן, נעכטנדיק איבער דער סמאָלע־זי־

דערייען און וואַלד-ישובים. צווישן די וואַלד-תושבים, הגם קיינער פון זיי האָט ביז איצט די שוועדן נישט געזען, זענען אַרומגעגאַנגען די פאַרשידנסטע ידיעות וועגן אַ באַפעל אויפן לאַנד. מ'האָט געזאָגט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פאָלק פון יענער זייט ים, וואָס פאַרשטייט נישט דאָס מענטשלעכע לשון, גלויבט נישט אין קריסטוסן, אין די הייליקסטע בתולה און אויך נישט אין אַלע קדושים, און איז זייער להוט נאָך רויב. אַנדערע האָבן דערציילט וועגן דער אומגעווייטלעכער זשעדנעקייט פון די דאָזיקע שונאים נאָך בהמות, פעלן, ביס, האָניק און געטרוקנטע שוואָמען, און אַז אויב מען זאָגט זיי דאָס אָפּ, צינדן זיי אונטער די וועלדער. נאָך אַנדערע האָבן להיפך פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ פאָלק פון חיות בצורת אדם, וואָס עסן גערן מענטשלעך פלייש, און באַזונדערס פלייש פון מיידלעך.

אונטער דער השפעה פון די דאָזיקע אימהדיקע ידיעות, וועלכע זענען אין די ווייטסטע וואַלד-טיפענישן אַריינגעדרונגען, האָבן די וואַלד-תושבים זיך גענומען צונויפרעדן און צונויפרופן איבער די וועלדער די, וואָס האָבן אויסגעאַרבעט פּאָטאַש און סמאָלע, און די, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט קלויבן האָפּן, און די האָלץ-העקער און די פישער, וואָס האָבן אויסגעלייגט די נעצן איבער די באַוואַקסענע ברעגעס פון ראָסאָגאַ, און די פויגל-כאַפּער און די יעגער און בינען-שטעק-אייגנטימער און ביבער-יעגער, האָבן זיך איצט צונויפגעקליבן איבער די גרעסערע ישובים, אויסהערנדיק מעשיות דערציילנדיק זיך נייעס און באַראַטנדיק זיך ווי אַזוי דעם שונא צו פאַרטרייבן, אויב ער וועט זיך אין די וועלדער באַווייזן.

פאָרנדיק מיט זיין מחנה האָט קמיטשיק נישט איינמאָל באַגעגנט גרעסערע און קלענערע קופּעס פון דאָזיקן פאָלק, אָנגעטון אין פלאַקסענע העמדער און וועלפישע, פיקסענע אָדער בערישע פעלן. נישט איינמאָל האָט מען אים אויף די שטעג און דורכגענג אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ווער ביסטו? אפשר אַ שוועד?

— ניין! — האָט ער אַנדזשעי געענטפערט.

— זאָל דיך גאָט באַשיצן!

הער אַנדזשעי האָט זיך מיט נייגעריקייט צוגעקוקט צו די ראָזיקע מענטשן, וואָס האָבן תּמיד געלעבט אין די וואַלד-פּינס־טערנישן, און וואָס זייערע פּנימער האָט די אָפּגעדעקטע זון קיינמאָל נישט אָפּגעברענט; ער האָט באַוווּנדערט זייער וווּקס, די דרייסטקייט פון קוק, די אויפריכטיקייט פון לשון און דעם לגמרי נישט פּויערישן מוט.

די קעמפליטשעס, וועלכע האָבן זיי געקענט, האָבן פאַר־כערט דעם הער אַנדזשעי, אַז אין דער גאַנצער רעפּובליק זענען קיין בעסערע שיסער פון זיי נישטאָ. ער האָט טאַקע באַמערקט, אַז אַלע האָבן זיי געהאַט גוטע דייטשישע ביקסן, וועלכע זיי האָבן אין פּרייסן פאַר פעל אויסגעטוישט. ער האָט זיי אויך גע־הייסן באַווייזן זייער בריהשקייט אין שיס, און ער איז פון איר נתפּעל געוואָרן, און אין דאַרצן האָט ער זיך געטראַכט:

— ווען עס וואָלט מיר אויסגעקומען אַ פּאַרטיע צונויפצו־קלויבן, וואָלט איך געקומען אַהער.

אין מישיניעץ גופא האָט ער געטראָפן אַ גרויסע עדה. הע־כער הונדערט שיסער האָבן תּמיד געהאַלטן די וואַך באַ דער מיסיע, ווייל מ'האָט מורא געהאַט, אַז די שוועדן וועלן זיך קודם־כל דאָ באַווייזן, בפרט, אַז דער אָסטראָלעקער סטאַראָסטע האָט געהייסן אַ יסהאַקן אַ וועג אין די וועלדער, כּדי די גלחים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין דער מיסיע, זאָלן קענען האָבן „אַ צוטריט צו דער וועלט".

די האָפּן-קלויבער, וועלכע האָבן זייער סחורה צוגעשטעלט אַזש קיין פּראַסניש, די דאָרטיקע באַרימטע ביר-ברויערייען און דערפאַר געגאָלטן פאַר באַהאַוונטע מענטשן, האָבן דערציילט, אַז אין לאָמזשע, אין אָסטראָלענקאַ און פּראַסניש ווימלט פון שוועדן, וועלכע באַלעבאַטעווען שוין דאָרט אַזוי, ווי באַ זיך אין דער היים און נעמען אָפּגאָבן.

קמיטשיץ האָט גענומען אָנרעדן די וואַלד-תּושבים, אַז נישט וואַרטנדיק אויף די שוועדן אין די וועלדער, זאָלן זיי זיך אַ וואָרף טון אויף אָסטראָלענקאַ און אַ מלחמה אָנהייבן, און אַליין

האָט ער זיך צוגעבאָטן זיי צו פירן. זיי האָבן טאַקע אַרויסגעוויזן אַ גרויסן חשק אים צו פאָלגן, אָבער צוויי גלחים האָבן זיי אָפּגערעדט פון דאָרטיקן משוגענעם אויפטו, ראַטנדיק, אַז זיי זאָלן וואַרטן ביז דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיך רירן, כדי זיי זאָלן מיט אַ פריצייטיקן אַרויסטריט נישט אַרויסרופן קעגן זיך די שוידערלעכע נקמה פון שונא.

הער אַנדזשעי איז אַוועקגעפאָרן, אָבער ער האָט באַדויערט די פאַרלוירענע געלעגנהייט. די נחמה איז אים נאָר געבליבן, וואָס ער האָט זיך איבערצייגט, אַז קוים זאָל נאָר ערגעץ פולווער אויפרייסן, וועלן סיי דער רעפּובליק און סיי דעם קעניג נישט פעלן קיין פּאַרטיידיקער אין דידאָזיקע מקומות.

— אויב עס איז אַזוי אויך אַנדערשוווּ, וואָלט מען געקענט מאַכן אַן התחלה — האָט ער געטראַכט.

און זיין הייסע נאַטור האָט זיך געריסן צו אַ גיכער התחלה. אָבער דער שכל האָט געזאָגט: „די וואַלד-תושבים אַליין וועלן די שוועדן נישט בייקומען... וועסט דורכגיין אַ שטיק לאַנד, וועסט זיך אַרומזען, צוקוקן זיך, און דערנאָך וועסטו אויסהערן דעם קעניגלעכן באַפעל“.

ער איז בכן געפאָרן ווייטער. אַרויספאָרנדיק פון די טיפע וועלדער צו די וואַלד-גרענעצן, אין אַ געדיכט באַוווינטער געגנט, האָט ער אין אַלע דערפלעך דערזען אַן אומגעוויינטלעכע באַוועגונג. איבער די וועגן איז פול געווען מיט שליאַכטע, וואָס איז געפאָרן אויף וועגנס, קאַלאַמאַשקעס, קאָטשן אָדער רייטנדיק. זיי אַלע זענען געפאָרן אין די נאָענטסטע שטעט און שטעטלעך, כדי די שוועדישע קאָמענדאַנטן אָפּצוגעבן אַ שבועה אויף טריישאַפט צום נייעם האַר. מ׳האָט זיי בשכר זה אַרויסגעגעבן צייגנישן, וואָס האָבן געזאָלט דאָס לעבן און פאַרמעג באַשיצן. אין די הויפּט-שטעט פון די קרייזן און פּאָוויאַטן האָט מען פאַרעפנטלעכט „קאַפּיטולאַציעס“, וועלכע האָבן געזיכערט די פרייהייט פון גלויבן און די פּריווילעגיעס, וואָס עס האָט דער שטאַנד פון דער שליאַכטע.

די שליאַכטע איז געגאַנגען אָפּגעבן די שבועה נישט מיט

אַזאַ גרויסן חשק, דערפאַר אָבער מיט אַ גרויסן איילעניש, ווייל די ווידערשפּעניקע האָט געדראָט פאַרשידענע שטראָפן, און באַזונדערס קאָנפיסקאַציעס און גלות. מ'האָט געזאָגט, אַז דאָ און דאָרט האָבן די שוועדן, פּונקט ווי אין גרויס-פּוילן, גענומען אָנטאָן די פאַרדעכטיקע די שווידערלעכסטע עינויים. מ'האָט אויך מיט שרעק איבערגעחזרט, אַז אויך די רייכערע האָט מען בכּיוון געוואָרפן אַ חשד, כּדי זיי צו קענען באַרויבן.

צוליב דעם אַלעם איז געווען אַ סכּנה צו בלייבן אין דאָרף; די פאַרמעגלעכע האָבן דעריבער געאיילט אין די שטעט, כּדי צו זיצן אונטער דער דירעקטער השגחה פון די שוועדישע קאָמענדאַנטן און אויסצומיידן אַ חשד אין אינטריגעס קעגן שוועדישן קעניג.

הער אַנדזשעי האָט זיך גוט איינגעהערט אין דעם, וואָס די שלאַכטע האָט געטענהט. און הגם מ'האָט מיט אים, ווי מיט אַ שלאַכטשיץ אַ דלפן, נישט גערן געוואָלט שמועסן, איז ער דאָך דערגאַנגען, אַז אפילו די נאָענטסטע שכנים, באַקאַנטע, יאָ, אויך פריינט, רעדן נישט אויפריכטיק צווישן זיך וועגן די שוועדן און וועגן דער נייער ממשלה. מ'האָט אמת זיך הויך געקלאָגט אויף די „רעקוויזיציעס" און ס'איז טאַקע געווען אויף וואָס זיך צו באַקלאָגן, ווייל אין יעדן דאָרף, אין יעדן שטעטל זענען אָנגעקומען בריוו פון קאָמענדאַנטן מיט אַ באַפעל צוצושטעלן גרויסע סכומים תבואה, ברויט, זאַלץ, בהמות, געלט און אָפט האָבן די דאָזיקע באַפעלן איבערגעשטיגן די יכולת. בפרט, אַז נאָכדעם ווי מ'האָט איינמאָל אויסגעשעפּט די זאַפּאַסן, האָט מע געפאָדערט אַ צווייט מאָל; און ווער עס האָט נישט געצאָלט, דעם האָט מען צוגעשיקט אַן עקזעקוציע, וועלכע האָט גענומען דאָס דרייפאַכיקע.

אָבער די אַלטע צייטן זענען אַריבער! יעדער האָט זיך אָנגעשטרענגט וויפיל ער האָט געקענט, האָט זיך פון מויל אָפּגעשפּאָרט און געגעבן און געצאָלט, קלאָגנדיק און קרעכצנדיק און אין האַרצן טראַכטנדיק, אַז אַמאָל איז אַנדערש געווען. מ'האָט זיך אָבער געטרייסט, אַז ווען די מלחמה-צייטן וועלן

אריבערגיין, וועט מיט דידאָזיקע רעקוויזיציעס אַ סוף קומען. עס האָבן דאָס צוגעזאָגט אויך די שוועדן אַליין, טענהנדיק. אַז זאָ' נאָר דער קעניג פאַרנעמען דאָס גאַנצע לאַנד, וועט ער באַלד רעגירן, ווי אַ פאָטער.

די שליאַכטע, וועלכע האָט אָפּגעטרעטן פון אייגענעם מאָנאַרך און פאָטערלאַנד, וועלכע האָט פריִער, נאָך ערשט נישט לאַנג, דעם גוטן יאַן קאַזשימיעזש אָנגערופן טיראַן און אים חושד געווען, אַז ער שטרעבט צו אַן אַבסאָלוטער הערשאַפט; די שליאַכטע, וועלכע האָט זיך אין אַלץ אַקעגנגעשטעלט, פּראָטעסטירנדיק אויף די סיימיקס און סיימען, און אין דער גלוסטעניש נאָך נייעס און שנויים איז זי דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט כמעט אָן ווידערשטאַנד אָנערקענט דעם אָנפאַלער פאַר אַן איבער-האַר, כּדי צו האָבן עפּעס אַ שנוי — דידאָזיקע שליאַכטע האָט זיך איצט אַפילו געשעמט צו באַקלאָגן זיך. האָט דאָך קאַרל גוסטאַוו זיי אויסגעלייזט פון טיראַן, האָבן זיי דאָך געוויליק פאַרלאָזט דעם געזעצלעכן מאָנאַרך, האָבן זיי דאָך געהאַט יענע שנוי, וועלכע זיי האָבן אַזוי הייס באַגערט.

דערפאַר טאַקע האָבן אַפילו די נאָנטסטע נישט אויפריכטיק גערעדט צווישן זיך, וואָס זיי טראַכטן וועגן יענער שנוי, לאָזנדיק זיך גערן איינשמועסן, אַז אַי די איבערפאַלן, אַי די רעקוויזיציעס, אַי די רויבערייען און אַי די קאָנפיסקאַציעס זענען נאָר אַ צייטווייליקע, אָבער אַן על-כּ׳ חכדיקע לאַסט, וועלכע וועט באַלד פאַרשווינדן, ווי נאָר קאַרל גוסטאַוו וועט זיך אויפן פּוילישן טראָן באַפעסטיקן.

— שווער, הער ברודער, שווער — האָט פון צייט צו צייט אַ שליאַכטשיץ געזאָגט צו אַ שליאַכטשיץ — אָבער מיר דאַרפן פונדעסטוועגן צופרידן זיין פון נייעם האַר. דאָס איז אַ מעכטיקער מוש און אַ גרויסער מלחמה-מאַן; ער וועט די קאָזאַקן שטילמאַכן, דעם טערק באַרויִקן און די צפון-לייט פון די גרענעצן פאַרטרייבן, און מיר מיט די שוועדן וועלן בשותּפות בליִען.

— ווען אַפילו מיר וואָלטן נישט צופרידן געווען — האָ

אַ צווייטער געענטפערט — וואָס זאָל מען טון אַקעגן אַזאַ מאַכט? אַ פליג אויף אַן אָדלער וועט זיך נישט פאַרמעסטן...

אַמאָל פלעגט מען זיך אויך פאַררופן אויף די נאָר וואָס אָפּגעגעבענע שבועה. קמיטשיץ האָט זיך געקאָכט, הערנדיק אַזעלכע שטימען און פּשטלעך, און איינמאָל, ווען ער איז געווען דערביי, ווי אַ געוויסער שליאַכטשיץ האָט אין דער קרעטשמע געזאָגט, אַז מען מוז זיין טריי צו דעם, וועמען מ'האָט געשוואוירן, האָט הער אַנדזשעי אַ געשריי געטון און געזאָגט:

— איר מ'זט האָבן צוויי מיילער, איינס אויף אמת, און אַ צווייטס אויף פאַלשע שבועות, ווייל איר האָט דאָך אויך יאַן קאַזשימיעזשן געשוואוירן!

עס זענען דערביי געווען נאָך אַ סך אַנדערע שליאַכטשיצעס, ווייל דאָס האָט געטראָפן שוין נישט ווייט פון פראַסניש. דערהערנדיק קמיטשיצס ווערטער זענען זיי אַלע אויפגערודערט געוואָרן. אויף אַ טייל פנימער איז קענטיק געווען אַ באַוואונדערונג פאַר הער אַנדזשעיס דרייסטקייט, אַנדערע זענען רויט געוואָרן פון בושה, און צום סוף האָט זיך דער חשובסטער אָנגערופן:

— קיינער האָט דאָ די שבועה צום פריערדיקן קעניג נישט געבראָכן. ער האָט אונדז אַליין פון איר באַפרייט, ווען ער האָט עוקר געווען פון לאַנד און נישט געפינען פאַר נייטיק עס צו פאַרטיידיקן.

— אַז דערהרגעט זאָלט איר ווערן! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן — און דער קעניג לאָקעטעק — וויפיל מאָל האָט ער געמוזט פון לאַנד אַנטלויפן, און דאָך איז ער צוריקגעקומען, ווייל דאָס פאָלק איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן, מחמת די מענטשן האָבן נאָך פאַר גאָט מורא געהאַט? נישט יאַן קאַזשימיעזש איז אַנטלאָפן, נאָר די פאַרקויפטע נשמות זענען פון אים אַוועקגעלאָפן און אַצט שטעכן זיי אים, כדי די אייגענע זינד פאַר גאָט און פאַר לייטן צו פאַרדעקן!

— צופיל דערלויבסט איר זיך, יונגערמאַן. פון וואַנען זענט

איר דאָס, וואָס איר ווילט אונדז, היגע מענטשן, גאַסטפֿרײַנטלעכקייט לערנען? זעט, אַז די שוועדן זאָלן אײַך נישט דערהערן!

— אויב איר זענט נײַגעריק, וועל איך אײַך זאָגן, אַז איך בין פֿון קעניגלעכן פּרײַסן און געהער צום קורפֿירשט... אָבער פֿון סאַרמאַטישן בלוט אָפּשטאַמענדיק, בין איך פֿרײַנטלעך געניַיגט צום פּאָטערלאַנד און ס'איז מיר אַ חרפּה פֿאַר די פֿאַרהאַרטעוועטע הערצער פֿון דאָזיקן פֿאָלק.

דאָ האָט די שליאַכטע פֿאַרגעסן דעם כּעס, אים אַרומגעריגלט און גענומען נײַגעריק און האַסטיק אויספֿרעגן:

— איר זענט פֿון פּירשטלעכן פּרײַסן?... נו, דערציילט, וואָס איר ווייסט! וואָס איז דאָרט מיטן קורפֿירשט? ער טראַכט גאָרנישט אונדז אַרויסצוראַטעווען פֿון דער קלעם?

— פֿון וואָס פֿאַר אַ קלעם?... איר זענט דאָך צופֿרידן פֿון נײַעם האַר, רעדט־זשע ווידער נישט וועגן קלעם. אַזוי ווי איר האָט זיך אויסגעבעט, אַזוי שלאָפֿט.

— מיר זענען צופֿרידן, ווײַל מיר האָבן נישט קיין ברירה. דער חלף ליגט אונדז אויפֿן האַלדז. אָבער איר דערציילט אַזוי, ווי מיר וואָלטן געווען אומצופֿרידן.

— גיט אים עפּעס צו טרינקען, זאָל זיך אים די צונג אויפֿבינדן. האָט נישט קיין מורא, נישטאָ קיין בוגדים צווישן אונדז.

— אַלע זענט איר בוגדים! — האָט הער אַנדזשעי אַרויסגעפּלאַצט — און כ'וויל מיט אײַך נישט טרינקען! שוועדישע משרתים!

בײַ די דאָזיקע ווערטער איז ער אַרויס פֿון דער שטוב, אַ האַק־טועדיק מיט דער טיר, און זיי זענען געבליבן פֿאַרשעמטע און פֿאַרחידושטע; קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט צו דער שווערט, קיינער איז קמיטשיצן נישט נאָכגעלאָפֿן נקמה נעמען פֿאַרן בזיון.

און ער איז אַוועק קיין פּראַסניש. נישט ווײַט פֿון דער שטאָט האָט אים אַרומגענומען אַ שוועדישער פּאַטרול און געפֿירט צו דער קאָמאַנדע. נאָר זעקס רײַטער זענען געווען אין יענעם פּאַטרול

און דער וויצע-אָפּיציר איז געווען דער זיבעטער, סאַראַקאַ און די דריי קאַמליטשס האָבן דעריבער גענומען אויף זיי גיריק קוקן, ווי וועלף אויף שעפּסן, און דערנאָך האָבן זיי קמיטשיצן געפרעגט מיט די אויגן, צי ער הייסט נישט אַ נעמ-טון זיך צו זיי.

הער אַנדזשעי האָט אויך געהאַט נישט קיין קליינעם נסיון ביישטיין, בפרט, אַז אין דער נאַכט איז געפלאָסן די ווענגערקאַ מיט ברעגעס, באַוואַקן מיט רויט-שטעקעלעך; אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און געלאָזט רויק זיך פירן צו דער קאָמאַנדע.

דאָרט האָט ער דערקלערט דעם קאָמענדאַנט, ווער ער איז, אַז ער שטאַמט פון קורפירשטלעכן לאַנד און פאָרט יעדעס יאָר קיין סאַבאָטאַ מיט פערד. די קאַמליטשס האָבן אויך געהאַט צייג-ניש, מיט וועלכע זיי האָבן זיך אין לענג, ווו זיי זענען געווען גוט באַקאַנט פאַרזאָרגט; דער קאָמענדאַנט, וועלכער איז אַליין געווען אַ פּרייסישער דייטש, האָט זיי דערבער נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן, האָט זיי נאָר גוט אויסגעפרעגט, וואָסערע פערד זיי פירן און געזאָלט זיי זען.

און ווען קמיטשיצס דינער האָבן אין הויף מיט זיין פאָ-דערונג זיי צוגעטריבן, האָט ער זיי גוט באַקוקט און גע-זאָגט:

— איך וועל זיי קויפן. בײַ אַן אַנדערן וואָלט איך זיי סתם צוגענומען, אָבער אַזוי ווי דו ביסט פון פּרייסן, וועל איך דיר קיין עוולה נישט טון.

קמיטשיץ האָט זיך אַ ביסל דערשראָקן; אויב ער וועט פאַר-קויפן, וועט דערמיט אַוועקפאַלן דער תירוץ צו פאָרן ווייטער און עס וואָלט אים אויסגעקומען זיך אומצוקערן קיין פּרייסן. ער האָט דעריבער אָנגעגעבן אַזאַ הויכן מקח, אַז ער האָט כמעט צוויי מאָל איבערגעשטיגן דעם אמת ווערט פון די פערד. נאָר אַ מגע-ריכט, איז דער אָפיציר דערפון גאָרנישט נתפעל געוואָרן און זיך אויך גאָרנישט געדונגען.

— גוט — האָט ער געזאָגט — אַרייניאָגן די פערד אין די שאָפע און איך וועל באַלד באַצאָלן.

די קאַמליטשס האָבן זיך אין האַרצן שטאַרק דערפרייט,

אָבער הער אַנדזשעי איז געוואָרן מלא־חמה און גענומען שעלטן. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אַנדערע עצה, ווי די פערד אַרייַנצוויאָגן. אַנדערש וואָלט באַלד געפאַלן אַ חשד אויף די פאַרקוי־פ.ר., אַז זיי האַנדלען באָר לפנים.

דערווייל איז דער אָפיציר צוריק אַרויסגעקומען און דערלאַנגט קמיטשיצן אַ שטיקל פאַפּיר.

— וואָס איז דאָס? — האָט הער אַנדזשעי געפרעגט.

— געלט, אָדער אַזוי גוט ווי געלט, ווייל דאָס איז אַ קוויט.

— און ווו וועט מען מיר באַצאָלן?

— אין דער הויפּט־קוואַרטיר.

— און ווו איז די הויפּט־קוואַרטיר?

— אין וואַרשע — האָט דער אָפיציר געענטפערט מיט אַ בייזוויליקן שמייכל.

— מיר האַנדלען באָר פאַר מזומנים... ס'טייטש? וואָס איז דאָס?... — האָט דער אַלטער קעמליטש גענומען קרעכצן — הימלישע טויערן!

אָבער קמיטשיץ האָט זיך צו אים אומגעדרייט און קוקנדיק אויף אים בייז האָט ער געזאָגט:

— בײַ מיר איז דאָס וואָרט פון הער קאָמענדאַנט אַזוי גוט, ווי געלט. אין קיין וואַרשע וועלן מיר גערן פאָרן, ווייל דאָרט קען מען בײַ די אַרמענער באַקומען פיינע סחורות, פאַר וועלכע מ'וועט אין פרייסן גוט באַצאָלן.

דערנאָך, אַז דער אָפיציר איז אַוועקגעגאַנגען, האָט הער אַנדזשעי געטרייסט קעמליטשן:

— שטיל, שעלמע! די דאָזיקע קוויטעס זענען די בעסטע זיכערקייט־בריוו, ווייל מיר וועלן אַפילו ביז קראָקע מיט זיי אָנשפאַרן, באַקלאָגנדיק זיך, אַז מען וויל אונדז נישט באַצאָלן. ס'איז לייכטער קען פון אַ שטיין אַרויסצוקוועטשן, ווי געלט פון די שוועדן... אָבער דאָס איז דווקא גוט פאַר מיר. דער שוועד מיינט, אַז ער האָט אונדז אָפּגענאַרט, דערווייל ווייסט ער גאָרנישט וואָס פאַר אַ טובה ער האָט אונדז געטון... און דיר וועל איך פון

מיין אייגענער טאַש פֿאַר די פֿערד באַצאָלן, כּדי דו זאָלסט קיין היזק נישט האָבן.

דער אַלטער האָט לייכטער אָפּגעעטעמט און ער האָט שוין גאָר פֿון רגילות נישט אויפֿגעהערט זיך אַ געוויסע צייט צו באַקלאָגן:

— די װיס האָבן זיי אַראָפּגעשינדן, רואינירט, בדלות־געשטעלט!

אָבער הער אַנדזשעי איז געווען צופֿרידן, זעענדיק פֿאַר זיך אַן אָפֿענעם וועג, ווייל ער האָט פֿאַרויסגעזען, אַז אויך אין וואַרשע וועט מען אים נישט באַצאָלן, און מסתּמא ערגעץ־אַנדערש וו אויך נישט — ער וועט דעריבער קענען פֿאָרן וואָס אַמאָל ווייטער, כּלומרשט מיט אַ תּביעה פֿאַר דע׳ באַגאַנגענער עוולה אפֿילו ביז צום שוועדישן קעניג, וועלכער האָט זיך געפֿונען באַ קראָקע פֿאַרנומען מיט דער באַלאַגערונג פֿון דער אַמאָליקער הויפּט־שטאָט.

דערווייל האָט הער אַנדזשעי באַשלאָסן צו בלייבן איבער נאַכט אין פּראַסניש, צו לאָזן די פֿערד אָפּרוען און נישט בייטנדיק זיין נייעם נאָמען, פֿינדעסטיגן די פּעל פֿון אַ דלפּן פֿון זיך אַראָפּצוּוואַרפֿן, וואָרים ער האָט באַמערקט, אַז צו אַן אָרימען פֿערד־סוחר באַציִען זיך אַלע מיט ביטול און יעדער וועט גיכער אים באַפֿאַלן, ווייל פֿאַר באַעוולהן אַ קבצן איז די אחריות נישט אַזוי גרויס, אַלס דלאָן איז אים אויך שווערער געווען צו האָבן אַ צוטריט צו דער פֿאַרמעגלעכער שליאַכטע און ממילא איז אים אויך שווערער אָנגעקומען צו דערגיין, וואָס אייגער האָט געטראַכט.

ער האָט גבן זיך אַ געטון לויט זיין שטאַנד און אָפּשטאַמונג און איז אַוועק אין די שענק מיט די ברידער שליאַכטשיצעס זיך אויסשמועסן. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין נחת פֿון דעם וואָס ער האָט געהערט. אין די קרעטשמעס און שענקען האָט די שליאַכטע געטרונקען פֿאַרן געזונט פֿון שוועדישן קעניג, צוזאַמען מיט די שוועדישע אָפֿיצירן געהויבן זייערע כּוסות, איבערשגדיק הצלחה דעם פּראָטעקטאָר, און געלאַכט פֿון

ליצנות וואָס די אָפיצירן האָבן זיך דערלויבט צו מאַכן פון יאַן קאַזשימיעזשן און טשאַרניעצקין.

דער פּחד פאַר דער אייגענער הויט און פאַרמעגן האָט אַזוי פאַרגעסן די מענטשן, אַז זיי האָבן זיך געחנפעט צו די אָנפאַלער, אונטערהאַלטנדיק זייער גוטן הומאָר. פינדעסטוועגן האָט אויך דידאָזיקע פאַרגעסנקייט געהאַט איר גרענעץ. די שליאַכטע האָט געלאָזט חוזק מאַכן פון קיניג, פון די העטמאַנס, פון הער טשאַרניעצקין, אַבי נישט פון דער רעליגיע און ווען אַ געוויסער שוועדישער קאַפּיטאַן האָט דערקלערט, אַז דאָס לוטערישע גלויבן איז פּונקט אַזאַ גוטע אמונה, ווי דאָס קאַטוילישע, האָט דער דערלעבן-זיבעציקער הער גראַבקאָווסקי, וועלכער האָט דעם חילול-הקודש נישט געקענט אַריבערטראָגן, אים מיט אַ הע־מערל אַ זעץ געטאָן אין דער שלייף און אַזוי סגולהדיק די מהומה האָט ער זיך אַליין אַרויסגערוקט פון דער שענק און געלם גע־וואָרן אין המון.

מ'האָט אים גענומען באַכיאָגן, אָבער עס זענען אָנגעקומען ידיעות, וועלכע האָבן די אויפמערקזאַמקייט אָפּגעצויגן אין אַן אַנדערער זייט. עס זענען אָנגעלאָפן קוריערס מיט מעלדונגען, אַז קראָקע האָט זיך אונטערגעגעבן, אַז הער טשאַרניעצקי איז אין געפאַנגענשאַפט און אַז דער לעצטער אבן-נגף פאַר דער שוועדישער ממשלה איז באַזייטיקט געוואָרן.

די שליאַכטע האָט אין דער ערשטער רגע דאָס לשון פאַר־לוירן, אָבער די שוועדן האָבן גענומען זיך משמח-זיין און שריי־ען וויוואַט. אין דער קירך פון הייליקן גייסט, אין דער קירך פון די בערנאַרדינער און אין דעם קלויסטער פון די בערנאַרדינערינס, וואָס איז ערשט נישט לאַנג דורך מאַדאַם מאָסטאָווסקאַ אויפגע־שטעלט געוואָרן, האָט מען געהייסן קלינגען מיט די גלעקער. די פוס-גייער און רייטער זענען אין שלאַכט-אָרדנונג אַרויס אויפן מאַרק פון די קנייפּעס און וואָל-שע ערייען און געבימען שיסן פון האַרמאַטן און ביקסן. דערנאָך האָט מען אַרויסגעבראַכט פע־סער מיט בראָנפן, מעד און ביר, פאַרן חייל און שטאָט-לייט, מ'האָט אָנגעצונדען פעסער מיט סמאָלע און געפּראַוועט אַ סעודה

ביז שפּעט אין דער נאַכט. די שוועדן האָבן אַרויסגעשלעפּט די פרויען פון די הייזער און מיט זיי געטאַנצט, געהוליעט און אויסגעלאַסענע מעשים אָפּגעטון. און צווישן די מאַסן פון די צעשעוועטע זעלנער האָבן זיך אַרומגעשלעפּט גרופּעס פון שליאַכטשיצעס, וועלכע האָבן געטרונקען צוזאַמען מיט די רייטער און געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי פרייען זיך איבער דעם פאַלן פון קראָקע און הער טשאַרניעצקיס מפּלה.

קמיטשיצן האָט אָן עקל אָנגעכאַפּט און ער האָט זיך באַצייטנס באַהאַלטן אין זיין קוואַרטיר אין דער פאָרשטאָט, אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקענט. ס'האָט אים געוואָרפן אַ היץ און זיין נשמה איז געפּייניקט געוואָרן פון ספקות, צי ער האָט נישט צו שפּעט חוזר-בתשובה געווען, בשעת דאָס גאַנצע לאַנד איז שוין געווען אין די שוועדישע הענט. ס'איז אים געקומען אין קאָפּ אַריין דער געדאַנק, אַז אַלץ איז שוין פאַרלוירן און אַז די רעפּובליק וועט זיך שוין קיינמאָל פון איר שפלדיקן מצב נישט אַרויסראַטעווען.

— דאָס איז שוין נישט קיין אומגליקלעכע מלחמה — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס קען זיך אויסלאָזן מיטן אָנווער פון וועלכער עס איז פּראָווינץ, דאָס איז אַ פולשטענדיקער אונטערגאַנג, די גאַנצע רעפּובליק ווערט אַ שוועדישע פּראָווינץ... מיר האָבן אַליין דערצו מיטגעהאָלפן, און איך מיט, ווי ווער עס איז!

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אים געברענט, און דאָס געוויסן האָט געפּייניקט. עס האָט אים קיין שלאָף נישט גענומען... ער האָט אַליין נישט געוווּסט וואָס צו טון: ווייטער פאָרן, בלייבן אויפן אָרט, אָדער צוריקקערן?... ווען ער וואָלט אפילו אַ באַנדע צונויפגעקליבן און די שוועדן גענומען פון הינטן באַפאַלן, וואָלטן זיי אים גערעכנט ווי אַ רויבער און נישט ווי אַ זעלנער. איבעריקנס, איז ער שוין אין אַ פרעמדער סביבה, וווּ קיינער קען אים נישט. ווער וועט צו אים צושטיין? עס זענען זיך צו אים צונויפגעלאָפן די אומדערשראָקענע מענטשן אין ליטע, ווען ער האָט אַלס באַרימטער קמיטשיץ זיי צונויפגערופן, אָבער דאָ,

אויב עמעצער האָט אפילו געהערט וועגן קמיטשיצן, הײַט ער אים געהאַלטן פאַר אַ בוגד אין פאַר אַ פריינט פון די שוועדן, און וועגן באַבינעטשן האָט אוודאי קיינער נישט געהערט.

ס'קען בכן נישט זיין קיין רייד נישט וועגן דעם און נישט וועגן פאָרן צום קעניג, ווייל ס'איז צו שפּעט... ס'האָט אויך קיין זין נישט צו פאָרן קיין פּאָלעסיע, ווייל די קאָנפעדעראַטן האַלטן אים פאַר אַ בוגד, ס'האָט קיין זין נישט צוריקצוקערן קיין ליטע, ווייל דאָרט געוועלטיקט ראַדזיוויל און ס'האָט קיין זין נישט איבערצובלייבן, ווייל דאָ האָט ער לחלוטין נישט וואָס צו טון. דאָס בעסטע וואָלט געווען די נשמה אויסצוהויכן, כדי אויף די דאַזיקע וועלט נישט צו קוקן און עגמת-נפש צו פאַרשפּאָרן.

צי וועט אָבער אויף יענער וועלט בעסער זיין פאַר די, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך אָנגעזינדיקט האָבן זיי אויף זייערע חטאים מיט גאָרנישט מכפּר געווען און מיט דער גאַנצער לאַסט זייערער האָבן זיי זיך צום משפּט געשטעלט? קמיטשיץ האָט זיך געוואָרפן אויף זיין געלעגער אין די גרעסטע יסורים. אַזעלכע מאַטערנישן האָט ער אַפילו אין דער וואַלד-כאַטע פון די קעמליטשעס נישט איבערגעלעבט.

ער האָט זיך געשפּירט שטאַרק, געזונט, מסוגל עפּעס אונטערצונעמען, די נשמה זיינע האָט זיך געריסן עפּעס אַרויסצוטון און דאָ זיצן אַלע וועגן פאַרמאַכט, כאָטש שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט, נישטאָ קיין אויסוועג, נישטאָ קיין רעטונג און נישטאָ קיין האָפענונג!

נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ גאַנצע נאַכט אויפן געלעגער אַרומגעמאַטערט, האָט ער זיך פאַר טאָג אַ כאַפּ-אויף-געטון, די מענטשן אויפגעוועקט און זיך געלאָזט מיט זיי אין וועג אַריין. ער איז געפאָרן צו וואַרשע-צו, אָבער ער האָט אַליין נישט געוווּסט נאָך וואָס און פאַרוואָס? ער וואָלט פון יאוש געווען אַנטלאָפן קיין סיטש, ווען נישט דאָס, וואָס די ציטן האָבן זיך געביטן און וואָס כמיעלניצקי האָט צוזאַמען מיט בוטורלינען גראָד צוגעדריקט דעם קרוין-פּוילישן קרוין-העטמאַן באַ גראָדעק, פּאַ-

נאָכדערטראָגנדיק דערביי פּייער און שוועך אויף די דרום־מזרחדיקע געביטן פון דער רעפּובליק און אַריינדרינגענדיק מיט זייערע רויבערישע מחנות אַזש ביז לובלין.

אויפן וועג קיין פּולטוסק האָט הער אַנדזשעי אומעטום באַגעגנט שוועדישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן באַגלייט וועגנס מיט שפּייז תבואה, ברויט, ביר און סטאַדעס פון כל המינים בהמות. בײַ די סטאַדעס און וועגנס זענען געגאַנגען מחנות פון פויערן, אָדער פון דער קליינער שליאַכטע מיט אַ געוויין און אַ געיאָמער, ווייל מ'האָט זיי מערערע מיילן מיט די פורן געשלעפּט. גליקלעך איז געווען דער, וועמען מ'האָט דערלויבט מיט דער פור אַהיימצוקערן, אַ זאַך וואָס האָט ניט תמיד געטראָפן, ווייל נאָכן צושטעלן דאָס עסנוואַרג, האָבן די שוועדן געטריבן די פויערן און די אָרימע שליאַכטשיצעס צו אַרבעטן, צו פאַריכטן די שלעסער, בויען שאַפעס, מאַגאַזינען.

הער קמיטשיץ האָט אויך געזען, אַז נענטער צו פּולטוסק זענען זיך די שוועדן שטרענגער אומגעגאַנגען מיט די מענטשן, אי אין פּר[illegible]ניש און ניט קענענדיק משיג זיין די סיבות דערפון, האָט ער וועגן דעם אויסגעפרעגט די שליאַכטע, וואָס ער האָט אויפן וועג באַגעגנט.

— וואָס ווייטער צו וואַרשע איר וועט פאָרן — האָט איינער פון די פאָרנדיקע געענטפערט — אַלץ האַרטער זענען די נגישות דאָרט ווו זיי זענען נאָר וואָס אָנגעקומען און זיך נאָך נישט באַפעסטיקט, דאָרט זענען די שוועדן מילדער, זיי פאַרשפּרייטן קעניגלעכע באַפעלן קעגן די נוגשים און פאַרעפנטלעכן קאַפּיטולאַציעס, אָבער דאָרט, ווו זיי פילן זיך שוין זיכער און ווו זיי האָבן אין דער געגנט שוין וועלכע עס איז שלעסער באַזעצט, דאָרט ברעכן זיי באַלד אַלע הבטחות, ווילן נישט וויסן פון קיין שום רחמנות, קריוודן, שינדן די הויט, ראַבירן, הייבן אויף די הענט אויף קירכעס, גייסטלעכע און אַפילו אויף כשרע מיידלעך. דאָס, וואָס איר זעט דאָ, איז נאָך גאָרנישט, אָבער דאָס, וואָס טוט זיך אָפּ אין גרויס־פּוילן, איז דאָס מענטשלעכע לשון גאָרנישט בכוח צו שילדערן...

דאָ האָט דער שליאַכטשיץ גענומען דערציילן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעטון אין גרויס־פּוילן, וואָסערע גזלות, געוואַלטאַטן און רציחות דער שטרענגער שונא איז דאָרט באַגאַנגען, ווי אַזוי מ׳האָט דאָרט מיט די שרעקלעכסטע ענויים געמאַטערט כּדי יד עות וועגן געלט א ויסצובאַקומען, ווי אַזוי מ׳האָט דעם קסיאָנדז בראַנעצקי אין פּויזן גופא דערהרגעט, און דעם פּראָסטן המון האָט מען אַזוי געפּייניקט, אַז בלויז אויפן געדאַנק האָבן זיך די האָר אויפן קאָפּ געשטעלט קאַפּויר.

— עס וועט דערצו קומען אומעטום — האָט דער שליאַכטשיץ געזאָגט — גאָטס שטראָף... דער יום־הדין איז נאָענט... עס ווערט וואָס אַמאָל ערגער און ערגער און קיין ישועה זעט מען פון ערגעץ ניט!...

— איך בין נישט קיין היגער — האָט קמיטשיץ געזאָגט — און קען נישט די מענטשלעכע טבע אין דיזיקע מקומות, און דאָך איז מיר אַ חידוש, וואָס איר, אַלס שליאַכטשיצעס און ריטערלעכע מענטשן, טראָגט אַזוי געדולדיק אַריבער די דאָזיקע נגישות?

— מיט וואָס זאָלן מיר זיך דען אַקעגנשטעלן? — האָט דער שליאַכטשיץ געענטפערט — מיט וואָס?... אין זייערע הענט זענען די שלעסער, פעסטונגען, האַרמאַטן, פּולווער, ביקסן, און אונדז האָט מען אפילו די פויגל־ביקסלעך צוגענומען. מיר האָבן נאָך אַרויפגעלייגט אַ האָפענונג אויפן הער טשאַרניעצקי, אָבער אַז ער איז אויך אין געפאַנגענשאַפט, און דער האַר קעניג איז אין שלעזיע, ווער וועט זיך וואַגן אַ ווידערשטאַנד טראַכטן?... הענט זענען פאַרהאַן, נאָר עס איז גאָרנישט דאָ אין די הענט און קיין קאָפּ איז נישטאָ...

— און קיין האָפענונג איז נישטאָ? — האָט קמיטשיץ שטיל געזאָגט.

דאָ האָבן זיי איבערגעריסן דעם שמועס, ווייל זיי זענען אָנגעפאָרן אויף אַ שוועדישע אָפּטיילונג, וועלכע האָט געפירט וועגנס קליינע שליאַכטע און „רעקוויזיציעס". אַ מאָדנע בילד איז דאָ געווען. די לאַנג־וואָנסדיקע און בערדיקע רייטער, זענען

געזעסן אויף פֿערד, אויסגעפּאַשעט ווי די בּיקעס; אָנגעשפּאַרט אויף אַ זייט מיט דער רעכטער האַנט, מיטן קאַפּעליוש פּאַרוקט אויף איין אויער, מיט צענדליקער גענדזן און הינער צונויפגעבונדן ביים זאָטל, איז יעדער געפֿאָרן אין אַ וואָלקן פֿון פֿעדערן. און די אָרימע שליאַכטע איז געגאַנגען צו פֿוס ביי די וועגנס, אָפּט באָרוועס, מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אויף דער ברוסט, אויפגעבראַכט, צעשראָקן, אָפּטמאָל געטריבן און געיאָגט מיט בייטשן.

ווען קמיטשיץ האָט דאָס דערזען, האָבן אים די ליפּן גענומען ציטערן, ווי אין פֿיבער און ער האָט זיך אָנגערופֿן צום שליאַכטשיץ, מיט וועלכן ער איז געפֿאָרן:

— אוי! די הענט בייסן, די הענט בייסן!

— שווייגט שטיל, געדענקט אין גאָט! — האָט דער שליאַכטשיץ געענטפֿערט — איר וועט אומברענגען זיך, מיך און מיינע קינדער!

נישט איינמאָל אָבער האָט הער אַנדזשעי פֿאַר זיך דערזען נאָך מער מאָדנע בילדער. אָט האָט ער צווישן די שוועדישע רייטער־אָפּטיילונגען צייטנווייז באַמערקט קלענערע אָדער גרעסערע גרופּעס פֿון פּוילישע שליאַכטשיצעס, וואָס זענען מיט זיי געגאַנגען מיט באַוואָפֿנטע דינער, פֿריילעך, זינגענדיקע, שכּורע און גוטע ברודער מיט די שוועדן און דייטשן.

— וואָס הייסט? — האָט קמיטשיץ געפֿרעגט — אַ טייל שליאַכטע ווערט דורך זיי גערודפֿט און אונטערדריקט, און מיט אַ צווייטן טייל לאָזן זיי זיך גאָר אַריין אין חברותא? נישט אַנדערש, נאָר די בירגער, וואָס איך זע צווישן די זעלנער, מוזן זיין די געמיינסטע בוגדים?

— נישט בלויז געמיינע בוגדים זענען דאָס, נאָר נאָך ערגער, ווייל דאָס זענען אפּיקורסים — האָט דער שליאַכטשיץ געענטפֿערט — מיר קאַטאָליקן ליידן פֿון זיי נאָך מער צרות, ווי פֿון די שוועדן; אַממייסטן רויבירן זיי, צינדן־אונטער די הויפֿן, פֿאַרכאַפּן מיידלעך, נעמען נקמה פֿאַר פּריוואַטע עוולות. דאָס גאַנצע לאַנד לעבט צוליב זיי אין שרעק, ווייל אַלץ גייט זיי אָפּ

פֿולשטענדיק אומבאַשטראָפֿט און בײַ די שוועדישע קאָמענדאַנטן, װעסטו לײַכטער פּועלן צו קנסן אַ שוועד, װי אַן אײגענעם אפּיקורס. יעדער קאָמענדאַנט, קוים גיסטו נאָר אַ פּיפּס מיט אַ װאָרט, ענטפֿערט דיר באַלד: איך האָב נישט קײן רעכט אים צו פֿאַרפֿאָלגן, װײַל ער איז נישט מײַן מענטש — גײט צו אײַערע טריבונאַלן! און װי אַזױ קען איצט זײַן אַ רײד װעגן טריבונאַלן און װעגן עקזעקוציע, װען אַ״ך איז אין די שוועדישע הענט? דאָרט, װו אַ שוועד טרעפֿט נישט, פֿירן אים די אפּיקורסים, און צו די קירכעס און גײַסטלעכע װײַזן זײ דער עיקר די שוועדן דעם װעג. אַזױ זײַנען זײ זיך נוקם אין דער מאַמע רעפּובליק דערפֿאַר װאָס דאַמאָלס, װען אין אַנדערע קריסטלעכע מדינות האָט מען זײ מיט רעכט פֿאַר זײערע אינטריגעס און משים-תעתעים גערודפֿט, האָט זי זײ געזיכערט אַ מקום-מקלט און פֿרײַ-הייט פֿאַר זײער גאָט-לעסטערנדיקער אמונה...

דאָ האָט דער שליאַכטשיץ אָפּגעהאַקט און אומרויִק אַ קוק געטון אויף קמיטשיצן.

— אָבער איר זאָגט דאָך, אַז איר זענט פֿון פֿירשטלעכן פּרײַסן, זענט איר אפֿשר גאָר אַלײן אַ לוטעראַנער?

— זאָל מיך גאָט שומר ומציל זײַן, — האָט ער אַנד״שעי געענטפֿערט, — פֿון פּרײַסן בין איך טאַקע, אָבער איך שטאַם פֿון דור-דורות אָן פֿון קאַטאָליקן, װײַל מיר זענען קײן פּרײַסן פֿון ליטע געקומען.

— געלויבט איז גאָט, װײַל איך האָב זיך דערשראָקן. גנע-דיקער הער, װאָס שײך ליטע פֿעלן דאָרט אויך קײן אַנדערש-גלויביקע נישט און זײער ראש איז דאָרט דער מעכטיקער ראַד-זיװיל, װעלכער האָט זיך אַרױסגעװיזן פֿאַר אַזאַ גרױסן בוגד, אַז ער װאָלט אפֿשר מיט אײן ראַדזשעיאָװסקין זיך געקענט גלײַכן.

— זאָלן אים די שדים די נשמה נאָך פֿאַר בײַ-יאָר אַרױס-ציִען! — האָט קמיטשיץ מלא-חמה אױסגעשריגן.

— אמן! — האָט דער שליאַכטשיץ געענטפֿערט — אויך זײַנע משרתים, זײַנע העלפֿער, זײַנע תּליינים, װעלכע עס זענען

ידיעות אַהער צו אונדז דערגאַנגען, און אָן וועלכע ער וואָלט קיינמאָל זיך נישט פאַרמאַכטן אומצוברענגען דאָס פאָטערלאַנד.

קמיטשיק איז בלאַס געוואָרן און האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט אויך נישט די העזה געהאַט אויסצופרעגן, וועגן וועלכע העלפער, משרתים און תּלינים יענער שליאַכטשיק רעדט.

פאָרנדיק געלאַסן, זענען זיי שפּעט אין אָוונט צוגעפאָרן ביז פּולטוסק; דאָרט האָט מען קמיטשיצן אָפּגעפירט אין ביסקופּ־פּאַלאַץ, אָדער שלאָס, כּדי ער זאָל זיך פאָרשטעלן פאַרן קאָמענדאַנט, ווער ער איז.

— איך שטעל צו פערד די שוועדישע חיילות — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — און איך האָב קוויטעס, מיט וועלכע איך פאָר קיין וואַרשע נאָך געלט.

פולקאָווניק איזראַעל (זוי האָט געהייסן יענער קאָמענדאַנט) האָט אַ שמייכל געטון אונטער די וואָנסעס און געזאָגט:

— אַ, אײַלט זיך, און נעמט מיט צוריקוועגס אַ וואָגן, כּדי איר זאָלט האָבן אויף וואָס דאָס געלט אַוועקפירן.

— אַ דאַנק פאַר דער עצה — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — איך פאַרשטיי סיי־ווי, אַז דער גנעדיקער הער מאַכט פון מיר חוזק... אָבער איך וועל נאָך דאָס מײַ־יקע פאָרן, ווען אַפילו עס זאָל מיר צום הער קעניג גופא אויסקומען צוצופאָרן.

— פאָרט, שענקט נישט דאָס אייערקע! — האָט דער שוועד געזאָגט — אַ גאַנץ היבשע סומע קומט אײַך.

— ס'וועט קומען אַ צײַט, אַז איר וועט מיר באַצאָלן! — האָט קמיטשיק אַרויסגייענדיק געזאָגט.

אין דער שטאָט האָט ער ווידער אָנגעטראָפן אויף פייערלעכקייטן, ווײַל די שמחה צוליבן איינעמען קראָקע האָט געזאָלט אָנהאַלטן דריי טעג. ער איז אָבער דערגאַנגען, אַז אין פּראַסניש האָט מען אפשר בכיוון דעם שוועדישן טריומף מגזם געווען; דער סעווער קאַשטעלאַן איז גאָרנישט אַרײַנגעפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

נאָר ער האָט באַקומען דאָס רעכט אַרויסצוגיין פון דער שטאָט מיטן חיל, כלי-זיין און אָנגעצינדענע קנויטן בײַ די האַרמאַטן. מ'האָט געזאָגט, אַז ער איז אַוועק קיין שלעזיע. קיין גרויסע נחמה איז דאָס טאַקע נישט געווען אָ ער פּאָרט אַ נחמה.

אין בולטוסק זענען געשטאַנען באַדייטנדיקע כוחות, וועלכע האָבן פון דאָרט אונטער איזראַעלס פירונג געזאָלט מאַרשירן צו דער פּרייסישער גרענעץ, כדי אָנצוּוואַרפן אַ מורא אויפן קורפירשט; סיי די שטאָט, סיי דער שלאָס, הגם ער איז געווען זייער גרויס, און סיי די פאָרשטעט האָבן דעריבער נישט געקענט אַריינעמען די זעלנער. דאָ האָט קמיטשיץ איך צום ערשטן מאָל דערזען זעלנער, וואָס שטייען אין אַ קירך. אין דער הערלעכער גאָטישער קאָלעגיאַט-קירך, וואָס איז מיט העכער צוויי הונדערט יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן דורכן ביסקופּ גיזשיצקי, זענען געשטאַנען געדונגענע דייטשישע פוסגייער. אינעווייניק איז דאָס הייליקטום געווען העל באַלויכטן ווי בשעת אַ רעזורעקציע, ווייל אויף דעם שטיינערנעם פוס-באָדן האָבן געפלאַקערט אָנגעצונדענע פייער-הויפנס. קעסלען האָבן גערוכערט אויף די פייערס. אַרום פעסער מיט ביר האָט זיך געזאַמלט דאָס פרעמדע חיל, וואָס איז באַשטאַנען פון אַלטע גזלנים, וועלכע האָבן דאָס גאַנצע קאַטוילישע דייטשלאַנד צעראַבירט און וועלכע ס'איז אוודאי נישט צום ערשטן מאָל אויסגעקומען צו נעכטיקן אין אַ קירך. פון אינעווייניק האָט זיך אָנגעטראָגן אַ געפּילדער און אויסגעשרייען. הייזעריקע שטימען האָבן געזונגען זעלנערישע לידער; עס האָבן זיך געהערט קולות און פרייל עכע געשרייען פון מיידלעך, וועלכע האָבן אין יענע צייטן זיך געוויינטלעך געשלעפּט נאָכן מיליטער.

קמיטשיץ איז געבליבן שטיין אין דער אָפענער טיר; דורך די רויכן אין מיטן פון רויטע פלאַמען האָט ער דערזען די רויטע, פון משקה דערהיצטע און וואָנסעדיקע פּנימער פון די זעלנער, וואָס זענען געזעסן אויף די פעסער און געטרונקען ביר; אַנדערע האָבן געוואָרפן ביינדלעך אָדער געשפּילט אין קאָרטן; נאָך אַנדערע האָבן פאַרקויפט אָרנאַטן; נאָך אַנדערע האָבן אַרומגענומען די תצופית, וואָס זענען געווען אָנגעטאָן אין העלע קליי-

דער. דער ליאַרם, געלעכטער, געקלימפּער פון גלעזער און גע־קלאַנג פון ביקסן, די דונערדיקע אָפּקלאַנגען אין די געוועלבן האָבן אים פאַרטויבט. דער קאָפּ האָט זיך אים פאַרדרייט, די צוויגן האָבן נישט געוואָלט גלייבן אין דעם, וואָס זיי האָבן גע־זען, דער אָטעם האָט זיך אין דער ברוסט פאַרכאַפּט; דאָס גיהנום וואָלט אים נישט ווייניקער געוועזן איבערגעשראָקן.

צום סוף האָט ער זיך אַ כאַפּ געטון פאַר די האָר און איז אַרויסגעלאָפן, איבערהורנדיק, ווי אַ מטורף:

— גאָט, נעם דיך אָן! גאָט, באַשטראָף! גאָט, ראַטעווע!

10. קאַפּיטל.

אין וואַרשע האָבן פון לאַנג-אָן שוין געבאַלעבאַטעוועט די שוועדן. אַזוי ווי וויטענבערג, דער אייגנטלעכער מושל פון דער שטאָט און קאָמענדאַנט פון גאַרניזאָן, האָט זיך אין דעם מאָמענט געפונען אין קראָקע, האָט אים פאַרביטן ראַדזשעיאָווסקי. נישט ווייניקער ווי צוויי טויזנט זעלנער זענען געשטאַנען אין דער שטאָט גופא, וואָס איז געווען אַרומגענומען פון שוץ-מויערן, און אין די גיטער, וואָס זענען געלעגן לעבן די שוץ-מויערן און זענען געווען באַבויט מיט פּרעכטיקע קירכלעכע און וועלטלעכע בנינים. דער שלאָס און די שטאָט זענען נישט געווען רואינירט, ווייל הער וועסעל, דער מאַקאָווער סטאַראָסטע, האָט זיי אָפּגעגעבן אָן אַ שלאַכט און אַליין איז ער צוזאַמען מיטן גאַרניזאָן אײליק אַנטלאָפן, מורא האָבנדיק פאַר דער נקמה פון זיין פאַרזעלכן שונא ראַדזשעיאָווסקי.

אָבער ווען הער קמיטשיץ האָט גענומען נענטער און גענוייער זיך אַרומקוקן, האָט ער אויף אַ סך הייזער דערזען שפּורן פון רויבערישע הענט. דאָס זענען געווען די הייזער פון יענע איינוווינער, וועלכע האָבן עוקר געווען פון דער שטאָט, נ ש ז

ווילנדיק אַריבערטראָגן די פֿרעמדע ממשלה, אַ־ער וואָס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד אין מאָמענט, ווען די שוועדן האָבן זיך אַרויפֿגעריסן אויף די שוץ־מויערן.

פֿון די שררהשע פּאַלאַצן, וואָס האָבן זיך דערהויבן איבער די גיטער, האָבן דערהאַלטן זייער אַמאָליקע פּראַכט נאָר די, וואָס זייערע אייגנטימער זענען בלבֿ נפֿש געווען איבערגעגעבן די שוועדן. עס איז בכן אין זיין גאַנצער פּראַכט געשטאַנען דער פּאַלאַץ פֿון די קאַזאַנאָווסקיס, ווייל ראַדזשעיאָווסקי האָט אים געשיצט, און זיין אייגענער און דעם הער כאָראַנזשי קאָניעצפּאָלסקי׳ס און יענער, וואָס וולאַדיסלאַוו IV האָט אויפֿגעשטעלט און וועלכן מ׳האָט שפּעטער קאַזשימיראָווער גערופֿן; אָבער די בנינים פֿון די גלחים האָט מען שטאַרק רואינירט; דענהאָפּס איז האַלב געווען צעשטערט, דעם קאַצלערס, אָדער דער אַזוי גערופֿענער פּאַלאַץ פֿון די אָסילינסקיס בײַ דער רעפֿאָרמאַצקאַ־גאַס, איז געווען אינגאַנצן צעראַבירט. דורך די פֿענסטער האָבן אַרויסגעקוקט די געדונגענע דייטשע זעלנער, און יענע טייערע מעבל, וועלכע דער פֿאַרשטאָרבענער קאַנצלער האָט פֿאַר אַזעלכע גרויסע קאָסטן פֿון איטאַליע אַראָפּגעבראַכט, יענע פֿלאָרענצער לעדערס, האָלענדישע גאָבעלינס, מייסטערהאַפֿטע שרייב־פּולטן, מיט פּערלמוטער באַזעצט, בילדער, בראָנזענע און מאַרמאָרנע סטאַטועס, ווענעציאַנער און דאַנציגער זייגערס, פּרעכטיקע גלעזער — אָדער זיי זענען נאָך געלעגן איינגעהויפֿנט אָן אַ סדר אויפֿן הויף, האָבן איינגעפּאַקטערהייט געוואַרט, אַז מ׳זאָל זיי, ווען עס וועט קומען די צייט, מיט דער ווייסל קיין שוועדן אַרויסשיקן. וואַכן האָבן געהיטן דידאָזיקע קאָסטבאַרקייטן, אָבער דערווייל איז פֿון זיי אויף דער לופֿט און רעגן אַ תל־געוואָרן.

אין אַ סך אַנדערע ערטער האָסטו געקענט זען דאָס אייגענע, און הגם די הויפּט־שטאָט האָט זיך אונטערגעגעבן אָן אַ שלאַכט, זענען אויף דער ווייסל שוין געשטאַנען דרייסיק ריזיקע שיפֿן, גרייט אַרויסצופֿירן דעם שלל.

די שטאָט האָט געהאַט אַ פּנים פֿון אויסלאַנד. אויף די גאַסן האָט מען פֿרעמדע לשונות געהערט מער, ווי פּויליש; או־

מעטום האָסטו באַגעגנט שוועדישע, דייטשע זעלנער, פראַנצויזישע, ענגלישע און שאָטישע געדונגענע חיילות, אין די פאַרשידנסטע הלבשות, אין קאַפּעלושן, אין צוויי-שפּיציקע געצאַקטע העלמען, אין קאַפּטאַנעס, פּאַנצערס, האַלב-פּאַנצערס, אין זאַקן, אָדער שוועדישע שטיוול מיט כאָלעוועס, ווי די קאַנען. אומעטום פרעמדע פאַרבן, פרעמדע הלבשות, פרעמדע פנימער, פרעמדע לידער. אפילו די פערד האָבן געהאַט אַן אַנדער אויסזען פון דעם, צו וועלכן דאָס אויג איז געווען צוגעוווינט.

עס זענען זיך צונויפגעלאָפן אַ סך אַרמענער מיט טונקעלע פּנימער און שוואַרצע האָר, צוגעדעקט מיט פאַרביקע יאַרמולקעס; זיי זענען געקומען דעם שלל אויפקויפן.

אָבער צוממייסטן האָט געחידושט די אומגעהייערע צאָל ציגיינער, וואָס זענען, מ'ווייסט נישט פאַרוואָס, פון אַלע עקן לאַנד נאָך די שוועדן אין דער הויפּט-שטאָט אָנגעקומען. זייערע געצעלטן זענען געשטאַנען לעבן אויאַזדאָווער פּלאַץ און איבער דעם גאַנצן קירך פּלאַץ, בילדנדיק ווי אַ באַזונדערע לייוונטענע שטאָט אין דער געמויערטער שטאָט.

צווישן די דאָזיקע פאַרשידן-שפּראַכיקע מאַסן זענען די אָרטיקע תושבים כמעט בטל-בששים געוואָרן; פון זיכערקייט-וועגן זענען זיי אויך גערן געזעסן פאַרמאַכט אין די הייזער, ווייזנדיק זיך ווייניק און איילִיק גייענדיק איבער די גאַסן. נאָר צייטנווייז האָט עפּעס אַ שררהשע קאַטש, וועלכע איז געפלויגן איבער דער קראָקעווער פאָרשטאָט צום שלאָס צו, אַרומגערינגלט פון הײדוקן, פּאַיוקן אָדער פון מיליטער אין פּוילישע הלבשות, דערמאַנט, אַז דאָס איז אַ פּוילישע שטאָט.

נאָר אין די זונטיקן און חגאות, ווען די גלאָקן האָבן גערופן צו די תפילות, זענען די מאַסן אַרויס פון די הייזער און די הויפּט שטאָט האָט באַקומען איר אַמאָליקן אויסזען, הגם אויך דעמאָלס זענען פאַר די קירכעס ווי אַ מויער געשטאַנען שורות פון פרעמדע זעלנער, כדי זיך צוצוקוקן צו די פרויען, אַ שלעפּ טון זיי פאַר די קליידער, ווען זיי זענען פאַרבייגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, לאַכן און צייטנווייז זינגען אויסגעלאַסענע

לידער פאר די קירכעס גראד דאמאלס, ווען אין די קירכעס האט מען די תפילות אפגעריכט.

דאס אלץ איז ווי א חלום פארבייגעפלויגן פאר הער אבדזשעיס פארחידושטע אויגן. אבער לאנג איז ער אין ווארשע נישט געזעסן. ווייל נישט קענענדיק קיינעם, האט ער נישט געהאט פאר וועמען זיך דאס הארץ אראפצורעדן. אפילו מיט יענער פוילישער שליאכטע, וואס האט זיך אויפגעהאלטן אין דער שטאט און פארנומען די עפנטלעכע אכסניות, וואס זענען זייט דעם קעניג זיגמונט III אויף דער דלוגע־גאס אויסגעבויט געווארן, האט זיך הער קמיטשיץ נישט אריינגעלאזט אין נענטערע חברותא. ער האט אמת פארטשעפעט דעם אדער יענעם, כדי צו דערגיין עפעס ביים, אבער דאס זענען געווען פארברענטע אנהענגער פון די שוועדן, וועלכע האבן געווארט אויף קארל גוסטאווס צוריקקער און דערווייל נאכגעלאפן ראדזשעיאווסקין און די שוועדישע אפיצירן, האפנדיק צו באקומען סטאראסטעס, קאנפיסקירטע פריוואטע און קירכלעכע גיטער און איינצוקויפן פארשידענע מציאות. יעדער פון זיי איז ווערט געווען, אז מ'זאל אים א שפיי־טון אין די אויגן אריין, פון וואס הער קמיטשיץ האט אגב זיך נישט זייער שטארק צוריקגעהאלטן.

נאר וועגן די שטאט־לייט האט קמיטשיץ געהערט, אז זיי באדויערן די אלטע צייטן, דאס געפאלענע פאטערלאנד און דעם גוטן קעניג. די שוועדן האבן זיי שטארק גערודפט, צוגענומען זייערע הייזער, ארויסגעפרעסט קאנטריבוציעס, אריינגעזעצט אין תפיסות.

מ'האט אויך געזאגט, אז די צעכן האבן געהאט פארבארגן כלי־זיין, באזונדערס די וואפן־שמידן, די קצבים, קירזשנער און דער מעכטיקער שוסטער־צעך, אז זיי קוקן אויס אויף יאן קאזשימיעזשס צוריקקער, פארלירן נישט די האפענונג און בא א ליאדע הילף פון דרויסן זענען זיי גרייט די שוועדן צו באפאלן.

הערנדיק דאס האט קמיטשיץ זיינע אויערן נישט געגלייבט און זיין מוח האט גארנישט געקענט באנעמען, אז מענטשן פון

נידעריקן שטאַנד און נידעריקער שטעלונג זאָלן אַרויסווייזן מער ליבשאַפט פאַרן פאָטערלאַנד און גלויבן, פאַרן געזעצלעכן האַר, איידער די שליאַכטע, וועלכע דאַרף מיט דידאָזיקע געפילן געבוירן ווערן.

אָבער דווקא די שליאַכטע און די מאַגנאַטן זענען בייגעשטאַנען די שוועדן, און דער פּראָסטער המון האָט געהאַט דעם גרעסטן חשק צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד און נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז ווען די שוועדן האָבן, כּדי צו באַפעסטיקן וואַרשע, געטריבן דעם פּראָסטן המון צו די אַרבעטן, האָבן די פּראָסטע לייט בעסער געוואָלט איבערטראָגן שמיץ און תּפיסה, דעם טויט אפילו, איידער מיטהעלפן צו באַפעסטיקן די שוועדישע מאַכט.

הינטער וואַרשע האָט געקאָכט אין לאַנד, ווי אין אַ בינענשטאָק. אַלע וועגן, שטעט און שטעטלעך זענען געווען פאַרנומען דורך די זעלנער, דורך די שררהשע און פּריצישע חיילות, דורך די שררות און שליאַכטע, וואָס האָבן געדינט די שוועדן. אַלץ איז געווען פאַרנומען, פאַרכאַפּט, אונטערייאָכט, אַלץ אין געווען אַזוי שוועדיש, גלייך ווי דאָסדאָזיקע לאַנד וואָלט שוין לאַנג געווען אין זייערע הענט.

הער אַנדזשעי האָט נישט באַגעגנט קיין אַנדערע מענטשן, נאָר אָדער שוועדן, אָדער שוועדישע אָנהענגער, אָדער מענטשן אָפּהענגיקע, גלייכגילטיקע, וועלכע זענען טיף אין האַרצן געווען איבערצייגט, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן. קיינער האָט וועגן אַ ווידערשטאַנד נישט געטראַכט, מ'האָט שטיל און אין איילעניש אויסגעפירט אַזעלכע גזרות, וואָס צוליב אַ העלפט פון זיי, אָדער אפילו נאָר אַ צענט חלק, וואָלט אין די אַלטע צייטן פיל געווען מיט אָפּאָזיציעס און פּראָטעסטן. דער פּחד איז דערגאַנגען צו אַזאַ מדרגה, אַז אפילו די, וועלכע מ'האָט עוולות געטון, האָבן הויך געלויבט דעם לייטזעליקן פּראָטעקטאָר פון דער רעפּובליק.

פריער פלעגט נישט איינמאָל טרעפן, אַז זיינע אייגענע, ציווילע און מיליטערישע צוואַנג־איינמאָנער האָט דער שליאַכטשיץ מקבל פּנים געווען מיט אַ ביקס און בראש פון אַ באַוואָפנטער די־

נערשאַפט — הײַנט האָט מען באַשטימט אָפּגאָבן, װיפֿיל עס האָט זיך די שװעדן פֿאַרגלוסט צו באַשטימען, און די שליאַכטע האָט זיי הכנעהדיק אָפּגעגעבן, װי די שעפּסן גיבן אָפּ זייער װאָל די שערער. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז איין און דעמזעלבן אָפּגאָב האָט מען צוויי מאָל איינגעמאָנט, אומזיסט איז געװען דאָס באַװײַזן קװיטעס — ס'איז נאָך געװען אַ חזה, אויב דער אויספֿירנדיקער אָפֿיציר האָט נישט איינגענעצט דעם אַלטן קװיט אין װײַן און נישט געהייסן דעם שליאַכטשיץ אים אויפֿעסן. אויך נאָך דעם אַלעם האָט דער שליאַכטשיץ געשריגן: „זאָל לעבן דער פּראָטעקטאָר!" — און װען דער אָפֿיציר איז אַװעקגעגאַנגען, האָט ער װאָס גיכער געהייסן אַ קנעכט קריכן אויפֿן דאַך אַ קוק טון, צי אַ צװייטער קומט נישט אָנצופֿאָרן. און װען אַלץ װאָלט זיך נאָר מיט די שװעדישע קאָנטריבוציעס אויסגעלאָזט, װאָלט נאָך געװען אַ האַלבע צרה, אָבער אַ סך ערגער פֿון שונא זײַנען דאָ, װי אומעטום, געװען די בוגדים. מ'האָט זיך אָפּגערעכנט פֿאַר אַלטע סכסוכים, אַלטע היזקות, מ'האָט איבערגערוקט גרענעצן, פֿאַרנומען פֿעלדער און װעלדער, און דעם שװעדישן פּרײַנט איז אַלץ בשלום אָפּגעגאַנגען. די ערגסטע זענען אָבער געװען די אַנדערש-גלויביקע. נאָך װייניק, פֿון די אומגליקלעכע, פּאַריאַושטע, הפֿקר-לײַט און װערפֿל-שפּילער האָבן זיך געבילדעט באַװאָפֿנטע מחנות. זיי זענען באַפֿאַלן די פֿויערן און די שליאַכטע. ס'האָבן זיי געהאָלפֿן די שװעדישע און דײַטשישע מאַראָדערן און רשעים פֿון כל המינים. דאָס לאַנד איז אַרומגעכאַפּט געװאָרן פֿון אַ העליש פֿײַער; איבער די שטעט האָט די באַװאָפֿנטע זעלנערישע פֿויסט געדריקט, אין די װעלדער זענען די רויבער באַפֿאַלן. װעגן הילף פֿאַרן פֿאָטערלאַנד, װעגן אַ ישועה, װעגן אַראָפּװאַרפֿן דעם יאָך, האָט קיינער נישט געטראַכט... קיין האָפֿנונג האָט קיינער נישט געהאַט...

ס'האָט געטראָפֿן, אַז בײַ סאָכאַטשעװ האָבן שװעדישע און ײַטשע גזלנים באַלאַגערט דעם הער לושטשעװסקי, דעם סאָכאַטשעװער סטאַראָסטע, באַפֿאַלנדיק אים אומגעריכט אין זײַן פּריװאַטן גוט, אין סטרוגי. יענער, אַ מענטש מיט אַ מיליטערישן

כּוֹן, הגם אַ זקן, האָט זיך שטאַרק פאַרטיידיקט. גראָד איז דאַ-
מאָלס אָנגעפאָרן הער קמיטשיק, אין היות ווי זיין געדולד איז
שוין געווען אָנגעשוואָלן ווי אַ געשוויר, גרייט צו פּלאַצן פון דער
מינדעסטער סיבה, האָט זי טאַקע געפּלאַצט בא סטרוגי. ער האָט
דעריבער די קעמפליטשס דערלויבט צו שלאָגן און אַליין האָט
ער זיך אויף די שטורמער אַזוי מעכטיק געוואָרפן, אַז ער האָט
זיי צעקלאַפּט, צעהאַקט, קיין שריד-ופליט פון זיי נישט געלאָזט,
אפילו די געפאַנגענע האָט ער געהייסן דערטרינקען. דער הער
סטאַראָסטע, וועמען די הילף איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן, האָט
דעם אויסלייזער געדאַנקט און באַלד אים מיט כּיבוד אויפגענו-
מען, און הער אַנדזשעי, זענדיק פאַר זיך אַ חשוב און אַ מלוכה-
מאַן, און דערצו אַ מענטש פון אַלטן שניט, האָט ער פאַר אים
נישט פאַרהוילן זיין נשמה צו די שוועדן און גענומען אויספרעגן,
וואָס ער טראַכט וועגן דעם להבאדיקן גורל פון דער רעפּובליק,
ה פנדיק, אַז דער הער סטאַראָסטע וועט אים אַ באַלזאַם אין דער
נשמה אַריינגיסן.

אָבער דער הער סטאַראָסטע האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדערן
ק וק אויף דעם, וואָס איז געשען, און ער האָט געזאָגט:

— גנעדיקער הער! כ'ווייס נישט, וואָס איך וואָלט אייך
געזאָגט, ווען איר וואָלט מיך געפרעגט דאַמאָלס, ווען איך האָב
נאָך געהאַט געלע וואָנסעס און מיינע אויגן זענען נאָך געווען
פאַרבלענדט פון קערפּערלעכע גלוסטעניש, אָבער היינט האָב
איך גרויע וואָנסעס און נסיונות פון זיבעציק יאָר אויפן קאַרק;
כ'זע זאַכן, וואָס וועלן קומען, ווייל כ'שטיי נאָענט צום קבר, דער-
פאַר וועל איך דיר זאָגן, אַז די שוועדישע מאַכט וועלן נישט בלויז
מיר, ווען אפילו מיר זאָלן אונדזערע חסרונות אויסבעסערן, נאָר
גאַנץ איראָפּאַ נישט צעברעכן ..

— ווי אַזוי קען דאָס אָבער זיין? פון וואַנען האָט זיך דאָס
גענומען?! — האָט קמיטשיק אויסגעשריגן — ווען איז דאָס
שוועדן געווען אַזאַ מאַכט? איז דען אויף דער וועלט נישט פאַר-
האַן מער פאָליאַקן, קענען מיר דען נישט האָבן מער חייל? איז

דען אונדזער מיליטער ווען עס איז אין גבורות פון די שוועדן אָפּגעשטאַנען?

— אונדזער פאָלק איז צען מאָל אַזוי גרויס; מיט שפּע האָט אונדז גאָט אַזוי געבענטשט, אַז אין מיין סאָכאַטשאָווער סטאַראָסטווע וואַקסט מער ווייץ, ווי אין גאַנץ שוועדן, און וואָס שייך גבורות, בין איך געווען באַ קירכאָלם, וו מיר האָבן מיט דריי טויזנט הוזאַרן אַכצען טויזנט פון די בעסטע שוועדישע זעלנער אויף שטויב צעריבן.

— אויב אַזוי — האָט קמיטשיץ געזאָגט און די אויגן האָבן אים אַזש אויפגעבליצט באַם דערמאָנען קירכהאָלם — וואָס זענען די ערדישע סיבות, צוליב וועלכע מיר זאָלן זיי אויך איצט נישט קענען ביַיקומען?

— קודם־כל דאָס — האָט דער זקן געלאַסן געזאָגט — וואָס מיר זענען קליין געוואָרן און זיי זענען אויסגעוואַקסן, וואָס זיי האָבן אונדז, דורך אונדז אַליין מיט אונדזערע אייגענע הענט מנצח געווען, נאָר־קט ווי זיי האָבן פריער די דייטשן דורך די דייטשן מנצח געווען. אַזוי איז גאָטס רצון און איך זאָג נאָכאַמאָל, אַז עס איז נישטאָ אַזאַ מאַכט, וואָס זאָל זיך זיי קענען היינט אַקעגנשטעלן!

— און אויב די שליאַכטע וועט קומען צום שכל און אַרום איר האַר זיך זאַמלען, אויב אַלע וועלן זיך צום כלי־זין כאַפּן, וואָס איז אייער עצה דאַמאָלס צו טון און וואָס וועט איר אַליין טון?

— דאַמאָלס וועל איך גיין מיט אַלע, וועל פאַלן און יעדן צורעדן צו פאַלן, ווייל דערנאָך וועלן קומען אַזעלכע צייטן, וועלכע ס'איז בעסער נישט צו דערלעבן...

— קיין ערגערע קענען שוין נישט קומען, אַזוי וואָר ווי איך לעב, קיין ערגערע קענען שוין נישט קומען!... דאָס איז נישט מעגלעך!... — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— זעט איר — האָט דער העלער סטאַראָסטע געזאָגט — פאַרן אונטערגאַנג פון דער וועלט און פאַרן יום־הדין וועט קומען דער שטן און עס שטייט געשריבן, אַז די רשעים וועלן באַ-

קומען די אויבערהאנט איבער די צדיקים, די שדים וועלן איבער דער וועלט ארומגיין, די פאלשע אמונה פרעדיקן און די מענטשן צו איר באקערן. אויף גאטס באפעל וועט אומעטום די רשעות גיבר זיין, ביז צו יענעם מאמענט, ווען די מלאכים וועלן מיט שופרות דעם אונטערגאנג פון דער וועלט אנזאגן...

דא האט דער הער סטאראסטע זיך אריבערגעבויגן אויפן א..לען פון שטול, אויף וועלכן ער איז געזעסן, האט צוגעמאכט די אויגן און ווייטער געזאגט מיט א שטילער, סודותדיקער שטים:

— עס שטייט געשריבן, אז עס וועלן זיין סימנים... סימנים אויף דער זון אין דער געשטאלט פון א האנט און א שווערט זענען געוועןֹ... גאט, דערבארעם דיך איבער אונדז זינדיקע בשר-ודמס!... די רשעים באקומען די אויבער-האנט איבער צדיקים. ווייל דער שווער און זייבע אנהענגער זענען מנצח... דאס אמתע גלייבן פאלט, ווייל אט דערהייבן זיך די לוטעראנער... מענטשן! זעט איר דען נישט, אז עס דערנענטערט זיך דער טאג פון גאטס צארן און גאטס משפט... איך בין זיבעציק יאר אלט, שטיי באם ברעג פון סטיקס און קוק אויס אויף דעם איבערפירער און אויף דעם שיפל... איך זע!...

דא איז דער הער סטאראסטע אנטשוויגן געווארן, און קמיטשיץ האט גענומען אויף אים קוקן מיט פחד, ווייל די ראיות האבן אים אויסגעוויזן צו זיין גערעכט, די מסבות ריכטיק, ער האט דעריבער זיך דערשראקן פארן משפט און זיך טיף פארטראכט.

אבער דער הער סטאראסטע האט נישט געקוקט אויף אים, נאר פאר זיך און צום סוף געזאגט:

— און ווי אזוי זאל מען דא די שוועדן מנצח זיין, אז דאס איז א גזרה פון גאט, א בפירושער רצון, וואס די נביאים האבן מגלה געווען און פארויסגעזאגט... אוי, קיין טשענסטאכאווע, מענטשן, קיין טשענסטאכאווע!..

און ווידער איז דער סטאראסטע אנטשוויגן געווארן

די זון איז גראד פארגאנגען און שוין באר פון א זייט

אריינגעקוקט אין שטוב, זיך געבראָכן אין אַ רעגן-בויגן אויף די גלעזערנע אין בליי איינגעפאַסטע כּלים און געצייכנט זיבן-קאָליריקע שטרייפן אויף דער פּאָדלאָגע, די רעשט שטוב איז געווען אין שאָטן. קמיטשיץ האָט וואָס אַמאָל אַ גרעסערע אימה אַרומגענומען און ווײַלנווײַז האָט זיך אים געדוכטן, אַז ווי נאָר דאָס-דאָזיקע ליכט וועט פאַרשווינדן, וועלן די שופרות פון די מלאכים באַלד רופן צום משפּט.

— וועגן וועלכע נביאות רעדט איר דען? — האָט ער צום סוף געפרעגט דעם סטאַראָסטע, ווײַל דאָס שטילשווײַגן איז פאַר אים געווען נאָך אימהדיקער.

אָנשטאָט צו ענטפערן האָט דער סטאַראָסטע זיך אויסגעדרייט צו דער דערלעבנדיקער שטוב און אויסגערופן:

— אָלענקאָ! אָלענקאָ!

— גאָט מײַנער! — האָט הער קמיטשיץ אַ געשריי געטאָן — וועמען רופט איר?...

אין דער רגע האָט ער געגלייבט אין אַלץ, ער האָט געגלייבט, אַז זיין אָלענקאָ, וועלכע איז דורך אַ נס פון קיידאַני אַהערגעבראַכט געוואָרן, וועט זיך באַווייזן פאַר זיינע אויגן.

און ער האָט פאַרגעסן וועגן אַלץ, דעם בליק אין דער טיר איינגעגראָבן און געוואַרט מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

— אָלענקאָ! אָלענקאָ! — האָט דער סטאַראָסטע איבערגעחזרט.

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט; עס איז אַריינגעקומען נישט פריילין בילעוויטש, נאָר אַ שיין, דאַר, הויך מיידל, אַ ביסל אַן אָלענקאַן געראָטן מיט דער ערנסטקייט אויפן פּנים און דער רויקייט, וואָס איז אויף אים געווען אויסגעגאָסן. זי איז געווען בלאַס, אפשר קראַנק, און אפשר פון דעם לאַנגן איבערפאַל איבערגעשראָקן און זי איז געגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, עפּעס אַזוי ליכט און שטיל, ווי געטראָגן פון עפּעס אַ לייכטן ווינטל.

— דאָס איז מיין טאָכטער — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט — די זין זענען איבערהיים נישטאָ. זיי זענען ביים קראַ-

קאָווער האַר און מיט אים איניינעם באַ אונדזער אומגליקלעכן אויסדערוויילטן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דער טאָכטער:

— דאַנק צוערשט דעמדאָזיקן העלדישן ריטער פאַר דער רעטונג און דערנאָך לייען אונדז פאַר די נביאות פון דער הייליקער בריגידע.

דאָס מיידל האָט זיך פאַרנייגט פאַרן הער אַנדזשעי און איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי צוריקגעקומען מיט געדרוקטע בלעטלעך פּאַפּיר אין האַנט און בלייבנדיק שטיין אין יענעם רעגנבויגנדיקן ליכט האָט זי גענומען לייענען מיט אַ קלינגענדיקער און זיסער שטים:

— די נביאות פון דער הייליקער בריגידע: „כ'וועל דיר צוערשט ווייזן פינף מלכים און זייערע מלוכות: גוסטאַוו דער זון פון עריק, אַ פוילער אייזל, ווייל ער האָט פאַרלאָזט די עכטע אמונה און אָנגענומען די פאַלשע. אַוועקוואַרפנדיק דאָס אַפּאָסטאָלישע גלויבן, האָט ער איינגעפירט אין קעניגרייך די אויגסבורגישע אמונה, פאַררעכנענדיק זיך דעם שאַנד-פלעק פאַר אַ רום. זע קהלת. ווו עס ווערט וועגן שלמהן געזאָגט, אַז ער האָט זיין רום באַפלעקט דורך געצנדינערײ...

— איר הערט? — האָט דער סטאַראָסטע געפרעגט, ווייזנדיק קמיטשיצן דעם גראָבן פינגער פון דער לינקער האַנט, האַלטנדיק די איבעריקע גרייט צום ציילן.

— כ'הער.

— „עריק, דער זון פון גוסטאַוו, אַ וואָלף וועגן זיין אומגעזעטיקטער גיריקייט (האָט דאָס מיידל געלייענט), צוליב וואָס ער האָט קעגן זיך אַרויסגערופן די שנאה פון אַלע מענטשן און פון ברודער יאַן. צוערשט האָט ער יאַנען (וועמען ער האָט חושד געווען אין אינטריגעס מיט דענעמאַרק און מיט פוילן) דורך אַ מלחמה פאַרפייניקט און כאַפּנדיק אים צוזאַמען מיטן ווייב האָט ער אים פיר יאָר אין תפיסה געהאַלטן. יאַן, וועלכער האָט זיך לסוף פון דער תפיסה אַרויסגעריסן און איז דורך דער השגחה געהאָלפן געוואָרן, האָט מנצח געווען עריקן, אים די קרוין אַראָפּ-

געמומען און אין אַן אייביקע תּפֿיסה אַרײַנגעוואָרפֿן. אָט איז אַ נישט פֿאַרויסגעזעענער פֿאַל!"

— געדענק — האָט דער סטאַראַסטע געזאָגט — דאָס איז שוין דער צווייטער!

דאָס מיידל האָט ווייטער געלייענט:

— „יאַן, עריקס ברודער, אַ הויך־פֿליענדיקער אָדלער, דריי־מאָליקער זיגער איבער עריקן, דענעמאַרק און דעם צפֿון־לאַנד. זיין זון זיגמונט איז אויפֿן פּוילישן טראָן אויסגעקליבן געוואָרן און אין זיינע אָדערן פֿליסט איידל־בלוט. אַ לויב זיינע קינ־דער!"

— פֿאַרשטייסט? — האָט דער סטאַראָסטע געפֿרעגט.

— זאָל גאָט געבן יאַן קאַזשימיעזשן אריכת־ימים! — האָט קמיטשיץ געענטפֿערט.

— „קאַרל, דער פֿירשט פֿון זודערמאַן: אַ באָק, ווייל ווי די בעק פֿירן די סטאַדע, אַזוי האָט ער די שוועדן דערפֿירט צו אַ מנערעכטיקייטן. ער איז אויך עוולות באַגאַנגען."

— דאָס איז שוין דער פֿערטער! — האָט דער סטאַראָס־טע איבערגעריסן.

— דער פֿינפֿטער. גוסטאַוו אַדאָלף (האָט דאָס מיידל גע־לייענט) איז אַ געקוילעט לעמעלע, אָבער נישט אָן אַ פּגימה, און זיין בלוט האָט גורם געווען ליידן און סכסוכים."

— יאָ! דאָס איז גוסטאַוו אַדאָלף — האָט דער סטאַראָס־טע געזאָגט — וועגן קריסטינען ווערט נישט דערמאַנט, ווייל בלויז מאַנסבילן זענען אויסגערעכנט. לייען איצט דעם סוף, וואָס באַציט זיך אַקוראַט אויף די היינטיקע צייטן.

דאָס מיידל האָט געלייענט דאָס ווייטע־דיקע;

— „דעם זעקסטן וועל איך דיר ווייזן, וואָס וועט דעם ים און די יבשה באַאומרויקן, די פּראָסטע באַטריבן... וואָס וועט די צייט פֿון מיין שטראָף אין זיינע הענט לייגן. אויב ער וועט גיך דאָס זיניקע נישט דערגרייכן, וועל איך אים משפּטן און

ער וועט לאָזן זיין מלוכה אין פּיין און אין ווייטיק און עס וועט געשען אַזוי ווי עס שטייט געשריבן: זיי וועלן זייען תּעניתים און שניידן פּיין און ווייטיק. נישט בלויז דאָס קעניגרייך וועט מיין שטראָף טרעפן, נאָר אויך די רייכע און מעכטיקע שטעט, ווייל מ'האָט גערופן דעם הונגעריקן, וואָס וועט זייער האָב און גוטס פאַרצערן. עס וועט אויך נישט פעלן קיין אייגענע רשעות און עס וועלן זיך מערן די מחלוקתן. געוועלטיקן וועלן באַראָבים, און די חכמים און זקנים וועלן דעם קאָפּ נישט אויפהייבן. דער כּבוד און אמת וועלן פאַלן, ביז עס וועט קומען דער, וואָס וועט מיין גרימצאָרן איבערבעטן און זיין נשמה ברענגען אַ קרבן פאַרן אמת".

— האָט איר! — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט.

— אַלץ ווערט מקוים אַזוי, אַז נאָר אַ בלינדער קען צווייפלען! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן.

— דערפאַר קענען אויך די שוועדן נישט באַזיגט ווערן! — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט.

— אָבער ס'וועט קומען דער, וואָס וועט זיין נשמה ברענגען אַ קרבן פאַרן אמת! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן, — די נביאות לאָזט איבער אַ האָפענונג! נישט אַ משפט, נאָר אַ ישועה וואַרט אויף אונדז!

— סדום האָט געזאָלט פאַרשוויגט ווערן, ווען עס וואָלטן זיך אין איר נאָר צען צדיקים געפינען, — האָט דער סטאַראָסטע געענטפערט — אָבער עס האָבן זיך אפילו קיין צען צדיקים אויך נישט געפונען. פּונקט אַזוי וועט זיך אויך נישט געפינען דער, וואָס וועט זיין נשמה אַ קרבן פאַרן אמת ברענגען, און די שעה פון גאָטס משפט וועט שלאָגן.

— הער סטאַראָסטע, הער סטאַראָסטע, ס'קען נישט זיין! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

נאָר איידער דער סטאַראָסטע האָט געענטפערט, האָט די טיר זיך אויפגעמאַכט און אין שטוב איז אַריין אַ שוין נישט יונגער מענטש, אין אַ פאַנצער און מיט אַ בוקס אין דער האַנט.

— הער שטשעבזשיצקי? — האָט דער סטאַראָסטע גע־פרעגט.

— יאָ — האָט דער צריינגעקומענער געענטפערט — כ'האָב געהערט, אַז די גזלנים האָבן דעם הויך־וויל־געבוירענעם האַר באַלאַגערט און כ'האָב מיט דער דינערשאַפט געאיילט אַהער צו הילף.

— אַז גאָט וויל נישט, וועט דעם מענטש קיין האָר פון קאָפּ נישט גערירט ווערן — האָט דער זקן געזאָגט — דערדאָזיקער ריטער האָט מיך שוין פון דער קלעם באַפרייט... און פונוואַנען פאָרט איר?

— פון סאָכאַטשעוו.

— איר האָט געהערט עפּעס נייעס?

— יעדע נייעס איז אַ נייע צרה, הויך־וויל־געבוירענער סטאַראָסטע. אַ פריש אומגליק...

— וואָס איז געשען?

— די וואָיעוואָדסטוועס: די קראָקאָווער, סאַנדאָמיעזשער, רוטענישע, לובלינער, בעלזער, וואָלינער און קיעווער האָבן זיך קאַרל גוסטאַוון אונטערגעגעבן. דער אַקט איז שוין אונטערגעשריבן דורך די שליחים, אי דורך קאַרלן.

דער סטאַראָסטע האָט גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ, לסוף האָט ער זיך געווענדט צו קמיטשיצן:

— זעט — האָט ער געזאָגט — און איר מיינט נאָך, אַז עס וועט זיך געפינען דער, וואָס וועט זיין נשמה ברענגען אַ קרבן פאַרן אמת?

קמיטשיץ האָט זיך גענומען ציפּן די האָר פון דער טשופּרינע.

— אַן אומגליק! אַן אומגליק! — האָט ער אין אויפרעגונג איבערגעחזרט.

און הער שטשעבזשיצקי האָט ווייטער געזאָגט:

— מ'דערציילט אויך, אַז די רעשטלעך מיליטער, וואָס געפינען זיך באַם הער העטמאַן פּאָטאָצקי, זאָגן זיך שוין אָפּ צו געהאָרכן און ווילן גיין צום שוועד. אַ סברה, אַז דער העטמאַן איז

מיט זיין געזונט און לעבן צווישן זיי נישט זיכער, ער מוז טון וואָס זיי ווילן.

— זיי זייען תּצביגים און שניידן פּיין און ווייטיק — האָט דער סטאַראָסטע געזאָגט — ווער עס וויל אָפּקומען פאַר זיינע זינד, פאַר דעם איז געקומען די צייט!

אָבער קמיטשיץ האָט שוין נישט געקענט מער הערן נישט די נביאות און נישט די בייע׳; ער האָט געוואָלט וואָס גיכער זיך זעצן אויפן פערד און דעם קאָפּ אויף דער לופט אָפּקילן. ער האָט זיך דעריבער אויפגעכאַפּט און גענומען זיך געזעגענען מיטן סטאַראָסטע.

— און וווהין איילט איר זיך דאָס אַזוי? — האָט אים דער זקן געפרעגט.

— קיין טשענסטאָכאָוו, ווייל איך בין אויך אַ זינדיקער.

— אויב אַזוי וועל איך אייך נישט פאַרהאַלטן, הגם כ׳וואָלט אייך גערן וועלן האָבן פאַר אַ גאַסט, אָבער דאָס איז וויכטיקער, ווייל דער יום־הדין איז נישט ווייט.

קמיטשיץ איז אַרויסגעגאַנגען און נאָך אים איז אַרויסגעגאַנגען דאָס פריילין, ווילנדיק אויפן אָרט פון פאָטער דעם אָפּפאָרנדיקן כבוד צוטיילן, ווייל דער סטאַראָסטע איז שוין געווען שוואַך אויף די פיס.

— בלייבט געזונט, פריילין — האָט קמיטשיץ געזאָגט — איר ווייסט נישט, וויפיל גוטס איך גין אייך!

— אויב איר גינט מיר גוטס — האָט דאָס פריילין דערויף געענטפערט — טאָ טוט מיר איין טובה. איר פאָרט קיין טשענסטאָכאָוו... אָט איז אַ גאָלד־גילדן... נעמט אים און גיט אויף אַ תּפילה אין דער קירך...

— פאַר וועמען? האָט קמיטשיץ געפרעגט.

די נביאה האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, אַן עצבות האָט באַגאָסן איר פּנים און צו דער זעלבער צייט האָט אַ שוואַכע רויטקייט אַרויסגעשלאָגן אויף אירע באַקן און זי האָט אָנגעענטפערט מיט אַ שטילער, צו אַ בלעטער־שאָרך ענלעכער שטים;

— פאַר אַנדזשעין, כדי גאָט זאָל אים פון זינדיקן וועג ראָפּפירן. ..

קמיטשיק האָט זיך צוריקגעצויגן אויף צוויי טריט, האָט די אויגן אַרויסגעגלאָצט און פון פּאַ־חידושטקייט האָט ער אַ ווײַלע קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן.

— גאָט מײַנער! — האָט ער לסוף געזאָגט — וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז? ווו בין איך?... בלויז נביאות, וואָרזאָגענישן און רמזים... איר הייסט אַלענקאַ און גיט אויף אַ תפילה פאַרן זינדיקן אַנ־זשעי?... דאָס קען נישט זײַן קיין פּשוטער טראַף, דאָס איז אַן אצבע־אלהים... דאָס... דאָס... איך וועל משוגע ווערן!... גאָט מײַנער, כ׳וועל משוגע ווערן!...

— וואָס איז אײַך?

אָבער ער האָט זי האַסטיק פאַר די הענט אָנגעכאַפּט און גענומען זיי טרייסלען.

— זאָגט מיר ווײַטער נביאות, זאָגט ביז צום סוף!... אויב יונגער אַנדזשעי וועט תשובה־טון און אויף די זינד מכפר זײַן, וועט אים אַלענקאַ געטריי בלײַבן?... זאָגט, ענטפערט, ווײַל איך וועל אַן דעם נישט אָוועקפאָרן!...

— וואָס איז אײַך?

— וועט אים אַלענקאַ געטריי בלײַבן? — האָט קמיטשיק איבע־געחזרט.

דעם מיידל האָבן זיך מיטאַמאָל טרערן געלאָזט פון די אויגן.

— ביז צום לעצט אָטעם־צוג, ביז יציאת־נשמה! — האָט זי געענטפערט מיט אַ זיפץ.

זי האָט נאָך נישט געענדיקט, ווי הער קמיטשיק האָט זיך שוין אַ־ וי גרויס ווי ער איז אַ וואָרף געטון צו אירע פיס. זי האָט געוואָלט אַנטלויפן, האָט ער נישט געלאָזט און קושנדיק אי־ רע פיס האָט ער איבערגעחזרט:

— איך בין אויך אַ זינדיקע־ אַנדזשעי, וועלכער וויל תשובה טון!... איך האָב אויך אַן אַלענקאַ, וועלכע איך ליב. זאָל אייער תשובה טון און מײַנע מיר געטריי בלײַבן...

זאָלן אײַערע װערטער מקוים װערן װי די װערטער פֿון אַ נבֿיא.. אַ באַזאַם און אַ האָפֿנונג האָט איר מיר אַרײַנגעגאָסן אין די געפּײניקטע נשמה... זאָל אײַך גאָט באַלױנען, זאָל אײַך גאָט באַלױנען!

דאָ האָט ער זיך אױפֿגעכאַפּט, געזעצט אױפֿן פֿערד און אַװעקגעפֿאָרן.

11. קאַפּיטל.

די ווערטער פון סאָבאַטשעווער סטאַראָסטעס מיידל האָבן דעם הער קמיטשיץ צוגעגעבן אַ סך מוט און אין משך פון דריי טעג זענען זיי אים געלעגן אין זכרון. באַטאָג אויפן פערד, בײַנאַכט אין בעט האָט ער געטראַכט וועגן דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן און ער איז שטענדיק געקומען צו דער מסקנא, אַז דאָס האָט נישט געקענט זיין קיין פשוטער צופאַל, נאָר גיכער אַ רמז פון גאָט און אַן אָנזאָג, אַז אויב ער וועט אויסהאַלטן, אויב ער וועט פון דרך־הישר נישט אַראָפּגיין, פון יענעם דרך טאָקע, וועלכן אָלענקאַ האָט אים אָנגעוויזן, וועט אים דאָס מיידל בלייבן געטריי און מיט דער אַמאָליקער ליבשאַפט באַשענקען.

— ווייל אויב דעם סטאַראָסטעס טאָכטער — האָט הער קמיטשיץ געטראַכט — איז געטריי איר אַנדזשעי, וועלכער האָט ביז איצט נאָך נישט תשובה־געטאָן, איז פאַר מיר, וואָס האָט די ערלעכע כוונה צו דינען דעם פאָטערלאַנד, דער גערעכטיקייט און דעם קעניג, נאָך אויך דאָ אַ האָפֿנונג!

אָבער פון דער צווייטער זייט האָט דעם הער אַנדזשעי

אויך נישט געפעלט קיין עגמת־נפש. אן ערלעכע כוונה האָט ער געהאַט, אָבער צי האָט ער נישט צו שפּעט זיך מיישב געווען? צי איז נאָך געווען וועלכער עס איז וועג, וועלכע עס איז מעגלעכקייט? די רעפּובליק איז דאַכט זיך מיט יעדן טאָג טיפער געזונקען און ס'איז שווער געווען צו פאַרמאַכן די אויגן אויף דעם שרעקלעכן אמת אַז עס איז פאַר איר קיין רעטונג נישטאָ. קמיטשיץ האָט זיך גאָרנישט מער געוואונטשן, ווי זיך צו נעמען צו עפּעס אַן אַרבעט, ער האָט אָבער קיין בעלנים דערויף נישט געזען. בשעת זיין נסיעה האָבן זיך פאַר אים דורכגערוקט אַלע נייע געשטאַלטן, אַלע נייע פּנימער, אָבער זייער אָנבליק, דאָס זויסהערן זייערע רייד און וויכוחים האָט בײַ אים נאָך צוגענומען די רעשט האָפענונג.

א טייל זענען מיט לייב און לעבן אַריבער אין שוועדישן לאַגער, זוכנדיק אין אים פּערזענלעכן נוצן; זיי האָבן געטרונקען, געהוליעט און זיך משמח געווען ווי אויף א טרויער־מאָל, דערטרינקענדיק אין דער משקה און אין דער אויסגעלאַסנקייט די בושה און דאָס שלאַכטיצקע כבוד־געפיל.

א צווייטער טייל האָט אין אַן אומפאַרשטענדלעכער פאַרבלענדטקייט גערעדט וועגן דער מאַכט, וואָס די רעפּובליק וועט בילדן אין פאַרייניקונג מיט שוועדן, אונטער דער ממשלה פון דעם ערשטן מלחמה־מאַן אין דער וועלט, און זיי זענען געווען די געפערלעכסטע, ווייל זיי זענען באמת געווען איבערצייגט, אַז די גאַנצע וועלט מוז בויגן די קאָפּ פאַר אַזאַ פאַרייניקונג.

א דריטער טייל, מענטשן איידעלע און דעם פאָטערלאַנד גוטס גינענדיקע, ווי דער הער סאָכאַטשעווער סטאַראָסטע, האָבן זיך געגריבלט אין סימנים אויף דער ערד און אויפן הימל, האָבן איבערגעחזרט נביאות אין איינזעניק, אַז אַלץ, וואָס איז געשען, איז גאָטס רצון און באַשערט פון דער השגחה עליונה. זענען זיי געקומען צו דער מסקנא, אַז עס איז נישטאָ קיין האָפענונג, אַז עס איז נישטאָ קיין רעטונג, אַז די וועלט ענדיקט זיך — ס'וואָלט דעריבער געווען א משוגעת צו טראַכטן וועגן אַן ערדישער גאולה און נישט וועגן א הימלישער אויסלייזונג.

אַנדערע צולעצט, האָבן זיך באַהאַלטן אין די וועלדער
אָדער זיי זײַנען מיטן לעבן קיין אויסלאַנד אַנטקומען.
אַזוי האָט הער קמיטשיץ באַגעגנט בלויז צעלאָזענע,
פֿאַרדאַרבענע, משוגענע, אָדער שרעקעוודיקע, אָדער אָפּהענטיקע;
מענטשן מיט בטחון האָט ער נישט באַגעגנט.
און דערווײַל איז די שוועדישע הצלחה געוואַקסן. די ידיעות,
אַז די רעשטלעך מיליטער געבעטעוון זיך, רעדן זיך צונויף,
דראָען די העטמאַנס און ווילן איבערגיין צו די שוועדן, איז מיט
יעדן טאָג געוואָרן מער קרוב לאמת. דער קלאַנג, אַז דער הער
כאַראַנזשי קאָניעצפּאָלסקי האָט זיך אונטערגעגעבן קאַרל גוסטאַוון
האָט ווי אַ דונער זיך צעהילכט איבער אַלע עקן רעפּובליק
און פֿאַרטריבן דעם רעשט גלויבן פֿון די הערצער, ווײַל הער
קאָניעצפּאָלסקי איז דאָך געווען אַ זבאַראַזשער ריטער. מיט אים
זײַנען מיטגעגאַנגען דער הער סטאַראָסטע יאַוואָרסקי און פֿירשט
דימיטר ווישניאָוויעצקי, וועלכן ס'האָט נישט צוריקגעהאַלטן דער
מיט אומשטערבלעכן רום באַדעקטער נאָמען.

ס'האָבן זיך שוין גענומען וועקן ספקות אויך וועגן הער מאַר-
שאַל לובאָמירסקי. די, וואָס האָבן אים גוט געקענט, האָבן פֿאַר-
זיכערט, אַז ער האָט מער אַמביציע ווי שכל און ליבע צום פֿאָ-
טערלאַנד, אַז ער איז ביז איצט געשטאַנען אויף דער זײַט פֿון
קעניג, ווײַל עס איז אים געפֿעלן געוואָרן, וואָס אַלעמענס אויגן
זענען צו אים געווענדט, וואָס דער און יענער צד האָט
אים געצויגן, פֿאַרבעטן, וואָס מ'האָט אים אײַנגערעדט, אַז ער
האַלט דעם גורל פֿון דער רעפּובליק אין דער האַנט. זעענדיק
אָבער די הצלחה פֿון די שוועדן האָט ער גענומען זיך וואַקלען,
קווענקלען און וואָס אַמאָל דײַטלעכער, פֿאַר זײַן אייגענער גאווה-
וועגן, געגעבן צו פֿילן דעם אומגליקלעכן יאַן קאַזימיעזש, אַז
ער קען אים אויסלייזן, אָדער אײַנגאַנצן באַגראָבן.

ד״ר קעניג בעזונדיק איז געזעסן אין גלאָגאָווּ, און פֿון
דעם הייפֿל געטרײַע, וואָס האָבן זײַן גורל מיטגעמאַכט, האָט אים
יעדעס מאָל עמעצער פֿאַרלאָזט און צו די שוועדן אַריבערגעגאַנ-
גען. אַזוי גיבן זיך אונטער שוואַכע און אין אַן עת-צרה, אפֿילו

אַזעלכע, וואָס דאָס האַרץ הייסט זיי גיין מיט דעם ערלעכן און ראַרניקן וועג. קאַרל גוסטאַוו האָט זיי אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, באַלוינט, הרים-וגבעות צוגעזאָגט די רעשט געטרייע געלאָקט און איבערגעצויגן, וואָס אַמאָל ברייטער די ממשלה אויסגעשפרייט; דאָס מזל אַליין האָט אים פון פאַר די פיס באַזייטיקט אַלע מכשולים, מיט פוילישע כוחות האָט ער פוילן אונטעריאָכט, אָן אַ שלאַכט באַזיגט.

רייען פון וואָיעוואָדעס, קאַשטעלאַנען, קרוין-פוילישע און ליטווישע באַאַמטע, גאַנצע מאַסן פון באַזאָפנטער שליאַכטע, אַנצע פולק פון דער אומפאַרגלייכלעכער פוילישער קאַוואַלעריע, זענען געשטאַנען אין זיין לאַגער, קוקנדיק אין די אויגן פון נייעם מושל, גרייט צו פאָלגן יעדן ווינק זיינעם.

די רעשטלעך פון קרוין-פוילישן חיל, האָבן וואָס אַמאָל עקשנותדיקער גערופן צו זייער העטמאַן: „גיי בויג אַראָפּ דעם גרויסן קאָפּ פאַר קאַרלס מאַיעסטעט... גיי, ווייל מיר ווילן צו די שוועדן געהערן!"

— צו די שוועדן! צו די שוועדן!

און צו דער זעלבער צייט האָט די מלחמה אויפן מזרח כּסדר געפלאַקערט. דער שרעקלעכער כמיעלניצקי האָט ווידער באַלאַגערט לוואוו, און די מחנות פון זיינע פאַרבינדעטע האָבן, דורכשווימענדיק לעבן די אומבאַזיגבאַרע מויערן פון זאַמאָשטש, זיך צעפלייצט איבער דער גאַנצער לובלינער וואָיעוואָדסטווע, גרייכנדיק ביז לובלין גופא.

ליטע איז געווען אין די שוועדישע און אין כאָוואַנסקיס הענט. ראַדזיוויל האָט אָנגעהויבן אַ מלחמה אין פּאָלעסיע; דער קורפירשט האָט געצעגערט און אַ ליאַדע רגע געקענט געבן אַ טויט-קלאַפּ דער גוססדיקער רעפּובליק, דערווייל האָט ער זיך אין קעניגלעכן פּרייסן באַפעסטיקט.

דעפּוטאַציעס פון אַלע זייטן זענען געפאָרן צום שוועדישן קעניג ווינטשן אים צוליבן גליקלעכן נצחון.

ס'האָט אָנגערוקט דער ווינטער, די בלעטער זענען אַראָפּגעפאַלן פון די ביימער, סטאַדעס פון ראָבן און ווראָנעס האָבן

פאַרלאָזנדיק די וועלדער זיך אויפגעהויבן איבער די דערפער און שטעט פון דער רעפּובליק.

הינטער פּיאָטרקוו איז קמיטשיק ווידער אַריינגעפאָרן אין שוועדישע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן פאַרנומען אַלע טראַקטן און וועגן. מאַנכע האָבן נאָכן איינגעמען קראָקע מאַרשירט צו וואַרשע צו, וואָרים מ׳האָט געזאָגט, אַז נאָכן עם, ווי די דרומדיקע און מזרחדיקע וואָיעוואָדשאַפטן האָבן קאַרל גוסטאַוו אויסגעדריקט זייערע הכנעה-געפילן און עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן די „קאַפּיטולאַציע", האָט קאַרל גוסטאַוו נאָך געוואַרט נאָר אויפן אונטערגעבן-זיך פון יענע רעשטלעך מיליטער, וואָס זענען געשטאַנען אונטער הער פּאָטאָצקיס און לאַנצקאָראָנסקיס קאָמאַנדע, אַז דערנאָך וועט ער באַלד זיך לאָזן קיין פּרייסן, צוליב וואָס ער שיקט צוערשט אַרויס די חיילות. דעם הער אַנדזשעי, האָט מען אין ערגעץ דעם וועג נישט פאַרשטעלט, ווייל בכלל האָט די שליאַכטע נישט געוועקט קיין חשד און אַ סך באַוואָפנטע פּאַסטעכן האָבן מאַרשירט צוזאַמען מיט די שוועדן; אַנדערע זענען געפאָרן קיין קראָקע, אַמאָל פאַרבייגן זיך פאַרן נייעם האַר, אַמאָל פון אים עפּעס געווינען, מ׳האָט דעריבער קיינעם נישט געפרעגט נישט וועגן דורכפאָר-שיינען, נישט וועגן פּאַסער, בפרט, אַז נאָנט ו קאַרלן, וועלכער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פון אַ לייטזעליקן, האָט מען זיך קיינעם נישט דערוועגט צו טשעפּען.

צום לעצטן מאָל פאַרן אָנקומען קיין טשענסטעכאָוו איז דעם הער אַנדזשעי אויסגעקומען צו נעכטיקן אין קרושינאַ, אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן זיך אויסצולייגן, ווי עס זענען דאָרט אָנגעקומען געסט. צוערשט איז אָנגעקומען אַ שוועדישע אָפּטיילונג, פון בערך הונדערט רייטער, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ פּאָר אָפיצירן און עפּעס אַ חשובן קאַפּיטאַן. געווען איז דאָס אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, מיט אַ גענוג שיינער פיגור, אַ הויך געוואַקסענער, אַ שטאַרקער, אַ ברייט-פּלייציקער, מיט פלינקע אויגן, און הגם ער האָט געטראָגן אַ פרעמדע הלבשה און געהאַט אַ פּנים ממש פון אַן אויסלענדער, האָט ער אַריינקומענדיק אין דער קרעטשמע גערעדט פונדעסטוועגן צום הער אַנדזשעי

אויפֿן ריינסטן פּויליש, אויספֿרעגנדיק אים, ווער ער איז און וווּהין ער פֿאָרט?

הער אַנדזשעי האָט דאָסמאָל געזאָגט, אַז ער איז אַ שליאַכטשיק פֿון קאַכאַנאָװסקער קאַנט, ווייל דעם אָפֿיציר וואָלט דאָך אוודאי געווען אַ חידוש, ווען אַ קורפֿירשטלעכער אונטערטאַן וואָלט זיך אַרומגעוואָלגערט אַזש אין אַזעלכע אָפּגעלעגענע מקומות. דערפֿאַר אָבער, ווען ער האָט דערהערט, אַז הער אַנדזשעי פֿאָרט צום שוועדישן קעניג זיך באַקלאָגן, אַז מ'וויל אים דעם סכום, וואָס קומט אים, נישט סילוקן, האָט דער אָפֿיציר געזאָגט:

— באַם הויך־אַלטאַר דאַוועגט זיך אָמבעסטן און איר טוט גוט, וואָס איר פֿאָרט צום קעניג גופֿא, ווייל הגם ער האָט טויזנטער ענינים אויפֿן קאָפּ, זאָגט ער זיך קיינעם נישט אָפּ אויסצוהערן, און צו אייך, שליאַכטשיצעס, איז ער אַזוי צוגעבייגט, אַז די שוועדן זענען אייך אַזש מקנא.

— עס זאָל נאָר זיין געלט אין דער קאַסע...

— קאַרל גוסטאַוו איז נישט אייער אַמאָליקער יאַן קאַזשימיעזש, וועלכער האָט אפֿילו באַ די ייִדן געמוזט זיך באָרגן, ווייל וויפֿיל ער האָט געהאַט, האָט ער דעם ערשטן, וואָס האָט געבעטן, אָפּגעגעבן. איבעריקנס, זאָל זיך נאָר איין אונטערנעמונג איינגעבן, וועט קיין געלט אין דער קאַסע נישט פֿעלן.

— וועגן וואָס פֿאַר אַן אונטערנעמונג רעדט איר, גנעדיקער הער?

— צו ווייניק קענען מיר זיך, הער ריטער, אַז איך זאָל אייך דעם סוד מגלה זיין. ווייסט נאָר דאָס, אַז אין אַ וואָך אָדער צוויי, וועט די קאַסע פֿון שוועדישן קעניג זיין אַזוי שווער, ווי דעם סולטאַנס.

— בסתמא וועט עפּעס אַן אַלמעכטיקער אים געלט מאַכן, ווייל אויף אַן אַנדערן אופֿן וועט ער עס אין דעם לאַנד נישט קריגן.

— אין דעם לאַנד? געניג די האַנט דרייסט אויסצושטרעקן. און דרייסטקייט וועט אונדז נישט פֿעלן. אַ ראיה האָט איר אין דעם, וואָס מיר געוועלטיקן דאָ.

— אמת! אמת! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — מיר זענען זייער צופרידן פון דערדאָזיקער ממשלה, בפרט, אויב איר וועט אונדז ווײַזן אַ מיטל, ווי אַזוי געלט זי שפּעטער צו קלײַבן...

— דאָזיקע מיטל איז געווען אין אײַער רשות, אָבער איר וואָלט בעסער וועלן פון הונגער אויסגיין, אײדער אײן גראָשען פון דאָרט צו נעמען.

קמיטשיץ האָט שאַרף אַ קוק געטון אויפן אָפיציר.

— ווײַל עס זענען פאַראַן אַזעלכע ערטער, אויף וועלכע די טאַטערס אפילו וואָלטן זיך געשראָקן די האַנט אויפצוהייבן! — האָט ער געזאָגט.

— איר זענט צו קלוג, הער ריטער — האָט דער אָפיציר געענטפערט — און געדענקט, אַז איר פאַרט נאָך געלט נישט צו די טאַטערס, נאָר צו די שוועדן.

דעם ווײַטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן דאָס אָנקומען פון אַ נײַעם פּאָסטן. דער אָפיציר האָט אים אָפּנים אָפּגעוואַרט, ווײַל ער איז אײליק אַרויס פון דער קרעטשמע. קמיטשיץ איז אַרויס נאָך אים און זיך אָפּגעשטעלט אין דער טיר פון פעדערהויז זיך צוקוקן ווער עס קומט אָן.

צוערשט איז פאַרפאָרן אַ פאַרמאַכטע קאַטש, אײנגעשפּאַנט אין פיר פערד און אַרומגערינגלט מיט אַן אָפּטײלונג שוועדישע רײַטער, און זי האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער קרעטשמע. דער אָפיציר, וואָס האָט מיט קמיטשיצן גערעדט, האָט זיך צו איר גיך צוגערוקט, און עפענענדיק די טירלעך האָט ער זיך טיף פאַרבייגט פאַר דער פערזאָן, וואָס איז אינעווייניק געזעסן.

— דאָס מוז זײַן עפּעס אַ חשוב... — האָט קמיטשיץ געטראַכט.

דערווײַל האָט מען פון דער קרעטשמע אַרויסגעטראָגן ברענענדיקע פאַקעלס. פון דער קאַטש האָט זיך אַרויסגעזעצט אַן עלטערער מענטש מיט אַ הד ת-פנים, אָנגעטון אויפן אויסלענדיש, שטײַגער אין שוואַרץ, אין אַ מאַנטל ביז צו די קני, אונטערגעבייט מיט אַ פיקסענעם פעל, און אין אַ קאַפּעליוש מיט פעדערן.

דער אָפּיציר האָט אַ כאַפּ געטון דעם פּאַקעל פון רייטערס הענט און פאַרבייגנדיק זיך נאָכאַמאָל, האָט ער געזאָגט:
— דאָ אַרום, עקסעלענץ!

קמיטשיץ האָט זיך וואָס גיכער אַריקגעצויגן אין דער קרעטשמע, און זיי זענען באַלד אַריין נאָך אים. אין דער שטוב האָט דער אָפּיציר זיך אַ דריט מאָל פאַרנייגט און געזאָגט:

— עקסעלענץ! איך בין ווייהאַרד ווזשעשטשאָוויטש, אָפּיציעלער פּראָוויאַנט-מאַגיסטער פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט קאַרל גוסטאַוו, אַרויסגעשיקט מיט אַ באַגלייטונג באַגעגענען אייער עקסעלענץ.

— ס'איז מיר ליב צו באַקענען זיך מיט אַזאַ געאַכפּערטן ריטער — האָט דער שוואַרץ געקליידעטער חשוב געזאָגט, אָפּענטפערנדיק מיט אַ פאַרנייגונג אויף אַ פאַרנייגונג.

— צי האָט אייער עקסעלענץ בדעה זיך לענגער דאָ אויפצוהאַלטן, אָדער צו פאָרן באַלד ווייטער?... זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט באַגערט וואָס גיכער צו זען אייער עקסעלענץ.

— כ'האָב בדעה געהאַט זיך אָפּצושטעלן אין טשענסטאָכאָוו אויף אַ תפילה — האָט דער נאָר וואָס אָנגעקומענער געענטפערט — אָבער אין ווילון האָב איך אָפּגענומען אַ ידיעה, אַז זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט באַפעלט מיר זיך צו איילן, דעריבער וועלן מיר אַ ביסל זיך אויסרוען און באַלד ווייטער זיך לאָזן אין וועג אַריין, און דערווייל זייט משלח די פריערדיקע באַגלייטונג און דאַנקט דעם קאַפּיטאַן, וואָס האָט זי געפירט.

דער אָפּיציר איז אַוועק אַרויסגעבן די געהעריקע באַפעלן. הנור אַנדזשעי האָט אים פאַרהאַלטן אויפן וועג.

— ווער איז דאָס? — האָט ער געפרעגט.

— באַראָן ליסאָלאַ, דער קייזערלעכער שליח, וועלכער פאָרט פון בראַנדענבורגישן הויף צו אונדזער קעניג — האָט דער אָפּיציר געענטפערט.

באַ דידאָזיקע ווערטער איז ער אַרויסגעגאַנגען אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען.

— די באַפעלן פון אייער עקסעלענץ זענען אויסגעפירט — האָט ער געזאָגט צום באַראָן.

— אַ דאַנק — האָט ליסאַלאַ געענטפערט.

און מיט אַ גרויסער, הגם זייער גדלותדיקער העפלעכקייט האָט ער וזשעשטשאָוויטשן אָנגעוויזן אַן אָרט אַקעגנאיבער זיך.

— אַ ווינט הייבט אָן אין דרויסן צו פייפן — האָט ער געזאָגט — און אַ רעגן קלאַפּט. ס׳וועט אפשר אויסקומען לענגער דאָ צו שטיין. דערווייל וועלן מיר שמועסן פאַרן באַנקעטעסן. וואָס הערט מען דאָ? כ׳האָב געהערט, אַז די קליין־פּוילישע חאָיעוואָדסטוועס האָבן זיך אונטערגעגעבן זיין שוועדישער מאַיעסטעט.

— יאָ, עקסעלענץ. זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט וואַרט נאָך נאָך אויפן אונטערגעבן זיך פון רעשט חייל און דערנאָך וועט ער באַלד זיך לאָזן קיין וואַרשע און קיין פּרייסן.

— איז עס דען זיכער, אַז זיי וועלן זיך אונטערגעבן?

— די מיליטערישע דעפּוטאַציעס זענען שוין אין קראָקע. איבעריקנס, זיי קענען אַנדערש נישט טון, ווייל זיי האָבן נישט קיין ברירה. אויב זיי וועלן צו אונדז נישט אַריבערגיין, וועט כמיעלניצקי פון זיי קיין זכר נישט איבערלאָזן.

ליסאַלאַ האָט זיין פאַרשטענדיקן קאָפּ אויף דער ברוסט אַראָפּגעלאָזט.

— שרעקלעכע, אומדערהערטע זאַכן! — האָט ער געזאָגט.

דער שמועס איז געפירט געוואָרן אין דער דייטשישער שפּראַך. קמיטשיץ האָט פון אים קיין איין וואָרט נישט פאַרלוירן.

— עקסעלענץ — האָט וזשעשטשאָוויטש געענטפערט — וואָס עס איז געשען, האָט געמוזט געשען.

— ס׳קען זיין; ס׳איז אָבער שווער נישט צו האָבן קיין רחמנות אויף דידאָזיקע מאַכט, וואָס איז אין אונדזער אויג

געפֿאַלן און ווער עס איז נישט קיין שוועד, מוז איבער דעם האָבן יסורים.

— איך בין נישט קיין שוועד, אָבער אויב די פּאָליאַקן גופא האָבן נישט קיין יסורים, האָב איך אויך נישט — האָט וושעשטשאָזיטש געענטפערט.

ליסאָלאַ האָט אויף אים אויפמערקזאַם אַ קוק געטאָן.

— אמת, אַז אייער פאַמיליע-נאָמען איז נישט קיין שוועדישער. פון וואָס פאַר אַ פאָלק, כ'בעט אייך?

— כ'בין אַ טשעך.

— אַזוי גאָר! אַן אונטערטאַן פון דייטשישן קייזער, הייסט עס?... דינען מיר דאָך איין האַר.

— איך דין דעם ליכטיקסטן שוועדישן קעניג — האָט וושעשטשאָוויטש געענטפערט מיט אַ פאַרנייגונג.

— איך וויל גאָ נישט פאַרמינערן דעם ווערט פון דער דאָזיקער דינסט — האָט ליסאָלאַ זיך אָנגערופן — אָבער אַזאַ דינסט איז אַ פאַרבייגייענדיקע, און זייענדיק אַן אונטערטאַן פון אונדזער לייטזעליקן האַר, ווי איר זאָלט נישט זיין, און ווען איר זאָלט נישט דינען, קענט איר קיין אַנדערן פאַר אַ נאַטירלעכן אויבער-האַר נישט באַטראַכטן.

— איך לייקן דאָס נישט אָפּ.

— וועל איך אייך דעריבער אויפריכטיק זאָגן, אַז אונדזער האַר איז זיך מצער איבער דער דאָזיקער הערלעכער רעפּובליק, איבערן גורל פון איר גלענצנדיקן מאָנאַרך און ער קען נישט מיט גנאָד און אויך נישט מיט צופרידנקייט קוקן אויף יענע אונטערטאַנען זיינע, וואָס העלפן מיט צו אַ פולשטענדיקער רויִן פון דער באַפריינדעטער מלוכה. וואָס האָבן אייך די פּאָליאַקן געטאָן, וואָס איר ווייזט זיי אַרויס אַזאַ שנאה?...

— עקסעלענץ! אַ סך וואָלט איך דערויף געקענט ענטפערן, אָבער כ'האָב מורא, אַז ס'וועט באַ אייך נישט קלעקן קיין געדולד, עקסעלענץ.

— איר ווייזט מיר אויס צו זיין נישט בלויז אַן אויסגעצייכנטער אָפיציר, נאָר אויך אַ פאַרשטענדיקער מענטש, און

מ׳ר באַפעלט מיין אַמט צו קוקן, הערן, וועגן סבֿ׳ת אויסצופרעגן;
רעדט דעריבער, וואָס מ׳ר באריכות, און האָט נישט קיין מורא,
אַז עס וועט מיר נישט קלעקן קיין געדולד. אדרבא, אויב איר
וועט אַמאָל קומען דינען צום קייזער, וואָס איך ווינטש אייך פון
גאַנצן האַרצן, וועט איר אין מיר געפינען אַ פריינט. וואָס וועט
אויף אייך מלמד־זכות זיין און איבערחזרן אייער התנצלות,
ווען מ׳וואָלט אייך וועלן נעמען פאַר אומגוט די הייניקע דינסט
אייערע.

— אויב אַזוי וועל איך זאָגן אַלץ, וואָס איך האָב אין זי־
נען. ווי אַ סך שליאַכטשיצעס, יינגערע קינדער, האָב איך אויך
געמוזט זוכן גליק כחוץ די גרענעצן פון לאַנד, כ׳בין דעריבער
געקומען אַהער ווו דאָס פולק איז דורך קרובהשאַפט פאַרבונדן
מיט מיין פולק און ווו מען נעמט גערן אָן אויסלענדער אין
דינסט.

— מ׳האָט אייך שלעכט אויפגענומען?

— מ׳האָט מיר איבערגעגעבן צו פאַרוואַלטן מיט די שטיינ־
זאַלץ־סקלאַדעס. כ׳האָב געפונען אַ צוטריט צו פרנסה, צו
מענטשן און צום קעניג אַליין. איצט דין איך די שוועדן, און פונ־
דעסטוועגן, ווען עמעצער וואָלט מיר וועלן אַ מדאַנקבאַרקייט
פאָרוואַרפן, וואָלט איך קעגן דעם געמוזט פראָטעסטירן.

— צוליב וועלכע טעמים?

— צוליב וועלכע טעמים קען מען דען פון מיר פאַרלאַנ־
גען מער, ווי פון די פאָליאַקן גופא? ווו זענען היינט די פאָ־
ליאַקן? ווו זענען די סענאַטאָרן פון דערדאָזיקער מלוכה, די
פירשטן, מאַגנאַטן, שליאַכטע, ריטער, אויב נישט אין שוועדישן
לאַגער? און זענען דאָך די ערשטע מחויב צו וויסן, וואָס זיי
דאַרפן טון, ווו עס איז די ישועה און ווו דער אונטערגאַנג פאַר
זייער פאָטערלאַנד. איך גיי זיי נאָך, ווער פון זיי האָט דעריבער
אַ רעכט מיר אומדאַנקבאַרקייט פאָרצוּוואַרפן? פאַרוואָס עפעס זאָל
איך, אַן אויסלענדער, זיין געטרייער דעם פוילישן קעניג און
דער רעפובליק, ווי זיי אַליין? פאַרוואָס זאָל איך נישט אָננע־
מען די דינסט, וועגן וועלכער זיי אַליין בעטן זיך?

ליסאָלאַ האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט דעם קאָפּ אויף דער האַנט אָנגעשפּאַרט און זיך פאַרטראַכט. מ׳האָט גע־קענט מיינען, אַז ער הערט זיך צו צום געפּייף פון ווינט און גערויש פון האַרבסט־רעגן, וועלכער האָט גענומען קלאַפּן אין די פענסטער פון דער קרעטשמע.

— רעדט ווייטער — האָט ער צום סוף געזאָגט — באמת, אויסטערלישע זאַכן דערציילט איר מיר.

— איך זוך מזל דאָרט, וווּ איך קען עס געפינען — האָט ווזשעשטשאָוויטש געזאָגט — און אַז דאָ דאָזיקע פאָלק גייט אונטער, דאַרף דאָס מיך נישט מער אָנגיין, ווי איך אַליין. איבעריקנס, גען עס וואָלט מיך אפילו יאָ אָנגעגאַנגען, וואָלט עס אויך גאָרנישט געהאָלפן, ווייל זיי מוזן אונטערגיין!

— פאַרוואָס דען?

— קודם־כל דערפאַר, ווייל זיי אַליין ווילן דאָס; צווייטנס, ווייל זיי פאַרדינען דאָס. עקסעלענץ! איז דען פאַראַן אויף דער וועלט נאָך אַ מדינה, וווּ מ׳זאָל קענען צוזען אַזוי פיל פאַרוואָרלאָזטקייט און הפקרות?... וואָס פאַר אַ רעגירונג איז דאָ? דער קעניג רעגירט נישט, ווייל מ׳לאָזט אים נישט... די סיימען רע־גירן נישט, ווייל מ׳רייסט זיי אויף... נישטאָ קיין חייל, ווייל מ׳וויל קיין אָפּגאָבן נישט צאָלן; נישטאָ קיין געהאָרכזאַמקייט, ווייל געהאָרכזאַמקייט איז מיט פרייהייט נישט קיין מחותן; נישטאָ קיין יושר, ווייל עס איז נישטאָ ווער עס זאָל די אורטיילן אויס־פירן און יעדער תקיף טרעט זיי מיט די פיס; נישטאָ אין דאָזיקן פאָלק קיין טרייִשאַפט, ווייל אַט האָבן אַלע זייער האַר פאַרלאָזט; נישטאָ קיין ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד, ווייל מ׳האָט עס די שוועדן אָוועקגעגעבן פאַר דער הבטחה, אַז זיי וועלן זיי נישט שטערן ווי תמיד אין דער אַמאָליקער הפקרות צו לעבן... וווּ נאָך וואָלט עפּעס ענלעכס געקענט זיך טרעפן? וועלכעס פאָלק אויף דער וועלט וואָלט דעם שונא צוגעהאָלפן די אייגענע ערד איינצונעמען? וועלכעס פאָלק וואָלט אַזוי דעם קעניג פאַרלאָזט, נישט פאַר אַכזריותדיקער באַהאַנדלונג, נישט פאַר שלעכטע מעשים, נאָר דערפאַר, וואָס עס איז געקומען אַ צווייטער אַ שטאַרקערער?

ווו איז פאַ־האַן אַ פאָלק, וואָס זאָל די פּריוואַטע ענינים מער זיין איבערגעגעבן, און דער כּלל־זאַך מער טרעטן מיט די פיס? וואָס האָבן זיי, עקסעלענץ? זאָל מיר ווער כאָטש איין מעלה אָנרופן: בעזעצטקייט, אָדער שכל, אָדער דורכגעטריבנקייט, אָדער אויס־דויער־קראַפט, אָדער איינגעהאַלטנקייט? וואָס האָבן זיי? אַ גוטע קאַוואַלעריע? יאָ! און גאָרנישט מער... האָבן דאָך אויך די נומידן בעשמט מיט זייער קאַוואַלעריע, און די גאַלן, ווי מ'קען דאָס ביי די רוימישע היסטאָריקער לייענען, האָבן אויך געהאַט אַ באַרימטע אַרמיי און ווו זענען זיי? זיי זענען אונטערגעגאַנגען, פּונקט ווי זיי מוזן אונטערגיין. ווער עס וויל זיי ראַטעווען, דער פאַרלירט נאָר צייט אומזיסט, ווייל זיי אַליין ווילן זיך נישט ראַטעווען!... בלויז פּרא־אדמס, הפקר־מענטשן, רשעים און פאַרקויפטע נשמות באַוווינען דאָסדאָזיקע לאַנד!

ווזשעשטשאָוויטש האָט די לעצטע ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַן אמתדיקן אויסברוך פון שנאה. וואָס איז אַרויסגעקומען משונהדיק ביי אַן אויסלענדער, וואָס האָט געצויגן זיין חיונה פון דאָזיקן פאָלק; אָבער ליסאָלאַ האָט זיך נישט געחידושט. דער געניטער דיפּלאָמאַט האָט געקענט די וועלט און מענטשן, ער האָט געוווּסט, אַז ווער עס קען נישט צאָלן מיט ליבע זיין בעל־טובה, דער זוכט־אויס אין אים חסרונות, מיט וועלכע ער זאָל קענען די אייגענע אומדאַנקבאַרקייט פאַרדעקן. איבעריקנס, האָט ער אפשר אויך גערעכט געגעבן ווזשעשטשאָוויטשן, ער האָט בכן נישט פּראָטעסטירט; ער האָט אָבער פּלוצלינג געפרעגט:

— הער וויעהאַרד, איר זענט אַ קאַטאָליק?

ווזשעשטשאָוויטש איז צעמישט געוואָרן.

— יאָ, עקסעלענץ! — האָט ער געענטפערט.

— כ'האָב געהערט אין וויעלון, אַז עס זענען פאַראַן אַזעלכע, וואָס רעדן־אָן זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט קאַרל גוסטאַוון, אַז ער זאָל דעם יאַסנאָגורער קלויסטער פאַרנעמען... איז דאָס אמת?

— עקסעלענץ! דער קלויסטער ליגט נאָענט פון דער שלע־זישער גרענעץ און יאַן קאַזשימיעזש קען לייכט פון אים האָבן

פֿאַרשטאַרקינגען. מיר מוזן אים פֿאַרנעמען, פֿדי דאָס נישט צוצו־לאָזן... איך האָב דער ערשטער דערויף אויפֿמערקזאַם געמאַכט און דערפֿאַר האָט מיר זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט די דאָזיקע פֿונקציע אָנפֿאַרטרויט.

דאָ האָט וואָשעשטשאָוויטש מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט, ער האָט זיך דערמאָנט אין קמיטשיצן, וואָס איז געזעסן אין צווייטן עק שטוב און ציגייענדיק צו אים האָט ער געפֿרעגט:

— הער ריטער, איר פֿאַרשטייט דייטש?

— קיין איין וואָרט נישט, כאָטש רייסט מיר די ציין! — האָט הער אַנדזשעי געענטפֿערט.

— אַ שאָד, ווייל מיר האָבן געוואָלט צום שמועס פֿאַר־בעטן.

נאָך דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געווענדעט צו ליסאָ־לאַן:

— פֿאַרהאַן דאָ אַ פֿרעמדער שליאַכטשיץ, אָבער ער פֿאַר־שטייט נישט קיין דייטש, מיר קענען פֿריי רעדן.

— איך האָב נישט קיין שום סודות צו דערציילן — האָט ליסאָלאָ געענטפֿערט — אָבער אַזוי ווי איך בין אויך אַ קאַטאָליק, וואָלט איך נישט וועלן, אַז עס זאָל דעם הייליקן אָרט געשען עפּעס אַן עוולה... און היות ווי איך בין זיכער, אַז אויך דער ליכטיקסטער קייזער האָט דעם זעלבן באַגער, וועל איך דערפֿאַר בעטן זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט, אַז ער זאָל די גזירים פֿאַר־שווינען. און איר זאָלט זיך נישט איילן צו פֿאַרנעמען דעם קלויס־טער ביז צו אַ נייער רעזאָלוציע.

— איך האָב בפֿירושע, הגם געהיימע אינסטרוקציעס; נאָר פֿאַר אייער עקסעלענץ וועל איך זיי נישט פֿאַרהוילן. ווייל דעם קייזער, דעם האַר מיינעם, וויל איך תמיד טרייַ דינען. כ׳קען אָבער אייער עקסעלענץ באַרויקן, אַז דעם הייליקן אָרט וועט קיין שום חילול־הקודש נישט געשען. איך בין אַ קאַטאָליק...

ליסאָלאָ האָט אַ שמייכל געטון און וויילנדיק דעם אמת פֿון דעם ווייניקער דערפֿאַרנעם מענטש אַרויסקריגן, האָט ער בדרך־הלצה געפֿרעגט:

— אָבער די קאַסע פון די נזירים װעט איר דערכנישטערן ?

אָן דעם װעט עס נישט אָפּגײן ? װאָס ?

— דאָס קען טרעפן — האָט װזשעשטשאָװיטש געענט־פערט — די הײליקסטע בתולה דאַרף אין דער קלױסטער־קאַסע קײן טאָלערס נישט האָבן. אױב אַלע צאָלן, זאָלן אױך די נזירים צאָלן.

— און אַז זײ װעלן זיך װערן ?

װזשעשטשאָװיטש האָט זיך צעלאַכט :

— אין דעם לאַנד װעט זיך קײנער נישט װערן, און הײנט קען זיך שױן אױך קײנער ניעט װערן. זײ האָבן דערױף געהאַט אַ צײט!... איצט איז צו שפּעט!

— צושפּעט! — האָט ליסאָלאַ איבערגעחזרט.

דערמיט האָט זיך דער שמועס געענדיקט. נאָכן אָװנט־מאָל זענען זײ אַװעקגעפאָרן, קמיטשיץ איז געבליבן אַלײן. דאָס איז פאַר אים געװען די ערגסטע פון די אַלע נעכט, װאָס ער האָט פאַרבראַכט צײט זײן אַרױספאָר פון קײדאַני.

הערנדיק װײַהאַרד װזשעשטשאָװיטשס װערטער, האָט ער מיט אַלע כּוחות זיך געמוזט אײנהאַלטן, אַז ער זאָל צו אים נישט אַ געשרײ־טון: „זאַגסט ליגנט, הונט!" און מיט דער שװערט זיך אױף אים נישט װאַרפן. און אױב ער האָט דאָס נישט גע־טון, איז עס דערפאַר, װאָס צום באַדױערן האָט ער געשפּירט און אָנגעקענט דעם אמת אין די װערטער פון אױסלענדער, דעם מוראדיקן, װי אַ פײער ברענעדיקן, אָבער רײנעם אמת.

— װאָס װאָלט איך אַ ם געקענט זאָגן ? — האָט ער זיך געטראַכט — מיט װאָס, אַ חוץ מיט דער פױסט, װאָלט איך גע־קענט אָפּלײקענען ? װאָסערע ראיות װאָלט איך געקענט ברענ־גען ?... ער האָט דעם אמת געביטן... אַז געהרגעט זאָל ער װערן!... און יענער קײנערלעכער מלוכה־מאַן האָט אים מודה געװען, אַז עס איז שױן נאָך אַלץ און צו שפּעט אױף יעדער פאַרטײדיקונג.

קמיטשיץ האָט דער עיקר אַזױ געליטן אפשר דערפאַר, װאָס יענער „צושפּעט" איז געװען אַ פּסק־דין נישט בלױז פאַרן פאַ־

טערלאַנד, נאָר אויך פֿאַר זײַן פּריוואַטן גליק. און ער האָט דאָך דידאָזיקע יסורים שוין גענוג געהאַט; ס׳האָט אים שוין אויך קיין כּוחות נישט געקלעקט, ווײַל גאַנצע וואָכן דורכאַנאַנד האָט ער עפּעס אַנדערש נישט געהערט, נאָר: אַז אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן, אַז די צײַט איז שוין אַריבער, אַז עס איז צו שפּעט. קיין איין שטראַל פֿון האָפֿנונג איז אים אין ערגעץ אויף דער נשמה נישט געפֿאַלן.

פֿאָרנדיק איצט ווײַטער, האָט ער זיך דערפֿאַר אַזוי געאײַלט, איז ער דערפֿאַר געפֿאָרן טאָג און נאַכט, כּדי צו אַנטלויפֿן פֿאַר דידאָזיקע בייזע אָנזאָגענישן, כּדי סוף-כּל-סוף צו געפֿינען עפּעס אַ געגנט, עפּעס אַ מענטש, וואָס זאָל אים כאָטש אַ טראָפּן נחת אַרײַנגיסן. דערווײַל האָט ער געפֿונען וואָס אַמאָל אַ גרעסערע געפֿאַלנקייט, וואָס אַמאָל אַ גרעסערע אָפּהענטיקייט. צום סוף האָבן ווזשעשטשאָוויטשס ווערטער איבערגעפֿולט דעם דאָזיקן בעכער פֿון גאַל און ביטערניש; זיי האָבן אים קלאָר אויפֿגעוויזן דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט אומדײַטלעך געפֿילט, אַז נישט אַזוי פֿיל די שוועדן, די צפֿון-לײַט און די קאָזאַקן האָבן אומגעבראַכט דאָס פֿאָטערלאַנד, ווי דאָס גאַנצע פֿאָלק.

„פּראָ-אַדמס, הפקר-מענטשן, רשעים און פֿאַרקויפֿטע נשמות באַוווינען דידאָזיקע ערד — האָט הער קמיטשיץ נאָך ווזשעשטשאָוויטשן איבערגעחזרט — און קיין אַנדערע זענען דאָ נישטאָ!... דעם קעניג פֿאָלגן זיי נישט, די סיימען רײַסן זיי אויף, קיין אָפּגאָבן צאָלן זיי נישט, דעם שונא העלפֿן זיי אַליין אײַנצונעמען די דאָזיקע ערד. זיי מוזן אונטערגיין!“

— גאָט מײַנער! ווען מ׳קען אים אַזוי כאָטש בײַ איין שקר כאַפּן! איז שוין טאַקע אַ חוץ דער קאַוואַלעריע, קיין שום גוטס אין אונדז נישטאָ, קיין איין מעלה, נאָר לויטער חסרונות?

הער קמיטשיץ האָט אין דער נשמה געזוכט אַ תּשובה. ער איז שוין געווען אַזוי פֿאַרמאַטערט אי פֿון וועג, אי פֿון די האַרץ-קלעמענישן און אי פֿון אַלץ, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, אַז עס האָט אים גענומען אין קאָפּ שווינדלען. ער האָט דערשפּירט, אַז ער איז קראַנק און ס׳האָט אים איבערגעוועלטיקט אַ טויט-מידקייט,

אין מוח איז באַ אים דער כאַאָס געװאָרן װאָס אַמאָל גרעסער. עס האָבן זיך פֿאַרבײַגערוקט פֿרימער באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, די װאָס ער האָט געקענט פֿון פֿריִער און די, װאָס ער האָט באַגעגנט בשעת דער נסיעה.

יעדע פיגורן האָבן גערעדט, װי אין סיים, ציטירט געדאַנ-קען, נביאות, און אַלעמען איז געגאַנגען װעגן אַלענקאַן. זי האָט געװאַרט אויף אַ רעטונג מצד דעם הער קמיטשיץ אָבער װזשעש-טשאָװיטש האָט אים צוריקגעהאַלטן פֿאַר די אָרעמס און קוקנדיק אים אין די אויגן אַרײַן, האָט ער איבערגעחזרט: „צו שפּעט! װאָס שװעדיש, איז שװעדיש!" — און באָגוסלאַװ ראַדזיװיל האָט געלאַכט און װזשעשטשאָװיטשן נאָכגערעדט. דערנאָך האָבן אַלע גענומען שרײַען: „צו שפּעט! צו שפּעט! צו שפּעט!" — און כאַפּנדיק אַלענקאַן זענען זיי מיט איר בעלם געװאָרן ערגעץ אין דער פֿינסטערניש.

קמיטשיץ האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז אַלענקאַ און דאָס פֿאָטערלאַנד זענען איינס און דאָסזעלבע און אַז ער האָט ביידע פֿאַרלוירן און גוטוויליק די שװעדן איבערגעענטפֿערט.

דעמאָלט האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ אומגעהײַערער כאַר-דראָס, אַז ער האָט זיך געװעקט און מיט פֿאַרחידושטע אויגן זיך אַרומגעקוקט, אָדער זיך צוגעהערט צום װינט, װעלכער האָט אין קוימען, אין די װענט, אין דאַך געפֿײַפֿט מיט פֿאַרשידענע קולות און געשפּילט דורך אַלע שפּאַרעס, װי אויף אַן אָרגל.

אָבער די חלומות האָבן צוריקגעקערט. אַלענקאַ און דאָס פֿאָטערלאַנד האָבן זיך װידער אין זײַן מוח צונויפֿגעגאָסן אין איין װעזן, װעלכעס װזשעשטשאָװיטש האָט אַװעקגעפֿירט זאָגנ-דיק: „צו שפּעט! צו שפּעט!"

אַזוי האָט הער אַנדזשעי דורכגעפֿיבערט די גאַנצע נאַכט. אין די מאָמענטן פֿון באַװוסטזײַן האָט ער געמײנט, אַז עס װעט אים אויסקומען מסוכּנדיק קראַנק צו װערן און ער האָט שוין געװאָלט רופֿן סאָראָקאַן, אַז ער זאָל אים לאָזן בלוט. אָבער דערװײַל האָט גענומען טאָגן; קמיטשיץ האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און איז אַרויס פֿאַר דער קרעטשמע.

די פינסטערניש איז דורכן ערשטן פרימאָרגן שימער קוים צעפלאָסן געוואָרן; דער טאָג האָט צוגעזאָגט צו זיין אַ לויטערער; די כמאַרעס האָבן זיך צונויפגעצויגן אין לאַנגע שטרייפן און פּאַסן, אויף מערב זייט, אָבער די מזרח־זייט איז געווען אַ ריינע; אויף דעם הימל, וואָס איז ביסלעכווייז בלאַס געוואָרן, האָבן געצאַנקט שטערן, וואָס זענען פון די וואָלקנס נישט פאַרשטעלט געווען. קמיטשיץ האָט אויפגעוועקט די מענטשן, האָט אַליין זיך צוגעטון אין יום־טובדיקע בגדים, ווייל ס'איז גראָד זונטיק צוגעקומען, און זיי האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

נאָך דער שווערער נישט דורכגעשלאָפענער נאַכט איז קמיטשיץ געווען מיד אויפן גוף און אויף דער נשמה.

אויך דער האַרבסטיקער, בלאַסער, אָבער מחיהדיקער, קילער און לויטערער באַגינען האָט נישט געקענט פאַרטרייבן די עצבות, וואָס האָט געקלעמט דער ריטערס האַרץ. די האָפענונג האָט זיך אין אים אויסגעברענט ביז צום לעצטן ברעקל און זיך אויסגעלאָשן, ווי אַ לאָמפּ, אין וועלכן דער אייל איז אויסגעגאַנגען. וואָס וועט אים ברענגען דער דאָזיקער טאָג? גאָרנישט! די זעלבע עצבות, דעם זעלבן צער, גיכער וועט ער אפשר נאָך מער צוקלעמען דאָס האַרץ גרינגער מאַכן אוודאי נישט.

ער איז בבן געפאָרן שטילשווייגנדיק, אַריינשפּיגלנדיק די אויגן אין עפּעס אַ פּונקט, וואָס האָט זייער געבלישטשעט אויפן האָריזאָנט. די פערד האָבן גענאָסן פון אַ שיין וועטער; די מענטשן האָבן מיט שלעפעריקע שטימען גענומען זינגען די מאָרגן־תּפילה.

דערווייל איז געוואָרן וואָס אַמאָל ליכטיקער, דער הימל איז פון בלאַס געוואָרן גרין און גאָלדיק, און יענער פּונקט אויפן האָריזאָנט האָט גענומען אַזוי בלישטשען, אַז די אויגן האָבן זיך צוגעמאַכט פון דאָזיקן גלאַנץ.

די מענטשן האָבן אויפגעהערט צו זינגען און אַלע האָבן געקוקט אין יענער זייט. לסוף האָט סאָראָקאַ זיך אָנגערופן:

— אַ מופת, אָדער וואָס?... דאָרט איז דאָך מערב זייט, און עס זעט אויס, ווי די זון וואָלט אויפגעגאַנגען?

יענץ ליכט איז באמת געוואַקסן אין די אויגן, פון אַ פונקט איז עס געוואָרן אַ רעדל, פון אַ רעדל אַ ראָד — פון דערווייטנס, האָט זיך געדאַכט, האָט עמעצער איבער דער ערד אויפגעהאָנגען אַ ריזיקן שטערן, וואָס פאַרשפרייט אַ פאַרבלענדנדיקע שיין.

קמיטשיץ און זיינע מענטשן האָבן געקוקט מיט פאַרוווּנדערונג אויף יענע פלאַטערנדיקע, שטראַלנדיקע ליכט-דערשיינונג, נישט וויסנדיק, וואָס זיי האָבן פאַר די אויגן.

אינדעם איז פון קרושינאַ אָנגעפאָרן אַ פויער אין אַ לייטער-וואָגן. אויסדרייענדיק זיך צו אים, האָט קמיטשיץ דערזען, אַז דער פויער האָט געהאַלטן דאָס היטל אין דער האַנט און קוקנדיק אויף יענעם ליכט האָט ער מתפלל געווען.

— פויער! — האָט הער אַנדזשעי געפרעגט — וואָס שיינט דאָרט אַזוי?

— די יאַסנאַ-גורער קירך! — האָט דער פויער געענטפערט.

— געלויבט איז די הייליקסטע בתולה! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן און דאָס היטל פון קאָפּ אַראָפּגענומען. דאָסזעלבע האָבן אויך נאָכגעטון זיינע מענטשן.

נאָך אַזוי פיל טעג פון עגמת-נפש, ספקות און אָפּגעצאַרטע האָפנונגען האָט הער אַנדזשעי מיטאַמאָל דערשפירט, אַז עס קומט אין אים פאָר עפּעס וווּנדערלעכס. די ווערטער: „די יאַסנאַ-גורער קירך!" זענען נאָך נישט פאַרקלונגען אין זיינע אויערן, ווי די עצבות האָט זיך פון אים אָפּגעטון, גלייך ווי עמעצער וואָלט זי מיט דער האַנט אַראָפּגענומען.

עס האָט דעם ריטער אָנגעכאַפּט עפּעס אַן אומבאַשרייבלעכער פחד, אַ יראת-הכבוד, אָבער צוגלייך אויך אַן אומבאַקאַנטע, גרויסע, מילדע פרייד. פון דעראָזיקער קירך, וואָס האָט געברענט אינדערהייך אין די ערשטע שטראַלן פון דער זון, האָט געשלאָגן אַ האָפענונג, וועלכע הער קמיטשיץ האָט שוין לאַנג נישט געקענט, אַ מוט, וועלכן ער האָט אומזיסט געזוכט, אַן אומבאַזיגבאַרער כוח, אויף וועלכן ער האָט זיך געוואָלט אָנלענען. עפּעס ווי אַ נייע קראַפט וואָלט אים באַלעבט און גענומען פליסן

אין די אָדערן צוזאַמען מיטן בלוט. ער האָט אָפּגעאָטעמט אַזוי טיף, ווי אַ קראַנקער, וואָס וועקט זיך פון דער היץ און קומט צו זיך.

און די קירך האָט געבלענדט וואָס אַמאָל מער, גלייך ווי זי וואָלט די גאַנצע ליכטיקייט פון דער זון אין זיך צונויפגעקליבן. דער גאַנצער שטח איז געלעגן בײַ איר צופֿוסנס און זי האָט אויף אים געקוקט פון דער הייך, ווי זי וואָלט געווען זײַן שומר און אַפּוטרופּס.

קמיטשיץ האָט לאַנג נישט געקענט די אויגן אַוועקרײַסן פון דער דאָזיקער ליכטיקייט און ער האָט זיך אָנגעזעטיקט און געקוויקט מיט איר אָנבליק. זײַנע מענטשן האָבן געהאַט ערנסטע און מיט אימה דורכגענומענע פּנימער.

אינדעם האָט אַן אָפּקלאַנג פון אַ גלאָק אָפּגעהילכט אין דער שטילער פרימאָרגן-לופט.

— אַראָפּ פון די פערד! — האָט הער אַנדזשעי אויסגערופן.

אַלע זענען פון די זאָטלען אַראָפּגעשפּרונגען און אַנידער קניענדיק אויפן וועג האָבן זיי גענומען מתפלל זײַן. קמיטשיץ האָט די תפילות געזאָגט און די זעלנער האָבן אין כאָר אָפּגעענטפערט. פאַר דער דאָזיקער צײַט זענען אָנגעפאָרן נײַע וועגנס; זענענדיק מענטשן מתפלל זײַן אויפן וועג זענען די פויערן צו זיי צוגעשטאַנען און די עדה איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער.

ווען מ'האָט די תפילות לסוף געענדיקט, האָט זיך הער אַנדזשעי אויפגעשטעלט און נאָך אים אויך זײַנע מענטשן, אָבער זיי זענען שוין ווײַטער געגאַנגען צו פֿוס, פירנדיק די פערד פאַר די צוימען און זינגענדיק: „זײַט געגריסט, ליכטיקע טויערן".

הער אַנדזשעי איז געגאַנגען אַזוי לעבעדיק, ווי עס וואָלטן אים פליגל בײַ די אָרעמס אַרויסגעוואַקסן. בײַ די שלענגלדיקע ערטער פון וועג איז די קירך אַמאָל נעלם געוואָרן און אַמאָל ווידער זיך באַוויזן. ווען זי איז פאַרשטעלט געוואָרן פון די הויכקייט אָדער גריבער, האָט זיך קמיטשיצן אויסגעדאַכט, אַז די וועלט ווערט אין אַ פינסטערניש אײַנגעהילט, אָבער ווען זי האָט

ווידער אויפגעבליצט, האָבן זיך דאַמאָלס אויף אַלעמענס פּנימער צעשטראַלט.

אַזוי זענען זיי לאַנג געגאַנגען. די קירך, דער קלויסטער און די מויערן, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט, האָבן זיך אַרויסגעוויזן וואָס אַמאָל דייטלעכער, זענען געוואָרן וואָס אַמאָל העכער, גרעסער, ביז זיי האָבן לסוף אויך דערזען די שטאָט פון דערווייטנס, און אונטען בײַם באַרג גאַנצע שורות פון הייזער און כאַטעס, וועלכע האָבן לעבן דער ריזיקער קירך אויסגעזען אַזוי קליין, ווי פייגל־נעסטן.

געווען איז דאָס אום זונטיק, און ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט גענוג הויך אַרויפגערוקט, איז דער וועג געוואָרן פול בעפּאַקט מיט וועגנס און צופוס־גייענדיקן עולם, וואָס האָט זיך געצויגן צו די תפילות. פון די הויכע טורעמס האָבן גענומען הילכן די גרעסערע און קלענערע גלאָקן, פול־מאַכנדיק די לופט מיט אַ מאַכטיקן געקלאַנג. געווען איז אין דאָזיקן אַנבליק און אין די דאָזיקע מעטאַלענע קולות עפּעס אַ מאַכט. עפּעס אַן אומגעוויינטלעכער מאַיעסטעט, אָבער צוגלייך אויך אַ רויקייט. דער דאָזיקער שטח, דער צופוסנס פון יאַסנאַ־גורא איז לחלוטין נישט געווען ענלעך אויף דעם איבעריקן לאַנד.

די געדיכטע מאַסן פון פאָלק האָבן געווימלט אַרום די קירך־מויערן, אונטערן באַרג זענען געשטאַנען הונדערטער וועגנס, בריטשקעס, קאַטשן, צוויי רעדערדיקע ווענעלעך; דאָס מענטשלעכע גע־מורמל האָט זיך צונויפגעמישט מיט דער כראָפּעריי פון די פערד, וואָס זענען געווען צוגעבונדן צו דרענגלעך. ווייטער אויף רעכטס, לעבן הויפּט־וועג, וואָס פירט אויפן באַרג, האָט מען געזען אַ גאַנצע ריי פון ביידלעך, אין וועלכע מ׳האָט פאַרקויפט מעטאַלענע און וואַקסענע חפצים, ליכט, בילדער, קלויסטער־מלבושים. די מענטשן־כוואַליע איז אומעטום פריי געשוווּמען.

די טויערן זענען געווען ברייט געעפנט, ווער ס׳האָט געוואָלט איז אַריינגעגאַנגען, ווער ס׳האָט געוואָלט איז אַרויסגע־גאַנגען, אויף די מויערן, בײַ די האַרמאַטן, זענען קיין זעלנער

בכלל נישט געווען. די קדושה פון אָרט אַליין האָט אפנים געהיטן די קירך פון דעם קלויסטער — אין אַשר האָט מען זיך פאַרלאָזט אויף קאַרל גוסטאַווס בריוו, מיט וועלכע ער האָט גאַראַנטירט די זיכערקייט.

12. קאַפּיטל.

פון פעסטונג־טויער זענען פויערן און שליאַכטשיצעס, שטאָטלייט פון פאַרשידענע געגנטן, מיינטשן פון יעדן עלטער, פון ביידע מינים און אַלע שטאַנדן, געקראָכן צו דער קירך אויף די קני, זינגענדיק גאָטספאַרכטיקע לידער. געפלאָסן איז דערדאָזיקער טייך זייער געלאָסן און זיין שטראָם האָט זיך פאַרהאַלטן יעדער ווײַלע, ווען די קערפּערס האָבן זיך צו ענג צונויפגעפּרעסט. די פענער האָבן געפלאַטערט איבער אים ווי אַ רעגנבויגן. ווײַלנווײַז האָט דאָס געזאַנג אויפגעהער־ט און די מאַסן האָבן גענומען זאָגן די תּפילות, און דאַמאָלס האָט אַ דונער פון ווערטער זיך צעהילכט פון איין עק ביז צום צווייטן. צווישן איין ליד און צווייטן, צווישן איין תּפילה און דער צווייטער, זענען די מאַסן אַנטשליסיק געוואָרן און געשלאָגן מיטן שטערן אין דער ערד אָדער געוואָרפן זיך מיטן רוקן; מ'האָט נאָר געהערט די רחמים־בעטנדיקע און יאָמערלעכע קולות פון די בעטלער, וועלכע זענען געזעסן אויף ביידע ברעגעס פון טייך און אויפגעדעקט פאַרן עולם זייערע פאַרקריפּלטע אבֿרים. זייער געיאָמער האָט זיך אויסגעמישט מיטן

געקלימפער פון די מטבעות, וואָס זענען אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין די בלעכערנע און הילצערנע שיסלען. און ווידער האָט דער טייך פון קעפּ זיך גערוקט ווייטער און ווידער האָבן געקלונגען לידער.

וואָס נענטער די כוואַליע איז צוגעקומען צו דער טיר פון דער קירך, אַלץ מער איז די התלהבות געוואַקסן און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן עקסטאַז. האָסט געזען הענט, אויסגעשטרעקטע צום הימל, אויפגעהויבענע אויגן, פּנימער, בלאַס פון באַגייסטערונג אָדער דערהיצט פון די תפילות.

די אונטערשידן פון שטאַנד זענען פאַרשוווּנדן; פּויערישע סוקמאַנעס האָבן זיך אויסגעמישט מיט קאַנטושעס, זעלנערישע רייט-יאַקעס מיט די געלע קאַפּאָטעס פון די שטאָט-לייט.

אין דער טיר פון דער קירך איז דאָס געשטופּ געוואָרן נאָך גרעסער. די מענטשלעכע גופים האָבן געבילדעט שוין נישט אַ טייך נאָר אַ בריק. אַזאַ צונויפגעדריקטן, אַז מ'וואָלט געקענט אַריבערגיין איבער די קעפּ, עלנבויגנס, נישט אָנרירנדיק מיטן פוס די ערד. די ברוסט האָט אָטעם אויסגעפעלט, די גופים — פרייער שטח, אָבער דער גייסט, וואָס האָט זיי באַלעבט, האָט זיי געגעבן אַן אייזערנעם כח-הסבלנות. יעדער האָט מתפּלל געווען, קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש; יעדער האָט אויף זיך געשלעפּט דעם דרוק און שווערקייט פון דער־דאָזיקער גאַנצע מאַסע, אָבער קיינער איז נישט אומגעפאַלן, און געשטיצט דורך טויזנטער האָט ער אין זיך געשפּירט כח פאַר טויזנטע און מיטן דאָזיקן כח האָט ער זיך געשטופּט פאָרויס, פאַרזונקען אין תפילות, אין שבחות, אין התפּעלות.

קאָטשיץ, וועלכער איז געקראָכן מיט זיינע מענטשן אין די ערשטע רייען, האָט זיך אינאיינעם מיט דער ערשטער אַרייַנגעקריגן אין דער קירך, דערנאָך האָט אים דער שטראָם אַרייַנגעטראָגן אין דער וווּנדערבאַרער קאַפּליצע, וווּ די מאַסן האָבן זיך געוואָרפן אויף די פּנימער, וויינענדיק, אַרומנעמענדיק מיט די הענט דעם פוס-באָדן און קושנדיק אים מיט התפּעלות. אַזוי האָט אויך הער אַנדזשעי געטאָן, און ווען ער האָט צום סוף

זיך דערהערט דעם קאָפּ אויפצוהייבן, האָט אַ געפיל פון נחת גליק און צוגלייך אויך פון אַן אימת־המוות באַ אים כמעט דאָס באַוווסטזיין צוגענומען.

אין דער קאַפּליצע האָט געהערשט אַ רויטע טונקלקייט, וועלכע איז אינגאַנצן צעפלאָסן געוואָרן דורך די פלעמלעך פון די ליכט, וואָס האָבן געברענט פאַרן אַלטאַר. אַ פאַרביקע ליכטיקייט איז אַריינגעפלאָסן ווידער דורך די שויבן און די דאָזיקע אַלע רויטע, פיאָלעטענע, גאָלדענע, פייערדיקע שיינען האָבן געפלאַטערט אויף די ווענט, געגליטשט זיך איבער די שניצערייען, קאַנטן, אַריינגעריסן זיך אין די פאַרשאָטנטע טיפענישן, אַרויסקריכנדיק אויף די ליכטיקע שיין עפּעס אומדייטלעכע זאַכן וואָס זענען געווען פאַרזונקען ווי אין שלאָף. דער סודות־לעכער גלאַנץ האָט זיך אָפּגעשיידט און באַוואָפנט מיט דער טונקלקייט אַזוי אומבאַדייטנדיק, אַז עס איז פאַרשוווּנדן יעדער חילוק צווישן ליכט און שאָטן. די ליכט אויפן אַלטאַר האָבן געהאַט גאָלדענע רייפן. די רויכן פון די פאַנען האָב געבילדעט אַ פּורפּורדיקן נעפל; דער ווייסער קיטל פון נזיר, וואָס האָט אָפּגעראַכט דאָס קרבן־געבעט, האָט געשפּילט מיט פאַרטונקלטע קאָלירן פון רעגנבויגן. אַלץ איז דאָ געווען האַלב אַרויסגעזען, האַלב פאַרשטעלט, נישט ערדיש: די שיין נישט ערדיש, די טונקעלקייט נישט ערדיש — סודותפול, פייערלעך, געבענטשט, אָנגעזאַפּט מיט תפילה תחנונים, קדושה...

פון דעם מיטלפּונקט פון דער קירך האָט זיך דערטראָגן אַ געמישט גערויש פון מענטשלעכע קולות, ווי דאָס געוואַלטיקע גערויש פון אַ ים, און דאָ האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט, וואָס איז איבערגעריסן געוואָרן נאָר דורך דער שטים פון נזיר, וועלכער האָט געזונגען דאָס נדר־געבעט.

דאָס בילד איז נאָך געווען פאַרשטעלט, די דערוואַרטונג האָט דעריבער געשטיקט דעם אָטעם אין דער ברוסט. מ'האָט נאָר געזען אויגן, איינגעקוקטע אין איין זייט, אומבאַוועגלעכע פּנים גלייך ווי זיי וואָלטן זיך שוין מיטן ערדישן לעבן צעשיידט, העגט

צוגעפגעלייגט בײַ די מײַלער, ווי בײַ די מלאכים אויף די בילדער.

דאָס געזאַנג פון נזיר, איז באַגלייט געוואָרן פון אָרגל, וואָס האָט אַרויסגעגעבן מילדע און זיסע טענער, וועלכע האָבן זיך געגאָסן ווי פון אַ פלייט פון יענער וועלט. ווײַלנווייז האָט זיך געדאַכט, אַז זיי ריזלען ווי דאָס וואַסער אין אַ קוואַל, דאָ ווידער זענען זיי געפאַלן שטילע און געדיכטע, ווי אַ גאָס-רעגן אין מאַי.

אין דעם האָט אַ הילך געטאָן אַ דונער פון טראָמפּייטן און קעסלען — אַ ציטער איז דורכגעלאָפן די הערצער.

דער פאָרהאַנג פון בילד האָט זיך פונאַנדערגערוקט אין צוויי זייטן און אַ שטראָם פון בריליאַנטענער ליכטיקייט האָט זיך פון אויבן אַ גאָס געטאָן אויף די מתפללים.

קרעכצן, געוויין און געשרייען האָבן זיך דערהערט אין דער קאַפּליצע.

— „Salve Regina! — האָט די שליאַכטע אויסגעשריגן — monstra te esse matrem!“*) — און די פּויערן האָבן גערופן: „הייליקסטע פריילין! גאָלרענע בתולה! הימלישע מלכה! ראַטעווע, העלף, טרייסט, דערבאַרעם דיך איבער אונדז!“

און לאַנג האָבן געקלונגען דידאָזיקע קולות צוזאַמען מיט דער כליפּערײַ פון די ווײַבער, מיטן געקלאָג פון די אומגליקלעכע, מיטן געבעט פון די חולאים אָדער בעלי-מומים וועגן אַ מופת.

פון קמיטשיצן איז די נשמה שיִער נישט אַרויס; ער האָט נאָר געפילט, אַז ער האָט פאַר זיך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט גאָר קיין שיעור נישט, וואָס ער וועט נישט משיג זיין און נישט באַנעמען און לגבי וועלכן אַלץ ווערט בטל. וואָס פאַר אַ כמשות

---

*) די ערשטע ווערטער פון אַ געזאַנג לכּבוד דער „געטלעכער מוטער“.

דער איבערזעצער.

האָבן די ספקות לגבי דעם בטחון, וועלכן די גאַנצע וועלט האָט נישט געקענט אַריינגעמען; וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס אומגליק לגבי דערדאָזיקער נחמה; וואָס פאַר אַ ממשות האָט די שוועדישע מאַכט לגבי אַזאַ שוץ; וואָס פאַר אַ ממשות האָט די מענטשלעכע רשעות לגבי אַזאַ אַפּוטראָפּסות?...

דאָ האָט דאָס טראַכטן בײַ אים אויפגעהערט און פאַרוואַנדלט געוואָרן בלויז אין אַ פילן; ער האָט זיך פאַרגעסן, פאַרלוירן, אויפגעהערט צו וויסן ווער ער איז, וווּ ער איז... ס׳האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז געשטאָרבן, אַז זיין נשמה פליט מיט די טענער פון אָרגל, מישט זיך אויס מיט די רויכן פון די פאַקלען; די הענט, וואָס זענען געווען געוווינט צו דער שווערט און צו שפיכת-דמים, האָט ער אויסגעשטרעקט אין דערהייך און געקניט אַ פאַרשיכורטער, אַן אַנטציקטער.

דערווייל האָט דאָס קרבן-געבעט זיך געענדיקט. הער אַנדזשעי האָט אַליין נישט געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַן אופן ער האָט זיך צום סוף ווידער געפונען אין מיטלפּונקט פון דער קירך. דער קסיאָנדז האָט געהאַלטן אַ דרשה פון דער בימה, אָבער קמיטשיץ האָט נאָך לאַנג גאָרנישט געהערט, גאָרנישט פאַרשטאַנען, ווי אַ מענטש, וואָס וועקט זיך אויף פון שלאָף, כאַפּט זיך נישט באַלד, וווּ עס לאָזט זיך אויס דער חלום און וווּ עס הייבט זיך אָן די וואָר.

די ערשטע ווערטער, וואָס ער האָט דערהערט, זענען געווען: „דאָ וועלן די הערצער זיך בייטן און די נשמות וועלן באַקומען אַ תיקון, וואָרים נישט די שווערט וועט דידאָזיקע מאַכט בייקומען און נישט די, וואָס בלאָנדזשען אין דער פינסטערניש, וועלן דאָס עכטע ליכט מנצח זיין!”

— אמן! — האָט קמיטשיץ אין האַרצן געזאָגט און גענומען זיך שלאָגן אין דער ברוסט, ווייל ס׳האָט זיך אים איצט אויסגעדאַכט, אַז ער האָט שווער געזינדיקט, מיינענדיק, אַז אַלץ איז שוין פאַרפאַלן און אַז עס איז פון ערגעץ קיין האָפענונג נישטאָ.

נאָכדעם, ווי די תפילה איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט ער

אָפּגעשטעלט דעם ערשטן נזיר, וואָס ער האָט באַגעגנט, און אים מודיע געווען, אַז אין די אינטערעסן פון דער קירך און קלויסטער וויל ער זיך זען מיטן פּריאָר.

דער פּריאָר האָט אים תיכף געגעבן אַן אױדיענץ. דאָס איז געווען אַ מענטש אין רייפן עלטער, וואָס די זון פון זיין לעבן האָט זיך שוין גענייגט צום אונטערגאַנג. דאָס פּנים זיינס איז געווען אומנעווייטלעך לויטער. אַ שוואַרצע געדיכטע באָרד האָט אַרומגענומען זיין געזיכט, און אויגן האָט ער געהאַט בלויע, רויִקע און זיין קוק איז געווען אַ דורכדרינגענדיקער. אין זיין ווייסן קיטל האָט ער פּשוט אויסגעזען ווי אַ הייליקער. קמיטשיץ האָט אים אַ קוש געטון אין אַרבל פון מלבוש, און ער האָט אים דעם קאָפּ געדריקט און געפרעגט: ווער ער איז און פון וואַנען ער קומט?

— איך קום פון זשאַמעט — האָט העבר אַנדזשעי געענטפערט — כדי צו דינען דער הייליקסטער בת לה, דעם געפייניקטן פאָטערלאַנד און דעם פאַרלאָזטן האַר, קעגן וועלכן כ׳האָב ביז-איצט געזינדיקט, וואָס איך וועל אַלץ באַ דער הייליקער ווידוי באַריכות דערציילן און איך בעט טאַקע, אַז איך זאָל באַך היינט אָדער מאָרגן באַטאָג קענען זיך מתוודה זיין, ווייל די חרטה אויף די זינד באַוועגט מיך דערצו. מיין אמתן נאָמען וועל איך אייך אויך זאָגן, הויך-ווירדיקער פאָטער, אָלס אַ ווידוי-געהיימניש, בישט אַבּדערש, ווייל ער פּערמיאוסט מיך באַ מענטשן און קען מיר שטערן תשובה צו טון. פאַר מענטשן וויל איך הייסן באַבּיניטש, אויפן נאָמען פון איינעם פון מיינע גיטער, וואָס איז פון שונא פאַרנומען געוואָרן. דערווייל ברענג איך אַ וויכטיקע ידיעה, וועלכע איר זאָלט, פאָטער, געדולדיק אויסהערן, ווייל זי איז דעמדאָזיקן מקום-קדוש און דעם קלויסטער נוגע!

— איך לויב אייערע כּוונות און אייער רצון תשובה צו טון — האָט דער קסיאָנדז פּריאָר קאָרדעצקי געענטפערט — וואָס שייך דער ווידוי, וועל איך אייער רצון גערן ממלא זיין, און איצט בין איך גרייט אייך אויסצוהערן.

— לאַנג בין איך געפאָרן — האָט קמיטשיץ דערויף גע-

זאָגט — אַ סך געזען און נישט ווייניק צער געהאַט... אומעטום האָט זיך דער שונא באַפֿעסטיקט, אומעטום האָבן די אַפּיקורסים אויף די קעפּ, יאָ, אפֿילו די קאַטאָליקן גופֿא גייען איבער צום לאַגער פֿון שונא, וועמענס חוצפּה איז דורך דעם און דורכן אײַננעמען ביידע הויפּט־שטעט געוואַקסן און ער האָט דעריבער בדעה איצט זײַן טמאדיקע האַנט אויף יאַסנאַ־גוראַ אויפֿצוהייבן.

— פֿון וועמען האָט איר די דאָזיקע ידיעה? — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געפֿרעגט.

— כ'האָב די לעצטע נאַכט אין קרושינאַ גענעכטיקט. עס זענען געקומען אַהין ווייהאַרד וזשעשטשאָוויטש און דער קייזער־לעכער שליח ליסאָלאַ, וועלכער האָט פֿון בראַנדענבורגישן הויף־צוריקגעקערט און איז צום שוועדישן קעניג געפֿאָרן.

— דער שוועדישער קעניג איז אין קראָקע שוין נישטאָ — האָט דער קסיאָנדז דערויף זיך אָנגערופֿן, קוקנדיק דעם הער קמיטשיץ שאַרף אין די אויגן אַריין.

אָבער הער קמיטשיץ האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט און ווייטער אַזוי געזאָגט:

— איך ווייס נישט, צי ער איז דאָ, אָדער ער איז נישטאָ... כ'ווייס, אַז ליסאָלאַ איז צו אים געפֿאָרן און וזשעשטשאָוויטשן האָט מען צוגעשיקט, אַז ער זאָל די באַגלייטונג אָפּלייזן און אים ווייטער פֿירן. איך בין געווען דערבײַ, ווי ביידע האָבן גערעדט צווישן זיך אויף דייטש, נישט היטנדיק זיך פֿאַר מיר, ווײַל ס'איז זיי נישט אײַנגעפֿאַלן, אַז איך זאָל קענען פֿאַרשטיין זייער לשון, וואָס איך קען פֿון די קינדער־יאָרן אָן פּונקט אַזוי גוט, ווי פּויליש. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ווייהאַרד האָט געהעצט, אַז מען זאָל דעם קלויסטער פֿאַרנעמען און צו דעם אוצר זיך צוכאַפּן, אויף וואָס ער האָט פֿון קעניג באַקומען אַ דערלויבעניש.

— און איר האָט דאָס מיט די אייגענע אויערן געהערט

— יאָ, אַזוי ווי איך שטיי דאָ אַ לעבעדיקער.

— גאָטס רצון זאָל געשען! — האָט דער קסיאָנדז רויק געזאָגט.

קמיטשיץ האָט זיך דערשראָקן. ער האָט געמיינט, אַז דער קסיאָנדז האַלט פֿאַר גאַנץ רצון דעם באַפֿעל פֿון שוועדישן קעניג און אַז ער טראַכט נישט וועגן אַ ווידערשטאַנד, דערפֿאַר האָט ער אַ צעטומלטער געזאָגט:

— אין פּולטוסק האָב איך געזען אַ קירך אין שוועדישע הענט, זעלנער, וואָס שפּילן אין קאָרטן אין געטלעכן הויז, פֿעסער ביר אויף די אַלטאַרן און מיידלעך חצופֿית מיט זעלנער.

דער קסיאָנדז האָט זיך געקוקט דעם ריטער גלייך אין די אויגן אַריין.

— אַ פּלאַ... — האָט ער געזאָגט — די אויפֿריכטיקייט און דער אמת קוקן אייך פֿון די אויגן אַרויס...

קמיטשיץ האָט זיך אָנגעצונדן.

— זאָל איך דאָ פֿאַלן אַ טויטער, אויב ס'איז נישט אמת דאָס, וואָס איך זאָג!

— יעדנפֿאַלס זענען דאָס וויכטיקע ידיעות, איבער וועלכע מ'וועט זיך מוזן באַראַטן. איר וועט דערלויבן, אַז איך זאָל בעטן צוהערן די עלטערע פּאַטערס און אַ פּאָר חשובֿע שליאַכטיצעס, וואָס וווינען איצט דאָ ביי אונדז און שטיצן אונדז מיט עצות אין די דאָזיקע שווערע צייטן. איר וועט דערלויבן...

— איך וועל דאָס גערן פֿאַר זיי איבערחזרן.

קסיאָנדז קאָרדעצקי איז אַרויסגעגאַנגען און אין אַ פֿערטל שעה אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט פֿיר עלטערע פּאַטערס.

אינגיכן איז דערנאָך אַריינגעקומען הער יוזשיץ-זאַמאָיסקי, דער שעראַדזער שווערט-טרעגער, אַן אָנגעזעענער מענטש; הער פּיאָטר טשאַרניעצקי, אַ יונגער ריטער מיט אַ בייזן קריגערישן פּנים, הויך און שטאַרק ווי אַ דעמב, און אַ פּאָר אַנדערע שליאַכטיצעס פֿון פֿאַרשידענע עלטער. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט זיי פֿאָרגעשטעלט דעם הער באַבּיניטש פֿון זשאַמוט, דערנאָך האָט ער פֿאַר אַלע איבערגעחזרט קמיטשיצס נייעס. זיי ווידער האָבן זיך שטאַרק געחידושט און גענומען פֿאָרשנדיק און מיט אומצוטרוי מעסטן דעם הער באַבּיניטש מיט די אויגן, און ווען קיינער האָט

נישט גענומען דאָס וואָרט, האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי זיך אָנגערופן:

— זאָל מיך גאָט אָפּהיטן, אַז איך זאָל דעם דאָזיקן ריטער חושד זיין אין אַ בייזער כּוונה אָדער אין שקר, אָבער די נייעס, וואָס ער האָט געבראַכט, ווייזן זיך מיר אויס צו זיין אַזוי אומגלויבלעך, אַז איך האָב עס געהאַלטן פאַר ריכטיק, אַז מיר זאָלן זיי איבערן חוקר-ודורש זיין. באַם בעסטן ווילן האָט דער דאָזיקער ריטער זיך געקענט טועה זיין, אָדער שלעכט הערן, אָדער שלעכט פאַרשטיין, אָדער בכּיוון דורך אפּיקורסים אין אַ טעות זיין אַריינגעפירט געוואָרן. מיט פּחד אונדזערע הערצער אָנפילן, אַ בהלה אין הייליקן אָרט צורופן, די תּפילות שטערן, דאָס פאַרשאַפט זיי אַ גרויסן תּענוג, אויף וועלכן קיינער פון זיי וואָלט אין זיין בייזוויליקייט נישט וועלן מוותּר זיין.

— לויט מיין מיינונג, לאָזט זיך דאָס שטאַרק גלויבן — האָט פּאָטער ניעשקאָווסקי, דער עלטסטער צווישן די פאַרזאַמלטע, זיך אָנגערופן.

— מ'דאַרף נאָר צוערשט וויסן, צי דער דאָזיקער ריטער איז אַליין נישט קיין אַפּיקורס? — האָט פּיאָטר טאַרביעצקי געזאָגט.

— אַ קאַטאָליק בין איך, אַזוי גוט ווי איר! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— מיר וואָלטן צוערשט געדאַרפט די קאָניונקטורן באַטראַכטן — האָט זיך זאַכאָסקי אַריינגעמישט.

— די קאָניונקטורן זענען אַזעלכע — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געענטפערט — אַז נישט אַנדערש, נאָר גאָט און זיין הייליקסטע מוטער האָבן בכּיוון אויפן שונא אַ פאַרבלענדעניש אַראָפּגעשיקט, כּדי ער זאָל די מאָס אין זיינע אומרעכטן אַריבערכאַפּן. אַנדערש וואָלט ער קיינמאָל זיך נישט דערוועגט די שווערד אויפן דאָזיקן הייליקן אָרט אויפצוהייבן. נישט מיט די אייגענע כּוחות האָט ער די רעפּובליק אונטעריאָכט, אירע זין אַליין האָבן אים דערצו צוגעהאָלפן; אָבער ווי נידעריק אונדזער פאָלק זאָל נישט זיין געפאַלן, ווי עס זאָל נישט זינקען אין זינד, איז אָבער

אין דער זינד גופא פאַרהאַן אַ גרענעץ, װעלכע עס מוז זיך נישט דערװעגן אַריבערצוטרעטן. זיין האַר האָט עס פאַרלאָזט, פון דער רעפובליק זיך אָפגעקערט, אָבער די מאַמע זייגע, די באַ־שיצערין און קעניגין, האָט עס נישט אויפגעהערט צו אַכפּערן. דער שונא מאַכט אונדז צו שאַנד און צו שפּאָט, פרעגנדיק, וואָס עס איז אונדז פון די אַמאָליקע גוטע מדות פאַרבליבן? און איך וועל ענטפערן: אַלע זענען פאַרשוווּנדן, דאָך איז עפּעס פאַרבליבן, ווייל עס איז פאַרבליבן די אמונה און דרך־ארץ פאַר דער הייליקסטער בתולה, און אויף דעמדאָזיקן פונדאַמענט קען די רעשט אויפסניי אויפגעבויט ווערן. און איך זע קלאָר, אַז ווען נאָר איין שוועדישע קויל וואָלט דידאָזיקע הייליקע מויערן גע־לעכערט, וואָלטן דאַמאָלס אפילו די פאַרהאַרטעוועטסטע הערצער זיך אָפּגעקערט פון די שוועדן, פון פריינט וואָלטן זיי געוואָרן פיינט און זיי וואָלטן קעגן זיי די שווערטן אויפגעהויבן. אָבער אויך די שוועדן האָבן אָפענע אויגן אויף זייער אייגענעם אונ־טערגאַנג און זיי פאַרשטייען דאָס זייער גוט... דערפאַר, אויב גאָט האָט, ווי כ׳האָב דערמאַנט, קיין בליבקייט אויף זיי בפירוש נישט אַראָפּגעשיקט, וועלן זיי קיינמאָל יאַסנאַ־גוראַ זיך נישט דערוועגן צו באַפאַלן, ווייל אין דאָזיקן טאָג וואָלט דאָס מול זייערס זיך געביטן און פאַר אונדז וואָלט עס געווען אַ טאָג פון דערוואַכונג.

קמיטשיץ האָט געהערט מיט פאַרוווּנדערונג קסיאָנדז קאָר־דעצקיס ווערטער, וועלכע זענען, אגב, געווען אַ תשובה אויף דעם, וואָס איז אַרויס פון ווזשעשטשאָוויטשס מויל קעגן פוילישן פאָלק. אָבער באַלד דעם ווי ער האָט זיך אויסגעניכטערט פון דער פאַר־וווּנדערונג האָט ער זיך אָנגערופן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— פאַרוואָס, הויך־ווירדיקער פאָטער, זאָלן מיר דען נישט גלייבן, אַז גאָט האָט טאַקע די שונאים מיט פאַרבלענדעניש גע־שטראָפט? לאָמיר נאָר געדענקען זייער גדלות, זייער לעכצעניש נאָך ערדישע גיטער, לאָמיר געדענקען די אומדערטרעגלעכע גזישות און אָפּנאַבן, וואָס זיי לייגן אַרויף אַפילו אייף גייסטלע־

כע, און עס וועט לייכט זיין צו פאַרשטיין, אַז זיי וועלן זיך פאַר־
קיין שום חילול־הקודש נישט צוריקציִען.

קסיאַנדז קאַרדוצקי האָט נישט געענטפערט קמיטשיצן,
נאָר ווענדנדיק זיך צו אַלע פאַרזאַמלטע, האָט ער ווייטער אַזוי
געזאָגט:

— דערדאָזיקער ריטער דערציילט, אַז ער האָט געזען דעם
שליח ליסאָלאַ, וועלכער איז צום שוועדישן קעניג געפאָרן; אָבער
ווי אַזוי קען דאָס זיין, אַז איך האָב אַ זיכערע ידיעה פון די
קראָקאָווער פוילינער, אַז דער קעניג איז שוין נישטאָ נישט אין
קראָקע און נישט אין גאַנץ קליינפוילן, ווייל באַלד נאָכן אונטער־
געבן זיך פון קראָקע איז ער אַרויסגעפאָרן קיין וואַרשע?

— דאָס קען נישט זיין — האָט קמיטשיץ אָפגעענטפערט —
און די בעסטע ראיה איז דאָס, וואָס ער וואַרט אויפן אונטער־
געבן זיך און אויף דעם אויסדרוק פון די הכנעה־געפילן מצד די
מלוכה־חיילות, וואָס שטייען אונטער הער פאָטאָצקיס קאָ־
מאַנדע.

— די הכנעה־געפילן זאָל אין נאָמען פון קעניג גענעראַל
דוגלאַס אָננעמען — האָט דער קסיאָנדז זיך אָנגערופן — אַזוי
שרייבט מען מיר פון קראָקע.

קמיטשיץ איז אַנטשוויגן געוואָרן; ער האָט נישט געוווּסט,
וואָס צו ענטפערן.

— אָבער איך וועל אָננעמען — האָט דער קסיאָנדז ווייַ־
טער געזאָגט — אַז דער שוועדישער קעניג האָט נישט געוואָלט
זען דעם קייזערלעכן שליח און בכיוון געוואָלט זיך מיט אים
אויסמיידן. קאַרל האָט ליב אַזוי צו טון: מיטאַמאָל אָנקומען,
מיטאַמאָל אַוועקפאָרן; עס פאַרדריסט אים דערביי די קייזערלעכע
אַריינמישונג, איך גלייב דעריבער גערן, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן,
מאַכנדיק זיך כלא־יודע וועגן אָנקומען פון שליח. ווייניקער
חידושט מיך אויך דאָס, וואָס מ'האָט דעם גראַף וושעשטשאָוויטש,
אַזאַ חשובע פערזאָן, דעם שליח מיט אַ באַגלייטונג אַקעגנגעשיקט,
ווייל מ'האָט אפשר געוואָלט מיט העפלעכקייט דעם אָפגענאַרטן
שליח מפייס־זיין, אָבער ווי אַזוי זאָל איך גלייבן, אַז גראַ־

װזשעשטשאָװיטש זאָל באַלד האָבן אָנפּאַרטרױט זײַנע פּלענער דעם באַראָן ליסאָלאַ, װעלכער איז אַ קאַטױליק, צוגענײגט צו אונדז, צו דער גאַנצער רעפּובליק און צו אונדזער פּאַרטרײַבענעם קעניג?

— אוממעגלעך! — האָט פּאַטער ניעשקאָװסקי זיך אָנגערופן.

— אױך מיר לײגט זיך דאָס נישט אױפן שכל — האָט דער שעראַדזער שװערט־טרעגער געזאָגט.

— װזשעשטשאָװיטש אַלײן איז אַ קאַטאָליק און אונדזער בעל־טובֿה — האָט אַן אַנדערער גלח זיך אָנגערופן.

— און דערדאָזיקער ריטער זאָגט, אַז ער האָט דאָס געהערט מיט די אײגענע אױערן? — האָט העד פּאָטער טשאַרניעצקי שטרענג געפֿרעגט.

— באַטראַכט אױך דאָס — האָט דער קסיאָנדז־פּריאָר צוגעגעבן — אַז איך האָב אַ פֿאַרזיכערונג פֿון קאַרל גוסטאַװן, אַז דער קלױסטער און די קירך װעלן קײנמאָל נישט פֿאַרנומען װערן און קײנמאָל דינען פֿאַר קײן קװאַרטיר.

— מען מוז מודה זײַן — האָט העד זאַמאָיסקי מיט חשיבֿות געזאָגט — אַז דיזאָזיקע ידיעות זענען פֿול מיט סתּירות; די שװעדן װאָלט עס געשאַדט און נישט גענוצט, װען זײ באַפֿאַלן טשענסטאָכאָװ, דער קעניג איז נישטאָ, ליסאָלאַ האָט בכן צו אים נישט געקענט פֿאָרן, װזשעשטשאָװיטש האָט אים נישט געקענט דעם סוד אָנפֿאַרטרױען, אַ חוץ דעם איז ער נישט קײן אפּיקורס, נאָר אַ קאַטאָליק, נישט קײן שׂונא פֿון קלױסטער, נאָר זײַן בעל־טובֿה, און צום סוף, װען דער שׂטן װאָלט אים אָנגערעדט צום איבערפֿאַל װאָלט ער זיך נישט דערװעגט עובֿר צו זײַן אױפֿן באַפֿעל און פֿאַרזיכערונג פֿון קעניג.

דאָ האָט ער זיך געװענדט צו קמיטשיצן:

— װאָס דערצײלט איר דאָ, ריטער, און פֿאַרװאָס, צוליב װעלכע כּװנות װילט איר די הױך־װירדיקע פּאַטערס און אונדז אַלע איבערשרעקן?

קמיטשיץ איז געשטאַנען װי אַן אָנגעקלאָגטער פֿאַרן גע-

דיכט. פון איין זייט האָט אים אָנגענומען אַ יאוש, אַז אויב מען וועט זים נישט גלייבן, וועט דער קלויסטער אַריינפאַלן אין די הענט פון שונא, פון דער צווייטער זייט האָט אים געבריענט אַ בושה, ווייל ער האָט אַליין געזען, אַז אַלע סימנים זענען סותר זיינע ידיעות און אַז מ׳קען אים לייכט האַלטן פאַר אַ ליגנער. אויפן געדאַנק וועגן דעם האָט אַ כעס אים אָנגעכאַפּט, אויפגעוועקט אין אים די איינגעבוירענע היציקייט, געריצט די באַליידיקטע אַמביציע, עס האָט זיך געוועקט דער אַמאָליקער האַלבווילדער קאָיטשיק. אַבער ער האָט זיך אַזוי לאַנג געראַנגלט מיט זיך אַליין, ביז ער האָט זיך גובר געווען, האָט צו הילף גערופן דעם גאַנצן כוח־הסבלנות און איבערחזרנדיק זיך אין האַרצן:
„פאַר מיינע זינד! פאַר מיינע זינד!...״ — האָט ער געענטפערט אין בשעת־מעשה האָבן זיך אויף זיין פנים אַלע קאָלירן געביטן:
— וואָס איך האָב געהערט, חזר איך איבער נאָך אַמאָל: הייהאַרד וושעשטשאָוויטש זאָל אָנפאַלן אויפן קלויסטער. דעם טערמין ווייס איך נישט, אָבער איר מיין, אַז דאָס וועט בקרוב געשען... איך בין מתרה און אויף אייך וועט פאַלן די אחריות, אויב איר וועט נישט הערן!...
דערויף האָט הער פּיאָטר טשאַרניעצקי געענטפערט, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף יעדן וואָרט:
— געלאַסן, ריטער, געלאַסן... הויבט נישט אויף די שטים!
דערנאָך האָט הער פּיאָטר טשאַרניעצקי זיך געווענדט צו די פאַרזאַמעלטע:
— דערלויבט מיר, ווירדיקע פּאָטערס, צו שטעלן אַ פּאָר פראַגן דעמדאָזיקן אָנגעקומ נעם...
— איר האָט נישט קיין רעכט מיך מבזה צו זיין! — האָט קמיטשיק אויסגעשריגן.
— איך האָב אויך נישט קיין חשק דאָס צו טאָן — האָט הער פּיאָטר קאַלט געענטפערט. — אָבער דאַ גייט וועגן קלויסטער, וועגן דער הייליקסטער בתולה, און וועגן איר רעזידענץ. דערי־

בער מוזט איר דעם בזיון אָוועקלייגן אָן אַ זייט, אָדער אויך נישט אָן אַ זייט, איז אויף אַ געוויסער צייט. ווייל איר קענט זיכער זיין, אַז איך וועל זיך אייך אומעטום צושטעלן. איר ברענגט ידיעות, מיר ווילן זיי קאָנטראָלירן, דאָס איז פאַרשטענדלעך און דאַרף אייך נישט חידושן, און אויב איר וועט נישט ווילן ענטפערן וועלן מיר מיינען, אַז איר האָט מורא זיך צו פאַרפלאָנטערן.

— גוט! פרעגט! — האָט באַביניטש געזאָגט דורך צונויפגעפּרעסטע ציין.

— איר זאָגט, אַז איר זענט פון זשאַמעט?

— יאָ.

— און איר קומט אַהער, כדי די שוועדן און ראַדזיווילן דעם בוגד גישט צו דינען?

— יאָ.

— אָבער דאָרט זענען דאָך פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס דינען אים נישט און שטייען אויפן צד פון פאָטערלאַנד, פאַרהאַן פולקן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געהאָרכן, פאַרהאַן הער סאַפּיעהאַ, פאַרוואָס זענט איר קיינמאָל צו זיי נישט צוגעשטאַנען?

— דאָס איז מיין זאַך!

— אַהאַ! אייער זאַך! — האָט טשאַרניעצקי געזאָגט — וועט איר מיר אפשר אויף אַנדערע פראַגן ענטפערן?

הער אַנדזשעיס הענט האָבן געציטערט, די אויגן האָבן זיך איינגעגראָבן אין שווערן מעשענעם גלאָק, וואָס איז פאַר אים געשטאַנען אויפן טיש, און פון דאָזיקן גלאָק האָבן זיי זיך אַריבערגעטראָגן אויפן קאָפּ פון פרעגנדיקן. ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ווילדער, נישט ביי־געקומענער חשק צו כאַפּן דעמדאָזיקן גלאָק און אים אַ וואָרף צו טון הער טשאַרניעצקין אין קאָפּ אַריין. דער אַלטער קמיטשיץ האָט וואָס אַמאָל מער באַקומען די איבער־האַנט איבער דעם פרומען און הכנעהדיקן באַביניטש. אָבער ער האָט זיך נאָכאַמאָל איבערוועלטיקט און געזאָגט:

— פרעגט!

— אויב איר זענט פון זשאַמעט, מוזט איר דאָך וויסן, וואָס

עס טוט זיך אין הויף פון בוגד. רעכנט מיר אויס די, וואָס האָבן אים צוגעהאָלפן דאָס פאָטערלאַנד חרוב צו מאַכן, רעכנט מיר אויס די פּאָלקאָווניקעס, וואָס שטייען אויף זיין זייט.

קמיטשיץ איז בלאַס געוואָרן ווי די וואַנט, אָבער ער האָט אויסגערעכנט אַ פּאָר נעמען.

הער טשאַרניעצקי האָט אויסגעהערט און געזאָגט:

— איך האָב אַ פריינט, אַ קעניגלעכן הויף-מאַן, הער טיזענהויז, וועלכער האָט מיר וועגן נאָך איינעם, דעם באַרימטסטן דערציילט, ווייסט איר גאָרנישט וועגן דאָזיקן רשע-מרושע?...

— כ'ווייס נישט...

— ס'טייטש? איר האָט גאָרנישט געהערט וועגן דעם, וואָס האָט, ווי קין, ברודערלעך בלוט פאַרגאָסן?... איר זענט פון זשאַמעט און האָט נישט געהערט וועגן קמיטשיצן?

— היכווירדיקע פאָטערס! — האָט הער אַנדזשעי מיטאַמאָל אויסגעשריגן, טרייסלענדיק זיך ווי אין קדחת — זאָל מיך אַ גייסטלעכע פּערזאָן פרעגן, וועל איך אַלץ איבערטראָגן... אָבער געדענקט אין גאָט און דערלויבט נישט דעם דאָזיקן פּריצל מיך לענגער צו מאַטערן...

— לאָזט צו רו! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט. ווענדנדיק זיך צום הער פּיאָטר — נישט וועגן דאָזיקן ריטער גייט עס דאָ.

— נאָר נאָך איין פראַגע — האָט דער שעראַדזער שווערט-טרעגער געזאָגט.

און ווענדנדיק זיך צו קמיטשיצן האָט ער געזאָגט:

— איר האָט זיך נישט גערעכט, אַז מיר וועלן נישט גלייבן אייערע ידיעות?

— ווי אַ גאָט איז אין הימל! — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט.

— וואָס פאַר אַ שכר האָט איר פאַר זיי גערעכנט צו באַקומען?

אַנשטאָט צו ענטפערן האָט הער אַנדזשעי פּיבערהאָפּט אַרייַנגעשטעקט ביידע הענט אין אַ קליינע לעדערנע טאַש, וואָס האָט

אים געהאָנגען אויפן בויך בײַ דער גאַרטל, און אַרויסגענומען־ייק זיי, האָבן זיך אַ שאָט געטאָן אויפן טיש צווײ גאָרשקעס פּערל, שמאַראַגדעז, טירקיסן און אַנדערע טײַערע שטיינער.

— אָט דאָס!... — האָט ער געזאָגט מיט אַן אָפּגעהאַקטער שטים — נישט נאָך געלט בין איך געקומען אַהער!... נישט נאָך אײַער שכר!... דידאָזיקע פּערל און אַנדערע שטיינדלעך... דאָס אַלץ איז שלל... פֿון די באָיאַרישע היטלען אַראָפּגעריסן!... האָט איר מיך!... דאַרף איך דען אײַער שכר?... כ'האָב עס געוואָלט דער הייליקסטער בתולה אַוועקשענקען... אָבער ערשט נאָכן מתוודה זײַן זיך... מיט אַ ריין האַרץ!... אָט זעבען זיי... אַזוי דאַרף איך שכר... כ'האָב נאָך מער... אַז עס זאָל אײַך!...

אַלע זעבען אַנטשוויגן געוואָרן פֿאַרחידושטע און דער אָנבליק פֿון די איידל שטיינער, וואָס האָבן זיך אַזוי לייכט ווי קאַשע פֿון זאַק אַרויסגעשאָטן, האָט נישט קיין קליינעם רושם געמאַכט; וואָרים יענער האָט נישט ווילנדיק זיך געפֿרעגט: וואָס פֿאַר אַ סיבה האָט דערדאָזיקער מענטש געקענט האָבן אויסצוטראַכטן ידיעות, אויב ער איז קיין שכר נישט אויס געווען?

פּיאָטר טשאַרניעצקי איז מבֿולבל געוואָרן, ווייל אַזוי איז שוין די טבֿע פֿון מענטש, אַז דער אָנבליק פֿון פֿרעמדער מאַכט און עשירות פֿאַרבלענדט אים. צום סוף איז אויך זײַן חשד אַוועקגעפֿאַלן, ווייל ווי אַזוי זאָל מען אָננעמען, אַז דערדאָזיקער שררה, וואָס שיט מיט איידלשטיינער, זאָל צוליב ריווח וועלן די בזיזים איבערשרעקן?

די בײַגעוועזענע האָבן זיך דעריבער אָנגעקוקט, און ער איז געשטאַנען איבער די איידל שטיינער מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ, ענלעך אויפֿן קאָפּ פֿון אַ צערייצטן אָדלער, מיט אַ פֿײַער אין די שוואַרץ־אַפּלען און אַ רויטקייט אויפֿן פּנים. די פֿײַשע וווּנד, וואָס האָט זיך געצויגן דורך דער שלייף און באַק, איז בלוי געוואָרן און שרעקלעך איז געווען הער באַבינײַטש, וועלכער האָט מיט אַ רויבערישן בליק געדראָט טשאַרניעצקין, צו וועלכן זײַן כּעס איז באַזונדערס געווען געווענדט.

— שוין דורך אייער כעס אַליין שלאָגט זיך דורך דער אמת — האָט קסיאָנדז קאַרדעצקי געזאָגט — אָבער דידאָזיקע איידל-שטיינער באַהאַלט, ווייל די הייליקסטע בתולה קען נישט אָננעמען דאָס. וואָס ווערט אין כעס, הגם גערעכטן, געשענקט. איבעריקנס, ווי איך האָב געזאָגט, גייט עס דאָ נישט וועגן אייך, נאָר וועגן ידיעות, וואָס האָבן אונדז מיט אַן אימה און מיט אַ גרויל דורכגענומען. איין גאָט ווייסט, צי עס איז אין דעם נישטאָ עפּעס אַ מיספאַרשטענדעניש, אָדער אַ טעות, ווייל ווי איר אַליין האָט געזען, פאַרט זיך נישט מיטן אמת דאָס, וואָס איר זאָגט. היינט ווי אַזוי זאָלן מיר די פרומע אַרויסטרייבן, דעם כבוד פון דער הייליקסטער בתולה פאַרשווערן און טאָג און נאַכט די טויערן האַלטן פאַרמאַכט?

— די טויערן האַלט פאַרמאַכט! געדענקט אין גאָט! די טויערן האַלט פאַרמאַכט!... — האָט הער קמיטשיץ געשריגן, ברעכנדיק די הענט, אַז די פינגער האָבן אים אַזש געקנאַקט אין די געלענקען.

אין זיין שטים איז געווען אַזוי פיל אמת און נישט געמאַכטער יאוש, אַז די בייגעוועזענע האָבן נישט לילנדיק אויפגעציטערט, גלייך ווי די סכנה וואָלט שוין געווען נאָענט, און הער זאַמאָיסקי האָט געזאָגט:

— מיר האָבן דאָך סיי-ווי אַ שטאַרקע השגחה אויף דער געגנט און אין די טויערן ווערן געמאַכט רעפּעראַציעס. בײַטאָג קענען מיר די מענטשן צולאָזן צו די תפילות, אָבער פאַרזיכטיק דאַרף מען זיין, שוין דערפאַר אַליין, וואָס קעניג קאַרל איז אַוועקגעפאָרן, און וויטעמבערג, זאָגט מען, רעגירט אין קראָקאָ מיט אַן אייזערנער האַנט און אונטערדריקט די גייסטלעכע נישט ווייניקער ווי די וועלטלעכע.

— הגם איך גלייב נישט אין אַן אָנפאַל, אָבער קעגן פאַרזיכטיקייט האָב איך גאָרנישט! — האָט הער פיאָטר טשאַרניעצקי געענטפערט.

— און איך וועל קלויסטער-ברידער צו ווזשעשטשאָוויטשן אַרויסשיקן — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט — מיט דער

אָנפראַגע: צי דעם קעניגס פאַרזיכערונג האָט שוין גאָר קיין באַדייטונג נישט?

קמיטשיץ האָט אָפּגעטעמט.

— געליבט איז גאָט! געלויבט איז גאָט! — האָט ער אויסגערופן.

— הער ריטער! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי צו אים געזאָגט — גאָט זאָל אייך באַלוינען פאַר אייער גוטער כוונה... אויב איר האָט אונדז מיט רעכט געוואָרנט, וועט איר האָבן אַ פאַרדינסט אויף דור-דורות פאַר דער הייליקסטער בתולה און פאָטערלאַנד; אָבער איר זאָלט זיך נישט חידושן, וואָס מיר האָבן אייער דינסט-גרייטקייט מיט אומצופרידנקייט אָנגענומען. נישט איינמאָל האָט מען אונדז שוין דאָ אָנגעשראָקן: אַ טייל האָבן דאָס געטון מחמת פאַרביסנקייט קעגן דער אמונה, כדי דעם כבוד פון דער הייליקסטער בתולה צו פאַרשוועכן; אַ צווייטער טייל פון גיריקייט-וועגן, כדי עפּעס צו געווינען; אַ דריטער בכּדי דערפאַר, כּדי צו ברענגען נייעס און אָנזען אין מענטשלעכע אויגן צו באַקומען, און אפשר זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס זענען אָפּגענאַרט געוואָרן, פּונקט ווי מיר זענען זיך משער, אַז מ'האָט אויך אייך אָפּגענאַרט. דער שטן האָט זיך מאָדנע אָנגעזעצט אויפן דאָזיקן אָרט און ער ווענדט אָן אַלע באַמיִונגען די תּפילות דאָ צו שטערן און אַז וואָס ווייניקער גלויביקע זאָלן אין זיי זיך קענען באַטייליקן, ווייל קיין שום זאַך באַגעגט נישט אַזוי אַ־ויס פון די כּלים די מלאכי-חבלה, ווי דער אָנבליק פון פאַרערונג פאַר דער, וואָס האָט דעם קאָפּ דעם שלאַנג אַראָפּגעהאַקט... און איצט איז צייט צום אָוונט-געבעט. לאָמיר זיך אויסבעטן איר גנאָד, לאָמיר זיך איבערגעבן איר שוץ און זאָל יעדער גיין רויִק שלאָפן, ווייל ווו דען זאָל רויִקייט און זיכערקייט זיין, אויב נישט אונטער אירע פליגל?

און זיי זענען זיך אַלע פאַנאַנדערגעגאַנגען.

ווען דאָס אָוונט-געבעט האָט זיך געהאַט געענדיקט, האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי אַליין געגומען אויסהערן דעם הער אַנדזשעיס ווידוי און ער האָט אים לאַנג אויסגעהערט אין דער שוין

ליידיקער קירך; דערנאָך איז הער אַנדזשעי ווי אַ צלם געלעגן פאַר דער פאַרמאַכטער טיר פון דער קאַפּליצע ביז האַלבער נאַכט.

אין האַלבער נאַכט איז ער צוריקגעגאַנגען אין זיין שטיבל, האָט אויפגעוועקט סאַ־אָקאַן און געהייסן פאַרן שלאָפן גיין זיך מלקות שלאָגן, אַז פון די פּלייצעס און אַקסלען האָט אַזש בלוט געשפּריצט.

13. קאַפּיטל.

צימאַרגאַס אינדערפרי האָט אַ משונהדיקע און אומגעוויינטלעכע באַוועגונג געהערשט אין קלויסטער. די טויערן זענען אמת געווען אָפן און מ'האָט די פרומע נישט געשטערט דעם צוטריט, די תפילות זענען אָפגעריכט געוואָרן, ווי תמיד, אָבער נאָך די תפילות האָט מען אַלע פרעמדע געהייסן פאַרלאָזן די סביבה פון קלויסטער. קסיאָנדז קאָרדעצקי אַליין האָט צוזאַמען מיטן שעראַדזער שווערטטרעגער און הער פּיאָטער טשאַרניעצקין גוט בודק־געווען די באַפעסטיקונגען און די שטיץ־פונקטן, וואָס האָבן אונטערגעהאַלטן די מויער פון איבערווייניק און פון אויסנווייניק. מ'האָט אויך דאָ און דאָרט געהייסן רעפּערירן: די שמיד, אין דער שטאָט האָבן באַקומען אַ באַפעל צוצוגרייטן העק, שפּיזן און לאַנגע דרענגער אַריינגעזעצט, קאָסעס, מיטן קאַנט אין שפּיזן אַריינגעשטעקט, שווערע בוילן און קלעצער, באַשלאָגן מיט נעגל. און אַזוי ווי מ'האָט געוווּסט, אַז אין קלויסטער איז אַזוי אויך געווען אַ גרויסער זאַפּאַס פון אַלערליי מכשירים, האָט מען באַלד גענומען רעדן אין

דער גאַנצער שטאָט, אַז דער קלויסטער ריכט זיך אויף אַ גיכן
אָנפאַל. די כסדרדיקע נייע פאַראָרדנונגען האָבן דעמדאָזיקן קלאַנג
באַשטעטיקט.

פאַרנאַכט האָבן שוין צוויי הונדערט מענטשן געאַרבעט בײַ
די מויערן. די שווערע האַרמאַטן, וואָס זענען נאָך פאַר דער באַ-
ל גערונג פון קראָקע צוגעשיקט געוואָרן דורכן הער וואַרשיצקי,
דעם קראָקעווער ק שטעלאַן, אין אַ צאָל פון צוויי הונדערט, האָט
מען אַרויפגעשטעלט אויף נייע לאַוועטן און געהעריק אָנגע-
שטעלט.

פון די קלויסטער-באַהעלטענישן האָבן די גלחים און די-
נער אַרויסגעטראָגן קוילן, וועלכע מ'האָט אין שטייגן אָנגעלייגט
בײַ די האַרמאַטן; מ'האָט נאָך אַרויסגעקאָלערט פעסער מיט פּול-
ווער, פונאַנדערגעבונדן בינטלעך ביקסן און זיי צעטיילט צווישן
גאַרניזאָן. אויף די טורעמס און עק-הייזער האָבן זיך אַוועקגע-
שטעלט וואַכן, וועלכע האָבן באַטאָג און בײַנאַכט געדאַרפט אַכ-
טונג געבן אויף דער סביבה; אַ חוץ דעם זענען די מענטשן, וואָס
זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אויסשפּירונגען, זיך פונאַנ-
דערגעגאַנגען איבער דער געגנט קיין פּשיסטאַיניאַ, קלאָבוצק,
קשעפּיצע, קרושינאַ און מסטוּוו.

צו די אַזוי אויך בשפע פאַרזאָרגטע שפּייז-קאַמערס פון
קלויסטער זענען אָנגעקומען זאַפּאַסן פון דער שטאָט, פון טשענ-
סטאָכאָווקאַ און אַנדערע דערפער, וואָס האָבן געהערט צום קלוי-
סטער.

דער קלאַנג האָט ווי אַ דונער זיך צעהילכט איבער דער
גאַנצער געגנט. די שטאָט-לייט און פּויערן האָבן גענומען זיך
צונויפקלויבן און באַראַטן. אַ סך האָבן נישט געוואָלט גלייבן, אַז
וועלכער עס איז שונא זאָל זיך דערוועגן די האַנט אויף יאַסנאַ-
גוראַ אויפצוהייבן.

מ'האָט געשמועסט, אַז בלויז טשענסטאָכאָוו אַליין זאָל פאַר-
נומען ווערן; אָבער אויך דאָס האָט די געמיטער שוין אויפגע-
רעגט, בפרט, ווען אַנדערע האָבן דערמאַנט, אַז די שוועדן זענען
דאָך אפּיקורסים, וועלכע קיין שום זאַך וועט נישט צוריקהאַלטן

און וואָס זענען בכיוון גרייט דעם כבוד פון דער הייליקסטער בתולה צו פאַרשוועכן.

מ'האָט בכן אי געוואַקלט זיך, אי געצווייפלט און אי גע־גלייבט. אַ טייל האָט פאַרבראָכן די הענט, דערוואַרטנדיק שרעק־לעכע דערשיינונגען אויף דער ערד און אויפן הימל, באַשיי־פערלעכע סימנים פון גאָטס גרימצאָרן; אַ צווייטער טייל איז געוואָרן אַפּהענטיק און אַריינגעפאַלן אין אַ שטילן יאוש; אַ דריטן טייל האָט אָן איבערמענטשלעכע רציחה אַנגעכאַפּט, גלייך ווי זייערע קעפ וואָלטן פון אַ פלאַם־פייער אַרויסגעבלאָזן געוואָרן. און אַז די מענטשלעכע פאַנטאַזיע האָט שוין איינמאָל צעלאָזט די פליגל צום פליען, האָבן באַלד זיך גענומען פאַרשפרייטן אַלץ נייע ידיעות, אַלץ מער פיבערהאַפטע, אַלץ מער אויסטערלי־שע.

און פונקט ווי ווען אייבער שטעקט אַריין אַ שטעקן אין אַ געמוייזעכץ אָדער וואַרפט אָן גליענדיקע קוילן, שיטן זיך באַלד אַרויס אומרויִקע חמרים ווערעמלעך, וועלכע קנוילן זיך, צעלויפן זיך און לויפן זיך צוזאַמען, אַזוי האָט זיך אויך צעבראַזשעט אין דער שטאָט און אין די אַרומיקע דערפער.

נאָכמיטאָג האָבן מחנות פון שטאָט־לייט און פויערן, צוזאַ־מען מיט די ווייבער און קינדער, אַרומגערינגלט די קלויסטער־מויערן און ווייענדיק און קרעכצנדיק זיי געהאַלטן ווי באַלאַ־גערט. ערשט בשעתן זון־אונטערגאַנג איז קסיאָנדז קאָרדעצקי צו זיי אַרויסגעגאַנגען און אַריינלאָזנדיק זיך צווישן עולם האָט ער געפרעגט:

— מענטשן, וואָס ווילט איר דאָ?

— מיר ווילן צום גאַרניזאָן אין קלויסטער צושטיין, די הייליקסטע בתולה פאַרטיידיקן! — האָבן די מאַנסבילן גערופן, טרייסלענדיק די דרעש־אייזנס, ווידלעס און אַנדערע פויערישע כלי־זיין.

— מיר ווילן אויף די הייליקסטע בתולה צום לעצטן מאָל אַ קוק טון! — האָבן די ווייבער געקלאָגט.

קסיאַנדז קאַרדעצקי האָט זיך אויף אַ הוי כן שטיין אַרויס-
געשטעלט און געזאָגט:

— די רוחות פון גיהנום וועלן נישט גובר זיין די הימלי-
שע כּוחות. באַרויקט זיך און נעמט זיך אָן מיט מוט. קיין פוס פון אַן
אפּיקורס, וועט נישט באַטרעטן דידאָזיקע הייליקע מויערן, און ק״ן
שום לוטערישער און קאַלווינער געצן-דינער וועט נישט פּראַוועןזיינע אַבערגלויבישע שטיק אין דאָזיקן געצעלט פון גלויבן און
רום. איך ווייס נישט, צי עס וועט טאַקע קומען אַהער דער חוצפּ-
דיקער שונא, אָבער דאָס ווייס איך, אַז אויב ער וועט קומען,
וועט ער מיט חרפּה און שאַנד מוזן אָפּטרעטן. ווייל זיין קראַפט
וועט פון אַ גרעסערער קראַפט צעשטויבט ווערן, זיין רשות וועט
צעבראָכן ווערן, זיין מאַכט צעריבן ווערן און די הצלחה וועט
זיך פון אים אָפּטון. נעמט זיך אָן מיט מוט! נישט צום לעצטן
מאָל זעט איר אונדזער באַשיצערין, אדרבא, איר וועט זי נאָך
אין אַ גרעסערן רום זען און נייע נסים דערלעבן. נעמט זיך אָן
מיט מוט, ווישט אָפּ די טרערן און שטאַרקט זיך אין גלויבן,
ווייל איך זאָג אייך — און נישט איך זאָג דאָס, נאָר גאָטס גייסט
רעדט דורך מיר — אַז קיין שווער וועט אין דידאָזיקע מויערן
נישט אַריינקומען — חסדים וועלן פון דאַנען אַראָפּפליסן און די
פינסטערנישן וועלן נישט פאַרלעשן דאָס ליכט, פּונקט אַזוי ווי
די נאַכט, וואָס רוקט איצט אָן, וועט גאָטס זון נישט שטערן מאָרגן
אויפצושטיין!

די זון איז טאַקע גראָד פאַרגאַנגען. אַ פינסטערניש האָט
שוין איינגעהילט די געגנט, נאָר די קירך האָט רויט געברענט
אין די לעצטע שטראַלן פון דער זון. זעענדיק דאָס, האָבן די
מענטשן אַנידערגעקניט אַרום די מויערן און אַ מוט איז באַלד אַראָפּ-
געפאַלן אין זייערע הערצער. דערווייל האָט מען אויף די טו-
רעמס גענומען קלינגען צו דער תּפילה „אַנגעלוס“. קסיאַנדז קאַר-
דעצקי האָט אָנגעהויבן צו זינגען: „Anioł Pański“ און נאָך אים
די גאַנצע מאַסע. די שליאַכטע און זעלנער, וואָס זענען גע-
שטאַנען אויף די מויערן, האָבן מיט זייערע שטימען פאַר-
אייניקט, די גרעסערע און קלענערע גלאָקן האָבן באַגלייט מיט

זייער געקלאַנג און עס האָט זיך געדאַכט, אַז דער גאַנצער באַרג זינגט און קלינגט, ווי אַ ריזיקער אָרגל, וואָס זיינע טענער טראָגן זיך אויף אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.

מ'האָט געזונגען ביז שפּעט אין אָוונט; די אַוועקגייענדיקע האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געגעבן אַ ברכה אויפן וועג און צום סוף האָט ער געזאָגט:

— ווער פון די מאַנסבילן עס האָט אין דער מלחמה געדינט, קען מיט כּלי-זיין זיך אומגיין און פאַרמאָגט אַ מוטיק האַרץ, זאָל מאָרגן קומען אין קלויסטער.

— איך האָב געדינט, איך בין געווען אין פוס-גייער-פּולק, איך וועל קומען! — האָבן אַ סך שטימען זיך אָנגערופן.

און דער המון איז זיך לאַנגזאַם פונאַנדערגעגאַנגען. די נאַכט איז אַריבער רויִק. אַלע האָבן זיך אויפגעוועקט מיט אַ פריידאויסגעשריי: „נישטאָ קיין שוועדן!" פונדעסטוועגן האָבן די בעלי-מלאכות אַ גאַנצן טאָג די באַשטעלטע אַרבעט געליווערט.

ס'איז אויך אַרויס אַ באַפעל צו די קרעמער, באַזונדערס צו די, וואָס האָבן באַ דער מזרחדיקער מויער זייערע קראָמען, אַז זיי זאָלן די סחורה אין קלויסטער אַריינפירן, און אין קלויסטער גופא האָט מען נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן באַ די מויערן. מ'האָט דער עיקר באַוואָרנט די אַזוי גערופענע „שטערונגען", דאָס הייסט די ענגע עפענונגען אין די מויערן, וואָס זענען קיין טויערן נישט געווען, וועלכע האָבן אָבער געקענט דינען צו מאַכן אַרויספאַלן. הער רוזשיץ-זאַמאָיסקי האָט זיי געהייסן פאַרלייגן מיט בעלקעס, ציגל, מיסט, אַזוי אַז זיי זאָלן אין נויטיקן פאַל פון אינעווייניק קענען לייכט אַוועקגענומען ווערן.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיך נאָך אויך געצויגן וועגנס מיט זאַפּאַסן און עסנוואַרג, עס זענען אויך אַראָפּגעקומען אַ פּאָר שליאַכטשע משפּחות, וועלכע עס האָט איבערגעשראָקן די ידיעה וועגן בקרובֿדיק אָנקומען פון שונא.

אַרום מיטאָג צייט זענען צוריקגעקומען די מענטשן, וואָס זענען יעם פאַרגאַנגענעם טאָג אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף אויסשפּירונגען, אָבער קיינער האָט נישט געזען קיין שוועדן און

אפילו וועגן זיי נישט געהערט, אַ חוץ וועגן די, וואָס זענען אַמ־גאַנטסטן אין קשעפּיצע געשטאַנען.

מ'האָט פונדעסטוועגן אין קלויסטער די הכנות נישט אָפּגע־שטעלט. אויף אַ באַפעל פון קסיאָנדז קאָרדעצקי זענען אָנגע־קומען די כּוחות די שטאָט־לייט און פויערן, וועלכע האָבן פריער אין פּוסגייער־פולק געדינט און מיט דער מלחמה־דינסט געווען באַקאַנט. מ'האָט זיי איבערגעגעבן אונטער דער קאָמאַנדע פון הער זיגמונט מאַשינסקי, וועלכער האָט געהיטן די צפון־מזרחדיקע שויץ־מויער. און הער זאַמאָיסקי האָט אַ גאַנצן טאָג די מענטשן פונאַנדערגעשטעלט, געלערנט, וואָס יעדער דאַרף טון, אָדער זיך באַראַטן אין רעפלעקטאָריום מיט די פאָטערס.

קמיטשיץ האָט מיט אַ פרייד אין האַרצן געקוקט אויף די מלחמה־הכנות, אויף די זעלנער, וואָס האָבן זיך מושטירט, אויף די האַרמאַטן, שטויסן ביקסן, פייל־בויגנס, שפּיזן און העק. דאָס איז געווען זיין אייגנטלעכער עלעמענט. צווישן דידאָזיקע מורא־דיקע מאַשינען, צווישן פאָרעניש, הכנות און מלחמה־פיבער איז אים געווען וואויל, גרינג און פריילעך. באַזונדערס גרינג און פריילעך איז אים געווען דערפאַר, וואָס ער האָט זיך מתוודה גע־ווען פון גאַנצן האַרצן, ווי עס טוען דאָס גוססים, און ער האָט באַר אומגעריכט באַקומען אַ מחילה גמורה, ווייל דער גלח האָט בע ומען אין אַכט זיין כּוונה, דעם אמתדיקן ווילן תשובה צו טון און דאָס, וואָס ער האָט שוין דעמדאָזיקן וועג באַטרעטן.

אויף אַזאַ אופן האָט הער אַנדזשעי זיך באַפרייט פון אַן עול, אונטער וועלכן ער איז שוין כּמעט אומגעפאַלן, און אָפּקוי־מעניש פאַר די זינד האָט מען אים געגעבן אַ שווערע און יעדן טאָג האָט זיין רוקן געבלוטיקט אונטער סאָראָקאָס קאַנטשיק; מ'האָט אים געהייסן זיך באַנעמען הכנעהדיק און דאָס איז אים נאָך שווע־רער אָנגעקומען, ווייל ער האָט קיין הכנעה אין האַרצן נישט גע־האָט; אַדרבא, ער האָט געהאַט גדלות און גאווה — מ'האָט אים צום סוף אויך געהייסן מיט גוטע מעשים די תשובה באַשטעטיקן, אָבער דאָס איז שוין ווידער געווען דאָס לייכטסטע. ער האָט אַליין מער גאָרנישט געוואָלט, מער גאָרנישט באַגערט. די גאַנצע יונגע

נשמה האָט זיך אין אים געריסן צו מעשים ווייל אונטער מעשים האָט ער באַטייטלעך פאַרשטאַנען מלחמה האַלטן און שלאָגן די שוועדן פון באַגינען ביז אָוונט, אָן אויפהער און אָן רחמנות. און וואָס פאַר אַ שיינער, וואָס פאַר אַ הערלעכער וועג האָט זיך פאַר אים גראָד דערצו געעפנט. שלאָגן די שוועדן נישט בלויז באַם פאַרטיידיקן דאָס פאָטערלאַנד, נישט בלויז באַם פאַרטיידיקן דעם האַר קעניג, וועלכן ער האָט טרייסאַפט צוגעשוואוירן, נאָר נאָך באַם פאַרטיידיקן די הימלישע מלכה — דאָס איז געווען אַ זכיה, צו וועלכער ער איז גאָרנישט ראוי געווען.

ווו זענען אַהינגעקומען יענע צייטן, ווען ער איז געשטאַנען ווי אויפן שייד-וועג, פרעגנדיק זיך, וווהין ער זאָל גיין; ווו זענען יענע צייטן, אין וועלכע ער האָט נישט געוווסט, צו וואָס זיך צו נעמען, אין וועלכע ער האָט אומעטום זיך אָנגעשטויסן אויף ספקות און אַליין גענומען די האָפענונג פאַרלירן?

און די דאָזיקע מענטשן דאָ, די ווייסע נזירים און דאָס הייפל פויערן און שליאַכטשיצעס, האָבן זיך דאָך פשוט געגרייט צו דער פאַרטיידיקונג, צום קאַמף אויף טויט און אויף לעבן. דאָס איינציקע ווינקל איז דאָס געווען אין דער רעפּובליק און גראָד איז הער אַנדזשעי אַהער פאַרפאָרן, גלייך ווי עפּעס אַ מזלדיקער שטערן וואָלט אים געפירט, ווייל דערביי האָט ער הייליק געגלייבט אין נצחון, ווען אפילו די גאַנצע שוועדישע מאַכט זאָלן די דאָזיקע מויערן אַרומרינגלען. דאָס האַרץ איז אים דעריבער פול געווען מיט געבעט, פרייד און דאַנקבאַרקייט.

אין דער דאָזיקער שטימונג איז ער אַרומגעגאַנגען איבער די מויערן, מיט אַ ליכטיקן פנים, האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט און געזען, אַז די אַרבעט ווערט גוט געטון. מיטן אויג פון אַ מבין האָט ער בלויז פון די הכנות באַלד דערקענט, אַז זיי ווערן געמאַכט פון מענטשן מיט נסיון, וועלכע וועלן בכּוח זיין צו ווייזן זייערע גבורות אויך דעמאָלס, ווען עס וועט קומען צו אַ שלאַכט. ער האָט באַוווּנדערט די רויִקייט פון קסיאָנדז קאָרדעצקי, פאַר וועלכן ער האָט באַקומען אַ טיפן דרך-ארץ; ער האָט באַוווּנדערט די געזעצטקייט פון שעראַדזער שווערט-טרעגער, און אפילו

דעם הער טשאַרניעצקי. הגם ער איז אויף אים בייז געווען, האָט ער נישט געוויזן קיין קרומע מינע.

אָבער דערדאָזיקער ריטער האָט אויף אים שאַרף געקוקט און, באַגעגענדיק אים בײַ דער מויער אויפן צווייטן טאָג נאָכן צוריקקער פון די קלויסטער-שליחים, האָט ער געזאָגט:

— עפּעס זעט מען נישט די שוועדן, הער ריטער, און אַז זיי וועלן נישט אָנקומען, וועלן אייער רעפּוטאַציע די הינט אויפעסן.

— אויב זייער אָנקומען זאָל עפּעס אַ שאָדן פאַרן הייליקן אָרט גורם זיין, איז שוין בעסער, אַז די הינט זאָלן מיין רעפּוטאַציע אויפעסן! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— איר וואָלט בעסער וועלן זייער פּולווער נישט שמעקן, מיר קענען זיך אויף אַזעלכע ריטער, וואָס זייערע שטיוול זענען מיט האָן-פּעדל אונטערגעבייט!

קמיטשיץ האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט ווי אַ מיידל.

— אפשר וואָלט איר בעסער זיך אויפגעהערט צו קריגן — האָט ער געזאָגט — וואָס בין איך אייך שולדיק? איך האָב מוחל געווען אויף מיין כבוד, זייט אויך מוותר אויף אייער כבוד.

— אָבער איר האָט מיך גערופן פּריצל — האָט הער פּיאָטר שאַרף געזאָגט — ווער, כ'בעט אייך, זענט איר דאָס אַליין! און מיט וואָס זענען דאָס די באַביטשעס בעסער פון די טשאַרניעצקיס?... קומט איר טאַקע אַרויס פון סענאַטאָרישן יחוס?

— מיין הער — האָט קמיטשיץ פריילעך געענטפערט — ווען נישט די הכנעה, וואָס מ'האָט אויף מיר בשעת דער ווידוי בוזר געווען, ווען נישט יענע ריטער, וועלכע שמייסן מיר יעדן טאָג דאָס לייב פאַר אַלטע עבירות, וואָלט איך אייך דאָ באַלד נאָך אַנדערש אָנגערופן, נאָר איך האָב מורא, אַז איך זאָל ווידער אין די אַלטע זינד נישט אַריינפאַלן. און וואָס שייך ווידער דער פראַגע, ווער עס איז בעסער, די באַביטשעס, אָדער די טשאַרניעצקיס, וועט דאָס זיך אַרויסשטעלן, ווען די שוועדן וועלן אָנקומען.

— און וואָס פאַר אַן אמת ריכט איר זיך דען צו באַקו-מען?!.. מיינט איר, אַז מ׳וועט אייך מאַכן פאַר איינעם פון די קאָמענדאַנטן?

קמיטשיץ איז געוואָרן ערנסט.

— איר האָט מיך חושד געווען, אַז איך בין אויסן פאַר-דינסטן, איצט רעדט איר וועגן אמתן. זייט-זשע וויסן, אַז נישט נאָך כבוד בין איך געקומען אַהער, ווייל איך האָב ערגעץ אַנ-דערשווו געקענט אַ גרעסערן כבוד דערגרייכן. אַ פשוטער זעלנער וועל איך זיין, אפילו אינטער אייער קאָמאַנדע.

— פאַרוואָס עפּעס: אפילו?

— ווייל איר זענט אויף מיר ברוגז און זענט גרייט מיר צרות אָנצוטון.

— הם! מ׳קען נישט זאָגן! גאַנץ שיין פון אייער זייט, וואָס איר ווילט אפילו אַ פשוטער זעלנער ווערן, ווייל ס׳איז קענטיק, אַז איר זענט אַ מענטש מיט אַ גרויסן מוט און די הכנעה קומט אייך נישט גרינג אָן. איר וואָלט שטאַרק זיך וועלן שלאָגן?

— דאָס וועט זיך אַרויסשטעלן מיט די שוועדן, ווי כ׳האָב שוין געזאָגט.

— יאָ, אָבער אַז די שוועדן וועלן נישט קומען?

— דאַמאָלס, ווייסט איר וואָס? מיר וועלן זיי גיין זוכן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— אָט אַזוי געפעלט איר מיר! — האָט הער פּיאָטר אויס-געשריגן — מ׳וואָלט געקענט אַ פיינע פּאַרטיע צונויפנעמען... שלעזיע איז פון דאַנען נישט ווייט און עס וואָלטן זיך באַלד אַ סך זעלנער אָנגעקליבן. די פּרער, ווי אויך מיין פעטער, האָבן גוט בן דאָס וואָרט, אָבער די פשוטע זעלנער האָט מען וועגן דעם אפילו נישט געבעטן. מ׳קען זיי האָבן זער אַ סך אויפן ערשטן רוף!

— און עס וואָלט דערמיט אַ גוטער ביישפּיל פאַר אַנדערע געגעבן געוואָרן! — האָט קמיטשיץ מיט התלהבות געזאָגט — איך

האָב אויך אַ הייפל מענטשן... איר וואָלט זיי געזען בײַ דער אַרבעט!

— ווײַל... ווײַל... — האָט הער פּיאָטר געזאָגט — ווי גאָט איז מיר ליב!... גיט־זשע דעם פּיסק!

— און זײַט איר אויך! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

און נישט קיין כך טראַכטנדיק, האָבן זיי זיך געוואָרפן אין די אָרעמס.

גראָד איז קסיאָנדז קאָרדעצקי פאַרבײַגעגאַנגען און זעענדיק וואָס עס איז געשען, האָט ער זיי גענומען בענטשן, זיי ווידער האָבן זיך פאַר אים באַלד מודה געווען, וועגן וואָס זיי האָבן זיך אָפּגערעדט. דער קסיאָנדז האָט נאָר רויִק אַ שמייכל־געטון און איז ווייטער געגאַנגען, זאָגנדיק דערבײַ ווי צו זיך אַליין:

— דער חולה הייבט אָן צוריק געזונט צו ווערן.

ביזן אָוונט האָט מען פאַרענדיקט די הכנות און די פעסטונג איז געווען פולשטענדיק צו דער פאַרטיידיקונג צוגעגרייט. ס'האָט איר גאָר נישט געפעלט: נישט קיין זאַפּאַסן, נישט קיין פולווער, נישט קיין האַרמאַטן, נאָר גענוג שטאַרקע מויערן און אַ גרויסער גאַרניזאָן.

טשענסטאָכאָוו, בעסער געזאָגט, יאַסנאַ־גורא, הגם זי איז פון דער נאַטור און קינסטלעך געווען באַפעסטיקט האָט זיך גערעכנט צו די קלענערע און שוואַכערע פעסטונגען פון דער רעפובליק. און וואָס שייך דעם גאַרניזאָן, האָט מען אויף יעדן רוף געקענט האָבן אַזוי פיל מענטשן, וויפיל מ'וואָלט נאָר געוואָלט, אָבער די גלחים האָבן בכיוון די מויערן נישט באַלעסטיקט מיט צופיל חיילות, כדי די זאַפּאַסן זאָלן קלעקן אויף לענגער.

דערפאַר זענען אויך געווען אַזעלכע, באַזונדערס צווישן די קאַנאַניער, דײַטשן, וועלכע זענען געווען איבערצייגט, אַז טשענסטאָכאָוו וועט אַ באַלאַגערונג נישט אויסהאַלטן.

נאַראָנים! זיי האָבן געמיינט, אַז אַ חוץ די מויערן שיצט זיי קיין שום זאַך נישט און זיי האָבן נישט געוווּסט, וואָס עס באַדײַטן הערצער, פון גלויבן באַגײַסטערטע. מורא האָבנדיק, אַז

זיי זאָלן צווישן די מענטשן נישט פאַרשפּרייטן קיין ספקות. האָט קסיאַנדז קאָרדעצקי זיי דערוויטערט. אַ חוץ איינעם, וועלכער האָט פאַר אַ מייסטער אין זיין קונסט געגאָלטן.

דעם זעלבן טאָג איז צו קמיטשיצן געקומען דער אַלטער קעמליטש צוזאַמען מיט די זין און געבעטן, אַז ער זאָל זיי פון דינסט באַפרייען.

דעם הער אַנדזשעי האָט אַ רציחה אָנגעכאַפּט.

— הינט! — האָט ער געזאָגט — איר זאָגט זיך גוטוויליק אָפּ פון אַזאַ זכיה און ווילט נישט די הייליקסטע בתולה פאַרטיידיקן!... גוט, זאָל זיין אַזוי! באַצאָלט פאַר די פעיד האָט איר געקריגן, פאַר דער רעשט פאַרדינסטן וועט איר באַלד באַקומען!

דאָ האָט ער אַ בייטל פון קאָפּער אַרויסגענומען און אים זיי אויף דער ערד צוגעוואָרפן

— אָט איז אייער שכירות! איר ווילט בעסער פון יענער זייט מויערן רויב זוכן! איר ווילט בעסער זיין גזלנים, איידער פאַרטיידיקער פון דער הייליקסטער בתולה?!... אַוועק פון מיינע אויגן! איר זענט נישט ווערט זיך דאָ צו געפינען, איר זענט נישט ווערט אין אַ קריסטלעכער געזעלשאַפט זיך אויפצוהאַלטן!.. איר זענט נישט ווערט צו שטאַרבן מיט אַזאַ טויט, ווי דער, וואָס וואַרט דאָ אויף אונדז!... אַוועק! אַוועק!

— מיר זענען נישט ווערט — האָט דער אַלטער געענטפערט, צונעמענדיק די הענט און אַראָפּבויגנדיק דעם קאָפּ — מיר זענען נישט ווערט, אַז אונדזערע אויגן זאָלן קוקן אויף די יאַסנאָ-גורער פראַכט. הימלישע מויערן! מאַר. בשטערן! מקום-מקלט פון זינדיקע! מיר זענען נישט ווערט, נישט ווערט!

דאָ האָט ער זיך נידעריק אַראָפּגעבויגן, אַזוי נידעריק, אַז ער האָט זיך אַזש אין צווייען איינגעבויגן, און איינעם דערמיט האָט ער מיט דער דאַרער, רויבערישער האַנט אַ כאַפּ געטון דעם בייטל, וואָס איז געלעגן אויף דער ע״ד.

— אָבער אויך אויף יענער זייט מויערן — האָט ער געזאָגט — וועלן מיר נישט אויפהערן צו דינען... גנעדיקער האַר..

אין אַ גויט-פּאַל וועלן מיר וועגן אַלץ געבן צו וויסן... מיר וועלן גיין, ווו מ׳דאַרף... מיר וועלן טון, וואָס מ׳דאַרף... ד״ר גנעדיקער האָט ווערט אויף יענער זייט מויערן האָבן גרייטע דינער...

— אַיזעק! — האָט הער אַדזשעי איבערגעחזרט.

זיי זענען אַרויסגעגאַנגען מיט טיפע פאַרבייגונגען, ווייל ס׳איז זיי אַן אימה באַפאַלן און זיי זענען גליקלעך געווען, וואָס אַלץ האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט. פאַרנאַכט זענען זיי שוין ניט געווען אין דער פעסטונג.

די נאַכט איז אָנגעקומען אַ פינסטערע און אַ רעגנדיקע. געווען איז דאָס דעם אַכטן נאָוועמבער. ס׳האָט זיך איינגעשטעלט אַ פּוזער ווינטער און צוזאַמען מיט די גאָס-רעגנס זענען געפלויגן אויף דער ערד די ערשטע פלאָקנס פון צעווייקט, שניי. די שטילקייט האָבן איבערגעריסן נאָר די צעצויגענע שטימען פון דער וואַך, וואָס האָבן גערופן פון איין מויער צו דער צווייטער: „וואַכט!" — אין דער פינסטערניש האָט זיך דאָ און דאָרט דורכגעשלייכט קסיאָנדז קאָרדעצקיס ווייסער קיטל. קמיטשיץ איז ניט געשלאָפן; ער איז געווען אויף די מויערן באַם הער טשאַרניעצקי, מיט וועלכן ער האָט געפלוידערט וועגן די דורכגעמאַכטע מלחמות. קמיטשיץ האָט דערציילט וועגן גאַנג פון דער מלחמה מיט כאָוואַנסקין. און דערביי, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט דערמאָנט וועגן דעם, וואָס פאַר אַן אָנטייל ער אַליין האָט אין איר גענומען; און הער פּיאָטר האָט דערציילט וועגן די צוזאַמענשטויסן מיט די שוועדן באַ פשעדבאָזש, זשאַרנאָווצע און אין דער אומגעגנט פון קראָקע, דערביי האָט ער זיך אַ ביסל באַרימט און אַזוי געזאָגט:

— מ׳האָט געטון, וואָס מ׳האָט געקענט. אויף יעדן שוועד, זעט איר, וועלכן עס האָט זיך מיר איינגעגעבן אויסצוציען, האָב איך זיך געמאַכט אַ צייכן דורך אַ קניפּל אויף די שווערט-בענדער, כ׳האָב שוין זעקס קניפּלעך און מיט גאָטס הילף וועט זיין נאָך מער! דערפאַר טראָג איך די שווערט וואָס אַמאָל העכער אונטערן אָרעם... אינגיכן וועלן די בענדער שוין צו גאָרנישט טויגן,

אָבער איך וועל זיי נישט אויפבינדן, נאָר אין יעדן קניפּ וועל איך הייסן אַ טירקיס איינפּאַסן און נאָך דער מלחמה וועל איך זיי אַלס צירונג אויפהענגען, און איר האָט שוין אַ שווער אויפן געוויסן?

— ניין! — האָט קמיטשיץ מיט אַ בושה געענטפערט — נישט ווייט פון סאָכאַטשעוו האָב איך צעקלאַפּט אַ באַנדע, אָבער דאָס זיינען געווען רויבער...

— דערפאַר וואָלט איר מסתמא די צפון-לייט זייער אַ סך געקענט אָנציילן?

— אַ, די וואָלטן זיך שוין געפונען.

— מיט די שוועדן איז שווערער, ווייל זעלטן איז איינער פון זיי נישט קיין מכשף... פון די פינען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט די קונץ צו באַנוצן זיך מיט רוחות און יעדן פון זיי באַדינען צוויי אָדער דריי שדים, און פאַרהאַן אויך אַזעלכע, וואָס האָבן צו זיבן. בשעת אַ קאַמף ווערן זיי פון זיי זייער שטאַרק געהיטן... אָבער אויב זיי וועלן קומען אַהער, וועלן די שדים גאָרנישט אויפטון, ווייל דאָ אין אַזאַ מקום, פון וואַנען מ'זעט די טורעמס, קענען די שדים קיין שליטה נישט האָבן. איר האָט געהערט וועגן דעם?

קמיטשיץ האָט נישט געענטפערט, האָט מיטן קאָפּ אַ דרייגעטאָן און גענומען זיך גוט איינהאָרכן.

— זיי גייען! — האָט ער מיטאַמאָל געזאָגט.

— וואָס? באַ גאָט! וואָס רעדט איר?

— רייטער הער איך.

— דאָס קלאַפּט אַזוי דער ווינט מיטן רעגן.

— איך שווער באַ קריסטוסעס פּיין! דאָס איז נישט קיין ווינט, דאָס זענען פערד! איך האָב זייער אַ געניט אויער. עס גייען אַ סך רייטער... און זיי זענען שוין נאָענט, נאָר דער ווינט האָט טאַקע פאַרהילכט. הילף! הילף!!!

קמיטשיצס שטים האָט אויפגעוועקט די דערלעבן דרימלענדיקע און פאַרבליפטע וואַכן, אָבער זי איז נאָך נישט פאַרקלונגען, ווי עס האָבן אונטן, אין דער פינסטערניש, זיך אָנגערופן

מוראדיקע קלאַנגען פון טראָמפּייטן, וועלכע האָבן גענומען שפּילן גאַנץ יאָמערלעך, שרעקלעך. פאַרשטאַרטע און איבערגעשראָקענע האָבן אַלע זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט און זיי, איינער דעם צווייטן געפרעגט;

— זענען דאָס נישט אַמאָל די טראָמפּייטן, וואָס רופן צום משפט אין דערדאָזיקער שטילער נאַכט?...

דערנאָך האָבן די נזירים, זעלבער, שליאַכטע גענומען זיך אויפן פּלאַץ אַרויסשיטן. די נזירים זענען געלאָפן צו די גלאָקן און, ווי אויף אַ שׂרפה, האָבן זיי זיך באַלד אַלע אָנגערופן: די גרויסע, די קלענערע און קליינע, אויסמישנדיק זייערע יאָמערלעכע טענער מיטן אָפּקלאַנג פון די טראָמפּייטן, וואָס האָבן נישט אויפגעהערט צו שפּילן.

מ׳האָט געוואָרפן אָנגעצונדענע קנויטן אין פעסלעך מיט סמאָלע, וואָס זענען ספּעציעל געווען צוגעגרייט און צוגעבונדן אויף קייטן, דערנאָך האָט מען זיי מיט קאָרבעס אינדערהייך אַרויפגעצויגן. אַ רויטע ליכטיקייט האָט באַגאָסן דעם צופוסנס פון פעלזנשטיין און דאַמאָלס ערשט האָבן די יאַסנאָגורער מענטשן דערזען צוערשט אַן אָפּטיילונג פון רייטנדיקע טראָמפּייטערס, וואָס זענען געשטאַנען צום נאָענסטן, מיט טראָמפּייטן בײַ די מײַלער, נאָך זיי לאַנגע און טיפע רייען פון רייטער מיט צעפלאַטערטע פענער.

די טראָמפּייטערס האָבן נאָך אַ געוויסע צייט געשפּילט, גלייך ווי זיי וואָלטן מיט דידאָזיקע מעשענע קלאַנגען די גאַנצע שוועדישע מאַכט געוואָלט אויסדריקן און די גלחים צום טויט אַ בערשרעקן; צום סוף זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן; איינער פון זיי האָט זיך אָפּגעריסן פון דער ריי און פאָכנדיק מיט אַ ווייסן טוך, איז ער צוגעריטן צום טויער.

— אין נאָמען פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט — האָט דער טראָמפּייטער אויסגערופן — דעם ליכטיקסטן קעניג פון די שוועדן, גאָטן און וואַנדאַלן, דעם גרויס-פירשט פון פינלאַנד, עסטלאַנד, קאַרעליע, ברעמען, ווערדאַ, שטעטין, פּאָמערלאַנד, קאַשובן און וואַנדאַליע, דעם פירשט פון ריגן, דעם האַר פון

אינגריע, וויסמאַר און בייערן, דעם גראַף פון רייגיש, פּאַלאַדיו יילין, קלעווע, ב רג. . . עפנט!

— אריינלאָזן! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקיס שטים זיך אָנגערופן.

מ'האָט געעפנט, אָבער נאָר א טירל אין טויער. דער רייטער האָט זיך א ווײַלע געקיװעקלט, צום סוף איז ער פון פערד אראָפּגעקראָכן, אריין אין קרייז פון די מויערן און באמערקנדיק א גרופּע ווײַסע קיטלען האָט ער געפרעגט:

— ווער פון אײַך איז דער פּאַרוואַלטער פין קלויסטער?

— איך בין עס! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט.

דער רייטער האָט אים דערלאַנגט א בריוו מיט חתימות און אליין האָט ער געזאָגט:

— דער ה"ר גראַף וועט דא דער הייליקער באַרבאַרא וואַרטן אויף א תשובה.

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט תיכף די גלחים און שליאַכטשיצעס אויף אן אסיפה אין ראָט-זאַל צונויפגערופן.

אויפן וועג האָט הער טשאַרניעצקי געזאָגט צו קמיטשיצן:

— קומט אויך איר!

— איך וועל גיין נאָר צוליב בייגעריקייט — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — ווײַל מען דאַרף דאָך מיך דאָרט נישט האָבן! נישט מיטן מויל וויל איך פון איצט אָן דער הייליקסטער בתולה דינען!

ווען אַלע האָבן זיך געזעצט צו דער אסיפה, האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי אויפגעריסן די חתימות און געלייענט דאָס ווײַטערדיקע:

„ס'איז נישט פאַרהוילן פאַר אײַך, הויכווירדיקע פאָטערס, ווי גוט געניגט מײַן מוח און מײַן האַרץ איז תמיד געווען פאַרן דאָזיקן הייליק אָרט און פאַר אײַער עדה און אויך ווי איך האָב תמיד אײַך געשיצט און באַשאָטן מיט טובות. דער פאַר וואָלט איך

וועלן, אַז איר זאָלט זיין איבערצייגט, דאָס מיין צוגעביגטקייט און מיין פֿיינטשאַפֿט האָבן פֿאַר אייך נישט אויפֿגעהערט אין די היינטיקע צייטן. נישט ווי אַ שונא, נאָר ווי אַ פֿריינט קום איך היינט. אַ מורא גיט איבער אייער קלויסטער אונטער מיין שוץ, ווי עס פֿאָדערן דאָס די צייט און די היינטיקע אומשטענדן. אויף אַזאַ אופֿן וועט איר האָבן די געגאַרטע מנוחה און זיכערקייט. איך בין אייך פֿייערלעך מבטיח, אַז די הייליקייטן וועלן בלייבן אומבאַרירט, אייערע גיטער וועלן נישט רויִנירט ווערן, כ׳וועל אַליין אַלע הוצאות טראָגן און אפֿילו אייערע מיטלען פֿאַרמערן. זייט זיך דעריבער גוט מיישב: וויפֿיל וועט איר געווינען, אויב איר וועט מיר צוליב טון און אייער קלויסטער מיר איבערגעבן. געדענקט אויך וועגן דעם, אַז עס קען אייך טרעפֿן אַ גרעסער אומגליק מצד דעם שרעקלעכן גענעראַל מילער, וואָס זיינע גזרות וועלן באַזונדערס זיין שווער דערפֿאַר, וואָס ער איז אַן אפּיקורס און אַ שונא פֿון אמתדיק גלויבן. דאַמאָלס, ווען ער וועט אָנקומען, וועט איר מוזן דעם הכרח זיך אונטערגעבן און זיין רצון דערפֿילן; און אומזיסט וועט איר מיט אַ ווייטיק אין דער נשמה און אין גוף חרטה האָבן דערויף, וואָס איר האָט מיין זיסע עצה נישט געפֿאָלגט“.

דער זכר פֿון וושעשטשאָוויטשס נישט לאַנגע טובֿות האָט שטאַרק גערירט די גלחים. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט אמונה אין זיין פֿריינטשאַפֿט, און אין זיין עצה האָבן זיי געוואָלט זען אַן אָפּווענדונג פֿון קומענדיקע מפּלות און אומגליקן.

אָבער קיינער האָט נישט גענומען קיין וואָרט, וואַרטנדיק, וואָס עס וועט זאָגן קסיאָנדז קאָרדעצקי; ער ווידער האָט אַ ווײַלע געשוויגן, נאָר זיינע ליפּן האָבן געשעפּטשעט אַ שטילע תּפֿילה, און דערנאָך האָט ער געזאָגט:

— צי וואָלט אַן אמתער פֿריינט אונטערגעקומען אין דער נאַכט און מיט אַזאַ מוראדיקן געפֿילדער פֿון פֿייפֿלעך און טרומפּייטן גאָטס שלאָפֿנדיקע דינער איבערגעשראָקן? צי וואָלט ער אָנגעקומען בראש פֿון די טויזנטער באַזאָפֿנטע מענטשן, וועלכע שטייען איצט בײַ די מויערן? איז ער דאָך נישט געקומען זאָל-

בעכיבפט, זאַלבעצענט, בש״ת אַלס בעל-טובה האָט ער געקענט זיך ריכטן גאָר אויף אַ פריינטלעכן קבלת-פנים? וואָס באַדייטן יענע אימהדיקע מחנות, אויב נישט אַ דראָונג אין פאַל, ווען מיר וואָלטן דעם קלויסטער נישט וועלן איבערגעבן... ברידער טייערסטע, דערמאָנט זיך אויך אין דעם, אַז דערדאָזיקער שונא האָט אין ערגעץ נישט געהאַלטן קיין וואָרט, קיין שבועה, קיין פייערלעכע הבטחה. האָבן מיר דאָך אויך אַ קעניגלעכן בריוו, וועלכן מ׳האָט אונדז נוטיליק צוגעשיקט און אין וועלכן ס׳איז פאַרהאַן אַ בפירושער צוזאָג, אַז דער קלויסטער וועט נישט פאַרנומען ווערן, און דאָך שטייען זיי שוין בײַ זײַנע מויערן, אויסטראָמפּייטנדיק דעם אייגענעם שקר מיט אימהדיקע מעשענע קלאַנגען. ברידער טייערסטע! זאָל יעדער דאָס האַרץ צום הימל אויפהויבן, כדי דער הייליקער גייסט זאָל באַווייליקן אויף אים צו רוען און דערנאָך גיט עצות, זאָגט, וואָס דאָס געוויסן און דער רצון צו דינען דעם הייליקן אָרט וועלן יעדן איינעם דיקטירן.

עס איז געוואָרן שטיל.

אין דעם האָט קמיטשיצס שטים זיך אָנגערופן:

— כ׳האָב געהערט אין קרושינע — האָט ער געזאָגט — ווי ליסאָלאַ האָט געפרעגט: „אָבער די קאַסע פון די בירים וועט איר דורכנישטערן?״ — דערויף האָט וושעשטשאָוויטש, דער, וואָס שטייט בײַ די מויערן, געענטפערט: „די הייליקסטע בתולה דאַרף אין דער קלויסטער-קאַסע קיין טאַלערס נישט האָבן״. היינט שרײַבט אייך דערזעלבער וושעשטשאָוויטש, הויכווירדיקע פאָטערס, אַז ער וועט אַליין די הוצאות טראָגן און אייך נאָך דאָס פאַרמעגן פאַרמערן. באַטראַכט נאָר זײַן ערלעכקייט!

דערויף האָט זיך אָנגערופן קסיאָנדז מיעלעצקי, איינער פון די עלטסטע אין דער אַסיפה, און דערבײַ אַן אַלטער זעלנער:

— מיר לעבן אין דחקות און דאָס צירונג שײַנט פאַר די אַלטאַרן לכבוד דער הייליקסטער בתולה. אָבער ווען אַפילו מיר

האַלטן עס פון די אַלטאַרן אַראָפּנעמען, כּדי די זיכערקייט דעם הייליקן אָרט אויסצוקויפן, ווער וועט אונדז גוט זאָגן, אַז זיי וועלן מיט זייערע אומרייניקע הענט נישט אַראָפּרייסן די באַצירונ־גען פון די בילדער און די הייליקע בגדים, אַז זיי וועלן נישט צונעמען די קירך־חפצים? קען מען דען ליגנערס געטרויען?

— אַן פּראָווינציאַל, וועלכן מיר זענען מחויב צו געהאָרכן, קענען מיר גאָרנישט באַשליסן! — האָט פּאַטער דאָבראָש געזאָגט.

און קסיאָנדז טאָמיצקי האָט צוגעגעבן:

— מלחמה איז נישט אונדזער זאַך, לאָמיר דעריבער הערן, וואָס עס וועלן זאָגן יענע ריטער, וועלכע האָבן אונטער די פֿליגל פון דער הייליקסטער בתולה אין אַזיקן קלויסטער אַ מקום־מקלט געפונען.

דאָ האָבן זיך אַלעמענס אויגן אַ קער געטאָן צום הער זאַמאָיסקי, דעם עלטסטן לויט די יאָרן, אַנזען און אמט, און ער האָט זיך אויפגעשטעלט און זיך אַזוי אָנגערופן:

— וועגן אייער גורל גייט עס, הויכווירדיקע פּאַטערס. פֿאַרגלייכט דעריבער די מאַכט פון שונא מיט דעם ווידערשטאַנד, וואָס איר זענט אים לויט אייערע קרעפטן און מיטלען בכוח צו שטעלן און טוט ווי אייך ווילגעפעלט. וואָס פֿאַר אַן עצה קענען מיר, געסט, אייך געבן? פֿונדעסטוועגן, היות איר פֿרעגט אונדז, הויכווירדיקע פּאַטערס, וואָס צו טון, ענטפֿער איך: כּל־זמן דער הכרח צווינגט אונדז נישט, זאָל דער געדאַנק פון אונטערגעבן זיך פון אונדז ווייט זיין. וואָרים אַ חרפּה און אַ שאַנד איז דורך אַ מיונדיקער באַגעבניקייט אַן אומזיכערן שלום בײַ אַ פּאַרעטערישן שונא אויסצוקויפן. מיר האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן מיטן אייגענעם ווילן מיט אונדזערע ווייבער און קינדער, איבערגעגעבנדיק זיך אונטערן שוץ פון דער הייליקסטער בתולה. מיר האָבן, הייסט עס, מיט אַן אומדערשיטערלעכן גלויבן באַשלאָסן צו לעבן מיט אייך, און אויב גאָט וועט אַזוי וועלן, איז אויך צו שטאַרבן צוזאַמען. ס'איז אַוודאי אונדז מער ניחא אַזוי, איידער אָנצוזעמען אַ שענדלעכע קנעכטשאַפֿט, אָדער קוקן אויף אַ חילול־הקודש...

אָ! דידאָזיקע מאַמע פֿון העכסטן גאָט, וועלכע האָט אין אונדזערע הערצער אָנגעצונדן די תּאווה צו פֿאַרטיידיקן זי קעגן די אומגלייביקע און גאָט־לעסטנדיקע אַפּיקורסים, וועט קימען צו הילף די פֿרומע אָנשטרענגונגען פֿון אירע דינער און אונטערשטיצן די גערעכטע פֿאַרטיידיקונג!...

דאָ איז דער שעראַדזער שווערט־טרעגער אַנטשוויגן געוואָרן; אַלע האָבן זייערע ווערטער באַטראַכט און זיך געשטאַרקט מיט זייער אינהאַלט, און קמיטשיק. ווי זיין שטייגער פֿלעגט פֿריִער תּמיד זיין, איז נישט טראַכטנדיק צוגעשפּרונגען און די האַנט פֿון עלטערן מאַן צום מויל צוגעדריקט.

די בייגעוועזענע האָבן זיך דערפֿילט אַ מוסר־השכּל אָפּגענומען און יעדער האָט אין דאָזיקן יוגנטלעכן ברען אַ גוטן סימן איינגעזען, און דער חשק צו פֿאַרטיידיקן דעם קלויסטער איז געוואַקסן און די הערצער אַרומגענומען.

אין דעם האָט אַ נייער סימן זיך זיי באַוויזן: הינטער פֿענסטער פֿון עס־זאַל האָט זיך אומגעריכט דערהערט די ציטערדיקע און אַלטע שטים פֿון דער קירך־בעטלערין קאָנסטאַנציאַ, וועלכע האָט געזונגען אַ פֿרום ליד.

אומזיסט שרעקסטו איבער מיך, בייזער גייסט,
אומזיסט ווילסטו שדים אויך רופֿן צו הילף,
אומזיסט טוכטו ברענען און שפּאַרסט נישט קיין בלוט
וועסט מיך נישט בייקומען!

מעגן געצן־דינער טויזנטער דאָ קומען,
חיילות אַפֿילו, וואָס פֿליִען אויף אָדלערס,
עס וועלן נישט העלפֿן שווערט, פֿייער, גבורים,
ווייל איך וועל זיגן!

— אָט איז פֿאַר אונדז אַ התראה — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט — וואָס גאָט שיקט אונדז אַראָפּ דורכן מויל פֿון דער אַלטער בעטלערין. לאָמיר זיך פֿאַרטיידיקן, ברידער, ווייל

קיינמאָל נאָך האָבן באַלאַגערטע נישט געהאַט אַזאַ הילף, ווי די, וואָס מיר וועלן האָבן!

— מיט שׂמחה וועלן מיר אונדזער לעבן אָפּגעבן! — האָט הער פּיאָטר טשאַרניעצקי אויסגערופן.

— לאָמיר נישט גלייבן די בוגדים! לאָמיר נישט גלייבן די אַפּיקורסים, און אויך נישט יענע קאַטאָליקן, וואָס האָבן זיך באַם שטן אַלס דינער פאַרדונגען! — האָבן אַנדערע שטימען געשריגן, נישט לאָזנדיק קומען צום וואָרט די, וואָס האָבן געהאַט אַן אַנדערע דעה.

מ'האָט נאָך באַשלאָסן אַרויסצושיקן צו ווזשעשטשאָוויטשן צוויי גלחים מיט דער דערקלערונג, אַז די טויערן וועלן פאַרמאַכט ווערן און אַז די באַלאַגערטע וועלן זיך פאַרטיידיקן, אויף וואָס עס גיט זיי אַ רעכט דער קעניגלעכער בריוו.

אָבער אָפּגעזען דערפון האָבן די שליחים געדאַרפט ווזשעשטשאָוויטשן הכנעהדיק בעטן, אַז ער זאָל זיין פּלאַן אויפגעבן, אָדער על-כּל-פּנים אָפּלייגן אויף אַ צייט, ביז די גלחים וועלן צופרעגן דעם פאַטער טעאָפיל בראַניצווסקי, דעם פּראָווינציאַל פון נזירים-אָרדן, וועלכער האָט זיך דאַמאָלס געפונען אין שלעזיע.

די שליחים, דער פאַטער בענעדיקט יאַראָטשעווסקי און מאַרצעלי טאָמיצקי זענען אַרויס אויף יענע זייט טויערן; די איבעריקע האָבן מיט האַרץ-קלאַפּעניש אויף זיי געוואַרט אין עס-זאַל, ווייל דידאָזיקע נזירים, וואָס זענען נישט געוווינט געווען צו מלחמות, איז קונדעסטוועגן אַן אימה באַפאַלן אויפן געדאַנק, אַז עס האָט געשלאָגן די שעה און עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען זיי דאַרפן אויסקלייבן צווישן פלוכט און דעם צאָרן און נקמה פון שונא.

ס'איז קוים אַריבער אַ האַלבע שעה, ווי ביידע פאַטערס האָבן זיך ווידער באַוויזן פאַר דער אַסיפה. זייערע קעפ זענען געווען אַראָפּגעלאָזט אויף דער ברוסט, אויף די בלאַסע פּנימער האָט אַן עצבות זיך אָפּגעשלאָגן. שווייגנדיק האָבן זיי דעם קסיאָנדז קאָרדעצקי דערלאַנגט ווזשעשטשאָוויטשס אַ נייעם בריוו. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט אים גענומען פון זייערע הענט און הויך איבערגעלייענט. געווען זענען דאָס אַכט פּונקטן פון דער קאַפּיטולאַציע,

אונטער וועלכער וושעשטשאָוויטש האָט אויסגעפּאָדערט די נזירים אונטערצוגעבן דעם קלויסטער.

ענדיקנדיק לייענען האָט דער פּריאָר לאַנג אַ קוק-געטון די פאַרזאַמלטע אין די פּנימער אַריין און צום סוף האָט ער געזאָגט מיט אַ פייערלעכער שטים:

— אין נאָמען פון פאָטער און זון און הייליקן גייסט! אין נאָמען פון דער ריינסטער און הייליקסטער בתולה! אויף די מויערן, ליבע ברודער!

— אויף די מויערן! אויף די מויערן! — האָט זיך דערהערט איין אויסגעשריי אין עס-זאַל.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ העלער פלאַם באַלויכטן דעם צופוסנס פון קלויסטער. וושעשטשאָוויטש האָט געהייסן אָנצינדן די בנינים בײַ דער קירך פון דער הייליקער באַרבאַראַ. אַרומכאַפּנדיק די אַלטע הייזער איז דאָס פייער מיט יעדער רגע געוואָרן שטאַרקער. אינגיכן האָבן רויטע רויך-סלופּעס אַרויפגעשאָסן צום הימל און אין מיטן פון דאָזיקן רויך האָבן געלויכטן בלענדנדיקע פייער-צונגען. צום סוף האָט איין פלאַם זיך צעגאָסן אויף די כמאַרעס.

בײַ דער שײַן פון פייער האָט מען געזען אָפּטיילונגען פון רייטנדיקע זעלנער, וואָס האָבן זיך גיך איבערגעטראָגן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. ס'האָבן זיך אָנגעהויבן די געוויינטלעכע זעלנערישע הפקרדיקע מעשים. די רייטער האָבן פון די שייערס אַרויסגעיאָגט די בהמות וואָס זענען געלאָפן אין שרעק און פול געמאַכט די לופט מיט אַ יאָמערלעכער ריטשעריי; שעפסן, צונויפגעריקט אין סטאַדעס, האָבן זיך בלינדערהייט געשטופּט אין פייער אַריין. אַ ריח פון אָנגעברענטס האָט זיך פאַרשפּרייט אויף אַלע זייטן און זיך דערטראָגן צו די הויכקייטן פון די קלויסטער-מויערן. אַ סך פון די פאַרטיידיקער האָבן צום ערשטן מאָל געזען די בלוטיקע צורה פון אַ מלחמה און זייערע הערצער זענען פאַרשטאַרט געוואָרן פון שרעק אויפן אָנבליק פון מענטשן, וואָס ווערן געטריבן דורך זעלנער אין געהאַקט מיט שווערדן, אויפן אָנבליק פון מיידלעך, וואָס ווערן איבערן פלאַץ פאַר די האָר גע-

שלעפּס. און בײַ דער בלוטיקער שײַן פון פײַער האָט מען אַלץ געזען, ווי אויף דער האַנט. די געשרייען און אפילו ווערטער זענען דײַטלעך דערגאַנגען צו די אויערן פון די באַלאַגער־טע.

אַזוי ווי די קלויסטער־האַרמאַטן האָבן זיך ביז איצט נישט אָנגערופן, זענען די רײַטער אַראָפּגעשפּרונגען פון די פערד און צוגעגאַנגען האַרט צום צופוסנס פון באַרג און געטרייסלט מיט די שווערטן און ביקסן.

יעדער ווײַלע איז צוגעפאַלן אַ געזונטער יונג, אָנגעטאָן אין אַ געלער רייט־יאַקע, און צונויפלייגנדיק די הענט בײַם מויל, האָט ער געזידלט און געדראָט די באַלגערטע, וועלכע האָבן דאָס געדולדיק אויסגעהערט, שטייענדיק בײַ די האַרמאַטן און בײַ די אָנגעצונדענע קנויטן.

הער קמיטשיץ איז געשטאַנען לעבן הער טשאַרניעצקין גראָד קעגנאיבער דער קירך און אַלץ אויסגעצייכנט געזען. די באַקן זענען אים שטאַרק רויט געוואָרן, די אויגן האָבן בײַ אים געברענט ווי צוויי ליכט, און אין דער האַנט האָט ער געהאַלטן אַן אויסגעצייכנטן פייל־בויגן, וועלכן ער האָט בירושה נאָכן פאָטער באַקומען און דער פאָטער האָט אים בײַ כאָטשים בײַ אַ באַרימטן צגאַ פאַרכאַפּט. ער האָט געהערט די דראָונגען און זלזולים און צום סוף, ווען אַ ריזיקער רײַטער איז צוגעפאַלן צום פעלז און גענומען מאַכן קולות, האָט זיך הער אַנדזשעי געווענדט צו טשאַרניעצקין:

— בײַ גאָט! ער לעסטערט די הייליקסטע בתולה... איך פאַרשטיי דײַטש... ער לעסטערט מוראדיק!... איך וועל נישט אויסהאַלטן!

און ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם בויגן, אָבער הער טשאַרניעצקי האָט איבער אים אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט.

— גאָט וועט אים פאַר דער לעסטערונג באַשטראָפן — האָט ער געזאָגט — און קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט נישט דערלויבט, אַז מיר זאָלן שיסן די ערשטע, סײַדן זיי וועלן אָנהייבן.

ער האָט קוים געענדיקט, ווי דער רייטער האָט די קאָלבע פון דער ביקס צום פּנים אויפגעהויבן, אַ שאָס האָט אַ קנאַל גע־טון, און אַ קויל איז נישט דערפליענדיק צו די מויערן פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ צווישן די שפּאַלטן פון פעלז.

— איצט מעג מען? — האָט קמיטשיץ אַ געשריי גע־טון.

— יאָ! — האָט טשאַרניעצקי געענטפערט.

ווי אַן אמתער מלחמה־מאַן האָט זיך קמיטשיץ אין איין רגע באַרויקט. פאַרשטעלנדיק מיט דער האַנט די אויגן, האָט דער רייטער נאָכגעקוקט זיין קויל, און ער האָט אָנגעשפּאַנט דעם פייל־בויגן, אַ פיר געטון מיטן פינגער איבער דער שנור, אַז זי האָט אַזש אַ צוויטשער געטון ווי אַ שוואַלב, און דערנאָך האָט ער זיך גוט אַרויסגעבויגן און אויסגערופן:

— אַ טויטער! אַ טויטער!

גלייכצייטיק האָט זיך דערהערט אַ יאָמערלעכער פייף פון אַ שרעקלעכער פייל; דער רייטער האָט אָפּגעלאָזט די ביקס, האָט ביידע הענט אינדערהייך אויפגעהויבן, דעם קאָפּ פאַריסן און אומגעפאַלן מיטן פּנים אַרויף. אַ ווײַלע האָט ער געצאַפּלט ווי אַ פיש, וואָס ווערט פון וואַסער אַרויסגענומען, און געקלאַפּט די ערד מיט די פיס, באַלד האָט ער זיך אָבער אויסגעצויגן און גע־בליבן ליגן אָן באַוועגונג.

— דאָס איז אייבער! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— מאַך אַ קניפּ אויף דער שנור פון דער שווערט! — האָט הער פּיאָטר געזאָגט.

— די שנור פון גלאָקן־טורעם וועט נישט קלעקן, אויב גאָט וועט דערלויבן! — האָט הער אַנדזשעי אויסגעשריגן.

אינדעם איז צום טויטן צוגעפאַלן אַ צווייטער רייטער אַ קוק טון, וואָס אים איז, אָדער גאָר כּדי דעם בייטל צוצונעמען, אָבער אַ פייל האָט ווידער אַ פייף געטון און דער צווייטער איז געפאַלן אויף דער ברוסט פון ערשטן.

אין דער זעלבער צייט האָבן זיך אָנגערופן די פעלד־האַר־מאַטלען, וועלכע ווזשעשטשאָוויטש האָט מיט זיך מיטגעבראַכט.

ער האָט פון זיי נישט געקענט חרוב מאַכן די פעס ונג פּונקט ווי ער האָט אויך נישט געקענט טראַכטן וועגן איינגעמען זי, האָבנ־דיק מיט זיך בלויז קאַוואַלעריע; אָבער כדי אָנצושרעקן די גלחים האָט ער געהייסן שיסן. אַן התחלה איז דאָך געמאַכט געוואָרן.

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט זיך באַוויזן באַם הער טשאַר־ניעצקי און מיט אים איז געגאַנגען קסיאָנדז דאָבראָש, וועלכער האָט אין שלום־צייט מיט דער קלויסטער־אַרטילעריע אָנגעפירט און אין חגאות אויף וויוואַט געשאָסן, דערפאַר האָט ער צווישן די בזירים פאַר אַן אויסגעצייכנטן קאַנאָניער געגאָלטן.

דער פּריאָר האָט דעם האַרמאַט איבערגעצלמט און אים אָנגעוויזן דעם קסיאָנדז דאָבראָש, און יענער האָט די אַרבל פאַר־קאַטשעט און גענומען אים אָנשטעלן אויף אַ בלייז צווישן צוויי בנינים, אין וועלכן ס'האָבן זיך אַרומגעדרייט אַ צוואַנציק רייטער, און צווישן זיי אַן אָפיציר מיט אַ פעכט־שווערט אין דער האַנט. לאַנג האָט קסיאָנדז דאָבראָש געצילט, ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיין רעפּוטאַציע. צום סוף האָט ער גענומען די קנויט און צוגעשטעקט צום ציגד־לאָך.

אַ קנאַל האָט אויפגעטרייסלט די לופט און אַ רויך האָט די שיין פאַרשטעלט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אים אָבער דער ווינט פאַריאָגט. און בלויז צווישן די בנינים איז שוין נישט געווען קיין איין רייטער. אַ פּאָר זענען צוזאַמען מיט די פערד געלעגן אויף דער ערד, די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן.

די גלחים האָבן גענומען זינגען אויף די מויערן. דאָס קראַכן פון די אייגפאַלנדיקע בנינים באַ דער הייליקער באַרבאַראַ האָט באַגלייט דאָס געזאַנג. ס'איז געוואָרן פינסטערער, נאָר אום־דורכדרינגלעכע חמרים פון פונקען, וואָס זענען דורכן פאַלן פון די בעלקעס אַרויסגעשטויסן געוואָרן אינדערהייך, זענען אַרויפגע־פלויגן אין דער לופט.

די טראָמפּייטן האָבן ווידער זיך צעשפּילט און וושעש־טשאָוויטשס רייען, אָבער זייער אָפּקלאַנג האָט זיך גענומען דערווייטערן. דאָס פייער האָט זיך געלאָשן. אַ פינסטערניש האָט אַרומגענומען דעם צופוסנס פון יאַסנאַ־גוראַ. דאָ און דאָרט האָט

זיך אַ̇ג רופן אַ הירושעריי פון ערד, ס'איז אָבער געוואָרן וואָס אַמאָל ווייטער, שוואַכער. ווזשעשטשאָוויטש האָט זיך צוריקגע-צויגן צו קשעפּיצע-צו.

קסי. גדז קאַרדעצקי האָט אַנידערגעקניט אויף דער מוי-ער.

— מאַריאַ! מאַמע פון אייביקן גאָט! — האָט ער מיט אַ שטאַרקער שטים געזאָגט — מאַך, אַז דער, וואָס וועט נאָך אים אָנקומען, זאָל אויך אַוועקגיין מיט חרפה און מיט אַ פּוסטן כעס אין דער נשמה.

בשעת ער האָט אַזוי מתפּלל געווען האָבן איבער זיין קאָפּ מיטאַמאָל די כמאַרעס זיך איבערגעריסן און אַ העלע שיין פון דער לבנה האָט באַלויכטן די טורעמס, מויערן, דעם קנ:ענדיקן ?יאָר און דאָס אַש פון די בא דער הייליקער באַרבאַראַ כאַר-ברענטע בנינים.

14. קאַפּיטל.

דעם צווייטן טאָג האָט געהערשט רו צופוסנס פון יאַסנאַ־גוראַ, וואָס די גלחים האָבן אויסגענוצט און פלייסיק זיך פאַרנומען מיט הכנות צו דער פאַרטיידיקונג. מ׳האָט געמאַכט די לעצטע רעפּעראַציעס אין די מויערן און אין די מיטל־וואַלן, מ׳האָט צוגעגרייט נאָכמער מכשירים אויף אָפּצושטויסן די שטורמען.

פון זדעבאָוו, קראָוואָדזשאַ, לגאָטאַ און גראַבוווקאַ האָבן זיך ווידער געמעלדעט אַ צוואַנציק פויערן, וועלכע האָבן אַמאָל אין די פעלד־פוסגייער־פולקן געדינט. מ׳האָט זיי אָנגענומען און צווישן די פאַרטיידיקער אַריינגעמישט. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט געאַרבעט פאַר צוויי און פאַרדריי. האָט אָפּגעריכט תפילות, זיך באַטייליקט אין אסיפות נישט דורכגעלאָזט די טאָג־אײַן נאַכט־כאָרן, און אין די הפסקות אַרומגעגאַנגען די מויערן, גערעדט מיט דער שליאַכטע און דאָרף־לייט. און דערביי איז אויף זיין פנים און אויף דער גאַנצער פיגור געווען אויסגעגאָסן אַזאַ רויִקייט, וואָס כמעט באָר שטיינערנע סטאַטועס קענען זי האָבן. קוקנדיק אויף

זיין פנים, וואָס איז בלאַס געוואָרן פון נישט רוען, האָט מען געקענט מיינען, אַז דערדאָזיקער מענטש שלאָפט מיט אַ זיסן און לייכטן שלאָף: אָבער די שטילע רעזיגנאַציע און די ברענענדיקע פרייליעכקייט אין די אויגן, די ליפּן, וואָס האָבן געשעפּטשעט אַ תפילה, האָבן עדות געזאָגט, אַז ער וואַכט און טראַכט און איז מתפלל פאַר אַלעמען. פון דערדאָזיקער נשמה, וואָס האָט מיט אַלע כוחות זיך געריסן צו גאָט, איז די אמונה געפלאָסן מיט אַ רויִקן און טיפן שטראָם; אַלע האָבן זי געטרונקען ביט אַ פולן מויל און ווער ס'האָט געהאַט אַ קראַנקע נשמה דער איז געזונט געוואָרן. דאָרט, וווּ זיין קיטל האָט אַ בלאַנק געטון, דאָרט זענען די מענטשלעכע פּנימער אויסגעלייטערט געוואָרן, די אויגן האָבן געלאַכט און די מיילער האָבן איבערגעחזרט: „אונדזער גוטער פאָטער, טרייסטער, פאַרטיידיקער, אונדזער האָפנונג". מ'האָט געקושט זיינע הענט און קיטל, און ער האָט געשמייכלט ווי אַ מאָרגנשטערן און איז ווייטער געגאַנגען, און לעבן אים, איבער אים און פאַר אים, איז געגאַנגען אַ בטחון און אַ לויטערקייט.

אָבער אויך די ערדישע רעטונג-מיטלען האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט; די פאָטערס, וואָס זענען אַרייַנגעקומען אין זיין חדר, פלעגן אים טרעפן אויב נישט קניען, איז זיצן איבער בריוו, וועלכע ער האָט פאַנאַנדערגעשיקט אויף אַלע זייטן. ער האָט געשריבן צו וויטעמבערגן, דעם הויפּט-קאָמענדאַנט אין קראָקע, בעטנדיק זיך מרחם צו זיין איבער דער הייליקער שטאָט; און צו יאַן קאַזשימיִעזשן, וועלכער האָט אין אָפּאָלע געמאַכט די לעצטע אָנשטרענגונגען צו ראַטעווען דאָס אומדאַנקבאַרע פאָלק און צום קיעווער קאַשטעלאַן, וואָס איז דורך זיין אייגענעם וואָרט ווי אויף אַ קייט געהאַלטן געוואָרן אין שיעוויעזש; און צו וזשעשטשאָוויטשין, און צום פּולקאָווניק סאַדאָווסקי, אַ טשעך און לוטעראַנער, וועלכער האָט אונטער מילערס קאָמאַנדע געדינט און וועלכער האָט, פאַרמאָגנדיק אַן איידעלע נשמה, באַמיט זיך אָפּצורעדן דעם איצטיקן גענעראַל פון אַן איבערפאַל אויפן קלויסטער.

צוויי דעות האָבן צווישן זיך געקעמפט בײַ מילערן, ווזשעשטשאָוויטש, אַ צערייצטער פון ווידערשטאַנד, וואָס איז אים געשטעלט געוואָרן דעם 8־טן נאָוועמבער, האָט אָנגעשטרענגט אַלע כּוחות צו באַוועגן דעם גענעראַל צום מאַרש; ער האָט אַלס געווין צוגעזאָגט אומגעהייערע אוצרות, פאַרזיכערט, אַז אין דער גאַנצער וועלט זענען קוים פאַרהאַן אַ פּאָר קירכעס, וואָס וואָלטן מיט זייער עשירות זיך געקענט פאַרגלייכן מיט דער טשענסטאָכאָווער וועל יאַסנאַ־גורער קירך. סאָדאָווסקי ווידער האָט אויף אַזאַ אופן אָפּאָנירט:

— גענעראַל — האָט ער געזאָגט צו מילערן — אייער הויכקייט, וואָס האָט אַזוי פיל באַרימטע פעסטונגען איינגענומען, אַז די דייטשע שטעט האָבן אייך מיט רעכט פּאָליאָרצערטעס אַ נאָמען געגעבן, איז באַקאַנט, וויפיל בלוט און צייט עס קענען קאָסטן אַפילו די שוואַכסטע פעסטונג, ווען די באַלאַגערטע ווילן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט, אויף טויט און אויף לעבן זיך אַקעגנשטעלן.

— אָבער די גזירים וועלן זיך נישט אַקעגנשטעלן? — האָט מילער געפרעגט.

— איך האַלט טאַקע, אַז פאַרקערט. וואָס רייכער זיי זענען, אַלץ פאַרביטערטער וועלן זיי זיך פאַרטיידיקן, האָבנדיק בטחון נישט בלויז אין די מאַכט פון כּלי־זיין, נאָר אויך אין די קדושה פון אָרט, וועלכעס די קאַטוילישע פאַנאַטיקער פון דאָזיקן גאַנצן לאַנד באַטראַכטן פאַר אַ קדשי־קדשים. גענוג צו דערמאָנען די דייטשע מלחמה; ווי אָפט האָבן די גלחים געגעבן אַ ביישפּיל פון מוט און מסירת־נפש אַפילו דאָרט, וווּ די זעלנער אַליין האָבן געהאַט ספקות בנוגע דער פאַרטיידיקונג? אַזוי וועט געשען אויך איצט, בפרט, אַז די פעסטונג איז נישט אַזאַ נעבעכדיקע, ווי גראַף ווייהאַרד האַלט זיי. זי ליגט אויף אַ פעלזיקן באַרג, אין וועלכן ס'איז שווער צו מאַכן אונטערגראָבונגען; די מויערן, אויב זיי זענען אַפילו נישט געווען אין גוטן צושטאַנד, האָט מען זיי אוודאי ביז איצט שוין פאַרריכט, און וואָס שייך זאַפּאַסן פון

געווער, פּילווער און פּראָוויאַנט, האָט זיי אַזאַ רייכער קלויסטער די־והות״. דער פאַנאַטיזם וועט באַלעבן די הערצער און...

— און איר מיינט, הער פּילאָווניק, אַז זיי וועלן מיך צווינגען אָפּצוטרעטן?

— דאָס מיין איך נישט, איך האַלט אָבער, אַז עס וועט אונדז אויסקומען צו שטיין אונטער די מויערן זייער לאַנג, עס וועט אויסקומען צו שיקן נאָך גרעסערע האַרמאַטן, ווי די, וואָס מיר פאַרמאָגן, און איר, גנעדיקער הער גענעראַל, דאַרפט קיין פרייסן מאַרשירן, מ'דאַרף באַרעכענען, וויפיל צייט מיר קענען אַוועקגעבן אויף טשענסטאָכאָוו, ווייל אויב דער האַר קעניג וואָלט אונדז צוליב די איילקערע פרייסישע ענינים פון דער באַלאַגערונג אָפּגערופן, וואָלטן די נזירים בלי שום ספק אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז איר זענט דורך זיי געצוווּנגען געוואָרן אָפּצוטרעטן. און דאַמאָלס, באַטראַכט נאָר, גנעדיקער הער גענעראַל, וויפיל דאָס וואָלט געשאַדט אייער שם אַלס פּאָליאָרצעטעס — שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, אַז אין גאַנצן לאַנד וואָלטן די ווידערשפּעניקע די קעפּ אויפגעהויבן? סיי ווי... (דאָ האָט סאַדאָווסקי די שטים אַראָפּגעלאָזט) וועט בלויז דער פּלאַן אָנצוגרייפן יענעם קלויסטער, אויב די ידיעה וועגן אים וועט זיך פאַרשפּרייטן — מאַכן דעם ערגסטן רושם. איר ווייסט נישט, ווייל קיין שום אויסלענדער און נישט קאַטאָליק קען דאָס נישט וויסן, וואָס טשענסטאָכאָוו איז פאַרן דאָזיקן פאָלק. ס'איז אונדז זייער שטאַרק געלעגן צו האָבן אויף אונדזער זייט יענע שליאַכטע, וועלכע האָט זיך אַזוי לייכט אונטערגעגעבן, יענע שררות, יענע חיילות, וועלכע זענען צוזאַמען מיט די העטמאַנס אויף אונדזער זייט אַריבערגעגאַנגען. אָן זיי וואָלטן מיר נישט אויפגעטון דאָס, וואָס מיר האָבן אויפגעטון. מיט זייערע הענט האָבן מיר דאָס אַ העלפט, יאָ, דעם גרעסטן טייל פון דערדאָזיקער ערד איבערגענומען, און זאָל איין שאָס בײַ טשענסטאָכאָוו פאַלן... ווער ווייסט... קיין איין פּאָליאַק וועט אפשר בײַ אונדז נישט בלייבן... אַזוי גרויס איז דער כּוח פון פאַנאַטיזם.. עס קען אַ נייע מוראדיקע מלחמה זיך צעפלאַקערן!...

מילער האָט אין האַרצן גערעכט געגעבן סאַדאָווסקיס אויספירונגען, נאָך מער: גזירים בכלל, און די טשענסטאָכאָווער בפרט האָט ער געהאַלטן פאַר מכשפים — און פאַר כישוף האָט דערדאָזיקער שוועדישער גענעראַל מורא געהאַט מער, ווי פאַר האַרמאַטן — ווילנדיק אָבער זיך אַ ביסל רייצן און אפשר דעם וויכוח פאַרציִען, האָט ער געזאָגט:

— איר רעדט אַזוי, ווי איר וואָלט געווען דער טשענס־טאָכאָווער פריאָר, אָדער... ווי מ׳וואָלט די אויסצאָלונג פון אויסקויף־געלט פון אייך אָנגעהויבן.

סאַדאָווסקי איז געווען אַ זעלבער אַ דרייסטער און אַ היצי־קער, און אַזוי ווי ער האָט געקענט זיין ווערט, האָט ער זיך לייכט באַליידיקט:

— קיין איין וואָרט וועל איך מער נישט זאָגן! — האָט ער שטאָלץ געזאָגט.

מילערן ווידער האָט אויפגעבראַכט דער טאָן, מיט וועלכן דידאָזיקע ווערטער זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן.

— איך בעט אייך אויך נישט מער צו רעדן! — האָט ער געענטפערט — און צום באַראָטן זיך וועט גענוג זיין גראַף ווייהאַרד, וועלכער קען דאָזיקע לאַנד בעסער.

— מיר וועלן זען! — האָט סאַדאָווסקי געזאָגט און איז אַרויס פון דער שטוב.

ווייהאַרד האָט טאַקע פאַרנומען זיין אָרט. ער האָט גע־בראַכט אַ בריוו, וועלכן ער האָט דערווייל דערהאַלטן פון קראָ־קעווער מושל וואַרשיצקי, מיט דער בקשה, אַז מען זאָל דעם קלויסטער צו רו לאָזן; אָבער פון דאָזיקן בריוו האָט דער אומ־דערבאַרעמדיקער פאַרשוין אַרויסגעדריגגען גראָד אַן אומגע־קערטע עצה:

— זיי בעטן זיך — האָט ער מילערן געזאָגט — אַ סימן, זיי ווייסן, אַז זיי וועלן נישט בכוח זיין זיך צו פאַרטיידיקן!

מיט אַ טאָג שפּעטער איז דער מאַרש אויף טשענסטאָכאָוו און ווילון באַשלאָסן געוואָרן.

מ׳האָט עס אפילו נישט געהאַלטן בסוד, צוליב וואָס פאָטער

יאַצעק רודניצקי פון ווילעלונער קלויסטער האָט באַצייטנס געקענט אַרויספאָרן קיין טשענסטאָכאָוו מיט דער ידיעה. דער אָרימער גזלן האָט אויך קיין איין רגע נישט געגלייבט, אַז די יאַסנאַ-גורער וועלן זיך פאַרטיידיקן. ער האָט זיי נאָר געוואָלט מתרה זיין, כדי זיי זאָלן וויסן באַ וואָס זיך צו האַלטן און געווינען גוטע באַדינגונגען. די ידיעה האָט טאַקע נידערגעשלאָגן די געמיטער פון די קלויסטער-ברודער. מאַנכע האָבן באַלד דעם מוט פאַרלוירן. אָבער קמיאָנדז קאָרדעצקי האָט זיי געשטאַרקט, די פון שרעק פאַרגליווערטע דערוואַרעמט מיט דער היץ פון אייגענעם האַרץ, טעג פון נסים צוגעזאָגט, אַליין אפילו דעם טויט זיס געמאַכט און זיי אַזוי געענדערט מיטן הויך פון אייגענעם גייסט, אַז שלא-מדעת האָבן זיי זיך גענומען גרייטן צום איבערפאַל, ווי זיי פלעגן זיך מכין זיין צו גרויסע קירכלעכע פייערלעכקייטן, מיט שמחה און אין אַ יום-טובדיקער שטימונג.

צו דער זעלבער צייט האָבן די וועלטלעכע אָנפירער פון גאַרניזאָן, דער שעראַדזער שווערט-טרעגער און הער פיאָטר טשאַרניעצקי, אויך געמאַכט די לעצטע הכנות. מ'האָט פאַרברענט אַלע קראָמען, וועלכע האָבן זיך געטוליעט אַרום די פעסטונג-מויערן און וועלכע האָבן דעם שונא די שטורמען געקענט פאַרלייכטערן; מ'האָט נישט פאַרשוינט אפילו די בנינים, וואָס זענען געשטאַנען באַנט צום באַרג, אַזוי אַז אַ גאַנצן טאָג האָט אַ רינג פון פלאַמען אַרומגענומען די פעסטונג; אָבער ווען פון די קראָמען, בעלקעס און פאַדלאָגע-ברעטער איז געבליבן נאָר אַש, האָבן די קלויס-ערהאַרמאַטן געהאַט פאַר זיך אַ פוסטן שטח, וואָס איז פון קיין שום שטערונגען נישט געווען פאַרשטעלט. זייערע שוואַרצע פיסקעס האָבן פריי געקוקט אין דער ווייטקייט, גלייך ווי זיי וואָלטן אומגעדולדיק אויפן שונא אויסגעקוקט און אים געוואָלט וואָס גיכער מיט זייער אימהדיקן דונער מקבל-פנים זיין.

דערווייל האָבן די קעלטן אָנגערוקט מיט גיכע שריט. ס'האָט געבלאָזן אַ שאַרפער צפונדיקער ווינט, די בלאָטע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין האַרטע ערד, און איבערפרי זענען די פלאַכערע וואַסערן באַדעקט געוואָרן מיט אַ לייכטער אייזיקער שאָל; גיי-

ענדיק איבער די מויערן האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי זיך געריבן זיינע בלויע הענט און געזאָגט:

— גאָט וועט אונדז פרעסט שיקן צו הילף! ס'וועט שווע־ זיין צו שיטן באַטעריעס, צו מאַכן אונטערגראָבונגען און דער־ וועט איר קענען אין די וואַרעמע שטובן גיין, און זיי וועט צוליב די צפון־ווינטן די באַלאַגערונג גיך נמאס ווערן!

אָבער טאַקע צוליב דעמזעלבן טעם האָט בורכאַרד מילנער געוואָלט גיך ענדיקן. ער האָט געפירט מיט זיך ניין טויזנט זעל־ נער. דאָס רוב פוסגייער און נײַנצן האַרמאַטן. ער האָט אויך געהאַט צוויי פולקן פוילישע רייטער, אָבער אויף זיי האָט ער נישט געקענט רעכענען, איינמאָל דערפאַר, וואָס אויף צו נעמען אַ באַרגיקע פעסטונג האָט ער קיין רייטער נישט געקענט באַנוצן און צווייטנס, ווייל די מענטשן זענען געגאַנגען אומגערן און לכתחילה דערקלערט, אַז זיי וועלן קיין שום אנטייל אין די קאַמפן נישט נעמען. זיי זענען גיכער געגאַנגען דערפאַר, כדי אין פאַל פון איינעמען די פעסטונג זי צו באַשיצן פאַר די רויבערישע אַפּעטיטן פון די זיגער. אַזוי על־כל־פנים האָבן די פולקאָווניקעס געזאָגט די זעלבער; זיי זענען צום סוף געגאַנגען, ווייל דער שוועד האָט באַפוילן, ווייל אַלע לאַנד־חיילות זענען געווען אין זיין לאַגער און געמוזט פאָלגן די קאָמאַנדע.

פון וויעלון קיין טשענסטאָכאָוו איז דער וועג אַ קורצער. אין טאָג פון 18־טן נאָוועמבער האָט די באַלאַגערונג געזאָלט זיך אָנהייבן. אָבער דער שוועדישער גענעראַל האָט גערעכנט, אַז זי וועט מער ווי אַ פּאָר טעג נישט אָנהאַלטן און אַז ער וועט די פעסטונג פאַרנעמען דורך אונטערהאַנדלונגען.

דערווייל האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי די מענטשן שלעכע בשמות צוגעגרייט. מ'איז צוגעטרעטן צו דער תפילה, ווי אין אַ גרויסן און פריידיקן יום־טוב און ווען נישט די אומרויקייט און בלאַסקייט פון מאַנכע פּנימער, וואָלט מען געקענט אָננעמען, אַז די פריילע־ כע און פייערלעכע „הללויה" רוקט אָן, דער פריאָר אַליין האָט די תפילה אָפּגעריכט, אַלע גלאָקן האָבן זיך אָנגערופן. נאָך דער

תּפילה האָט דאָס געבעט נאָך נישט אויפגעהערט, ווייל אַ הערלעכע פּראָצעסיע איז אַרויס אויף די מויערן.

דעם קסיאָנדז קאָרדעצקי, וועלכער האָט געטראָגן דעם הייליקסטן סאַקראַמענט, האָבן געפירט באַ די הענט דער שעראַדזער שווערט-טרעגער און הער פּיאָטר טשאַרניעצקי. פאָרנט זענען געגאַנגען ייִנגלעך אין כאָר-העמדער, טראָגנדיק רויך-פּאַנען אויף קייטעלעך, בורשטין און מירע. פאַר און נאָך דער חופּה האָבן געשפּאַנט רייען פון ווייסע נזירים מיט קעפּ און אויגן געהויבן צום הימל, מענטשן פון פאַרשידענע עלטער, אָנהייבנדיק פון איינגעבויקטע זקנים, אויסלאָזנדיק מיט בחורים, וואָס זענען ערשט אין קלויסטער אַריינגעטרעטן. די געלע ליכט-פלעמלעך האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט, און זיי זענען געגאַנגען און געזונגען, פאַרזונקען אינגאַנצן אין גאָט, גלייך ווי די וועלט וואָלט זיי גאָרנישט מער אָנגעגאַנגען. הינטער זיי האָסטו געזען אָפּגעגאָלטע קעפּ פון שליאַכטשיצעס, פאַרווייינטע פּנימער פון ווייבער, אָבער רויִקע אונטער די טרערן, פון אמונה און בטחון באַגייסטערטע. עס זענען געגאַנגען אויך פּויערן אין סוקמאַנעס, לאַנג-האָריקע, אויף די ערשטע קריסטן ענלעכע; קליינע קינדער, מיידלעך און ייִנגלעך, צונויפגעמישט אין המון, האָבן פאַראייניקט זייערע מלאכישע דינינקע שטימעלעך מיטן אַלגעמיינעם כאָר. און גאָט האָט פאַרנומען דאָסדאָזיקע געזאַנג, דיזאָזיקע השתפכות-הנפש, דאָסדאָזיקע אַנטלויפן פון אונטער די ערדישע נגישות אונטער דעם ייבציקן שוץ פון גאָטס פליגל. דער ווינט איז אַנטשוויגן געוואָרן, די לופט האָט זיך באַרויִקט, דער הימל האָט זיך אויסגעלייטערט, און די האַרבסט-זון האָט פונאַנדערגעגאָסן אַ מילדע, בלאַס-גאָלדיקע, אָבער נאָך וואַרעמע שיין אויף די ערד.

די פּראָצעסיע איז איין מאָל אַרומגעגאַנגען די מויערן, אָבער איז נישט צוריקגעגאַנגען, האָט זיך נישט צעשפּרייט — זי איז געגאַנגען ווייטער. די שיין פון דער מאָנסטראַנץ איז געפאַלן אויפן פּנים פון פּריאָר, וועלכעס האָט אויך ווי געבלאַנקט און געשטראַלט. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט די אויגן געהאַלטן צוגעמאַכט, און אויף די ליפּן האָט ער געהאַט כמעט אַ נישט-ערדישן

שמייכל פון גליק, זיסקייט, פארזיכערטקייט; מיט דער נשמה איז ער געווען אין הימל, אין דער ליכטיקייט, אין דער אייביקער חדוה, אין דער אומגעשטערטער מנוחה. אָבער ווי ער וואָלט פון דאָרט באַקומען באַפעלן, אַז ער זאָל נישט פאַרגעסן וועגן דער ערדישער קירך, וועגן די מענטשן און וועגן דער פעסטונג און וועגן דער שעה, וואָס האָט געזאָלט אָנקומען, האָט ער ווײַלנווײַז זיך אָפּגעשטעלט, געעפנט די אויגן, אויפגעהויבן די מאָנסטראַנץ און געבענטשט.

ער האָט געבענטשט דאָס פאָלק, דאָס חיל, די פּולקן, וואָס האָבן ווי בלומען געבליט און ווי אַ רעגנבויגן געבלענדט; דערנאָך האָט ער געבענטשט די מויערן און דעם באַרג, וואָס האָט אויף די סביבה געקוקט, דערנאָך האָט ער געבענטשט די קלענערע און גרעסערע האַרמאַטן, די בלייערנע און אײַזערנע קוילן, די כלים מיט פּולווער, די ברעטער-בריקן בײַ די האַרמאַטן, די שטויסן פון די מוראדיקע מכשירים, וואָס האָבן געדינט צום אָפּשטויסן דעם שטורם: דערנאָך האָט ער געבענטשט די דערפֿלעך, וואָס זענען אין דער ווײַטקייט געלעגן, און געבענטשט דעם צפון, דרום, מזרח און מערב, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן גאָטס מאַכט אויף דער גאַנצער געגנט, אויף דער גאַנצער ערד אויס-שפּרייטן.

ס'האָט געשלאָגן צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג, די פּראָצעסיע איז נאָך געווען אויף די מויערן. אין דעם האָט אויף די עקן, ווו דער הימל האָט אויסגעזען זיך צו באַגעגענען מיט דער ערד און בלוילעכע נעפּלען האָבן זיך אויסגעצויגן, אין דידאָזיקע נעפּלען טאַקע האָט עפּעס אַ בלענד געטון און גענומען זיך באַוועגן, עס זענען אַרויסגעקראָכן עפּעס געשטאַלטן, תּחילת אומקלאָרע, אָבער זיי האָבן זיך אײַנציקווײַז צונויפגעדריקט און געוואָרן וואָס אַמאָל דײַטלעכער. אַ געשריי האָט זיך מיטאַמאָל דערהערט אין עק פון דער פּראָצעסיע:

— שוועדן! שוועדן גייען!

דערנאָך איז שטיל געוואָרן, גלײַך ווי די הערצער און צינגער וואָלטן פאַרשטאַרט געוואָרן! נאָר די גלאָקן האָבן ווײַטער

געקלונגען. אָבער אין דער שטילקייט האָט אַ הילך געטון קאָרדעצקיס הויכע, הגם רויִקע שטים:

— ברידער, לאָמיר זיך פרייען! די שעה פון נצחונות און נסים דערנענטערט זיך!

און מיט אַ ווײַלע שפּעטער:

— אונטער דײַן שוץ אַנטלויפן מיר, מאַמע, הערשערין, קעניגין אונדזערע!

דערווײַל איז די שוועדישע כמאַרע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אומגעהײַערן שלאַנג, וועלכער איז נאָך נענטער צוגעקראָכן. מ'האָט שוין געזען אירע שרעקלעכע רינגען. זי האָט זיך צונויפגעדרייט, אויפגעדרייט, צײַטנווײַז באַם ליכט אַ פינקל געטון מיט די גלאַנציקע שטאָלענע שיפּן, צײַטנווײַז פאַרשאָטנט געוואָרן און זי איז ווײַטער געקראָכן, געקראָכן, אַרויסגערוקט זיך פון דער ווײַטקייט...

אינגיכן האָבן די אויגן, וואָס האָבן אַראָפּגעקוקט פון די מויערן, שוין געקענט פונאַנדערשיידן אַלע פּרטים. צוערשט זענען געגאַנגען די רײַטער, נאָך זיי די פיר־עק פון די פוסגייער; יעדער פולק האָט געבילדעט אַ לאַנגן רעכט־עק, איבער וועלכן ס'האָט זיך דערהויבן אינדערהייך אַ קלענערער, געבילדעט דורך די אַרויסשטאַרנדיקע שפּיזן; ווײַטער, הינט נאָך די פוסגייער האָבן זיך געשלעפּט די האַרמאַטן, מיט די פּיסקעס אָפּגעקערט אויף הינטן און אַראָפּגעבויגן צו דער ערד.

זייערע פוילע אומגעלומפּערטע גופים, שוואַרצע אָדער געלבלעכע, האָבן אימהדיק געבלאַנקט אין דער זון; הינטער זיי נאָך האָבן זיך אויפן נישט גלײַכן וועג געטרייסלט פּעזער מיט פולווער און אַן אָן־סופיקע ריי פון וואָגנס מיט געצעלטן און כל המינים מלחמה־מכשירים...

מוראדיק, אָבער שיין איז געווען דער אָנבליק פון דאָזיקן מאַרש פון רעגולערן חיל, וואָס האָט ווי אויף איבערצושרעקן די יאַסנאָ־גורער מענטשן דורכדעפילירט פאַר זייערע אויגן. דערנאָך האָט פון דעם גאַנצן זיך אָפּגעריסן די קאַוואַלעריע און זי איז געגאַנגען אײַליק, וויגנדיק זיך, ווי אַ כוואַליע, באַוויגן פון ווינט.

באַלד איז זי זיך צעפאַלן אויף אַ פּאָר גרעסערע און קלענערע טיילן. אַ פּאָר אָפּטיילונגען האָבן זיך צונויפגעזוכט צו דער פעסטונג; אַנדערע האָבן כהרף-עין זיך צעפּלייצט איבער די אַרומיקע דערפלעך און גענומען יאָגן זיך נאָך שלל; אַנדערע, לסוף, האָבן גענומען פאָרן אַרום דער פעסטונג, באַקוקן די מויערן, בודק זיין דאָס אָרט, פאַרנעמען די נענטערע בנינים איינצלנע רייטער זענען כסדר אין גרעסטן גאַלאָפּ געפלויגן פון די גרעסערע מחנות צו די טיפע אָפּטיילונגען פון פוסגייער, געבנדיק צו וויסן די אָפיצירן, ווו מ׳קען זיך איינקוואַרטירן.

די טריט און הירזשעריי פון די פערד, די געשרייען, אויסרופן, דאָס געמורמל פון אַ פּאָר טויזנט שטימען און געפּילדער פון די האַרמאַטן האָבן זיך דייטלעך דערטראָגן צו די אויערן פון די באַלאַגערטע, וועלכע זענען ביז איצט געשטאַנען רויק אויף די מויערן, אַראָפּקוקנדיק מיט פאַרחידושטע אויגן אויף דער גרויסער באַוועגונג און האַוועניש פון די פיינטלעכע חילות.

עס זענען צום סוף צוגעקומען די פוסגייער-פּאָלקן און זיי האָבן גענומען דרייען זיך אַרום דער פעסטונג, זוכנדיק די פּאַסיקסטע ערטער אויף צו באַפעסטיקן זיך אין די פּאָזיציעס דערווייל האָט מען זיך אַ וואָרף געטון אויף טשענסטאָכאָווקע, אַ פּאָלוואַרק, וואָס איז געלעגן אין שכנות מיטן קלויסטער און אין וועלכן ס׳איז נישט געווען קיין שום חיל, נאָר בלויז פויערן, וואָס האָבן זיך פאַרמאַכט אין די כאַטעס.

אַ פּילק פון פינען, וואָס איז דאָרט צוגעקומען דער ערשטער, האָט פאַרביסן זיך געוואָרפן אויף די אומבאַוואָפנטע פויערן. מ׳האָט זיי פאַר די האָר פון די כאַטעס אַרויסגעשלעפּט און די ווידערשפּעניקע פשוט געקוילעט; די רעשט באַפעלקערונג האָט מען פון פּאָלוואַרק אַרויסגעטריבן; די קאַוואַלעריע האָט זיך אויף איר געוואָרפן און צעיאָגט אויף אַלע פיר זייטן.

אַ שליח מיט מילערס אַן אויפפאָדערונג זיך אונטערצוגעבן האָט נאָך פריער געטראָמפּייטערט פאַר די קירך-טויערן, אָבער די פאַרטיידיקער, וועלכע האָבן זיך צוגעקוקט צו דער שחיטה און

זעלנערישע גרויזאַמקייטן אין טשענסטאָכאָווקע, האָבן געענטפערט מיט אַ האַרמאַטן־פייער.

ווייל איצט, ווען די אָרטיקע באַפעלקערונג איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון אַלע נאָענטע בנינים, און שוועדן האָבן זיך אין זיי צעלייגט, האָט מען זיי געדאַרפט חרוב מאַכן וואָס גיכער, כדי דער שונא זאָל אונטער זייער שוץ נישט קענען שאָדן ברענגען דעם קלויסטער. די קלויסטער־מויערן האָבן זיך אַרום און אַרום באַדעקט מיט אַ רויך, ווי די זייטן פון אַ שיף, וואָס איז אַרומגענומען פון אַ שטורם און רויבער. די ריטשעריי פון די האַרמאַטן האָט אויפגעטרייסלט די לופט, אַז די קלויסטער־מויערן האָבן אַזש געציטערט, און די שויבן אין דער קירך און אין די בנינים האָבן גענומען קלינגען. פייערדיקע קוילן, אין דער געשטאַלט פון ווייסלעכע כמאַרעלעך האָבן געצייכנט מוראדיקע בויגנס און געפאַלן אויף די שוועדישע באַהעלטענישן, ברעכנדיק רינעס, דעכער, ווענט און באַלד זענען סלופּעס רויך אויפגעגאַנגען פון די ערטער, אין וועלכע די קוילן זענען געפאַלן.

אַ פייער האָט אַרומגעכאַפּט די בנינים.

די שוועדישע פולקן, וואָס האָבן זיך נאָר וואָס צעלייגט, זענען אין גרעסטן געאייל אַרויס פון די בנינים, און נישט זיכער מיט די נייע פּאָזיציעס, האָבן זיי זיך געוואָרפן אין פאַרשידענע ערטער. אַן אומאָרדנונג האָט זיך אין זיי גענומען אַריינגעבן. מ'האָט אַוועקגערוקט די נאָך נישט אויפגעשטעלטע האַרמאַטן, כדי זיי צו שיצן פאַר די גראַנאַטן. מילער איז נבהל־ונשתומם געוואָרן; ער האָט זיך נישט געריכט נישט אויף אַזאַ קבלת־פּנים און נישט אויף אַזעלכע קאַנאָנירן אויף יאַסנאַ־גורא.

דערווייל איז אָנגעקומען די נאַכט און אַזוי ווי ער האָט געדאַרפט אַריינברענגען אַסדר אין די חיילות, האָט ער אַרויסגעשיקט אַ טראָמפּייטער מיט דער בקשה וועגן וואָפנשטילשטאַנד.

די פּאַטערס האָבן לייכט מסכים געווען.

באַנאַכט האָט מען פונדעסטוועגן נאָך פאַרברענט אַ גע־

וואַלטיקן שפּייכלער מיט גרויסע פּראָוויאַנט זאַפּאַסן, אין וועלכן ס'איז געשטאַנען אַ וועסטלאַנדישער פּולק.

דאָס פייער האָט דעם בנין אַזוי גיך אַרומגעכאַפּט, און די גראַנאַטן האָבן איינער נאָכן אַנדערן אַזוי גוט אַריינגעטראָפן, אַז די וועסטלאַנדער האָבן נישט באַוויזן אַוועקצוטראָגן נישט די ביקסן נישט די קוילן, וועלכע האָבן אויפגעריסן אין פייער, פונאַנדערטראָגנדיק ווייט אַרום פלאַקערדיקע שפּליטערס.

די שוועדן זענען באַנאַכט נישט געשלאָפן; זיי האָבן געמאַכט הכנות, געשאָטן באַטעריעס אונטער די האַרמאַטן, אָנגעפילט קערב מיט ערד, איינגעאָרדנט דעם לאַגער. די זעלנער, הגם זיי זענען דורך אַזוי פיל יאָרן מלחמות און אין אַזוי פיל שלאַכטן אויסגעבילדעט געוואָרן, און בטבע געווען טיכטיק און אויסהאַלטעוודיק, האָבן מיט שמחה נישט געוואַרט אויפן צווייטן טאָג. דער ערשטער טאָג האָט געבראַכט אַ מפּלה.

די קלויסטער-האַרמאַטן האָבן אָנגעמאַכט אַזעלכע באַדייטנדיקע שאָדנס אין מענטשן, אַז די עלטסטע מלחמה-מענער האָבן די קעפּ פאַרלוירן, און די שולד דערפאַר צוגעשריבן דעם אומפאַרזיכטיקן אַרומגיין די פעסטונג און דעם צו נאָענטן צוגאַנג צו די מויערן.

אָבער דער מאָרגנדיקער טאָג, ווען ער וואָלט אפילו געברענגט אַ נצחון, האָט אויך נישט צוגעזאָגט קיין רום, וואָרן וואָס פאַר אַ ווערט האָט געהאַט דאָס איינעמען אַ נישט וויכטיקע פעסטונג און קלויסטער פאַר די דעראָבערער פון אַזוי פיל באַרימטע און הונדערט מאָל בעסער באַפעסטיקטע שטעט? נאָר דאָס לעכצן נאָך אַ רייכן שלל האָט אונטערגעהאַלטן דעם חשק, דערפאַר אָבער האָט די נשמה-שרעק, מיט וועלכער די פּוילישע פאַרבינדעטע פעלקער זענען צוגעגאַנגען צו דער באַרימטער יאַסנאַ-גורא, זיך אויף די שוועדן אַריבערגעטראָגן. דער חילוק איז געווען נאָר דער, וואָס די ערשטע האָבן געציטערט פאַרן געדאַנק פון חילול-הקודש, און די צווייטע האָבן מורא געהאַט פאַר עפּעס אומבאַשטימטעס, פון וואָס זיי האָבן זיך אַליין קיין דין-וחשבון נישט אָפּגעגעבן, און וואָס זיי האָבן באַצייכנט מיטן אַלגעמיינעם נאָמען

כישוף. עס האָט אין דעם געגלייבט בורכאַרד מילער אַליין, וויאַזוי־זשע האָבן די זעלבער נישט געזאָלט גלייבן?

מ'האָט באַלד באַמערקט, אַז ווען מילער האָט זיך דערנענטערט צו דער קירך פון דער הייליקער באַרבאַראַ, האָט דאָס פערד אונטער אים מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט, זיך געגעבן אַ ציצוריק אויף הינטן, די נאָז־לעכער פונאַנדערגעבלאָזן, די אויערן אַראָפּגעלאָזט און אימהדיק געשנאָרכט, נישט ווילנדיק זיך רירן פון אָרט. דער אַלטער גענעראַל האָט קיין שרעק נישט אַרויסגעוויזן, פונדעסטוועגן האָט ער צומאָרגנס דידאָזיקע פּאָזיציע באַשטימט פאַרן פּירשע העסקי און אַליין האָט ער זיך מיט די גרעסערע האַרמאַטן צוריקגעצויגן אין די צפון־זייט פון קלויסטער צום דאָרף טשענסטאָכאָוו. דאָרט האָט ער דורך דער נאַכט פאַרשאַנצונגען געשאָטן, כדי צומאָרגנס פון זיי אָנצוגרייפן.

ווי נאָר ס'האָט גענומען טאָגן האָט זיך אָנגעהויבן דער קאַמף פון דער אַרטילעריע; אָבער דאָסמאָל האָבן די ערשטע זיך צעשפּילט די שוועדישע האַרמאַטן. דער שונא האָט נישט געטראַכט מיטאַמאָל צו מאַכן אַ דורכבראָך אין דער מויער, כדי דורך אים צום שטורעם זיך צו וואַרפן; ער האָט נאָר געוואָלט איבערשרעקן, פאַרשיטן מיט קוילן די קירך און דעם קלויסטער, אַרויסרופן שׂרפות, צעשמעטערן די האַרמאַטן, הרגענען מענטשן, פאַרשפּרייטן אַ בהלה.

אויף די קלויסטער־מויערן איז ווידער אַרויס אַ פּראָצעסיע, ווייל קיין שום זאַך האָט די קעמפנדיקע נישט אַזוי געשטאַרקט, ווי דער אָנבליק פון הייליקסטן סאַקראַמענט און פון די גלחים, וואָס זענען מיט אים רויק געגאַנגען. די קלויסטער־האַרמאַטן האָבן געענטפערט מיט דונער אויף דונערס, מיט בליצן אויף בליצן, וויפיל זיי האָבן געקענט, וויפיל ס'האָט די מענטשן געקלעקט כוחות און אָטעם אין דער ברוסט. די ערד האָט אויסגעוויזן זיך צו טרייסלען אין אירע יסודות. אַ ים פון רויך האָט זיך אויסגעשפּרייט איבערן קלויסטער און דער קירך.

וואָסערע מאָמענטן, וואָסערע אָנבליקן פאַר מינוטן (און אַ סך אַזעלכע זענען געווען אין דער פעסטונג). וועלכע האָבן

קיינמאָל אין זייער לעבן דאָס בלוטיקע פּרצוף פון דער מלחמה נישט אָנגעקוקט!

דאָס אומאויפהערלעכע געקנאַל, די בליצן, רויכן, דאָס גע־ברום פון די קוילן, וואָס צערייסן די לופט, דאָס מוראדיקע געכאָרכל פון די גראַנאַטן, דאָס געקלאַנג פון די קוילן אויף די ברוקן, דאָס הוילע אָנקלאַפּן אין די ווענט, דאָס געקלימפּער פון די צעהאַקטע שויבן, די אויפרייסן פון די געפּלאַצטע פייערדיקע קוילן, דאָס געפּייף פון זייערע שאָלן, דאָס קראַכן און קנאַקן פון די ברעטער־געשטעלן, דער כאַאָס, חורבן, גיהנום!...

און בשעת־מעשה קיין איין רגע אָפּרו, קיין איין רגע מנוחה פאַר די פון רויך האַלב דערשטיקטע ברוסטן, אַלץ נייע סטאַדעס קוילן, און אין מיטן פון צעמישעניש מוראדיקע קולות אין פאַרשידענע זייטן פון דער פעסטונג, קירך און קלויס־טער.

— ס'ברענט! וואַסער! וואַסער!

— אויף די דעכער!... מער פלאַכטעס!

און אויף די מויערן אויסגעשרייען פון די אין קאַמף דער־היצטע זעלנער:

— העכער דעם האַרמאַט!... העכער!... צווישן די בנינים!.. . פייער!...

אַרום מיטאָג צייט האָט דאָס ווערק פון טויט זיך נאָך מער פאַרשטאַרקט. מ'האָט געקענט מיינען, אַז ווען די רויכן וועלן אָפּפאַלן, וועלן די שוועדישע אויגן דערזען נאָר אַ שטויס פון קוילן און גראַנאַטן, אויפן אָרט פון קלויסטער. פון די מיט קוילן באַשלאָגענע ווענט האָט זיך אויפגעהויבן אַ קאַלך־שטויב און אויסמישנדיק זיך מיט די רויכן האָט ער פאַרשטעלט די וועלט. די גלחים זענען אַרויס מיט די רעליקויעס פאַרטרייבן דידאָזיקע בעפלען, כדי זיי זאָלן די פאַרטיידיקונג נישט שטערן.

דאָס געקנאַל פון די האַרמאַטן איז נצוואָרן אָפּגעהאַקט, אָבער אַזוי געדיכט ווי דאָס אָטעמען פון אַ פאַרסאַפּעטן סמאָק.

מיטאַמאָל האָבן אויפן טורעם, וואָס איז נאָר וואָס אויסגע־בויט געוואָרן נאָך דער פאַראַיאָריקער שרפה, זיך אָנגערופן די

טראָמפּייטן אין אַ הערלכען ווילקלאַנג פון אַ גאָטספאָרכטיקן געזאַנג. דאָסדאָזיקע געזאַנג איז געפלאָסן פון דער הויך און מ'האָט עס געהערט אַרום און אַרום, מ'האָט עס געהערט אומעטום, אַזש אויף די שוועדישע באַטעריעס. צו די קלאַנגען פון די טראָמפּייטן האָבן זיך באַלד צופּאַראייניקט מענטשלעכע שטימען און אין מיטן פון דער ריטשערײַ, פּייפערײַ, אויסגעשרייען, קנאַלערײַ, קלאַפּערײַ פון די ביקסן, האָבן זיך דערהערט די ווערטער:

Bogarodzica, Dziewica,
Bogiem Sławiona Marya!...

דאָ האָבן אַ פּאָר גראַנאַטן אויפגעריסן; אַ קנאַקן פון דאַך-שינדלען און רינעס, און דערנאָך אַ געשריי: „וואַסער!“ — האָבן אַ הילך געטון און... ווידער איז דאָס ליד ווייטער רויק געפלאָסן:

U twego Syna, hospodyna,
Spuści nam, ziści nam
Chlebny czas, zbożny czas...

קמיציץ, וועלכער איז געשטאַנען אויף די מויערן בײַ אַ האַרמאַט, אַקעגנאיבער דעם דאָרף טשענסטאָכאָוו, אין וועלכן עס זענען געווען מילערס פּאָזיציעס און פונוואַנען ס'איז געגאַנגען דאָס גרעסטע פייער, האָט אַוועקגעשטופּט דעם ווייניקער געניטן קאַנאָניער און אַליין גענומען אַרבעטן. און געאַרבעט האָט ער אַזוי גוט, אַז אײַנגיכן, הגם ס'איז געווען אום נאָוועמבער און דער טאָג איז געווען אַ קילער, האָט ער אַראָפּגעוואָרפן דעם פּיקסנעם פעלץ, אַראָפּגעוואָרפן דעם אונטער-ראָק און בלויז אין די הויזן און אין העמד געבליבן.

בײַ די מענטשן, וואָס זענען מיט מלחמות נישט באַקאַנט, האָט דאָס האַרץ געקוואָלן אויף אַ בליק פון דאָזיקן זעלנער מבטן-ומלידה, פאַר וועלכן דאָס אַלץ, וואָס האָט זיך צעגעטון, דאָס גע-

קנאַל פֿון די האַרמאַטן, די סטאַדעס קוילן, דער חורבן, דער טויט — האָבן אויסגעזען צו זײַן אַ געוויינלעכע זאַך, ווי דאָס פֿײַער פֿאַר דער כאַלאַמאַנדרע.

ברעמען האָט ער געהאַט געקנייטשטע, אַ פֿײַער אין די אויגן, אַ רויטקייט אויף די באַקן און עפּעס אַ ווילדע פֿרייד אויפֿן פּנים. יעדער ווײַלע האָט ער זיך אַריבערגעבויגן אויפֿן האַרמאַט, אינגאַנצן פֿאַרנומען מיטן צילן, אינגאַנצן פֿאַרטון אין קאַמף, קיין שום זאַך נישט געדענקענדיק; ער האָט געצילט, אַראָפּגעלאָזט, אויפֿגעהויבן, צום סוף געשריגן: „פֿײַער!" — און ווען ס'ראַקאַ האָט די קנויט צוגעלייגט, איז ער געלאָפֿן אויפֿן געשטעל, האָט געקוקט און פֿון צײַט צו צײַט אויסגעשריגן:

— לייגט זיך אין רייע! אין רייען!

זײַנע אָדלערישע אויגן זענען דורכגעדרונגען דורכן רויך, שטויב; ווי נאָר ער האָט צווישן די בנינים דערזען ערגעץ אַ צונויפֿגעדריקטע מאַסע פֿון קאַפּעליושן אָדער העלמען, האָט ער זי באַלד צ[illegible]ק אַפּט אין צעטריבן מיט אַ גוט געצילטן גראַנאַט, ווי מיט אַ דונער.

ווײַלנווײַז האָט ער אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, ווען ער האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן חורבן, ווי געוויינטלעך. די קוילן זענען פֿאַרבײַגעפֿלויגן איבער אים און לעבן אים — ער האָט אויף קיין איינע פֿון זיי נישט געקוקט. מיטאַמאָל האָט ער נאָך אַ שאָס אַ שפּרונג געטאָן אויפֿן געשטעל, אײַנגעגראָבן די אויגן אין דער ווײַטקייט און אַ געשריי געטאָן:

— אַ האַרמאַט צעקלאַפּט!... דאָרט שפּילן איצט נאָר דרײַ שטיק!...

ביז מיטאָג האָט ער אַפֿילו נישט אָפּגעטעמט. אַ שווייס האָט אים באַגאָסן דעם שטערן, פֿון העמד האָט געשלאָגן אַ פּאַרע; דאָס פּנים איז אים געווען פֿאַרקאָפּטשעט פֿון ריס און די אויגן האָבן אים געפֿינקלט.

הער פּיאָטר טשאַרניעצקי אַליין האָט באַוווּנדערט זײַנע גוט-געצילטע שאָסן און האָט בשעת די הפֿסקות אַ פּאָר מאָל אים געזאָגט:

— באַ אײַך איז אַ מלחמה קײן נאָװינע נישט! מ'זעט דאָס באַלד! װי האָט איר זיך אַזױ אױסגעלערנט?

דרײַ אַ זײגער איז אױף דער שװעדישער באַטערײַ אַנטשװיגן געװאָרן אַ צװײטער האַרמאַט, װאָס איז צעקלאַפּט געװאָרן דורך קמיטשיצס אַ גוט־געטראָפֿענעם שאָס. די איבעריקע האָט מען אין אַ געװיסע צײַט אַרום אַראָפּגעשלעפּט פֿון די פּאַרשאַצונגען. די שװעדן האָבן אַפּנים אײַנגעזען, אַז עס װעט אוממעגלעך זײַן צו דערהאַלטן דידאָזיקע פּאָזיציע.

קמיטשיץ האָט פֿרײַ אָפּגעאָטעמט.

— רוק זיך אָפּ! — האָט טשאַרניעצקי צו אים געזאָגט.

— גוט! עס װילט זיך מיר עסן — האָט דער ריטער געענטפֿערט — סאָראָקאַ! גיב װאָס דו האָסט אונטער דער האַנט!

דער אַלטער װאַכמײַסטער האָט דעם באַפֿעל גיך דערפֿילט. ער האָט געבראַכט בראָנפֿן אין אַ בלעכערנער כּלי און גערײכערטע פֿיש. הער קמיטשיץ האָט גענומען גיריק עסן, אױפֿהײבנדיק פֿון צײַט צו צײַט די אױגן און קוקנדיק אױף די נישט װײַט דורכפֿליענדיקע גראַנאַטן פּונקט אַזױ, װי ער װאָלט געקוקט אױף װראָנעס.

און זײ זענען דאָך געפֿלױגן אין אַ גענוג גרױסער צאָל, נישט פֿון דער זײַט פֿון טשענסטאָכאָװ, נאָר גראָד פֿון דער אַקעגנאיבערדיקער זײַט: פֿון דאָרט זענען געקומען די אַלע גראַנאַטן, װעלכע האָבן זיך אַריבערגעטראָגן הױך איבערן קלױסטער און איבער דער קירך.

— זײ האָבן שלעכטע קאַנאָניערן, צו הױך הײבן זײ אױף די האַרמאַטן — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט, נישט אױפֿהערנדיק צו עסן — גיט אַ קוק, אַלץ פֿליט אַריבער און גײט אױף אונדזן!

עס האָט דידאָזיקע װערטער געהערט אַ יונג נזירל, אַ זיבעצן־יעריק בחורל, װאָס איז נאָר װאָס אין קלױסטער אַרײַנגעטרעטן. ער האָט פֿריִער כּסדר דערלאַנגט קױלן צום אָנלאָדנגען און איז נישט אָפּגעטרעטן, הגם יעדעס אָדערל האָט זיך אין

אים געטרייסלט פון פחד, ווייל ער האָט צום ערשטן מאָל אַ מלחמה געזען. קמיטשיק האָט אים אומגעווייטליך שטאַרק אימפּאָנירט מיט זיין רויקייט און, הערנדיק איצט זיינע ווערטער, האָט ער זיך מיט אַן אומגעדולדיקער באַוועגונג צו אים צוגעטוליעט, גלייך ווי ער וואָלט וועלן זוכן אַ שוץ און אַ מקום-מקלט אונטער די פליגל פון דערדאָזיקער מאַכט.

— קענען זיי דען צו אונדז דערגרייכן פון יענער זייט? — האָט ער געפרעגט.

— פאַרוואָס נישט! — האָט הער אַגדזשעי געענטפערט — און וואָס, טייער ברודערל, איר האָט מורא דערפאַר?

— מיין הער! — האָט דאָס ציטערנדיקע בחורל געענטפערט — כ'האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז די מלחמה איז שרעקלעך, אָבער ס'איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז זי איז אַזוי שרעקלעך!

— נישט יעדע קויל דערהרגעט, אַנדערש וואָלטן שוין קיין מענטשן נישט געווען אויף דער וועלט, ווייל עס וואָלטן מער אומגעקומען, ווי געבוירן געוואָרן.

— אַממייסטן, מיין הער, שרעק איך מיך פאַר פייערדיקע קוילן, פאַר די גראַנאַטן, פאַרוואָס פלאַצן זיי מיט אַזאַ קנאַל?... ראַטעווע, גאָט אין הימל!... און זיי פאַרווונדן די מענטשן אַזוי מוראדיק?...

— איך וועל אייך דאָס מסביר זיין, וועט איר ווערן אַ ביסל באַהאַוונט, פאַטערל. זייט וויסן, אַז די קויל איז אַן אייזערנע, און אינעווייניק אויסגעהוילט, מיט פולווער אָנגעלאָדנט. אין איין אָרט האָט זי אַ געניוג קליין לעכל, אין וועלכן עס זיצט אַ רערל פון פאַפיר, אָדער אָפט אויך פון האָלץ.

— יעזוס פון נצרת! אַ רערל זיצט?

— יאָ! אין רערל ווידער געפינט זיך אַ צווייט פון שוועבל, וואָס צינדט זיך אָן באַם אויסשיסן. די קויל דאַרף דעריבער פאַלן מיטן רערל אויף דער ערד, כדי זי זאָל עס אַריינשלאָגן אינעווייניק, דאַמאָלס דערגייט דאָס פייער צום פולווער און די קויל רייסט אויף. אַ סך קוילן פאַלן אָבער נישט אויפן רערל,

אָבער דאָס שאַדט אויך נישט, ווייל אז דאָס פייער וועט צוקומען וועט די קויל דאָ אויפרייסן...

מיטאַמאָל האָט קמיטשיץ אויסגעשטרעקט די האַנט און גענומען גיך שרייען:

— קוקט! קוקט! אָט! אָט האָט איר אַן עקספּערימענט!

— יעזוס! מאַריאַ! יוזעף! — האָט דאָס נזירל אויסגעשריגן, דערזעענדיק אַן אָנפלויענדיקן גראַנאַט.

דער גראַנאַט איז דערווייל אַראָפּגעפאַלן אויפן פּלאַץ און ברומענדיק און וואַרפנדיק זיך האָט ער גענומען אונטערשפּרינגען איבערן ברוק, ציענדיק נאָך זיך אַ בלוילעך רויכל, האָט זיך איבערגעקערט איין מאָל און אַ צווייט מאָל, צוגעקייקלט זיך אַזש ביז צו דער כויער, אויף וועלכער זיי זײַנען געזעסן, און אַרײַנגעפאַלן אין אַ קופּע נאַסן זאַמד, וואָס איז געווען הויך אָנגעשאָטן אַזש ביז צו די שיסלעכער פון דער מויער און פאַרלירנדיק אינגאַנצן די קראַפט, איז ער געבליבן ליגן אָן באַוועגונג.

ער איז צום גליק געפאַלן מיטן רערל אַרויף, אָבער דער צויט האָט זיך נישט פאַרלאָשן, ווייל ס'איז פון אים תיכף אַ רויך אויפגעגאַנגען.

— אויף דער ערד!... אויף די פּנימער!... — האָבן איבערגעשראָקענע שטימען גענומען שרייען — אויף דער ערד! אויף דער ערד!

אָבער קמיטשיץ האָט די אותו-רגע זיך אַראָפּגערוקט איבער דער קופּע זאַמד, האָט מיט אַ בליץ-שנעלער באַוועגונג פון דער האַנט אַ כאַפּ געטון דעם גראַנאַט פאַרן רערל, אַ פליק געטון, אַרויסגעריסן און אויפהייבנדיק די האַנט מיט דער ברענענדיקער צויט, האָט ער גענומען שרייען:

— שטעלט זיך אויף! ווי מ'וואָלט אַ הונט די ציין אַרויסגענומען! ער וועט שוין איצט קיין פליג נישט דערהרגענען!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַ שטויס געטון אַ ליגנדיקן קאָפּ. די בייגעוועלטע זײַנען פאַרשטאַרט געוואָרן, זעענדיק דידאָזיקע כּמעט פון איבער מענטשלעכן מוט און אַ צייט לאַנג האָט

קיינער זיך נישט דערוועגט אַ וואָרט צוויסצורעדן; צום סוף האָט טשאַרנעצקי אויסגעשריגן:

— משוגענער מענטש! ווען ער וואָלט געפּלאַצט, וואָלט ער דאָך אייך אויף פּולווער צעריבן!

און הער אַנדזשעי האָט זיך אַזוי האַרציק צעלאַכט, אַז ער האָט אַזש אַ בליק געטאָן מיט די ציין, ווי אַ וואָלף.

— דאַרף מיר דען נישט האָבן קיין פּולווער? איר וואָלט מיט מיר אַ האַרמאַט אָנגעלאָדנט און איך וואָלט נאָכן טויט אויך די שוועדן צרות אָנגעטון!

— זאָלן אייך די קוילן טרעפן! ווּ שטעקט בײַ אייך ערגעץ די שרעק?

דאָס יונגע בזירל האָט צונויפגעלייגט די הענט און געקוקט מיט אַ שטומער פאַרערונג אויף קמיטשיצן. ס'האָט אָבער זיין טאַטע געזען אויף קסיאַנדז קאָרדעצקי, וועלכער איז גראָד צו יענעם אָרט צוגעקומען. ער איז צוגעגאַנגען דעם הער אַנדזשעי מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ אָנגענומען, דערנאָך אויף אים געמאַכט אַ צייכן פון צלם.

— אַזעלכע, ווי דו, וועלן יאַסנאַ־גורא נישט איבערגעבן! — האָט ער געזאָגט — אָבער איך פאַרווער דיר דאָס בייטיקע לעבן אין אַ סכנה צו שטעלן. די שיסעריי הערט שוין אויף און דער שונא גייט שוין אַרויס פון פעלד; נעם־זשע די דאָזיקע קויל, שיט אויס פון איר דעם פּולווער און טראָג זי אַוועק צו דער הייליקסטער בתולה אין דער קאַפּליצע. די דאָזיקע מתנה וועט איר זיין מער ניחא, ווי די פּערל און טייערע שטיינדלעך, וואָס דו האָסט איר געשענקט.

— פּאַטער! — האָט דער גערירטער קמיטשיץ געענטפערט — עס לוינט נישט צו רעדן!... איך וואָלט פאַר דער הייליקסטער בתולה... איך האָב נישט קיין ווערטער עס אַרויסצוזאָגן!... איך וואָלט ענויס, דעם טויט... איך וואָלט, כ'ווייס אַליין נישט וואָס גרייט געווען צו טון, אַבי איר צו דינען...

אין טרערן האָבן אַ פליך געטון אין הער אַנדזשעיס אויגן, און קסיאָנדז קאָדעצקי האָט געזאָגט:

— גיי־זשע צו איר אויך מיט דידאָזיקע טרערן, כּל־זמן זיי זענען נאָך נישט פאַרטרוקנט געוואָרן. איר גנאַד וועט אויף דיר אַראָפּפליסן, דיך באַרויִקן, טרייסטן, מיט רחמים און כּבוד באַצירן!

בּאַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער אים געגומען אונטערן אָרעם און אַוועקגעפירט אין דער קירך. און הער טשאַרניעצקי האָט זיי אַ געווויסע צייט נאָכגעקוקט און צום סוף געזאָגט:

— איך האָב אין מיין לעבן שוין געזען אַ סך מוטיקע ריטער, וואָס זענען פון קיין שום סכּנות נישט נתפּעל געוואָרן, אָבער דערדאָזיקער ליטווינער מוז זיין אַ ט...

דאָ האָט ער זיך מיט דער האַנט אַ זעץ געטון אין מויל אַריין, כּדי אַ טמאַדיקן נאָמען אין הייליקן אָרט נישט אַרויסצורעדן.

15. קאַפּיטל.

דער קאַמף אויף די האַרמאַטן האָט כּלל נישט געשטערט די אונטערהאַנדלונגען. די פּאַטערס האָבן באַשלאָסן יעדעס מאָל זיי אויסצונוצן, ווילנדיק דעם שונא נאַרן און מאַכן שהיות כּדי פאַר דערדאָזיקער צייט זיך צו דערוואַרטן אויף וועלכע עס איז הילף, אָדער על-כּל-פּנים אויף אַ שטרענגען ווינטער; מילער ווידער האָט נישט אויפגעהערט צו גלייבן, אַז די נזירים ווילן נאָר די בעסטע באַדינגונגען אויסהאַנדלען.

אינאָוונט, נאָך יענער שיסעריי, האָט ער דעריבער ווידער אַרויסגעשיקט דעם פּולקאָווניק קוקלינאָווסקי מיט דער אויפפאָדערונג זיך אונטערצוגעבן. דעמדאָזיקן קוקלינאָווסקי האָט דער פּריאָר געוויזן דעם קעניגס בריוו, וועלכער האָט אים באַלד דאָס מויל פאַרמאַכט. אָבער מילער האָט געהאַט אַ שפּעטערן באַפעל פון קעניג צו פאַרנעמען באָלעסלאַוו, וויעלון, קשעפּיצע און טשענסטאָכאָוו.

— טראָגט זיי אַוועק דעמדאָזיקן באַפעל — האָט ער גע-

זאָגט צו יוקלינאָווסקין — ווייל איך מיין, אַז נאָכדעם ווי זיי וועלן אים זען, וועט זיי אויספעלן שטאָף אויף תירוצים.

אָבער ער האָט אַ טעות געהאַט.

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט דערקלערט, אַז אויב דער באַפעל נעמט אַרום טשענסטאָכאָוו, זאָל זיך דער גענעראַל זי בשלום פאַרנעמען, דערביי קען ער זיכער זיין, אַז מצד דעם קלויסטער וועט ער זיך אויף קיין שום מניעה נישט אָנשטויסן, אָבער טשענסטאָכאָוו איז נישט יאַסנאַ גוראַ, און די לעצטע איז אין באַפעל נישט אויסגערעכנט.

דערהערנדיק דידאָזיקע תשובה האָט מילער איינגעזען, אַז ער האָט צו טאָן מיט מער דורכגעטריבענע דיפּלאָמאַטן, ווי ער; אים האָבן אויסגעפּעלט טענות — עס זענען געבליבן נאָר די האַרמאַטן.

פונדעסטוועגן האָט דער וואָפנשטילשטאַנד איבער נאַכט אָנגעהאַלטן, די שוועדן האָבן ענערגיש געאַרבעט באַם אויפשטעלן מעכטיקערע פאַרשאַנצונגען; די יאַסנאַ־גורער האָבן באַקוקט די נעכטיקע היזקות און מיט פאַרוואונדערונג זיך איבערצייגט, אַז עס זענען קיין שאָדנס גאָרנישט געווען. דאָ און דאָרט צעבראָכענע דעכער און רינעס, דאָ און דאָרט פּלאַטן טינק, וואָס זענען פון די מויערן אַראָפּגעפאַלן — דאָס איז אַלץ. פון די מענטשן איז קיינער נישט געפאַלן, קיינער איז אפילו נישט פאַרוואונדעט געוואָרן. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט אַרומגייענדיק די מויערן געזאָגט מיט אַ שמייכל צו די זעלנער:

— גיט נאָר אַ קוק, דערדאָזיקער שונא און זיין באָמבאַרדירן איז גאָרנישט אַזוי שרעקלעך, ווי מ'האָט געזאָגט. נאָך אַ חגא כרעפן אָפט גרעסערע שאָדנס. גאָט באַשיצט און באַשערעמט אונדז. גאָטס האַנט צערטלט אונדז, אָבער לאָמיר נאָר זיין אויסהאַלטעוודיק, וועלן מיר נאָך גרעסערע נסים דערלעבן!

ס'איז צוגעקומען זונטיק, דער יום טוב פון דער הייליקסטער בתולה. די תפילה איז נישט געשטערט געוואָרן, ווייל מילער האָט געוואַרט אויף די לעצטע תשובה, וועלכע די גזירים האָבן צוגעזאָגט נאָכמיטאָג איבערצושיקן.

דערווייל זענען זיי, געדענקענדיק די ווערטער פֿון דער הייליקער שריפֿט: ווי ישראל האָט אויף איבערצושרעקן די פּלשתּים דעם ארון-הברית אַרום דעם לאַגער אַרומגעטראָגן, ווידער געגאַנגען אין אַ פּראָצעסיע מיט דער מאָנסטראַנץ.

דעם בריוו האָט מען אַרויסגעשיקט צווײ אַ זייגער, אָבער נישט מיט אַ ידיעה וועגן אונטערגעבן זיך, נאָר עס איז איבערגעחזרט געוואָרן די תּשובֿה וואָס איז געגעבן געוואָרן קוקליִנאָווסקין, אַז די קירך און דער קלויסטער הייסן יאַסנאַ גורא, און די שטאָט טשענסטאָכאָוו געהערט גאָרנישט צום קלויסטער.

„דעריבער בעטן מיר שטאַרק דעם הויך-ווירדיקן הער גענעראַל — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געשריבן — אַז ער זאָל באַוויליקן צו לאָזן צורו די עדה אונדזערע און די קירך, וואָס איז גאָט און דער הייליקסטער בתולה געהייליקט, כּדי גאָטס כּבֿוד זאָל להבא אין איר בלייבן און ווו מ'זאָל צוגלייך גאָטס מאַיעסטעט בעטן פֿאַרן געזונט און הצלחה פֿון ליכטיקסטן קעניג. איבערגעבנדיק אונדזערע בקשות, פֿאַרלאָזן מיר זיך, אומווירדיקע, אויף אייער גנאָד, הויך-ווירדיקער גענעראַל, האָפֿנדיק בטחון אין אייער גוטסקייט, פֿון וועלכער מיר זאָגן זיך אויך פֿאַר דער צוקונפֿט זייער פֿיל צו"...

עס זענען באַם לייענען דעם-אָזיקן בריוו בײַגעווען: ווזשעשטשאָוויטש, סאַדאָווסקי, האַרן, גובערנאַטאָר קשעפּיצקי, דע פּאָסיס, אַ באַרימטער אינזשעניער, צום סוף פּירשט העסקי, אַ יינגער, זייער אָנגעזעענער מענטש, וואָס הגם ער איז געווען אונטער מילערס קאָמאַנדע, האָט ער אים גערן זיין איבערלעגנהייט אַרויסגעוויזן. פּירשט העסקי האָט בײַזווײַליק אַ שמייכל געטון און איבערגעחזרט דעם סוף פֿון בריוו, לייגנדיק דעם טראָפּ אויף יענע וואָרט:

— פֿון אייער גוטסקייט זאָגן זיי זיך זייער פֿיל צו; דאָס איז אַ רמז אויף אַ זאַמלונג פֿון נדבֿות, הער גענעראַל. איך וואָלט אייך שטעלן נאָר איין פֿראַגע, גנעדיקע הערן: די נזירים בעטן בעסער, אָדער זיי שיסן בעסער?

— אמת! — האָט האַרן געזאָגט — אין די ערשטע טעג

האָבן מיר אַזוי פיל מענטשן אָנגעווירן, אַז אַ גוטע שלאַכט וועט מער נישט צונעמען!

— וואָס שייך מיר — האָט פירשט העסקי ווייטער געזאָגט — דאַרף איך קיין געלט נישט האָבן, קיין רום וויל איך נישט געווינען, און די פיס וועלן מיר אין דידאָזיקע כאַזעס גע־פרוירן ווערן. אַ גרויסער שאָד, וואָס מיר האָבן זיך נישט געלאָזט קיין פרייסן; דאָס לאַנד איז רייך, איין שטאָט איז בעסער פון דער צווייטער.

מילער, וועלכער האָט פלינק געטון, אָבער פאַמעלעך געטראַכט, האָט ערשט אין דער רגע תופס געווען דעם זין פון בריוו, ער איז רויט געוואָרן און געזאָגט:

— די נזירים מאַכן חוזק פון אונדז, גנעדיקע הערן!

— אַזאַ כוונה איז נישט געווען, אָבער דער פּועל־יוצא איז דער זעלבער! — האָט הורן זיך אָנגערופן.

— אויב אַזוי, צו די פאַרשאַנצונגען! ס'איז ווייניק געווען נעכטן פייער און קוילן!

די געגעבענע באַפעלן זענען גיך דורכגעפלויגן פון איין עק פון די שוועדישע ליניעס אין צווייטן. די פאַרשאַנצונגען האָבן זיך באַדעקט מיט בלאָלעכע כמאַרעס, דער קלויסטער האָט באַלד צוגעענטפערט מיט דער גאַנצער ענערגיע. דאָס מאָל אָבער האָבן די שוועדישע האַרמאַטן, וועלכע זענען בעסער געווען אָנגעשטעלט, גענומען אָנמאַכן אַ גרעסערן שאָדן. ס'האָבן זיך געשאָטן באַמבעס אָנגעלאָדנט מיט פולווער, וועלכע האָבן נאָך זיך געצויגן אַ פלאַמיקן צאָפּ. מ'האָט אויך געוואָרפן אָנגעצונדענע פאַקלען און קוילן פון פלאַקס אָנגעזאַפּט מיט זשיוויצע.

פונקט ווי כמאַרעס וואַנדערנדיקע זשוראַוויעס, פאַרמאַטערט פון לאַנגען פליען, באַזעצן אַמאָל די הויכע בערג, אַזוי זענען אויך המונים פון דידאָזיקע פייערדיקע שליחים געפאַלן אויף די שפּיצן פון דער קירך און אויף די הילצערנע דעכער פון די נעבן־בנינים. ווער ס'האָט נישט גענומען קיין אָנטייל אין קאַמף, ווער עס איז נישט געווען בײַ די האַרמאַטן, דער איז געזעסן אויף די דעכער. אַ טייל האָבן געשעפּט וואַסער אין די ברונעמס,

אַ צווייטער טייל האָט מיט שנורן געצויגן די עמערס. אַ דריטער
טייל האָט געשטיקט דאָס פייער מיט נאַסע פלאַכטעס. מאַנכע
קוילן זענען שיילנדיק די בעלקעס און די רינעס אַריינגעפאַלן
אין די בוידעמס און באַלד האָט אַ רויך און אַ ריח פון אַנגע-
ברענטס אָנגעפילט דעם אינעווייניקסטן טייל פון די בנינים. אָבער
אויך אויף די דעכער האָבן געלויערט די פּאַרטיידיקער מיט פע-
סער וואַסער. די שווערסטע באָמבעס האָבן דורכגעשלאָגן אפילו
די סופיטן. נישט געקוקט אויף די איבערמענטשלעכע אָנשטרענ-
גונגען, נישט געקוקט אויף די וואַכזאַמקייט, האָט זיך געדרונגען
אַז פריער אָדער שפּעטער וועט דאָס פייער מוזן אַרומכאַפּן דעם
קלויסטער. די פאַקלען און פלאַקסענע קנוילן, וואָס זענען מיט
דרעגער פון די דעכער אַראָפּגעשטופּט געוואָרן, האָבן בײַ די
ווענט געבילדעט ברענענדיקע שטויסן. די פענסטער האָבן געפּלאַצט
פון היץ, און די ווייבער און קינדער, וואָס זענען געווען פאַ-
מאַכט אין די שטובן, האָבן זיך געשטיקט פון רויך און חמימה.

מ׳האָט קוים די ערשטע גראַנאַטן פאַרלאָשן, קוים זענען די
וואַסערן פון די קאַנטן אַראָפּגערונען, זענען אָנגעפלויגן נייע סטאַ-
דעס פון ברענענדיקע קוילן, פון פלאַקערנדיקע שמאַטעס, פון קוגלן
לעבעדיקן פייער. דער גאַנצער קלויסטער איז פון זיי געווען אַרומ-
גענומען, וואָלסט געמיינט: דער הימל האָט זיך איבער אים גע-
עפנט און אַ גאַס-רעגן פון דונערס פאַלט אויף אים אַראָפּ; פונ-
דעסטוועגן האָט ער געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן.
ער האָט געפלאַקערט און איז אין חורבות נישט איינגעפאַלן; נאָך
מער, ער האָט אין מיטן פון דאָזיקן ים פון פלאַמען גענומען זינ-
גען, ווי יענע יינגעלייט אין פייערדיקן אויוון.

וואָרים פונקט, ווי מיט אַ טאָג פריער, האָט זיך אויך איצט
פון טורעם אָנגערופן אַ געזאַנג אין באַגלייטונג פון טראָמפּייטן.
פאַר די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די מויערן און גע-
אַרבעט בײַ די האַרמאַטן, וועלכע האָבן יעדע רגע געקענט מיי-
נען, אַז דאָרט ווערט אַלץ פאַרברענט און ווערט פאַרוואַנדלט אין
חורבות הינטער זייערע פּלייצעס, איז דאָסדאָזיקע געזאַנג געווען
ווי אַ דערקוויקנדיקער באַלזאַם, ווי עס האָט זיי פסדר צוגעזאָגט,

אַז דער קלויסטער שטייט, די קירך שטייט, אַז די פלאַמען האָבן ביז איצט נאָך נישט גובר געווען די מענטשלעכע אָנשטרענגונגען. פון איצט אָן איז עס אויך געוואָרן אַ מנהג דורך אַזאַ גאַנג זיך זיס צו מאַכן די ביטערניש פון דער באַלאַגערונג און די אימהדיקע קולות פון די פאַרביטערטע זעלנער צו דערהייטערן פון די ווייבערישע אויערן.

אָבער אויך אין שוועדישן לאַגער האָט דאָסדאָזיקע געזאַנג און קאַפּעלע געמאַכט נישט קיין קליינעם רושם. די פאַרשאַנצונגען האָבן עס צוערשט געהערט מיט פאַרוווּנדערונג, דערנאָך מיט אַ פּאַנאַטישן פּחד.

— ס'טייטש? — האָבן זיי צווישן זיך געזאָגט — מיר האָבן אויף דידאָזיקע הינערשטייגן געוואָרפן אַזוי פיל אייזן און פייער, אַז נישט איין מענטשלעכע פעסטונג וואָלט שוין געווען אין אַש און אין שטויב פאַרוואַנדלט געוואָרן, און זיי זינגען זיך גאָר פריילעך... וואָס איז דאָס?

— כּישוף! — האָבן אַנדערע געענטפערט.

— די קוילן האָבן אויף יענע ווענט קיין שליטה נישט. פון די דעכער גליטשן זיך די גראַנאַטן אַראָפּ, ווי מיר וואָלטן מיט לאַבנס בלויז געוואָרפן. כּישוף! כּישוף! — האָבן זיי איבערגעחזרט — קיין שום גוטס וועלן מיר דאָ נישט דערלעבן!

די אָפיצירן זענען אפילו גרייט געווען צוצושרייבן דידאָזיקע קלאַנגען עפּעס אַ סודותדיקע באַדייטונג, אָבער מאַנכע האָבן דאָס אַנדערש אויסגעטייטשט און סאַדאָווסקי האָט געזאָגט הויך, בכּיוון, כּדי מילער זאָל אים קענען הערן:

— עס מוז זיי גוט גיין, אויב זיי זענען זיך משׂמח, אָדער דאָס הייסט, אַז מיר האָבן ביז איצט בחנם אַזוי פיל פּולווער קאַליע געמאַכט.

— וועלכן מיר פאַרמאָגן נישט קיין סך — האָט פירשט העסקי געזאָגט.

— דערפאַר אָבער האָבן מיר אַ פירער אַ פּאָליאַצערטעס — האָט כאַדאָווסקי געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, אַז מ'האָט נישט געקענט

פון אים ארויסדרינגען, צי ער מאכט חוזק, אדער וויל מילער חנפענען.

אבער ער האט דאס מיט מעות אנגענומען פאר א באליידיקונג ווייל ער האט די וואנסע געביסן.

— מיר וועלן זען, צי זיי וועלן אין א שעה ארום נאך שפילן! — האט ער געזאגט, וועגדענדיק זיך צו זיין שטאב.

און ער האט געגעבן א באפעל צו פארטאפלען דאס פייער.

אבער זיינע באפעלן האט מען צו פלייסיק אויסגעפירט. אין איילעניש האט מען די הארמאטן צו הויך אויפגעהויבן, צוליב וואס די קוילן האבן גענומען אריבערפליען. מאנכע זענען דערפלויגן, געטראגן זיך איבער דער קירך און קלויסטער, אזש ביז צו די אקעגנאיבערדיקע שוועדישע פארשאנצונגען; דארט האבן זיי צעשמעטערט די ברעטער-געשטעלן, צעוואָרפן די קוישן, דערהרגעט מ בזשן.

איין שעה איז אריבער, דערנאך א צווייטע. פון קירך-טורעם האט זיך א ך געהערט די פייערלעכע מוזיק.

מילער איז געשטאנען ביים א ש-אקטיוו אין טשענסטאכאָוו. ער האט לאנג געקוקט.

די בייגעוועזענע האבן באמערקט, אז די האנט, מיט וועלכער ער האט געהאלטן דעם שפאקטיוו בא די אויגן, האט אים געציטערט וואס אמאל שטארקער; צום סוף האט ער זיך געווענדעט צו די בייגעוועזענע און א געשריי-געטון:

— די קוילן טאָן גארנישט דער קירך!

דא האט א נישט איינגעזאלטענע, ווילדע רציחה אנגעכאפט דעם אלטן מלחמה-מאן. ער האט דעם ש-אקטיוו א ווארף-געטון אויף דער ערד, אז ער איז אזש צעשפרונגען אויף שטיקלעך.

— איך וועל דול ווערן פון דערדאזיקער מוזיק! — האט ער אויסגעשריגן.

אין דער רגע איז אינזשעניר דע פאסיס צו אים אין גאלאפ צוגעריטן.

— הער גענעראל — האט ער געזאגט — קיין אונטער-

גראַטונג קען מען נישט מאַכן. אונטער דער ערד-שיכט ליגט אַ פעלז. דאָ וואָלט מען געדאַרפט בערג-אַרבעטער.

מילער האָט געוואָרפן אַ קללה; ער האָט אָבער די קללה נאָך נישט פאַרענדיקט, ווי עס איז ווידער אין איין אימפעט צו-געלאָפן אַן אָפיציר פון דער טשענסטאָכאָווער פאַרשאַנצונג און סאַלוטירנדיק אויפן זעלנערישן שטייגער, האָט ער זיך אָנגע-רופן:

— דעם גרעסטן האַרמאַט האָט מען אונדז צעקלאַפט! זאָל מען אַראָפּברענגען נייע פון לאָגאַטאַ?

דאָס פייער איז באמת אַ ביסל שוואַכער געוואָרן — די מוזיק האָט אָפּגעהילכט וואָס אַמאָל פייערלעכער.

מילער איז אַוועקגעפאָרן אין זיין קוואַרטיר, נישט רעדנ-דיק קיין וואָרט. ער האָט אָבער נישט אַרויסגעגעבן קיין באַפעלן אָפּצושטעלן דעם קאַמף. ער האָט באַשלאָסן די באַלאַגערטע מיד צו מאַכן. דאָרט אין דער פעסטונג זענען דאָך געווען נאָר קוים צוויי הונדערט מאַן, און ער האָט געהאַט כסדר פרישע זעלנער צו פאַרבייטן.

ס'איז אָנגעקומען די נאַכט, די האַרמאַטן האָבן געדונערט אָן אויפהער; אָבער די קלויסטער-האַרמאַטן האָבן לעבעדיק אָפּ-געענטפערט, נאָך לעבעדיקער אפילו, ווי בײַ טאָג, ווייל די שוועדישע פייערס האָבן זיי אָנגעוויזן אַ פּאַרטיקן ציל. נישט איינמאָל האָט געטראָפן, אַז די זעלנער האָבן נאָך נישט באַוויזן צו זעצן זיך אַרום אַ פייער-הויפן און אַ קעסל, וואָס איז אין אים געהאָנ-גען, ווי ס'איז באַלד פון דער פינסטערניש אָנגעפלויגן אַ קלויס-טער-גראַנאַט, ווי אַ מלאך-המות. דער פייער-הויפן איז צעשפּרונ-גען אין שפּליטערס און פונקען, די זעלנער זענען זיך צעלאָפן מיט אוממענטשלעכע יעלות און, אָדער געזוכט אַ מקום-מקלט בײַ אַנדערע חברים, אָדער געבלאָנקעט אין דער נאַכט געפרוירענע, הונגעריקע, צעגעשראָקענע.

אַרום האַלבער נאַכט האָט זיך דאָס קלויסטער-פייער פאַר-שטאַרקט אויף אַזוי פיל, אַז אויף אַ מרחק פון אַ שאָס איז נישט מעגלעך געווען קיין העלצל אָנצוצינדן. ס'האָט זיך געדוכטן, אַז

די באַלאַגערטע זאָגן אויפן האַרמאַטן-לשון: „איר ווילט אונדז מיד מאַכן... פּרוּווט, מיר אַליין פאָדערן אַרויס!"

ס'האָט געשלאָגן איינס און צוויי אַ זייגער. ס'האָט גענומען ריזלען אַ דריבנער רעגן אין דער געשטאַלט פון אַ דורכדרינגלעכן ווינטער-נעפּל, וועלכער האָט ערטערווייז זיך צונויפגעקנוילט ווי אין סלופּעס, זיילן און בריקן, וואָס האָבן זיך געריטלט פון פייער.

דורך דידאָזיקע פאַנטאַסטישע זיילן און בויגנס האָט מען ווילנעווייז געזען די אימה-אָנוואַרפנדיקע שטריכן פון קלויסטער, וועלכער האָט משנה-צורה געווען אין די אויגן: דאָ האָט ער אויסגעזען העכער ווי תמיד, דאָ ווידער איז ער ווי איינגעזונקען אין תהום. פון די פאַרשאַנצונגען, אַזש ביז צו זיינע מויערן האָבן זיך געצויגן עפּעס מוראדיקע געוועלבן און קאָרידאָרן, וואָס האָבן זיך געבילדעט פון נעפּל און פינסטערניש, און דורך די דאָזיקע קאָרידאָרן זענען אָנגעפלויגן טויט-ברענגענדיקע קוילן. ווילנעווייז איז די גאַנצע לופט איבערן קלויסטער העל געוואָרן, ווי עס וואָלט זי אַ בליץ באַלויכטן. דאַמאָלס האָבן די מויערן, די הויכע ווענט און טורעמס בולט אַרויסגעשטאַרט, דערנאָך זענען זיי ווידער נעלם געוואָרן.

די זעלנער האָבן גענומען קוקן פאַר זיך מיט אַ טריבער פאַנאַטישער שרעק פון צייט צו צייט האָט אויך איינער דעם צווייטן אַ שטויס געטון און געשעפּטשעט:

— האָסט געזען? דערדאָזיקער קלויסטער, דאָ באַווייזט ער זיך און דאָ פאַרשווינדט ער... עפּעס אַן אוממענטשלעכע קראַפט!

— כ'האָב געזען בעסער — האָט אַ צווייטער געזאָגט — מיר האָבן געצילט גראָד פון יענעם האַרמאַט, וואָס האָט געפּלאַצט, ווי די גאַנצע פעסטונג האָט מיטאַמאָל גענומען שפּרינגען און צאַפּלען, גלייך ווי עמעצער וואָלט זי אויף אַ שטריק איבער דער הייך אויפגעהויבן און אַראָפּגעלאָזט. ציל אין אַזאַ פעסטונג, טרעף!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער זעלנער אָפּגעוואָרפן די האַרמאַט-ערשט און אין אַ ווילע אַרום צוגעגעבן:

— מיר וועלן דאָ גאָרנישט אויסשטיין... מיר וועלן זייער געלט פאַר די אויגן נישט אָנזען... ברר! קאַלט! איר האָט דאָרט אַ שמיר-ביקס מיט סמאָלע, צינדט אָן, וועלן מיר כאַטש די הענט אָנוואַרעמען!

איינער פון די זעלנער האָט גענומען אָנצינדן די סמאָלע מיט דער הילף פון שוועבל פעדעם. ער האָט צוערשט אָנגעצונדן די פעדעם, דערנאָך האָט ער זיי גענומען לאַנגזאַם איינטינקען.

— פאַרלעשט דאָס ליכט! — האָט אַ הילך געטון די שטים פון אָפיציר.

אָבער כמעט צו דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט אַ גערויש פון אַ קויל, דערנאָך אַ קורץ אָפגעהאַקט געשריי און דאָס ליכט האָט זיך פאַרלאָשן.

די נאַכט האָט די שוועדן געבראַכט שווערע אבדות. אַ סך מענטשן זענען בײַ די פייערס אומגעקומען; אין מאַנכע ערטער האָט מען זיי צעיאָגט אַזוי, אַז מאַנכע פולקן זענען אַריינגעפאַלן אין אַ צעמישעניש און שוין ביז אין דער פרי נישט געקענט זיך צונויפקלויבן. די באַלאַגערטע האָבן ווי געוואָלט ווייזן, אַז זיי דאַרפן נישט שלאָפן און געשאָסן וואָס אַמאָל געדיכטער.

דער פרימאָרגן-שימער האָט באַלויכטן אויף די מויערן אויסגעמאַטערטע, בלייכע, נישט אויסגעשלאָפענע, אָבער פון דער היץ באַלעבטע פנימער. קסיאָנדז קאָרדעצקי איז בײַ נאַכט ווי אַ צלם געלעגן אין דער קירך; באַלד פאַרטאָגס האָט ער זיך באַוויזן אויף די מויערן און זיין בנעמותדיקע שטים האָט זיך דערהערט בײַ די האַרמאַטן, אויף די מיטל-וואַלן, לעבן די טויערן:

— גאָט מאַכט טאָג, קינדער... זאָל זיין ליכט זיין געבענטשט! נישטאָ קיין שאָדנס געשט אין דער קירך, נישט אין די בנינים... דאָס פייער איז פאַרלאָשן, קיינער איז נישט אומגעקומען. הער מאַשינסקי! אַ פייערדיקע קויל איז אַריינגעפאַלן אונטערן וויגל פון אייער קינד און זיך פאַרלאָשן, נישט טוענדיק אים קיין שום שלעכטס. דאַנק דער הייליקסטער בתולה און דין איר אָפ!

— זאָל איר נאָמען זיין געבענטשט! — האָט מאַשינסקי געענטפערט — איך דין, ווי איך קען!

דער פריאָר איז ווייטער געגאַנגען.

ס'איז שוין געווען אינגאַנצן ליכטיק, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ טשאַרניעצקין און קמיטשיצן. קמיטשיצן האָט ער נישט באַמערקט, ווײַל ער איז אַריבערגעקראָכן אויף די צווייגנע זייט באַקוקן די ברעטער-בריק, וועלכע אַ שוועדישע קויל האָט אַ ביסל באַשעדיקט. דער קסיאָנדז האָט תיכף געפרעגט:

— און וווּ איז באַביניטש? שלאָפט ער נישט אַמאָל?

— איך וועל שלאָפן אין אַזאַ נאַכט! — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט, קלעטערנדיק אויף די מויער — איך וואָלט דאָך קיין געוויסן נישט געמוזט האָבן: בעסער אויף צו זיין אין דינסט פון דער הייליקסטער בתולה.

— געסער, בעסער, געטרייער דינער! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט.

אָבער הער אַנדזשעי האָט אין דער רגע געזען פון דער הייטנס בלישטשן אַ שוואַך שוועדיש ליכטל און ער האָט באַלד אַ געשריי געטון:

— פייער דאָרט, פייער! שטעל אָן! העכער! אין זיי, היצטישע באמנות!

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט, זעענדיק אַזאַ פלייסיקייט, אַ שמייכל געטון ווי אַ מלאך און איז צוריקגעגאַנגען אין קלויסטער כדי די פּאַו האָרעוועטע אַ ביר-זופּ, געשמאַק מיט קלעצלעך קעז צוגעפּראַוועט, צוצושיקן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן זיך טאַקע באַוויזן ווייבער, גלחים און קירך-בעטלער, וועלכע האָבן געטראָגן רויכנדיקע טעפּ און קריגן.

די זעלבער האָבן זיי גיך געכאַפּט און באַלד האָט זיך אין דער לענג פון אַלע מויערן דערהערט אַן אַפּעטיטלעך זשלאָקן. זיי האָבן אויך שטאַרק געלויבט דידאָזיקע משקה, זאָגנדיק:

— מיר האָבן נישט קיין עוולה אין דינסט בײַ דער הייליקסטער בתולה! די קעסט זענען גאַנץ פיינע!

— די שוועדן איז ערגער! — האָבן אַנדערע געזאָגט — ס'איז זיי שווער אָנגעקומען צו קאָכן מאכלים די נאַכט, נאָך שווערער וועט עס זיי אָנקומען אין דער קומענדיקער נאַכט!

— זיי האָבן בענוג, די הינטישע באמנות! מסתמא וועלן זיי אונדז און זיך לאָזן אויסרוען. אויך די האַרמאַטלעך זייערע האָבן פון כסדרדיקן ביסן געמוזט שוין הייזעריק ווערן.

אָבער די זעלנער האָבן אַ טעות געהאַט, דער טאָג האָט זיי קיין אָפּרו נישט געזאָלט ברענגען.

ווען די אָפיצירן, וואָס קומען מיט ראַפּאָרטן, האָבן אינדער־פרי מודיע געווען מילערן, אַז די נאַכט־שיסעריי האָט קיין שום פעולה נישט געהאַט, אַז זי האָט, אדרבא, זיי אַליין געבראַכט גרויסע שאָדנס אין מענטשן, האָט דער גענעראַל זיך איינגעשפּאַרט און געהייסן דאָס פייער ווייטער פירן.

— זיי וועלן דאָך סוף־כל־סוף מיד ווערן! — האָט ער געזאָגט צום פירשט העסקי.

— דער פאַרברויך פון פולווער איז אומגעהייער — האָט דער אָפיציר געענטפערט.

— אָבער זיי פאַרברויכן דאָך אויך?

— זיי מוזן האָבן אומגעהייערע זאַפּאַסן פון סאַלפּעטער און שוועבל און קוילן וועלן מיר זיי אַליין צושטעלן, אויב עס וועט זיך אונדז איינגעבן נאָר איין בודע אָנצוצינדן. באַנאַכט בין איך צוגעפּאָרן צו די מויערן און נישט קוקנדיק אויפן בעקנאַל האָב איך דייטלעך געהערט אַ מיל, דאָס קען נישט זיין עפּעס אַנדערש, ווי אַ פּולווער־מיל.

— כ'וועל ביזן זון־אונטערגאַנג הייסן אַזוי שטאַרק שיסן, ווי נעכטן. באַנאַכט וועלן מיר אָפּרוען. מיר וועלן זען, צי זיי וועלן קיין דעפּוטאַציע נישט אַרויסשיקן.

— איר ווייסט, אַז זיי האָבן אַרויסגעשיקט צו וויטעג־בערגן?

— איך ווייס, איך וועל אויך אַרויסשיקן נאָך גרעסערע האַרמאַטן. אויב מען וועט זיי נישט קענען אָנשרעקן, אָדער אַ

שרפה פון איינעווייניק אַרויסרופן, וועט מען דאַרפן אַ דורכברוך אין דער מויער מאַכן.

— איר ריכט זיך, הייסט עס, אַז דער פעלדמאַרשאַל וועט די באַלאַגערונג לויבן?

— דער פעלדמאַרשאַל האָט געוווּסט וועגן מיין פּלאַן און האָט גאָרנישט געזאָגט — האָט מילער שאַרף געענטפערט — אויב איך וועל דאָ ווייטער האָבן מפּלות, וועט דער הער פעלדמאַרשאַל מיך טאַדלען און נישט לויבן און נישט פאַררימען, אויף מיר די גאַנצע שולד אַרויפצוּוואַרפן. דער האַר קעניג וועט אים גערעכט געבן, איך ווייס דאָס. כ'האָב נישט ווייניק שוין געליטן פון דעם הער פעלדמאַרשאַלס אָנגעכמורעטן געמיט, גלייך ווי איך וואָלט שולדיק געווען אין דעם, וואָס ער איז קראַנק.

— אין דעם, אַז ער וועט אויף אייך אַרויפוואַרפן די שולד, בין איך נישט מסופק, בפרט, ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן, אַז סאַדאָווסקי איז גערעכט געווען.

— ווי אַזוי איז ער גערעכט געווען, סאַדאָווסקי נעמט זיך אָן פאַר דידאָזיקע נזירים, גלייך ווי זיי וואָלטן אים דערצו געדינגען! וואָס זאָגט ער?

— ער זאָגט, אַז דידאָזיקע שיסעריי וועט אָפּהילכן אין גאַנצן לאַנד פון באַלטישן ים אַזש ביז צו די קאַרפּאַטן.

— אויב אַזוי זאָל דער האַר קעניג הייסן די הויט פון ווזשעשטשאָוויטשן אַראָפּשינדן און אַלס מתּנה אין דאָזיקן קלויסטער אַוועקשיקן, ווייל ער האָט דאָס געהעצט דידאָזיקן באַלאַגערונג אונטערצונעמען.

דאָ האָט מילער זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— אָבער מען דאַרף פאַר יעדן פּרייז אַן עק מאַכן! עפּעס דוכט זיך מיר, עפּעס פיל איך, אַז באַנאַכט וועלן זיי עמעצן אַרויסשיקן צו אונטערהאַנדלען. דערווייל שיסן און שיסן!

דער טאָג איז בכן אַריבער אַזוי ווי דער נעכטיקער, פיל מיט דונערס, רויך און פלאַמען. נאָך אַ סך אַזעלכע טעג האָט יאַסנאַ-גוראַ געזאָלט איבערלעבן. אָבער זיי האָבן פאַרלאָשן די שרפות און געשאָסן מיט אַ נישט קלענערער מסירות-נפש. אַ

העלפט זעלנער איז אַוועק זיך אָפּרוען, די צווייטע העלפט איז געווען אויף די מויערן בײַ די האַרמאַטן.

די מענטשן זענען געווען צוגעוואוינט צום שטענדיקן געקנאַל, בפרט, ווען זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז קיין גרויסע היזקות זענען נישטאָ. די ווייניקער דערפאַרענע האָט געשטאַרקט די אמונה, עס זענען אָבער צווישן זיי געווען אויך אַלטע זעלנער, וואָס האָבן מיטגעמאַכט מלחמות און די דינסט איז פאַר זיי געווען ווי אַ מלאכה. זיי האָבן צוגעגעבן מוט די דאָרפֿלייט.

סאָראָקאַ האָט צווישן זיי באַקומען אַ גרויסן אָנזען, ווייל נאָכדעם ווי ער האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן אין דער מלחמה פאַרבראַכט, איז ער אַזוי ווייניק נתפּעל געוואָרן פון איר געטומל, ווי אַן אַלטער שענקער פון די געשרייען פון אַ שיכּור. אין צוונט, ווען די שיסעריי איז אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ער די חברים דערציילט וועגן דער באַלאַגערונג פון זבאַראַזש. אַליין איז ער דאָרט נישט געווען, אָבער ער האָט וועגן איר געוווּסט פון זעלנער, וואָס האָבן זי איבערגעלעבט און ער האָט אַזוי געזאָגט:

— דאָרט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי פיל קאָזאַקן, טאָטערס און טערקן, אַז בלויז קאָכער־יונגען איז געווען מער, ווי דאָ אַלע שוועדן. אָבער אונדזערע האָבן זיך זיי נישט אונטערגעגעבן, אַ חוץ דעם האָבן דאָ די בייזע רוחות קיין שום שליטה נישט. און דאָרט האָבן די שדים נאָר פרייטאָג, שבת און זונטיק נישט צוגעהאָלפן די רשעים. און אין די איבעריקע טעג האָבן זיי גאַנצע נעכט אַן אימה אָנגעוואָרפן. זיי האָבן געשיקט דעם מלאך המוות אין די גראָבנס, אַז ער זאָל זיך ווייזן פאַר די זעלנער און בײַ זיי צונעמען דעם חשק צו שלאָגן זיך. כ'ווייס פון אַזעלכן, וואָס האָט אים אַליין געזען.

— ער האָט אים טאַקע געזען? — האָבן די פויערן נייגעריק געפרעגט, זאַמלענדיק זיך אַרום דעם וואַכמייסטער.

— מיט די אייגענע אויגן! ער איז געגאַנגען פון אַ ברונעם, וואָס ער האָט געגראָבן, ווייל עס האָט זיי דאָרט געפעלט

וואַסער, מחמת דאָס וואַסער אין די טייכן האָט געשטינקען. גייט ער, גייט ער, מיטאַמאָל זעט ער, אַז אים אַקעגן גייט עפּעס אַ פיגור אין אַ שוואַרצער פלאַכטע.

— אין אַ שוואַרצער, ניט אין אַ ווייסער?

— אין אַ שוואַרצער, אויף אַ מלחמה טוט ער זיך אָן אין אַ שוואַרצער. ס'איז געוואָרן טונקל. דער זעלנער גייט צו: „ווער איז דאָס?" — פרעגט ער — ער גאַרנישט. ערשט ער גיט אַ צי פאַר דער פלאַכטע — גיט אַ קוק: אַ סקעלעט. וואָס ווילסטו דאָ?" — איך — זאָגט ער — בין דער מלאך-המוות און וועל נאָך דיר קומען אין אַ וואָך אַרום". — דער זעלנער האָט פאַר-שטאַנען, אַז עס איז שלעכט. „פאַרוואָס עפּעס — פרעגט ער — ערשט אין אַ וואָך אַרום? פריער טאָרסטו נישט?" — און דער מלאך-המ"ת ענטפערט דערויף: „פריער ווי אין אַ וואָך אַרום קען איך דיר גאָרנישט טון, ווייל אַזוי איז דער באַפעל". — דער זעלנער טראַכט זיך: „פאַרפאַלן! אָבער אויב ער קען מיר איצט גאָרנישט טון, לאָמיך איך אים כאַטש פאַר דאָס מייניקע אָפּ-צאָלן". אַז ער נעמט נישט און וויקלט אים איין אין די פלאַכטע און הויבט אָן מיט די ביינער אין די שטיינער צו זעצן! דער מלאך-המוות האָט גענומען מאַכן קולות און בעטן: „כ'וועל קומען אין צוויי וואָכן אַרום". — „ס'קען נישט זיין!" — כ'וועל קומען אין דריי, אין פיר, אין צען, נאָך דער באַלאַגערונג, אין אַ יאָר אַרום, אין צוויי, אין פופציקן!" — „ס'קען נישט זיין!" — "כ'וועל קומען אין פופציק יאָר אַרום!" — דער זעלנער האָט זיך מיישב געווען, ווייל פופציק יאָר איז ער שוין אַלט געווען, ער טראַכט זיך: „הונדערט — גענוג!". ער האָט אים אָפּגעלאָזט. און אַליין איז ער געזונט און לעבט עד-היום: אין די שלאַכט גייט ער, ווי צום טאַנץ, ווייל וואָס אַרט עס אים!

— אָבער ווען ער וואָלט זיך דערשראָקן, וואָלט שוין גע-ווען נאָך אים?

— דאָס ערגסטע איז פאַרן טויט מורא צו האָבן! — האָט סאַראַקאַ ערנסט געענטפערט — ער האָט אויך אַנדערע אַ טובה געטון, ווייל ער האָט אים אַזוי מקיים-פּסק געווען, אַזוי פאַרמאַ-

טערט, אַז ער האָט געחלשט דריי טאָג און פּאָר דערדאָזיקער צייט איז אין לאַגער קיינער נישט געפאַלן, הגם זיי האָבן אַן ארויס־פאַל אונטערגענומען.

— און מיר וועלן אַמאָל באַנאַכט נישט ארויסגיין שלאָגן די שוועדן?

— נישט אונדזער קאָפּ־ברעכעניש — האָט סאָראָקאָ געענט־פערט.

די לעצטע שאלה און די לעצטע תשובה האָט געהערט קמיטשיק, וועלכער איז נישט ווייט פון דאָרט געשטאַנען, און ער האָט זיך אַ זעץ געטון אין קאָפּ אריין. דערנאָך האָט ער אַ ביסל בעקוקט אויף די שוועדישע פאַרשאַנצונגען. ס'איז שוין געווען נאַכט. אויף די פאַרשאַנצונגען האָט זייט אַ שעה געהערשט אַ טיפע שטילקייט. דער פאַרמאַטערטער זעלנער איז אַפנים געשלאָפן באַ די האַרמאַטן.

ווייט, אויף אַ מרחק פון צוויי שאָסן פון די האַרמאַטן, האָבן געבלישטשעט אַ פּאָר פייערס. אָבער באַ די פאַרשאַנצונגען גופא האָט געהערשט אַ גענ־כטע פינסטערניש.

— נישט עס ליגט זיי אין זינען, נישט זיי זענען חושך, נישט עס פאַלט זיי איין! — האָט קמיטשיק צו זיך געשעפּ־טשעט.

און ער איז אַוועק גלייך צום הער טשאַרניעצקי, וועלכער איז בעזעסן באַ אַ קאַנאָבען־געשטעל, געצײלט די קרעלן פון רויזן־קראַנץ און געקלאַפּט מיט איין פוס אין צווייטן, ווייל זיי זענען אים בעפרוירן געוואָרן.

— קאַלט — האָט ער געזאָגט זעענדיק קמיטשיצן — און דער קאָפּ טוט ווי פון דעם געקנאַל, וואָס האַלט אַן צוויי טאָג און איין נאַכט. אין די אויערן קלינגט מיר כסדר.

— וועמען וועט פון אַזאַ געפּילדער נישט קלינגען. אָבער היינט וועלן מיר האָבן מנוחה. זיי זענען דאָרט איינגעשלאָפן אַזוי גוט, מ'וואָלט זיי געקענט אונטערקומען, ווי אַ בער אין זיין לעגער; כ'ווייס נישט, צי עס וואָלטן זיי אפילו די ביקסן אויפגע־וועקט...

— אָ! — האָט טשאַרניעצקי געזאָגט, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ — וועגן וואָס טראַכט איר?

— איך טראַכט וועגן זבאַראַזש, אַז די באַלאַגערטע האָבן דאָרט דורך אַרויספאַלן נישט איין מיאוסע מפּלה די רשעים פאַרשאַפט.

— און איר האָט, ווי אַ וואָלף אין דער נאַכט, בלוט אין זינען?

— איך באַשווער אייך בײַ גאָט און בײַ זײַן פּײַן, לאָמיר מאַכן אַן אַרויספאַל! מיר וועלן מענטשן אויסקוילן, הארמאַטן צונאָגלען. זיי ריכטן זיך דאָרט אויף גאָרנישט.

הער טשאַרניעצקי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— און מאָרגן וועלן זיי אוודאי משוגע ווערן! זיי מיינען אפשר, אַז זיי האָבן אונדז שוין גענוג אָנגעשראָקן און אַז מיר טראַכטן וועגן אונטערגעבן זיך, ווען זיי האָבן אַ תשובה. ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז אַ טײַערער אײַנפאַל, דאָס איז אַן אמתדיק ריטערלעכע אונטערנעמונג! אַ חידוש, וואָס עס איז מיר גאָרנישט אײַנגעפאַלן. מ'דאַרף נאָר דעם קסיאָנדז קאָרדעצקי מודיע זײַן. ער רעגירט דאָ!

זיי זענען געגאַנגען.

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט אין ראַט-זאַל זיך באַראַטן מיט שעראַדזער שווערד-טרעגער. דערהערנדיק טריט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַוועקרוקנדיק אין אַ זייט דאָס ליכט, האָט ער געפרעגט:

— ווער איז דאָרט? פאַרהאַן עפּעס בייזס?

— דאָס בין איך, טשאַרניעצקי — האָט הער פּיאָטר געזאָגט — און מיט מיר איז באַביניטש. ביידע קענען מיר נישט שלאָפן, ווײַל די שוועדן האָבן אונדז אָנגעשמעקט. דערדאָזיקער באַביניטש, פּאַטער, איז אַן אומרויִקער קאָפּ און ער קען אויף אַן אָרט נישט אײַנזיצן. ער דרייט זיך און דרייט זיך, ווײַל עס ווילט זיך אים שטאַרק גיין צו די שוועדן אויף יענער זייט וואָלן זיי אַ פרעג טון, צי זיי וועלן מאָרגן אויך שיסן אָדער זיי וועלן אונדז און זיך נאָך לאָזן צורו?

— וואָס הייסט? — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געפרעגט, נישט באַהאַלטנדיק זיין פאַרוואונדערונג — באַביניטש וויל אַרויס־גיין פון דער פעסטונג?...

— אין חבֿרותא, אין חברותא! — האָט הער פּיאָטר איי־ליק געענטפערט — מיט מיר און מיט אַ פּאָר צענדליק מענטשן. זיי שלאָפן אויף די פאַרשאַנצונגען, דאַכט זיך, ווי געהרגעטע; קיין פייער זעט מען נישט, קיין וואַכן זעט מען נישט. זיי פאַר־לאָזן זיך אויף אונדזער שוואַכקייט.

— מיר וועלן די האַרמאַטן צונאָגלען! — האָט קמיטשיץ היציק צוגעגעבן.

— גיט מיר באַר אַהער דעמדאָזיקן באַביניטש! — האָט דער שווערד־טרעגער אויסגעשריגן — לאָמיך אים אַרומנעמען! עס בייסן דיך די הענט און דו וואָלסט אויך באַנאַכט אַ ציפּ געטון. דאָס איז אַ גרויסע אונטערנעמונג וועלכע קען די בעסטע פעולה האָבן. מיט איין ליטווינער האָט אונדז גאָט מזכה געווען, אָבער דאָס איז אַ ווילדע און שאַרף־ציינקע בעסטיע. איך לויב דעם פּלאַן; קיינער וועט אים דאָ נישט טאַדלען און איך בין אַליין אַ בעלן מיטצוגיין!

קסיאָנדז קאָרדעצקי, וועלכער האָט לכתחילה זיך אַזש דער־שראָקן, ווייל ער האָט מורא געהאַט פאַר בלוט־פאַרגיסונג, בפרט, אַז ער האָט דאָס אייגענע לעבן נישט איינגעשטעלט, האָט באַ־טראַכטנדיק בעסער דעמדאָזיקן געדאַנק, איינגעזען, אַז ער איז ווערט די פאַרטיידיקער פון דער הייליקסטער בתולה.

— לאָזט מיך מתפּלל זיין! — האָט ער געזאָגט.

און אַנידערקניענדיק פאַרן בילד פון דער הייליקסטער בתולה, האָט ער אַ ווײַלע מתפּלל געווען מיט צעעפנטע הענט, צום סוף האָט ער זיך אויפגעשטעלט אַן אויסגעלייטערטער.

— זייט איר איצט מתפּלל — האָט ער געזאָגט — און דער־נאָך גייט!

מיט אַ פערטל שעה שפּעטער זענען זיי אַלע פיר אַרויס־געגאַנגען און אַוועק אויף די מויערן. די פאַרשאַנצונגען דאָרט

חייט זענען געשלאָפן. די נאַכט איז געווען זייער אַ פינס־טערע.

— וויפיל מענטשן וויילסטו מיטנעמען? — האָט קסיאָנדז קאַרדעצקי געפרעגט קמיטשיצן.

— איך?... — האָט הער אַנדזשעי מיט פאַרוואונדערונג געענטפערט — איך בין דאָ נישט קיין פירער און קען די געגנט נישט אַזוי גוט, ווי הער טשאַרניעצקי. איך וועל גיין מיט דער שווערד, און מיט די מענטשן זאָל הער טשאַרניעצקי אָנפירן, אויך מיט מיר ווי מיט די אַנדערע. כ׳וואָלט נאָר וועלן, אַז מיין סאָראָקאַ זאָל מיטגיין, ווייל דאָס איז אַ כוראַדיקער קיילער.

דידאָזיקע תשובה איז געפעלן געוואָרן אי דעם הער טשאַר־ניעצקי און אי דעם קסיאָנדז פריאָר, וועלכער האָט אין איר גע־זען אַ באַשיינפערלעכן באַווייז פון הכנעה. אָבער מ׳האָט זיך תיכף פלייסיק גענומען צו דער אַרבעט. מ׳האָט אויסגעקליבן מענטשן, זיי אָנגעזאָגט שטיל צו זיין און גענומען אַרויסרוקן די בעלקעס און שטייבעד און ציגל פון דורכגאַנג

די אַרבעט האָט גענומען אַ שעה צייט. צום סוף איז די עפענונג אין דער מויער געווען פאַרטיק און די מענטשן האָבן גענומען זיך אַריינלאָזן אין דעם שמאָלן לאָך. זיי האָבן געהאַט שווערדן, פיסטאָלעטן, מאַנכע אויך ביקסן, און מאַנכע, בפרט די פויערן, קאָסעס מיט אַן אויסגעגליכענעם שאַרפן קאַנט, אַ געווער, צו וועלכן זיי זענען אַממייסטן געווען צוגעוווינט.

געפינענדיק זיך אויף דער צווייטער זייט מויער, האָבן זיי זיך איבערגעציילט; הער טשאַרניעצקי האָט זיך געשטעלט בראש פון דער אָפטיילונג, קמיטשיץ אין סאַמע עק און זיי האָבן זיך געלאָזט גיין אין דער לענג פון גראָבן, שטיל, דעם אָטעם אין דער ברוסט איינהאַלטנדיק, ווי וועלף, וואָס גנבענען זיך אונטער צו אַ סטאַדע שעפסן.

פונדעסטוועגן האָט צייטנווייז אַ קאָסע אָן אַ קאָסע אַ קלינג געטון, האָט צייטנווייז אַ שטיין אונטערן פוס אַ קריץ געטון און פון דידאָזיקע אָפּקלאַנגען האָט מע געקענט דערקענען, אַז זיי רוקן זיך כסדר ווייטער. אַראָפּקומענדיק אין טאָל, האָט הער

טשאַניעצקי זיך אָפּגעשטעלט. דאָ האָט ער איבערגעלאָזט אַ טייל מענטשן, נישט ווייט שוין פון די פאַרשאַנצונגען, אונטער דער פירונג פון יאַניטש דעם אונגאַר, אַן אַלטן און אויסגעפּרוווטן זעלנער, און זיי געהייסן זיך וואַרפן אויף דער ערד, און אַליין האָט ער זיך גענומען אַ ביסל אויף רעכטס. און האָבנדיק אונטער די פיס שוין ווייכע ערד, אויף וועלכער די טריט האָבן קיין אָפּקלאַנג נישט אַרויסגעגעבן, האָט ער גענומען גיכער פירן זיין אָפּטיילונג.

וואָרים ער האָט בדעה געהאַט אַרומצוגיין די פאַרשאַנצונג, זיך צו וואַרפן אויף די אַנטשלאָפענע פון הינטן און זיי טרייבן צום קלויסטער אויף יאַניטשס מענטשן. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט אים געגעבן קמיטשיק, וועלכער איז איצט געגאַנגען לעבן אים מיט דער שווערד אין דער האַנט און געשעפּטשעט:

— די פאַרשאַנצונג איז מסתמא אַזוי אַרויסגערוקט, אַז צווישן איר און דעם הויפּט-לאַגער איז אַ פּוסטער שטח. די וואַכן, אויב אַזעלכע זענען פאַראַן, געפינען זיי זיך פאַר דער פאַרשאַנצונג, און נישט פון יענער זייט... אַזוי וועלן מיר זיי פריי אַרומגיין און אָנפאַלן אויף זיי פון יענער זייט, פון וועלכער זיי ריכטן זיך אַמווייניקסטנס אויף אַן אָנפאַל.

— גוט — האָט הער פּיאָטר געענטפערט — קיין איינער פון די דאָזיקע מענטשן דאַרפן נישט אַנטקומען.

— אויב עמעצער וועט זיך אָנרופן, ווען מיר וועלן שוין זיין אַריינגעקומען — האָט הער אַנדזשעי ווייטער געזאָגט — דערלויבט מיר צו ענטפערן... דייטש קען איך רעדן, ווי פּויליש. וועלן זיי מיינען, אַז דאָס קומט עמעצער פון געבעראַל, פון לאַגער.

— אַבי עס זאָל קיין וואַך נישט זיין הינטער דער פאַרשאַנצונג.

— אויב עס זאָל אפילו זיין, וועלן מיר אויסקנאַלן און באַלד זיך אַ וואַרף טאָן. איידער זיי וועלן זיך כאַפּן, ווער און וואָס, וועלן מיר זיי שוין זיצן אויפן קאַרק.

— צייט אַריינצודרייען, מ׳זעט שוין דעם עק פון גראָבן — האָט הער טשאַרניעצקי געזאָגט.

דאָ האָט ער זיך אויסגעדרייט און שטיל אויסגערופן:

— רעכטס, רעכטס!

די שווייגנדיקע רײי האָט גענומען זיך אַריינדרייען. אינ־דעם האָט די לבנה אַ ביסל באַלויכטן דעם ברעג פון אַ כמאַרע און ס׳איז געוואָרן ליכטיקער. די גייענדיקע האָבן דערזען אַ פוסטן שטח אין הינטערשטן טייל פון דער פאַרשאַנצונג.

קיין וואַכן, ווי קמיטשיק האָט פאָרויסגעזען, זענען אויף דעם שטח כלל נישט געווען, ווארים צו וואָס האָבן די שוועדן געזאָלט שטעלן אַ שמירה צווישן די אייגענע פאַרשאַנצונגען און דער הויפּט־אַרמיי, וואָס איז געשטאַנען ווײַטער. דער פאָרזיכ־טיקסטער פירער האָט נישט געקענט אָננעמען, אַז פון דער זייט זאָל קענען אָנרוקן עפּעס אַ סכּנה.

— איצט וואָס שטילער — האָט הער טשאַרניעצקי גע־זאָגט — מ׳זעט שוין די געצעלטן.

— און אין צוויי איז ליכטיק... מענטשן זענען דאָרט נאָך אויף... מסתּמא אָפיצירן.

— דער אַרייַנגאַנג פון הינטן מוז זיין באַקוועם.

— אוודאי — האָט קמיטשיק געענטפערט — דאָרט־אַרום קאָלערן זיי אַריין די האַרמאַטן און עס גייען אַריין די חיילות... אָט הייבט זיך שוין אָן דער וואַל. גיט אַכטונג, אַז דאָס כּלי־זיין זאָל נישט אַ קלינג־טון...

זיי זענען שוין צוגעקומען צו דער הויכקייט, וואָס איז אָנ־געשאָטן געוואָרן אין הינטערשטן טייל פון די פאַרשאַנצונגען. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ גאַנצע ריי וועגנס, אויף וועלכע מ׳האָט צוגעפירט פולווער און קוילן.

אָבער בײַ די וועגנס איז קיינער נישט געווען. מיידנדיק זיי, האָבן זיי דעריבער גענומען אַרויפקריכן אויף די פאַרשאַנ־צונג אָן שוועריקייט, ווי זיי האָבן דאָס מיט רעכט פאָרויסגעזען, ווייל די הויכקייט איז געווען אַ מילדע און גוט איינגעאָרדנ־טע.

אזוי זענען זיי צוגעקומען צו די געצעלטן און מיט צוגע־גרייטע פלי־זיין זיך הארט לעבן זיי אפגעשטעלט. אין צווייטן האבן טאקע געפלינצלט פייערלעך; נאכדעם ווי ער האט גערעדט א פאר ווערטער מיט טשארניעצקין האט הער קמיטשיץ זיך אנגע־רופן:

— איך וועל גיין צוערשט צו די, וואס שלאפן נישט... איר וועט איצט ווארטן אויף מיין שאס און דערנאך — זיך א לאזן טון אויף זיי!

באַ דידאזיקע ווערטער האט ער זיך געלאזט גיין.

דער ערפאלג פון ארויספאל איז שוין געווען געזיכערט, ער האט דעריבער זיך נישט באמיט אפילו צו גיין זייער שטיל. ער האט געמיטן א פאר אין פינסטערנישו איינגעהילטע געצעלטן; קיי־נער האט זיך נישט געוועקט, קיינער האט נישט געפרעגט: „ווער איז דא?"

די יאסנאגורער זעלנער האבן געהערט דאס סקריפען פון זיינע דרייסטע טריט אין דאס קלאפן פון די אייגענע הערצער. און ער האט אנגעשפארט ביז צום באלויכטענעם געצעלט, האט אויפגעהויבן דעם פליגל, און אריינגייענדיק האט ער זיך אפגע־שטעלט באם אריינגאנג מיט א פיסטאלעט אין דער האנט און מיט א שווערד, אראפגעלאזט אויפן קייטל.

ער האט זיך אפגעשטעלט דערפאר, ווייל דאס ליכט האט אים א ביסל פארבלענדט; ווארום אויפן פעלד־טיש איז געשטא־נען א זעקס־רערנד יקער לייכטער, אין וועלכן עס האבן געברענט ליכט.

הינטערן טיש זענען געזעסן דריי אפיצירן, איינגעבויגן אי־בער פלענער. אייגער פון זיי, וואס איז געזעסן אינדערמיט, איז אין זיי געווען אזוי פארטיפט, אז זיינע לאנגע האר זענען אזש געלעגן אויף די ווייסע טאוולען. דערזעענדיק עמעצן אריינקומען, האט ער אויפגעהויבן דעם קאפ און געפרעגט מיט א רויקער שטים:

— ווער איז דארט?

— א זעלנער — האט קמיטשיץ געענטפערט.

דאַמאָלס האָבן אויך די צוויי איבעריקע אָפיצירן אויסגעדרייט די אויגן צום אַרויסגאַנג

— וואָס פאַר אַ זעלנער? פון וואַנען? — האָט דער ערשטער געפרעגט. — (דאָס איז געווען אינזשיניער דע פּאַסיס, וועלכער האָט דער עיקר מיט דער באַלאַגערונג-אַרבעט אָנגעפירט).

— פון קלויסטער — האָט קמיטשיק געענטפערט.

אָבער אין זיין קול איז געווען עפּעס אומהדיקס.

דע פּאַסיס האָט זיך מיטאַמאָל אויפגעהויבן און פאַרשטעלט מיט דער האַנט די אויגן. קמיטשיק איז געשטאַנען אַ שטייפער און אַן אומבאַוועגלעכער, ווי אַ געשפּענסט, נאָר זיין מוראדיק פּנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי דער קאָפּ פון אַ רויב-פויגל, האָט אָנגעזאָגט אַן אומגעריכטע סכּנה.

פונדעסטוועגן איז אַ געדאַנק גיך ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן דורך דע פּאַסיסעס קאָפּ, אַז דאָס קען זיין אַ פּליט פון קלויסטער, ער האָט דעריבער נאָך געפרעגט, אָבער שוין פּיבערהאַפט:

— וואָס ווילסטו דאָ?

— אַט, וואָס איך וויל! — האָט קמיטשיק אַ געשריי געטון.

און אים גלייך אין דער ברוסט פון פּיסטאָלעט אַרייַנגעקנאַלט.

דאָ האָט אַ שרעקלעך געשריי און איינעם דערמיט אַ זאַלפּ פון שאָסן זיך דערהערט אויף דער פאַרשאַנצונג. דע פּאַסיס איז אומגעפאַלן, ווי עס פאַלט אַ סאָסנע פון אַ דונער צעשמעטערט, דער צווייטער אָפיציר האָט זיך מיט דער שפּאַדע געוואָרפן אויף קמיטשיצן, אָבער דער לעצטער האָט אים מיט דער שווערט אַ שניט געטון צווישן די אויגן, אַז דער שטאָל האָט אַזש אַ קריץ געטון אין די ביינער; דער דריטער אָפיציר האָט זיך געוואָרפן אויף די ערד, ווילנדיק זיך דורכגליטשן באַ דער וואַנט פון געצעלט! אָבער קמיטשיק איז צו אים צוגעשפּרונגען, האָט מיטן פוס אַ טרעט געטון אויף די פּלייצעס און אים מיט אַ שטאָך צו דער ערד צוגענאַגלט.

דערווייל איז די שטילע נאַכט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין

א יום-הדין. די ווילדע קולות: „שלאָג, דרגע!" האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געיאָמער און שווידערלעכע הילף-רופן פון די שוועדישע זעלנער. מענטשן צעדולטע פון שרעק זענען אַרויסגעלאָפן פון די געצעלטן, נישט וויסנדיק ווו זיך צו קערן, אין וועלכער זייט צו אַנטלויפן. מאַנכע, וואָס האָבן זיך נישט באַלד געכאַפּט, פון וואַנען דער אָנפאַל קומט, זענען געלאָפן גלייך צו די יאַסנאָגורער און אומגעקומען פון די שווערדן, קאָסעס און העק, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן „פּאַרדאָן!" אויסצושרייען. מאַנכע האָבן אין דער פינסטער מיט די שפּאַדעס די אייגענע חברים געשטויסן; אַנדערע, אומבאַוואָפנטע, האַלב אָנגעטוענע, אָן קאַפּעליושן, מיט הענט אויפגעהויבן אין דער הייך, זענען אומבאַוועגלעך געשטאַנען אויף אַן אָרט; מאַנכע זענען צום סוף געפאַלן אויף דער ערד, צווישן איבערגעקערטע געצעלטן. א קליין הייפל האָט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן, אָבער דער בלינד-געוואָרענער המון האָט זיי געכאַפּט, איבערגעקערט, געטרעטן. די יללות פון די גוססדיקע, די האַרץ-רייסנדיקע געבעטן וועגן רחמים האָבן פאַרשטאַרקט די מהומה.

ווען ס'איז פון די געשרייען לסוף קלאָר געוואָרן, אַז דער אָנפאַל איז געקומען נישט פון דער זייט פון קלויסטער, נאָר פון הינטן, גראָד פון דער זייט פון שוועדישע חיילות, האָט די באַפאַלענע אַן אמתדיק משוגעת אָנגעכאַפּט. זיי האָבן משמעות געמיינט, אַז דאָס האָבן די פאַרבונדעטע פּוילישע פּולקן זיך אויף זיי אומגעריכט געוואָרפן.

מאַסן פוס-גייער האָבן גענומען אַראָפּשפּרינגען פון דער פאַרשאַנצונג און לויפן צום קלויסטער-צו, גלייך ווי זיי וואָלטן אין זיינע מויערן וועלן געפינען אַ מקום-מקלט. באַלד אָבער האָבן נייע געשרייען צו וויסן געגעבן, אַז זיי זענען אַרויפגעפאַלן אויף די אָפּטיילונג פון אונגאַר יאַניטש, וועלכער האָט זיי האַרט באַ דער פעסטונג דערקוילעט.

האַקנדיק, בראַקנדיק, טרעטנדיק זענען די יאַסנאָגורער דערווייל צוגעקומען צו די האַרמאַטן. מענטשן מיט צוגעגרייטע בעגל האָבן זיך אויף זיי תיכף געוואָרפן, און די אַנדערע האָבן

ווייטער געטון זייער פאַרווּיסטנדיקע אַרבעט. די פויערן, וועלכע האָלטן אין אָפענעם פעלד נישט געקענט מלחמה האַלטן מיט אויסגעבילדעטע זעלנער, האָבן זיך איצט אין אַ פּאָר געוואָרפן אויף גאַנצע מחנות.

דער טשכטיקער פּילקאָווניק האָרן, דער קשעפּיצער גובער-נאַטאָר, האָט זיך באַמיט צונויפצוקלייבן אַרום זיך די צעלאָפּענע קנעכט. ער איז בעשפּרונגען אין אַ ווינקל פון דער פאַרשאַנצונג, גענומען רופן און פאָכען מיט דער שפּאַדע. די שוועדן האָבן אים דערקענט און באַלד גענומען זיך זאַמלען, אָבער אויף זייער רוקן און צוזאַמען מיט זיי זענען אָנגעפלויגן די אָנפאַלער, וועלכע ס'איז אין דער פינסטער שווער געווען פונאַנדערצושיידן.

מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעכער פייף פון אַ קאָסע און האָרנס שטים איז מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. אַ קופּע זעלנער איז זיך צעלאָפן, ווי דורך אַ גראַנאַט צעטריבן. קמיטשיץ און הער טשאַרניעצקי האָבן מיט אַן אָפּטיילונג פון בערך צוואַנציק מענטשן זיך געוואָרפן אויף זיי און אויסגעקוילעט ביז איינעם.

די פאַרשאַנצונג איז געווען איינגענומען.

אין שוועדישן הויפּט-לאַגער האָבן שוין די טראָמפּייטן גענומען שפּילן אויף אַן אַליאַרם. מיטאַמאָל האָבן זיך אָנגערופן די יאַסנאָגורער האַרמאַטן און פייערדיקע קוילן האָבן גענומען פליען פון קלויסטער, כדי די צוריקקערנדיקע דעם וועג צו באַלייכטן. זיי האָבן צוריקגעקערט פאַרסאַפּעטע, מיט בלוט פאַרשמירטע, ווי די וועלף, וואָס נאָכדעם ווי זיי האָבן איינגעאָרדנט אַ שחיטה אין דער סטאַדע, אַנטלויפן זיי פאַר די אָפּקלאַנגען פון די אָנקומענדיקע שיסער. הער טשאַרניעצקי איז געגאַנגען בראש, קמיטשיץ האָט דעם מאַרש געשלאָסן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף יאַניטשס אָפּטיילונג, אָבער ער האָט אויפן רוף נישט געענטפערט; ער איינציקער האָט מיטן לעבן באַצאָלט פאַרן אַרויספאַל, ווייל ווען ער האָט זיך געיאָגט נאָך עפּעס אַן אָפיציר, האָבן זיינע אייגענע זעלנער אים דערשאָסן פון אַ ביקס.

די צעפּטיילונג איז אַריין אין קלויסטער אונטער אַ געקנאַל פון האַרמאַטן און אַ שיין פון פלאַמען. בײַם דורכגאַנג האָט אויף זיי שוין געוואַרט קסיאָנדז קאַרדעצקי און געציילט די קעפּ, וואָס האָבן זיך דורך דער עפענונג אינעווייניק אַרייַנגערוקט. ס'האָט קיינער נישט געפעלט, אַ חוץ יאַניטשן.

באַלד זענען צוויי מענטשן אַרויסגעגאַנגען נאָך אים און מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער האָבן זיי געבראַכט זיין קערפּער, ווייל קסיאָנדז קאַרדעצקי האָט אים געוואָלט מיט אַ בכבודער קבורה באַערן.

אָבער די נאַכט־שטילקייט, וואָס איז איינמאָל איבערגעריסן געוואָרן, איז שוין ביזן ווייסן טאָג אַריין נישט צוריקגעשטעלט געוואָרן. פון די מויערן האָבן געשפּילט די האַרמאַטן און אין די שוועדישע פּאָזיציעס האָט אָנגעהאַלטן די מוראדיקסטע צעמישעניש. נישט קענענדיק גוט זיין מפּלה, נישט וויסנדיק פון וואַנען דער שונא קען אָנקומען, איז דער פיינט אַנטלאָפן פון די נאָענטסטע פאַרשאַנצונגען צום קלויסטער. גאַנצע פּולקן האָבן אין אַ פּאַרצווייפלטער אומאָרדנונג געבלאָנדזשעט ביז אינדערפרי, אָנגעמענדיק אָפט די אייגענע פאַר שונאים און שיסנדיק אין זיך אַליין. אפילו אין הויפּט־לאַגער האָבן די זעלנער און אָפיצירן פאַרלאָזט די געצעלטן און געשטאַנען אונטערן הוילן הימל, וואַרטנדיק ביז די דאָזיקע שרעקלעכע נאַכט וועט זיך ענדיקן. אומרוהיקע ידיעות האָבן געוואַנדערט פון מויל צו מויל. מ'האָט געזאָגט, אַז עס איז אָנגעקומען הילף, אַנדערע האָבן דערציילט, אַז אַלע נאָענטע פאַרשאַנצונגען זענען איינגענומען.

מילער, סאַדאָווסקי, פּירשט העסקי, וזשעשטשאָוויטש און אַלע העכערע אָפיצירן האָבן געמאַכט איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען, כדי די איבערגעשראָקענע פּולקן צו ברענגען אין אָרדנונג. גלייכצייטיק האָט מען אויף די קלויסטער־שאַנצן געענטפערט מיט פייערדיקע קוילן, כדי צו באַלייכטן די פינסטערניש און לאָזן די צעלאָפענע קומען צו זיך.

איינע פון די קוילן איז געפאַלן אויפן דאַך פון דער קאַפּליצע, אָבער אָנקלאַפּנדיק בלויז אין קאַנט פון דאַך, האָט זי

מיט אַ רעש און אַ געקנאַק צוריקגעקערט אין לאַגער, צעוואַרפנדיק איבער דער לופט אַ שטראָם פֿון פלאַמען.

צום סוף האָט זיך די טומלדיקע נאַכט געענדיקט. דער קלויסטער און דער שוועדישער לאַגער זענען אַנטשוויגן געוואָרן. דער פרימאָרגן האָט גענומען באַלייכטן די קלויסטער־שפּיצן. די דאַך־שינדלען האָבן ביסלעכווייז אָנגענומען אַ רויטע קאָליר און עס איז טאָג געוואָרן.

דאַמאָלס איז מילער בראש פֿון שטאַב צוגעפֿאָרן צו דער איינגענומענער פאַרשאַנצונג. מ'האָט טאַקע פֿון קלויסטער אים געקענט דערזען און שיסן פֿון דער מויער, אָבער דער אַלטער גענעראַל האָט דערויף נישט געקוקט. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געוואָלט באַקוקן אַלע שאָדנס, ציילן די געפאַלענע. דער שטאַב איז אים נאָכגעפֿאָרן: אַלע פאַרמרה־שחורהטע, מיט אַן עצבות און אַן ערנסטקייט אויף די פּנימער. צופֿאָרנדיק צו דער פאַרשאַנצונג, האָבן זיי זיך אַראָפּגעזעצט פֿון די פֿערד און גענומען אַרויפשפּרייזן אויפֿן באַרג. שפּורן פֿון קאַמף זענען אומעטום קענטיק געווען: נידעריקער בײַ די האַרמאַטן האָבן זיך געוואַלגערט איבערגעקערטע געצעלטן; מאַנכע זענען נאָך געשטאַנען אָפענע, פּוסטע, שטילע.

שטויסן פֿון קערפּערס זענען געלעגן באַזונדערס צווישן די געצעלטן. די האַלב נאַקעטע, אָפּגעריסענע הרוגים, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, מיט אַ פאַרגליווערטער שרעק אין די טויטע שוואַרץ־אַפּלען, האָבן פאַרגעשטעלט אַ שוידערלעך בילד. אַ פּנים דיזאָזיקע אַלע מענטשן זענען געכאַפּט געוואָרן אין טיפן שלאָף; מאַנכע זענען נישט געווען באַשיכט, זעלטן איינער האָט געדריקט די פעכט־שווערד אין דער טויטער האַנט, קיינער האָט כמעט נישט געהאַט נישט קיין העלם, נישט קיין קאַפּעלוש. אַ טייל איז געלעגן אין די געצעלטן, באַזונדערס פֿון דער זייט פֿון אַרײַנגאַנג, די האָבן אַ פּנים קוים באַוויזן זיך אויפֿצוּוועקן; אַ צווייטער טייל איז געלעגן האַרט בײַ די פֿליגל פֿון די געצעלטן, געכאַפּט דורכן טויט אין מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך געוואָלט ראַטעווען דורך אַנטלויפֿן. אומעטום אַזוי פֿיל קערפּערס, און אין מאַנכע ערטער

אַזעלכע שטויסן, אַז מ'וואָלט געקענט מיינען, דאָס עפּעס אַ נאַטור־קאַטאַקליזם האָט דערהרגעט דידאָזיקע זעלנער, אָבער די טיפֿע ווונדן אין די פּנימער און די ברוסטן, מאַנכע פֿאַרקאָפּטשעטע געזיכטער פֿון אַזעלכע נאָענטע שאָסן, אַז דער גאַנצער פּולווער האָט נישט באַוויזן פֿאַרברענט צו ווערן, האָבן גענוג בולט עדות־געזאָגט, אַז אַ מענטשלעכע האַנט האָט דאָס דעם חורבן אָנגעמאַכט.

מילער איז אַרויפֿגעגאַנגען העכער, צו די האַרמאַטן־צו; זיי זענען געשטאַנען שטילע, צוגענאָגלטע, שוין נישט געפֿערלעכער פֿון קלעצער; אויף איינעם פֿון זיי איז געלעגן דער אַריבערגעוואָרפֿענער גוף פֿון קאַנאָניער, כּמעט אויף די העלפֿט דורכגעשניטן מיט אַ שרעקלעכן זעץ פֿון אַ קאָסע. בלוט האָט באַגאָסן דאָס געשטעל און געבילדעט אונטער איר אַ ברייטע קאַלוזשע. מילער האָט אַלץ גענוי באַקוקט, שטילשווייגנדיק און מיט אַ גערונצלטן שטערן. קיינער פֿון די אָפֿיצירן האָט זיך נישט דערוועגט דאָסדאָזיקע שטילשווייגן איבערצורייסן.

וואָרים ווי אַזוי קען מען דאָ טרייסטן דעם אַלטן גענעראַל, וועלכער איז צוליב זיין אייגענער אומפֿאָרזיכטיקייט צעקלאַפּט געוואָרן ווי אַן אומגעניטער פּירער? דאָס איז געווען נישט בלויז אַ מפּלה, עס איז אויך געווען אַ שאַנד, ווייל דער גענעראַל אַליין האָט דאָך דידאָזיקע פֿעסטונג אָנגערופֿן הינער־שטייג און צוגעזאָגט זי צווישן די פֿינגער צו צערייבן ווייל ער האָט דאָך געהאַט ניין טויזנט זעלנער, און דאָרט איז געשטאַנען אַ גאַרניזאָן פֿון צוויי הונדערט מאַן, ווייל דערדאָזיקער גענעראַל איז סוף־כּל־סוף געווען אַ זעלנער מבטן ומלדה און געהאַט האָט ער קעגן זיך גלחים.

שווער האָט זיך פֿאַר מילערן יענער טאָג אָנגעהויבן.

דערווייל זענען אָנגעקומען די פּוסגייער און גענומען די קערפּערס אַרויסטראָגן. פֿיר פֿון זיי, וועלכע האָבן אויף אַ פֿלאַכטע געטראָגן אַ בר־מינן, האָבן זיך פֿאַרן גענעראַל אָפּגעשטעלט אָן אַ באַפֿעל.

מילער האָט אַ קוק געטון אויף די פּלאַכטע און די אויגן פאַרשטעלט.

— דע פּאַסיס... — האָט ער שטיל געזאָגט.

זיי זענען קוים אַוועקגעגאַנגען, זענען אָנגעקומען אַנדערע; דאָס מאָל איז סאַדאָווסקי צו זיי צוגעגאַנגען און אויסגערופן פון דערווייטנס, ווענדנדיק זיך צום שטאַב:

— האָרנען טראָגט מען!

אָבער האָרן האָט נאָך געלעבט און געהאַט פאַר זיך לאַנגע טעג פון מוראַדיקע יסורים. דער פייער, וואָס האָט אים אַ שניט געטון, האָט אים געטראָפן מיטן סאַמע עק פון דער קאָסע, אָבער דער קלאַפּ איז געווען אַזאַ שרעקלעכער, אַז ער האָט געעפנט דעם גאַנצן ברוסט-קאַסטן. פונדעסטוועגן איז דער פאַרוואונדעטער אפילו געבליבן באַם באַוווסטזיין. דערזעענדיק מילערן און דעם שטאַב, האָט ער אַ שמייכל געטון, געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אָנשטאָט אַ קול, האָט ער אויף די ליפּן באַר אַרויסגעבראַכט אַ רויטלעכן שוים, דערנאָך האָט ער שטאַרק גענומען פינטלען מיט די אויגן און געפאַלן אין חלשות.

— טראָגט אים אַריין אין מיין געצעלט! — האָט מילער געזאָגט — און זאָל אים מיין מעדיקער באַלד פאַרבאַנדאַזשירן!

דערנאָך האָבן די אָפיצירן דערהערט, ווי ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— האָרן, האָרן... אין שלאַף האָב איך אים הייַנט געזען... תּחילת אין אָוונט... אַ שרעקלעכע, אומפאַרשטענדלעכע זאַך.

און איינגראָבנדיק די אויגן אין דער ערד, האָט ער זיך טיף פאַרטראַכט; מיטאַמאָל האָט אים פון דער פאַרקלערטקייט אויפגעוועקט סאַדאָווסקיס שרעקעוודיקע שטים:

— גענעראַל, גענעראַל! קוקט, הויך-וווירדיקער הער! — דאָרט, דאָרט... דער קלויסטער...

מילער האָט אַ קוק געטון און איז נבהל-ונשתומם געוואָרן.

ס'איז שוין געווען פולשטענדיק ליכטיק און לויטער, באַר בעפלען זענען געהאָנגען איבער דער ערד. אָבער דער הימל איז

געוועז ריין און רויט פון מאָרגנשטערן. אַ ווייסער וואָלקן האָט פאַרשטעלט דעם שפּיץ פון יאַסנאַ גוראַ און על-פּי דרך-הטבע האָט ער אויך געדאַרפט פאַרדעקן די קירך. אָבער אַ דאַנק אַ מופת פון דער נאַטור האָט די קירך צוזאַמען מיטן טורעם זיך דערהויבן נישט בלויז איבערן פּעלזן-באַרג, נאָר אויך איבערן נעפּל, הויך, ממש ווי זי וואָלט זיך אָפּגעריסן פון איר פונדאַמענט און געבליבן הענגען אין בלויען חלל אונטערן הימל.

די געשרייען פון די זעלנער האָבן עדות געזאָגט, אַז זיי האָבן אויך באַמערקט די דערשיינונג.

— דער נעפּל נאָרט דאָס אַזוי די אויגן! — האָט מילער אויסגעשריגן.

— דער נעפּל ליגט אונטער דער קירך! — האָט סאַדאָווסקי געענטפערט.

— אַ פּלאַדיקע זאַך, אָבער דידאָזיקע קירך איז צען מאָל העכער, ווי זי איז געווען נעכטן און זי הענגט אין דער לופט — האָט פירשט העסקי זיך אָנגערופן.

— זי גייט נאָך אין די הויך! אין די הויך, אין די הויך! — האָבן די זעלנער געשריגן — זי פאַרשווינדט פון די אויגן!...

און באמת, דער וואָלקן, וואָס איז געהאָנגען אויפן פעלז, האָט גענומען ווי אַן אומגעהייערער רויך-זייל, זיך אויפהייבן צום הימל, און די קירך, וואָס האָט ווי געשטעקט אויפן שפּיץ פון יענעם זייל, האָט אויסגעוויזן זיך צו דערהייבן וואָס אַמאָל העכער און גלייכצייטיק, שוין העט אונטער די וואָלקנס, האָט זי זיך איינגעהילט אין אַ ווייסע פאַרע, וואָלסט געמיינט: זי ווערט צעשמאָלצן, צעשווומען, צעפלאָסן, צום סוף איז זי פולשטענדיק בעלם געוואָרן פון די אויגן.

מילער האָט זיך אומגעדרייט צו די אָפיצירן און אין זיינע אויגן האָט זיך אָפּגעשלאָגן אַ פאַרוווּנדערונג צוזאַמען מיט אַ פאַנאַטישער שרעק.

— איך בין זיך פאַר אייך מודה — האָט ער געזאָגט — אַז איך האָב אַזאַ נאַטור-דערשיינונג אין מיין לעבן נאָך נישט

געזען. דאָס איז כּלל נישט קיין דרך־הטבע און נישט אַנדערש, נאָר אַ כּישוף פון די קאַטאָליקן...

— כ'האָב געהערט — האָט סאַדאָווסקי געזאָגט — די זעלנער אויסשרייען: „גייט שיסט אין אַזאַ פעסטונג!" באמת, איך ווייס נישט ווי אַזוי!

— אָבער וואָס וועט איצט זיין, ובעדיקע הערן! — האָט פירשט העסקי אויסגערופן — אויב דידאָזיקע קירך איז דאָרט אין נעפל, איז זי דאָך שוין נישטאָ!

און זיי זענען נאָך לאַנג געשטאַנען פאַרחידושטע, שטיל־שווייגנדיקע, לסוף האָט דער פירשט העסקי געזאָגט:

— ווען אפילו דידאָזיקע דערשיינונג וואָלט געווען על־פּי־דרך־הטבע, וואָלט זי יעדנפאַלס פאַר אונדז קיין גוטער סימן נישט געווען. קוקט, גבעדיקע הערן, זייט מיר זענען געקומען אַהער, האָבן מיר זיך אויף קיין איין טריט נישט גערוקט ווייטער!

— וואָס רעדט איר! — האָט סאַדאָווסקי געשטפּערט — ווען מיר וואָלטן בלויז זיך נישט גערוקט ווייטער! אָבער דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר געליטן איין מפּלה נאָך דער אַנדערער... און די היינטיקע נאַכט איז די ערגסטע. דער אומצופרידענער זעלנער פאַרלירט דעם מוט און הייבט אָן צו אַרבעטן אָן חשק. איר האָט נישט קיין באַגריף, וואָס מען דערציילט אין די פולקן. עס פאַרלויפן זיך דערביי אויך אַנדערע ווונדערלעכע זאַכן: זייט אַ געוויסער צייט, אַ שטייגער, קען קיינער נישט אַליין, אָדער אפילו זאַלבעצווייט פון לאַגער זיך אַרויסרירן, און ווער עס דער־וועגט זיך דאָס צו טון, ווערט ווי אין דער ערד איינגעזונקען. מ'וואָלט געקענט מיינען, אַז וועלף דרייען זיך אַרום טשענסטאָ־כאָוו. כ'האָב אַליין ערשט נישט לאַנג געשיקט אַ כאָראַנזשי מיט דריי מענטשן קיין ווילון נאָך וואַרעמע מלבושים און זייט דאַ־מאָלס נישט מ'הערט זיי און נישט מ'זעט זיי!...

— נאָך ערגער וועט זיין, ווען דער ווינטער וועט אָנרוקן; שוין איצט זענען די נעכט נישט צום איבערטראָגן — האָט פירשט העסקי צוגעגעבן.

— דער נעפּל ווערט שיטערער! — האָט מילער מיטאַמאָל זיך אָנגערופֿן.

ס'האָט זיך באמת אויפגעהויבן אַ ווינט און גענומען אַוועקבלאָזן די פּאַרע. אין די קנוילן פון נעפּל האָט גענומען עפּעס בלענדן, צום סוף האָט די זון אויפגעשיינט און די לופט איז געוואָרן דורכזיכטיק.

די קלויסטער-מויערן האָבן זיך בולט אַרויסגעוויזן, דערנאָך האָבן זיך אַרויסגערוקט די קירך, דער קלויסטער. אַלץ איז געשטאַנען אויפן פריִערדיקן אָרט. די פעסטונג איז געווען רויִק און שטיל, גלייך ווי עס וואָלטן אין איר קיין מענטשן נישט געוווינט.

— גענעראַל — האָט פירשט העסקי מיט ענערגיע געזאָגט — פּרוּווט נאָך אָנצוקניפּן אונטערהאַנדלונגען. מ'דאַרף אַמאָל אַן עק מאַכן!

— און אויב די אונטערהאַנדלונגען וועלן זיך אויסלאָזן מיט גאָרנישט, ראָט איר די באַלאַגערונג אַראָפּצונעמען? — האָט מילער טריב געפרעגט.

די אָפיצירן האָבן שטילגעשוויגן. ערשט אין אַ ווײַלע אַרום האָט סאַדאָווסקי גענומען דאָס וואָרט:

— איר, הויך-ווי׳דיקער הער, ווייסט אַמבעסטן, וואָס איר האָט צו טון.

— כ'ווייס — האָט מילער שטאָלץ געזאָגט — און נאָר דאָס וועל איך אייך זאָגן: איך פאַרשעלט דעם טאָג און די שעה וואָס איך בין געקומען אַהער, און אויך די עצה-געבער (דאָ האָט ער וושעשטשאָוויטשן מיטן בליק דורכגעשטאָכן), וועלכע האָבן מיך צו דערדאָזיקער באַלאַגערונג צוגערעדט; ווייסט אָבער, אַז נאָך דעם, וואָס עס האָט זיך פאַרלאָפן, וועל איך נישט אָפּטרעטן, כּל-זמן איך וועל דידאָזיקע פאַרשאָלטענע פעסטונג אין אַ באַרג אַש נישט פאַרוואַנדלען, אָדער איך וועל אַליין נישט פאַלן!

אַן אומצופרידנקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף פירשט העסקיס פּנים. ער האָט מילערן קיינמאָל נישט צופיל נושא-פּנים געווען און זיינע לעצטע ווערטער האָט ער געהאַלטן פאַר אַ פּוס-

טער באַרימערײַ, וואָס האָט משונהדיק געקלונגען פאַר דערדאָזי-קער צעשטערטער פאַרשאַנצונג, הרוגים און צוגענאָגלטע האַר-מאַטן; ער האָט זיך דעריבער געווענדעט צו אים און געענטפערט מיט אַ קענטיקן שטאָך:

— גענעראַל, איר קענט דאָס נישט צוזאָגן, ווײַל איר וועט אָפּטרעטן אויפן ערשטן באַפעל פון האַר קעניג, אָדער פון הער מאַרשאַל וויטעמבערג. אַמאָל קענען אויך די אומשטענדן באַפעלן נישט ערגער פון מלכים און מאַרשאַלס.

מילער האָט געקנייטשט זײַנע געדיכטע ברעמען. זעענדיק דאָס, האָט ווזשעשטשאָוויטש אײַליק געזאָגט:

— דערווײַל לאָמיר פּרוּוון צו פירן אונטערהאַנדלונגען. זיי וועלן זיך אונטערגעבן. עס קען אַנדערש נישט זײַן!

זײַנע ווײַטערדיקע ווערטער האָבן פאַרהילכט די פרײַלעכע קלאַנגען פון אַ גלאָק, וואָס האָבן גערופן צו דער פרימאָ רגן-תפילה אין דער יאַסנאַגורער קירך. דער גענעראַל איז צוזאַמען מיטן שטאַב אָפּגעפאָרן צו טשענסטאָכאָוו-צו, אָבער זיי זענען נאָך נישט געווען צוגעפאָרן צו דער הויפּט-קוואַרטיר, ווי עס איז אָנגעפלויגן אַן אָפיציר אויף אַ פאַרשוימטן פערד.

— דאָס איז פון מאַרשאַל וויטעמבערג! — האָט מילער געזאָגט.

דערווײַל האָט דער אָפיציר אים איבערגעגעבן אַ בריוו. דער גענעראַל האָט גיך אויפגעריסן די חתימות און דורכלויפנדיק דעם בריוו מיט די אויגן, האָט ער אַ צעמישטער געזאָגט:

— ניין! דאָס איז פון פויזן... שלעכטע בשורות. אין גרויס-פוילן בונטעוועט זיך די שליאַכטע, דאָס פאָלק פאַרייניקט זיך מיט איר... בראש פון דער באַוועגונג שטייט קשישטאָף זשע-גאָצקי, וועלכער וויל גיין טשענסטאָכאָוו צו הילף.

— איך האָב פאָרויסגעזען, אַז דידאָזיקע שאָסן וועלן אָפּ-הילכן פון די קאַרפּאַטן ביז צום באַלטישן ים — האָט סאַדאָווסקי געברומט — באַם דאָזיקן פאָלק בײַט זיך די שטימונג זייער גיך. איר קענט נאָך נישט די פאָליאַקן, איר וועט זיי שפּעטער דער-קענען.

— גוט! מיר וועלן זיי דערקענען! — האָט מילער געענטפערט — איך וויל בעסער האָבן צו טון מיט אַן אָפענעם שונא, איידער מיט אַ פאַלשן פאַרבונדעטן... זיי האָבן אַליין זיך אונטערגעגעבן און איצט בונטעווען זיי זיך... גוט! זיי וועלן שפּירן אונדזער כּלי-זיין!

— און מיר זייער — האָט סאַדאָווסקי אָפּגעברומט — הער גענעראַל, לאָמיר דורך אונטערהאַנדלונגען ענדיקן מיט טשענסטאָכאָוו; לאָמיר מסכּים זיין אויף אַלע תּנאים... נישט וועגן דער פעסטונג גייט עס, נאָר וועגן דער ממשלה פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט אין דאָזיקן לאַנד.

— די נזירים וועלן זיך אונטערגעבן — האָט וזשעשטשאָוויטש זיך אָנגערופן — היינט, מאָרגן וועלן זיי זיך אונטערגעבן!

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט. און אין קלויסטער האָט נאָכן פרימאָרגן-געבעט געהערשט אַ גרויסע שמחה. די, וואָס האָבן אין אַרויספאַל זיך נישט באַטייליקט האָבן אויסגעפרעגט די אָנטייל-נעמער: ווי אַזוי אַלץ איז צוגעגאַנגען? און די אָנטייל-נעמער האָבן זיך שטאַרק גערימט, איבערנעמענדיק זיך מיט זייערע גבורות און מיט דער מפּלה, וואָס זיי האָבן דעם שונא פאַרשאַפט.

די נייגעריקייט איז געווען גרויס אפילו צווישן די גלחים און די ווייבער. ווייסע קיטלען און ווייבערישע קליידער האָבן באַלייגט די מויערן. אַ שיינער און אַ פרייילעכער טאָג איז דאָס געווען. די ווייבער האָבן זיך געקליבן אַרום דעם הער פּיאָטר טשאַרניעצקי און גערופן: „אונדזער אויסלייזער! באַשיצער!" און ער האָט זיך געוועדט, בפרט, ווען זיי האָבן אים אין די הענט געוואָלט קושן און אָנטייטנדיק אויף קמיטשיצן האָט ער געזאָגט:

— אָט דעם דאַנקט אויך! באַביניטש הייסט ער, אָבער ער איז נישט קיין באַבע! אין די הענט וועט ער זיך נישט לאָזן קושן, ווייל זיי זענען נאָך קלעביק פון בלוט; אָבער אויב ווער פון די יונגערע וועט אים וועלן אין פּנים אַריין אַ קושן, מיין איך, אַז ער וועט זיך נישט אָפּזאָגן...

די יינגערע האָבן טאַקע געוואָרפן שעמעוודיקע און צוגלייך פאַרלאַקנדיקע בליקן אויפן הער אַנדזשעי, באַוואונדערנדיק זיין הערלעכע געשטאַלט; אָבער ער האָט מיט די אויגן נישט געענטפערט אויף דידאָזיקע שטומע פראַגן, ווייל דער אָנבליק פון דידאָזיקע מיידלעך האָט אים דערמאָנט אָלענקאָן.

— עי, דו אומגליקלעכע מיינע! — האָט ער זיך געטראַכט — ווען דו וואָלסט כאָטש געוווסט, אַז איך בין שוין אין דינסט באַ דער הייליקסטער בתולה, אַז איך פאַרטיידיק זי אַקעגן יענע שונאים, וועלכע איך האָב צו דיין גרויסן צער אַמאָל געדינט...

און ער האָט באַשלאָסן, אַז תיכף נאָך דער באַלאַגערונג וועט ער צו איר קיין קיידאַני שרייבן און סאָראָקאָן מיט אַ בריוו אַהינשיקן. נישט קיין פוסטע ווערטער און צוזאָגענישן וועל איך שיקן, ווייל איך האָב שוין היטער מיר מעשים, וועגן וועלכע איך וועל אָן פוסטער באַרימעריי, אָבער ריכטיק באַשרייבן. זאָל זי וויסן, אַז דאָס האָט זי גורם געווען, זאָל זי זיך פרייען!״

און ער האָט זיך אייליק בלויז אויפן דאָזיקן געדאַנק אַזוי דערפרייט, אַז ער האָט אפילו נישט באַמערקט, ווי די מיידלעך האָבן אוועקגייענדיק געזאָגט צו זיך:

— אַ פיינער ריטער, אַפנים אָבער, אַז נאָר די מלחמה ליגט אים אין זינען און ער איז אַ שרעקלעכער מרוק...

16. קאַפּיטל.

אין הסכּם מיטן באַגער פון זיינע אָפיצירן האָט מילנער ווידער אָנגעהויבן אונטערהאַנדלונגען. פון פיינטלעכן לאַגער איז אין קלויסטער געקומען אַ חשובער פּוילישער שליאַכטשיץ, אָנגע-זען צוליב זיין עלטער און חיתוך-הדיבור. די יאַסנאָגורער האָבן אים גאַסטפריינטלעך אויפגענומען, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז ער וועט נאָר לפנים און בעל-כרחו פאַרלאַנגען, אַז דער קלויסטער זאָל זיך אונטערגעבן, און אין דער אמתן וועט ער זיי גאָר צו-געבן מוט און באַשטעטיקן די ידיעס, וואָס האָבן זיך שוין אפילו דורך די באַלאַגערטע מויערן דורכגעריסן, וועגן דער מרידה אין גרויספוילן, וועגן דער פאַרביטערטקייט פון די מלוכה-חיילות קעגן שוועד, וועגן יאַן קאַזשימיעזשס אונטערהאַנדלונגען מיט די קאָזאַקן, וועלכע זאָלן האָבן אַרויסגעוויזן אַ חשק ווידער צו גע-האָרכן, צום סוף וועגן דעם געפערלעכן אָנזאָג פון טאָטערישן כאַן, אַז ער גייט צו הילף דעם פאַריאָגטן קעניג און אַז ער וועט אַלע זיינע שונאים פאַרפאָלגן מיט פייער און שווערד.

אָבער ווי אָפּגענאַרט האָבן זיך די גלחים! דער שרה האָט

טאָקע געבראַכט אַ שפּאַר בינטל נייעס, אָבער ווי שרעקלעך זע־
נען זיי געווען, על־פּי די גרעסטע התלהבות אָפּצוקילן, די פעס־
טע החלטה צו ברעכן, דעם הייסטן גלויב צו דערשיטערן.

די גלחים און שליאַכטע האָבן אים אין ראָט זאַל אַרומ־
גערינגלט באַ אַ שטילקייט און אויפמערקזאַמקייט; און פון זיין
מויל האָט, דוכט זיך, גערעדט די אויפריכטיקייט אַליין און דער־
צער איבערן גורל פון פאָטערלאַנד. די האָט. האָט ער אָפּט גע־
לייגט אויפן ווייסן קאָפּ, ווי ער וואָלט דעם אויסדרוק פון יאוש
וועלן איינהאַלטן, האָט געקוקט אויפן קרוציפיקס, טרערן געהאַט
אין די אויגן און מיט אַ געלאַסענער, איבערגעהאַקטער שטים האָט
ער די ווייטערדיקע ווערטער געזאָגט:

— אַך! וואָסערע צייטן דאָס געפּלאָגטע פאָטערלאַנד האָט
דערלעבט! נישטאָ שוין קיין עצה! מ'דאַרף זיך אונטערגעבן דעם
שוועדישן קעניג... און באמת, צוליב וועמען האָט איר דאָ, הויך־
ווירדיקע פאָטערס און איר, ברידער שליאַכטשיצעס, זיך געכאַפּט
צו דער שווערד? צוליב וועמען זענט איר נישט חס אויף מאַטער־
נישן, מי, פּיין, בלוט? צוליב וועמען שטעלט איר אויס דורך אַ
ווידערשטאַנד — ליידער, אומזיסטן! — זיך און דאָס הייליקע
אָרט אויף די שרעקלעכע נקמה פון די אומבאַזיגטע שוועדישע
מחנות?... צוליב יאַן קאַזשימיעזשן? אָבער ער אַליין האָט שוין
אונדזער פאָטערלאַנד אַוועקגעוואָרפן. ווייסט איר דען נישט דאָס ניי־
עס, אַז ער האָט זיך שוין מיישב געווען, און או סבייטנדיק די
די גוט־פּאַ־שאַפּ־דיקע קרוין אויף עשירות, פריילעכע סעודות און
רויקע תענוגים, האָט ער אַבדיקירט לטובת קאַרל גוסטאַוון? איר
ווילט אים נישט פאַרלאָזן, און ער אַליין האָט אייך פאַרלאָזט;
איר האָט נישט געוואָלט ברעכן די שבועה, און ער אַליין האָט
זי געבראָכן; איר זענט גרייט זיך מוסר־נפש צו זיין פאַר אים,
און ער קימערט זיך נישט וועגן אייך און וועגן אונדז אַלע...
אונדזער אמתער קעניג איז איצט קאַרל גוסטאַוו! זעט על־כּן, אַז
איר זאָלט אויף אייערע קעפּ נישט אַרויפצוציען נישט בלויז קיין
כּעס, נקמה, רוין, נאָר אויך נישט קיין חטא קעגן הימל, קעגן
צלם און קעגן דער הייליקסטער בתולה, ווייל נישט קעגן אַ שונאַ

נאָר קעגן דעם אייגענעם האַר הייבט איר חוצפּהדיק די האַנט אויף...

אַ שטילקייט האָט אויפגענומען דידאַזיקע ווערטער, גלייך ווי דער טויט וואָלט דורכ' זאָל דורכגעפלויגן.

וואָרים וואָס האָט שוין געקענט זיין שרעקלעכער פון דעם נייעס וועגן יאַן קאַזשימיעזשס אַבדיקאַציע? געווען איז דאָס אַ ידיעה, וואָס עס האָט זיך אין איר בשום אופן נישט געגלויבט, אָבער דערדאָזיקער שליאַכטשיץ האָט דאָך וועגן איר דערציילט פאַרן צלם, פאַר מאַריאַס בילד און מיט טרערן אין די אויגן.

אָבער אויב זי איז געווען וואָר, וואָלט אַ ווייטערדיקער ווידערשטאַנד באמת געפען אַ משוגעת. די שליאַכטע האָט מיט די הענט פאַרשטעלט די אויגן, די בזירים האָבן די קאָפּלעך אויף די קעפּ אַראָפּגעצויגן און די בית-הקברות-שטילקייט האָט אַלץ אָנגעהאַלטן; בלויז קמיאַנדז קאָרדעצקי האָט היים גענומען שעפּטשען אַ תפילה מיט די בלאַס געוואָרענע ליפּן, און זיינע רויקע, טיפע, ליכטיקע און דורכדרינגלעכע אויגן זענען אומבאַוועגלעך געווען פיינגעשפּיזט אין יענעם שליאַכטשיץ.

דער האָט אויף זיך געשפּירט דעמדאָזיקן פאַרשנדיקן בליק און ס'איז אים שלעכט און שווער געווען אונטער אים. ער האָט געוואָלט איינהאַלטן אַ ביסל ערנסטקייט, גוטסקייט, פאַרוויי־קט־קייט פון דער בגמה און פריינטשאַפט, אָבער ער האָט נישט געקענט; ער האָט דעריבער גענומען וואַרפן אומרויקע בליקן אויף די אַנדערע פאַטערס, און אין אַ ווייל אַרום האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

— די ערגסטע זאַך איז אָנגעצינדן אַ פאַרביסנקייט דורך אַ לאַנגן אויסנוצן די געדולד צום שלעכטן. דער פועל־יוצא פון אייער ווידערשטאַנד וועט זיין דער חורבן פון דערדאָזיקער הייליקער קירך און דאָס אָנוואַרפן אייך (זאָל גאָט אָפּהיטן) אַ שטרענגן און האַרטן רצון, וועלכן איר וועט מוזן געהאָרכן. דער עקל און אָפּגעזייטקייט פון וועלטלעכע עניינים איז דער כּלי־זיין פון די בזירים. ווי קומט איר צו האָבן צו טון מיטן מלחמה־גע־

ברויז, איר, וואָס די קלויסטער-תקנות באַשטימען אייך צו לעבן אין פרישות און אין שטילקייט? ברידער מיינע, הויכווירדיקע און טייערסטע פּאַטערס! נעמט נישט אויף אייך, נעמט נישט אויף אייערע געוויסנס אַזאַ שרעקלעכע אחריות... נישט איר האָט געבויט דאָסדאָזיקע הייליקע הויז, נישט אייך אַליין דאַרף עס זיינען! דערלויבט, אַז עס זאָל בלייבן און בענטשן דידאָזיקע ערד אויף לאַנגע דורות, כדי די קינדער און אייניקלעך אונדזערע זאָלן זיך נאָך קענען מיט אים פרייען!

דאָ האָט דער בוגד צונויפגעלייגט די הענט און זיך באַגאָסן מיט טרערן; די שליאַכטע האָט שטילגעשוויגן, די פּאַטערס האָבן שטיל געשוויגן; ספקות האָבן אַלעמען אַרומגענומען, די הערצער זיינען געווען פאַרקלעמט אין נאָענט צו יאוש, דער געדאַנק וועגן די אַרויסגעוואָרפענע און אומזיסטע אָנשטרענגונגען האָט ווי מיט בליי געדריקט די געמיטער.

— איך וואַרט אויף אייער תשובה, פּאַטערס! — האָט דער געאַכפּערטער בוגד געזאָגט, צראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ אויף דער ברוסט.

אין-דעם האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי זיך אויפגעשטעלט און מיט אַ שטים, אין וועלכער ס'איז נישט געווען קיין שפּור פון קווענקלעניש, פון ספקות, האָט ער געזאָגט, ווי די רוח-הנבואה וואָלט אויף אים גערוט:

— דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז יאַן קאַזשימיעזש האָט אונדז פאַרלאָזט, אַז ער האָט שוין אַבדיקירט און זיינע רעכט קאַרלען איבערגעגעבן — איז שקר-וכזב! אין האַרץ פון אונדזער גלות-אָפּריכטנדיקן האַר איז אַריינגעטרעטן אַ האָפענונג און קיינמאָל האָט ער אַזוי הייס, ווי אין דעם מאָמענט, נישט געאַרבעט, כדי דעם פאַטערלאַנד אַ רעטונג צו פאַרזיכערן, דעם טראָן צוריקצוגעווינען און אונדז אַ ישועה אין דער נויט צו ברענגען!

די מאַסקע איז באַלד צראָפּגעפאַלן פון דעם פּנים פון בוגד; אַ כעס און אַן אַנטטוישונג האָבן זיך אויף אים דייטלעך אָפּגעשפּיגלט, גלייך ווי די שלאַנגען וואָלטן מיטאַמאָל אַרויס-

קראַכן פון די באַהעלטעניש פון זיין נשמה, אין וועלכע זיי האָבן זיך ביז-איצט פאַרבאָרגן.

— פוניוואַנען האָסט איר דידאָזיקע ידיעה? פונוואַנען דידאָזיקע זיכערקייט? האָט ער געפרעגט.

— פונדאַנען! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געענטפערט, אָנווייזנדיק אויפן גרויסן קרוציפיקס, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט — גיי! לייג אַוועק אַ פינגער אויף קריסטוסעס דורכגעקלאַפטע פיס און חזר איבער נאָכאַמאָל, וואָס דו האָסט געזאָגט!

דער בוגד האָט גענומען זיך בייגן, ווי אונטערן דרוק פון אַן אייזערנער האַנט; פון די באַהעלטעניש פון זיין נשמה איז אַ נייער שלאַנג, אַ פחד, אַרויסגעקראָכן אויף זיין פרצוף.

און קסיאָנדז קאָרדעצקי איז כסדר געשטאַנען אַ הויכער, אַ מוראדיקער, ווי משה; שטראַלן האָבן אויסגעוויזן צו ציִען זיך פון זיינע שלייפן.

— גיי, חזר איבער! — האָט ער געזאָגט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די האַנט, מיט אַזאַ מעכטיקער שטים, אַז די אויפגעטרייסלטע געוועלבן פון ראָט-זאַל האָבן אַוש אַ ציטער געטון און איבערגעחזרט, ווי פון אַ גרויל אָנגעכאַפּט:

— גיי חזר איבער...

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ טיפע שטילקייט, צום סוף האָט זיך דערהערט די געשטיקטע שטים פון שליח:

— איך נעם פון זיך אַראָפּ יעדע אחריות...

— ווי פּילאַט! — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי פאַרענדיקט.

דער בוגד האָט זיך אויפגעשטעלט און איז אַרויסגעגאַנגען פון ראָט-זאַל. ער האָט זיך גיך אַדורכגעשאַרט דורכן קלויסטערהויף, און ווען ער האָט זיך געפונען אויף יענער זייט טויער, האָט ער גענומען כמעט לויפן, גלייך ווי עמעצער וואָלט אים געיאָגט פון קלויסטער צו די שוועדן.

דערווייל איז הער זאַמאָיסקי צוגעגאַנגען צו טשאַרניעצקין

און קמיטשיצן, וועלכע זענען אין ראַט-זאַל נישט געווען, כדי זיי צו זאָגן, וואָס עס איז פאָרגעקומען.

— האָט עפּעס גוטס געבראַכט דערדאָזיקער שליח? — האָט הער פּיאָטר געפרעגט — אַ פּנים האָט ער געהאַט אַן ערלעכס...

— זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן פון אַזעלכע ערלעכע לייט! — האָט דער שעראַדזער שווערד-טרעגער געענטפערט — ער האָט געבראַכט ספקות און נסיונות.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט קמיטשיץ געפרעגט, אונטערהייבנדיק אַ ביסל אין די הויך די אָנגעצונדענע קנויט, וואָס ער האָט גראָד געהאַלטן אין דער האַנט.

— ער האָט גערעדט, ווי אַ געדונגענער בוגד.

— אפשר דערפאַר אַנטלויפט ער דאָס אַזוי איצט! — האָט הער פּיאָטר טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן — קוקט, גנעדיקע הערן, ער לויפט שיער נישט אין איין אימפּעט צו די שוועדן... ער! כ'וואָלט אים אַ קויל נאָכגעשיקט...

— גוט! — האָט קמיטשיץ מיטאַמאָל געזאָגט.

ס'האָט אָפּגעהילכט אַ קנאַל פון האַרמאַט נאָך איידער זאַמאָיסקי און טשאַרניעצקי האָבן זיך געקענט כאַפּן, וואָס עס איז געשען. זאַמאָיסקי האָט זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— באַ גאָט! — האָט ער אַ געשריי געטון — וואָס האָט איר געטון!... דאָס איז דאָך אַ שליח!

— איך האָב שלעכט געטון! — האָט קמיטשיץ געענטפערט, קוקנדיק אין די ווייטקייט — ווייל כ'האָב נישט געטראָפן! ער האָט זיך שוין אויפגעהויבן און לויפט ווייטער. עי, אַ שאָד, וואָס די קויל איז איבער אים אַריבערגעפלויגן!

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו זאַמאָיסקין:

— גנעדיקער הער שווערד-טרעגער, ווען איך וואָלט אים אפילו אין רוקן געטראָפן, וואָלט מען אונדז נישט דערווײַזן, אַז מיר האָבן בכיוון אויף אים געשאָסן, און באמונות, אַז איך האָב די קנויט אין דער האַנט נישט געקענט איינהאַלטן. זי איז מיר אַליין אַראָפּגעפאַלן. כ'וואָלט קיינמאָל אַ שליח אַ שוועד נישט

נאָכגעשאָסן, אָבער אויפן אָנבליק פון פּאָליאַקן בוגדים קערן זיך די בעבעכעס אין מיר איבער!

— עי! איר מוזט דאָך פאַרשטיין, אַז עס וואָלט געווען שלעכט און זיי וואָלטן אויך אונדזערע שליחים גרייט געווען עוולות צו טון.

אָבער הער טשאַרניעצקי איז אין האַרצן צופרידן געווען, ווייל קמיטשיץ האָט אויפגעכאַפּט דאָס, וואָס ער האָט געברומט אונטער דער נאָז:

— דערדאָזיקער בוגד וועט לפּחות אַ צווייט מאָל אוודאי קיין שליחות אויף זיך נישט נעמען.

ס׳האָט דאָס אויך דערהערט זאַמאָיסקי, ווייל ער האָט געזאָגט:

— אויב נישט דער, וועלן זיך געפינען אַנדערע און איר זאָלט די אונטערהאַנדלונגען נישט שטערן און אייגנוויליק זיי נישט איבעררייסן, ווייל וואָס לענגער זיי שלעפּן זיך, אַלץ מער טובה קומט אונדז פון זיי אַרויס. אויב גאָט וועט אונדז פון דרויסן צושיקן כוחות צו הילף, וועלן זיי האָבן צייט זיך צונויפצונעמען, און אַ חוץ דעם רוקט אויך אָן אַ האַרטער ווינטער און די באַלאַגערונג קומט צוליב דעם אָן וואָס אַמאָל שווערער. די צייט ברענגט זיי שאָדן און אונדז נוצן.

באַ דידאָזיקע ווערטער איז ער אַוועק אין ראָט-זאַל, וווּ ס׳האָט נאָכן אַוועקגיין פון שליח נאָך אָנגעהאַלטן די באַראַטונג. די ווערטער פון בוגד האָבן פונדעסטוועגן איבערגעשראָקן די געמיטער און אָפּגעשוואַכט די הערצער. מ׳האָט אמת נישט געגלייבט, אַז יאַן קאַזשימיעזש האָט אַבדיקירט, אָבער דער שליח האָט פאַר די אויגן אַוועקגעשטעלט די שוועדישע מאַכט, אין וועלכער מ׳האָט צוליב די פריערדיקע מזלדיקע טעג כמעט געהאַט פאַרגעסן. איצט האָט זי אויפסניי פאַר זיי דערוואַכט אין גאַנצן אימהדיקן פאַרנעם, פאַר וועלכן עס האָבן זיך דערשראָקן פיל מעכטיקערע פעסטונגען, פיל מעכטיקערע שטעט. פּויזן, וואַרשע, קראָקע, שוין נישט רעכענענדיק אַ סך שלעסער, האָבן געעפנט זייערע טויערן

פארן זיגער, הייבט חי אזוי וועט יאסנא־גורא זיך קענען פארטיידיקן אין אלגעמיינעם מבול פון מפלות?

— מיר וועלן זיך פארטיידיקן נאך א וואך, צוויי, דריי — האבן זיך מאנכע פון דער שליאכטע און פון די גלחים געטראכט — אבער וואס וועט זיין ווייטער, וואס וועט זיין דער סוף פון דידאזיקע אנשטרענגונגען?

דאס גאנצע לאנד איז ווי א שיף געוועו אין תהום פארזונקען, און נאר דער איינער קלויסטער האט נאך ווי א שפיץ פון מאסטבוים איבער די כוואליעס ארויסגעשטארט. צי האט דען די יתר־הפליטה, וואס האט זיך צום דאזיקן מאסטבוים צוגעטשעפעט, געקענט נאך טראכטן נישט בלויז וועגן זיך אליין מציל זיין, נאר וועגן ארויסראטעווען די גאנצע שיף פון אפגרונט?

לויט די מענטשלעכע אויסרעכענונגען, האט זי נישט געקענט.

און פונדעסטוועגן, גראד אין דעם מאמענט, ווען העד זאמאיסקי איז צוריק אריינגעקומען אין ראט־זאל, האט קסיאנדז קארדעצקי געזאגט:

— ברידער מיינע! אויך איך שלאף נישט, ווען איר שלאפט נישט, איך בין מתפלל, ווען איר בעט בא אונדזער באשיצערין הילף. פארמאטערטקייט, מי, שוואכקייט שפירן מיינע ביינער, פונקט אזוי גוט ווי אייע־ע; די שווערע לאסט פון אחריות דריקט מיך פונקט אזוי, און אפשר גאר נאך מער, ווי אייך — פארוואס־זשע גלייב איך, בשעת איר האט, ווייזט אויס, דעם בטחון שוין פארלוירן?... לייגט זיך נאר גוט איבער, צי זעען אייערע פון דער ערדישער מאכט פארבלענדעטע אויגן שוין נישט קיין גרעסערע קראפט, ווי די שוועדישע? צי מיינט איר טאקע, אז קיין שום פארטיידיקונג וועט שוין נישט העלפן, אז קיין שום האנט וועט יענע מאכט נישט בייקומען? אויב אזוי, מיינע ברידער, זענען אייערע געדאנקען זינדיק און איר לעסטערט קעגן גאט פון רחמים, קעגן אלמעכטיקן האר אונדזערן, קעגן דער מאכט פון דער באשיצערין, וואס איר גיט זיך אן פאר אירע דינער. ווער פון אייך וועט זיך דערוועגן צו זאגן, אז אט די הייליקסטע קעניגין וועט

נישט בכוח זיין זונדן צו באַשיצן און מיט בצחונות אונדז מזכה צו זיין? לאָמיר דעריבער זי בעטן, לאָמיר צו איר מתפלל זיין באַטאָג און באַנאַכט, ביז מיר וועלן דורך אונדזער כוח־הסבלנות, דורך אונדזער הכנעה, דורך אונדזערע טרערן, דורך מקריב זיין אונדזער געזונט און אונדזער לעבן איר האַרץ נישט ווייך מאַכן און פאַר אונדזערע אַלטע הטאים נישט איבערבעטן!

— פאַטער! — האָט איינער פון די שליאַכטשיצעס גע־זאָגט — נישט וועגן אונדזערע אייגענע לעבנס גייט עס אונדז, נישט וועגן אונדזערע ווייבער און קינדער, נאָר מיר ציטערן אויפן געדאַנק וועגן דעם חילול־הקודש, וואָס קען קענען דעם בילד באַגאַנגען ווערן, אויב דער שונא וועט די פעסטונג מיט שטורעם איינגעמען.

— און מיר ווילן אויף זיך די אחריות נישט נעמען! — האָט אַ צווייטער צוגעגעבן.

— ווייל קיינער האָט נישט קיין רעכט זי צו נעמען אויף זיך, אפילו דער קסיאָנדז פריאָר! — האָט אַ דריטער אַריינגע־וואָרפן.

און די אָפּאָזיציע איז געוואַקסן, צונעמענדיק מוט, בפרט, אַז די נזירים האָבן שטילגעשוויגן.

דער פריאָר, אַנשטאָט גלייך צו ענטפערן, האָט ווידער גע־נומען מתפלל זיין:

— מאַמע פון איינציקן זון! — האָט ער געזאָגט, אויפהיי־בנדיק די הענט און די אויגן אין דער הייך — אויב דו האָסט אונדז געשטראָפט דערפאַר, כדי מיר זאָלן אין דיין רעזידענץ געבן אַנדערע אַ ביישפּיל פון אויסדויער, גבורה, טריישאַפט צו דיר, צום פאָטערלאַנד און צום קעניג... אויב דו האָסט אויס־דערוויילט דאָסדאָזיקע אָרט, כדי דורך אים די מענטשלעכע גע־וויסנס אויפצוּוועקן און דאָס גאַנצע לאַנד צו ראַטעווען — זיי זיך מרחם איבער די, וואָס ווילן דאָס אַרויסקוועלן פון דיין גנאַד אייגהאַלטן, דייַנע נסים שטערן, דיין הייליקן רצון זיך אַקעגנשטעלן...

דאָ איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ באַגייסטערטער און

דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צו די גלחים און דער שליאַכ־טע:

— ווער וועט אַזאַ אחריות נעמען אויף זיך? ווער וועט וועלן שטערן מאַריאַס נסים, איר גנאָד, די רעטונג פון דאָזיקן קעניגרייך און פון דער קאַטוילישער אמונה?

— אין נאָמען פון גאָט און זון און הייליקן גייסט! — האָבן זיך אַ פּאָר שטימען אָנגערופן — זאָל אונדז גאָט אָפּ־היטן!

— עס וועט זיך נישט געפינען אַזעלכע! — האָט הער זאַמאָיסקי אויסגערופן.

און די פון די גלחים, וואָס אין זייערע הערצער האָבן פריִ־ער ספקות גענאַגט, האָבן זיך גענומען קלאַפּן אין דער ברוסט, ווייל עס האָט זיי נישט קיין קליינער פחד אָנגעכאַפּט. און קיי־נער פון די ראַטגעבער האָט שוין דעם אָוונט נישט געטראַכט וועגן אונטערגעבן־זיך.

אָבער הגם די הערצער פון די עלטערע זענען געוואָרן גע־שטאַרקט, האָט די שעדלעכע זריעה פון יענעם בוגד דאָך אַרויס־געגעבן פאַרסמטע פּירות.

די ידיעה וועגן יאַן קאַזשימיעזשס אַבדיקאַציע און וועגן דער אוממעגלעכקייט פון אַ דרויסנדיקער הילף איז דורך דער שליאַכטע דערגאַנגען צו די ווייבער, פון די ווייבער צו דער דינערשאַפט, די דינער האָבן זי פאַרשפּרייט אין מי־ליטער, אויף וועלכן זי האָט געמאַכט דעם ערגסטן רושם. וויי־ניקער האָבן זיך פאַר איר דערשראָקן די דאָרף־לייט, אָבער דווקא די אויסגעפּרוווטע זעלנער פון פאַך, וואָס זענען געוווינט דעם גאַנג פון אַ מלחמה נאָר לויט די זעלנערישע השגות צו באַרע־כענען, האָבן גענומען זיך צונויפקומען, זיך איינער דעם צווייטן די אוממעגלעכקייט פון אַ ווייטערדיקער פאַרטיידיקונג אויפווייזן, באַקלאָגן זיך אויף די איינגעשפּאַרטקייט פון די אומבאַהאַוונטע נזירים, און צום סוף וואָרטשען און מורמלען.

אַ געוויסער קאַנאָניער, אַ דייטש, פון פאַרדעכטיקן גלויבן, האָט געעצהט, אַז די זעלנער זאָלן אַליין די זאַך איבערנעמען

און זיך פֿאַרשטענדיקן מיט די שוועדן וועגן אַרויסגעבן די פעסטונג. אַנדערע האָבן אויפגעכאַפּט דעמאָזיקן געדאַנק, אָבער עס האָבן זיך אויך געפֿונען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט בלויז זיך כאַרעקשנט אַקעגנגעשטעלט דער בגידה, נאָר אויך באַלד וועגן איר געגעבן צו וויסן קאָרדעצקין.

קסיאָנדז קאָרדעצקי, וועלכער האָט די גרעסטע ערדישע אָפּגעהיטנקייט און געוואָרנטקייט געקענט פֿאַרייניקן מיטן גרעסטן בטחון אין די הימלישע כּוחות, האָט אין שורש צו נישט געמאַכט די מרידה, וואָס האָט בשתיקה זיך פֿאַרשפּרייט.

קודם-כּל האָט ער די אָנפֿירער פֿון דער מרידה, און אין זייער שפּיץ יענעם קאַנאָניער, אַרויסגעטריבן פֿון דער פעסטונג, נישט מורא האָבנדיק לגמרי דערפֿאַר, אַז זיי קענען די שוועדן מודיע זיין וועגן מצב פֿון דער פעסטונג און אירע שוואַכע זייטן. דערנאָך האָט ער דעם גאַרניזאָן די חודשדיקע שכירות פֿאַרטאָפּלט און פֿון אים אָפּגענומען אַ שבועה, אַז ער וועט דעם קלויסטער ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פֿאַרטיידיקן.

ער האָט אָבער אויך פֿאַרטאָפּלט די וואַכזאַמקייט, באַשליסנדיק נאָך שטאַרקער אַכטונג צו געבן סיי אויפֿן געצאָלטן זעלנער, סיי אויף דער שליאַכטע און סיי אפילו אויף זיינע נזירים. די עלטערע פּאָטערס זענען באַשטימט געוואָרן צו די נאַכט-כאָרן; די יינגערע זענען מחויב געווען אַ חוץ דער גאָט-דינסט אויך תּפילות אויף די מויערן אָפּצוריכטן. דעם צווייטן טאָג איז פֿאָרגעקומען אַ מוסטערונג פֿון די פֿוסגייער; פֿאַר יעדן וואַך-טורם האָט מען באַשטימט איין שליאַכטשיץ מיט זיינע דינער, צען נזירים און צוויי זיכערע קאַנאָניערן. זיי אַלע זענען טאָג און נאַכט מחויב געווען די זיי אָנפֿאַרטרויטע פּאָזיציעס צו היטן.

ביַ דעם מזרח-צפֿונדיקן וואַך-טורם האָט זיך אַוועקגעשטעלט הער זיגמונט מאָשינסקי, אַ גוטער זעלנער, דער אייגענער, וואָס זיין קינד איז על-פּי-נס ניצול געוואָרן, הגם אַ פֿייערדיקע קויל איז געפֿאַלן לעבן זיין וויגל. מיט אים צוזאַמען האָט די וואַך געהאַלטן פּאָטער הילאַרי סלאַוואָשעווסקי. באַם מערבֿדיקן טורם האָט זיך געשטעלט פּאָטער מיעלעצקי און פֿון דער שליאַכטע

הער מיקאָלאַי קשישטאָפאָרסקי, אַ מענטש אַ טריבער און אַ קנאַפּ־דיידעוודיקער, אָבער פון אַן אומדערשראָקענעם מוט. דעם מזרח־דרומדיקן וואַך־טורם האָבן פאַרנומען הער פּיאָטר טשאַרניעצקי מיט קמיטשיצן און מיט זיי פּאָטער אַדאַמוס סטיפּולסקי, וועלכער האָט אַמאָל אין אַ ריטער־פּילק געדינט. דער האָט אין פאַל פון אַ נויט געגרן דעם קיטל פאַרקאַטשעט און דעם האַרמאַט אויסגעשטעלט, און פון די פאַרבייפליִענדיקע קוילן איז ער נישט מער נתפּעל געוואָרן, ווי דער אַלטער וואַכמייסטער סאַראָקאַ. צום סוף האָט מען פאַר דעם מערב־דרומדיקן טורם באַשטימט דעם הער סקוזשעווסקי און פּאָטער דאַניעל ריכטאַלסקי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער האָט צוויי און דריי נעכט דורכאַנאַנד געקענט נישט שלאָפן, אָן שאָדן פאַר די כוחות און געזונט.

איבער די וואַכן האָט מען אוועקגעשטעלט דאָבראָשן און דעם פּאָטער זאַכאַריאַש מאַלאַכאָווסקי. די אימפּעטיקע צו דער שליאַכט האָט מען באַשטימט אויף די דעכער, און די השגחה איבער די וואָפן־קאַמערס און אַנדערע מלחמה־מכשירים האָט איבערגענומען פּאָטער לאַסאָטאַ. נאָכן קסיאָנדז דאָבראָש האָט ער אויך איבערגענומען דעם אַמט פון פייער־מייסטער. בײַנאַכט האָט ער געמוזט באַלייכטן די מויערן, כדי די פײַנטלעכע פוסגייער זאָלן צו די מויערן נישט קענען נאָענט צוגיין. ער האָט אויך אויפן טורעם איינגעאָרדנט אייזערנע קערב, אין וועלכע ס'האָבן בײַנאַכט געבערענט קין און פאַקלען.

יעדע נאַכט האָט טאַקע דער גאַנצער טורם אויסגעזען ווי איין ריזיקער פאַקל. דאָס האָט אמת די שוועדן פאַרלייכטערט צו שיסן אין אים, אָבער ס'האָט געקענט דינען פאַר אַ צייכן, אַז די פעסטונג פאַרטיידיקט זיך נאָך, ווען עס וואָלט צופעליק וועלכע עס איז אַרמיי די באַלאַגערטע צו הילף געקומען.

אַזוי אַרום האָבן זיך נישט בלויז די פלעגער פון אונטערגעבן זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט, נאָר מ'האָט זיך נאָך פלייסיקער גענומען צו דער פאַרטיידיקונג. קסיאָנדז קאָרדעצקי איז צומאָרגנס אַרומגעגאַנגען איבער די מויערן, ווי אַ פּאַסטון

איבער דער כטאַדע, האָט געזען, אַז אַלץ גייט כשורה און בנעימות־דיק געשמייכלט, געליבט די אָנפירער און די זעלנער און צו־קומענדיק צום הער טשאַרניעצקי האָט ער געזאָגט אַ צעשטראַל־טער פון גליק:

— אויך דער הער שראַדזער שווערד־טרעגער, אונדזער געליבטער פירער, פרייט זיך פון גאַנצן האַרצן צוגלייך מיט מיר, ווייל ער זאָגט, אַז מיר זענען איצט צוויי מאָל אַזוי שטאַרק, ווי אין אָנהייב. אַ נייער גייסט האָט באַלעבט די הערצער, די רעשט וועט די גנאָד פון דער הייליקסטער בתולה אויפטון, און איך וועל דערווייל אויפסניי צו די אונטערהאַנדלונגען זיך נעמען. מיר וועלן פאַרשלעפן און מאַכן שהיות, ווייל דורכעם ווערט מענטש־לעך בלוט איינגעשפּאָרט.

קמיטשיץ האָט זיך דערויף אָנגערופן:

— עי, הויכווירדיקער פּאָטער, צו וואָס טויגן די אונ־טערהאַנדלונגען! אַ שאָד די צייט! בעסער די נאַכט ווידער אַן אַרויספאַל אונטערנעמען און דידאָזיקע כלבים אַ ביסל קוילן.

און קסיאָנדז קאָרדעצקי, וועלכער איז געווען גוט אויפגע־לייגט, האָט אַ שמייכל־געטון, ווי עס שמייכלט אַ מאַמע צו אַ צעבאַלעוועטן קינד, דערנאָך האָט ער אויפגעהויבן אַ שטרוי־געפלעכט, וואָס איז געלעגן באַם האַרמאַט און גענומען מאַכן דעם אָנשטעל, אַז ער שלאָגט מיט אים קמיטשיצן איבער די פּליי־צעס.

— דו וועסט זיך מיר דאָ אַריינמישן, געפּייניקטער ליט־ווינער — האָט ער געזאָגט — וועסט מיר דאָ לעכצן נאָך בלוט, ווי אַ וואָלף, און וועסט מיר דאָ געבן אַ ביישפּיל פון אומגע־האָרכזאַמקייט, נאַ דיר! נאַ דיר!

און קמיטשיץ ווידער האָט אַן אויפגערוימטער ווי אַ שול־ייִנגל זיך אַוועקגעבויגן דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס און בכיוון זיך כלומרשט געצייצט, איבערחזרנדיק:

— שלאָגן די שוועדן! שלאָגן! שלאָגן! שלאָגן!

אָט אַזוי האָבן זיי זיך לוסטיק געמאַכט, בשעת זיי זענען

מיטן גאַנצן ברען פון זייערע נשמות געווען אַרייַנגעטון אין דער רעטונג פון פאָטערלאַנד. אָבער די אונטערהאַנדלונגען האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי נישט פאַרנאַכלעסיקט, זעענדיק, אַז מילער באַגערט זיי אַזוי הייס און אַז ער כאַפּט זיך אָן פאַר יעדער געלעגנהייט. קסיאָנדז קאָרדעצקין האָט די דאָזיקע גרייטקייט צו אונטערהאַנדלונגען זייער געפרייט, ווייל ער האָט דערפון לייכט געדרונגען, אַז דעם שונא מוז נישט זיין צו ווויל, אויב ער באַגערט אַזוי שטאַרק אַ סוף צו מאַכן צו דער באַלאַגערונג.

עס האָבן בכן געגומען פליסן טעג, איינער נאָכן אַנדערן, אין וועלכע די האַרמאַטן און די ביקסן האָבן אמת נישט שטיל-געשוויגן, אָבער דער עיקר האָבן געאַרבעט די פעדערן. אויף אַזאַ אופן האָט זיך די באַלאַגערונג פאַרשלעפּט, און דער ווינטער, וואָס האָט אָנגערוקט, איז געוואָרן וואָס אַמאָל האַרטער. אויף די שפּיצן פון די טאַטרא-בערג האָבן די כמאַרעס אין די אָפּגרונט-טיפע בעסטן אויסגעבריט אַ שטורם, פראָסט, שנייען און זיי האָבן זיך אַרויסגעשאָטן אויפן לאַנד, פירנדיק מיט זיך זייערע איינקאַלטע קינדער. אין די נעכט האָבן זיך די שוועדן געטוליעט צו די שוואַכע פייערס, ווילנדיק בעסער פון די קלויסטער-קוילן אומקומען, איידער געפרוירן צו ווערן.

די האַרטע ערד האָט שווער געמאַכט אָנצושיטן פאַרשאַנצונגען און צו מאַכן אונטערגראָבונגען די באַלאַגערונג האָט זיך פון אָרט נישט גערירט. נישט בלויז די אָפיצירן, נאָר דאָס גאַנצע חייל האָט אויף די ליפּן געהאַט נאָר דאָס איינע וואָרט: „אונטערהאַנדלונגען“.

די גלחים האָבן דעריבער קודם-כל געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי ווילן זיך אונטערגעבן. עס זענען צו מילערן אין אַ שליחות געקומען פאָטער מאַרצעלי דאָבראָש און דער געלערנטער קסיאָנדז סעבאַסטיאַן סטאַוויצקי. זיי האָבן מילערן געגעבן אַ געוויסע האָפענונג אויף שלום. קוים האָט ער דאָס דערהערט, האָט ער אַזש די הענט געפּאַטשט און איז גרייט געווען פון שמחה זיי צו כאַפּן אין די אָרעמס אַריין. דאָס אונטערגעבן זיך פון יאַסנאַ-גוראַ וואָלט באַ די פּאַטריאָטן געווען צוגענומען דאָס לעצטע ביסל האָפענונג

און אַנטגילטיק אַ שטויס געטון די רעפּובליק אין די אָרעמס פון שוועדישן קעניג, בשעת להיפך אַ ווידערשטאַנד און דאָס אַ נצחונרייכער ווידערשטאַנד, וואָלט געקענט אַרויסרופן אַן איבערק רעניש אין די הערצער, אין די געמיטער און גורם זיין אַ מוראדיקע נייע מלחמה. קיין סימנים האָבן פון אַלע זייטן נישט געפעלט. מילער האָט וועגן דעם געוווסט און געפילט, אין וואָס ער האָט זיך אַריינגעלאָזט, וואָס פאַר אַ שווערע אחריות ער האָט אויף זיך געטראָגן; ער האָט געוווסט, אַז אָדער עס וואַרט אויף אים אַ חסד פון קעניג, דער מאַרשאַל-שטאַב, כבוד, טיטולן אָדער אַ טיפע ירידה. און היות ווי ער האָט שוין אַליין זיך אָנגעהויבן צו איבערצייגן, אַז ער וועט דידאָזיקע „ניס" נישט צעבייסן, האָט ער דערפאַר די גלחים מקבל-פּנים געווען מיט אַן אומגעווייטלעכע העפלעכקייט, ווי קייזערלעכע אָדער סולטאַנישע אַמבאַסאַדאָרן, פאַרבעטנדיק זיי אויף אַ באַנקעט, האָט ער אַליין געטרונקען פאַר זייער געזונט און אויך פאַר געזונט פון פּריאָר און שוראַדזער שווערד-טרעגער; ער האָט זיי געשענקט פיש פאַרן קלויסטער, צום סוף אָנגעגעבן אַזעלכע גינסטיקע תנאים פון אונטערגעבן זיך, אַז ער איז קיין איין רגע נישט מסופק געווען, אַז זיי וועלן אָן שום שהיות אָנגענומען ווערן.

די פּאַטערס האָבן הכנעהדיק געדאַנקט, ווי עס פּאַסט פאַר נזירים; האָבן גענומען דאָס פּאַפּיר און זענען אַוועקגעגאַנגען אויף אַכט אַ זייגער אינדערפרי האָט מילער אָנגעזאָגט דאָס עפענען די טויערן. דעם שוועדישן לאַגער האָט אַן אומבאַשרייבלעכע שמחה באַהערשט. די זעלנער האָבן אַוועקגעוואָרפן די פאַרשאַנצונגען און די גראָבנס, צוגעגאַנגען צו די מויערן און גענומען פאַרפירן שמועסן מיט די באַלאַגערטע.

אָבער פון קלויסטער האָט מען צו וויסן געגעבן, אַז אין אַן ענין פון אַזאַ גרויסער חשיבות מוז דער פּריאָר אַפּעלירן צו דער גאַנצער עדה, די נזירים בעטן דעריבער אָפּצוּוואַרטן נאָך איין טאָג. מילער האָט אָן קווענקלעניש מסכים געווען, דערווייל האָט מען אין ראָט-זאַל זיך באמת באַראַטן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

דגם מילער איז געווען אן אלטער און אויסגעפרוווטער מלחמה־מאַן, הגם ס'איז אפשר אין דער גאַנצער שוועדישער אַרמיי נישט געווען קיין גענעראַל, וואָס זאָל האָבן מער געפירט אונטערהאַנדלונגען מיט פאַרשידענע שטעט פון דעמדאָזיקן פאַליאַצערטעס, פונדעסטוועגן האָט אים דאָס האַרץ אומרויִק געקלאַפּט, ווען ער האָט צומאָרגנס באַגינען דערזען צוויי ווייסע קיטלען, וועלכע דערנענטערן זיך צו דער קוואַרטיר, וואָס ער האָט פאַרנומען.

געווען זענען דאָס נישט די זעלבע פאַטערס; פריִער איז געגאַנגען קסיאָנדז מאַטשיי בלעשינסקי, לעקטאָר פון פילאָזאָפיע, טראָגנדיק אַ בריוו מיט אַ חתימה; הינטער אים האָט געשפּרייזט פאַטער זאַכאַריאַש מאַלאַכאָויסקי, מיט געקרייצטע הענט אויף דער ברוסט, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און מיט אַ ביסל בלייך־געוואָרענעם פּנים.

דער גענעראַל האָט זיי אויפגענומען אין דער סביבה פון שטאַב און פון אַלע חשובע פּולקאָווניקעס און אָפּענטפערנדיק העפלעך אויף די הכנעהדיקע פאַרבייגונג פון פאַטער בלעשינסקי, האָט ער אים גיך דעם בריוו פון דער האַנט אַרויסגענומען, די חתימות אויפגעריסן און גענומען לייענען.

אָבער באַלד האָט זיך זיין פּנים שרעקלעך געביטן: אַ כוואַליע בלוט האָט אים אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין, די אויגן זענען אים פון די לעכער אַרויסגעקראָכן. דער קאַרק איז אים געוואָרן אָנגעשוואָלן און אַ שרעקלעכער כעס האָט אים די האָר אונטערן פּערוק אויפגעשטעלט, אויף אַ ווײַלע איז אים אפילו דאָס לשון אָפּגענומען געוואָרן, ער האָט נאָר מיט דער האַנט אויפן בריוו אָנגעוויזן דעם פירשט העסקי, וועלכער איז אים מיט די אויגן דורכגעלאָפן און ווענדנדיק זיך צו די פּולקאָווניקעס, האָט ער רויִק געזאָגט:

— די נזירים דערקלערן נאָר אַזוי פיל, אַז זיי קענען זיך פון יאַן קאַזשימיזשן אַזוי לאַנג נישט אָפּזאָגן, ווי לאַנג דער פּרימאַס וועט אַ נייעם קעניג נישט אויסרופן, אָדער אַנדערש געזאָגט, זיי ווילן נישט אָנערקענען קאַרל גוסטאַוון.

דאַ האָט זיך פירשט העסקי צעלאַכט, סאַדאָווסקי האָט אין מילטערן אַ שפּאָטישן בליק איינגעגראָבן, און וושעשטשאָוויטש האָט געגומען די באָרד פליקן פון רציחה. אַן אימהדיק געמורמל פון אויפרעגונג איז אַנטשטאַנען צווישן די איבעריקע בייגעווע־זענע.

אינדעם האָט מילער גענומען קלאַפּן מיט דער האַנט אי־בער דער קני און שרייען:

— וואַך! וואַך!

וואַנסעדיקע פּנימער פון פיר פוסגייער האָבן זיך באַלד באַוויזן אין דער טיר.

— נעמט מיר די דאָזיקע געגאָלטע שטעקנס און פאַרשפּאַרט זיי — האָט דער גענעראַל אַ געשריי געטון — איר, הער סאַ־דאָווסקי, וועט באַם קלויסטער צו וויסן טון, אַז אויב איין האַר־מאַט וועט פון די מויערן שיסן, וועל איך ביידע בורים תיכּף הייסן אויפהענגען!

מ'האָט בכן געפירט ביידע גלחים: דעם פּאָטער בלעשינ־סקי און דעם פּאָטער מאַלאַכאָווסקי, צווישן שפּאַטערייען און חוזק מאַכערייִ פון די זעלנער. די פוסגייער האָבן זיי אָנגעטון זייערע קאַפּעלושן אויף די קעפּ, און ריכטיקער אויף די פּנימער, אַזוי, אַז זייערע אויגן זאָלן זיין פאַרשטעלט, און זיי האָבן זיי בכיוון אויף פאַרשידענע מכשולים אַרויפגעפירט און ווען איינער פון די גלחים האָט זיך געשטרויכלט אָדער איז אומגעפאַלן, האָט אַ הילכיק געלעכטער זיך דערהערט צווישן די גרופּעס זעלנער, און דעם געפאַלענעם האָט מען אויפגעהויבן מיט די קאָלבעס און כדי אים כלומרשט אונטערצושפּאַרן, אים געהאַקט איבערן רוקן און הענט. אַנדערע האָבן אויף זיי געוואָרפן פערד־מיסט, אַנדע־רע האָבן געכאַפּט שניי אין די הענט און אים צעריבן אויף די אויסגעגאָלטע קעפּ פון די גלחים אָדער אַריינגעלאָזט הינטער זייערע קיטלען. מ'האָט אַראָפּגעשלעפּט די שנירלעך פון די טראָמטייטלעך און די פּאָטערס צו די העלדזער צוגעבונדן, דער־נאָך האָבן די זעלנער זיי פאַרן צווייטן עק אָנגעכאַפּט און מאַכנ־

דיק דעם אַנשטעל, אַז זיי פירן בהמות אויף אַ יאַרמאַרק, האָבן זיי אויפן קול די מקחים אויסגעשריגן.

זיי ביידע זענען געגאַנגען שטיל מיט הענט צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט, מיט אַ תפילה אויף די ליפּן. מ'האָט זיי צום סוף ציטערנדיקע פון קעלט, פאַרפייניקטע אין אַ שייער פאַרשפּאַרט; און פון אַלע זייטן זענען וואַכן מיט ביקסן אויסגעשטעלט געוואָרן.

באַם קלויסטער האָט מען שוין צו וויסן געטון מילערס באַפעל, אָדער, בעסער געזאָגט, דראָונג.

ס'האָבן זיך דערשראָקן די פּאָטערס. ס'האָט דאָס גאַנצע חייל אַ גרויל אָנגעכאַפּט. די האַרמאַטן זענען אַנטשוויגן געוואָרן; דער פאַרזאַמלטער ראַט האָט נישט געוווסט וואָס צו טון. איבעריגן די פּאָטערס אין די באַרבאַרישע הענט איז געווען אוממעגלעך; שיקן אַנדערע, וועט זיי מילער ווידער פאַרהאַלטן. אָבער מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט ער אַליין צוגעשיקט אַ שליח מיט אַן אָנפראַגע, וואָס די נזירים האָבן בדעה צו טון.

מ'האָט אים געענטפערט, אַז כּל־זמן ער וועט די פּאָטערס נישט באַפרייען, קענען קיין שום אונטערהאַנדלונגען נישט פאַרקומען, ווייל ווי אַזוי קענען די נזירים גיבן, אַז דער גענעראַל וועט אָפּהיטן די תּנאים, אויב טראָץ דעם קאַרדינאַלן פעלקעררעכט פאַרשפּאַרט ער שליחים, וואָס זייער אומבאַרירלעכקייט שוינען אפילו די באַרבאַרישע פעלקער.

אויף דיזאָזיקע דערקלערונג איז גיך קיין תשובה נישט געגעבן געוואָרן, אַ שרעקלעכע אומזיכערקייט האָט דעריבער געדריקט דעם קלויסטער און אָפּגעקילט די התלהבֿות אין די פאַרטיידיקער.

די שוועדישע חיילות ווידער, באַוואָרענט דורך די פאַרהאַלטענע געפאַנגענע, האָבן פיבערהאַפט געאַרבעט, כּדי בענטער צוצוקומען צו דער ביז־איצט אומצוטריטלעכער פעסטונג. מ'האָט מיט די לעצטע כּוחות נייע פאַרשאַנצונגען געשאָטן, קוישן מיט ערד אַנגעשטעלט, האַרמאַטן אַוועקגעשטעלט, די עזותדיקע זעלנער האָבן זיך צוגערוקט צו די מויערן אויף אַ האַלבן שאָס

פון אַ ביקס, זיי האָבן געדראָט דעם קלויסטער, די פּאַרטיידיי־קער, די האַלב שכורע זעלנער האָבן געשריגן, אויפהייבנדיק די הענט צו די מויערן:

— גיט אונטער דעם קלויסטער, אָדער זייט וויסן, אַז אייערע נזירים וועלן הענגען!

אַנדערע האָבן מוראדיק געלעסטערט די הייליקסטע בתולה און די קאַטוילישע אמונה. די באַלאַגערטע האָבן, נישט וועלנדיק שטעלן אין סכנה דאָס לעבן פון די פּאָטערס, געמוזט דאָס אַלץ געדולדיק אויסהערן. קמיטשיצן האָט די רציחה דעם אָטעם אין דער ברוסט פאַרשפּאַרט. ער האָט זיך געריסן די האָר פון דער טשופּרינע, די מלבושים אויף זיך און פאַרברעכנדיק די הענט, האָט ער איבערגעחזרט צום הער טשאַרניעצקי:

— אָט, כ'האָב געזאָגט, צו וואָס אונטערהאַנדלען מיט די גנבים! איצט שטיי, לייד! און זיי קריכן אין די אויגן און לעסטערן!... הייליקסטע בתולה! דערבאַרעם זיך איבער מיר, גיב מיר כוח אויסצוהאַלטן!... באַ גאָט! באַלד וועלן זיי אויף די מויערן געמען קריכן!... האַלט מיך, שמידט מיך, ווי אַ רוצח, ווייל איך וועל נישט אויסהאַלטן!

יענע ווידער האָבן זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט און וואָס אַמאָל חוצפּהדיקער געלעסטערט.

דערווייל האָט געטראָפן אַ נייער פאַל, וועלכער האָט די באַלאַגערטע צו יאוש דערפירט. דער קיעווער קאַשטעלאַן האָט אונטערגעבנדיק קראָקע זיך אויסגערעדט, אַז ער וועט אַרויס מיטן גאַנצן חייל און צוזאַמען מיט אים בלייבן אין שלעזיע אַזש ביז צום סוף פון דער מלחמה. זיבן הונדערט פוסגייער פון דידאָזיקע חיילות, פון דער קעניגלעכער גוואַרדיע אונטער דער פירונג פון פּולקאָווניק וואָלף, זענען שוין געשטאַנען נאָענט בײַ דער גרענעץ און פאַרלאָזנדיק זיך אויף די טראַקטאַטן, אויף קיין שום זאַך זיך נישט געריכט.

און אָט האָט ווזשעשטשאָוויטש אָנגערעדט מילערן, אַז ער זאָל דידאָזיקע מענטשן פאַרכאַפּן. מילער האָט אַרויסגעשיקט ווזשעשטשאָוויטשן אַליין מיט צוויי טויזנט רייטער, וועלכע זענען

באַנאַכט אַריבער די גרענעץ, באַפאַלן די שלאָפנדיקע און זיי פאַרכאַפּט ביז צו איינעם. נאָכדעם ווי מ'האָט זיי אין שוועדישן לאַגער אַראָפּגעבראַכט האָט מילער זיי געהייסן בכיוון אַרום דער מויער אַרומפירן, כדי צו ווייזן די גלחים, אַז דאָסדאָזיקע חייל, פון וועלכן זיי האָבן זיך געריכט אויף הילף, וועט גאָר דינען אויף איינצונעמען טשענסטאָכאָוו.

אַ גרויל האָט אָנגעכאַפּט די באַלאַגערטע, ווען זיי האָבן דערזען דידאָזיקע גלענצנדיקע קעניגלעכע גוואַרדיע, וואָס איז אַרומגעשלעפּט געוואָרן באַ די מויערן; ווייל קיינער האָט נישט געצווייפלט, אַז מילער וועט זיי די ערשטע צווינגען צום שטורם.

אין חייל איז ווידער אַנטשטאַנען אַ בהלה; מאַנכע זעלנער האָבן גענומען ברעכן דאָס כלי-זיין און רופן, אַז עס איז שוין נישטאָ קיין עצה, נאָר מ'דאַרף זיך גיכער אונטערגעבן. עס האָבן פאַרלוירן דעם מוט אויך די שליאַכטשיצעס.

מאַנכע פון זיי האָבן זיך ווידער געווענדט צו קאָרדעצקין מיט בקשות, אַז ער זאָל רחמנות האָבן אויף זייערע קינדער, אויפן הייליקן אָרט, אויפן בילד און אויף דער קלויסטער-קהלה. דער אָנזען פון פריאָר און פון הער זאַמאָיסקי האָבן קוים געקלעקט אויף איינצושטילן דידאָזיקע מהומה.

און קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט קודם-כל געטראַכט וועגן באַפרייען די פאַרשפאַרטע פאַטערס און זיך געכאַפּט צום בעסטן מיטל: ער האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו מילערן, אַז ער וועט גערן פאַר דער טובה פון דער קירך יעדן ברידער מקריב זיין. זאָל דעריבער דער גענעראַל זיי פאַרמשפטן צום טויט; עס וועלן דערנאָך אַלע אַנדערע וויסן, וואָס מ'קען פון אים דערוואַרטן און וואָס פאַר אַן אמונה מ'קען האָבן אין זיינע הבטחות.

מילער איז געווען מלא-שמחה, ווייל ער האָט געמיינט, אַז עס האַלט שוין באַם סוף. נישט מיטאַמאָל האָט ער אָבער גע־גלייבט אין קאָרדעצקיס ווערטער און אין זיין גרייטקייט מקריב צו זיין די בזירים. איינעם פון זיי, דעם קסיאָנדז בלעשינסקי, האָט ער אַרויסגעשיקט אין קלויסטער, בינדנדיק אים דורך אַ שבועה,

אַז ער וועט אַליין גוטוויליק צוריקקערן אַלץ אייגנס, וואָס פאַר אַ תשובה ער וועט ברענגען. ער האָט אים אויך געבונדן מיט אַ שבועה, אַז ער וועט רעדן וועגן דער שוועדישער מאַכט און וועגן דער אוממעגלעכקייט פון אַ ווידערשטאַנד. דער גזיר האָט אַלץ געטריי איבערגעחזרט, אָבער זיינע אויגן האָבן גערעדט עפּעס אַנדערש, און צום סוף האָט ער געזאָגט:

— שאַצנדיק אָבער דאָס לעבן נידעריקער, ווי די טובה פון דער עדה, וואַרט איך אויפן באַשלוס פון ראַט און דאָס, וואָס איר וועט באַשליסן וועל איך דעם שונא צוריקקערנדיק געטריי איבערגעבן.

מ'האָט אים געהייסן ענטפערן, אַז דער קלויסטער שטרעבט צו אונטערהאַנדלונגען, אָבער ער קען נישט גלייבן אַ גענעראַל, וואָס פאַרשפּאַרט שליחים. אויפן צווייטן טאָג איז אין קלויסטער געקומען דער צווייטער פון די אַרויסגעשיקטע פּאַטערס, מאַלאַכאָווסקי, און ער איז אַוועק מיט אַן ענלעכער תשובה.

דאַמאָלס האָבן זיי ביידע דערהערט דעם טויט-אורטייל.

געווען איז דאָס אין מילערס קוואַרטיר און עס זענען ביי־געווען דער שטאַב און חשובע אָפיצירן. אַלע האָבן זיי זיך גוט איינגעקוקט אין די פּנימער פון די גזירים, ווילנדיק זען, וואָס פאַר אַ רושם דער פּסק-דין וועט אויף זיי מאַכן און מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג האָבן זיי אויף ביידן דערזען אַזאַ גרויסע, אַזאַ נישט ערדישע שמחה, ווי מ'וואָלט זיי די גליקלעכסטע בשורה אָנגעזאָגט. די בלאַסע באַקן פון די גלחים האָבן זיך מיטאַמאָל פאַררויטלט, די אויגן זענען געוואָרן פול מיט גלאַנץ און פּאַטער מאַלאַכאָווסקי האָט געזאָגט מיט אַ שטים, וואָס האָט געציטערט פון גערירטקייט:

— אַך! פאַרוואָס שטאַרבן מיר נישט היינט, אויב ס'איז אונדז באַשערט צו פאַלן אַ קרבן פאַר גאָט און דעם קעניג!...

מילער האָט זיי תּיכּף געהייסן אַרויספירן. די איבעריקע אָפיצירן האָבן איינער דעם אַנדערן אָנגעקוקט, צום סוף האָט עמעצער פון זיי זיך אָנגערופן:

— מיט אַזאַ פאַנאַטיזם איז שווער צו קעמפן.

און ערשט העסקי האָט דערויף געענטפערט:

— אַזאַ אמונה האָבן נאָר די ערשטע קריסטן געהאַט. דאָס האָט איר געוואָלט זאָגן?

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו ווזשעשטשאָוויטשן.

— הער ווייהארד — האָט ער געזאָגט — כ׳בין אַ בעל צו וויסן, וואָס איר טראַכט וועגן דידאָזיקע גזירים?

— איך דאַרף זיך מיט זיי דעם קאָפּ נישט פּאַרדרייען — האָט ווזשעשטשאָוויטש חוצפּהדיק געענטפערט — דער הער גענע־ראַל האָט שוין וועגן זיי געטראַכט!

אין דעם איז סאַדאָווסקי אַרויפגעטרעטן אין מיטן שטוב און זיך אַוועקגעשטעלט פאַר מילערן.

— דער היכווירדיקער הער וועט דידאָזיקע גזירים נישט הייסן אומברענגען! — האָט ער אַנטשלאָסן געזאָגט.

— פאַרוואָס עפּעס?

— דערפאַר, ווייל דאַמאָלס וועט וועגן וועלכע עס איז אונטערהאַנדלונגען שוין קיין רייד נישט זיין, ווייל אין גאַרביזאָן פון דער פעסטונג וועט זיך אָנצינדן אַ פייער פון נקמה, ווייל די־דאָזיקע מענטשן וועלן אין אַזאַ פאַל גיכער איינער אויפן אַנדערן פאַלן, איידער זיך אונטערגעבן...

— וויטעמבערג שיקט מיר צו שווערע האַרמאַטן.

— איר וועט דאָס נישט טון — האָט סאַדאָווסקי ענערגיש געזאָגט — ווייל דאָס זענען שליחים, וואָס זענען געקומען אַהער מיט צוטרוי!

— איך וועל זיי דאָך נישט ; ויפן צוטרוי הייסן אויפהענ־גען נאָר אויף דער תליה.

— דער אָפּקלאַנג פון דאָזיקן שריט וועט זיך צעהילכן איבערן גאַנצן לאַנד, וועט אַלעמענס הערצער אויפברויזן און זיי פון אונדז אָפּווענדן.

— לאָזט מיך צורו מיט אייערע אָפּקלאַנגען!... כ׳האָב שוין וועגן זיי הונדערט מאָל געהערט.

— איר וועט דאָס נישט טון אָן וויסן פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט!

— איר האָט נישט קיין רעכט מיר צו דערמאָנען מיינע פליכטן לגבי דעם קעניג!

— אָבער כ'האָב אַ רעכט צו בעטן וועגן באַפרייען מיך פון דינסט און די מאַטיוון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט פאָרצושטעלן. כ'וויל זיין אַ זעלנער, נישט קיין תלין!...

פירשט העסקי איז אויך אַרויס אין מיטן שטוב און אָס-טענטאַטיוו געזאָגט:

— הער סאַדאָווסקי, גיט מיר אייער האַנט. איר זענט אַ שליאַכטשיץ און אַן ערלעכער מאַן!

— וואָס איז דאָס? וואָס באַדייט דאָס?! — האָט מילער געשריגן, אַריס טוענדיק זיך פון אָרט.

— גענעראַל — האָט פירשט העסקי קאַלט געזאָגט — איך דערלויב זיך צו האָבן די מיינונג, אַז הער סאַדאָווסקי איז אַן ערלעכער מאַן און איך האַלט, אַז איך בין דערמיט נישט עובר אויף די דיסציפלין?

מילער האָט נישט גערן געהאַט דעם פירשט העסקי, אָבער ווי מענטשן פון נידעריקער אָפּשטאַמונג, האָט אים אויך זייער שטאַרק אימפּאָנירט דערדאָזיקער קאַלטער, העפלעכער און צוגלייך פאַראַכטנדיקער אופן רעדן, וואָס ליגט אין דער טבע פון מענטשן פון הויכן יחוס. מילער האָט זיך אפילו שטאַרק באמת איבערצו-בעמען דידאָזיקע מאַניר, וואָס עס האָט זיך אים איבעריקנס נישט איינגעגעבן. ער האָט פונדעסטוועגן גובר געווען דעם כעס און רויקער געזאָגט:

— די נזירים וועלן מאָרגן הונגערן.

— דאָס איז נישט מיין זאַך — האָט פירשט העסקי גע-ענטפערט — אָבער אין אַזאַ פאַל הייסט נאָך היינט זיך וואַרפן אויף די צוויי טויזנט פאָליאַקן, וואָס געפינען זיך אין אונדזער לאַגער, ווייל אויב איר וועט דאָס נישט טון, וועלן זיי מאָרגן אויף אונדז זיך וואַרפן.. אַ שוועדישער זעלנער פילט זיך שוין אַזוי אויך צווישן זייערע געצעלטן, ווי צווישן וועלף. דאָס אין אַלץ, וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן, און איצט דערלויב איך זיך צו ווינטשן אייך הצלחה...

בײַ דידאָזיקע ווערטער איז ער אַרויס פון דער קוואַר־
טיר.

מילער האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט זיך צו ווײַט פאַר־
גאַלאָפּירט. אָבער די באַפעלן האָט ער נישט צוריקגעצויגן און
דעמזעלבן טאָג נאָך האָט מען גענומען אויפשטעלן אַ תליה פאַר
די אויגן פון גאַנצן קלויסטער. גלײַכצײַטיק האָבן די זעלנער,
אויסנוצנדיק דעם געשלאָסענעם וואָפנשטילשטאַנד, זיך צוגערוקט
נאָך נענטער צו די מויערן, נישט אויפהערנדיק חוזק צו מאַכן,
צו זידלען, לעכטערן, רעדן. גאַנצע מאַסן זייערע האָבן זיך
אַרויפגעדראַפּעט אויפן באַרג; זיי זענען געשטאַנען אַזוי געדיכט,
ווי זיי וואָלטן זיך געגרייט צו אַ שטורעם.

דאָ האָט הער קמיטשיץ, וועלכער האָט נישט געשמידט,
ווי ער האָט דאָס געבעטן, באמת נישט אויסגעהאַלטן און אויס־
געקנאַלט פון האַרמאַט אין דער גרעסטער קופּע, און אַזוי גוט
געטראָפן, אַז ער האָט אַוועקגעלייגט די אַלע זעלנער, וואָס האָבן
זיך געפונען אַקעגנאיבער דעם לאָך. דאָס איז געווען ווי אַ לאָ־
זונג, ווײַל באַלד האָבן אָן באַפעלן און אַפילו קעגן זיי זיך
צעשפּילט אַלע האַרמאַטן, ס'האָבן געקנאַלט די ביקסן און פּיס־
טאָלעטן.

די שוועדן, וואָס זענען פון אַלע זײַטן געווען אויסגע־
שטעלט אויפן פײַער, האָבן מיט אַ געהײַל און מיט אַ געקוויטש
גענומען אַנטלויפן פון דער פעסטונג, אויסלייגנדיק דעם וועג
געדיכט מיט הרוגים.

טשאַרניעצקי איז צוגעשפּרונגען צו קמיטשיצן.

— דו ווייסט, אַז עס קומט דערפאַר אַ קויל אין קאָפּ?

— כ'ווייס, ס'איז מיר אַלץ איינס! זאָל מען מיך...

— אויב אַזוי, ציל גוט!

קמיטשיץ האָט גוט געצילט.

באַלד אָבער האָט ער שוין נישט געהאַט אין וואָס צו צילן.
אַ גרויסע צערודערונג איז דערווײַל געוואָרן אין שוועדישן לאַ־
גער, אָבער ס'איז געווען אַזוי קלאָר, אַז די שוועדן האָבן די ער־

שטע פאַרגוואַלטיקט דעם וואָפּ־שטילשטאַנד, אַז מילער אַליין האָט אין האַרצן גערעכט געגעבן די יאַזנאָגירער.

נאָך מער! קמיטשיצן איז אפילו ניט אייגעפאַלן, אַז מיט זיינע שאָסן האָט ער מציל געווען דאָס לעבן פון די פּאַטערס, ווייל מילער האָט צוליב זיי זיך איבערצייגט, אַז די נזירים זענען אין לעצטן פאַל באמת גרייט פאַר דער טובה פון דער קירך און פון קלויסטער מקריב צו זיין ביידע מיטברידער. די שאָסן האָבן אים דערביי אויך אַריינגעהאַקט דעם געדאַנק אין קאָפּ, אַז אויב עס וועט אַ האָר געריהרט ווערן פון די קעפּ פון די שליחים, וועט ער שוין עפּעס אַנדערש, אַ חוץ אַזעלכע דונערס, מצד דעם קלויסטער ניט דערהערן.

און צו מאָרגנס האָט ער ביידע פאַרשפּאַרטע נזירים פאַרבעטן אויף מיטאָג און מיט אַ טאָג שפּעטער זיי אַפּגעשיקט אין קלויסטער.

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט געוויינט אויף זייער אָנבליק, אַלע האָבן זיי אַרומגענומען און זיך געחידושט, הערנדיק פון זיי, אַז זיי האָבן טאַקע יענעם שיסעריי זייער לעבן צו פאַרדאַנקען. דער פּריאָר, וועלכער האָט לכתחילה געהאַט תרעומות אויף קמיטשיצן, האָט אים באַלד צוגערופן און געזאָגט:

— כ'בין בייז געווען, ווייל כ'האָב געמיינט, אַז דו האָסט זיי אומגעבראַכט, אָבער אַצינד, אַז די הייליקסטע בתולה האָט דיר דעם געדאַנק אין קאָפּ אַריינגעגעבן. דאָס איז אַ צייכן פון גנאָד, פריי דיך!...

— טייערסטער, ליבער פּאָטער, עס וועלן שוין ניט זיין קיין אונטערהאַנדלונגען? — האָט קמיטשיץ געפרעגט, קושנדיק אים אין די הענט.

אָבער ער האָט עס קוים אַרויסגעזאָגט, קוים געענדיקט, ווי אַ טראָמפּייטל האָט זיך באַם טויער אָנגערופן און אַ נייער שליח פון מילערן איז אין קלויסטער אַריינגעקומען.

געווען איז דאָס הער קוקליגאָווסקי, פירער פון אַ פּריוואַ־ליקן פאָלק, וואָס האָט זיך געשלעפּט מיט די שוועדן.

די גרעסטע אויסוואורפן, אָן ערע און אָן גלויבן, האָבן געדינט אין דאָזיקן פאָלק, און צום טייל ניט־קאַטאָליקן, ווי לו־

טעראַנער, אַריאַנער, קאַלווינער. דערמיט האָט זיך דערקלערט זייער פֿרייַנטשאַפֿט פֿון די שוועדן, אָבער דער עיקר האָט זיי געטריבן אין מילערס לאַגער דער חשק צו גזלען און ראַבעווען. די דאָזיקע באַנדע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿאַרטריבענע שלאַכטשיצעס, פֿון מענטשן, וואָס זענען אַנטלאָפֿן פֿון תּפֿיסות און פֿון תּלינס הענט, און פֿון דינער, וואָס זענען אָפּגעריסן געוואָרן פֿון דעם שטריק, איז אַ ביסל ענלעך געווען אויף קמיטשיצס אַמאָליקע פּאַרטיע, נאָר יענע האָבן זיך געשלאָגן ווי די לייבן, און זיי האָבן בעסער געוואָלט ראַבעווען, שלאַכטשאַנקעס איבער די הויפֿן צרות אָנטון, שטאַלן און גזלט-שענק באַרויבן. — קוקלינאָווסקי אַליין איז דערפֿאַר ווייניקער ענלעך געווען אויף קמיטשיצן. די עלטער האָט מיט גרויקייט זיינע האָר באַשפּרענקלט, אַ פּנים האָט ער געהאַט אַ פֿאַרוועלקטס, אַן עזותדיקס און אַ חוצפּהדיקס. די אויגן, אומגעוויינטלעך בלאַסע און רויבערישע, האָבן עדות געזאָגט אויף אַ היציקן כאַראַקטער. געווען איז דאָס איינער פֿון יענע זעלנער, וואָס צוליב זייער לוסטיקן לעבן, און פֿסדרדיקע מלחמות איז אין זיי דאָס געוויסן פֿאַרטעמפּט געוואָרן ביז גאָר. אַ סך אַזעלכע האָבן דעמאָלס נאָך דער דרייסיק-יעריקער מלחמה זיך אַרומגעדרייט אין גאַנץ דייטשלאַנד און פּוילן. זיי זענען גרייט געווען צו דינען יעדן און נישט איינמאָל האָט אַ פּשוטער טראַף אַנטשידן, אויף וועמענס צד זיי זאָלן זיך שטעלן.

דאָס פֿאָטערלאַנד, די אמונה, הקיצור אַלע הייליקייטן זענען זיי לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. זייער איינציק גלויבן איז געווען די זעלנערישע דינסט, אין איר האָבן זיי געזוכט תּענוגים, אויסגעלאַסנקייט, נוצן און שכירות ביז צום פֿאַרגעסן זיך. אָבער אַז זיי האָבן שוין געהאַט אויסגעקליבן עפּעס אַ לאַגער, האָבן זיי אים געוויינטלעך געטריי געדינט, און דאָס צוליב אַ געוויסן זעלנעריש-גזלנישן ערן-געפֿיל און כּדי זיך און אַנדערע דעם נישט קאַליע צו מאַכן. פֿון דעם מין איז אויך געווען קוקלינאָווסקי. דער גרויסער מוט און אומגעהייערע פֿאַרביסנקייט האָבן אים אויסגעאַרבעט אַן אָנזען צווישן די רשעים. ס'איז אים לייכט אָנגעקומען צו ווערבירן מענטשן. אַ לעבן לאַנג האָט ער אָפּגע-

רינט אין פאַרשידענע פעלקער און לאַגערן. אין כיטש איז ער געווען אַן אַטאַמאַן; ער האָט געפירט פעלקער קיין וואַלאַכיע; אין דייטשלאַנד האָט ער ווערבירט פרייוויליקע בשעת דער דרייסיק־יאָריקער מלחמה און זיך קונה שם געווען אַלס קאַוואַלעריע־קאָמענדאַנט. זיינע קרומע פיס, אויסגעבויגן ווי די האָקנס, האָבן עדות געזאָגט, אַז דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן האָט ער פאַרבראַכט אויפן פערד. דאַר איז ער דערביי געווען ווי אַ שטעקן און אַ ביסל איינגעהויקערט פון אויסגעלאַסענעם לעבן. אַ סך בלוט, וואָס איז נישט בלויז אין מלחמות פאַרגאָסן געוואָרן, האָט ער געהאַט אויף זיין געוויסן. און פונדעסטוועגן איז דאָס נישט געווען אַ מענטש בטבע גאָר אַ שלעכטער, ער האָט צייטנווייז געהאַט איידעלערע נטיות, ער איז גאָר געווען ביזן מאַרך פון די ביינער פאַרדאָרבן און פאַרחוצפהט. ער פלעגט אַליין נישט איינמאָל שכורערהייט אין אַן אינטימער חברותה זאָגן: „כ'האָב אָפגעטאָן נישט איין זך, פאַר וועלכער אַ דונער האָט מיך געדאַרפט טרעפן און ער האָט מיך נישט געטראָפן".

דידאָזיקע אומבאַשטראָפטקייט האָט גורם זעווען, אַז ער האָט נישט געגלייבט אין גאָטס משפט און שטראָף, נישט בלויז אויף דער וועלט, נאָר אויך אויף יענער וועלט, אַנדערש גערעדט, ער האָט נישט געגלייבט אין גאָט, ער האָט אָבער געגלייבט אין טייוול, אין מכשפות, אין אַסטראָלאָגן און אין אַלכעמיע.

אָנגעטאָן האָט ער זיך אויפן פוילישן שטייגער, ווייל ער האָט דידאָזיקע הלבשה באַטראַכט פאַר די פאַסיקסטע פאַר אַ קאַוואַלעריסט: נאָר די וואָנצן, וואָס זענען נאָך שוואַרץ געווען, האָט ער אונטערגעשוירן אויפן שוועדישן שטייגער און זיי צעקעמט אין צוויי אינדערהייך פאַריסענע עקן. אין רעדן פלעגט ער אַלע אויסדריקן פאַרקלענערן, ווי אַ קינד, וואָס עס האָט געמאַכט אַ משונהדיקן רושם אין מויל פון אַזאַ מחבל און אכזר, וואָס האָט געזאָפן מענטשלעך בלוט. ער האָט גערעדט אַ סך און באַדימעריש, ווייל ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ חשובן מענטש און פאַר איינעם פון די גרעסטע פּאָלקאָווניקעס אין דער וועלט.

מילער, וועלכער האָט, הגם אין אַ גרעסערן פאַרנעם, אַליין

גזהערט צו דעם מין מענטשן, האָט אים זייער געהאַלטן, און באַזונדערס האָט ער אים ליב געהאַט צו זעצן בײַ זײַן טיש. איצט האָט זיך קוקלינאַווסקי אים אַליין אָנגעוואָרפן פאַר אַ צו־העלפער, גוט־זאָגנדיק, אַז מיט זײַן חיתוך־הדבור וועט ער בײַ די גלחים בײַלד פועלן, אַז זיי זאָלן זיך אונטערגעבן.

פריִער נאָך, ווען הע״ זאַמאָיסקי, דער שראַדזער שווערד־טרעגער, האָט נאָכן אַרעסט פון די גלחים בכבודו ובעצמו זיך געקליבן צו גיין אין מילערס לאַגער און געפאָדערט אַן ערוב־ניק, האָט מילער געשיקט קוקלינאָווסקין; הער זאַמאָיסקי און קסיאָנדזו קאָרדעצקי האָבן אים אָבער נישט אָנגענומען, אַלס מענטש פון ניעט געהעריקן אָנזען.

פון דאַמאָלס אָן איז קוקלינאָווסקי, באַליידיקט אין זײַן אייגן־ליבע, געוואָרן אַ דם שונא די פאַרטיידיקער פון יאַסנאַ־גוראַ און באַשלאָסן מיט אַלע כוחות זיי שאַדן צו ברענגען.

ער האָט זיך דעריבער אָנגעבאָטן פאַר אַ שליח, איינמאָל צוליב דער שליחות גופא, און צווייטנס, כדי זיך גוט אַרומצוקוקן און דאָ און דאָרט אַ גיפטיק קערנדל צו פאַרזייען. אַזוי ווי ער איז פון לאַנג אָן געווען באַקאַנט זעם הער טשאַרניעצקי, איז ער צוגעגאַנגען צום טויער, וואָס איז דורך אים געהיטן גע־וואָרן, אָבער הער טשאַרניעצקי איז גראָד געשלאָפן, קמיטשיץ האָט אים פאַרביטן; ער האָט אַריינגעפירט דעם גאַסט און אים געבראַכט אין ראָט־זאַל.

קוקלינאָווסקי האָט מיטן אויג פון אַ מבין אַ קוק געטון אויף קמיטשיצן און בײַלד האָט בײַ אים שטאַרק נושא־חן געווען נישט בלויז די פיגור, נאָר אויך די מוסטערהאַפטע זעלנערישע באַוואָפנונג פון יונגן ריטער.

— אַ זעלנערל דערשפירט בײַלד אַן עכט זעלנערל — האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק די האַנט צום היטל — כ׳האָב זיך נישט גערעכט, אַז די גלחימלעך וועלן האָבן אַזעלכע פיינע אָפי־צירן צו זייער דינסט. ווי הייסט איר, כ׳בעט אייך? ...

אין קמיטשיצן, וועלכער האָט אין זיך געהאַט די קנאות

פון יעדן בעל־תשובה, האָט דאָס גאַנצע בלוט אויפגעקאָכט, באַזונדערס אויף די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געדינט די שוועדן; פונדעסטוועגן האָט ער זיך דערמאַנט אין די נישט לאַנגע תרעומות פון קסיאָנדז קאָרדעצקי, אין די חשיבות, וואָס יענער האָט די אונטערהאַנדלונגען צוגעגעבן, און דעריבער קאַלט, אָבער רויק געענטפערט:

— איך בין באַבינישט, געוועזענער פּולקאָווניק פון ליטווישן חייל, און איצט פרייוויליק אין דינסט פון דער הייליקסטער בתולה.

— און איך בין קוקלינאָווסקי, אויך אַ פּולקאָווניק, וועגן וועלכן איר האָט אוודאי געהערט, ווייל נישט אין איין מלחמהלע האָט מען דעמדאָזיקן נאָמען און דאָסדאָזיקע שווערדל (דאָ האָט ער זיך א זעץ געטון אין דער זייט) דערמאַנט, נישט בלויז דאָ אין דער רעפּובליק, נאָר אויך אין אויסלאַנד.

— איך פאַרנייג זיך — האָט קמיטשיץ געזאָגט — כ'האָב געהערט.

— נו, אַזוי גאָר... זענט איר פון ליטע?... אויך דאָרט זענען פאַרהאַן באַרימטע זעלנער... מיר ווייסן איינער וועגן אַנדערן, ווייל דער שופר פון רום לאָזט זיך הערן פון איין עק וועלט אין צווייטן... האָט איר דאָרט געקענט אַ געוויסן קמיטשיץ?

די פראַגע איז געפאַלן אַזוי אומגעריכט, אַז הער אַנדזשעי איז געבליבן שטיין ווי אַן איינגעגראָבענער.

— פאַרוואָס פרעגט איר דען וועגן אים.

— ווייל איך האָב אים ליב, הגם איך קען אים נישט; ווייל מיר זענען צו זיך ענלעך, ווי אַ פּאָר שטיוול... און איך זאָג דאָס שטענדיק: צוויי אמתע זעלנער (כ'בעט אייך איבער) זענען פאַרהאַן אין דער רעפּובליק: איך אין קרוין־פּוילן, און קמיטשיץ אין ליטע... אַ פּאָר טייבעלעך, האַ? איר האָט אים געקענט פערזענלעך?

— אַז געהרגעט זאָלסטו ווערן! — האָט קמיטשיץ געטראַכט.

דערמאָנענדיק זיך אָבער, אַז קוקלינאָווסקי איז אַ שליח, האָט ער הויך געענטפערט:

— פערזענלעך האָב איך אים נישט געקענט... אָט דאָ גייט אַריין, ווייל דאָרט וואָרט שוין דער ראַט.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיץ אים אָנ עוויז די טיר, פון וועלכער איינער פון די גלחים איז אַרויס מקבל־פנים זיין דעם גאַסט. קוקלינאָווסקי איז צוזאַמען מיט אים אַוועק אין ראַט־זאַל, אָבער פריער נאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט צו קמי־טשיצן.

— עס וועט מיר ליב זיין, הער ריטער — האָט ער גע־זאָגט — אויב אויך צוריקוועגס וועט איר מיך באַגלייטן און נישט קיין אַנדערער.

— איך וועל דאָ אויף אייך וואַרטן — האָט הער קמיטשיץ געענטפערט.

און ער איז געבליבן אַליין. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענומען שפאַנען אַהין און צוריק מיט גיכע טריט. די גאַנצע נשמה האָט אין אים געברויזט, און דאָס האַרץ איז אים באַגאָסן געוואָרן מיט שוואַרץ בלוט פון רציחה.

— סמאָלע קלעבט זיך נישט אַזוי צו צו אַ מלבוש, ווי שאַנד צו אַ נאָמען! — האָט ער געברומט. — דערדאָזיקער אויסוואורף, דערדאָזיקער שווינדלער, דערדאָזיקער בוגד, האָט די העזה מיך צו רופן ברודער און צו האַלטן מיך פאַר זיינס גלייכן. אָט וואָס איך האָב דערלעבט! אַלע פאַרברעכער האַלטן מיך פאַר זייער חבר, און קיין שום לייטישער מענטש דערמאַנט מיך נישט אָן עקל. כ'האָב נאָך ווייניק געטון, ווייניק!... ווען איך וואָלט על־כל־פנים דידאָזיקע שעלמע געקענט אָנלערנען... ס'קען אַנדערש נישט זיין, נאָר איך מוז אים מקיים פסק זיין...

די באַראַטונג אין ראַט־זאַל האָט לאַנג געדויערט. ס'איז גע־וואָרן פינסטער.

קמיטשיץ האָט נאָך אַלץ געוואַרט.

צום סוף האָט הער קוקלינאָווסקי זיך באַוויזן. זיין פנים האָט הער אַנדזשע נישט געקענט זען, אָבער פון גיכן סאָפּן האָט ער

געדרונגען, אַז די מיסיע האָט זיך אים לחלוטין נישט איינגעגעבן און אַז ער האָט אויך פון איר קיין נחת נישט געהאַט, ווייל ער האָט אפילו צום שמועסן דעם חשק אָנגעוווירן. זיי זענען בכן אַ געוויסע צייט געגאַנגען שטילשווייגנדיק, דערווייל האָט קמיטשיץ באַשלאָסן צו דערגיין דעם אמת, ער האָט דעריבער געזאָגט, מאַכנ־דיק בכּוון דעם אַנשטעל, ווי ער וואָלט אים מיטגעפילט:

— איר גייט מסתמא צוריק מיט גאָרנישט... אונדזערע גלחים זענען איינגעשפּאַרט, און צווישן אונדז גערעדט (דאָ האָט ער די שטים אַראָפּגעלאָזט) טוען זיי שלעכט, ווייל אייביק קענען מיר זיך דאָך נישט פּאַרטיידיקן.

הער קוקלינאָווסקי האָט זיך אָפּגעשטעלט און אים אַ צי געטון פאַרן אַרבל.

— אַ, איר האַלט, אַז זיי טוען שלעכט? איר האָט אַ קלוג קעפּעלע, האָט איר! פון די גלחימלעך וועט מען מאַכן קרעפּל־פלייש — איך זאָג־גוט דערפאַר! קוקלינאָווסקין ווילן זיי נישט פאָלגן, וועלן זיי פאָלגן זיין שווערד.

— זעט איר, מיר גייט אויך נישט וועגן זיי — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — נאָר וועגן אָרט, וואָס איז הייליק, נישטאָ וואָס צו זאָגן!... און וואָס שפּעטער עס וועט זיך אונטערגעבן, אַלץ שווערער מוזן זיין די באַדינגונגען... סיידן, אַז ס'איז אמת, וואָס מ'זאָגט, אַז אין לאַנד ברעכן אויס מהומות, אַז דאָ און דאָרט נעמט מען די שוועדן שלאָגן און אַז דער כאַן גייט צו הילף. אויב אַזוי, וועט מילער מוזן אָפּטרעטן.

— איך וועל איך בסוד אָנפּאַרטרויען: אַ חשקל צום שוועדישן בלוט וועקט זיך אין לאַנד, און אַ סגרה, אַז אויך אין חיל, אמת!... וועגן כאַן שמועסט מען אויך! אָבער מילער וועט נישט אָפּטרעטן. אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט צו אונדז שווערע האַרמאַטן אָנקומען... מיר וועלן אַרויסגראָבן דידאָזיקע פוקסן פון גריב, און שפּעטער זאָל זיין, וואָס עס זאָל זיין!... אָבער איר האָט אַ קלוג קעפּעלע!

— אָט איז דאָס טויער! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — דאָ

לאָזט איך מיך מיט אייך שיידן... סיידן, איר ווילט, אַז איך זאָל אייך פון באַרג אַראָפּפירן?

— פירט אַראָפּ, פירט אַראָפּ! מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט איר אַ שליח נאָכגעשאָסן!

— ע! וואָס רעדט איר?!

— אפשר אומגערן... אָבער פירט בעסער אַראָפּ... כ׳וויל אייך אויך זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

— איך א״יך אויך.

— איז גוט.

זיי זענען אַרויס אויף יענער זייט טויער און זיך אַריינגעלאָזט אין די פינסטערניש. דאָ האָט קוקליניאָווסקי זיך אָפּגעשטעלט און אָנכאַפּנדיק ווידער קמיטשיצן פאַרן אַרבל, האָט ער געזאָגט:

— איר, הער ריטער, ווייזט מיר אויס צו זיין אַ מענטש מיט אַ פלינקן און געזעצטן שכל, און דערביי שפיר איך אין אייך אַ זעלנערל פון בלוט און פלייש... צו וועלכע רוחות טויג אייך צו האַלטן מיט גלחים און נישט מיט מיליטער־לייט, צו וואָס זאָלט איר זיין אַ משרת באַ גלחים?... אין אונדזער חברותא איז בעסער און פרייכער באַ כוסות, ווערפל, מיט מיידלעך... איר פאַרשטייט? וואָס?

דאָ האָט ער אים דעם עלנבויגן מיט די פינגער אַ קוועטש געטון.

— דאָסדאָזיקע הויז — האָט ער ווייטער געזאָגט, אָנווייזנדיק מיטן פינגער אויף די פעסטונג — ברענט... און אַ נאַר איז דער, וואָס אַנטלויפט נישט פון אַ ברענענדיקן הויז. איר האָט אפשר מורא פאַרן נאָמען בוגד?... שפייט אויף די, וואָס וועלן אייך אַזוי אָנרופן! קומט אין אונדזער קאָמפּאַניע... איך, קוקליניאָווסקי, לייג דאָס אייך פאָר. ווילט איר, פאָלגט... ווילט איר נישט, פאָלגט נישט... פאַראיבל וועל איך נישט האָבן. דער גענעראַל וועט אייך גוט אויפנעמען, איך זאָג אייך גוט דערפאַר, און באַ מיר ״״״ איר נושא־חן געווען און איך זאָג אייך דאָס פון פריינטשאַפט־וועגן. אַ פריילעך קאַמפּאַניעלע, אַ פריילעכס! דעם זעלבערס פרייהייט

באַשטייט אין דעם, אַז ער זאָל דינען וועמען ער וויל. ווי קומט איר צו נזיר'ם! אויב די ערלעכקייט האַלט אייך צוריק, קרעכצט זי אויס! געדענקט, אַז אויך ערלעכע דינען באַ אונדז. אַזוי פיל שליאַכטשיצעס, אַזוי פיל שררות, העטמאַנעס... פאַרוואָס זאָלט איר בעסער זיין? ווער האַלט זיך דען באַ אונדזער קמיטשיצן — קיינער נישט! איין סאַפּיעהאַ רודפט ראַדזיווילן עד חרמה.

קמיטשיץ איז געוואָרן ביי־גערי׳ק.

— סאַפּיעהאַ, זאָגט איר, רודפט ראַדזיווילן?

— יאָ, ער האָט אים מוראדיק דאָרט אין פּאָדלעסיע צעקלאַפּט, און איצט באַלאַגערט ער אים אין טיקאָטשין. און מיר שטערן נישט!

— ס'הייסט?

— ווייל דער שוועדישער קעניג וויל, אַז זיי זאָלן זיך אויפעסן. ראַדזיוויל איז קיינמאָל נישט געווען זיכער, ער האָט נאָר וועגן זיך געטראַכט... דערביי איז אַ סברה, אַז ער עטעמט קוים. אויב ער האָט צוגעלאָזט, אַז מ'זאָל אים באַלאַגערן, איז שוין שלעכט מיט אים... עס איז שוין אַ סוף מיט אים.

— און די שוועדן גייען אים נישט צו הילף?

— ווער זאָל גיין? דער קעניג אַליין איז אין פּרייסן, ווייל דאָרט איז דער ענין וויכטיקער... דאָס קורפירשטל האָט ביז איצט זיך אַרויסגעדרייט, איצט וועט ער זיך נישט אַרויסדרייען. אין גרויס־פּוילן איז אַ מלחמהלע, וויטעמבערג איז בייטיק אין קראָקע. דוגלאַס האָט צו טון מיט די בערג־לייט, זיי האָבן בכן איבערגעלאָזט ראַדזיווילן זיך אַליין. זאָל אים דאָרט סאַפּיעהאַ אויפעסן, סאַפּיעהאַ איז אויסגעוואַקסן, דאָס איז אמת... אָבער ס'וועט אויך אויף אים קומען אַ צייט. זאָל נאָר אונדזער קאַרל מיט די פּרייסן פאַרטיק ווערן, וועט ער דערנאָך סאַפּיעהאַן שוין אַראָפּרייסן די הערנער. איצט איז קעגן אים קיין עצה נישטאָ, ווייל גאַנץ ליטע האַלט מיט אים.

— און זשאַמעט?

— זשאַמעט האָט פּאַנטוסל דע לאַ גאַרדי אין די לאַפּעס, און דאָס זענען שווערע לאַפּעס, איך קען אים.

— איז ראַדזיוויל אַזוי געפאַלן, ער, וואָס איז מיט זיין מאַכט צו מלכים געווען געגליכן?

— ער גייט שוין אויס, ער גייט אויס...

— גאָטס דרכים זענען וווּנדערלעך!

— דאָס מלחמה-רעדל האָט זיך איבערגעדרייט. אָבער גענוג וועגן דעם! נו, וואָס זאָגט איר? וועט איר זיך נישט מיישב זיין וועגן דעם פאָרשלאָג, וואָס איך האָב אייך געמאַכט? איר וועט נישט חרטה האָבן! קומט צו אונדז. אויב ס'איז היינט צו פרי, לייגט זיך איבער ביז מאָרגן, ביז איבערמאָרגן, ביז די גרויסע הארמאַטן וועלן אָנקומען. זיי האָבן ווייזט אויס צו-רוי צו אייך, אויב איר קענט צוריסגיין פון טויער, ווי איצט, א שטייגער... אָדער קומט מיט בריוו און קערט מער נישט צוריק...

— איר ציט אויף דער שוועדישער זייט, ווייל איר זענט א שוועדישער שליח — האָט קמיטשיץ מיטאַמאָל געזאָגט — איר קענט נישט אַנדערש, הגם אין האַרצן ווער ווייסט, וואָס איר טראַכט דאָרט. פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס דינען די שוועדן, און אין האַרצן ווינטשען זיי זיי שלעכטס.

— אויף מיין ריטערלעך וואָרט! — האָט קוקלינאָווסקי געענטפערט — אַז איך רעד אויפריכטיק און נישט דערפאַר, ווייל איך דערפיל די פונקציע פון א שליח. הינטערן טויער בין איך שוין נישט קיין שליח און אויב איר ווילט, ווער איך גוטוויליק אויס שליח און זאָג אייך ווי א פריוואַטער מענטש: שיקט צום טייוול דידאָזיקע פאַסקודנע פעסטונג!

— רעדט איר, הייסט עס, ווי א פריוואַטער מענטש?

— יאָ.

— און כ'קען אייך ווי א פריוואַטן מענטש ענטפערן?

— ווי איר זעט מיך א לעבעדיקן! איך לייג דאָס אַליין פאָר.

— אויב אַזוי, הערט מיך אויס, הער קוקלינאָווסקי — (דאָ

האָט קמיטשיץ זיך אַראָפּגעבויגן און אַ קוק געטון דעם מחבל גלייך אין די אויגן אַריין) — איר זענט אַ שעלמע, אַ בוגד, אַ שווינדלער, אַ רשע און אַ כלב־שבכלבים! איר האָט גענוג, אָדער איך זאָל אייך נאָך אין די אויגן אָנשפּייען?

קוקלינאָווסקי האָט זיך אַזוי פאַרחידושט, אַז אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטי. שווייגן.

— וואָס איז דאָס?... ס'הייסט?... הער איך גוט?

— איר האָט, הײַנט אייבער, גענוג, אָדער איר ווילט, כ'זאָל אייך אין די אויגן אָנשפּייען?

קוקלינאָווסקי האָט אַ בליץ־געטון מיט דער שווערד, אָבער קמיטשיץ האָט מיט זיין אייזערנער האַנט אים פאַר דער פויסט אָנגעכאַפּט, האָט אים דעם עלנבויגן אויסגעדרייט, די שווערד אַרויס־געריסן און דערנאָך אַ זעץ געטון אין דער באַק, אַז עס האָט אַזש אַ הילך געטון אין דער פינסטערניש, האָט צוגעלייגט פון דער צווייטער זייט, מיט אים אין דער האַנט אַ דריי געטון ווי מיט אַ טרענדערל און דערלאַנגענדיק אַ שטויס מיטן גאַנצן כוח, האָט ער אויסגעשריגן:

— אַ פּריוואַטן מענטש, נישט קיין שליח!...

קוקלינאָווסקי האָט זיך אַראָפּגעקייקלט, ווי אַ שטיין, און הער אַנדזשעי איז רויק אַוועק צום טויער.

געשען איז דאָס אויף אַן אָרט, וווּ דער באַרג בויגט זיך אויס, אַזוי, אַז פון די מויערן איז זיי שווער געווען צו זען. אָבער בײַם טויער האָט קמיטשיץ באַגעגנט דעם שוין וואַרטנדיקן קסיאָדזש קאָרדעצקי, וועלכער האָט אים באַלד אַוועקגעפירט אין אַ זייט און געפרעגט:

— אין וואָס האָסטו אַזוי לאַנג געטון מיט קוקלינאָווסקין?

— כ'האָב זיך מיט אים אַריינגעלאָזט אין אַ פאַרטרוילעכן שמועס — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט.

— וואָס האָט ער דיר געזאָגט?

— ער האָט מיר געזאָגט, אַז וועגן כאַן איז אמת.

— געלויבט איז גאָט, וואָס קען די הערצער פון געצן־דינער פאַרענדערן און פון שונאים מאַכן פריינט.

— ער האָט מיר אויך געזאָגט, אַז גרויספּוילן האָט זיך אַ ריר געטון...

— געלויבט איז גאָט!

— אַז די מלוכה־חיילות פאַרלירן וואָס אַמאָל מער דעם חשק צו שטיין אויף דער זייט פון די שוועדן, אַז אין פּאָלעסיע האָט דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, סאַפּיעהאַ, צעקלאַפּט דעם בוגד ראַדזיוויל, האָבנדיק אַלע ערלעכע בירגער אויף זיין זייט. גאַנץ ליטע האַלט מיט אים, אַ חוץ זשאַמעט, וועלכע פּאַנטוס האָט פאַרכאַפּט...

— געלויבט איז גאָט! מער האָט איר גאָרנישט גערעדט?

— יאָ, קוקליגאָווסקי האָט מיך נאָך אָנגערעדט, אַז איך זאָל צו די שוועדן אַריבערגיין.

— אויף דעם האָב איך זיך געריכט — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט — דאָס איז אַ שלעכטער מענטש... און וואָס האָסטו אים געענטפערט?

— זעט איר, הויך־ווירדיקער פאָטער, ער האָט צו מיר געזאָגט אַזוי: „איך ליג אין אַ זייט מיין אַמט אַלס שליח, וואָס איך הער סיי ווי אויף צו זיין אויף דער זייט טויער, און איך רעד אייך אָן ווי אַ פּריוואַטער מענטש". און איך האָב אים נאָך פון זיכערקייט־וועגן געפרעגט צי איך קען אים ווי אַ פּריוואַטן מענטש ענטפערן? האָט ער געזאָגט: „גוט!" — דאַמאָלס...

— וואָס דאַמאָלס?

— דאַמאָלס האָב איך אים דערלאַנגט אין פּיסק, און ער האָט זיך פון באַרג אַראָפּגעקאָלערט.

— אין נאָמען פון פאָטער און זון און גייסט!

— זייט נישט בייז, פאָטער... כ'האָב דאָס זייער געשיקט געמאַכט, און ער וועט דאָרט זיכער פאַר קיינעם מיט קיין וואָרט זיך נישט אַרויסכאַפּן!

דער קסיאָנדז האָט אַ ווײַלע געשוויגן.

— דו האָסט דאָס אויף אַ גאַנץ כשרן אופן געטון, איך

וויס! — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָנגערופן — עס אַרט מיך נאָר, וואָס דו האָסט דיר אַ נײַעם שונא אײַנגעקויפט... דאָס איז אַ שרעקלעכער מענטש!

— ע! מיט איינעם מער, מיט איינעם ווייניקער! ... — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

און דערנאָך האָט ער זיך אַראָפּגעבויגן צום קסיאָנדזס אויער.

— פּירשט באָגוסלאַוו — האָט ער געזאָגט — אָט דאָס הייסט אַ שונא! וואָס פֿאַר אַ חשיבות האָט פֿאַר מיר צו אַ קוקלי־באַווסקי! כ׳וועל זיך אויף אים אפֿילו נישט אומקוקן.

קאַפּיטל 17.

דערווייל האָט זיך אָנגערופן דער מוראדיקער אַרפּואַיד ווייסעמבערג. אַ חשובער אָפיציר האָט זיין שטרענגן בריוו געבראַכט אין קלויסטער מיט אַ באַפעל פאַר די פאַטערס איבערצוגעבן די פעסטונג מילערן. „אין אומגעקערטן פאַל — האָט ווייסעמבערג געשריבן — אויב איר וועט נישט אָפּשטעלן דעם ווידערשטאַנד און נישט וועלן נאָכגעבן דעם דערמאַנטן הער גענעראַל, זייט בטוח אַז עס וואַ־ט אויף אייך אַ האַרבע שטראָף, וועלכע וועט אַנדערע דינען פאַר אַ ביישפּיל. און שולדיק וועט איר אַליין זיין".

די פאַטערס האָבן נאָכן אָפּנעמען דעמדאָזיקן בריוו באַשלאָסן ווי פריער צו פאַרשלעפּן, פאַרשטעלנדיק יעדן טאָג נייע שוועריקייטן, און ווידער האָבן גענומען פליסן די טעג, בשעת וועלכע דאָס געקנאַל פון די האַרמאַטן האָט איבערגעריסן די אונטערהאַנדלונגען און אומגעקערט.

מילער האָט דערקלערט, אַז נאָר כּדי צו באַוואָרענען דעם

קלויסטער פאַר הפקרדיקע מחנות וויל ער אין אים אַריינפירן זיין גאַרניזאָן.

די פּאַטערס האָבן געענטפערט, אַז קוים איז זייער גאַרניזאָן בכוח צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַזאַ מעכטיקן פירער, ווי דער הער גענעראַל, וועט ער ערשט רעכט גענוג זיין קעגן הפקרדיקע מחנות. זיי האָבן דערייבער געבעטן מילערן אין נאָמען פון אַלץ, וואָס איז הייליק, אין נאָמען פון דרך־ארץ, וואָס דאָס פאָלק האָט פאַרן דאָזיקן אָרט, אין נאָמען פון גאָט און פון מאַריאַס כבוד, אַז ער זאָל זיך גיין קיין ווילן אָדער ווו עס געפעלט אים. אָבער אויך די שוועדישע געדולד האָט געפּלאַצט. די הנהגה פון די באַלאַגעאַטע, וועלכע האָבן גלייכצייטיק געבעטן רחמים און וואָס אַמאָל געדיכטער געשאָסן פון די האַרמאַטן, האָט דעם פירער און דאָס חייל פון די כלים אַרויסגעבראַכט.

מילערס מוח האָט פון אָנהייב אָן נישט געקענט באַנעמען, פאַרוואָס דאָס איינע אָרט ווערט זיך, בשעת דאָס גאַנצע לאַנד האָט זיך אונטערגעגעבן, וואָס פאַר אַ כוח האָט עס אונטער, אין נאָמען פון וועלכע האָפענונגען ווילן די דאָזיקע גוירים זיך נישט אונטערגעבן, צו וואָס שטרעבן זיי, אויף וואָס וואַרטן זיי?

אָבער די פאַרפלאָסענע צייט האָט אויף די דאָזיקע שאלות געגעבן וואָס אַמאָל קלאָרערע תשובות. דער ווידערשטאַנד, וואָס האָט זיך דאָ אָנגעהויבן, האָט זיך פאַרשפּרייט ווי אַ שרפה.

בײַ זיין גענוג טעמפּן מוח, האָט דער גענעראַל צום סוף איינגעזען, וועגן וואָס דעם קסיאָנדז קאָרדעצקי איז געגאַנגען, ווייל, אגב, האָט אים דאָס סאַדאָווסקי זייער קלאָר מסביר געווען: אַז נישט וועגן יענעם פעלזיקן נעסט, נישט וועגן יאַסנאַגורא, נישט וועגן די אָנגעקליבענע אוצרות אין קלויסטער, נישט וועגן דער זיכערקייט פון דער עדה — נאָר וועגן גורל פון דער גאַנצער רעפּובליק. מילער האָט איינגעזען, אַז יענער שטילער קסיאָנדז האָט געוווסט, וואָס ער טוט, אַז ער האָט געהאַט דאָס באַוווסטזיין פון זיין שליחות, אַז ער איז אויפגעשטאַנען ווי אַ נביא, כדי דעם לאַנד פאַר אַ ביישפּיל צו דינען, כדי מיט אַ מעכטיקער שטים אויסצורופן אויף מזרח און מערב, אויף צפון

און דרום: שטאַרקט די הערצער! — כּדי די שלאָפנדיקע, צי דורך אַן אייגענעם נצחון, צי דורך טויט און קרבנות, פון שלאָף אויפצוּוועקן, די זינדיקע מחזיר-למוטב צו זיין, ליכט אין דער פינסטערניש אַריינצוטראָגן.

איינזעענדיק דאָס, האָט דערדאָזיקער אַלטער מלחמה-מאַן פּשוט זיך דערשראָקן אי פאַר דעמדאָזיקן פּאַרטיידיקער, אי פאַר דעם אייגענעם אויפגאַב. מיטאַמאָל האָט יענע טשענסטאָכאָווער „הינער-שטייג" אין זיינע אויגן אויסגעזען ווי אַ ריזיקער באַרג, וואָס ווערט פּאַרטיידיקט דורך אַ טיטאַן, און אַליין האָט דער גע-נעראַל זיך אויסגעוויזן קליין, און אויף די אייגענע אַרמיי האָט ער צום ערשטן מאָל אין לעבן אַ קוק געטון, ווי אויף אַ הייפל בישטיקע ווערעמלעך. זיי זאָלן דאָס אויפהייבן די האַנט אויף דידאָזיקע אַזוי אימהדיקע, סודותדיקע און הימל-הויכע מאַכט? מילערן איז אַ פּחד באַפאַלן און ספקות האָבן גענומען זיך אין זיין האַרץ אַריינגנבענען. וויסנדיק, אַז מ'וועט אויף אים די שולד אַרויפוואַרפן, האָט ער אַליין גענומען זוכן די שולדיקע און זיין כּעס האָט ער קודם-כּל צו ווזשעשטשאָוויטשן אויסגעלאָזט. עס זע-נען אין לאַגער אַנטשטאַנען סכסוכים און אַן אומאייניקייט האָט גענומען די הערצער איינס קעגן אַנדערן אויפרייצן; די באַלאַ-גערונג-אַרבעטן האָבן געמוזט דערפון ליידן.

אָבער מילער איז צו לאַנג אין זיין גאַנצן לעבן געווינט געווען צו מעסטן מענטשן און געשעענישן מיט דער געווייגטלע-כער זעלנערישער מאָס, אַז ער זאָל ווילנדיג זיך נישט טרייסטן נאָך מיטן געדאַנק, אַז די פעסטונג וועט זיך סוף-כּל-סוף אונטער-געבן. און געמענדיק די זאַכן לויט די מענטשלעכע השגות, האָט דאָך גאָר אַנדערש נישט געקענט זיין. האָט דאָך וויטעמבערג אים צ געשיקט זעקס האַרמאַטן פון שווערסטן קאַליבער, וועלכע האָבן שוין באַ קראָקע געוויזן זייער מאַכט.

— צום טייוול! — האָט מילער געטראַכט — אַזעלכע מויערן וועלן נישט אויסהאַלטן אַזעלכע שווערע האַרמאַטן, און ווען זידאָזיקע נעסט פון שרעקן, פאַנאַטיזם, כּישוף וועט מיטן רויך

אויסקלייַבן, וועלן באַלד די זאַכן און אַנדערע ווענדונג אָננעמען און דאָס גאַנצע לאַנד וועט זיך באַרויִקן.

ביז די גרעסערע האַרמאַטן וועלן אָנקומען, האָט ער דערווייל געהייסן שיסן פון די קלענערע. די טעג פון קאַמף האָבן צוריקגעקערט. אומזיסט אָבער זענען די פייערדיקע קוילן געפאַלן אויף די דעכער, אומזיסט האָבן די טיכטיקסטע קאַנאָניערן איבערמענטשלעכע אָנשטרענגונגען געמאַכט. וויפיל מאָל דער ווינט האָט דעם ים רויִק אָוועקגעבלאָזן, האָט דער קלויסטער זיך אַנטפּלעקט אומבאַרירט, אַ הערלעכער ווי תּמיד, אַ דערהויבענער, מיט די טורעמס, וואָס האָבן זיך רויִק אין בלויען חלל אַרייַנגעשניטן. דערווייל האָבן פּאַסירט פאַלן, וואָס האָבן פאַרשפּרייט אַ פּאַנאַטישע שרעק צווישן די באַלאַגערער. דאָ זייַנען די קוילן אַריבערגעפלויגן איבערן גאַנצן באַרג און געטראָפן די זעלבע, וואָס זענען געשטאַנען פון דער צווייטער זייט; דאָ איז אַ קאַנאָניער, וואָס איז געווען פאַרנומען מיט אָנשטעלן דעם האַרמאַט, מיטאַמאָל געפאַלן; דאָ האָבן זיך די רויכן אויסגעלייגט אין אימהדיקע און אויסטערלישע געשטאַלטן; דאָ האָט דער פּילווער אין די ביקסן מיטאַמאָל זיך אָנגעצונדן, ווי מ׳וואָלט אים מיט אַן אומגעזעענער האַנט אונטערגעצונדן.

אַ חוץ דעם זענען כּסדר אומגעקומען די זעלנער, וועלכע האָבן יחידימווייז, זאַלבעצווייט, אָדער זאַלבעדריט אַרויסגעשמעקט פון לאַגער. מ׳האָט אין דעם חושד געווען די פּוילישע הילףפּולקן, וועלכע האָבן, אַ חוץ קוקליניאָווסקיס פּולק, זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען וועלכן עס איז אָנטייל אין די באַלאַגערונג־אַרבעטן און אָנגענומען וואָס אַמאָל אַ מער דראָענדיקע שטעלונג. מילער האָט דעם פּולקאָווניק זבראָזשעק געדראָט מיט אַ משפּט קעגן זייַנע מענטשן, ער אָבער האָט אים געענטפערט פאַר אַלע אָפיצירן אין די אויגן: „פּרווט, גענעראַל!“

די אָפיצירן פון פּוילישע פּולקן האָבן זיך בכּיוון געשלעפּט איבערן שוועדישן לאַגער, אַרויסווייזנדיק די זעלבער פאַראַכטונג און ביטול און פאַרפירנדיק מחלוקתן מיט די אָפיצירן. ס׳איז דערפון געקומען צו דועלן, אין וועלכע די שוועדן, וועלכע זענען

ווייניקער אין פעכטן געווען געניט, זענען דאָס רוב געפאַלן אַלס קרבנות. מילער האָט אַרויסגעגעבן אַ שטרענגע פאַראָרדנונג קעגן די דועלן און צום סוף געאסרט די פוילישע אָפיצירן אַריינצוקומען אין לאַגער. דער פועל־יוצא דערפֿון איז געווען, אַז צום סוף זענען ביידע לאַגערס געלעגן איינס לעבן אַנדערן ווי פיינטלעכע צדדים, וואָס וואַרטן נאָר אויף אַ שעת־הכושר צום קאַמף.

און דער קלויסטער האָט זיך פאַרטיידיקט וואָס אַמאָל בעסער. ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די האַרמאַטן, וואָס זענען צוגעשיקט געוואָרן דורכן קראָקעווער האַר, שטייען מיט גאָרנישט אָפּ פון די, וועלכע עס האָט פאַרמאָגט מילער, און די קאַנאָניערן זענען דורך זייער לאַנגער פּראַקטיק געוואָרן אַזוי געניט, אַז יעדער שאָס זייערער האָט אַוועקגעלייגט שונאים. די שוועדן האָבן אין דעם איינגעזען אַ כּישוף. די קאַנאָניערן האָבן די אָפיצירן פּשוט געענטפערט, אַז מיט דעם כּוח, וואָס שיצט דעם קלויסטער, זענען זיי נישט מסוגל צו קעמפן.

איינמאָל באַגינען איז אַנטשטאַנען אַ מהומה אין מזרח־דרומדיקן נעבן־גראַבן; די זעלנער האָבן דייטלעך דערזען אַ פרוי אין אַ בלויען מאַנטל, וואָס באַשיצט די קירך און דעם קלויסטער. אויף דעמדאָזיקן אָנבליק האָבן זיי זיך איינער אויפן אַנדערן געוואָרפן מיט די פּנימער אויף דער ערד. אומזיסט איז מילער אַליין אָנגעקומען, אומזיסט האָט ער זיי דערקלערט, אַז דאָס האָבן די נעפּלען און די רויכן זיך אויף אַזאַ אופן אויסגעלייגט; אומזיסט האָט ער צום סוף געדראָט מיט משפט און שטראָפן. אין דער ערשטער רגע האָט קיינער אים נישט געוואָלט הערן, בפרט, אַז דער גענעראַל אַליין האָט זיין פּחד נישט געקענט באַהאַלטן.

באַלד נאָכן דאָזיקן פאַרלויפעניש האָט זיך צווישן גאַנצן חיל פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז קיינער פון די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער באַלאַגערונג, וועט נישט שטאַרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט. אַ סך אָפיצירן האָבן אין דעם געגלייבט און מילער אַליין איז אויך נישט פריי געווען פון מורא, וואָרים ער

האָט אַראָפּגעבראַכט לוטעראַנישע גייסטלעכע און זיי געהייסן דעם כישוף פאַרטרייבן. זיי זענען געגאַנגען איבערן לאַגער, שעפּטשענדיק און זינגענדיק פּסאַלמען; דער פּחד האָט זיך שוין אָבער אַזוי געהאַט פאַרשפּרייט, אַז נישט איינמאָל איז זיי אויסגעקומען צו הערן פון די זעלנערס מיילער: „נישט אייער כוח, נישט אייער מאַכט!"

אינמיטן פון דער האַרמאַטן־שיסעריי איז מילערס אַ נייער שליח אַרייַנגעקומען אין קלויסטער און זיך געשטעלט פאַרן קסיאָנדז קאָרדעצקי און פאַרן ראָט.

געווען איז דאָס הער שלאַדקאָווסקי, ראַוופער וויצע־טיש־דעקער, וועלכן די שוועדישע פאַרפּאָסטנס האָבן פאַרכאַפּט, בשעת ער האָט צוריקגעקערט פון פּרייסן. מ'האָט אים אויפגענומען קאַלט און שטרענג, הגם ער האָט געהאַט אַן ערלעך פּנים און אַ בליק לויטער ווי דער הימל, ווייל די גלחים זענען שוין געווינט געווען צו בוגדים מיט ערלעכע פּנימער. אָבער ער איז פון אַזאַ קבלת־פּנים גאָרנישט נתפּעל געוואָרן און אַרויפקוקנדיק מיט די פינגער די געלע האָר אויפן שפּיץ קאָפּ, האָט ער זיך אָנגערופן:

— זאָל זיין געלויבט יעזוס קריסטוס!

— אויף אימער און אייביק! — האָבן די פאַרזאַמלטע ה״אחד אָפּגעענטפערט.

און קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט תּיכּף צוגעגעבן:

— זאָלן זיין געבענטשט די, וואָס דינען אים.

— אויך איך דין אים — האָט דער הער וויצע־טיש־דעקער געזאָגט — און אַז אַמתדיקער, ווי מילערן, וועט זיך באַלד אַרויסווייזן... הם! דערלויבט מיר, הויך־ווירדיקע און טייערע פּאָטערס, אָפּצוהוסטן, ווייל כ'מוז צוערשט די אומריינקייט אויסשפּייען... האָט, הייסט עס, מילער... טפו!... מיך געשיקט, מיין גוטער הער, צו אייך, אַז איך זאָל אייך צורעדן זיך אונטערצוגעבן... טפו!... און איך האָב די עובדא אויף מיר גענומען, כדי אייך צו זאָגן: פאַרטיידיקט זיך, טראַכט נישט וועגן אונטערגעבן זיך

ווייל די שוועדן האַלטן שוין שמאָל און דער טייוול וועט זיי בקרוב נעמען.

עס האָבן זיך פאַרחידושט די בזירים און די וועלטלעכע מענטשן, זעענדיק אַזאַ שליח; באַלד האָט דער שעראַדזער שווערד-טרעגער אויסגעשריגן:

— ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז דאָך גאָר אַן ערלעכער מענטש!

און צושפּרינגענדיק צו אים האָט ער אים גענומען די האַנט טרייסלען, און הער שלאַדקאָווסקי האָט מיט דער צווייטער פרייער האַנט ווידער גענומען די האָר אַרויפשאַרן און ווייטער געזאָגט:

— אַז איך בין נישט קיין שעלמע, וועט זיך באַלד אַרויסווייזן. איך האָב מילערן זיך אָנגעבאָטן פאַר אַ שליח נאָר דערפאַר, כדי אייך איבערצוגעבן בייעס, וועלכע זענען אַזוי גינסטיק, אַז כ׳וואָלט זיי אַלע, מיין גוטער הער, אין איין אָטעם געוואָלט אַרויסזאָגן... דאַנקען גאָט און זיין הייליקסטער מוטער, וואָס זי האָט אייך אויסגעקליבן פאַר אַ ווערקצייג די מענטשן מחזיר-למוטב צו זיין! אָנגעלערנט פון אייער ביישפּיל, פון אייער פאַרטיידיקונג, הייבט אָן דאָס לאַנד דעם שוועדישן יאָך פון זיך אַראָפּצוּוואַרפן וואָס איז דאָ צו רעדן! מ׳שלאָגט די שוועדן אין גרויספוילן און אין מאַזאָוויע, מ׳פאַרטיליקט קלענערע אָפּטיילונגען, מ׳פאַרלייגט די וועגן און דורכגענג. אין אַ סך ערטער האָט מען זיי שוין אָרנטלעך מקיים-פּסק געווען. די שליאַכטע זעצט זיך אויף די פערד, די פויערן, מיין גוטער הער, נעמען זיך צונויף אין קופּעס און אַז זיי כאַפּן אַ שוועד, רייסן זיי פון אים פּאַסן. שפּענער פליען, צויטן פליען! אָט, ווי עס האַלט, אָט צו וואָס עס איז געקומען! און ווער האָט דאָס גורם געווען? איר!

— אַ מלאך איז דאָס, אַ מלאך רעדט! — האָבן די גלחים און שליאַכטשיצעס אויסגערופן, אויפהייבנדיק די הענט צום הימל.

— נישט קיין מלאך, נאָר אַ דינער, שלאַדקאָווסקי, ראַווער וויצע-טיש-דינער... דאָס איז גאָרנישט! הערט ווייטער: דער

כאַן, וועלכער געדענקט די חסדים פון אונדזער האר קעניג יאַן קאַזשימיעזש, וועלכן גאָט זאָל געבן געזונט און לאַזן געוועל־טיקן אויף לאַנגע יאָרן אַרויס, גייט מיט הילף און ער איז שוין אַריין אין די גרענעץ פון דער רעפּובליק. די קאָזאַקן, וועלכע האָבן זיך אָקעגנגעשטעלט, האָט ער אויף שטויב צעריבן, און מיט אַ מחנה פון הונדערט טויזנט סאָטערס אײַלט ער צו לוווו צו, און כמיעלניצקי, ווילנדיק נישט ווילנדיק, גייט מיט אים.

— גאָט! גאָט! — האָבן פאַרשידענע שטימען אויסגע־רופן, ווי צוגעדריקט פון גליק.

און הער שלאַדקאָווסקי האָט זיך אַזש מיט שווייס באַ־דעקט און פאַכנדיק וואָס אַמאָל לעבעדיקער מיט די הענט, האָט ער געשריגן:

— דאָס איז נאָך גאָרנישט!... הער טשאַרניעצקי, וועלכן די שוועדן האָבן די ערשטע נישט מקיים געווען די פּונקטן, ווײַל זיי האָבן אים די פוס־בייער מיט וואָלפן פאַרכאַפּט, פּילט זיך אויפגעבונדן פון זיין וואָרט און זעצט זיך שוין אויפן פערד. קעניג קאַזשימיערזש בעמט צונויף חייל און אַ ליאַדע טאָג ועט ער אין לאַנד אַרייַנמאַרשירן, און די העטמאַנעס, הערס פּאָטערס, די העטמאַנעס: הער פּאָטאָצקי און הער לאַנצקאָראָנסקי, און צוזאַמען מיט זיי דאָס גאַנצע מיליטער, וואַרטן נאָר אויפן קע־ניגס אַרייַנקומען, כדי פון די שוועדן אָפּצוטרעטן און אַקעגן זיי די שווערדן אַ קער צו טון. דערווייל פאַרשטענדיקן זיי זיך מיטן הער סאַפּיעהאַ און מיטן כאַן. די שוועדן לעבן אין שרעק, אַ פייער ברענט אין גאַנצן לאַנד, אַ מלחמה אין גאַנצן לאַנד... וועד עס האָט אַ האַנט און פוס לאָזט זיך אַרויס אויפן שלאַכט־פעלד!

וואָס עס האָט זיך געטון אין די הערצער פון די נזירים און פון די שלאַכטשיצעס, איז שווער צו באַשרייבן, שווער אַרויס־צוזאָגן. מאַנכע האָבן געוויינט, אַנדערע זענען געפאַלן אויף די קני, נאָך אַנדערע האָבן איבערגעחזרט: „ס'קען נישט זיין, ס'קען נישט זיין!“ — דערהערנדיק דאָס, איז הער שלאַדקאָווסקי

צוגעגאַנגען צום גרויסן קרוציפיקס, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט, און אַזוי געזאָגט:

— איך לייג אַרויף די הענט אויף קריסטוסעס, מיט נעגל צוגעקלאַפּטע פיס, און שווער, אַז איך זאָג דעם ריינעם אמת. איך זאָג אייך נאָר נאָכאַמאָל: פאַרטיידיקט זיך. פאַרלירט ניט דעם מוט, טרויט ניט די שוועדן, רעכנט ניט דערויף, אַז איר וועט דורך הכנעה אָדער אונטערגעבן זיך קענען וועלכע עס איז זיכערקייט זיך גאַראַנטירן. קיין שום אָפּמאַכן, קיין שום אונטער-האַנדלונגען זענען זיי ניט מקיים. איר זענט דאָ פאַרשפּאַרט און ווייסט דעריבער ניט, וואָס עס טוט זיך אין גאַנצן לאַנד, איר ווייסט ניט פון די נגישות, פון די גוואַלטאַטן, הריגות פון גלחים, חילול-הקודש, אויסלאַכן זיך פון אַלע רעכט. אַלץ זאָגט מען אייך צו, גאַרניט האַלט מען. דאָס גאַנצע קעניגרייך איז איבערגעענטפערט געוואָרן אויפן באַראָט פון אויסגעלאַסענע זעל-נער. אפילו די, וואָס האַלטן נאָך מיט די שוועדן, קענען קיין עוולות ניט אויסמיידן... דאָס איז גאָטס שטראָף פאַר די בוגדים, וואָס האָבן אין קעניג געפעלשט... זייט אויסהאַלטע-דיק!... איך, ווי איר זעט מיך דאָ, אויב איך וועל נאָר לעבן, אויב איך וועל זיך קענען פון מילערן אַרויסדרייען, וועל מיך באַלד קיין שלעזיע צו אונדזער האַר אַוועקלאָזן. דאָרט וועל איך אים צו די פיס פאַלן און זאָגן: גנעדיקער קעניג! ראַטעווע טשענסטאָכאָוו און דיינע געטרייעסטע דינער! אָבער איר האַלט זיך, טייערסטע פאָטערס, ווייל אין אייך ליגט די ישועה פאַר דער גאַנצער רעפּובליק.

דאָ האָט הער שלאַדקאָווסקיס שטים אַ ציטער געטון און טרערן האָבן זיך אים געוויזן אין די אויגן, דערנאָך האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

— איר וועט נאָך האָבן שווערע מאָמענטן: עס גייען פון קראָקע שווערע האַרמאַטן, וואָס ווערן פון צוויי הונדערט פוס-גייער געפירט... איין האַרמאַט איז באַזונדערס מוראדיק... עס קומען שרעקלעכע שטורעמס... אָבער דאָס וועלן זיין די לעצטע אָנשטרענגונגען... האַלט דאָס נאָך אויס, ווייל בקרוב

וועט איר שוין אויסגעלייזט ווערן. איך שווער אייך אויף דײַזיקע געטלעכע ווונדן, עס וועט קומען דער קעניג, די העטמאַנעס, דאָס חייל, די גאַנצע רעפּובליק... צו ראַטעווען איר באַשיצערין... אָט וואָס איך זאָג אייך... רעטונג, אויסלייזונג, רום... שוין, שוין... בקרוב!

דאָ האָט דער ערלעכער שליאַכטשיץ זיך צעוויינט און אינאיינעם מיט אים האָבן זיך אויך אַלע צעכליפּעט.

אַך! ווי דאָסדאָזיקע אויסגעמאַטערטע הייפל פּאַרטיידיקער, דאָסדאָזיקע הייפל געטרייע און הכנעהדיקע דינער איז שוין ווערט געווען אַ גוטע בשורה און עפּעס אַ נחמה פון לאַנד!

קסיאָנדז קאָרדעצקי איז אויפגעשטאַנען פון זיין אָרט, איז צוגעגאַנגען צום הער שלאַדקאָווסקי און ברייט צענומען די אָרעמס.

שלאַדקאָווסקי האָט זיך אין זיי אַרייַנגעוואָרפן און לאַנג האָבן זיי זיך אַרומגענומען; אַנדערע האָבן, נאָכטוענדיק זייער ביישפּיל, אויך גענומען זיך פאַלן אין די אָרעמס און קושן זיך און האַלדזן זיך און ווינטשן, גלייך ווי דער שוועד וואָלט שוין געווען אָפּגעטרעטן. צום סוף האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט:

— אין דער קאַפּליצע, ברידער מײַנע, אין דער קאַפּליצע!

און ער איז געגאַנגען דער ערשטער, און נאָך אים די איבעריקע. מ׳האָט אָנגעצינדן אַלע ליכט, ווייל ס׳איז שוין געווען טונקל אין דרויסן און מ׳האָט פונאַנדערגערוקט די פאָרהאַנגען פון וווּנדערבאַרן בילד, פון וועלכן ס׳האָט זיך באַלד אַ זיסער און בלענדנדיקער שימער צעשאָטן אויף אַלע זייטן. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט אַנידערגעקניט אויף די טרעפּלעך, ווייטער די גלחים, די שליאַכטע און דאָס פּראָסטע פאָלק; עס זענען אויך אָנגעקומען די ווייבער מיט די קינדער. די פון מידעקייט אויסגעבלייכטע פנימער און פאַרוויינטע אויגן האָבן זיך צום בילד אויפגעהויבן; אָבער אונטער די טרערן האָט אויף אַלעמען שוין אַ שמייכל פון גליק געשטראַלט. אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ

שטילשווייגן, צום סוף האָט קסיאָנדז קאַרדעצקי אָנגעהויבן:

— אונטער דיינע פליגל זוכן מיר אַ שוץ, הייליקע געט־לעכע מו טער...

די ווייטערדיקע ווערטער זענען אים געבליבן שטעקן אין מויל; די פאַרמאַטערטקייט, פריערדיקע ליידן, פאַרהוילענע אומ־רויקייט צוזאַמען מיט דער פריידיקער האָפנונג אויף רעטונג זענען אין אים איבערגעגאַנגען ווי אַ ריזיקע כוואַליע; אַ שלוכצן האָט דעריבער אויפגעטרייסלט זיין ברוסט און דעם דעראַזיקער מאַן, וואָס האָט דעם גורל פון גאַנצן לאַנד געשלעפּט אויף זיינע אַקסלען, האָט זיך איצט ווי אַ קליין קינד איינגעבויגן, איז גע־פאַלן אויפן פּנים אין מיט אַ ביטערן געוויין באַוויזן נאָר אויס־צורופן:

— אָ מאַריאַ! מאַריאַ! מאַריאַ!

עס האָבן איניינעם מיט אים געוויינט אַלע, און דאָס בילד האָט פונדערהייך געזיים אַ בלענדנדיק־ליכטיקן שימער...

ערשט שפּעט אין דער נאַכט זענען די גלחים אין שליאַכטע זיך צעגאַנגען אויף די מויערן, קסיאָנדז קאַרדעצקי איז אָבער אַ גאַנצע נאַכט געבליבן ליגן, ווי אַ צלם אין דער קאַפּליצע. מ'האָט אין קלויסטער מורא געהאַט, אַז ער זאָל פון פאַרמאַטערט־קייט נישט אָפּקומען, אָבער ער האָט צומאָרגנס באַגינען זיך באַוויזן אויף די מויערן, איז געגאַנגען צווישן די זעלנער אין געבן אַ פרייליכער, אַן אויסגערוטער און דאָ און דאָרט איבערגעחזרט:

— קינדער! די הייליקסטע בתולה וועט נאָך ווייזן, אַז זי איז שטאַרקער פון די שווערע האַרמאַטן, און דערנאָך וועט קו־מען אַ סוף צו אייערע דאגות און מאַטערנישן!

דעמזעלבן באַגינען איז יאַצעק בזשוכאַנסקי, אַ טשענסטאָ־כאָווער בירגער, פאַרטעלנדיק זיך פאַר אַ שוועד, צוגעקומען צו די מויערן, כדי צו באַשטעטיקן די ידיעה וועגן אָנקומען פון די גרויסע האַרמאַטן פון קראָקע, אָבער צו דער גלייכער צייט אויך וועגן דערנענטערן זיך פון כאַן מיט דער טאַטערישער אַר־מיין ער האָט חוץ דעם אַריינגעוואָרפן אַ בריוו פון קראָקעווער

קאָנוועגט, פון פאָטער אַנטאָני פאַשקאָווסקי, אין וועלכן דער לעצטער האָט, באַשרייבנדיק די שרעקלעכע רציחות און רויבערייען פון די שוועדן, מעורר געווען און געבעטן די יאַסנאָ-גורער פאָטערס, אַז זיי זאָלן נישט גלייבן די הבטחות פון שונא און אויסהאַלטעוודיק פאַרטיידיקן דאָס הייליקע אָרט קעגן דער חוצפה פון די אפיקורסים.

„ווייל די שוועדן האָבן נישט קיין שום גלויבן (האָט קסיאָנדז פאַשקאָווסקי געשריבן) קיין שום רעליגיע. קיין שום געטלעכע און קיין שום מענטשלעכע זאַך איז פאַר זיי נישט הייליק און אומבאַרירלעך; קיין שום זאַך, וואָס איז פאַרזיכערט געוואָרן סיי דורך אָפּמאַכן, סיי דורך עפנטלעכע הבטחות — זענען זיי נישט געווינט צו האַלטן".

געווען איז דאָס גראָד אין טאָג פון „אומבאַפלעקטן נתעבר-ווערן". אַ צוואַנציק אָפיצירן און זעלנער פון די פוילישע הילף-פולקן האָבן דורך לאַנגע בקשות אויסגעפועלט באַ מילערן אַ דערלויבעניש צו גיין אין דער פעסטונג אויף די תפילות. מילער האָט אפשר גערעכנט, אַז זיי וועלן זיך אַריינלאָזן אין אַ גאָנצע חברותא מיטן גאַרניזאָן און ברענגענדיק די ידיעה וועגן די שווערע האַרמאַטן, וועלן זיי פאַרשפּרייטן שרעק, אפשר האָט ער דורך אַן אָפּזאָג נישט געוואָלט צוזאַרפּן פונקען צו די ברען-שטאָפן, וועלכע האָבן אַזוי אויך געמאַכט פאַר וואָס אַמאָל געפערלעכער די באַציונגען צווישן די פּאָליאַקן און די שוועדן — גענוג, אַז ער האָט דערלויבט.

מיט דידאָזיקע גרענעץ-זעלנער איז געקומען אַ געוויסער טאָטער, פון די פוילישע טאָטערס מאַכמעדאַנער. דערדאָזיקער טאָטער האָט באַ אַן אַלגעמיינער פאַרוווּנדערונג מעורר געווען די גזירים, אַז זיי זאָלן אומרייניע מענטשן דאָס הייליקע אָרט נישט איבערגעבן, און פאַרזיכערט, אַז די שוועדן וועלן בקרוב מיט שאַנד און בזיונות אָפּטרעטן. דאָס זעלבע האָבן איבערגע-חזרט די גרענעץ-זעלנער, באַשטעטיקנדיק הנר שלאַדקאָווסקיס מיטטיילונגען אין אַלע פרטים. דאָס אַלץ צוזאַמען גענומען האָט געהויבן דעם מוט באַ די באַלאַגערטע אַזוי ווייט, אַז זיי

האָבן גאָרנישט מורא געהאַט פאַר יענע ריזיקע האַרמאַטן און די זעלנער האָבן אפילו צווישן זיך פון זיי חווק געמאַכט.

נאָך די תפילות האָט מען פון ביידע זייטן אָנגעהויבן צו שיסן. ס'איז געווען אַ געוויסער שוועדישער זעלנער, וועלכער איז אָפטמאָל צוגעגאַנגען צו די מויערן און מיט אַ דונערנדיקער שטים געלעסטערט די הייליקסטע בתולה. אָפטמאָל האָבן די באַלאַגערטע אויך אין אים געשאָסן, אָבער שטענדיק אָן אַ פּעולה. קמיטשיצן, ווען ער האָט אַמאָל אין אים געצילט, האָט דער פייל-בויגן געפּלאַצט, און דער זעלנער איז געוואָרן װאָס אַמאָל מער פאַרחוצפּהט און האָט מיט זיין מוט נאָך אַנדערע אָנגעשטעקט, מ'האָט געזאָגט וועגן אים, אַז ער האָט צו זיין דינסט זיבן שדים, וועלכע היטן און באַשיצן אים.

אין יענעם טאָג איז ער ווידער געקומען לעסטערן, אָבער די באַלאַגערטע, וועלכע זענען בטוח געווען, אַז אין טאָג פון „אומבאַפלעקטן נתעבר-ווערן" וועט דער כישוף האָבן אַ קלענערע שליטה, האָבן באַשלאָסן אים אומבאַרינגט צו באַשטראָפן. מ'האָט אין אים געצוגן לאַנג געשאָסן אָן פּעולה, ווס סוף האָט אַ האַרמאַטן קויל נאָכדעם, ווי זי איז אָפּגעשפּרונגען פון אייזיקן וואַל און אונטע געהיפּט איבערן שניי ווי אַ פויגל, אים געטראָפן גלייך אין די ברוסט אַריין און צעריסן אויף צוויי. די פאַרטיידיקער האָבן זיך דערמיט שטאַרק דערפרייט און באַרימענדיק זיך גערופן פון די מויערן: „ווער נאָך וועט קענען איר לעסטערן?" — אָבער יענע זענען אין בהלה אַנטלאָפן אַזש ביז צו די לעבן-גראָבנס.

די שוועדן האָבן געשאָסן אין די מויערן און אויף די דעכער, אָבער זייערע קוילן האָבן נישט באַוויזן איבערצושרעקן די פאַרטיידיקער.

די אַלטע בעטלערין קאָנסטאַנציאַ, װאָס האָט געוווינט אין אַ שפּאַלט פון פעלז, איז ווי די שוועדן צום שפּאָט געגאַנגען אַרום גאַנצן אַראָפּהאַנג, צונויפקלייבנדיק אין שויס אַריין גראַנאַטן און דראָנגדיק פון צייט צו צייט די זעלנער מיטן שטעקן. האַלטנדיק זי פאַר אַ מכשפה, האָבן די זעלנער מורא געהאַט, אַז ז

זאָל זיי קיין שלעכטס נישט טון, בפרט, ווען זיי האָבן באַמערקט, אַז די קוילן טרעפן זי נישט.

צוויי גאַנצע טעג זענען אַריבער אויף אַן אומזיסטער שי־סעריי. מ׳האָט געוואָרפן אויף די דעכער שיף־שנורן, אָנגעזאַפּט זייער געדיכט מיט סמאָלע, און זיי זענען געפלויגן ווי די פייער־דיקע שלאַנגען. אָבער די מוסטערהאַפט איינגעצאַרדנטע וואַך האָט באַצייטנס פאַרהיטן פון אַ סכנה, ביז עס איז אָנגעקומען אַזאַ פינסטערע נאַכט, אַז נישט געקוקט אויף די פייער־הויפנס, פעסער מיט סמאָלע און פייער־ווערק פון קסיאַנדז לאַסאָטאַ, האָבן די באַלאַגערטע גאָרנישט געקענט זען.

דערווייל האָט צווישן די שוועדן געהערשט עפּעס אַן אומגעוויינטלעכע באַוועגונג. מ׳האָט געהערט אַ סקריפּן פון רעדער, אַ ליאַרם פון מענטשלעכע שטימען, צייטנווייז אַ הירזשן פון פערד און פאַרשידענע אַנדערע קולות. די זעלנער אויף די מויערן האָבן לייכט זיך אָנגעשטויסן, וואָס עס קומט פאָר.

— די האַרמאַטן זענען אָנגעקומען, עס קען אַנדערש נישט זיין! — האָבן אַ טייל געזאָגט.

— און מען שיט פאַרשאַנצונגען, און דאָ איז אַזאַ פינצטערניש, אַז מ׳זעט די אייגענע פינגער נישט.

די עלטסטע האָבן זיך בעראַטן וועגן אַן אַרויספאַל, צו וועלכן הער טשאַרניעצקי האָט צוגערעדט, אָבער דער שעראַדזער שווערד־טרעגער האָט זיך אַקעגנגעשטעלט, טענהדיק מיט רעכט, אַז בײַ אַזאַ ווילטיקער אַרבעט האָט דער שונא זיך געמוזט גוט באַוואָרענען און האַלט אַוודאי די פוס־גייער אויף דער וואַך. מ׳האָט בכן נאָר געשאָסן אין די צפונדיקע און דרומדיקע זייט, פון וואַנען דער גרעסטער טומל האָט זיך דערטראָגן. די פּעולה האָט מען אין דער פינסטערניש נישט געקענט זען.

לסוף איז געוואָרן טאָג און זיין ערשטער שימער האָט אַנטפּלעקט די שוועדישע אַרבעט. פון צפון און פון דרום זענען אויפגעשטעלט געוואָרן פאַרשאַנצונגען, איבער וועלכע ס׳האָבן געאַרבעט אַ פּאָר טויזנט מענטשן. זיי האָבן געשטאַרט אַזוי הויך, אַז די באַלאַגערטע האָט זיך געדוכטן, אַז זייערע שפּיצן ליגן

אויף אַ גלייכער ליניע מיט די מויערן. צווישן די רעגולערע אויסגעביטן פון די שפּיצן האָט מען געזען ריזיקע פּיסקעס פון האַרמאַטן און די האַרט הינטער זיי שטייענדיקע זעלנער, וואָס זענען פון דערווייטנס ענלעך געווען אויף אַ געווימל פון געלע פליגן.

אין דער קירך איז נאָך נישט געווען פאַרענדיקט די פרימאָרגן־תפילה, ווי אַן אומגעוויינטלעכער קנאַל האָט אויפגעטרייסלט די לופט, די שויבן האָבן אַ ציטער געטון, אַ סך זענען פון אויפטרייסלעניש אַליין פון די ראַמען אַרויסגעפאַלן און מיט אַ מוראדיקן געקלאַנג אויפן שטיינערנעם פוס־באָדן צעפּיצלט געוואָרן, און די גאַנצע קירך איז פול געוואָרן מיט שטויב, וואָס איז אַנטשטאַנען פון דעם אַראָפּגעפאַלענעם טינק.

די ריזיקע שווערע האַרמאַטן האָבן זיך צערעדט.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שרעקלעכע שיסעריי, וואָס אַזעלכע האָבן די באַלאַגערטע נאָך נישט איבערגעלעבט. נאָך דער פאַרענדיקטער תפילה זענען אַלע אַרויס אויף די מויערן און דערנער. די פריערדיקע שטורמען האָבן איצט אויסגעזען ווי אַ קינדער־שפּילעכל לגבי דעמדאָזיקן אימהדיקן בושעווען פון פייער און אייזן.

די קלענערע האַרמאַטן האָבן באַגלייט די שווערע. עס זענען געפלויגן געהאַלטיקע קוילן, גראַנאַטן, בינטלעך שמאַטעס מיט סמאָלע אָנגעזאַפּטע, פלאַקערס, פייערדיקע שנורן. זעקס און צוואַנציק־פונטיקע גראַנאַטן האָבן אָוועקגעריסן טיילן פון די מויערן, אַריינגעזעצט אין די ווענט, אַ טייל זענען אין זיי געבליבן שטעקן, אַ צווייטער טייל האָט אויסגעהאַקט ריזיקע לעכער, אויפקרייזנדיק דעם טינק, ליים און ציגל. די מויערן, וואָס האָבן אַרומגערינגלט דעם קלויסטער, האָבן גענומען דאָ און דאָרט פּלאַצן און שפּאַלטן זיך, און ווערנדיק כסדר געקלאַפּט, געקלאַפּט אָן אויפהער, האָבן זיי געדראָט האַרט צו ווערן. די קלויסטער־בנינים האָט מען פאַרשאָטן מיט פייער.

די, וואָס זענען געשטאַנען אויפן טורעם, האָבן געשפּירט, ווי ער וואַקלט זיך. די קירך האָט געציטערט פון די כסדרדיקע

אויפטרייסלעניש; אין מאַנכע אָלטאַרן זענען די ליכט אַרויסגע־ פאַלן פון די לייכטערס.

דאָס וואַסער, וואָס איז אין אומגעהייערע מאַסן אויסגע־ גאָסן געוואָרן אויף די אַנטשטאַנענע שׂרפות, אויף די צעפלאַמטע פאַקעלס, מויערן און פייערדיקע קוילן, האָט צוזאַמען מיטן רויך און שטויב געבילדעט אַזעלכע געדיכטע פאַרע־קנוילן, אַז מ׳האָט די וועלט פון אונטער זיי נישט אַרויסגעזען. עס האָבן זיך באַ־ וויזן באַשעדיקונגען אין די בנינים און אויף די מויערן. דאָס געשריי „עס ברענט!" האָט וואָס אַמאָל אָפטער אָפגעהילכט אין מיטן פון געקנאַל און געפייף פון די קוילן. באַ דעם צפונדיקן טורם זענען צוויי רעדער באַ אַ האַרמאַט צעשמעטערט געוואָרן, איין באַשעדיקטער האַרמאַט איז אַנטשוויגן געוואָרן, איין פייערדיקע קויל איז אַרייַנגעפאַלן אין אַ שטאַל, דערהרגעט דריי פערד און אַרויסגערופן אַ שׂרפה. נישט בלויז די קוילן, נאָר אויך די שפּליטערס פון די גראַנאַטן זענען אַזוי געדיכט, ווי אַ רעגן, געפאַלן אויף די דעכער, אויף די טורעמס און מויערן.

נאָך אַ קורצער ווײַלע האָבן זיך דערהערט יללות פון פאַר־ וווּנדעטע. דורך אַ באַזונדערן טראַף זענען געפאַלן דריי בחורים, יאַנס. דאָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויך אויף די אַנדערע פאַר־ טיידיקער, וואָס האָבן געטראָגן דעמזעלבן נאָמען, אָבער אין אַלגעמיין איז די פאַרטיידיקונג נישט אָפגעשטאַנען פון שטורעם. עס זענען אַרויס אויף די מויערן אפילו די ווייבער, קינדער און זקנים. די זענען געשטאַנען אויף די מויערן מיט אומדער־ שראָקענע הערצער אין רויך, פייער, אונטער אַ מבול פון קוילן און מיט פאַרביסנקייט אָפגעענטפערט אויפן פיינטלעכן פייער. אַ טייל האָבן אָנגעכאַפּט די רעדער, אַריבערפירנדיק די האַר־ מאַטן אין די אַממייַנסטן באַדראָטע ערטער, אַ צווייטער טייל האָט אין די אייַנברוכן פון די מויערן אַרייַנגעשטופּט שטיינער, האָלץ, בעקעס, מיסט, ערד.

די ווייבער מיט צעלאָזטע האָר, מיט דערהיצטע פנימער, האָבן געגעבן אַ בײַשפּיל פון מוט אין מ׳האָט געזען אַזעלכע, וואָס האָבן מיט קאַנען וואַסער זיך געיאָגט נאָך גראַנאַטן, וואָס

האָבן נאָך בעשפּרונגען און אָט-אָט געזאָלט אויפרייסן. דער ברען איז געוואַקסן מיט יעדער רגע, גלייך ווי דער ריח פון פּולווער, רויך, די פּאַרע, געקנאַל, די כוואַליעס פון פייער און אייזן וואָלטן געהאַט די אייגנשאַפט אים צו פאַרשטאַרקן. אַלע האָבן געאַרבעט אָן קאָמאַנדע, ווייל די ווערטער זענען פאַרלוירן בעגאַנגען אין מוראדיקן געפּילדער. נאָר די תחינות, וואָס זענען געזונגען געוואָרן אין דער קירך, האָבן פאַרשריגן אפילו די קולות פון די האַרמאַטן.

אַרום מיטאָג-צייט האָט דאָס פייער אויפגעהערט. אַלע האָבן אָפּגעעטעמט, אָבער באַלד האָט פאַרן טויער אַ פּויק זיך צעברומט און אַ פּויקער, פון מילערן צוגעשיקט, האָט צוקומענדיק צום טויער געפרעגט, צי די פּאַטערס האָבן שוין גענוג און צי זיי חילן זיך תיכף ומיד אונטערגעבן? עס האָט געענטפערט קסיאָנדז קאָרדעצקי אַליין, אַז ביז מאָרגן וועלן זיי זיך איבערלייגן. ווי נאָר די תשובה איז דערגאַנגען צו מילערן, האָט די אַטאַקע זיך אויפסניי אָנגעהויבן און דאָס פייער איז נאָך פאַרטאָפּלט געוואָרן.

פון צייט צו צייט האָבן טיפע רייען פון פוס-גייער זיך אונטערן פייער צוגעשאַרט צום באַרג, ווי זיי וואָלטן חשק געהאַט צו פּרוּוון שטורמען, ווערנדיק אָבער באַשאָסן פון האַרמאַטן און ביקסן, האָבן זיי יעדעס מאָל בחפזונדיק און אין אומאָרדנונג צוריקגעקערט צו די אייגענע באַטעריעס. און ווי אַ ים-כוואַליע פאַרגיסט די ברעגעס און צוריקציענדיק זיך לאָזט זי איבער אויפן זאַמד מעך, מושליעס און פאַרשידענע ברעקלעך, וואָס זענען אין וואַסער צעקרישלט געוואָרן, אַזוי האָט יעדער פון די דאָזיקע שוועדישע כוואַליעס נאָכן אָפּפליסן איבערגעלאָזט נאָך זיך הרוגים, וואָס זענען דאָ און דאָרט געווען צעוואָרפן איבער דעם אַראָפּהאַנג.

מילער האָט נישט געהייסן שיסן אין די טורמס, נאָר אין די לענג פון די מויערן, ווו דער ווידערשטאַנד איז אַמשוואַכסטן. ס'האָבן זיך טאַקע דאָ און דאָרט געבילדעט באַדייטנדיקע בלויזן

אין די מויערן, אָבער נישט גרויס גענוג, אַז די פּיסגייער זאָלן דורך זיי קענען איבעווייניק זיך אַרײַנרײַסן.

מיטאַמאָל האָט פּאַסירט אַ פֿאַל, וואָס האָט דעם שטורם איינגעהאַלטן.

געווען איז דאָס פֿאַרנאַכט, בײַ אײנעם פֿון די גרעסערע האַרמאַטן איז געשטאַנען אַ שוועדישער אַרטילעריסט מיט אַן אָנגעצונדענער קנויט, וועלכע ער האָט גראָד געזאָלט צום האַרמאַט צולייגן, ווי אַ קלויסטער־קויל האָט אים געטראָפֿן גלײַך אין דער ברוסט, אָבער אַזוי ווי זי איז געקומען נישט מיטן ערשטן אימפּעט, נאָר נאָכדעם ווי זי האָט דרײַ מאָל אָנגעקלאַפּט אין דעם אײַז, וואָס איז אויף דער פֿאַרשאַנצונג געווען אָנגעזאַמלט, האָט זי דעם מענטש צוזאַמען מיט דער קנויט נאָר אַוועקגעשליידערט אויף אַ צוואַנציק טריט. ער איז געפֿאַלן אויף אַן אָפֿענע ביקס, וועלכע איז צום טייל נאָך געווען אָנגעפֿילט מיט פּולווער. באַלד האָט אַ שרעקלעכער קנאַל אַ הילך געטון און מאַסן רויך האָבן באַדעקט די פֿאַרשאַנצונג. ווען זיי זענען צעפֿלאָסן געוואָרן האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז פֿינף אַרטילעריסטן זײַנען אומגעקומען, די רעדער פֿון האַ־מאַט זענען באַשעדיקט געוואָרן, און די איבעריקע זעלנער האָט אַן אימה אַרומגעכאַפּט. די שיסערײַ פֿון דער דאָזיקער פֿאַרשאַנצונג האָט מען לעת־עתה געמוזט אָפּשטעלן, און אַזוי ווי אַ געדיכטער נעפּל האָט דורכגעכאַפּט די פֿינסטערניש, האָט מען זי אויך אויף די איבעריקע פֿאַרשאַנצונגען אָפּגעשטעלט.

צומאָרגנס איז געווען זונטיק.

די לוטעראַנישע גייסטלעכע האָבן איבער די גראָבנס זייערע תפילות אָפּגעריכט און די האַרמאַטן האָבן שטיל געשוויגן. מילער האָט ווידער אַן פּעולה געפֿרעגט די פּאַטערס, צי זיי האָבן נישט גענוג? זיי האָבן געענטפֿערט, אַז זיי וועלן נאָך מער אַריבערטראָגן.

דערווײַל האָט מען באַקוקט די שאָדנס אין קלויסטער. זיי זענען געווען באַדײַטנדיקע. אַ חוץ דערהרגעטע מענטשן האָט מען באַמערקט, אַז אויך די מויער איז דאָ און דאָרט וואַקלדיק גע-

וואָרן. פאַר דעם שרעקלעכסטן האָט זיך אַרויסגעוויזן איין ריזיקער האַרמאַט, וואָס איז געשטאַנען פון דער דרום-זייט. ער האָט צעהאַקט די מויער אין אַזאַ מאָס, אַוועקגעריסן אַזוי פיל שטיינער און ציגל, אַז מ'האָט לייכט געקענט פאָרויסזען, דאָס אויב די שיסעריי וועט אָנהאַלטן נאָך אַ פּאָר טעג, וועט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער מויער זיך אַראָפּלאָזן און איינפאַלן.

דעם בלויז, וואָס וואָלט אין אַזאַ פאַל זיך געבילדעט, וואָלט מען ניט געקענט פאַרלייגן נישט מיט קיין בעלקעס, נישט מיט קיין ערד, נישט מיט קיין מיסט. דערפאַר טאַקע האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי אַ פאַרזאָרגטער געקוקט אויף דידאָזיקע פאַרוויסטונגען, וועלכע ער איז נישט בכוח געווען צו פאַרהיטן.

דערווייל האָט מען מאָנטיק ווידער אָנגעהויבן די אַטאַקע און דער ריזיקער האַרמאַט האָט דעם בלויז ווייטער פאַרברייטערט. ס'האָבן אָבער אויך די שוועדן געטראָפן פאַרשידענע צרות. אין אָוונט פון יענעם טאָג האָט אַ שוועדישער קאַנאָניער דערהרגעט אויפן אָרט מילערס אַ שוועסטערן-זון, וועלכן דער גענעראַל האָט ליב געהאַט ווי אַ לייבלעכן זון און בדעה געהאַט אים אַלץ איבערצולאָזן, אָנהויבנדיק פון נאָמען און מלחמה-רום און ענדיקנדיק מיטן פאַרמעגן. אָבער אין האַרצן פון אַלטן מלחמה-מאַן האָט צוליב דעם זיך ערשט רעכט צעפלאַקערט די שנאה.

די מויער איז באַם דרומדיקן טורעם שוין געווען אַזוי צעפלאַצט, אַז באַנאַכט האָט מען גענומען מאַכן הכנות צו אַ האַנט-שטורם. כדי די פוס-גייער זאָלן זיכערער קענען צוגיין צו דער פעסטונג, האָט מילער אין דער פינסטער געהייסן אָנוואַרפן אַ גאַנצע ריי קליינע פאַרשאַנצונגען אַזש ביז צום סאַמע אַראָפּהאַנג. אָבער די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, און דער ווייסער אָפּגלאַנץ פון שניי האָט אויסגעגעבן די באַוועגונגען פון שונא. די יאַסנאָ-גורער האַרמאַטן האָבן צעטריבן די אַרבעטער, וואָס זענען געווען פאַרנומען מיט אויסשטעלן דידאָזיקע וואַלן, וואָס זענען באַשטאַנען פון קערב, פלויטן, קישן און בעלקעס.

פאַרטאָגס האָט הער טשאַרניעצקי באַמערקט אַ פערטיקע

באַלאַגערונג-מאַשין, וועלכע מ׳האָט שוין צוגעפירט צו די מויערן. אָבער די באַלאַגערטע האָבן זיי מיט די האַ־מאַטן צעש־עטערט אָן שוועריקייטן; זיי האָבן דערביי אַזוי פיל מענטשן אויסגעהרגעט, אַז דערדאָזיקער טאָג וואָלט געקענט גילטן פאַר אַ טאָג פון נצחונות פאַר די באַלאַגערטע, ווען נישט יענע שווערע מאַשין, וואָס האָט די מויער כסדר מיט אַ נישט איינגעהאַלטענער קראַפט אָפּגעשוואַכט.

די ווייטערדיקע טעג האָבן געבראַכט אַ טוי-וועטער און עס האָבן זיך אויסגעלייגט אַזעלכע געדיכטע נעפּלען, אַז די גלחים האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ שטיקל אַרבעט פון שטן. מ׳האָט נישט געקענט זען נישט די מלחמה-מאַשינען, נישט די צוגע-שטעלטע וואַלן, נישט די באַלאַגערונגס-אַרבעטן. די שוועדן האָבן זיך דערנענטערט האַרט צו די קלויסטער-מויערן. אין אָוונט, ווען דער פריאָר איז ווי תמיד אַרומגעגאַנגען די מויערן, האָט טשאַר-ביעצקי אים גענומען אין אַ זייט און שטיל געזאָגט:

— שלעכט, הויכווירדיקער פאָטער. אונדזער מויער וועט לענגער ווי אַ טאָג נישט אויסהאַלטן.

— אפשר וועלן די אייגענע נעפּלען אויך זיי שטערן צו שיסן — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געענטפערט — און מיר וועלן דערווייל ווי עס איז די שאָדנס פאַריכטן.

— די נעפּלען וועלן זיי נישט שטערן, ווייל איינמאָל אָנ-געשטעלט, קען יענער האַרמאַט אויך אין דער פינסטער זיין פאַרוויסטונג-אַרבעט אויספירן, און דאָ שיטן זיך כסדר שטיקער פון דער מויער.

— אין גאָט איז אונדזער בטחון און אין דער הייליקסטער בתולה.

— יאָ! און אפשר אַן אַרויספאַל אונטערנעמען?... ס׳איז כדאי מענטשן צו פאַרלירן, אַבי עס זאָל זיך איינגעבן דעמדאָ-זיקן מלאך-חבלה צו פאַרנאָגלען?

אין דעם האָט עפּעס אַ געשטאַלט זיך באַוויזן אין נעפּל און באַביניטש איז געבליבן שטיין לעבן די שמועסנדיקע,

— איך קוק, ווער עס רעדט, ווייל אויף אַ מ־חק פון דריי

פריט קען מען קיין פנים נישט דערקענען — האָט ער גע־זאָגט — גוטן אָוונט, הויך־ווירדיקער פאָטער. וועגן וואָס רעדט איר?

— מיר רעדן וועגן דאָזיקן האַרמאַט. הער טשאַרניעצקי עצהט אַן אַרויכפאַל... דידאָזיקע בעפֿלען האָט דער שטן אויס־געלייגט... כ'האָב שוין געהייכן דורך השבעות דעם שטן פאַר־טרייבן...

— טייערער פאָטער — האָט הער אַנדזשעי געזאָגט — זייט דער שווערער האַרמאַט האַקט אונדזער מויער, טראַכט איך אַלץ איבייבעם וועגן אים און עפּעס איז מיר איינגעפאַלן... אַן אַרויספאַל איז צו גאָרנישט... אָבער לאָמיר גיין ערגעץ אין אַ שטוב, וועל איך אייך מייבע פּלענער איבערגעבן.

— גוט — האָט דער פּריאָר געזאָגט — קומט אין מיין שטיבל.

באַלד דערויף האָבן זיי זיך געזעצט בײַ אַ סאָכנאָווע טיש אין פּריאָרס אָרימען שטיבל. קסיאָנדז קאָרדעצקי און הער טשאַר־ניעצקי האָבן זיך גוט איינגעקוקט אין באַביניטשס ייִנגן פּנים; און ער האָט געזאָגט:

— דאָ איז אַן אַרויספאַל צו גאָרנישט. זיי וועלן באַ־מערקן און אָפּשלאָגן. דאָ מוז איין מענטש העלפן!

— ס'טייטש? — האָט הער טשאַרניעצקי געפרעגט.

— איין מענטש מוז גיין און דעמדאָזיקן האַרמאַט מיט פּולווער אויפרייסן. און ער קען דאָס טון, כּל־זמן עס הערשן אַזעלכע נעפּלען. צום בעסטן וואָלט געווען, אַז ער זאָל גיין פאַרשטעלטערהייט. דאָ זעבען פאַרהאַן רייט־יאַקעס ענלעכע אויף די שוועדישע. אַז מ'וועט נישט קענען אַנדערש, וועט מען זיך צווישן די שוועדן אַריינגליטשן, און אויב עס זעבען פון דער זייט פאַרשאַנצונג, פון וועלכער עס קוקט אַרויס דער פּיסק פון יענעם האַרמאַט, קיין מענטשן נישטאָ, איז אוודאַי גוט.

— בײַ גאָט! וואָס וועט איין מענטש אויפטון!

— ער דאַרף נאָר אַ ביקס מיט פּולווער דעם האַרמאַט אין פּיסק אַריינלייגן, מיט אַ נאָכהענגנדיקן פּולווער־פאָדעם און דעם

אָדעם אָנצינדן. ווען דער פּולווער וועט אויפרייסן, וועט דעם האַרמאַט דער טייוול... כ'האָב געוואָלט זאָגן: וועט דער האַרמאַט פּלאַצן!

— עי, יינגל! וואָס רעדסטו? ווייניק פּולווער שטופּט מען יעדן טאָג אין אים אַריין און ער פּלאַצט נישט?

קמיטשיק האָט זיך צעלאַכט און אַ קוש געטון דעם קסיאָנדז אין אַרבל פון קיטל.

— טייערער פּאַטער, איר האָט אַ גרויס האַרץ, אַ העלדישע און אַ הייליקס...

— אַך, לאָז צורו! — האָט דער קסיאָנדז איבערגעהאַקט.

— און אַ הייליקס — האָט קמיטשיק איבערגעחזרט — אָבער אויף האַרמאַטן קענט איר זיך נישט. — עפּעס אַנדערש איז, ווען דער פּולווער רייסט אויף אין הינטערשטן טייל פון האַרמאַט, ווייל דאַמאָלס וואַרפט ער אַרויס די קוילן און דער אימפּעט פליט אַרויס פון פאָרנט; אָבער ווען עמעצער פאַרשטאָפּט דאָס לופט-לאָך מיט פּולווער און צינדט אים אונטער, איז נישטאָ אַזאַ האַרמאַט, וואָס זאָל אַזאַ עקספּערימענט קענען אויסהאַלטן. פרעגט דעם הער טשאַרניעצקי. ווען די רער פון אַ ביקס ווערט פאַרשטאָפּט מיט שניי, ווערט זי שוין באַם שיסן דורכן אימפּעט צעזעצט. אַזאַ ווילדע קראַפט איז דאָס! מכּל-שכּן, ווען אַ גאַנצע פּולווער-ביקס רייסט אויף באַם לופט-לאָך?... פרעגט דעם הער טשאַרניעצקי.

— אַזוי איז עס. פאַר אַ זעלנער איז דאָס קיין סוד נישט! — האָט טשאַרניעצקי זיך אָנגערופן.

— איז אָט ווען מען זאָל דעמדאָזיקן האַרמאַט צעזעצן — האָט קמיטשיק ווייטער געזאָגט — זענען אַלע איבעריקע גאָרנישט!

— מיר דאַכט, אַז דאָס איז אַ זאַך, וואָס קען גאָרנישט געמאָלט זיין — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי דערויף געזאָגט — קודם-כּל, ווער וועט זיך אונטערנעמען דאָס צו טון?

— איין גרויסער לא-יצלח — האָט הער אַנדזשעי געענטפערט — אָבער אַן אַנטשלאָסענער ריטער, ער הייסט באַביניטש.

— דו? — האָבן דער קסיאָנדז און הער פּיאָטר טשאַר־ניעצקי איינגעם אויסגערופן.

— עי, גנעדיקער פּאָטער! איך האָב זיך דאָך פאַר אייך מתוודה געווען און וועגן אַלע מיינע מעשים אויפריכטיק דער־ציילט. עס זענען צווישן זיי געווען נישט ערגערע פון דעם, וואָס איך האָב איצט בדעה צו טאָן; ווי אַזוי קענט איר צווייפלען, צי איך וועל זיך אונטערנעמען? קענט איר מיך דען נישט?

— דאָס איז אַ העלד, דאָס איז אַ ריטער איבער ריטערס, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט טשאַרניעצקי אויסגעשריגן.

און אָנכאַפּנדיק קמיטשיצן פאַרן האַלדז, האָט ער ווייטער געזאָגט:

— גיב־זשע דאָס מויל בלויז פאַרן חשק, גיב־זשע דאָס מויל!

— ווייזט אָן אַנדערן אויסוועג, וועל איך נישט גיין — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אָבער עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל זיך ווי עס איז אָן עצה געבן. און געדענקט וועגן דעם, אַז איך רעד דייטש, ווי איך וואָלט מיט קלעפּקעס און מיט פּאַס־האָלץ אין דאַנציק געהאַנדלט. דאָס איז זייער וויכטיק, ווייל לאָ־מיך נאָר האָבן אַ שוועדישע הלבשה, וועלן זיי אַזוי לייכט נישט אַנטדעקן, אַז איך בין נישט פון זייער לאַגער. אָבער איך מיין, אַז פאַרן לופט־לאָך פון הארמאַט שטייט דאָרט קיינער נישט, ווייל ס׳איז נישט געווענט און אַז איך וועל די אַרבעט אָפּטון באַך איידער זיי וועלן זיך אַרומקוקן.

— הער טשאַרניעצקי, וואָס טראַכט איר וועגן דעם? — האָט דער פּריאָר מיטאַמאָל געפרעגט.

— פון הונדערט קומט נאָר איינער צוריק פון אַזאַ אונ־טערנעמונג — האָט הער פּיאָטר געענטפערט — אָבער אַ דרייסטן העלפט גאָט!

— איך בין שוין געווען אין גרעסערע ענגענישן — האָט קמיטשיץ געזאָגט — עס וועט מיר גאָרנישט זיין, ווייל אַזאַ מזל האָב איך שוין! עי, טייערער פּאָטער, וואָס פאַר אַ גרויסער חילוק! אַמאָל האָט דער מענטש צוליב באַוויין זיך מיט זיינע גבורות,

צוליב פוסטן רום זיך אויסגעשטעלט אויף די גרעסטע סכנות, און איצט טוט ער דאָס פאַרן כבוד פון דער הייליקסטער בתולה, ווען אפילו עס וואָלט אויסגעקומען דעם קאָפּ צו פאַרלירן, אין וואָס איך גלייב נישט, זאָגט אַליין: קען מען דען עמעצן א שעבערן טויט ווינטשן, ווי פאַר אַזאַ זאַך?!...

דער קסיאָנדז האָט לאַנג געשוויגן, צום סוף האָט ער געזאָגט:

— דורך געבעט און תחנונים וואָלט איך דיך אָפּגערעדט און צוריקגעהאַלטן, ווען דו וואָלסט באַר אויסן געווען דעם וועג צו רום זיך דורכצוברעכן, אָבער מיט רעכט זאָגסטו, אַז דאָ גייט וועגן כבוד פון דער הייליקסטער בתולה, וועגן דעם הייליקן אָרט, וועגן גאַנצן לאַנד! און דו, מיין זון, צי דו וועסט צוריקקערן בשלום, אָדער אומקומען — רום, דאָס העכסטע גליק, אויסלייזונג וועסטו דערגרייכן. קעגן האַרץ זאָג איך דיר דעריבער: גיי, איך האַלט דיך נישט צוריק!... אונדזערע תפילות, גאָטס שוץ וועלן מיט דיר מיטגיין...

— אין אַזאַ חברותא וועל איך דרייסט גיין און גערן אומקומען!

— און קום צוריק, גאָטס זעלבערל, קום צוריק בשלום, ווייל מיר האָבן דיך דאָ האַרציק ליב באַקומען. זאָל דיך דער הייליקער רפאל פירן און באַגלייטן, מיין קינד, מיין טייער זונדל!...

— אויב אַזוי וועל איך תיכף מאַכן די הכנות — האָט הער אַגדזשעי פריילעך געזאָגט, אַרומנעמענדיק דעם קסיאָנדז — איך וועל זיך איבערטון אויפן שוועדישן שטייגער אין א רייט-יאַקע און אין רונדיקע שטיוול, פולווער אָנלאָדעבען, און איר, פאָטער, זאָלט לעת-עתה די נאַכט די השבעות נאָך צוריקהאַלטן, ווייל דער גענעראַל איז בייטיק די שוועדן, ער איז אָבער בייטיק אויך מיר.

— ווילסט גאָרנישט זיך מתוודה זיין פאַרן לאָזן זיך אין וועג אַריין?

— ווי קען דען אַנדערש זיין! אָן דעם וואָלט איך נישט

בעגאַנגען, ווײַל דער טײַוול וואָלט צו מיר געהאַט אַ צוטריט.

— טאָ הייב טאַקע פון דעם אָן.

הער פּיאָטר איז אַרויס פון שטיבל און קמיטשיק האָט אַנידערגעקניט באַם קסיאָנדז און זיך ריינגעזאַשן פון די זינד. דערנאָך איז ער אַ פריילעכער ווי אַ פויגל אַוועק זיך מכין זיין.

מיט אַ שעה, צוויי שפּעטער, שוין שפּעט אין דער נאַכט, האָט ער ווידער אַנגעקלאַפּט אין שטיבל פון קסיאָנדז פּריאָר, וווּ הער טשאַרניעצקי האָט אויך אויף אים געוואַרט.

הער טשאַרניעצקי און דער קסיאָנדז האָבן אים קוים דער־קענט, אַזוי אויסגעצייכנט איז ער געווען פאַרשטעלט פאַר אַ שוועד. די וואָנסעס האָט ער אַרויפגעדרייט צו די אויגן און זיי צעקעמט אין די עקן, דעם קאַפּעליוש האָט ער אויף איין אויער אַראָפּגע־רוקט און אויסגעזען אַקוראַט ווי עפּעס אַ חשובער שוועדישער רייטער־אָפיציר.

— בנאמנות, דער מענטש כאַפּט זיך אַזש צו דער שווערד אויף זיין אָנבליק! — האָט הער פּיאָטר זיך אָנגערופן.

— דאָס ליכט פון דער ווייטנס! — האָט קמיטשיק אויס־גערופן — כ'וועל אייך עפּעס ווייזן!...

און ווען קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט גיך געהאַט דאָס ליכט אַוועקגערוקט, האָט הער אַנדזשעי אַרויפגעלייגט אויפן טיש אַ קישקע, אַנדערטהאַלבן פוס לאַנג, און דיק ווי אַן אָרעם פון אַ געזונטן מאַנסביל, גענייט פון אַ פּעכיקן ליווונט און פּעסט אַנגעשטאָפּט מיט פּולווער. פון איין עק אירן האָט אַראָפּ־געהאָנגען אַ לאַנג שנירל, געדרייט פון מיט שוועבל דורכגע־זאַפּטע צוויטן.

— נו! — האָט ער געזאָגט — אַז איך וועל דעמדאָזיק־סם יענעם האַרמאַט אין מויל אַרייַנלייגן און דאָס שנירל אונטער־צונדן, וועט אים דער בויך צעפּלאַצט ווערן!

— דער טייוול וואָלט אויך צעפּלאַצט געוואָרן! — האָט הער טשאַרניעצקי אויסגעשריגן.

אָבער ער האָט זיך דערמאַנט, אַז אַן אימרייַנעם נאָמען איז

בעסער נישט אַ־ויסצורעדן און זיך אַ קלאַפּ געטון אין מויל אַריין.

— און מיט וואָס וועסטו דאָס שנירל אָנצינדן? — האָט קסיאַנדז קאַרדעצקי געפרעגט.

— אין דעם שטעקט די גאַנצע סכּנה פון דער עקספּעדיציע, ווייל כ׳מוז אַ פייער אָנרייבן. כ׳האָב אַ פייַנעם פייער־שטיין, אַ טרוקענעם פייער־שוואָם און אַן אָנרייבער פון בעסטן שטאָל, אָבער עס וועט ווערן אַ רעש און זיי וועלן זיך קענען עפּעס אָנשטויסן. דאָס שנירל, האָף איך, וועלן זיי שוין נישט פאַרלעשן, ווייל עס וועט הענגען באַם האַרמאַט אויף דער באָרד און ס׳וועט אפילו שווער זיין עס צו באַמערקן, בפרט, אַז עס וועט גיריך טליען, אָבער זיי קענען זיך לאָזן מיך באַכיאָגן, און איך וועל גלייך אין קלויסטער נישט קענען אַנטלויפן.

— פאַרוואָס וועסטו נישט קענען? — האָט דער קסיאַנדז געפרעגט.

— ווייל דער אויפרייס וואָלט מיך דערהרגעט. ווי נאָר איך וועל אַ פונק אויפן שנירל דערזען, מוז איך באַלד מיט אַלע כּוחות אין אַ זייט זיך אַ לאָז טון און נאָכדעם ווי כ׳וועל האָבן אָפּגעלאָפן אַ פופציק טריט, אונטער דער פאַרשאַנצונג צו דער ערד צופאַלן. ערשט נאָכן אויפרייס וועל איך לויפן צום קלויסטער.

— גאָט, גאָט, וויפיל סכּנות! — האָט דער פּריאָר געזאָגט, אויפהייבנדיק די אויגן צום הימל.

— טייערער פאָטער, כ׳בין אַזוי זיכער, אַז איך וועל צו אייך צוריקקערן, אַז עס נעמט מיך אפילו נישט קיין געוויין, וועלכעס וואָלט באַ אַזאַ געלעגנהייט מיך געדאַרפט אָנכאַפּן. אָבער עס שאַדט גאָרנישט! זייט געזונט און בעט גאָט, אַז איך זאָל מצליח זיין. באַגלייט מיך נאָר ביז צום טויער.

— ס׳טייטש? ווילסט תּיכף גיין? — האָט הער טשאַרניעצקי געפרעגט.

— זאָל איך אפשר וואַרטן, ביז עס וועט טאָג ווערן, אָבער

בין דער נעפל וועט צעפלאָסן ווערן? איז מיר דען דאָס לעבן נישט ליב?

אָבער הער קמיטשיק איז יענע נאַכט נישט געגאַנגען, ווייל גראָד דאַמאָלס, ווען זיי זענען צוגעקומען צום טויער, האָט די נאַכט ווי אויף להכעיס גענומען העלער ווערן. מ'האָט דערביי געהערט עפּעס אַ גערודער באַם ריזיקן האַרמאַט.

צומאָרגנס אינדערפרי האָבן די באַלאַגערטע זיך איבערצייגט, אַז מ'האָט אים איבערגעטראָגן אין אַן אַנדערן אָרט.

די שוועדן האָבן אַפּנים באַקומען אַ ידיעה וועגן דער גרויסער שוואַכקייט פון דער מויער אַ ביסל ווייטער, אין עק, לעבן דעם דרומדיקן טורעם און באַשלאָסן אַהין אַ קער צו טון די גראַנאַטן. אפשר האָט אויך קסיאָנדז קאָרדעצקי געהאַט אַ שייכות צו דערדאָזיקער זאַך, ווייל מיט אַ טאָג פריער האָט מען די אַלטע קאָסטוכאַ געזען אַרויסגיין פון קלויסטער און באַנוצט האָט מען זי דער עיקר, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרשפּרייטן פאַלשע ידיעות צווישן די שוועדן. ווי עס זאָל נישט זיין, איז דאָס פון זייער זייט געווען אַ פעלער, ווייל די באַלאַגערטע האָבן בינו-לבינו געקענט אויפן אַלטן אָרט פאַרריכטן די מויער, וואָס האָט זיך שוין שטאַרק געוואַקלט, און דאָס אויסהאַקן אַ נייעם בלויז האָט געמוזן נעמען אַ פּאָר טעג.

די נעכט זענען כסדר געווען ליכטיקע, די טעג טומלדיקע. מ'האָט געשאָסן מיט אַ מוראדיקער ענערגיע. דער גייסט פון ספקות האָט ווידער גענומען שוועבן איבער די באַלאַגערטע. עס זענען צווישן די שליאַכטשיצעס געווען אַזעלכע, וואָס האָבן פּשוט זיך געוואָלט אונטערגעבן; מאַנכע נזירים האָבן אויך פאַרלוירן דעם מוט. די אָפּאָזיציע האָט צובאַקומען כוחות און אָנזען. קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט זיך איר אַקעגנגעשטעלט מיט אַ נישט איינגעהאַלטענער ענערגיע, אָבער זיין געזונט האָט גענומען אונטערהינקען. דערווייל האָבן די שוועדן באַקומען נייע פאַרשטאַרקונגען און טראַנספּאָרטן פון קראָקע, דהיינו: שרעקלעכע ברענקוילן אין דער פאָרם פון אייזערנע רערן, אָנגעשטאָפּט מיט פּול-

ווער און בליי. דידאַזיקע קוילן האָבן אָנגעמאַכט נאָך מער שרעק, ווי שאָדנס די באַלאַגערטע.

זייט קמיטשיץ האָט באַשלאָסן אויפצורייסן דעם האַרמאַט מיט פולווער, איז אים אין דער פעסטונג געוואָרן לאַנגווייליק. יעדן טאָג האָט ער מיט בענקעניש געקוקט אויף זיין קישקע. נאָך אַ ישוב־הדעת האָט ער זי געמאַכט נאָך גרעסער, אַזוי, אַז זי האָט געהאַט בערך אַן אייל אין דער לענג און דיק איז זי געווען ווי אַ כאַלעווע.

אין אָוונט האָט ער פון די מויערן געוואָרפן גיריקע בליקן אין דער זייט פון האַרמאַט, דערנאָך האָט ער באַטראַכט דעם הימל, ווי אַן אַסטראָלאָג. אָבער די ליכטיקע לבנה, וואָס האָט באַלויכטן דעם שניי, האָט כסדר צונישט געמאַכט זיין אונטער־נעמונג.

ביז עס איז מיטאַמאָל געקומען אַ טוי־וועטער, כמאַרעס האָבן פאַרשטעלט דעם האָריזאָנט און די נאַכט איז צוגעפאַלן אַ פינסטערע, כאָטש נעם דיר אַן אויג אַרויס. הער אַנדזשעי איז אַריינגעפאַלן אין אַזאַ שטימונג, ווי עמעצער וואָלט אים אויף אַ סולטאַנישן פערד צרויפגעזעצט און קוים האָט געשלאָגן האַלבע נאַכט איז ער שוין געווען באַם הער טשאַרניעצקי אין דער הלבשה פון אַ שוועדישן רייטער און מיט דער קישקע אין בוזעם.

— כ'גיי! — האָט ער געזאָגט.

— וואַרט, כ'וועל געבן צו וויסן דעם פריאָר.

— גוט. נו, הער פּיאָטר, גיב דאָס מויל און גיי נאָכן קסיאָנדז קאָרדעצקי!

טשאַרניעצקי האָט אים האַרציק אַ קוש געטון און זיך אויסגעדרייט. קוים איז ער אָפּגעגאַנגען אַ דרייסיק טריט, ווי עס האָט פאַר אים אַ בלענד געטון קסיאָנדז קאָרדעצקי. ער האָט זיך אַליין אָנגעשטויסן, אַז קמיטשיץ וועט זיך לאָזן אין וועג אַריין און איז געגאַנגען זיך מיט אים געזעגענען.

— באַביניטש איז גרייט. ער וואַרט נאָר אויף אייך.

— איך אייל מיך, איך אייל מיך! — האָט דער קסיאָנדז

געענטפערט — געטלעכע מאַמע, ראַטעוועט אים און העלף אים!
אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך ביידע אָפּגעשטעלט בּאַם דורכגאַנג, ווו הער טשאַרני-צקי האָט איבערגעלאָזט קמיטשיצן, אָבער פון הער אַנדזשעי איז שוין קיין שפּור נישט געווען.
— ער איז אַוועק!... — האָט קסיאָנדז קאַרדעצקי מיט פאַרוווּנדערונג געזאָגט.
— ער איז אַוועק!... — האָט הער טשאַרניעצקי גע-ענטפערט.
— אַזאַ בּוגד!... — האָט דער פּריאָר בּעריִרט געזאָגט — כ'האָב אים נאָך געוואָלט דעמדאָזיקן רויזן-קראַנץ אויפן האַלדז אָנטון...
זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן; שטיל איז געווען אַרום און אַרום, ווײַל צוליב דעם, וואָס די נאַכט איז געווען צו פינ-סטער האָט מען פון ביידע זייטן נישט געשאָסן. מיטאַמאָל האָט הער טשאַרניעצקי לעבעדיק אַ שעפּטשע געטון:
— ווי גאָט איז מיר ליב, ער באַמיט זיך אפילו נישט שטיל צו גיין! איר הערט טריט? דער שניי סקריפּעט!
— הייליקסטע בתולה! באַשיץ דײַן דינער! — האָט דער פּריאָר איבערגעחזרט.
אַ געוויסע צײַט האָבן ביידע זיך גוט אײַנגעהערט, ביז די האַסטיקע טריט און דאָס סקריפּען פון שניי האָבן נישט אויפגע-הערט.
— איר ווייסט וואָס? — האָט טשאַרניעצקי אַ שעפּטשע געטון — ווײַלנווייז דאַכט זיך מיר, אַז עס וועט זיך אים אײַנ-געבן און איך האָב פאַר אים באַרנישט קיין מורא. אַזאַ בעסטיע, ער איז אַוועק אַזוי, ווי ער וואָלט געגאַנגען אין שענק בראָנפן טרינקען... וואָס פאַר אַ מוט דעראָזיקער מענטש פאַרמאָגט! אָדער ער וועט פאַר דער צײַט דעם קאָפּ פאַרלירן, אָדער ער וועט ווערן אַ העטמאַן. הם, ווען איך וואָלט נישט געוווּסט, אַז ער איז מאַריאַס אַ דינער, וואָלט איך געמיינט, אַז ער האָט... גיב אים גאָט גליק, גיב אים, גאָט, ווײַל נאָך אַזאַ ריטער איז אין דער רעפּובליק נישטאָ...

— אַזוי פינסטער, אַזוי פינסטער! — האָט קסיאָנדז קאַרדעצקי געזאָגט — און זייט אייער אַרויספאַל אין יענער נאַכט היטן זיי זיך. ער קען אויף אַ גאַנצע ריי זיך אָנשטויסן, און זיך אפילו נישט אומקוקן...

— דאָס גלויב איך נישט. פּוסגייער שטייען, דאָס ווייס איך, און זיי היטן זיך זייער, אָבער זיי שטייען דאָך אויף דער פאַרשאַנצונג, נישט פאַר דער פאַרשאַנצונג, נישט פאַר די לופטלעכער פון די אייגענע האַרמאַטן. אויב זיי וועלן די טריט נישט דערהערן, וועט ער לייכט קענען צו דער פאַרשאַנצונג זיך צושאַרן און דערנאָך וועט די הויכקייט אַליין אים באַשיצן... אוף!

דאָ האָט הער טשאַרניעצקי אַ סאָפּע־געטון און אָפּגעהאַקט, ווייל פון דערוואַרטונג און שרעק האָט אים דאָס האַרץ גענומען קלאַפּן ווי מיט אַ האַמער, און אין דער ברוסט האָט אים אָטעם אויסגעפעלט.

דער קסיאָנדז האָט גענומען בענטשן די פינסטערניש.

מיטאַמאָל האָט אַ דריטער פּערזאָן זיך אָפּגעשטעלט בײַ די צוויי שמועסנדיקע. געווען איז דאָס דער שראַדזער שווערדטרעגער.

— וואָס הערט מען דאָרט? — האָט ער געפרעגט.

— באַביניטש איז געגאַנגען פרייוויליק דעם שווערן האַרמאַט מיט פולווער אויפרייסן.

— ס'הייסט? וואָס?

— ער האָט גענומען אַ קישקע מיט פּולווער, אַ שנור, אַ פייער־שוואָם... און איז געגאַנגען.

הער זאַמאָיסקי האָט זיך מיט די הענט דעם קאָפּ געדריקט.

— יעזוס, מאַריאַ! יעזוס, מאַריאַ! — האָט ער געזאָגט — איינער אַליין?

— איינער אַליין.

— און ווער האָט אים דערלויבט? דאָס איז דאָך אַן אוממעגלעכע זאַך!...

— איך! באַ גאָט איז אַלץ מעגלעך, אפילו זיין בשלום־דיקער צוריקקער! — האָט קסיאָנדז קאַרדעצקי געענטפערט.

זאַמאָיסקי איז אַנטשוויגן געוואָרן. טשאַרניעצקי האָט געגוי־מען שנאָרכן פון אויפרעגונג.

— לאָמיר מתפלל זיין! — האָט דער קסיאָנדז גע־זאָגט.

זיי האָבן אַלע דריי אַנידערגעקניט און גענומען מתפלל זיין.

אָבער די אומרויִקייט האָט די האָר אויף די קעפ באַ ביידע רי־טער אויפגעשטעלט. ס'איז אַריבער אַ פערטל שעה, דערנאָך אַ האַלבע שעה, דערנאָך אַ שעה, לאַנג ווי די אייביקייט.

— עס וועט שוין אוודאי גאָרנישט זיין! — האָט הער פּיאָטר טשאַרניעצקי געזאָגט.

און ער האָט טיף אָפּגעעטעמט.

מיטאַמאָל האָט אין דער ווייטקייט אַ זעץ־אַרויס־געטון אַ סלופּ פייער און אַ קנאַל, ווי אַלע דונערס פון הימל וואָלטן אין דער ערד אַרייַנגעשלאָגן, האָט אויפגעטרייסלט די מויערן, די קירך און דעם קלויסטער.

— ער האָט אויפגעריסן! ער האָט אויפגעריסן! — האָט הער טשאַרניעצקי גענומען שרייען.

ביידע אויפרייסן האָבן איבערגעהאַקט זייַנע ווייטערדיקע ווערטער.

און דער קסיאָנדז האָט זיך געוואָרפן אויף די קני און אויפהייבנדיק די הענט אינדערהייך גערופן צום הימל:

— הייליקסטע מוטער! באַשיצערין, היטערין, פיר אים צו־ריק בשלום!

אַ געפילדער איז געוואָרן אויף די מויערן. נישט וויסנדיק, וואָס עס איז געשען, האָט דער גאַרניזאָן זיך געכאַפּט צום כּלי־זיין. פון די שטיבלעך האָבן גענומען אַרויסלויפן די נזירים. קיי־נער איז שוין נישט געשלאָפן. אפילו די ווייבער האָבן זיך אויפ־געכאַפּט פון שלאָף. פראַגן און ענטפערס האָבן זיך געקרייצט, ווי־בליצן:

— וואָס איז געשען?

— אַ שטורם!

— אַ שוועדישער האַרמאַט האָט געפּלאַצט! — האָט אײנער פון די קאַנאָניערן אויסגערופן.

— אַ מופת! אַ מופת!

— דער גרעסטער האַרמאַט האָט געפּלאַצט! יענע גרויסע מאַשין!

— וווּ איז קסיאָנדז קאָרדעצקי?

— אויף די מויערן! ער איז מתפלל! ער האָט דאָס באַוויזן!

— באַביניטש האָט דעם האַרמאַט אויפגעריסן! — האָט הער טשאַרניעצקי אויסגערופן.

— באַביניטש! באַביניטש! אַ לויב דער הייליקסטער בתולה! זיי וועלן אונדז שוין נישט שאַדן ברענגען!

גלייכצייטיק האָבן אָפּקלאַנגען פון אַ צעמישעניש גענומען זיך דערטראָגן אויך פון שוועדישן לאַגער. אויף אַלע פאַרשאַנצונגען האָבן פייערס אויפגעבליצט.

מ'האָט געהערט וואָס אַמאָל אַ גרעסערן געפּילדער. באַם ליכט פון די פייער-הויפנס האָט מען געזען מאַסן זעלנער, וואָס האָבן זיך באַוויגן אין אומאָרדנונג אין פאַרשידענע זייטן; עס האָבן זיך צעשפּילט די טראָמפּייטן, די פּויקן האָבן כסדר געברומט; צו די מויערן האָבן זיך דערטראָגן געשרייען, אין וועלכע עס האָט געקלונגען אַ שרעק און בהלה

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט כסדר געקניט אויף דער מויער.

צום סוף האָט די נאַכט גענומען בלייך ווערן, אָבער באַביניטש איז אין דער פעסטונג נישט צוריקגעקומען.

קאַפּיטל 18.

וואָס איז געשען מיטן הער אַנדזשעי און אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט ער באַוויזן זיין פּלאַן אויסצופירן?

נאָכדעם ווי ער איז אַרויס פון דער פעסטונג האָט ער אַ געווּיסע צייט געשפּרייזט מיט זיכערע און פאָרזיכטיקע שריט. באַם סאַמע עק פון אַראָפּהאַנג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און געהאָרכט. שטיל איז געווען אַרום און אַרום, צו שטיל אפילו, אַזוי אַז זיינע טריט האָבן דייטלעך געראַשט איבערן שניי. און וואָס מער ער האָט זיך דערווייטערט פון די מויערן, אַלץ פאָרזיכטיקער איז ער געגאַנגען. און ווידער האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און ווידער האָט ער געהאָרכט, ער האָט אַ ביסל מורא געהאַט, אַז ער זאָל זיך נישט אויסגליטשן און אומפאַלן און אויך דערפאַר, אַז ער זאָל זיין טייערע קישקע נישט איינבעצן, ער האָט דעריבער אַרויסגענומען די שווערד און זיך אָנגעשפּאַרט אויף איר שאַרף. דאָס האָט אַ סך געהאָלפן.

אַזוי טאַפּנדיק פאַר זיך דעם וועג האָט ער אין אַ האַלבער שעה אַרום דערהערט אַ לייכטן שאָרך גלייך פאַר זיך.

— האַ! זיי וואַכן... דער צרויספּאַל האָט זיי אויסגעלערנט פאָרזיכטיק זיין! — האָט ער געטראַכט.

און ער איז ווייטער געגאַנגען שוין זייער לאַנגזאַם. ס'האָט אים געפרייט דאָס, וואָס ער האָט נישט געבלאָנדזשעט, ווייל ס'איז געווען אַזוי פינסטער, אַז ער האָט דעם עק פון דער שווערד נישט געקענט דערזען.

— יענע פאַרשאַנצונגען זענען אַ סך ווייטער... איך גיי, הייסט עס, גוט! — האָט ער צו זיך געשעפטשעט.

ער האָט זיך אויך געריכט נישט צו טרעפן קיין מענטשן פאַר דער פאַרשאַנצונג, ווייל זיי האָבן אייגנטלעך דאָרט נישט געהאַט וואָס צו טאָן, בפרט באַנאַכט. ס'איז נאָר מעגלעך געווען, אַז אויף אַ הונדערט אָדער וויניקער שריט זענען געשטאַנען איינצעלנע וואַכן, אָבער ער האָט געהאָפט זיי אין אַזאַ פינצטערניש לייכט אויסצומיידן.

אויפן האַרצן איז אים פרייליך געווען.

קמיטשיק איז נישט בלויז געווען אַ מוטיקער מענטש, נאָר אויך אַן עזות-פנים. דער געדאַנק אויפצורייסן דעם ריזיקן האַרמאַט האָט אים פאַרשאַפט אַ גרויסן נחת-רוח נישט בלויז אַלס העלדן-טאַט, נישט בלויז אַלס אייביקע טובה פאַר די באַלאַגערטע, נאָר אויך אַלס אַ מוראַדיק שפּיצל, וואָס ער וועט די שוועדן אָפּטאָן. ער האָט זיך פאַרגעשטעלט: ווי זיי וועלן פאַרבליפט ווערן, ווי מילער וועט מיט די ציין קריצן, ווי ער וועט אומבאַהאָלפן קוקן אויף יענע מויערן, און ווילבוויז האָט זיך אים פאַרגלוסט צו לאַכן.

און ווי ער האָט פריער אַליין געזאָגט, האָט עס אים גאָרנישט געירט, ער האָט נישט געשפּירט קיין פחד, קיין אומרויקייט און עס איז אים אפילו נישט איינגעפאַלן צו קלערן, אויף וואָס פאַר אַ שרעקלעכע סכנה ער שטעלט זיך אויס. ער איז געגאַנגען אַזוי, ווי עס גייט אַ יינגל אין אַ פרעמדן גאָרטן שאָדנס אָנמאַכן. עס האָבן זיך אים דערמאָנט די אַלטע צייטן, ווען ער פלעגט כאָוואַנסקין אונטערקומען און אין די נעכט

בגנבה זיך אַריינקריגן אין דרייסיק־טויזנט־קעפּיקן לאַגער מיט צוויי הונדערט אַזעלכע מחבלים, ווי ער אַליין איז געווען.

די חברים זענען אים געקומען אין זכּרון: קאַקאַשינסקי דער ריזיקער קולויעץ היפּאַצענטאַורוס, דער געפּלעקטער ראַניצקי פון סענאַטאָרישן יחוס און די אַנדערע; אויף אַ ווײַלע איז אים באַנג געוואָרן נאָך זיי.

— זיי וואָלטן איצט צונויף געקומען, די שעלמעס! — האָט ער געטראַכט — מ׳וואָלט אין איין נאַכט אַ זעקס הארמאַטן נעקענט אויפרייסן.

דאָ האָט אים אַ ביסל פאַרקלעמט דאָס געפיל פון איינזאַמקייט, אָבער נאָר אויף אַ קורצע ווײַלע. באַלד האָט דער זכּרון אים געשטעלט פאַר די אויגן אַלענקאַן. די ליבע האָט זיך אין אים אָנגערופן מיט אַן אומגעהײַערער קראַפט. דאָס האַרץ איז אים איבערגעגאַנגען... ווען דאַסדאָזיקע מיידל וואָלט אים כאָטש געקענט זען, ווי וואָלט זיך אין איר דאָס האַרץ דערפרייט. זי מיינט נאָך אפשר, אַז ער דינט די שווערן... שיין דינט ער! ער וועט זיי באַלד צודינען! וואָס וועט זיין, אַז זי וועט זיך דערוויסן וועגן דידאָזיקע אַלע געוואַגטע מעשים זיינע?... וואָס וועט זי זיך טראַכטן? זי וועט אוודאי זיך טראַכטן: „אַ ווילדער קאָפּ איז ער, אָבער אַז עס קומט צו עפּעס, איז וואָס אַן אַנדערער וועט נישט טון, וועט ער טון; וווּ אַן אַנדערער וועט נישט גיין, וועט ער גיין!... אַזאַ אייגער איז דער קאַטשיק!

— איך וועל נאָך אַ סך מער אויפטון! — האָט הער אַנדזשעי זיך געטראַכט און ער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיט דעם, וואָס ער האָט בדעה געהאַט נאָך אויפצוטון.

אָבער נישט געקוקט אויף דידאָזיקע געדאַנקען האָט ער נישט פאַרגעסן, ווו ער איז, וווהין ער גייט, וואָס ער האָט בדעה צו טון און גענומען גיין ווי אַ וואָלף אויף נאַכט־פאַרציקונג. ער האָט זיך אומגעקוקט הינטער זיך איינמאָל און אַ צווייט מאָל. נישטאָ קיין קירך, נישטאָ קיין קלויסטער! אַלץ איז געווען פאַרדעקט פון אַ געדיכטער אומדורכדריגלעכער פינסטערניש. לויט דער צייט האָט ער אָבער פאַרשטאַנען, אַז ער האָט שוין גע-

מוז א שפּאָרן מהלך אָפּגיין און אַז די פאַרשאַנצונג קען שוין זיין האַרט דערלעבן.

— כ'בין נייגעריק, צי עס זענען וואַכן פאַרהאַן? — האָט ער געטראַכט.

אָבער ער האָט נישט באַוויזן אָפּצוגיין נאָך צוויי טריט זייט דעם מאָמענט, וואָס ער האָט זיך געשטעלט דידאָזיקע פראַגע, ווי עס האָט מיטאַמאָל פאַר אים אָפּגעהילכט א טופּעריי פון געמאָסטענע שריט און א פּאָר שטימען אויף אַמאָל האָבן געפרעגט אין פאַרשידענע ערטער:

— ווער גייט?

הער אַנדזשעי איז געבליבן שטיין, ווי אַן איינגעגראָבענער. ס'איז אים געוואָרן א ביסל וואַרעם.

— אַן אייגענער — האָבן זיך אַנדערע שטימען אָנגערופן.

— לאָזונג?

— אופּסולאַ!

— רוף?

— קרוין!...

קמיטשיץ האָט תיכף זיך משער געווען, אַז דאָס בייטן זיך די וואַכן.

— איך וועל אייך געבן אופּסולאַ און א קרוין! — האָט ער א ברום געטון.

און ער האָט זיך דערפרייט. דאָס איז פאַר אים באמת געווען א זייער כּזלדיקער טראַף, ווייל ער האָט דורך דער ליניע פון די וואַכן געקענט דורכגיין גראָד אין מאָמענט פון בייטן די שמירות, ווען די שפּריין פון די זעלנער האָבן פאַרהילכט זיינע אייגענע טריט.

ער האָט טאַקע אַזוי געטון אָן דער מינדעסטער שוועריקייט און איז געגאַנגען מיט די צוריקקערנדיקע זעלנער אַזש ביז צו דער פאַרשאַנצונג. דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעדרייט, כּדי זי אַרומצוגיין, און ער איז גיך צום גראָבן צוגעגאַנגען און זיך אין אים באַהאַלטן.

דערווייל איז אביסל ליכטיק געווארן. הער אנדזשעי האט אויך דערפאר געדאנקט דעם הימל, ווייל אנדערש וואלט עטאפנדיקערהייט דעם געגארטן הארמאט נישט געקענט געפינען. איצט האט ער דעם קאפ פון גראבן אין דער הייך פארריסן און אנשטרענגענדיק דעם בליק דערזען איבער זיך א שווארצע ליניע, וואס האט מיט זיך פארגעשטעלט דעם ברעג פון דער פארשאנצונג, און אויך די שווארצע שטריכן פון די קוישן, צווישן וועלכע די הארמאטן זענען געשטאנען.

ער האט אפילו געקענט זען זייערע פיסקעס, וואס זענען געווען א ביסל ארויסגערוקט איבערן גראבן. באוועגנדיק זיך לאנגזאם אין דער לענג פון גראבן, האט ער צום סוף אנטדעקט זיין הארמאט. דאמאלס האט ער זיך אפגעשטעלט און גענומען זיך איינהערן.

פון דער פארשאנצונג האט זיך דערטראגן א גערויש. משמעות, אז די פוסגייער זענען געשטאנען גרייט לעבן די הארמאטן. אבער די הויכקייט פון דער פארשאנצונג האט קמיטשיצן פארשטעלט; זיי האבן אים געקענט דערהערן, אבער נישט געקענט דערזען. איצט איז אים נאר געגאנגען וועגן דעם, צי ער וועט פון גראבן באוויזן זיך צוצוקריגן צו דער עפענונג פון הארמאט, וועלכער האט זיך דערהויבן הויך איבער זיין קאפ.

צום גליק זענען די זייטן פון גראבן נישט געווען שטארק משופעדיק, און א חוץ דעם האט די פריש אפגעשניטענע ערד, הגם זי איז געווען באגאסן מיט וואסער, נישט באוויזן פארפרוירן צו ווערן, ווייל זייט א געוויסער צייט האט געהערשט א טוי־וועטער.

איינזעענדיק דאס אלץ, האט קמיטשיץ גענומען שטיל אויסגראבן לעכער אין דעם אראפהאנג פון דער פארשאנצונג און לאנגזאם זיך דראפן צום הארמאט־צו.

נאך א פערטל שעה ארבעט האט ער באוויזן מיט דער האנט זיך אנצוכאפן פאר דער עפענונג פון הארמאט. א ווײַלע איז ער געבליבן הענגען אין דער לופט, אבער זיין אומגעווייטלעכער כוח

האָט אים דערלויבט זיך צו האַלטן אַזוי לאַנג, ביז ער האָט די קישקע אין פּיסק פֿון האַרמאַט נישט אַרײַנגערוקט.

— נאַדיר, הונט, פֿלייש! — האָט ער אַ ברום געטון — זאָלסט אָבער מיט אים נישט דערוואָרגן ווערן!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט און גענומען זוכן דאָס שנירל, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט צום דרויסנדיקן עק פֿון דער קישקע און איז אַראָפּגעהאָנגען אין גראָבן אַרײַן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער עס אָנגעטאַפּט מיט דער האַנט. איצט אָבער איז געקומען די גרעסטע שוועריקייט, ווײַל ער האָט געדאַרפֿט פֿײַער אָנרײַבן און דאָס שנירל אָנצינדן.

קמיטשיץ האָט זיך אַ ווײַלע פֿאַרהאַלטן, וואַרטנדיק ביז דאָס גערויש צווישן די זעלנער אויף דער פֿאַרשאַנצונג וועט ווערן אַ ביסל גרעסער.

צום סוף האָט ער מיטן אָנרײַבער לײַכט אין פֿײַער-שטיין אָנגעקלאַפּט.

אָבער אין דער רגע האָט איבער זײַן קאָפּ זיך דערהערט אַ פֿראַגע אין דער דײַטשישער שפּראַך:

— ווער איז דאָרט אין גראָבן?

— דאָס בין איך, האַנס! — האָט קמיטשיץ אָן קווענקלעניש געענטפֿערט — דעם אָנלאָד-שטאָק האָט מיר דער טײַוול אין גראָבן פֿאַרשלעפּט, רײַב איך אָן פֿײַער, כּדי אים צו געפֿינען.

— גוט, גוט — האָט דער קאַנאָניער געענטפֿערט — אַ גס, וואָס מען שיסט נישט, ווײַל די לופֿט אַליין וואָלט דיר דעם קאָפּ אַראָפּגעריסן.

— אַהאַ! — האָט קמיטשיץ געטראַכט — אַ חוץ מײַן לאָדונג האָט דאָס האַרמאַטל, הייסט עס, נאָך אַן אייגענע לאָדונג. איז אָוודאי גוט.

אין דער רגע האָט דאָס מיט שוועבל דורכגעזאַפּטע שנירל זיך אָנגעכאַפּט און דעליקאַטע פֿינקעלעך האָבן גענומען לויפֿן צוריק איבער זײַן טרוקענעם אויבערפֿלאַך.

ס'איז געווען צייט זיך אָפּצוטראָגן, קאַמיטשיק האָט דעריבער נישט פאַרלירנדיק קיין מינוט זיך געלאָזט לויפן אין דער לענג פון גראָבן מיטן גרעסטן אימפּעט, און עס האָט אים שוין מער נישט געאַרט דער רעש, וואָס ער האָט אָנגעמאַכט. אָבער ווען ער איז אָפּגעלאָפן אַ צוואַנציק טריט, האָט די נייגעריקייט אין אים גובר געווען דאָס געפיל פון דער שרעקלעכער סכנה.

— און אפשר האָט דאָס שנירל זיך פאַרלאָשן, די לופט איז פייכט! — האָט ער געטראַכט.

און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. וואַרפנדיק הינטער זיך אַ בליק, האָט ער נאָך דערזען אַ פינקלען, אָבער שוין אַ סך העכער, ווי ער האָט עס איבערגעלאָזט.

— עי, צי בין איך נישט אַמאָל צו נאָנט? — האָט ער צו זיך געזאָגט און אַ שרעק האָט אים אָנגעכאַפּט.

ער האָט זיך ווידער געלאָזט לויפן מיטן גאַנצן אימפּעט, מיטאַמאָל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ שטיין — ער איז אומגעפאַלן. אין דעם האָט אַ שרעקלעכער קנאַל צעריסן די לופט; די ערד האָט זיך אַ וויג געטון, צעוואָרפענע שפּליטערס האָלץ און אײַזן, שטיינער, שטיקער אײַז, ערד, האָבן אים אַ פײַף געטון לעבן אויער און דאָ איז געקומען אַ סוף צו זײַנע אײַנדריקן.

דערנאָך האָבן נאָכאַנאַנד אָפּגעהילכט נײַע אויפרײַסן. דאָס האָבן די ביקסן מיט פולווער, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון האַרמאַט, עקספּלאָדירט פון ערשטן אויפרײַס לייסעניש.

אָבער העלר קמיטשיק האָט שוין דאָס נישט געהערט, ווײַל ער איז ווי אַ טויטער געלעגן אין גראָבן.

ער האָט אויך נישט געהערט, ווי נאָך אַ ווײַלע פון טיפער שטילקייט האָבן זיך דערהערט מענטשלעכע קרעכצן, געשרייען און הילף־רופן; ווי אויפן אָרט פון געשעעניש איז זיך צונויפגעלאָפן כמעט אַ העלפט פון די שוועדישע און פאַרבונדעטע חיילות, ווי מילער אַליין איז דערנאָך געקומען אין דער באַגלייטונג פון גאַנצן שטאַב.

דער האַראַמידער און דאָס צעמישעניש האָבן לאַנג אָנגע־

האַלטן, ביז דער שוועדישער גענעראַל האָט פון כאַאָס פון די דערקלערונגען אַרויסבאַקומען דעם אמת, אַז דער הארמאַט איז בכּיוון דורך עמעצן צעזעצט געוואָרן. מ'האָט באַלד געהייסן זוכן. פּאַרטאַגס האָבן די זוכנדיקע זעלנער טאַקע אַנטדעקט דעם הנ"ר קמיטשיץ, וואָס איז געלעגן אין גראָבן.

ס'האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז ער איז נאָר געווען פּאַר-טויבט און אַז ער האָט פון אויפטרייסלעניש תּחילת פאַרלוירן די מאַכט אין די הענט און אין די פיס. דעם גאַנצן ווייטערדיקן טאָג האָט דידאָזיקע חלשות אָנגעהאַלטן. מ'האָט אים געהיילט זייער זאָרגפעלטיק. אין אָוונט האָט ער כּמעט אינגאַנצן די כּוחות צוריקבאַקומען.

מילער האָט אים תּיכּף געהייסן שטעלן פאַר זיך.

אַליין האָט ער פאַרנומען דאָס מיטעלסטע אָרט באַם טיש אין זיין קוואַרטיר, לעבן אים האָבן זיך געזעצט דער פירשט העסקי, ווזשעשטשאָוויטש, סאַדאָווסקי, אַלע חשובסטע שוועדישע אָפיצירן, און פון די פּוילישע זבראַזשעק, קאַליבסקי און קוק-לינאָווסקי.

דער לעצטער איז דערזעענדיק קמיטשיצן בלוי געוואָרן און די אויגן האָבן אים אויפגעלויכטן ווי צוויי ברענענדיקע קוילן, און די וואָנסעס האָבן געגומען ציטערן. נישט וואַרטנדיק אויף אַ פראַגע פון גענעראַל, האָט ער געזאָגט:

— איך קען דעמדאָזיקן פויגל... ער איז פון טשענסטאָ-כאָווער גאַרניזאָן. ער הייסט באַביניטש!

קמיטשיץ האָט געשוויגן.

אַ בלייכקייט און אַ פאַרמאַטערטקייט זענען קענטיק געווען אויף זיין פּנים, אָבער אַ בליק האָט ער געהאַט אַ גדלותדיקן, דאָס פּנים אַ רויקס.

— דו האָסט אויפגעריסן דעם הארמאַט? — האָט מילער גע-פרעגט.

— איך! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— אויף וואָס פאַר אַן אופן האָסטו דאָס געטון?

קמיטשיץ האָט דערציילט בקיצור, ער האָט גאַרנישט

פאַרהוילן. די אָפיצירן האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדע־רונג.

— אַ העלד... — האָט פירשט העסקי איינגעדוימט סאַ־דאָווסקין.

און סאַדאָווסקי האָט זיך אַראָפּגעבויגן צו ווזשעשטשאָ־וויטשן:

— גראַף ווייהאַרד — האָט ער געפרעגט — וואָס זאָגט איר? וועלן מיר איינגעמען די פעסטונג בײַ אַזעלכע פאַרטיידי־קער?... ווי מיינט איר? וועלן זיי זיך אונטערגעבן?

אָבער קמיטשיץ האָט געזאָגט:

— פאַרהאַן בײַ אונדז מער אַזעלכע, וואָס זענען גרייט צו אַזעלכע מעשים. איר ווייסט נישט, וואָס דער טאָג און די שעה וועט אייך ברענגען!

— איך האָב אויך מער, ווי איין שטריקל אין לאַגער! — האָט מילער געענטפערט.

— דאָס ווייסן מיר אויך. אָבער יאַסנאַ־גוראַ וועט איר נישט איינעמען, כּל זמן איין מענטש וועט דאָרט נאָך בלייבן לעבן.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן. דערנאָך האָט מילער ווייטער חוקר־ודורש געווען:

— דו הייסט באַביניטש?

הער אַנדזשעי האָט זיך געטראַכט, אַז נאָך דעם, וואָס ער האָט געטון און צוליב דעם נאָענטן טויט, איז געקומען די צייט, ווען ער האָט נישט נייטיק לענגער צו פאַרהוילן זיין אייגנטלעכן נאָמען. זאָלן די מענטשן פאַרגעסן וועגן די חטאים און פאַר־ברעכנס, וואָס זענען מיט אים פאַרבונדן, זאָל ער באַשטראַלט ווערן פון רום און מסירת־נפש.

— איך הייס נישט באַביניטש — האָט ער געענטפערט מיט אַ געוויסער גאווה — איך הייס אַנדזשעי קמיטשיץ און בין גע־ווען פּולקאָווניק פון מיין אייגענעם פּולק אין ליטווישן חיל,

קוים האָט דאָס דערהערט קוקליניאָווסקי, האָט ער זיך אַ

דיס געטון ווי אַ צעדולטער, האָט די אויגן אויסגעגלאָצט, דאָס מויל אויפגעמאַכט, מיט די הענט גענומען איבער די זייטן זיך קלאַפּן, צום סוף האָט ער אויסגעשריגן:

— גענעראַל, איך בעט אַ וואָרט! גענעראַל, איך בעט אַ וואָרט! אָן שהיות, אָן שהיות!

צו דער זעלבער צייט איז צווישן די פּוילישע אָפיצירן אַנטשטאַנען אַ געטומל, וועלכן די שוועדן האָבן געהערט מיט פאַרווונדערונג, ווייל זיי האָט דער נאָמען קמיטשיץ גאָרנישט געזאָגט. באַלד האָבן זיי זיך משער געווען, אַז דאָס מוז זיין נישט קיין פּשוטער זעלנער: זבראַזשעק האָט זיך אויפגעשטעלט און צוגייענדיק צום אַרעסטאַנט האָט ער געזאָגט:

— הער פּולקאָווניק! אין דער צרה, אין וועלכער איר געפינט זיך, קען איך אייך גאָרנישט העלפן, אָבער כ׳בעט אייך, דערלאַנגט מיר די האַנט!...

אָבער קמיטשיץ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ אינדערהייך און מיט די נאָזלעכער אָנגעבלאָזן.

— איך דערלאַנג נישט די האַנט בוגדים, וועלכע דינען קעגן פאָטערלאַנד! — האָט ער געענטפערט.

זבראַזשעקס פּנים האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט.

קאָלינסקי, וועלכער איז געשטאַנען האַרט הינטער אים, האָט זיך אויך צוריקגעצויגן; די שוועדישע אָפיצירן האָבן זיי באַלד אַרומגערינגלט, אויספרעגנדיק, ווער עס איז דערדאָזיקער קמיטשיץ, וואָס זיין נאָמען האָט געמאַכט אַזאַ רושם.

דערווייל האָט קוקלינאָווסקי אין דער שכנותדיקער שטוב צוגעשפּאַרט מילערן צום פענסטער און געזאָגט:

— הויך־ווירדיקער הער גענעראַל, פאַר אייך איז דער נאָמען קמיטשיץ גאָרנישט, אָבער דאָס איז דער ערשטער זעלנער און דער ערשטער פּולקאָווניק אין דער גאַנצער רעפּובליק. אַלע ווייסן וועגן אים, אַלע קענען דעם דאָזיקן נאָמען. ער האָט אַמאָל געדינט ראַדזיווילן און די שוועדן, איצט, ווייזט אויס, איז ער איבערגעגאַנגען צו יאַן קאַזימיעזשן. נישטאָ זיינס גלייכן צווישן די זעלנער, סיידן איך. נאָר ער האָט דאָס געקענט טון, גיין

אַליין און דעמדאָזיקן האַרמאַט אויפֿרייסן, בלויז פֿון דעמדאָזיקן אויפֿטו אַליין קען מען אים דערקענען. ער איז דאָס כאַוואַנסקין אונטערגעקומען אַזוי, אַז מ'האָט אַזש אַ באַלוינונג פֿאַר זיין קאָפּ באַשטימט. מיט צוויי הונדערט, אָדער דריי הונדערט מענטשן האָט ער נאָך דער שקלאָווער מפּלה די גאַנצע מלחמה געפֿירט, ביז עס האָבן זיך אויך אַנדערע נישט פֿאַרקוקט און לויט זיין ביישפּיל גענומען די שונאים אַרומפּליקן. דאָס איז דער געפֿערלעכסטער מענטש אין גאַנצן לאַנד...

— וואָס זינגט איר אים תּהלות-ות שבֿחות? — האָט מילער איבערגעריסן — אַז ער איז געפֿערלעך, האָב איך זיך איבערצייגט צו מיין אייגענעם אייביקן שאָדן.

— וואָס האָט איר, הויכווירדיקער הער גענעראַל, בדעה מיט אים צו טון?

— כ'וואָלט אים געהייסן אויפֿהענגען, אָבער כ'בין אַליין אַ זעלנער און פֿאַרשטיי אָפּצושאַצן גבֿורה מיט מוט... דערביי איז דאָס אַ שליאַכטשיץ פֿון הויכן יחוס.. כ'וועל אים נאָך היינט הייסן דערשיסן.

— הויכווירדיקער הער גענעראַל... נישט איך דאַרף לערנען דעם באַרימטסטן זעלנער און מלוכה-מאַן פֿון דער נייער צייט, אָבער כ'וועל זיך דערלויבן צו זאָגן, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט אַ צו גרויסן שם. אויב איר וועט דאָס טון, וועלן זבראָזשעקס און קאַלינסקיס פֿולקן נאָך דעמזעלבן טאָג זיך אָוועקגיין און אַריבערגיין צו יאַן קאַזשימיערושן.

— אויב אַזוי וועל איך זיי הייסן אויסקוילן ביז איינעם פֿאַרן אַוועקגיין! — האָט מילער אויסגעשריגן.

— ונעדיקער הער גענעראַל, דאָס איז אַ גרויסע אחריות, ווייל ווען דאָס וועט באַקאַנט ווערן, און דאָס אויסקוילן צוויי פֿולקן איז שווער צו פֿאַרהוילן, וועט דאָס גאַנצע פּוילישע חייל פֿון קאַרל גוסטאַוון אָפּטרעטן. אייך איז באַוווסט, אַז זייער טריישאַפֿט איז אַזוי אויך אַ וואַקלדיקע... די העטמאַנים אַליין זענען נישט זיכער. הער קאָניעצפּאָלסקי איז מיט זעקס טויזנט בעסטע רייטער אויפֿן צד פֿון אונדזער האַר... דאָס איז נישט קיין קאַ-

טאָוועס... זאָל גאָט אָפּהיטן, אַז אויך זיי זאָלן זיך אַ קער טון אַקעגן אונדז, אַקעגן דער פּערזאָן פֿון זיין קעניגלעכער מאַיעס־טעט!... און אַ חוץ דעם פּאַרטיידיקט זיך דידאָזיקע פֿעסטונג, אַ חוץ דעם איז אויסצוקוילן זבראָזשעקס און קאַלינסקיס פּולקן נישט אַזוי לייכט, ווייל דאָ איז אויך פֿאַרהאַן וואָלף מיט די פּוס־גייער. זיי וואָלטן זיך געקענט פֿאַרשטענדיקן מיטן גאַרניזאָן פֿון דער פֿעסטונג...

— צו אַלדע רוחות! — האָט מילער איבערגעריסן — וואָס ווילסטו, קיקלינאָווסקי, אַז איך זאָל דעמדאָזיקן קמיטשיץ דאָס לעבן שענקען? דאָס קען נישט געמאָלט זיין!

— איך וויל — האָט קוקלינאָווסקי געענטפֿערט — אַז איר זאָלט אים מיר שענקען.

— און וואָס וועסטו מיט אים טון?

— איך... וועל פֿון אים לעבעדיקערהייט די הויט אַראָפּ־שינדען...

— דו האָסט אפֿילו רעכט נישט געוווסט, ווי ער הייסט, האָסט אים, הייסט עס, נישט געקענט. וואָס האָסטו צו אים?

— כ׳האָב אים דערקענט ערשט אין טשענסטאָכאָוו, ווען איך בין צום צווייטן מאָל פֿון אייך צו די נזירים געשיקט גע־וואָרן.

— האָסט עפּעס סבות צו נקמה?

— הויך־ווירדיקער הער גענעראַל! כ׳האָב אים פּריוואַט געוואָלט איינרעדן, אַז ער זאָל אין אונדזער לאַגער אַריבערגיין... און ער האָט אויסגענוצט דאָס, וואָס איך האָב מיין שליחות אין אַ זייט געלייגט, און באַליידיקט מיך, קוקלינאָווסקין, אַזוי, ווי קיינער האָט נאָך אין מיין לעבן מיך נישט באַליידיקט.

— וואָס האָט ער דיר געטון?

קוקלינאָווסקי האָט זיך אָפּגעשאָקלט און מיט די ציין אַ קריץ־געטון.

— בעסער וועגן דעם נישט צו רעדן... גיט אים מיר, הויכווירדיקער הער... אים איז דער טויט סיי ווי באַשערט, און איך וואָלט פֿריער וועלן זיך מיט אים אַ שפּיל טון... אָך! בפֿרט,

אַז דאָס איז קמיטשיק, וועלכן כ'האָב פריִער פאַרערט און וועלכער האָט מיר אַזוי אָפּגעדינט... גיט אים מיר, הויכווירדיקער הער! ס'וועט פאַר אייך בעסער זיין, ווייל אויב איך וועל אים אָפּרוימען, וועלן זבראָזשעק און קאַלינסקי, און מיט זיי דאָס גאַנצע פּוילישע ריטערטום, נישט אויפגעבראַכט ווערן אויף אייך, נאָר אויף מיר, און איך וועל זיך אַן עצה־לעצה געבן... עס וועט נישט זיין קיין כעס, קיין ברוגז, קיין מרידות... ס'וועט זיין מיין פּריוואַט עסק וועגן קמיטשיצס הויט, פון וועלכער כ'וועל זיך אַ פּויק הייסן מאַכן...

מילער האָט זיך פאַרטראַכט; מיטאַמאָל האָט אַ חשד אויפגעבליצט אויף זיין פּנים.

— קוקלינאָווסקי! — האָט ער געזאָגט — אפשר ווילסטו אים גאָר מציל זיין?

קוקלינאָווסקי האָט זיך שטיל צעלאַכט, אָבער דאָס איז געווען אַזאַ שרעקלעך און אויפריכטיק געלעכטער, אַז מילער האָט אויפגעהערט צו צווייפלען.

— אפשר איז דיין עצה טאַקע אַ גוטע! — האָט ער געזאָגט.

— פאַר אַלע מיינע פאַרדינסטן בעט איך נאָר דעם איינעם שכר!

— אויב אַזוי, נעם אים!

דערויף זענען זיי אַריין אין דער שטוב, וווּ עס זענען געווען פאַרזאַמלט די איבעריקע אָפיצירן. מילער האָט זיך צו זיי געווענדט און געזאָגט:

— פאַר הער קוקלינאָווסקיס פאַרדינסטן גיב איך אים אַוועק דעם געפאַנגענעם צו טון מיט אים, וואָס אים געפעלט.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן; דערנאָך האָט הער זבראָזשעק זיך אָנגענומען באַ די זייטן און אים געפרעגט מיט אַ טאָן פון ביטול:

— און וואָס האָט הער קוקלינאָווסקי בדעה צו טון מיטן געפאַנגענעם?

קוקלינאָווסקי, תמיד אַן איינגעבויגענער, האָט זיך מיטאַ-

מאָל אויסגעגלייכט, זיין מויל האָט זיך אויסגעקרומט מיט אַ בייז־וויליקן שמייכל, און די שוואַרץ־אַפּלען פון די אויגן האָבן גע־נומען ציטערן:

— ווענען עס געפעלט נישט דאָס, וואָס איך וועל טון מיטן געפאַנגענעם — האָט ער געזאָגט — דער ווייסט, ווו מיך צו זוכן.

און ער האָט שטיל אַ קלאַפּ געטון מיט דער שווערד.

— אַ וואָרט, הער קוקלינאָווסקי! — האָט זבראָזשעק גע־זאָגט.

— אַ וואָרט, אַ האַרט!

בײַ דידאָזיקע ווערטער איז ער צוגעגאַנגען צו קמיט־שיצן.

— קום, ווערעמל, מיט מיר, קום, באַרימט זעלנערל... ביסט אַ ביסל שוואַך, מען דאַרף דיך פלעגן... איך וועל דיך פלעגן!

— מגוּל! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— גוט, גוט! שטאָלץ נשמהלע... דערווייל קום.

די אָפיצירן זענען געבליבן אין שטוב, און קוקלינאָווסקי האָט זיך געזעצט אויפן פערד פאַר דער קוואַרטיר. האָבנדיק מיט זיך דריי זעלנער, האָט ער איינעם פון זיי געהייסן קמיטשיצן בינדן און אַלע צוזאַמען זענען אַוועק קיין לגאָטאַ, וווּ עס איז געשטאַנען קוקלינאָווסקיס פּולק.

קמיטשיץ האָט אונטערוועגס הייס מתפלל געווען. ער האָט געזען, אַז דער טויט רוקט אָן און זיך פון גאַנצן האַרצן אי־בערגעגעבן אויף גאָטס באַראָט. ער איז געווען פאַרזונקען אין דער תפילה און אין זיין באַשטימונג, אַז ער האָט נישט געהערט וואָס קוקלינאָווסקי האָט צו אים גערעדט; ער האָט אפילו נישט געוווּסט, ווי לאַנג דער וועג האָט געדויערט.

זיי האָבן זיך לסוף אָפּגעשטעלט אין אַ פוסטן, האַלבאייגעפאַלענעם שייער, וואָס איז געשטאַנען אַ ביסל אָפּגערוקט פון די קוואַרטירן פון קוקלינאָווסקיס פּולק, אין אָפענעם פעלד.

דער פּולקאָווניק האָט געהייסן אַריינפירן אַהין קמיטשיצן, און אַליין האָט ער זיך געווענדעט צו איינעם פון די זעלנער.

— לאָז דיך אין לאַגער — האָט ער געזאָגט — נאָך שטריק און אַ ברענענדיקע שמיר-ביקס מיט סמאָלע.

דער זעלנער איז געפלויגן אויפן פערד אין גאַלאָפּ און אין אַ פערטל שעה אַרום איז ער אין זעלבן איילעניש צוריקגעקומען מיט נאָך אַ צווייטן חבר. ביידע האָבן געבראַכט די פאַרלאַנגטע זאַכן.

— טוט אויס דעמדאָזיקן טפש ביז נאַקעט — האָט קוקליינאָווסקי געזאָגט — בינדט אים מיט אַ שטריקל פון הינטן די הענט און די פיס און דערנאָך ציט אים אַרויף צו דער בעלקע!

— מנוול! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

— גוט, גוט! מיר וועלן נאָך שמועסן, מיר האָבן צייט...

דערווייל איז איינער פון די זעלנער אַרויסגעקראָכן אויף די בעלקע, און די אַנדערע האָבן אַראָפּגעשלעפּט די מלבושים פון קמיטשיצן. ווען דאָס איז שוין געווען אָפּגעטון, האָבן דעם תּלינס דריי משרתים אים אַוועקגעלייגט מיטן פּנים צו דער ערד, געבונדן אים די הענט און די פיס מיט אַ לאַנגן שטריק, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן נאָך מיט איר אַרומגעוויקלט אים אין מיטן קערפּער, האָבן זיי דעם צווייטן עק אירן געוואָרפן דעם זעלנער, וואָס איז געזעסן אויף דער בעלקע.

— איצט אים אויפהייבן אינדערהייך, און יענער זאָל אַרומוויקלען די שטריק און צובינדן! — האָט קוקליינאָווסקי געזאָגט.

אין אַ מינוט אַרום איז דער באַפעל געווען אויסגעפירט.

— אָפּלאָזן! — האָט זיך דערהערט די שטים פון פּולקאָווניק.

דער שטריק האָט אַ סקריפּע געטון, הער אַנדזשעי איז געבליבן הענגען האָריזאָנטאַל אַ פּאָר איילן איבער דער ערד.

דאַמאָלס האָט קוקליינאָווסקי אין דער ברענענדיקער שמיר-

פיקס אַ בעזעמל איינגעצונדן, איז צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט:

— נו, וואָס, הער קמיטשיק?... כ'האָב געזאָגט, אַז צוויי פּאָלקאָווניקעס זענען פאַראַן אין דער רעפּובליק, נאָר צוויי: איך און דו! און דיר איז גאָר די חברותא מיט קוקלינאָווסקין נישט אָנגעשטאַנען און דו האָסט אים אַ שטויס געטאָן?... גוט, ווערעמל, ביסט געווען גערעכט! קוקלינאָווסקי איז פאַר דיר קיין חבר נישט, ווייל קוקלינאָווסקי איז בעסער פון דיר. ער, אַ באַרימטער פּאָלקאָווניק איז הער קמיטשיק, און קוקלינאָווסקי האָט אים אין דער האַנט און קוקלינאָווסקי וועט אים די זייטלעך צעבראָטן...

— מנוול! — האָט צום דריטן מאָל קמיטשיק איבערגעחזרט.

— אָט, אַזוי... די זייטלעך צעבראָטן! — האָט קוקלינאָווסקי פאַרענדיקט.

און ער האָט מיטן ברענענדיקן בעזעמל זיך צוגעריִרט צו קמיטשיקס זייט, און דערנאָך געזאָגט:

— נישט צופיל מיטאַמאָל, לייכט, מיר האָבן צייט...

אין דעם האָבן טריט פון אַ פּאָר פערד אָפּגעהילכט ביים טויער פון שייער.

— וועמען האָט דאָרט דער טייוול אָנגעטראָגן? — האָט דער פּאָלקאָווניק געפרעגט.

דאָס טויער האָט אַ סקריפּע געטאָן און אַ זעלנער איז אַרייַנגעקומען.

— גנעדיקער הער פּאָלקאָווניק — האָט ער געזאָגט — דער הער גענעראַל מילער באַגערט תיכף צו זען דעם גנעדיקן הער.

— אָ, דאָס ביסט דו, אַלטער! — האָט קוקלינאָווסקי געזאָגט — וואָס איז געשען? וואָס איז?

— דער גענעראַל בעט, אַז דער גנעדיקער הער זאָל תיכף צו אים קומען.

— ווער איז געווען פון גענעראַל?

— ס'איז געווען אַ שוועדישער אָפיציר, ער איז שוין אַוועק־געפאָרן. ער האָט שיער דעם דוך פון פערד נישט אַרויסגע־יאָגט.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו קמיטשיצן:

— ס'איז דיר געווען וואַרעם, קיל זיך איצט אָפּ, ווערעמל איך וועל תיכף צוריקקומען, מיר וועלן נאָך שמועסן!

— און וואָס זאָלן מיר מיטן געפאַנגענעם מאַכן? — האָט איינער פון די זעלנער געפרעגט.

— איבערלאָזן אים אַזוי. כ'קום באַלד צוריק. זאָל איינער פאָרן מיט מיר!

דער פּולקאָווניק איז אַרויסגעגאַנגען און מיט אים צוזאַמען יענער זעלנער, וועלכער איז פריער געזעסן אויף דער בעלקע. עס זענען פאַרבליבן נאָר דריי, אָבער באַלד זענען דריי גייע אַריין אין שייער.

— איר קענט גיין שלאָפן — האָט געזאָגט יענער, וואָס האָט קוקליניאַווסקין וועגן מילערס באַפעל מודיע געווען — דער פּולקאָווניק האָט אונדז געהייסן די וואַך האַלטן.

קמיטשיץ האָט אַ ציטער געטון אויפן קלאַנג פון דערדאָ־זיקער שטים. ס'האָט זיך אים געדוכטן, אַז זי איז אים באַ־קאַנט.

— מיר וועלן בעסער בלייבן — האָט איינער פון די דריי ערשטע זעלנער זיך אָנגערופן — כאַפּן אַ קוק אויפן וווּנדער, ווייל אַזעלכן...

מיטאַמאָל האָט ער אָפּגעהאַקט.

עפּעס אַ מוראדיקע אומזעגנטשלעכע שטים האָט זיך אים אַרויסגעריסן פון גאַרגל, ענלעך צום קרייען פון אַ געקוילעטן האָן. ער האָט צעעפנט די הענט און איז געפאַלן, ווי פון אַ דונער געטראָפן.

גלייכצייטיק האָט אַ געשריי: „שלאָגן!" אַ הילך געטון אין שייער, און די צוויי איבעריקע ניי אָנגעקומענע האָבן זיך גע־וואָרפן ווי די טיגערס אויף די צוויי פריערדיקע. ס'האָט זיך צע־פּלאַקערט אַ גערענגל, אַ שרעקלעכס, אַ קורצס, באַלויכטן פון

שיין פון דער ברענענדיקער שמיר־ביקס. אין א ווילע ארום זע־נען צוויי גופים געפאלן אין שטרוי, א רגע האט מען נאך גע־הערט דאס כארכלען פון די גוססדיקע, דערנאך האט זיך געהערט יענע שטים, וועלכע איז קמיטשיצן פריער אויסגעקומען באַ־קאנט:

— גנעדיקער הער, דאס בין איך, קעמליטש און מיינע זין!

מיר האבן פון בגינען אן שוין אויף א שעת־הכושר געווארט. פון באגינען אן קוקן מיר שוין אויס אויף א געלעגנהייט!

דא האט דער עלטער זיך געווענדט צו די זין:

— נו, גיכער, שעלמעס! אפשניידן דעם הער פולקאווניק, א סוף, גיכער!

און נאך איידער קמיטשיץ האט באוויזן תופס צו זיין, וואס עס טוט זיך, האבן זיך לגבן אים באוויזן קאסמאט און דאמיאנס צוויי צעפלאשעטע טשופרינעס, וואס האבן געהאט א פנים פון צוויי בעזעמס. באלד זענען די שטריק געווען דורכגעשניטן און קמיטשיץ האט זיך געשטעלט אויף די פיס. ער האט תחילת זיך א וואקל געטון. זיינע צוזאמענגעצויגענע ליפן האבן קוים באוויזן ארויסצורעדן:

— דאס זענט איר?... א דאנק...

— דאס זענען מיר! — האט דער שרעקלעכער זקן גע־ענטפערט — געטלעכע מוטער! אן!... זאל זיך דער גנעדיקער הער אנטון. גיכער, שעלמעס!

און ער האט גענומען קמיטשיצן דערלאנגען די מלבושים.

— די פערד שטייען פארן טויער — האט ער געזאגט — פון דאנען איז דער וועג א פרייער. וואכן זענען פארהאן; זיי וואלטן אפשר קיינעם נישט ארייננגעלאזט, אבער ארויסלאזן וועלן זיי. מיר קענען די לאזונג. ווי פילט זיך דער גנעדיקער האר?

— ער האט מיר די זייט צוגעבראטן, אבער נאר א ביסל. די פיס זענען מיר שוואך...

— זאל זיך דער גנעדיקער האר מיט בראנפן אנטרינ־קען.

קמיטשיק האָט גיריק געכאַפּט די פעלד־פלאַש, וועלכע דער אַלטער דאָז אים דערלאַנגט און אויסטרינקענדיק זי ביז צו דער העלפט, האָט ער געזאָגט:

— כ'בין געפֿירן געוואָרן. ס'ווערט מיר בעסער...

— אויפן זאָטל וועט דער גנעדיקער האַר זיך אָנוואַרעמען. די פערד וואַרטן.

— ס'ווערט מיר שוין בעסער — האָט קמיטשיק איבער־געחזרט — די זייט ברענט אַ ביסל... ס איז גאָרנישט!... איך פיל מיך שוין אינגאַנצן גוט!

און ער האָט זיך געזעצט אויף דער קאַנט פון שייער־קאַסטן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער באמת צוריקבאַקומען די כוחות און שוין מיטן פולן באַוווּסטזיין געקוקט אויף די אימהדיקע פּנימער פון די דריי קעמפּ־ליש, וואָס זענען געווען באַלויכטן מיט די געלבלעכע פלעמלעך פון דער ברענענדיקער סמאָלע.

דער אַלטער האָט זיך געשטעלט פאַר אים:

— גנעדיקער האַר, מען דאַרף זיך אײַלן! די פערד שטייען!

אָבער אין הער אַנדזשעי האָט זיך שוין אינגאַנצן אויפגע־וועקט דער אַלטער קמיטשיק.

— אָ, ס'קען נישט זײַן! — האָט ער מיטאַמאָל אויסגע־שריגן — איצט וועל איך אויף דעמדאָזיקן בוגד וואַרטן!

די קעמפּליטשס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג, אָבער קיינער האָט קיין פּיפּס נישט געטון, אַזוי זענען זיי פון די אַלטע צייטן געוווינט געווען בלינדערהייט צו פאָלגן דעמ־דאָזיקן פירער.

אים ווידער זענען די אָדערן אויפן שטערן אָנגעלאָפן, די אויגן האָבן אין דער פינסטער געלויכטן, ווי צוויי שטערן, אַזאַ פאַרביסנקייט און נקמה־דורשט האָט אין זיי געברענט. דאָס וואָס ער האָט איצט געטון, איז געווען אַ משוגעת, פאַר וועלכן ער האָט געקענט מיטן לעבן באַצאָלן. אָבער זײַן לעבן איז דאָך טאַקע באַשטאַנען פון אַ ריי פון אַזעלכע משוגעתן. די זייט האָט

אים שטאַרק ווײ־געטון, אַזוי אַז ער האָט יעדע ווײַלע זיך פאַר־
איר מיט דער האַנט אָנגעכאַפּט, אָבער ער האָט געטראַכט וועגן
קוקלינאָווסקין און איז גרייט געווען צו וואַרטן אויף אים, אפילו
ביז אײַנדערפרי.

— הערט! — האָט ער געזאָגט — צי האָט אים מילער
באמת געראָפן?

— ניין — האָט דער אַלטער געענטפערט — דאָס האָב
איך אויסגעטראַכט, כדי מיר זאָלן לײַכטער מיט זיי זיך אַן עצה
געבן. מיט פינף וואָלט אונדז אין דרייען שווער געווען, ווײַל
איינער פון זיי וואָלט געמאַכט אַ געוואַלט.

— אויב אַזוי איז גוט. ער וועט דאָ צוריקקומען איינער
אַליין, אָדער מיט נאָך מענטשן. אויב עס וועלן מיט אים זײַן
אַ פּאָר מענטשן, זאָלט איר זיך ביידע אויף זיי וואַרפן... אים
לאָזט מיר איבער. דערנאָך צו די פערד!... האָט ווער פון אײַך
פיסטאָלעטן?

— איך האָב — האָט קאַסמאַ געענטפערט.

— גיב אַהער! אָנגעלאָדן? אָנגעשאָסן?

— יאָ.

— גוט. אויב ער וועט צוריקקימען אַליין, זאָלט איר באַלד,
ווי ער וועט אַרײַנקומען, צו אים צושפרינגען און דעם פּיסק אים
פאַרשטופן. איר קענט אים זײַן אייגן היטל אין פּיסק אַרײַנ־
שטופן.

— ווי דער גנעדיקער האַר באַפעלט! — האָט דער אַלטער
געזאָגט — דער גנעדיקער האַר וועט איצט דערלויבן יענע צו
באַזוכן? מיר זענען אביונים...

באַ דידאַזיקע ווערטער האָט ער אָנגעוויזן אויף די הרוגים,
וואָס זענען געלעגן אין שמרוי.

— ניין! שטייט אויף דער וואַך. וואָס איר וועט באַ קוק־
לינאָווסקין געפינען, וועט זײַן אײַער!

— אויב ער וועט אַליין צוריקקומען — האָט דער אַלטער
געזאָגט — האָב איך פאַר גאָרנישט קיין מורא. כ׳וועל שטיין
פאַרן טויער און אַז עס וועט אפילו עמיצער פון די קוואַרטיר

אָנקומען, וועל איך זאָגן, אַז דער פּולקאָווניק האָט נישט געהייסן אַרײַנלאָזן...

— אַזוי וועט זײַן. גיב אַכטונג!

טריט פון אַ פערד האָבן זיך דערהערט הינטערן שײַער קמיטשיץ האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט און געשטעלט זיך אין שאָטן בײַ דער וואַנט. קאָסמאַ און דאַמיאַן האָבן פאַרנומען ערטער האַרט בײַם אַרײַנגאַנג, ווי צוויי קעץ, וואָס לויערן אויף אַ מויז.

— אַליין! — האָט דער אַלטער געזאָגט, רײַבנדיק זיך די הענט.

— אַליין! — האָבן קאָסמאַ און דאַמיאַן איבערגעחזרט.

די פערדישע טריט זענען שוין געווען זייער נאָענט און מיט אַמאָל זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן, דערפאַר האָט זיך הינטער טויער דערהערט אַ שטים:

— זאָל דאָרט עמעצער אַרויסגיין דאָס פערד צוהאַלטן!

דער אַלטער איז גיך אַרויסגעשפרונגען.

אַ ווײַלע איז געווען שטיל, דערנאָך האָט זיך צו די, וואָס האָבן געלויערט אין שײַער, דערטראָגן דער ווייטערדיקער שמועס:

— דאָס ביסטו, קעמליטש? וואָס צום טײַוול! ביסט צעדולט געוואָרן, אָדער פאַרחושט?!... נאַכט! מילער שלאָפט. די וואַך וויל נישט אַרײַנלאָזן, זיי זאָגן, אַז קיין שום אָפיציר איז נישט אַרויסגעפאָרן!... וואָס איז דאָס?...

— דער אָפיציר וואַרט דאָ אין שײַער אויפן גנעדיקן האַר. ער איז געקומען באַלד נאָכן גנעדיקן האַרס אַוועקפאָרן... און ער זאָגט, אַז ער האָט זיך מיטן גנעדיקן האַר געמיטן, דערפאַר וואַרט ער.

— וואָס באַדײַט דאָס אַלץ?... און דער געפאַנגענער?

— הענגט.

דאָס טויער האָט אַ סקריפּע געטון און קוקלינאָווסקי האָט זיך אַרײַנגערוקט אין שײַער, אָבער נאָך איידער ער האָט אַ שריט געמאַכט, האָבן צוויי אײַזערנע הענט אים פאַרן האַלדז אַ

באַן געטון און דערשטיקט דאָס געשריי פון אימה. קאָסמאַ און דאַמיאַן האָבן מיט דער געניטקייט פון אמתע רוצחים אים גע־וואָרפן אויף דער ערד, געקניט אויף זיין ברוסט, דריקנדיק זי אַזוי, אַז די ריפּן האָבן גענומען קנאַקן און כּהרף־עין האָבן זיי אים דאָס מויל פאַרשטופּט.

דאַמאָלס האָט קמיטשיץ זיך אַרויסגערוקט פון שאָטן, אַ לייכטגעטון אים מיטן בעזעמל אין די אויגן און געזאָגט:

— אַך! דאָס איז הער קוקליניאָווסקי!... איצט וועל איך מיט אייך שמועסן!

קוקליניאָווסקיס פּנים איז געווען בלוי, די אָדערן אָנגע־שוואָלן אַזוי, אַז עס האָט זיך געדאַכט, זיי וועלן אַ ליאַדע רגע פּלאַצן, אָבער זיינע פון די לעכער אַרויסגעקראָכענע און מיט בלוט אָנגעלאָפענע אויגן האָבן אויסגעדריקט לכל־הפּחות פונקט אַזוי פיל פאַרווונדערונג ווי שרעק.

— אויסטוען אים און אויף די בעלקע אַרויפציִען! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

קאָסמאַ און דאַמיאַן האָבן אים גענומען אויסטון מיט אַזאַ ברען גלייך ווי זיי וואָלטן צוזאַמען מיט די מלבושים אויך די הויט געוואָלט פון אים אַראָפּרייסן.

מיט אַ פערטל שעה שפּעטער איז קוקליניאָווסקי שוין אַ געבונדענער פאַר די הענט און פאַר די פיס, ווי אַ האַלב גענדזל, געהאָנגען אויף דער בעלקע.

דאַמאָלס האָט קמיטשיץ האַלטנדיק זיך באַ די זייטן גענו־מען שטאַרק זיך גרויסן.

— וואָס, הער קוקליניאָווסקי — האָט ער געזאָגט — ווער איז בעסער, קמיטשיץ אָדער קוקליניאָווסקי?...

דאָ האָט ער אַ כאַפּ געטון דאָס ברענענדיקע בעזעמל און צוגעגאַנגען אויף אַ טריט נענטער.

— דיין לאַגער ליגט דאָך אויף אַ שאָס פון אַ בויגן, דיינע טויזנט גזלנים זענען גרייט אויף יעדן רוף... איז דאָך דיין שווע־דישער גענעראַל נישט ווייט פון דאַנען, און דו הענגסט אויף דער זעלבער בעלקע, אויף וועלכער דו האָסט מיך געוואָלט צו־

בראָט׳... ווייס, ווער קמיטשיץ איז: דו האָסט זיך געוואָלט מיט אים פאַרגלייכן, צו זיין קאָמפּאַניע געהערן, זיך אויף איין מדרגה מיט איר שטעלן?... דו, גנב! דו מנוול!... דו פאַרזעעניש... דו מענטשלעך אויסקראַצעכץ!... דו שעלמע פון שעלמע־לאַנד! דו קרומע געמבע! דו כאַם! דו קנעכט!... כ׳וואָלט דיך מיט אַ מעסער געקענט הייסן קוילן ווי אַ קאַפּ־האָן, אָבער כ׳וויל בעסער לײַבעדיקערהייט דיך צוּבראָטן, ווי דו האָסט מיך געוואָלט...

בײַ דיזאָזיקע ווערטער האָט ער אויפגעהויבן דאָס בעזעמל און עס צוגעלייגט צו דער זייט פון אומגליקלעכן געהאָנגענעם, אָבער ער האָט עס געהאַלטן לענגער, ביז עס האָט זיך איבערן שייער נישט פאַרשפּרייט אַ ריח פון צוגעבריטענעם גוף.

קוקליניאָווסקי האָט זיך אײַנגעקאָרטשעט, אַז דער שטריק האָט אַזש געגומען מיט אים זיך װיגן. די אויגן, וואָס זענען געווען אײַנגעשפּיזט אין קמיטשיצן, האָבן אויסגעדריקט שרעקלעכע יסורים און אַ שטום רחמים־געבעט; פון פאַרשטאָפּטן מויל האָבן זיך צרויסגעריסן יאָמערלעכע קרעכצן, אָבער די מלחמות האָבן פאַרהאַרטעװעט העַר אַנדזשעיס האַרץ און עס האָט נישט געוווּסט פון קיין רחמנות, בפרט פאַר בוגדים.

אוועקנעמענדיק צום סוף דאָס בעזעמל פון קוקליניאָווסקיס זייט, האָט ער עס אים אויף אַ ווײַלע צוגעלייגט צו דער נאָז; אָפּגעסמאַליעט די וואָנסעס, די ווימפּערן און די ברעמען און דערנאָך געזאָגט:

— איך שענק דיר דאָס לעבן, כדי דו זאָלסט נאָך קענען טראַכטן וועגן קמיטשיצן. דו וועסט דאָ הענגען ביז באַגינען, און איצט בעט גאָט, אַז איידער דו וועסט געפרוירן ווערן, זאָלן דיך די מענטשן געפינען.

דאָ האָט ער זיך געווענדעט צו קאָסמאַן און דאַמיאַנען:

— אויף די פערד! — האָט ער אַ געשריי געטון.

און ער איז צרויס פון שייער.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָבן זיך אַרום די פיר רייטער אויסגעשפּרייט שנײַיקע, שווייגנדיקע בערגלעך און פּוסטע פעלדער

די פרישע לופט, וואָס איז מיט קיין פּולווער-רויך נישט געהען אָנגעזעטיקט, איז אַריין אין זייערע לונגען. קמיטשיץ איז געפאָרן דער ערשטער, די קעמלישעס הינטער אים. זיי האָבן שטיל גערעדט, ער האָט געשוויגן, און גיכער שטילערהייט די פרימאָרגן-תּפילות געזאָגט, ווייל צום זון אויפגאַנג איז שוין נישט ווייט געווען.

פון צייט צו צייט האָט אַ ציש, אָדער אפילו אַ שטילער קרעכץ זיך אַרויסגעריסן פון זיין מויל, ווייל די אָפּגעבריטע זייט האָט אים שטאַרק וויי-געטון. אָבער גלייכצייטיק האָט ער געפילט, אַז ער זיצט אויפן פערד און אַז ער איז פריי, און דער געדאַנק, אַז ער האָט אויפגעריסן דעם גרעסטן האַרמאַט און דערצו באַך זיך אַרויסגעריסן פון קוקליינאָווסקיס הענט און זיך איבער אים נוקם געווען, האָט אים פאַרשאַפט אַזאַ נחת-רוח, אַז די יסורים זענען לגבי דעם געווען אַ גאָרנישט.

דערווייל איז דער שטילער שמועס צווישן פאָטער און די זין פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הייכע מחלוקה.

— דאָס איז דער בייטל, גוט! — האָט דער אַלטער געוואָרטשעט — און וווּ זענען די רינגען? אויף די פינגער האָט ער געהאַט רינגען, אין איינעם איז געווען אַ שטיין, וואָס איז ווערט געווען אַ צוואַנציק גאָלד-גילדן.

— מיר האָבן פאַרגעסן אַראָפּצונעמען! — האָט קאָסמאַ געזאָגט.

— אַז דערהרגעט זאָלט איר ווערן! דו אַלטער טראַכטעסט וועגן אַלץ, און דידאַזיקע שעלמעס האָבן נישט קיין שכל פאַר קיין פּרוטה! איר האָט, גזלנים, פאַרגעסן וועגן די רינגען?... איר זאָגט ליגן, ווי די הינט!

— טאָ גיי, טאַטע, צוריק און זע! — האָט דאַמיאַן אַ ברום געטון.

— איר זאָגט ליגנט, שעלמעס, איר שיט זאַמד אין די אויגן! אַן אַלטן טאַטען קריוודען? הלוואַי וואָלט איך אייך אויף דער וועלט נישט געבראַכט! אָן אַ ברכה וועט איר שטאַרבן!...

קמיטשיץ האָט אַ ביסל דאָס פערד איינגעהאַלטן.

— קומט נאָר אַהער דאָ! — האָט ער געזאָגט.

די אַמפּערנישן האָבן אויפגעהערט. די קעמליטשס זענען האַסטיק צוגעריטן און געפאָרן ווייטער אַלע פיר אין איין ריי.

— איר קענט דעם וועג צו דער שלעזישער גרענעץ? — האָט הער אַנדזשעי געפרעגט.

— אוי, אוי! געטלעכע מאַמע! מיר קענען, מיר קענען! — האָט דער אַלטער געזאָגט.

— שוועדישע אָפּטיילונגען זענען אויפן וועג נישטאָ?

— ניין, ווייל אַלע שטייען בײַ טשענסטאָכאָוו... איינצעלנע ווערט מען אפשר אָנטרעפן, אָבער הלוואַי!

אַ ווײַלע האָבן זיי שטילגעשוויגן.

— האָט איר גאָר בײַ קוקליבאָווסקין געדינט? — האָט קמיטשיץ ווידער געפרעגט.

— יאָ, ווייל מיר האָבן געמיינט, אַז פון דער באַנדע וועלן מיר קענען די הייליקע נזירים און דעם גנעדיקן האַר צודינען. ס'האָט זיך טאַקע אַזוי געמאַכט... מיר האָבן קעגן דער פעסטונג נישט געדינט, זאָל אונדז גאָט אָפּהיטן! קיין שכירות האָבן מיר נישט גענומען, סיידן מיר האָבן עפּעס בײַ די שוועדן געפונען.

— וואָס הייסט, בײַ די שוועדן?

— ווייל מיר האָבן געוואָלט אפילו אויף יענער זייט מויערן דער הייליקסטער בתולה דינען... מיר פלעגן דעריבער בײַנאַכט לעבן לאַגער פאָרן, אָדער אויך בײַטאָג, ווי גאָט האָט געהאָלפן און אַז עפּעס אַן איינצעלנער שוועד איז אונטערגעקומען, האָבן מיר אים... דאָס... בײַשיצער פון זינדיקע!... מיר האָבן אים...

— געשלאָגן! — האָבן קאָסמאַ און דאַמיאַן פאַרענדיקט.

קמיטשיץ האָט אַ שמייכל געטון.

— גוטע דינער האָט קוקליבאָווסקי אין אייך געהאַט! — האָט ער געזאָגט — און ער האָט וועגן דעם געוווסט?

— עס זענען געווען קאָמיסיעס, מ׳האָט חוקר־ודורש געווען... ער האָט געוווּסט, און, אַזאַ גנב! ער האָט געהייסן אונדז אַ טאָלער פון אַ קאָפּ צאָלן... אַנדערש האָט ער געדראָט, אַז ער וועט פאַרמסרן... אַזאַ גזלן, אָרימע מענטשן געקריוודעט!.. מיר זענען אויך געטריי געבליבן דעם גנעדיקן האַר, ווייל דאָס איז נישט אַזאַ דינסט... דער גנעדיקער האַר וועט נאָך דאָס זייניקע אָפּגעבן, און ער נעמט צו אַ טאַלער פון אַ קאָפּ. פאַר אונדזער מי, פאַר אונדזער אַרבעט... אַז עס זאָל אים!...

— איך וועל אייך ריין באַלוינען פאַר דעם, וואָס איר האָט געטון! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — כ׳האָב זיך אויף דעם נישט געריכט פון אייך...

אינדעם האָט אַ ווייטער קנאַל פון האַרמאַטן אים איבערגעהאַקט די ווייטערדיקע ווערטער. דאָס האָבן די שוועדן משמעות אָנגעהויבן צו שיסן צוגלייך מיטן ערשטן פרימאָרגן־שימער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט דאָס געקנאַל זיך פאַרשטאַרקט. קמיטשיץ האָט פאַרהאַלטן דאָס פערד; ס׳האָט זיך אים געדוכטן, אַז ער אונטערשיידט די שטימען פון די פעסטונג־האַרמאַטן פון די שוועדישע האַרמאַטן, ער האָט צונויפגעבײַלט די פויסט און דראָענדיק מיט איר אין דער זייט פון פײַנטלעכן לאַגער, האָט ער געזאָגט:

— שיסט, שיסט! ווו איז אייער גרעסטער האַרמאַט?...

קאַפּיטל 19.

דאָס אויפרייסן דעם ריזיקן האַרמאַט האָט באמת געמאַכט אַ דערשלאָגנדיקן רושם אויף מילערן, ווייל זיינע אַלע האָפנונגען האָבן זיך ביז איצט געשטיצט אויפן דאָזיקן האַרמאַט. אויך די פּוסביייער זענען שוין געווען גרייט צום שטורעם, מ'האָט שוין צוגעגרייט לייטערס און שטויסן שאַנץ-קערב, איצט האָט מען יעדן געדאַנק פון אַ שטורעם געמוזט אויפגעבן.

דער פּלאַן אויפצורייסן דעם קלויסטער אין דער לופט מיט דער הילף פון מינעס איז אויך צו נישט געוואָרן. די בערג-אַרבעטער, וואָס זענען פריער אַראָפּגעבראַכט געוואָרן פון אַלקוש, האָבן אמת געבראָכן דעם פעלז, דערגענטערנדיק זיך שיף-אויס צום קלויסטער, אָבער די אַרבעט איז שווער געגאַנגען. די אַרבעטער זענען נישט געקוקט אויף אַלע פאָרזיכטיקייטן געפאַלן אין אַ גרויסער צאָל פון די קירך-שאָסן, און זיי האָבן געאַרבעט אומגערן. אַ סך האָבן בעסער געוואָלט אומקומען, איידער מיטהעלפן צום חורבן פון הייליקן אָרט.

מילער האָט יעדן טאָג געפילט דעם וואַקסנדיקן ווידער-

שטאַנד; די פרעסט האָבן צוגענומען דאָס רעשט ביסל מוט בײַם אומצופרידענעם חיל, צווישן וועלכן ס'האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרשפרייט אַ פחד און אַ גלויבן, אַז דאָס אײַננעמען דעמדאָזיקן קלויסטער ליגט גאָרנישט אין דער מענטשלעכער מאַכט.

צום סוף האָט אויך מילער אַליין גענומען פאַרלירן די האָפענונג און נאָכן אויפרײַסן דעם האַרמאַט איז ער פּשוט געוואָרן אָפּהענטיק. ס'האָט אים באַהערשט אַ געפיל פון פולשטענדיקער אומבאַהאָלפנקייט און מאַכטלאָזיקייט.

צומאָרגנס, קוים איז נאָר טאָג געוואָרן, האָט ער דעריבער צונויפגערופן אַ באַראַטונג, אָבער אוודאי נאָר דערפאַר, כדי פון די אָפיצירן צו הערן די עצה צו פאַרלאָזן די פעסטונג.

זיי האָבן זיך גענומען צונויפקלייבן, אַלע מידע און באַטריבטע. אין קיינעמס אויגן איז שוין נישט געווען קיין האָפענונג און אויך נישט קיין מיליטערישער מוט. שווײַגנדיק האָבן זיי זיך געזעצט אַרום טיש אין דער גרויסער און קאַלטער שטוב, אין וועלכער די פאַרע פון אָטעם האָט זיי פאַרשטעלט די פּנימער און זיי האָבן פון הינטער איר געקוקט, ווי פון הינטער אַ כמאַרע. יעדער האָט אין דער נשמה געשפּירט אַן אויסגעמאַטערטקייט און אַ מידקייט, יעדער האָט זיך און הארצן געזאָגט, אַז עס איז נישטאָ צו געבן קיין שום עצה, סײַדן אַזעלכע, מיט וועלכער ס'איז בעסער נישט דער ערשטער זיך אַרויסצוכאַפּן. אַלע האָבן געוואַרט דערויף, וואָס מילער וועט זאָגן; און ער האָט קודם-כל געהייסן ברענגען אַ סך געוואַרעמטן וויין, האָפנדיק, אַז אונטער דער השפּעה פון דער הייסער משקה וועט ער לײַכטער אַרויסקריגן אַן אויפריכטיקן געדאַנק פון די דאָזיקע שווײַגנדיקע פיגורן און אַן עצה אָפּצוטרעטן פון דערדאָזיקער פעסטונג.

צום סוף, ווען ער האָט געגלייבט, אַז דער וויין האָט שוין געהאַט אַ פּעולה, האָט ער זיך אָנגערופן מיט פאָלגנדיקע ווערטער:

— צי באַמערקט איר, גנעדיקע הערן, אַז קיינער פון די פּוילישע פאָלקאָווניקעס איז נישט געקומען צו דערדאָזיקער באַ-

טראַכטונג, הגם איך האָב צו אַלע געשיקט אַן אויפפאָדערונג?

— אייך איז אוודאי באַוווּסט, אַז די דינער פון די פּויּלישע פּולקן האָבן באַם פאַנגען פּיש געפונען קלו סטער־זילבער און אַז זיי האָבן זיך צוליב אים צעשלאָגן מיט אונדזערע זעלנער. אַ פּאָר מענטשן זענען צעהאַקט געוואָרן אויף טויט.

— כ'ווייס. אַ טייל פון דאָזיקן זילבער האָב איך באַווויזן אַרויסצורייסן פון זייערע הענט, אפילו דעם גרעסערן טייל. ער איז איצט דאָ און איך וועל זיך מיישב זיין, וואָס מיט אים צו טון.

— דערפון מסתמא שטאַמט דער כעס פון די הערן פּאָליקאָווניקעס. זיי טענהן, אַז קוים האָבן די פּאָליאַקן דאָסדאָזיקע זילבער געפונען, געהערט עס צו די פּאָליאַקן.

— אָט דאָס הייסט יושר! — האָט ווזשעשטשאָוויטש אויסגערופן.

— לויט מיין מיינונג איז דאָס אַ יושרדיקע טענה — האָט סאַדאָווסקי געענטפערט — און איך מיין, אַז ווען איר, הער גראַף, וואָלט עס געפונען, וואָלט איר נישט געגעבן פאַר ביי־טיק צוצונעמען פאַר שותּפים צו אים נישט בלויז די פּאָליאַקן, נאָר אפילו אויך מיך, הגם איך בין אַ טשעך?

— קודם־כּל, הער, בין איך נישט קיין שותּף צו אייער פריינטשאַפט פאַר די שונאים פון אונדזער קעניג — האָט ווזשעשטשאָוויטש בייז געענטפערט.

— אָבער מיר, הער, מוזן אַ דאַנק אייך זיין אייערע שותּפים צו די חרפּות און בושות, נישט קוקנדיק גאָרנישט אויפן, קעגן דער פעסטונג, וועלכע איר האָט אונדז אָנגערעדט איינצונעמען.

— האָט איר, הייסט עס, שוין יעדע האָפענונג פאַרלוירן?

— און איר האָט זי נאָך אויף צו פאַרטיילן?

— געוויס, און איך מיין, אַז דידאָזיקע הערן וועלן גערנער זיין שותּפים צו מיין האָפענונג, איידער צו אייער פּחדנות

— איר מאַכט מיך פאַר אַ פּחדן, הער ווזשעשטשאָוויטש?..

— איך שרייב אייך נישט צו מער מוט, ווי איר ווייזט אַרויס!

— און איך שרייב אייך צו ווייניקער!

— און איך — האָט געזאָגט מילער, וועלכער האָט זייט אַ געוויסער צייט בייז געקוקט אויף ווזשעשטשאָוויטשן, אַלס חייב אין דער שלימזלדיקער עקספּעדיציע — באַשליס דאָס זילבער צוריקצופירן אין קלויסטער. אפשר וועלן גוטסקייט און גנאָד מיר פּועלן בײַ די דאָזיקע פאַרעקשנטע בזירים, ווי קוילן און האַרמאַטן. זאָלן זיי אײַנזען, אַז מיר ווילן פאַרנעמען די פעסטונג, נישט זייערע אוצרות.

די אָפיצירן האָבן מיט פאַרוואונדערונג אַ קוק געטון אויף מילערן, אַזוי ווייניק זענען זיי געווינט געווען צו אַ גרויסמוטיקייט פון זײַן זייט.

לסוף האָט סאַדאָווסקי זיך אָנגערופן:

— עס איז דאָס בעסטע, וואָס מען קען טון, ווייל דערמיט וועט מען אויך פאַרמאַכן דאָס מויל די פוילישע פּאָלקאָוונִיקעס, וואָס האָבן תּביעות אויפן זילבער. אין דער פעסטונג וועט דאָס זיכער אויך מאַכן אַ גוטן רושם.

— דעם בעסטן רושם וועט מאַכן דער טויט פון יענעם קמיטשיץ — האָט ווזשעשטשאָוויטש געזאָגט — איך רעכן, אַז קוקלינאָווסקי האָט שוין דאָרט פון אים די הויט אַראָפּגעשינדן.

— איך מיין אויך. אַז ער לעבט שוין נישט — האָט מילער געזאָגט — אָבער דער דאָזיקער נאָמען דערמאָנט מיר אונדזער אבדה, וואָס קען מיט גאָרנישט באַלויגט ווערן. דאָס איז געווען דער גרעסטער האַרמאַט אין דער גאַנצער אַרטילעריע פון זײַן קעניגלעכער מאַיעסטעט. איך פאַרהויל נישט פאַר אייך, אַז אַלע מײַנע האָפנונגען האָב איך אויף אים אַרויפגעלייגט. די מויער איז שוין געווען דורכגעבראָכן, אין דער פעסטונג האָט זיך שוין פאַרשפּרייט אַ שרעק. נאָך אַ פּאָר טעג און מיר וואָלטן זיך גענוּמען לאָזן צום שטורעם. איצט איז די גאַנצע אַרבעט צו גאָרנישט. די מויער וועלן זיי אין איין טאָג פאַרריכטן. און די האַרמאַטן, וואָס מיר פאַרמאָגן זענען נישט בעסער פון די האַרמאַטן

אין דער פעסטונג און זיי קענען לייכט צעקלאַפּט ווערן. ק״ין גרעסערע איז נישטאָ פונוואַנען צו בעמען, ווייל אפילו דער הצר מאַרשאַל וויטעמבערג פאַרמאָגט זיי אויך נישט. גנעדיקע הערן! וואָס לעגגער איך פאַרטראַכט זיך וועגן דעם, אַלץ מוראדיקער ווייזט מיר אויס צו זיין די מפּלה!... און פאַרשאַפט האָט זי איין מענטש... איין הונט! איין שטן!... מ׳קען משוגע ווערן! צו אַלדי שוואַרצע יאָר!...

דאָ האָט מילער מיט דער פויסט אַ זעץ-געטון אין טיש אַריין, ווייל עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ כעס נישט צום איינ-האַלטן, אַ כעס, וואָס איז באַזונדערס געווען גרויס דערפאַר, ווייל ער איז געווען אומבאַהאָלפן.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אויסגעשריגן:

— און וואָס וועט זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט זאָגן, ווען עס וועט דערגיין צו אים די ידיעה וועגן דעמדאָזיקן שאָדן?!...

אין אַ ווײַלע אַרום ווידער:

— און וואָס וועלן מיר טון?... מיט די ציין וועלן מיר דעמדאָזיקן פעלז נישט צעבייסן! הלוואַי וואָלט אַ מגפה גע-קומע אויף די, וואָס האָבן מיך אָנגערעדט דידאָזיקע פעסטונג איינצונעמען!...

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַ כאַפּ-געטון דעם קריש. טאָלענעם בעכער און מיט רציחה אים אַ וואָרף געטון אויף דער פּאָדלאָגע, אַז דער קרישטאָל איז צעהאַקט געוואָרן אויף פּיצ-לעך.

די אָפיצירן האָבן געשוויגן. דעם גענעראַלס נישט לייטישע אויפרעגן זיך, וואָס האָט גיכער געפּאַסט פאַר אַ פויער, ווי פאַר אַ מיליטער-מאַן, וואָס פאַרנעמט אַזאַ הויכן פּאָסטן, האָט אָפּגעשטויסן פון זיך די הערצער און די מינעס נאָך זויערער געמאַכט.

— גיט אַן עצה, מיינע הערן! — האָט מילער אויסגע-שריגן.

— עצות געבן קען מען נאָר באַ אַ רויִקן פאַרהאַלטן זיך — האָט פירשט העסקי געענטפערט.

מילער האָט גענומען סאָפּען און דעם כעס מיט די נאָז-

לעכער אַרויסבלאָזן. נאָך אַ געוויסער צייט האָט ער זיך באַרויִקט און בלאַנדזשענדיק מיט די אויגן איבער די בייגעוועזענע, ווי ער וואָלט זיי מיטן בליק געוואָלט מוט צוגעבן, האָט ער געזאָגט:

— כ'בעט אייך איבער, מיינע הערן, אָבער מיין כּעס דאַרף אייך גאָרנישט חידוש. כ'וועל נישט דערמאַנען די שטעט, וועלכע איך האָב איינגענומען נאָכדעם ווי איך האָב נאָך טאָרסטענסאָנען די קאָמאַנדע איבערגענומען, ווייל איך וויל נישט לגבי דער איצטיקער מפּלה מיט דער אַמאָליקער הצלחה זיך באַרימען. דאָס אַלץ, וואָס קומט פאָר באַ דער דאָזיקער פעסטונג, שטייגט פּשוט אַריבער די מענטשלעכע השגות. פונדעסטוועגן דאַרף מען זוכן עצות... דערצו האָב איך אייך גערופן. לאָמיר זיך בכן באַראַטן... און וואָס מיר וועלן מיט אַ רוב דעות באַשליסן וועל איך דערפילן.

— זאָל אונדז דער הויך־ווירדיקער הער זאָגן, מכּוח וואָס מיר זאָלן זיך באַראַטן — האָט פּירשט הענסקי געזאָגט — צי מיר זאָלן זיך באַראַטן בלויז וועגן איינעמען די פעסטונג אָדער אויך וועגן דעם, צי ס'איז נישט בעסער אָפּצוטרעטן?

מילער האָט נישט געוואָלט שטעלן די פראַגע אַזוי קלאָר. ער האָט על־כּל־פּנים נישט געוואָלט, אַז יענער: אָדער — אָדער זאָל צום ערשטן מאָל אַרויס פון זיין מויל, דעריבער האָט ער געזאָגט:

— זאָל יעדער פון אייך זאָגן אָפן, וואָס ער טראַכט. מיר אַלע זענען מחויב צו זאָרגן פאַרן וווויל און רום פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט.

אָבער קיינער פון די אָפיצירן האָט אויך נישט געוואָלט דער ערשטער זיך אַרויסכאַפּן מיטן פאָרשלאַג אָפּצוטרעטן, זיי האָבן דעריבער ווידער שטילגעשוויגן.

— הער סאַדאָווסקי! — האָט מילער אין אַ ווילע אַרום זיך אָנגערופן מיט אַ שטים, וועלכע ער האָט זיך באַמיט צו מאַכן פריינטלעך און גנעדיק — איר זאָגט אויפריכטיקער פון אַנדערע

דאָס, וואָס איר טראַכט, ווייל אייער רעפּוטאַציע באַוואָרנט אייך פון יעדן חשד...

— איך מיין, גענעראַל — האָט דער פּולקאָווניק געזאָגט — אַז דערדאָזיקער קמיטשיץ איז געווען איינער פון די גרעסטע זעלנער פון דער הייַנטיקער צייט און אַז אונדזער מצב איז אַ פאַרצווייפלטער...

— איר זענט דאָך געווען דערפאַר, אַז מיר זאָלן אָפּטרעטן פון דער פעסטונג?...

— זייט מוחל, הויכווירדיקער הער, כ'בין נאָר געווען דערפאַר, אַז מיר זאָלן צו דער באַלאַגערונג נישט צוטרעטן... דאָס איז לגמרי עפּעס אַנדערש.

— וואָס פאַר אַן עצה גיט איר איצט?

— איצט טרעט איך אָפּ דאָס וואָרט דעם הער ווזשעש־טשאָוויטש...

מילער האָט אַרויסגעלאָזט אַ קללה, ווי אַ געמיינער דינער.

— הער ווייהאַרד וועט ערב זיין פאַר דערדאָזיקער גאַנצער אומגליקלעכער עקספּעדיציע! — האָט ער געזאָגט.

— נישט אַלע מיינע עצות האָט מען געפאָלגט — האָט ווזשעשטשאָוויטש עזותדיק געענטפערט — כ'וואָלט אויך דרייסט געקענט אַראָפּוואַרפן פון זיך די אחריות. עס זענען געווען אַזעל־כע, וואָס האָבן געטון פונקט קאַפּויער, געווען אַזעלכע, וואָס פילנ־דיק אַ משוגעהדיקע און אומפאַרשטענדלעכע פריינטשאַפט פאַר די גלחים, האָבן זיי אָפּגערעדט דעם הער גענעראַל פון אַלע שאַר־פערע מיטלען. כ'האָב געראָטן, אַז מ'זאָל יענע גלחים, וואָס זע־נען געקומען אַלס שליחים, אויפהענגען און כ'בין איבערצייגט, אַז ווען דאָס וואָלט געשען, וואָלט די אַנגעוואָרפענע מורא שוין געווען געענדיקט פאַר אונדז די טויערן פון דערדאָזיקער היבער־שטייג.

דאָ האָט ווזשעשטשאָוויטש גענומען קוקן אויף סאַדאָווסקין. אָבער נאָך איידער דער לעצטער האָט באַוויזן צו ענטפערן, האָט זיך אַריינגעמישט פירשט העסקי:

— רופט נישט, גראַף, דידאַזיקע פעסטונג הינער־שטייג — האָט ער געזאָגט — ווייל וואָס מער איר פאַרקלענערט איר באַ־דייטונג, אַלץ מער פאַרגרעסערט איר אונדזער שאַנד.

— כ׳האָב געראָטן, אַז מ׳זאָל די שליח׳ים אויפהענגען. אַ מורא אָנוואַרפן און נאָר אַ מורא, אָט וואָס איך האָב פון באַגי־נען ביזן אָוונט איבערגעחזרט, אָבער הער סאַדאָווסקי האָט גע־דראָט מיט דעמיסיע און די גלחים זענען אַוועק בשלום.

— גייט, הער גראַף, היינט אין דער פעסטונג אַריין — האָט סאַדאָווסקי געענטפערט — רייסט אויף אין דער לופט זייער גרעסטן הארמאַט, ווי יעגער קמיטשיץ האָט עס געטון בײַ אונדז, און איך זאָג אייך גוט, אַז דאָס וועט אָנוואַרפן אַ גרעסערע מורא, ווי דאָס רוצחישע הרגענען שליחים!...

וושעשטשאָוויטש האָט זיך געווענדעט גלייך צו מי־לערן:

— הויך־ווירדיקער הער! איך מיין, אַז מיר זענען זיך דאָ צונויפגעקומען אויף אַ באַראַטונג און נישט אויף צו טרייבן קאַ־טאָוועס!

— צי האָט איר, אַ חוץ פוסטע מוסר־רייד, וואָס צו זאָגן? — האָט מילער געפרעגט.

— כ׳האָב נישט געקוקט אויף די אויפגערעגטקייט פון דידאַזיקע הערן, וועלכע וואָלטן זייער הומאָר געקענט באַהאַלטן אויף בעסערע צייטן.

— אָ, אויף המצאות זענט איר אַ גרויסער בריה! — האָט פירשט העסקי אויסגעשריגן.

— מיינע הערן! — האָט וושעשטשאָוויטש געענטפערט — ס׳איז אַלגעמיין באַקאַנט, אַז נישט מינערוואַ איז אייער באַשיצ־דיקער אָפּגאָט, און היות ווי מאַרס האָט אייך מיט קיין הצלחה נישט מזכה געווען און איר האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אייערע שטימען, לאָזט מיך רעדן.

— דער באַרג הייבט אָן צו קרעכצן. באַלד וועלן מיר דער־זען דעם עק פון אַ מייזל! — האָט סאַדאָווסקי זיך אָנגערופן.

— איך בעט שטילשווייגן! — האָט מילער שטרענג געזאָגט.

— רעדט, הער גראַף, נאָר געדענקט, אַז ביז איצט האָבן אײַערע עצות געגעבן ביטערע פּירות.

— נישט געקוקט אויפן ווינטער מוזן מיר זיי עסן, ווי די פאַרשימלטע סוכאַרעס! — האָט פירשט העסקי זיך אַרײַנגעמישט.

— דערמיט דערקלערט זיך, פאַרוואָס דער הער פירשט טרינקט אַזוי פיל ווײַן — האָט וושעשטשאָוויטש געענטפערט — און הגם ווײַן פאַרבײַט נישט דעם אײַנגעבוירענעם שכל, העלפט ער אײַך דערפאַר פרײלעך צו פאַרדייען אפילו בזיונות. אָבער גענוג וועגן דעם! איך ווייס גוט, אַז אין דער פעסטונג איז פאַראַן אַ פּאַרטיי, וועלכע וויל שוין פון לאַנג זיך אונטערגעבן און נאָר אונדזער שוואַכקייט פון איין זייט און די איבערמענטשלעכע עקשנות פון פּריאָר פון דער אַנדערער זייט האַלט זי אין צוים. אַ נייע שרעק וועט איר צוגעבן פרישע כוחות, דערפאַר דאַרפן מיר באַווײַזן, אַז עס אַרט אונדז גאָרנישט דער אָנווער פון האַרמאַט און מיר נאָך מער ענערגיע שטורמען.

— צי איז דאָס שוין אַלץ?

— ווען אפילו דאָס וואָלט געווען אַלץ, האַלט איך, אַז אַזאַ עצה פּאַסט ביכער פאַרן כבוד פון שוועדישע זעלנער, איידער דאָס פּוסטע חוזק מאַכן פון איר באַ כוסות און אײַער דאָס אויסשאָן זיך נאָכן שכורן. אָבער דאָס איז נישט אַלץ, מ'דאַרף צווישן אונדזערע זעלנער, און באַזונדערס צווישן די פּוילישע, פאַרשפּרייטן די ידיעה, אַז די בערג-אַרבעטער, וועלכע גראָבן איצט די מינע, האָבן אַנטדעקט אַן אַלטן אונטערערדישן דורכגאַנג, וואָס ציט זיך אונטער דעם קלויסטער און קירך...

— איר זענט גערעכט, דאָס איז אַ גוטע עצה! — האָט מילער געזאָגט.

— ווען די דאָזיקע ידיעה וועט זיך פאַרשפּרייטן צווישן אונדזערע און די פּוילישע זעלנער, וועלן די פּאָליאַקן גופא אָנרעדן די נזירים זיך אונטערצוגעבן, ווײַל פּונקט ווי די נזירים

גייט עס אויך זיי אין דעם, אַז דיראַזיקע נעסט פון פּאַנאַטיזם זאָל ביטול ווערן.

— פאַר אַ קאַטאָליק איז דאָס גאָרנישט שלעכט! — האָט סאַדאָווסקי אַ ברום געטון.

— ווען ער וואָלט געדינט די טערקן, וואָלט ער רוים באַצייכנט פאַר אַ נעסט פון פּאַנאַטיזם! — האָט פּירשט העסקי געענטפערט.

— דאַמאָלס וועלן די פּאָליאַקן אָן ספק שיקן פון זיך שליחים צו די גלחים — האָט ווייהאַרד ווייטער געזאָגט — יענע פּאַרטיי אין קלויסטער, וועלכע וויל זיך שוין לאַנג אונטערגעבן, וועט אונטער דער השפעה פון דער מורא באַנייען אירע כוחות און ווער ווייסט, צי זי וועט נישט צווינגען דעם פּריאָר און די ווידערשפּעניקע צו עפענען די טויערן.

— „ס'וועט אונטערגיין די שטאָט פּריאַמאַ דורך אַ שווינדל פון געטלעכן לאַערטידאַ...“ — האָט פּירשט העסקי גענומען דעקלאַמירן.

— בנאמנות, אַן אמתע טראָיאַנישע געשיכטע, און אים דאַכט זיך, אַז ער האָט עפּעס בייעס אויסגעטראַכט! — האָט סאַדאָווסקי זיך אָנגערופן.

אָבער מילערן איז די עצה געפעלן געוואָרן, ווייל אין תוך גענומען איז זי נישט געווען שלעכט. די פּאַרטיי, וועגן וועלכער וזשעשטשאָוויטש האָט דערמאַנט, האָט עקזיסטירט אין קלויסטער. ס'האָבן צו איר אפילו געהערט אייניקע גלחים מיט שוואַכערע הערצער. אַחוץ דעם האָט אַ שרעק זיך געקענט פאַרשפּרייטן צווישן גאַרניזאָן, אַרומכאַפּן אפילו די, וועלכע האָבן ביז איצט זיך געוואָלט פאַרטיידיקן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט.

— מיר וועלן פּרוּוון, מיר וועלן פּרוּוון! — האָט געזאָגט מילער, וועלכער האָט ווי אַ טרינקענדיקער זיך אָנגעכאַפּט אין יעדן ברעט און איז לייכט פון יאוש צו האָפענונג איבערגעגאַנגען. — אָבער צי וועלן קאַליניצקי אָדער זבראָזשעק מסכים זיין נאָך צו גיין אין אַ שליחות אין קלויסטער, צי וועלן זיי גלייבן

אין דאָזיקן אונטערערדישן דורכגאַנג און צי וועלן זיי וועלן מודיע זיין די גלחים וועגן אים?

— יעדנפאַלס וועט קוקליניאָווסקי מסכים זיין — האָט וושעשטשאָוויטש געענטפערט — אָבער בעסער וועט זיין, אַז אויך ער זאָל באמת גלייבן אין דער עקזיסטענץ פון דורכגאַנג.

אין דעם האָבן פערדישע טריט אָפּגעהילכט פאַר דער קוואַרטיר.

— אָט איז אויך הער זבראָזשעק געקומען! — האָט פירשט העסקי געזאָגט, קוקנדיק דורכן פענסטער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן אין פאָדער־הויז שפּאַרנס אַ קלימפּער געטון און זבראָזשעק איז אַרײַנגעקומען, אָדער בעסער געזאָגט אַרײַנגעפאַלן אין שטוב. זײַן פּנים איז געווען בלאַס, אויפגערעגט און נאָך איידער די אָפיצירן האָבן באַוויזן צו פרעגן וועגן דער סבה פון דערדאָזיקער צעטומלטקייט, האָט דער פּול־קאָווניק אַ געשריי געטון:

— קוקליניאָווסקי לעבט נישט!

— ס׳טייטש? וואָס רעדט איר? וואָס איז געשען? — האָט מילער געפרעגט.

— לאָזט מיך דעם אָטעם כאַפּן — האָט זבראָזשעק גע־זאָגט — ווײַל דאָס, וואָס כ׳האָב געזען, שטײַגט אַריבער יעדע פאַנטאַזיע...

— זאָגט גיכער, מ׳האָט אים דערמאָרדעט?... — האָבן אַלע אויסגערופן.

— קמיטשיץ! — האָט זבראָזשעק געענטפערט.

די אָפיצירן האָבן זיך אַלע אַ ריס געטון פון זייערע ערטער און געגלימען קוקן אויף זבראָזשעקן, ווי אויף אַ משוגענעם; ער ווידער האָט אַרויסוואַרפנדיק פון די באַזלעכער האַסטיקע קנוילן פּאַרע, אַזוי געזאָגט:

— ווען כ׳וואָלט נישט געזען, וואָלט איך די אויגן נישט געגלייבט, ווײַל דאָס איז שלא־כדרך־הטבע. קוקליניאָווסקי לעבט נישט, דריי זעלנער זענען דערהרגעט, און פון קמיטשיצן איז

קיין זכר נישטאָ. כ׳האָב געוווּסט, אַז דאָס איז אַ שרעקלעכער מענטש ער איז אַ שם־דבר אין גאַנצן לאַנד... אָבער אַז ער זאָל אַלס געפֿאַנגענער, אַ געבונדענער, נישט בלויז זיך אַרויס־רייסן, נאָר די זעלנער דערהרגענען און קוקלינאָווסקין פֿאַרפּייניקן.. דאָס האָט נישט אַ מענטש, נאָר אַ טייוול געמוזט אויפֿטון!

— אַזוינס איז זיך נאָך קיינמאָל נישט פֿאַרלאָפֿן... דאָס לאָזט זיך גאָרנישט גלייבן! — האָט סאַדאָווסקי שטיל געזאָגט.

— דערדאָזיקער קמיטשיק האָט געזיגט, וואָס ער קען! — האָט פּירשט העסקי זיך אָנגערופֿן — און מיר האָבן נעכטן נישט געגלייבט די פּאָליאַקן, ווען זיי האָבן אונדז געזאָגט, וואָס פֿאַר אַ פֿויגל דאָס איז; מיר האָבן געמיינט, אַז זיי זענען מגזם, ווי זייער שטייגער איז תּמיד.

— משוגע צו ווערן! — האָט וושעשטשאָוויטש אַ געשריי געטון.

מילער האָט זיך מיט די הענט געהאַלטן פֿאַרן קאָפּ און גאָרנישט געזאָגט. ווען ער האָט צום סוף די אויגן אויפֿגעהויבן, האָבן בליצן פֿון כּעס זיך געביטן אין זיי מיט בליצן פֿון חשד.

— הער זבראָזשעק — האָט ער געזאָגט — ווען אפֿילו דאָס וואָלט געווען אַ שטן און נישט קיין מענטש, וואָלט ער אָן הילף, אָן עפּעס אַ בגידה נישט בכּוח געווען דאָס אויפֿצוטון. קמיטשיץ האָט דאָ געהאַט זיינע פֿאַרערער, און קוקלינאָווסקי זיינע שונאים און איר האָט צו זיי געהערט!

זבראָזשעק איז אין פֿולן זין פֿון דאָזיקן וואָרט געוואָרן אַ דרייסטער זעלנער, דעריבער, ווען ער האָט דערהערט דעם פֿאַר־וואָרף, קעגן אים געווענדט, איז ער נאָך בלאַסער געוואָרן, האָט זיך פֿון אָרט אַ ריס געטון, איז צוגעגאַנגען צו מילערן און פֿאַר־שטעלנדיק אים דעם וועג, האָט ער אים אַ קוק געטון גלייך אין די אויגן אַריין.

— איר זענט מיך חושד?... — האָט ער געפֿרעגט.

ס׳איז געקומען אַ זייער שווערער מאָמענט. אַלע בייגעווע־

וענע זיינען קיין איין רגע נישט געווען מסופק, אַז אויב מילער וועט געבן אַ פּאָזיטיווע תשובה, וועט זיכער געשען עפּעס שרעקלעכעס און אומדערהערטעס אין דער מיליטערישער געשיכטע. אַ עמענס הענט האָבן זיך געכאַפּט צו די הענטלעך פון די שווערדן. סאַדאָווסקי האָט זיין שווערד אפילו איינגאַנצן אַנטבלויזט.

אָבער אין דער רגע האָבן די אָפיצירן דורך די פענסטער דערזען, אַז דער הויף איז פול געוואָרן מיט פּוילישע רייטער. זיי זענען מסתמא אויך געקומען מיט ידיעות וועגן קוקלינאָווסקין, אָבער אין פאַל פון אַן אינצידענט, וואָלטן זיי זיך אָן ספק געשטעלט אויף זבראָזשעקס זייט. מילער האָט זיי געזען און הגם זיין פנים איז בלאַס געוואָרן פון רציחה האָט ער זיך פונדעסטוועגן באַהערשט און מאַכנדיק דעם אָנשטעל, אַז ער זעט נישט אין קיין אַרויספאָדערונג אין זבראָזשעקס פאַרהאַלטן זיך, האָט ער געענטפערט מיט אַ כלומרשט באַטירלעכער שטים:

— דערציילט אונדז, גנעדיקער הער, באַריכות, ווי אַזוי דאָס איז געשען?

זבראָזשעק איז אַ געוויסע צייט נאָך געשטאַנען מיט פונאַנדערגעבלאָזענע נאָזלעכער, אָבער ער האָט זיך אויך באַרויקט און דערביי האָט זיין געדאַנק זיך אַ קער געטון אין אַן אַנדערער זייט, ווייל די חברים, וואָס זענען אָנגעפאָרן, זענען אַריינגעקומען אין שטוב.

— קוקלינאָווסקי איז דערהרגעט! — האָבן זיי איינער נאָכן אַנדערן איבערגעחזרט.

— קוקלינאָווסקי איז דערמאָרדעט!

— זיין אָפּטיילונג צעשפּרייט זיך! זיינע זעלנער ווערן משוגע!

— לאָזט קומען צום וואָרט דעם הער זבראָזשעק, וועלכער האָט דער ערשטער געבראַכט דאָס נייעס! — האָט מילער אויסגערופן.

אין אַ ווײַלע אַרום איז שטיל געוואָרן און זבראָזשעק האָט גענומען דערציילן:

— איך איז באַקאַנט, אַז אויף דער לעצטער באַראַטונג האָב איך קוקלינאָווסקין אַרויסגערופן אויף אַ ריטערלעכן וואָרט. כ'האָב קמיטשיצן באַוווּנדערט, אבֿת, ווייל אויך איר, הם איר זענט זיינע שונאים. מוז מידה זיין, אַז נישט אַבי ווער האָט געקענט אויספירן אַזאַ ווערק, ווי דאָס צעזעצן דעמדאָזיקן האַמאַט. דעם מוט דאַרף מען אויך אין שונא שעצן, דערפאַר האָב איך אים דערלאַנגט די האַנט, אָבער ער האָט זיינע צוריקגעצויגן און בוגד מיך אָנגערופן. כ'האָב זיך דעריבער געטראַכט: זאָל קוקלינאָווסקי מאַכן מיט אים, וואָס ער וויל... ס'איז מיר גאָר געגאַנגען אין דעם, אַז אויב קוקלינאָווסקי וועט זיך מיט אים באַגיין אויף אַן אופן, וואָס איז קעגן דעם ריטערלעכן כבוד, זאָל די שאַנד פון דערדאָזיקער טאַט נישט פאַלן אויף אַלע פּאָליאַקן, און צווישן אַנדערע אויך אויף מיר. דערפאַר האָב איך דווקא געוואָלט מיט קוקלינאָווסקין זיך שלאָגן, און היינט אין דער פרי האָב איך גענומען צוויי חברים און בין אַוועק אין זיין לאַגער. מיר קומען אָן אין דער קוואַרטיר... מ'זאָגט: „ער איז נישטאָ!" איך שיק אַהער, ער איז נישטאָ!... אין דער קוואַרטיר זאָגט מען, אַז ער איז באַנאַכט גאָרנישט צוריקגעקומען, אָבער זיי זענען נישט געווען אומרויִק, ווייל זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז געבליבן באַ איך. ביז איין זעלבער האָט געזאָגט, אַז ער איז באַנאַכט אַוועק מיט קמיטשיצן אין פעלד אין שייער, אין וועלכן ער האָט אים געלאָזט צובראָטן. איך פאָר אין שייער, די טיר איז אָפן. כ'גיי אַריין און זע, עס הענגט אַ נאַקעטער גוף אויף דער בעלקע... כ'האָב געמיינט, אַז דאָס איז קמיטשיץ, ערשט ווען די אויגן האָבן זיך צו דער טונקעלקייט צוגעוווינט, זע איך, אַז דער גוף איז אַ דאַרער און אַ ביינערדיקער, און יענער האָט ווי הערקולעס אויסגעזען... ס'איז מיר געווען אַ חידוש, אַז אין איין נאַכט זאָל ער האָבן געקענט אַזוי איינגעשרומפּן ווערן... איך גיי צו נענטער — קוקלינאָווסקי!

— אויף דער בעלקע? — האָט מילער געפרעגט.

— יאָ! כ'האָב זיך איבערגעצלמט... כ'טראַכט; אַ כישוף, אַ גאָט־זאַך, אָדער וואָס... ערשט ווען איך האָב דערזען די

טויטע קערפּערס פון דריי זעלנער איז מיר דער אמת קלאָר גע־וואָרן. דערדאָזיקער מוראדיקער מענטש האָט יענע דערה־געט, דעם אויפגעהאָנגען און ווי אַ תּלין צוגעבראָטן און אַליין איז ער אַנטקומען!

— צו דער שלעזישער גרענעץ איז נישט וויט! — האָט סאַדאָווסקי געזאָגט.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווײַגן.

יעדער חשד בנוגע זבראָזשעקס אַנטייל איז פאַרשוווּנדן אין מילערס נשמה. אָבער דער פאַל אַליין האָט אים צעטומלט, איבערגעשראָקן און דורכגענומען מיט עפּעס אַן אומבאַשטימטער אומרויִקייט. ער האָט געזען די סכּנות, וואָס הויבן זיך אָן אַרום און אַרום, און גיכער זייערע שאָטנס, קעגן וועלכע ער האָט אפילו נישט געוווּסט, ווי אַזוי צו קעמפן; ער האָט געשפּירט, אַז ס׳האָט אים אַרומגערינגלט אַ קייט פון אומגליקן. די ערשטע רינגעלעך זענען געלעגן פאַר זײַנע אויגן, אָבער די ווײַטערדיקע זענען נאָך געווען פאַרהילט אין אַ שלייער פון דער פינסטערער צוקונפט. עס האָט אים באַהערשט אַזאַ געפיל, ווי ער וואָלט גע־ווינט אין אַ צעפלאַצטן הויז, וואָס האָט אַ ליאַדע רגע געקענט איינפאַלן אויף זײַן קאָפּ. די אומזיכערקייט האָט אים צוגעדריקט מיט אַן אומדערטרעגלעכער משא און ער האָט זיך אַליין גע־פרעגט, וואָס ער זאָל טון?

אין דעם האָט ווזשעשטשאָוויטש זיך אַ קלאַפּ געטון אין שטערן.

— באַ גאָט! — האָט ער געזאָגט — פון נעכטן אָן, זינט כ׳האָב דעמדאָזיקן קמיטשיץ דערזען, דאַכט זיך מיר, אַז איך האָב אים אַמאָל געקענט. איצט זע איך ווידער פאַר זיך דאָס־דאָזיקע פּנים און דערמאָן זיך דעם קלאַנג פון זײַן שפּראַך. כ׳האָב אים געמוזט באַגעגענען אַ קורצע צײַט און אין דער פינ־סטער, אין אָוונט, אָבער ער דרייט זיך מיר אין קאָפּ... ער דרייט זיך...

דאָ האָט ער גענומען דעם שטערן מיט דער האַנט רייבן.

— וואָס וועט אונדז דערפון אַרויסקומען ? — האָט מילער געזאָגט — איר וועט, הער גראַף, דעם האַרמאַט נישט צונויפקלעבן, ווען אפילו איר זאָלט זיך דערמאָנען; איר וועט קוקלינאָווסקין נישט מחיה-מתים זיין!

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די אָפיצירן:

— ווער עס וויל, מיינע הערן, קומט מיט מיר אויפן אָרט פון געשעעניש!

אַלע האָבן געוואָלט פאָרן, ווייל אַלעמען האָט די בייגעריקייט געריצט.

מהאָז דע-לאַנגט די פערד און זיי האָבן זיך געלאָזט רייטן מיטן גענעראַל בראש. צוקומענדיק צום שייער, האָבן זיי דערזען אַ פאָר צענדליק פוילישע רייטער, וואָס זענען אַרום דאָזיקן בנין געווען צעוואָרפן אויפן וועג און איבערן פעלד.

— ווער זענען דאָס די דאָזיקע מענטשן ? — האָט מילער געפרעגט זבראָזשעקן.

— דאָס זענען אוודאי קוקלינאָווסקיס מענטשן. כ'זאָג אייך, אַז דאָסדאָזיקע געזינדל איז פשוט פון זינען אַראָפ...

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט זבראָזשעק גערופן איינעם פון די רייטער.

— אַהער דאָ, אַהער דאָ! גיכער!

דער זעלבער איז צוגעפאָרן.

— איר זענט פון קוקלינאָווסקיס פולק?

— יאָ!

— און ווו איז די רעשט פון פולק?

— זיי זענען זיך צעלאָפן. זיי זאָגן, אַז זיי ווילן נישט לענגער דינען קעגן יאַסנאַ-גוראַ.

— וואָס האָט ער געזאָגט? — האָט מילער געפרעגט.

זבראָזשעק האָט פאַרטייטשט.

— פרעגט אים, וווהין זיי זענען געגאַנגען? — האָט דער גענעראַל געזאָגט.

זבראָזשעק האָט די פראַגע איבערגעחזרט.

— מען ווייסט נישט — האָט דער זעלבער געענטפערט —

אַ טייל איז אַוועק קיין שלעזיע. אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז ער גייט דינען קמיטשיצן אַליין, ווייל נאָך אַזאַ פּאָלקאָווניק איז נישטאָ נישט צווישן די פּאָליאַקן און נישט צווישן די שוועדן.

ווען זבראָזשעק האָט ווידער פּאַרטייטשט דעם זעלנערס ווערטער, האָט מילער זיך פאַרטראַכט. באמת, אַזעלכע מענטשן, ווי די, וואָס קיקלינאָווסקי האָט געהאַט, זענען עלול געווען אָן קווענקלעניש אַריבערצוגיין אונטער קמיטשיצס קאָמאַנדע. אָבער דעמאָלט האָבן זיי געקענט ווערן געפערלעך, אויב נישט פאַר מילערס אַרמיי, איז ווייניקסטנס פאַר דעם צופיר און קאָמוניקאַציע.

די כוואַליע פון סכנות האָט זיך געהויבן וואָס אַמאָל העכער אַרום דער פאַרכישופטער פעסטונג.

זבראָזשעקן האָט דאָס זעלבע געמוזט קומען אין קאָפּ אַריין, ווייל ווי ענטפערנדיק אויף מילערס געדאַנקען האָט ער געזאָגט:

— איין זאַך איז זיכער, אַז אַלץ ברויזט אין דער גאַנצער רעפּובליק. זאָל באַר אַזאַ קמיטשיץ אַ געשריי טון, וועלן הונדערטער און טויזנטער אים אַרומרינגלען, בפרט נאָך דעם, וואָס ער האָט געטון.

— און וואָס וועט ער אויפטון? — האָט מילער געפרעגט.

— איר וועט אַזוי גוט זיין געדענקען, אַז דער דאָזיקער מענטש האָט כאָוואַנסקין דערפירט צו פאַרצווייפלונג, און כאָוואַנסקי האָט געהאַט, אַריינגערעכנט די קאָזאַקן, זעקס מאָל אַזוי פיל מענטשן, ווי מיר... קיין איין טראַנספּאָרט וועט צו אונדז נישט אָנקומען אָן זיין דערלויבעניש, און די פּויערן זענען חרוב געוואָרן און מיר הייבן אָן צו פילן אַ דוחק אין עסנוואַרג. אַחוץ דעם קען קמיטשיץ זיך פאַרייניקן מיט זשעגאָצקין און קולעשאַן, דעמאָלט וועט ער האָבן אַ פּאָר טויזנט שווערדן אויף יעדן רוף. דאָס איז אַ שווערער מענטש און ער קען אַ סך צרות אָנטון.

— און איר זענט זיכער מיט אייערע זעלנער?

— מער, ווי מיט מיר אַליין! — האָט זבראָזשעק געענט־פערט מיט אַ האַרטער אָפנהערציקייט.

— וואָס הייסט מער?

— ווייל, דעם אמת געזאָגט, האָבן מיר שוין גענוג דידאָ־זיקע באַלאַגערונג!

— איך בין בטוח, אַז זי וועט זיך בקרוב ענדיקן.

— עס פרעגט זיך נאָר: ווי אַזוי? איבעריקנס, נעמען די דאָזיקע פעסטונג איז איצט כּמעט אַזאַ מפּלה, ווי פון איר אָפּ־טרעטן.

דערווייל זענען זיי צוגעפאָרן צום שייער. מילער האָט זיך פון פערד אַראָפּגעזעצט, נאָך אים אַלע אָפיצירן און זיי זענען אַריין אינעווייניק. קוקליבאָווסקין האָבן די זעלנער שוין געהאַט אַראָפּגענומען פון דער בעלקע און צודעקנדיק מיט אַ פערדישער דעק, אים געלייגט מיטן פּנים אַרויף אויף די רעשטלעך שטרוי, די דריי זעלנערישע קערפּערס זענען געלעגן דערלעבן, אויסגע־לייגט גלייך איינער לעבן אַנדערן.

— זיי האָט מען דערהרגעט מיט מעסערס — האָט זבראָ־זשעק אַ שעפּטשע געטון.

— און קוקליבאָווסקי?

— אויף קוקליבאָווסקין זענען קיין וווּנדן נישטאָ, נאָר אַ זייט האָט ער אַן צופּגעברענטע און אָפּגעסמאַליעטע וואָנסעס. ער האָט געמוזט געפּרווירן ווערן, אָדער ער האָט זיך פאַרקייכט, ווייל דאָס אייגענע היטל האַלט ער נאָך ביז איצט אין די ציין.

— דעקט אים אָפּ!

אַ זעלנער האָט אויפגעהויבן אַ ברעג פון דער דעק און ס'האָט זיך באַוויזן אַ פּנים אַ שרעקלעכס, אַן אָנגעלאָפנס, מיט אויסגעגלאָצטע אויגן. אויף די רעשטלעך פון די אָפּגעסמאַליע־טע וואָנסעס האָבן צאַפּנס, וואָס זענען אַנטשטאַנען פון פאַראייזטן הויך, זיך צונויפגעמישט מיטן ריס און געהאַט אַ פּנים פון ציין, וואָס שטאַרן אַרויס פון מויל. דאָס פּנים איז געווען אַזוי עקל־

דיק, אַז מילער, הגם ער איז געווען צוגעוווינט צו כּלערליי גרויזאַמקייטן, האָט אויפגעשוידערט און געזאָגט:

— דעק צו וואָס גיכער! שרעקלעך! שרעקלעך!

אַ טריבע שטילקייט האָט געהערשט אין שייער.

— צו וואָס זענען מיר געקומען אַהער? — האָט פירשט העסקי אויסשפייענדיק געפרעגט — אַ גאַנצן טאָג וועל איך זיך צו קיין עסן נישט צורירן.

מיטאַמאָל האָט מילערן באַהערשט עפּעס אַן אומגעוויינטלעכער גרימצאָרן, וואָס האָט געגרענעצט כמעט מיט משוגעת. דאָס פּנים איז אים בלוי געוואָרן, די שוואַרץ־אַפּלען האָבן זיך פאַרברייטערט, די ציין האָבן גענומען קריצן. ס'האָט אים באַוועלטיקט אַ ווילדע דורשט נאָך בלוט, נקמה איבער וועמען עס איז און ווענדנדיק זיך צו זבראָזשעקן האָט ער דעריבער אַ געשריי געטון:

— ווו איז יענער זעלבער, וועלכער האָט געזען, אַז קוקליניאָווסקי איז געווען אין שייער? גיט אים אַהער! דאָס מוז זיין אַ שותּף!

— כ'ווייס נישט, צי דערדאָזיקער זעלבער געפינט זיך נאָך דאָ — האָט זבראָזשעק געענטפערט — קוקליניאָווסקיס אַלע מענטשן זענען זיך צעלאָפן, ווי די אָקסן, וואָס זענען פון יאָך אויסגעשפּאַנט געוואָרן.

— אויב אַזוי, כאַפּט אים! — האָט מילער אין רציחה אַ געשריי געטון.

— אויב אַזוי, כאַפּט אים אַליין! — האָט זבראָזשעק מיט דער זעלבער רציחה אויסגעשריגן.

און ווידער איז אַ שרעקלעכער שטורעם געבליבן העגנען, ווי אויף אַ שפּינוועב־פאָדעם, איבער די קעפּ פון די שוועדן און פּאַליאַקן. די לעצטע האָבן זיך גענומען שטופּן צו זבראָזשעקן, מוראדיק באַוועגן מיט די וואָנסעלעך און קלאַפּן אין די שווערדן.

אינדעם האָט אַ ליאַרם, אַפּקלאַנגען פון שאָסן און טריט פון אַ פּאָר פערד אָפּגעהילכט אין דרויסן און אין שייער איז אַריינגעפאַלן אַן אָפיציר פון די שוועדישע רייטער.

— גענעראַל! — האָט ער אַ געשריי געטון — אַן אַרויס־פאַל פון קלויסטער! די בערג־אַרבעטער, וואָס ג׳אָבן די מינעס, זענען אויסגעקוילעט געוואָרן ביז איינעם! די אָפּטיילונג פון די פוסגייער איז צעטריבן געוואָרן.

— כ׳וועל משוגע ווערן! — האָט מילער אַ געשריי געטון, אָנכאַפּנדיק זיך פאַר די האָר פון פּערוק — אויף די פּערד!

אין אַ ווײַלע אַרום זענען אַלע ווי אַ וויכער געפלויגן צום קלויסטער־צוי, אַז שטיקער שניי האָבן זיך אַזש צעשאָטן ווי אַ האָגל פון אונטער די פערדישע קאָפּיטעס. סאַדאָווסקיס הונדערט רייטער, אונטער דער קאָמאַנדע פון זיין ברודער, זענען צוגע־שטאַנען צו מילערס פעזאַן און געלאָפן צו הילף. אויפן וועג האָבן זיי געזען אָפּטיילונגען פון פוסגייער, איבערגעשראָקענע, אַנטלויפנדיקע אין אומאָרדנונג און אין בהלה, אַזוי שטאַרק איז שוין געפאַלן דער מוט פון די לכל־הדעות אומפאַרגלייכלעכע שוועדישע זעלנער. מ׳האָט פאַרלאָזט אפילו די פאַרשאַנצונגען, וועלכע ס׳האָט נישט געדראָט קיין שום סכנה. אַ פאָר זענען צע־טרעטן געוואָרן דורך די פליענדיקע אָפיצירן און רייטער. צום סוף זענען זיי צוגעקומען נישט ווייט פון דער פעסטונג, אָבער נאָר דערצו, כדי אויף דער הויכקייט, וואָס מען האָט געזען ווי אויף דער האַנט, צו דערזען די אָנפאַלער, וואָס זענען בשלום אַנטלאָפן אין קלויסטער. געזאַנגען, פרייד־אויסגעשרייען און גע־לעכטערס האָבן זיך דערטראָגן פון זיי צו מילערס אויערן.

יחידים האָבן זיך אפילו אָפּגעשטעלט און אין דער זייט פון שטאָב געדראָט מיט די בלוטיקע שווערדן. די פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך געפונען בײַ דער זייט פון שוועדישן גענעראַל, האָבן דערקענט זאַמאָיסקין אַליין, וואָס האָט פערזענלעך אָנגעפירט מיטן דאָזיקן אַרויספאַל און וועלכער האָט איצט, דערזעענדיק דעם שטאָב, זיך אָפּגעשטעלט און אים ערנסט באַגריסט מיטן היטל. קיין חידוש נישט! ער האָט זיך שוין געפילט זיכער, אונטערן שוץ פון די פעסטונג־האַרמאַטן.

אויף די וואַלן האָט טאַקע גענומען רויכערן און סטאַדעס קוילן זענען מיט אַן אימהדיקן געפייף דורכגעפלויגן צווישן די

אָפּיצירן. אַ פּאָר רייטערס האָבן זיך אַ וואַקל געטון אויף די זאָטלען, און דאָס געפּייף איז פון קרעכצן באַגלייט געוואָרן.

— מיר זענען אונטער אַ פייער, צוריקציִען זיך! — האָט סאַדאָוווסקי אַ קאָמאַנדע געגעבן.

זבראָזשעק האָט אַ כאַפּ געטון די לייצעס פון מילערס פערד.

— גענעראַל, מיר ציִען זיך צוריק! דאָ איז טויט!

מילער איז געווען ווי פאַרשטאַרט, ער האָט נישט אַרויסגערעדט קיין וואָרט און געלאָזט זיך אַרויספירן פון דעם שטח, וווּ די גראַנאַטן זענען געפאַלן. צוריקקומענדיק אין זיין קוואַרטיר, האָט ער זיך אין איר פאַרמאַכט און אַ גאַנצן טאָג קיינעם נישט געוואָלט זען.

ער האָט מסתּמא געטראַכט וועגן זיין רום אַלס פּאָליאָרצעטעס.

דערווייל האָט ווזשעשטשאָוויטש גענומען אין די הענט די גאַנצע מאַכט און מיט אַן אומגעהייערער ענערגיע גענומען מאַכן הכנות צום שטורעם. מ'האָט געשאָטן נייע פאַרשאַנצונגען, די זעלנער האָבן נאָך די בערג-אַרבעטער ווייטער גענומען ברעכן דעם פעלז אויף אונטערצולייגן די מינע. אַ פיבערהאַפטע באַוועגונג האָט ווייטער אָנגעהאַלטן אין גאַנצן שוועדישן לאַגער; ס'האָט זיך געדוכטן, אַז אַ נייער גייסט האָט פאַרלעבט די באַלאַגערנדיקע, אָדער אַז עס זענען זיי צוגעקומען פרישע פאַרשטאַרקונגען.

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ ידיעה איבערן שוועדישן און פאַרבונדעטן פוילישן לאַגער, אַז די גרעבער האָבן געפונען אַן אונטערערדישן דורכגאַנג, וואָס ציט זיך אונטער דער קירך און קלויסטער און אַז עס איז בלויז פון גענעראַלס גוטן ווילן אָפּהענגיק אויפצורייסן די גאַנצע פעסטונג אין דער לופט.

אַן אומגעהייערע שמחה האָט אַרומגענומען די פון פראָסט, הונגער און אומפאַרבראָכטבאַרער אַרבעט אויסגעמאַטערטע זעלנער.

אויסגעשרייען: „מיר האָבן טשענסטאָכאָוו!... מיר וועלן

אויפרייסן דידאזיקע היבער־שטייגן!" — האבן געוואנדערט פון מויל צו מויל. מ'האט גענומען הוליען אין שיכורן.

ווזשעשטשאָוויטש איז געווען אומזיסטום, האט די זעלבער חשק צוגעגעבן, געשטארקט אין גלויבן, הונדערט מאל אין טאג איבערגעחזרט די ידיעה וועגן געפונענעם דורכגאנג, מעורר געווען צו הוליען און צו לאזן זיך ווילגיין.

אפקלאנגען פון דעדאזיקער שמחה זענען צום סוף דערגאנגען אויך צו דער פעסטונג. די ידיעה וועגן די שוין פארלייגטע און צום אויפרייסן גרייטע מינעס האט זיך מיט דער שנעלקייט פון א בליץ צעטראגן פון איין עק וואלן אין צווייטן. די מוטיקסטע אפילו האבן זיך דערשראקן. די ווייבער האבן מיט א געוויין גענומען באלאגערן דעם פריאָרס וווינונג, אויסשטרעקן צו אים די קינדער, ווען ער האט זיך אויף א ווײַלע באוויזן, און רופן:

— ברענג נישט אום אומשולדיקע נפשות!... זייער בלוט וועט פאלן אויף דיר!...

וואס א גרעסערער פחדן איינער איז געווען, מיט אלץ מער מוט האט ער איצט פארלאנגט פון קסיאָנדז קארדעצקי, אז ער זאל נישט שטעלן אין סכנה דאס הייליקע אָרט, די רעזידענץ פון הייליקסטן פרויַלין.

פאר דער שטאלצער נשמה פון יענעם העלד אין קיטל זענען געקומען שווערע און פיינלעכע מאמענטן, וואס אזעלכע האט ער ביז איצט קיינמאל נישט איבערגעלעבט. א נס, וואס די שוועדן האבן אויפגעהערט צו שטורמען, כדי די באלאגערטע צו ווייזן בחוש, אז זיי דארפן שוין נישט קיין קוילן, נישט קיין הארמאטן, אז ס'איז פאר זיי גענוג נאר איין פולווער־פעדעמל אנצוצינדן. אבער צוליב די זעלבע טעמים איז די בהלה אין קלויסטער געוואקסן. אין די שטילע נעכט האט די זייער שרעקעוודיקע זיך אויסגעדוכטן, אז זיי הערן שוין אונטער דער ערד עפעס א שארך, עפעס א באוועגונג, אז די שוועדן זענען שוין אונטערן קלויסטער. ס'האט לסוף פארלוירן דעם מוט אויך א באדייטנדיקער טייל פון די נזירים. זיי, מיטן פאטער סטרא

דאָווסקי בראש, זענען אַוועק צום פריאָר, אַז ער זאָל תּיכּף־ומיד אָנהייבן אונטערהאַנדלונגען וועגן אונטערגעבן זיך. איינער מיט זיי איז געגאַנגען די מערהייט זעלנער און אַ פּאָר שליאַכ־טשיצעס.

דאַמאָלס איז קסיאָנדז קאָרדעצקי אַרויס אויפן הויף, און ווען דער עולם האָט אים אַרומגערינגלט אין אַן ענגען עיגול, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— „האָבן מיר זיך דען נישט אַ שבועה געגעבן, אַז מיר וועלן ביזן לעצטן טראָפּן בלוט פאַרטיידיקן דאָס הייליקע הויז? איך זאָג אייך באמת, אויב דער פולוער וועט אונדז אַרויסוואַרפן, וועלן נאָר אונדזערע נעבעכדיקע קערפּערס, נאָר די צייטוויילִיקע גופים צוריק אַראָפּפאַלן אויף דער ערד, אָבער די נשמות וועלן שוין נישט צוריקקערן...

— „... דער הימל וועט זיך עפענען איבער זיי און זיי וועלן דאָרט אַריין אין חדווה, אין גליקזעליקייט, ווי אין אַ ים אָן אַ ברעג. דאָרט וועט זיי יעזוס קריסטוס מקבל־פּנים זיין און די הייליקסטע מוטער, און וועט זיי אַ קעגנגיין, און זיי וועלן ווי די גאָלדענע בינען אויף איר מאַנטל זיך זעצן און אין ליכטי־קייט זיך טובלען און אין גאָטס אָנגעזיכט קוקן...“

דאָ האָט אַן אָפּגלאַנץ פון דערדאָזיקער ליכטיקייט אויפגע־שיינט אויף זיין פּנים, די באַגייסטערטע אויגן האָט ער אין דער הייך אויפגעהויבן און ווייטער געזאָגט מיט אַ נישט ערדי־שער ערנסטקייט און רויִקייט:

— האַר, וואָס דו רעגירסט מיט וועלטן, דו קוקסט אין מיין האַרץ און ווייסט, אַז איך ליג נישט פאַרן דאָזיקן פאָלק, זאָגנדיק, אַז ווען איך וואָלט נאָר די אייגענע גליקזעליקייט באַגערט, וואָלט איך די הענט צו דיר אויסגעשטרעקט און גערופן פון דער טיפעניש פון מיין נשמה: „האַר! מאַך, אַז דערדאָזי־קער פולוער זאָל באמת זיין, אַז ער זאָל אויפרייסן, ווייל אַזאַ טויט איז מכפּר אויף אַלע זינד און עבֵרות. אַזאַ טויט איז אַן אייביקע מנוחה, און דיין דינער איז שוין זייער פאַרמאַטערט און פאַרהאָרעוועט... און ווער וואָלט דאָס נישט געוואָלט אַזאַ

שכר פּאַר אַ וויט אָן פּיין, ווי דער אויגן־בליק קורץ, ווי דער בליץ אויפן הימל פאַרביילויפנדיק, אַ טויט, נאָך וועלכן עס קומט די אומפאַרענדערלעכע אייביקייט, דאָס גליק אָן אַ ברעג, די פרייד אָן אַן עק...

אָבער דו האָסט מיך געהייסן היטן דיין הויז, און איך טאָר נישט אַוועקגיין; דו האָסט מיך אויף דער וואַך אַוועקגעשטעלט, האָסט אין מיר דיין מאַכט אַיינגעגאָסן און איך ווייס עס, האַר, און זע און פיל, אַז ווען די פיינטלעכע רשעות וואָלט אפילו אַזש ביז אונטער דערדאָזיקער קירך אָנגעשפּאַרט, ווען מען וואָלט אפילו אַלע פילוערס און פאַרוויסטנדיקע סאַפּעטערס אונטער איר אונטערגערגעלייגט, וואָלט איך געדאַרפט בלויז זיי איבערצלמען, אַז זיי אַלן נישט אויפרייסן..."

דאָ האָט ער זיך געווענדט צו די פאַרזאַמלטע און אַזוי ווייטער געזאָגט:

— גאָט האָט מיר געגעבן דידאָזיקע מאַכט, אָבער איר נעמט די שרעק פון אייערע הערצער אַראָפּ! מיין גייסט דרינגט דורך די ערד און זאָגט אייך: עס לייגן די שונאים אייערע און עס איז נישטאָ קיין פילוער אונטער דער קירך!... איר, מענטשן מיט שרעקעוודיקע הערצער אר, אין וועלכע די אימה האָט די אמונה דערשטיקט, האָט נישט זוכה געווען, אַז איר זאָלט נאָך היינט אַריין אין קעניגרייך פון גנאָד און אָפּרו — נישטאָ דער בער קיין פילוער אונטער אייערע פוס־טריט! גאָט וויל מציל זיין דאָסדאָזיקע הויז, כדי עס זאָל ווי נחס תבה זיך דערהייבן איבערן מבול פון מפּלות און פורעניות, דערפאַר זאָג איך אייך אין נאָמען פון גאָט צום דריטן מאָל: נישטאָ קיין פילוער אונטער דער קירך! און אויב איך זאָג דאָס אין גאָטס נאָמען, ווער עט זיך דערוועגן מיך אָפּצושפּאַרן. ווער וועט נאָך די העזה האָבן צו צווייפלען אין דעם?...

דאָ איז ער אַ־טשוויגן געוואָרן און געקוקט אויף די נזירים, שליאַכטשיצעס און זעלנער. אָבער אַזוי פעסט איז געווען די אמונה, זיכערקייט און קראַפט אין זיין שטים, אַז זיי האָבן אויך שטילגעשוויגן און קיינער איז נישט אַרויסגעטרעטן. אדרבא, אַ

מוט איז אַריינגעטרעטן אין די הערצער, אַז צום סוף האָט איינער פון די זעלנער. אַ פּראָסטער פּויער, זיך אָנגערופן:

— זאָל זיין געלויבט גאָטס נאָמען!... זייט דריי טעג זאָגט מען, אַז זיי קענען די פעסטונג אויפרייסן, פאַרוואָס רייסן זיי נישט אויף?

— אַ לויב דער הייליקסטער בתולה! פאַרוואָס רייסן זיי נישט אויף? — האָבן אַ צוואַנציק שטימען איבערגעחזרט.

דאָ איז אַ וווּנדערלעכער מופת געשען. מיטאַמאָל האָט זיך פון אַלע זייטן דערהערט אַ געוויש פון פליגל און גאַנצע סטאַדעס פון ווינטער-פייגל האָבן זיך באַוויזן אויפן הויף פון דער פעסטונג און אַלץ נייע סטאַדעס זענען אָנגעפלויגן פון די אַרומיקע אויסגעהונגערטע פאָלוואַרקס און באַזעצט די קאַנטן פון די דעכער, די שפּיצן, טירן און גזימסן פון דער קירך; אַנדערע האָבן זיך אין אַ פאַרשידן-קאָליריקן קראַנץ געדרייט איבערן קאָפּ פון קסיאָנדז, פלאַטערנדיק מיט די פליגעלעך, צוויטשערנדיק יאָמערלעך, ווי זיי וואָלטן אַ נדבה געבעטן, און דערביי פאַר די מענטשן גאָרנישט קיין מורא געהאַט. די בייגעוועזענע האָט דאָסדאָזיקע בילד שטאַרק געחידושט, און קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט אַ ווײַלע כּתפלל געווען און צום סוף געזאָגט:

— אָט זענען די וואַלד-פייגעלעך געקומען אַ שוץ זוכן בײַ דער געטלעכער מוטער, און איר האָט אין איר מאַכט געצווייפלט?

מוט און האָפענונג האָבן שוין אין די הערצער צוריקגעקערט, קלאַפּנדיק זיך אין דער ברוסט זענען די גזירים אַוועק אין דער קירך און די זעלנער אויף די מויערן.

די ווייבער זענען אַרויס שיטן קערנער די פייגעלעך, וועלכע האָבן גענומען זיי גיריק פּיקן.

אַלע האָבן געהאַלטן דאָס באַוויזן זיך פון דידאָזיקע קליינע וואַלד-תּושבים פאַר אַ גוטן סימן פאַר זיך, און כּפּרן שונא — פאַר אַן אָנזאָג פון שלעכטס.

— געדיכטע שנייען מוזן ליגן, אויב דידאָזיקע פייגעלעך

קוקן שוין גאַרנישט אויף די שיסעריי און האַרמאַטן־געקנאַל און קומען באַהאַלטן זיך אין בנינים — האָבן די זעלנער גע־זאָגט.

— און פאַרוואָס אַנטלויפן זיי פון די שווערדן צו אונדז?

— ווייל דאָס נידעריקסטע באַשעפעניש האָט אַזוי פיל שכל, אַז עס זעט דעם חילוק צווישן שונא און אַן אייגענעם.

— עס קען נישט זיין — האָט אַ צווייטער זעלנער זיך אָנ־גערופן — אויך אין שוועדישן לאַגער זענען דאָך פאַרהאַן פאַליאַקן, אָבער דאָס באַדייט, אַז דאָרט מוז מען שוין הונגערן און עס פעלט פאַשע פאַר פערד.

— דאָס באַדייט נאָך בעסער — זאָגט אַ דריטער — ווייל עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס, וואָס זיי דערציילן וועגן פולווער, איז שקר־וכזב.

— וואָס הייסט? — האָבן אַלע אויף אַמאָל געפרעגט.

— אַלטע מענטשן זאָגן — האָט דער זעלנער געענטפערט — אַז ווען אַ הויז האַלט באַם איינפאַלן, ציִען זיך די ש אַלבן און שפערלינגס, וואָס האָבן אין פריִלינג זייערע נעסטן אונטערן דאַך, באַלד אַוועק נאָך מיט צוויי און דריי טעג פאַר דעם; אַזאַ פאַרשטאַנד האָט יעדע בעסטיע, אַז זי ווייסט פריִער וועגן דער סכנה. איז אָט, ווען אונטערן קלויסטער וואָלט געווען פולווער, וואָלטן דידאָזיגע פייגל דאָ נישט אַהערגעפלויגן.

— איז דאָס טאַקע אמת?

— ווי אַ גאָט איז אין הימל!

— אַ לויב דער הייליקסטער בתולה! שלעכט איז, הייסט עס, מיט די שוועדן!

אין דער רגע האָט די שטים פון אַ טראָמפּייטל זיך גע־לאָזט הערן באַם דרום־מערבדיקן טויער; אַלע זענען געלאָפן קוקן, וואָס עס קומט אָן?

געווען איז דאָס אַ שוועדישער טראָמפּייטער, וועלכער האָט געבראַכט אַ בריוו פון לאַגער.

די נזירים האָבן זיך באַלד פאַרזאַמלט אין ראַט־זאַל, דער בריוו איז געווען פון ווזשעשטשאָוויטשן און ער האָט מודיע געווע,

אַז אויב די פעסטונג וועט זיך ביז מאָרגן נישט אונטערגעבן, וועט זי פליִען אין דער לופט.

אָבער די אפילו, וואָס האָבן פריִער אונטער דער לאַסט פון פחד דעם מוט פאַרלוירן, האָבן איצט נישט געגלייבט דערדאַזיקער אויפפאָדערונג.

— אַן אומזיסטע שרעק איז דאָס! — האָבן די גלחים און שליאַכטשיצעס איינגעם אויסגערופן.

— לאָמיר זיי שרייבן, אַז זיי זאָלן אויף אונדז קיין רחמנות נישט האָבן. זאָלן זיי אויפרייסן!

און מ'האָט טאַקע אין דעם זין אָפגעענטפערט.

דערווייל האָבן די זעלנער, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט באַם טראָמפּייטער, אויך געענטפערט מיט אַ געלעכטער אויף זיינע התראות:

— גוט! — האָבן זיי צו אים געזאָגט — פאַרוואָס זאָלט איר אויף אונדז חס זיין? מיר ווילן גיכער גיין אין הימל אַריין!

און דער, וואָס האָט דעם שליח איבערגעגעבן דעם בריוו מיט דער תשובה, האָט אים געזאָגט:

— פאַרלירט נישט אומזיסט קיין ווערטער און צייט!... איך אַליין פלאָגט די נויט און אונדז פעלט, אַ דאַנק גאָט, גאָרנישט. אפילו די פייגל אַנטלויפן פון איך.

אויף אַזאַ אופן האָט זיך ווזשעשטשאָוויטשס לעצטע שפיצל מיט גאָרנישט אויסגעלאָזט.

און ווען ס'איז אַריבער נאָך אַ טאָג, האָט זיך אַרויסגעוויזן בפועל, ווי אומזיסט ס'איז געווען די מורא פון די באַלאַגערטע און אין קלויסטער האָבן זיך ווידער אַלע באַרויִקט.

צומאָרגנס האָט דער איידעלער טשענסטאָכאָווער בירגער, יאַצעק בזשוכאָנסקי, ווידער אַינטערגעוואָרפן אַ בריוו מיט אַ התראה וועגן שטורעם, אָבער צוגלייך אויך וועגן יאַן קאַזשימיעזשס אַרויסמאַרשירן פון שלעזיע און וועגן אויפשטאַנד פון דער גאַנצער רעפּובליק קעגן די שוועדן. איבעריקנס, האָט דאָס לויט די ידיעות,

וואָס זענען אַרומגעגאַנגען מחוץ די מויערן, געזאָלט זיין דער לעצ־טער שטורעם.

בזשוכאַנסקי האָט איבערגעוואָרפן דעם בריוו צוזאַמען מיט אַ זאַק פיש פאַר די גלחים אויפן הייליקן אָוונט פאַר ווייַנאַכטן, און ער איז צוגעקומען צו די מויערן פאַרשטעלט פאַר אַ שוועדישן זילבער.

צום אומגליק, האָט מען אים דערקענט און געכאַפּט. מילער האָט אים געהייסן מאַטערן. אָבער דער זקן האָט בשעת די עינויים געהאַט הימלישע זעענישן און ער האָט זיך געשמייכלט, ווי אַ קינד, און אַנשטאָט יסורים האָט זיין פּנים אויסגעדריקט אַן אומבאַשרייבלעכע פרייד. דער גענעראַל אַליין איז בײַ די מאַטערנישן בייגעווען, אָבער קיין שום דערקלערונגען האָט ער פון מאַרטירער נישט אַרויסבאַקומען; ער האָט נאָר אַרויסבאַקומען די פאַרצווייפלטע איבערצייגונג, אַז די דאָזיקע מענטשן וועט קיין שום זאַך נישט בייגן, קיין שום זאַך וועט זיי נישט ברעכן, און ער איז געוואָרן איינגאַנצן אָפּהענטיק.

דערווייל איז די אַלטע בעטלערין קאָסטוכאַ אָנגעקומען מיט אַ בריוו פון קסיאָנדז קאָרדעצקי, וועלכער האָט הכנעהדיק געבעטן, אַז מען זאָל אָפּשטעלן דעם שטורעם אויף די צייט פון די תפילות אין טאָג פון ווייַנאַכטן. די וואַכן און אָפיצירן האָבן די בעטלערין מקבל־פּנים געווען מיט אַ געלעכטער און חוזק געמאַכט פון אַזאַ שליח, אָבער זי האָט זיי גלייך געענטפערט:

— קיינער האָט נישט געוואָלט גיין, ווייל איר באַגייט זיך מיט שליחים, ווי די רוצחים, און איך האָב פאַר אַ שטיקל ברויט זיך איינגעשטעלט... כ'האָב שוין נישט לאַנג צו לעבן אויף דער וועלט, דערפאַר האָב איך פאַר אייך קיין מורא נישט, און אויב איר גלייבט נישט האָט איר מיך אין דער האַנט.

אָבער מ'האָט איר קיין שלעכטס נישט געטון. נאָך מער, ווילנדיק נאָך אַמאָל פּרוּוון מיט גוטן, האָט מילער נאָכגעגעבן דעם פריאָרס באַגער; ער האָט אפילו אָנגענומען אויסקויף־געלט פאַר דעם נישט דערפייניקטן יאַצעק בזשוכאָווסקי; ער האָט אין איין וועגס אויך אָפּגעשיקט יענעם טייל זילבער, וואָס די שוועדישע

יינגלעך האָבן געפונען. דאָס לעצטע האָט ער געטאָן צולהכעיס וואַשעשטשאָוויטשן, אויף וועלכן ער האָט נאָכן דורכגעפאַלענעם שפּיצל מיט די מינעס געוואָרפן אַ בייעם אויג.

ס'איז לסוף געקומען דער הייליקער אָוונט. נאָכן באַווייזן זיך פון ערשטן שטערן האָבן ליכט און ליכטעלעך זיך אין דער גאַנצער פעסטונג צעפינקלט. די נאַכט איז געווען אַ רויִקע, אַ פראָס־טיקע, אַ לויטערע. די שוועדישע זעלנער, וועלכע זענען שטייף גע־וואָרן פון קעלט אויף די פאַרשאַנצונגען, האָבן פון אונטן געקוקט אויף די שוואַרצע מויערן פון דער אומצוטריטלעכער פעסטונג און זיי האָבן זיך דערמאָנט אין די וואַרעמע, מיט מעך פאַרשטאָפּטע סקאַנדינאַווישע כאַטעס, אין די ווייבער, קינדער, פיכטן־ביימלעך, וואָס האָבן געפלאַקערט פון די ליכטלעך, און נישט איין אייזערנע ברוסט איז איבערגעגאַנגען פון צער, עגמת־נפש, בענקעניש, יאוש און אין דער פעסטונג באַ די מיט היי באַדעקטע טישן האָבן די באַלאַגערטע זיך מכבד געווען מיט די „אָפּלאַטקעס“. שטילע פרייד האָט געשיינט אויף אַלעמענס פּנימער, ווייל יעדער האָט גע־האַט דאָס פאָרגעפיל, כמעט די זיכערקייט, אַז צו די צרות וועט באַלד קומען אַן עק.

— מאָרגן וועט נאָך זיין אַ שטורעם, אָבער דאָס איז שוין דער לעצטער — האָבן זיך די גלחים און זעלנער איבערגע־חזרט — ווען גאָט וועט דעם טויט באַשערן, זאָל ער דאַנקען, וואָס ער וועט פריִער זוכה זיין די תפלות אָפּצוּריכטן און אַזוי אַרום זיכער זיין, אַז די הימלישע טויערן וועלן פאַר אים געעפנט ווערן, ווייל ווער עס קומט אום פאַר דער אמונה אין טאָג פון ווייגאַכטן, דער מוז באַקומען אַ שכר אויף יענער וועלט.

מ'האָט זיך קעגנזייטיק בעוווּנטשן גליק, אריכת־ימים, אָדער די הימלישע קרוין און אַלעמען איז אַזוי גרינג גע־וואָרן אויף די הערצער, ווי דאָס אומגליק וואָלט שוין געווען אַרי־בער.

און געווען איז באַם פּריאָר איין ליידיקע שטול, פאַר אים איז געשטאַנען אַ טעלער, אויף וועלכן ס'האָט געבלאַנקט אַ פּעקל אָפּלאַטקעס, אַרומגעבונדן מיט אַ בלויען בענדל.

ווען אַלע האָבן זיך אָפּגעזעצט אין יענעם אָרט איז דורך קיינעם נישט פאַרנומען געוואָרן, האָט דער שווערד־טרעגער געזאָגט:

— כ'זע, הויך־ווירדיקער פּאַטער, אַז לויט אַן אַלטן מנהג איז אַן אָרט אויך פאַר פרעמדע הערן צוגעגרייט?

— נישט פאַר פרעמדע הערן איז דאָס אָרט — האָט קסיאָנדז אויגוסטין געענטפערט — נאָר פאַרן אָנדענק פון יענעם בחור, וועלכן מיר האָבן אַלע ווי אַ זון ליב געהאַט, און וועמענס נשמה קוקט איצט מיט נחת אויף אונז, וואָס מיר האָבן מיט דאַנקבאַרקייט אים אין זכרון באַהאַלטן.

— באַ גאָט — האָט דער שטראַדזער שווערד־טרעגער געזאָגט — ס'איז אים וווילער, ווי אונדז! ער האָט כּשר פאַרדינט אונדזער דאַנק!

קסיאָנדז קאָרדעצקי האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, און הער טשאַרניעצקי האָט זיך אָנגערופן:

— ווען קלענערע שרייבט מען אין די כראָניקס. אַז גאָט וועט מיך לאָזן לעבן, און עמעצער וועט מיך שפּעטער פרעגן, ווער ס'איז צווישן אונדז געווען דער זעלבער, וואָס איז אין די פאַרצייטישע העלדן געוועזן געראָטן, וועל איך זאָגן: באַביניטש.

— ער האָט נישט געהייסן באַביניטש — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט.

— וואָס הייסט, ער האָט נישט געהייסן באַביניטש?

— זייט לאַנג האָב איך געקענט זיין אמתן נאָמען, אָבער אונטערן געהיימניש פון ווידוי.. און ערשט ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען קעגן יענעם האַרמאַט, האָט ער מיר געזאָגט: „אויב כ'וועל אומקומען, זאָל מען וויסן, ווער איך בין, כּדי דער כּשר־פאַרדינטער רום זאָל בלייבן באַ מיין נאָמען און די אַלטע עבֿירות אָפּמעקן". ער איז אַוועקגעגאַנגען, אומגעקומען, און איצט קען איך אייך מגלה זיין: דאָס איז געווען קמיטשיץ!

— יענער באַרימטער ליטווישער קמיטשיץ?! — האָט הער טשאַרניעצקי, אָנכאַפּנדיק זיך פאַר דער טשופּרינע, אויסגעשריגן.

— יאָ! אַזוי טוט גאָט מיט זיין גנאָד העכער משנה זיין!

— באַ גאָט! איצט פאַרשטיי איך, פאַרוואָס ער האָט זיך אונטערגענומען דאָס אויסצופירן! איצט פאַרשטיי איך, פון וואַנען עס האָט זיך אין אים אַזאַ גבורה גענומען, אַזאַ מוט, מיט וועלכן ער האָט אַלעמען איבערגעשטיגן! קמיטשיק! קמיטשיק! יענער שרעקלעכער קמיטשיק, וועלכן גאַנץ ליטע רימט!

— אַנדערש וועט אים פון איצט אָן רימען נישט בלויז ליטע, נאָר די גאַנצע רעפּובליק.

— ער האָט דאָס אונדז דער ערשטער פאַר וושעשטשאַוויטשן געוואָרנט!

— אַ דאַנק אים האָבן מיר דאָס געניג באַצייטנס די טויערן געשלאָסן און הכנות געמאַכט!

— ער האָט דעם ערשטן שטויס פון אַ פייל־בויגן דערשאָסן.

— און וויפיל האָט ער זיי פון האַרמאַטן אומגעבראַכט! און דע פּאָסיסן ווער האָט אָוועקגעלייגט?

— און יענער האַרמאַט! אויב מיר שרעקן זיך נישט פאַרן מאָרגנדיקן שטורעם, וועמען האָבן מיר דאָס צו פאַרדאַנקען?

— זאָל־זשע יעדער מיט יראת־הכבוד דערמאָנען און לויבן ווי ער קען זיין נאָמען, כדי די גערעכטיקייט זאָל געשען — האָט קסיאָנדז קאָרדעצקי געזאָגט — און איצט: אַן אייביק מנוחה באַוויליק אים צו געבן, האר!

— און אַן אייביקע ליכטיקייט זאָל איבער אים שיינען! — האָט איין כאָר שטימען אָפּגעענטפערט.

אָבער הער טשאַרניעצקי האָט לאַנג נישט געקענט זיך באַרויקן און זיין געדאַנק האָט אַלץ זיך געווענדט צו קמיטשיצן:

— איר הערט — האָט ער געזאָגט — געווען אין אים עפּעס אַזוינס, אַז הגם ער האָט ווי אַ פּראָסטער זעלנער געדינט, איז די קאָמאַנדע אַליין גלייך אים אין די הענט אריין געקראָכן. ס'איז מיר אַזש אַ חידוש געווען, וואָס די מענטשן האָבן עפּעס

אומגערנווילליק אזא צוציק געהאָרכט... בעצם האָט אויף יענעם טורעם ער קאָמאַנדעוועט און איך אַליין האָב אים געהאָרכט. ווען איך וואָלט כאָטש געוווסט, אַז דאָס איז קמיטשיק!

— פונדעסטוועגן איז מיר קשה דאָס — האָט דער שע־ראַדזוער שווערד־טרעגער זיך אָנגערופן — וואָס די שוועדן האָבן זיך נישט געריכט מיט זיין טויט.

קסיאַנדז קאָרדעצקי האָט אַ זיפץ געטון.

— דער פולווער האָט אים געמוזט אויפן אָרט צע־רייסן!

— כ'וואָלט זיך געלאָזט די האַנט אָפּהאַקן, אַז ער זאָל לעבן! — האָט הער טשאַרניעצקי אַ געשריי געטון — אָבער אַז אַזא קמיטשיק זאָל זיך לאָזן פון פולווער צערייסן!...

— ער האָט זיין לעבן פאַר אונדזערס מקריב געווען! — האָט קסיאַנדז קאָרדעצקי געזאָגט.

— ס'איז קיין שום ספק נישט — האָט דער שווערד־טרע־גער געענטפערט — אַז ווען יענער האַרמאַט וואָלט נאָך געלעגן אויף דער פאַרשאַנצונג, וואָלט איך אַזוי פריילעך נישט געטראַכט וועגן מאָרגנדיקן טאָג.

— מאָרגן וועט אונדז גאָט געבן אַ נייעם נצחון! — האָט קסיאַנדז קאָרדעצקי געזאָגט — ווייל נחס תבה קען אין מבול נישט דערטרונקען ווערן!

אַזוי האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט אין הייליקן אָוונט און דערבאַך זענען זיי זיך פונאַנדערגעגאַנגען, די נזירים אין די קירך, די זעלנער צו די טויערן און מויערן דאָרט שטיל שטיין און וואַכן. אָבער קיין גרויסע וואַכזאַמקייט איז נישט נייטיק גע־ווען; אויך אין שוועדישן לאַגער האָט געהערשט אַ טיפע שטיל־קייט. זיי אַליין האָבן גערוט און אין רעיונות זיך פאַרזונקען, ווייל אויך פאַר זיי האָט אָנגערוקט דער פייערלעכסטער יום־טוב.

די נאַכט איז אויך געווען אַ פייערלעכע. חמרים שטערן האָבן געלויכטן אויפן הימל און געביטן זיך אויף רויזיקע און בלויע קאָלירן, די שיין פון דער לבנה האָט געפאַרבט אויף גרין

די שניי-דעקן, וואָס זענען געלעגן אויסגעשפּרייט צווישן דער פּעס-
טונג און דעם פיינטלעכן לאַגער. קיין ווינט האָט נישט געבלאָזן
און ס׳איז געווען אַזוי שטיל, ווי ס׳איז זייט דער באַלאַגערונג
נאָך אין דעם קלויסטער נישט געווען.

אין דער האַלבער נאַכט האָבן די שוועדישע זעלנער דער-
הערט די טענער פון אָרגל, וואָס זענען מילד געפלאָסן פון דער
הייך, דערנאָך האָבן מענטשלעכע שטימען זיך מיט זיי פאַרייניקט, דער-
נאָך קלאַנגען פון גלאָקן און גלעקלעך. פרייד, מוט און אַ גרוי-
סע רויִקייט איז געווען אין דידאָזיקע קלאַנגען און דאָס האָט נאָך
מער פאַרשטאַרקט די ספקות און דאָס געפיל פון אָפּהענטיקייט,
וואָס האָט פאַרקלעמט די שוועדישע הערצער.

די פּוילישע זעלנער פון אונטער זבראָזשעקס און קאַליני-
סקיס קאָמאַנדע זענען נישט פרעגנדיק וועגן אַ דערלויבעניש צו-
געגאַנגען האַרט צו די מויער. מ׳האָט זיי אינעווייניק נישט אַריינ-
געלאָזט, ווייל מ׳האָט מורא געהאַט, אז זיי זאָלן נישט אויסנוצן
די נאַכט אויף אונטערצושטעלן אַ נעץ, אָבער מ׳האָט זיי דער-
לויבט צו שטיין נאָענט בײַ די מויערן. זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט
אין אַ גרויסער עדה. אַ טייל האָבן אַנידערגעקניט אויפן שניי,
אַנדערע האָבן אומעטיק געשאָקלט מיט די קעפּ, קרעכצנדיק אי-
בערן אייגענעם גורל, אָדער געשלאָגן זיך אין דער ברוסט,
געבנדיק זיך אַ שבועה תשובה צו טון, און אַלע האָבן מיט תענוג
און מיט טרערן אין די אויגן זיך צוגעהערט צו דער מוזיק און
לידער, וואָס זענען לויט אַ פאַרצייטישן מנהג געזונגען גע-
וואָרן.

דערווייל האָבן די וועכטער אויף די מויערן, וועלכע האָבן
נישט געקענט זיין אין דער קירך, ווילנדיק זיך דעם שאָדן באַ-
לוינען, אויך גענומען זינגען און באַלד האָט איבערן גאַנצן קרייז
פון די מויערן זיך צעהילכט דאָס ניי-יאָר-ליד:

W żłobie leży,
Któż pobieży
Kolędować małemu...

צומאָרגנס האָט אַ האַרמאַטן־געקנאַל אויפגעוועקט דאָס לאַגער. אַלע אַנדערע אָפּקלאַנגען. אַלע פֿאַרשאַנצונגען זענען מיטאַמאָל מיט רויך באַדעקט געוואָרן, די ערד האָט זיך געטרייסלט אין אירע יסודות; עס זענען ווי פֿריִער געפֿלויגן אויפֿן קירך־דאַך שווערע קוילן און באָמבעס און גראַנאַטן און פֿאַקלען אין רורן איינגעפּאַסט, וועלכע האָבן געגאָסן אַ רעגן פֿון צעשמאָלצענעם בלײַ, און פֿאַקלען אָן אײַנפּאַסונג און שנײען און שמאַטעס. קיינמאָל האָט דאָס געקנאַל אַזוי לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, קיינמאָל ביז איצט האָט אַזאַ כוואַליע פֿון פֿײַער און אײַזן נישט אַראָפּגעלאָזט זיך אויפֿן קלויסטער, אָבער צווישן די שוועדישע האַרמאַטן איז נישט געווען יענער האַרמאַט, וועלכער האָט אײנער אַליין געקענט צעקײַלען די מויער און מאַכן די בײטיקע אײַנבראָכן צו דער אַטאַקע.

אגב זענען די באַלאַגערטע שוין אַזוי געווען צוגעוווינט צום פֿײַער, יעדער האָט שוין אַזוי געוווּסט וואָס ער האָט צו טון, אַז אָן אַ קאָמאַנדע איז די פֿאַרטיידיקונג געגאַנגען איר געוויינטלעכן גאַנג. אויפֿן פֿײַער האָט מען געענטפֿערט מיט פֿײַער, אויף אַ גראַנאַט מיט אַ גראַנאַט, נאָר מיט אַ בעסער, ווײַל רויִקער געצילטן.

פֿאַרנאַכט איז מילער אַרויסגעפֿאָרן בײַ די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגײענדיקער זון די רעזולטאַטן באַקוקן און זײַן בליק איז געפֿאַלן אויפֿן טורעם, וואָס האָט זיך רויִק געריסעוועט אויפֿן פֿאָן פֿון בלויען חלל.

— דערדאָזיקער קלויסטער וועט אייביק שטיין אויף זײַן אָרט! — האָט ער מיט רוגזה אויסגעשריגן.

— אמן! — האָט זבראָזשעק רויִק געענטפֿערט.

אין אָוונט האָט אין גענעראַלס קוואַרטיר זיך ווידער פֿאַרזאַמלט דער ראַט, נאָך מער באַטריבט, ווי תּמיד. מילער אַליין האָט די אסיפֿה געעפֿנט.

— דער הײַנטיקער שטורעם — האָט ער געזאָגט — האָט קיין שום רעזולטאַטן נישט געבראַכט, אונדזערע פּולווער־זאַפּאַסן לאָזן זיך אויס; אַ העלפֿט פֿון פֿולק איז אומגעקומען, די רעשט

האָט פאַרלוירן דעם חשק צו שלאָגן זיך און קוקט מער אויס אויף די מפּלה, ווי אויף אַ נצחון. קיין זאַכן האָבן מיר שוין נישט, אויף קיין פאַרשטאַרקונגען קענען מיר נישט האָפן.

— און דער קלויסטער שטייט אומבאַרירט, ווי אין ערשטן טאָג פון דער באַלאַגערונג! — האָט סאַדאָווסקי צוגעגעבן.

— וואָס בלייבט אונדז?

— שאַנד...

— איך האָב דערהאַלטן באַפעלן — האָט דער גענעראַל געזאָגט — אַז איך זאָל גיכער אַן עק מאַכן אָדער אָפּטרעטן און נישט קיין פרייסן.

— וואָס בלייבט אונדז!... — האָט פירשט העסקי נאָכאַמאָל געפרעגט.

אַלעמענס אויגן האָבן זיך געווענדט צו וורשעשטשאָוויטשן. ער ווידער האָט געזאָגט:

— צו ראַטעווען דעם כּבוד!

אַ קורץ, אָפּגעהאַקט געלעכטער, וואָס איז מער ענלעך געווען אויף אַ צייןּקריצעניש, האָט זיך גרויסגעריסן פון מויל פון גענעראַל מילער, וועלכן מ'האָט פּאָליאָצערטעס גערופן.

— הער וורשעשטשאָוויטש וויל אונדז לערנען, ווי אַזוי די טויטע לעבעדיק צו מאַכן! — האָט ער געזאָגט.

וורשעשטשאָוויטש האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט.

— דעם כּבוד געראַטעוועט האָבן נאָר די געפאַלענע! — האָט סאַדאָווסקי זיך אָנגערופן.

מילער האָט שוין גענומען פאַרלירן די קאַלטבלוטיקייט:

— און דערדאָזיקער קלויסטער שטייט נאָך דאָרט?... דידאָזיקע יאַסנאַ־גוראַ, דידאָזיקע הינער־שטייג?... און איך האָב זי נישט איינגענומען?!... און מיר טרעטן אָפּ?... איז דאָס אַ כּישוף, אַ חלום, אָדער איך רעד אויף דער וואָר?...

— דערדאָזיקער קלויסטער, דידאָזיקע יאַסנאַ־גוראַ שטייט

נאָך דאָרט — האָט פירשט העסקי וואָרט באַ וואָרט נאָכגעזאָגט — און מיר טרעטן אָפּ... צעקלאַפּטע!...

אַ ווײלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווײגן; ס'האָט זיך גע-דוכטן, אַז דעם פירער און זײנע אונטערגעוואָרפענע פאַרשאַפט עפּעס אַ ווילדע הנאה דאָס אויפפרישן אין זכרון די אייגענע בזיונות און חרפות.

אינדעם האָט וזשעשטשאָוויטש גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט גלאַט און דײטלעך:

— נישט אײנמאָל האָט גיטראָפן — האָט ער געזאָגט — אין אַלע מלחמות, אַז אַ באַלאַגערטע פעסטונג האָט זיך אויסגע-קויפט באַ די באַלאַגערער, און דאַמאָלס זײַנען די לעצטע אַוועק ווי די זיגער, ווייל ווער עס גיט אויסקויף-געלט, דער איז דורך דעם אַליין מודה, אַז ער איז באַזיגט.

די אָפיצירן, וועלכע האָבן תחילת מיט פאַראַכטונג און ביטול געהערט וזשעשטשאָוויטשס ווערטער, האָבן איצט גענומען אויפמערקזאַמער זיך צוהערן.

— זאָל דערדאָזיקער קלויסטער אונדז געבן עפּעס אַן אויסקויף-געלט — האָט וזשעשטשאָוויטש ווייטער געזאָגט — דאַ-מאָלס וועט קיינער נישט זאָגן, אַז מיר האָבן אים נישט געקענט איינגעמען, נאָר, אַז מיר האָבן נישט געוואָלט.

— צי וועלן זיי אָבער מסכים זיין? — האָט פירשט העס-קי געפרעגט.

— איך לייג איין מיין קאָפּ — האָט ווייהאַרד געענט-פערט — און נאָך מער; מיין זעלנערישן כבוד!

— דאָס קען געמאָלט זיין! — האָט סאַדאָווסקי מיטאַמאָל געזאָגט — מיר האָבן שוין גענוג די באַלאַגערונג, אָבער אויך זיי האָבן זי שוין גענוג. וואָס זאָגט איר דערצו, הער גענע-ראַל?

מילער האָט זיך געווענדט צו וזשעשטשאָוויטשן.

— נישט איין שווערן מאָמענט, אַ שווערערן ווי ווען עס איז אין מיין לעבן, האָב איך צוליב אייערע עצות איבערגעלעבט,

הער גראַף, אָבער פאַר דערדאָזיקער לעצטער עצה דאַנק איך אייך און וועל תמיד אייך דאַנקבאַר זיין.

אַלעמענס ברוסטן האָבן לייכטער אָפּגעאָטעמט. ס'האָט שוין באמת וועגן קיין שום אַנדערער זאַך זיך נישט געקענט האַנדלען, ווי וועגן צוריקציען זיך מיט כבוד.

צומאָרגנס, אין טאָג פון הייליקן שטשעפּאַן, האָבן זיך אַלע אָפיצירן פאַרזאַמלט אויסצוהערן קסיאַנדז קאָרדעצקיס תשובה אויף מילערס בריוו, וועלכער האָט כולל געווען דעם פאָרשלאָג וועגן אויסקויף-געלט און איז נאָך אין דער פרי אַרויסגעשיקט געוואָרן.

ס'איז אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן. מילער האָט אָנגעשטעלט אַ פרייליכע מינע, אָבער אויף זיין פנים איז קענטיק געווען, אַז זי איז געמאַכט. קיינער פון די אָפיצירן האָט נישט געענטפערט אייננזיצן אויף אַן אָרט. אַלעמענס הערצער האָבן אומרויִק געקלאַפּט.

פירשט העסקי און סאַדאָווסקי זענען געשטאַנען באַם פענסטער, שמועסנדיק אין דער שטיל.

— ווי מיינט איר? זיי וועלן מסכים זיין? — האָט דער ערשטער געפרעגט.

— דער שכל איז מחייב, אַז זיי זאָלן מסכים זיין. ווער וואָלט דאָס נישט וועלן פּטור ווערן פון אַזאַ לכל-הדעות שרעקלעכער סכנה פאַר אַ פּרייז פון אַ פאָר טויזנט טאָלער, בפרט, אַז די נזירים האָבן דאָך נישט קיין וועלטלעכע אַמביציעס און זעלבערישן כבוד, על-כל-פּנים דאַרפן זיי עס האָבן. כ'האָב נאָר מורא, צי דער גענעראַל האָט נישט צופיל פאַרלאַנגט.

— וויפיל האָט ער פאַרלאַנגט?

— פערציק טויזנט טאָלער פון די נזירים און צוואַנציק פון דער שליאַכטע. נו! אָבער אין ערגסטן פאַל וועלן זיי זיך וועלן דינגען.

— לאָמיר אָפּטרעטן, באַ גאָט, לאָמיר אָפּטרעטן! ווען איך וואָלט געוווּסט, אַז זיי האָבן נישט קיין געלט, וואָלט איך זיי באַדאַ־

מײַן געלט געבאָרגט, אַבי זײ זאָלן כאַטש מיט אַ שײַן פֿון כּבֿוד אונדז לאָזן אַװעקגײן.

— און איך װעל אײַך זאָגן, אַז הגם איך אָנערקען דאָס מאָל װזשעשטשאָװיטשס עצה פֿאַר אַ גוטע און גלײב, אַז זײ װעלן זיך אויסקויפֿן, װאַרפֿט עס מיך אַזױ אין דער היץ, אַז איך װאָלט בעסער װעלן צען שטורמען, אײדער דאָסדאָזיקע אויסקױ־קעניש.

— אוף! איר זענט גערעכט. אָבער דערדאָזיקער װזשעש־טשאָװיטש... קען אָנשפּאַרן זײער הויך...

— אפֿילו ביז צו דער תּליה.

די שכּנעסנדיקע האָבן נישט געטראָפֿן. װאָרים אויפֿן גראַף װײַהאַרד װזשעשטשאָװיטש האָט געװאַרט אַן ערגערער גורל אפֿילו פֿון דער תּליה.

אָבער דערװײַל האָט אַ געקנאַל פֿון אַ שיסערײ זײ איבער־געהאַקט דעם װײַטערדיקן שמועס.

— װאָס איז דאָס? אַ שיסערײ פֿון דער פֿעסטונג?! — האָט מילער אַ געשרײ געטון.

און אויפֿשפּרינגענדיק װי אַ מטורף, איז ער אַרויסגעלאָפֿן פֿון דער שטוב.

עס זענען נאָך אים אויך אַלע איבעריקע אַרויסגעלאָפֿן און גענומען זיך אײַנהערן. אַן אָפּהילך פֿון רעגולערע זאַלפֿן האָט זיך באמת דערטראָגן פֿון דער פֿעסטונג.

— באַ גאָט! װאָס קען דאָס באַדײַטן?... זײ שלאָגן זיך דאָרט אינעװײניק, אָדער װאָס?! — האָט מילער אויסגערופֿן — כּ׳פֿאַרשטײ נישט!

— איך װעל דאָס אײַך מסבּיר זײַן — האָט זבראָזשעק זיך אָנגערופֿן — הײַנט איז דער הײליקער שטשעפּאַן, דער נאָ־מען־טאָג פֿון די הערן זאַמאָיסקיס, פֿאָטער און זון, לכּבֿוד זײ שיסן זײ דאָס.

דאָ האָבן זיך אויך װיװאַט־אויסגעשרײען דערטראָגן פֿון דער פֿעסטונג און באַלד דערויף נײַע זאַלפֿן.

— זיי האָבן געגוג פּילווער — האָט מילער טריב געזאָגט — דאָס איז פאַר אונדז אַ נייע התראה.

אָבער דער גורל האָט אים נישט פאַרשפּאָרט נאָך אַ צווייטע, פיל פיינלעכערע התראה. די שוועדישע זעלנער האָבן שוין אַזוי געהאַט פאַרלוירן דעם חשק און דעם מוט, אַז אויפן אָפּהילך פון דער שיסעריי אין דער פעסטונג האָבן די אָפּטיילונגען, וואָס האָבן געהיטן די נאָנטסטע פאַרשאַנצונגען, זיי פאַרלאָזט אין אַ בהלה.

מילער האָט געזען אַ גאַנצן רעגימענט פון די אויסגעצייכנטע סמאַלאַנדישע שיסער, וועלכער האָט אין אַ מהומה זיך באַהאַלטן אַזש בײַ זיין קוואַרטיר; ער האָט אויך געהערט, ווי די אָפיצירן האָבן, זעענדיק דאָס, צווישן זיך איבערגעחזרט:

— צייט, צייט, צייט אָפּצוטרעטן!

אָבער ביסלעכווייז האָט זיך אַלץ באַרויִקט — נאָר אַ דערדריקנדיקער רושם איז געבליבן. דער פירער און נאָך אים די אָפיצירן זענען ווידער אַריין אין שטוב און געוואַרט, אַ מגעדולדיק געוואַרט: אַפילו וושעשטשאָוויטשס אַזש ביז איצט אומבאַוועגלעכע פּנים האָט אויסגעדריקט אומרויִקייט.

צום סוף האָט אַ געקלאַנג פון שפּאָרנס זיך דערהערט אין פעדערהויז און ס'איז אַריין דער טראָמפּייטער, איינגאַנצן אַ פאַררויטלטער פון פראָסט, די וואָנסעס באַדעקט מיט אַ געפרוירענעם הויך.

— אַ תשובה פון קלויסטער! — האָט ער געזאָגט, אָפּגעבנדיק אַ שפּאַר פּעקל איינגעוויקלט אין אַ קאָלירט טיכל, צוגעבונדן מיט אַ שנירל.

מילערן האָבן אַ ביסל געציטערט די הענט און ער האָט אַ בעסער געוואָלט דאָס שנירל דורכהאַקן מיט דער שווערד, אייידער עס לאַנגזאַם אויפבינדן. אַ צוואַנציק פּאָר אויגן זענען אומבאַוועגלעך געווען איינגעגראָבן אין פּעקל, די אָפיצירן האָבן דעם אָטעם פאַרהאַלטן.

דער גענעראַל האָט אויפגעוויקלט דאָס טיכל איינמאָל, אַ צווייט מאָל, אַ דריט מאָל, און ער האָט אויפגעוויקלט וואָס

אמאָל גיכער, ביז עס איז צום סוף אַרויסגעכאַלן אויפן טיש אַ פּעקל אַפּלאַטקעס.

דאַמאָ ס איז ער בלאַס געוואָרן און הגם מ'האָט קיינעם נישט געדאַרפט ערשט פּאַרטייטשן, וואָס עס האָט זיך געפונען אין טיכל, האָט ער געזאָגט:

— אַפּלאַטקעס!...

— מער גאָרנישט? — האָט עמעצער פון עולם געפרעגט.

— מער גאָרנישט! — האָט דער גענעראַל ווי אַ ווידער-קול געענטפערט.

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן, וועלכעס איז איבערגעריסן געוואָרן נאָר דורך אַ הויכן אָטעמצן, צייטנווייז האָט זיך אויך דערהערט אַ קריצעניש מיט די ציין, צייטנווייז אַ קלאַפּן מיט דער שווערד.

— הער וזשעשטשאָוויטש! — האָט מילער צום סוף גע-זאָגט מיט אַ שרעקלעכער און אימהדיקער שטים.

— ער איז שוין נישטאָ? — האָט איינער פון די אָפיצירן געענטפערט.

און עס האָט ווידער אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

דערפאַר אָבער האָט באַנאַכט זיך שטאַרק גערודערט אין גאַנצן לאַגער. קוים איז דאָס טאָג-ליכט פאַרלאָשן געוואָרן, האָט מען דערהערט קאָמאַנדע-שטימען, אַ לויפעניש פון באַדייטנדיקע רייטער-אָפּטיילונגע, אַן אָפּקלאַנג פון די רעגולערע טריט פון די פוס-גייער, אַ הירזשעריי פון פערד, אַ סקריפּעניש פון וועגנס, אַ הוילער געפּילדער פון האַרמאַטן, אַ קריצעניש פון אייזן, אַ געקלימפּער פון קייטן, אַ גערויש, אַ ליאַרם און אַ קאַכע-ניש.

— צי נישט אַמאָל אַ נייער שטורם אויף מאָרגן? — האָבן די וועכטער בײַ די טויערן געזאָגט.

אָבער זיי האָבן גאָרנישט נישט געקענט זען, ווײַל פון תחילת אָוונט האָט דער הימל זיך באַצויגן מיט כמאַרעס און ס'האָט גענומען פאַלן אַ געדיכטער שניי.

זייגע געדיכטע פלאַכטעס האָבן פאַרשטעלט די וועלט. אַרום

פינף באַנאַכט זענען אַלע אָפּקלאַנגען אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער דער שניי איז געפאַלן וואָס אַמאָל געדיכטער. אויף די מיערן און טורעמס האָבן זיך געבילדעט בייע מויערן, בייע טורעמס. דער שניי האָט באַדעקט דעם גאַנצן קלויסטער און די גאַנצע קירך, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלן באַהאַלטן פאַרן אויג פון די אַנפאַלן, פאַרהילן און באַשיצן פאַר די פייערדיקע קוילן.

צום סוף האָט געגומען שאַריען און אַ גלאָק האָט שוין גערופן צו דער פרימאָרגן-תּפילה, ווען די זעלנער, וואָס היטן באַם דרומדיקן טויער, האָבן דערהערט דאָס כראָפּן פון אַ פערד.

פאַרן טויער איז געשטאַנען אַ פויער, אַזוי גרויס ווי ער איז פאַרשאָטן מיט שניי; הינטער אים אויפן אַריינפאָר-וועג האָט מען געזען אַ נידעריקן, קליינעם הילצערנעם שליטן, איינגעשפאַנט אין אַ מאָגערע און אויסגעקראָכענע שקאַפע.

דער פויער האָט גענומען זיך קלאַפּן אין די הענט, אַריבערטרעטן פון איין פוס אויפן צווייטן און רופן:

— מענטשן, עפנט דאָרט!

— ווער איז דאָס? — האָט מען פון די מויערן געפרעגט.

— אַן אייגענער, פון דזבאָוו!... איך האָב די גנעדיקע הערן געבראַכט חיות-פלייש.

— און ווי אַזוי האָבן דיך די שוועדן דורכגעלאָזט?

— וועלכע שוועדן?

— וואָס באַלאַגערן די קירך.

— אַהאַ, נישטאָ שוין קיין שוועדן!

— געלויבט איז גאָט! זיי זענען אַוועקגעגאַנגען?

— עס זענען שוין נאָך זיי אפילו די שפורן פאַרשאָטן געוואָרן!

אין דעם האָבן גאַנצע מחנות פויערן זיך באַוויזן אויפן וועג; אַ טייל האָט געריטן, אַ טייל איז געגאַנגען צופוס; עס זענען געווען אויך ווייבער, און אַלע האָבן פונדערווייטנס שוין גענומען רופן:

— נישטאָ קיין שוועדן! נישטאָ!

— זיי זענען אַוועק קיין וויעלון!

— עפנט דאָרט די טויערן! ס'איז שוין קיין לעבעדיקער נפש נישטאָ אין לאַגער!

— די שווערן זענען אַוועק! די שווערן זענען אַוועק! — האָט מען גענומען שרייען אויף די מויערן און די ידיעה האָט זיך בליץ־שנעל צעטראָגן אויף אַלע זייטן.

די זעלנער זענען צוגעלאָפן צו די גלאָקן און באַלד האָבן זיי זיך אַלע צעקלונגען, ווי אויף אַן אַליאַרם ווער ס'האָט גע־האַט אַ האַנט און אַ פוס איז אַרויס פון די שטיבלעך, דירות, פון דער קירך.

די בשורה האָט כסדר זיך פונאַנדערגעטראָגן. דער הויף איז געוואָרן פול געפּאַקט מיט נזירים, שליאַכטע, חייל, ווייבער און קינדער. פרייד־אויסגעשרייען האָבן געהילכט אויף אַלע זייטן. אַ טייל זענען אַרויף אויף די מויערן באַקוקן דעם ליידיקן לאַגער; אַנדערע האָבן אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, אָדער מיט אַ כלי־פּעריי.

מאַנכע האָבן נאָך נישט געוואָלט גלייבן; אָבער עס זענען אָנגעקומען אַלץ נייע מחנות סיי פון פויערן און סיי פון בירגער.

מען איז געקומען פון דער שטאָט טשענסטאָכאָוו און פון די אַרומיקע דערפלעך און פון די גאַנצע וועלדער, טומלדיק, פריילעך און מיט געזאַנג. אַלץ נייע ידיעות האָבן זיך געקרייצט; יעדער האָט געזען, די אַוועקגייענדיקע שווערן און דערציילט, וווהין זיי זענען אַוועקגעגאַנגען.

מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער איז געווען פול מיט מענטשן אויפן אַראָפּגאַנג און אונטן באַם באַרג. די טויערן פון קלויסטער האָבן זיך ברייט אויפגעמאַכט, ווי זיי זענען תמיד פאַר דער מלחמה אָפן געווען; נאָר אַלע גלאָקן האָבן געקלונגען, געקלונגען, געקלונגען... און דידאָזיקע נצחון־קלאַנגען זענען געפלויגן ווייט און עס האָט זיי געהערט די גאַנצע רעפּובליק.

דער שנײ האָט כסדר פאַרשאָטן די שפּורן פון די שווערן.

* *

*

מיטאָג-צייט פון יענעם טאָג איז די קירך געווען אַזוי אָנגעפּאַקט, אַז פּונקט ווי אויף די געפלאַסטערטע גאַסן פון דער שטאָט ליגט איין שטיין לעבן צווייטן, אַזוי איז אויך דאָרט איין קאָפּ געווען לעבן צווייטן. קסיאַנדז קאָרדעצקי אַליין האָט אָפּגעריכט די דאַנק תּפילה, און די מענטשלעכע מאַסן האָט זיך געדוכטן, אַז אַ ווייסער מלאך ריכט זיי אָפּ. און ס'האָט זיך אויך געדוכטן, אַז ער זינגט די נשמה אַרויס אין דערדאָזיקער תּפילה, אָדער אַז ער גייט אויף מיטן ווייַרויך אינדערהייך און ווערט צעפלאָסן צום רום פון גאָט.

דאָס געקנאַל פון די האַרמאַטן האָט שוין נישט אויפגעטרייסלט די מויערן און אויך נישט די שויבן אין די פענסטער, עס האָט נישט פאַרשאָטן מיט שטויב דאָס פאָלק, נישט מפסיק געווען די תּפילות, און אויך נישט דאָסדאָזיקע דאַנק-ליד, וועלכעס עס האָט באַ אַן אַלגעמיינער התּלהבות און געוויין דער ערשטער אָנגעהויבן זינגען דער הייליקער פּריאָר:

„Te Deum Laudamus!“

סוף פון דריטן טייל